This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

10

1977

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

אָקטיאַבער

1977

אינהאלט

נייע פראָזע־ווערק אף היינטצייטיקע טעמעס

מוישע אלטמאן. טייערע קינדער, איך ווינטש אייך... 4
כאים מעלאמוד. דער דריטער דאָר 6
מאָזי קאָבריאנסקי. זיי געזונט, מאמע! 16
עלישעווע קאנצעדיק. דער טעלעטייפּ 25
יעכיעל פאליקמאן. די שטילסטע 27
באָריס מאָגילנער. אן עקזאמען 40
טעוויע גען. אן אלטע ליבע 43
כאסקל טאבאטשניקאָוו. די וועבערן 65
העשל ראבינקאָוו. איבערגעלאָזט אן אָנדענק 80
בוזי מילער. אייז־צעפּלעך אנטקעגן דער זון 84
יעכיעל שרייבמאן. אן אור־אורייניקל 90
דאָרע כייקינע. די טרוימערן 96
בראָכע און ארן בורשטיין. שפּייז פאר א גאָלדן פישעלע 107
שירע גאָרשמאן. דער האפן איז פריי 113
רוון פוסטילניקאָוו. מאזלטאָוו אייך, מיינע ליבע קינדער 116
יויסעף בורג. די קארדיאָגראמע פון א ווארעם הארץ . 120
שמועל גאָרדאָן. דאָס וידערקאָל 125
מאָטל טאלאלאיעווסקי. איך וועלווארטן, ווארטן . 133
אלעקסאנדער ליזען. א נאכט אָן רו 136
בער האלפּערן. אזא ליבע 141
הערשל פּאָליאנקער. שא, ריבטשינסקי פּאָרט... . . 147
רעפאָעל גאָלדענבערג. א פּראָסטער ארבעטער . . 155
אונדזער פּאָטאָ־אינפּאָרמאציע. דער באלוינטער מיטן לענין־אָרדען קאָלווירט „פּעלקער־פריינטשאפט" 156
יאשע רוביאן. א וויזגרישנע בילעט 158
געדאליע קאָסאָי. אין יאָרן ארום 159
אוראָם גאָנטאר. שוועסטער 163
נאָטע לוריע. אן אקטועלע טעמע 175

ארן ווערגעליס. אזוי לעבן מיר, און אונדזער לעבן איז אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע ווערק 179
אונדזער פּאָטאָ־אינפּאָרמאציע. אן ארבעטסטאָג אין ביראָבידזשאן 188
דער יידישער סאָוועטישער בוך געפינט זיינע לייענער . . . 190
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור 191
פאר די, וואָס לערנען יידיש 192
כראָניק 187, 190
רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) . I

אילוסטראציעס צו די דערציילונגען האָבן געשאפן די קינסטלער ג. קראווצאָוו, אי. מאסטבאום, נ. קאפּראנאָווא.

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער, א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי, נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פריי.

פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר י. שוסטער

אין קומענדיקן כודעש — דעם 7־טן

נאָיאבער — וועט די גאנצע פּראָגרעסיווע מענטשהײַט

אָפּמערקן דעם זעכציקיאָריקן יובילײ פון דער

גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

פאַר דער ליטעראטור איז ניטאָ קײן מער ווירדיקער

אויפן צו פּײַערן אָט די גרויסע דאטע, ווי שילדערן

אין קינסטלערישע געשטאלטן דאָס א י צ ט י ק ע

לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן, שאפן ווערק וועגן

דער הײַנטצײַטיקײַט.

האַבנדיק דאָס אין זינען, האָט די רעדאקציע פון

„סאָוועטיש היימלאנד” באשטימט אויסטײלן א גאנצן

נומער פונעם זשורנאל פאַר נײַע פּראָזע־ווערק אף

הײַנטצײַטיקע טעמעס. די סאָוועטישע יידישע

שרײַבער האָבן ווירדיק געענטפערט אפן רוף

פון דער רעדאקציע.

דער הײַנטיקער נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד”

דאַרף באטראכט ווערן ווי א קאָלעקטיווע מאַטאַנע,

וואָס דער שעפערישער קאָלעקטיוו יידישע סאָוועטישע

שרײַבער טראָגט אונטער דעם זעכציקסטן אָקטיאבער.

מוישע אַלטמאַן

• טײַערע קינדער, איך ווינטש אײַך... •

אין מײַן נאָטיץ וועגן דער באגעגעניש פון יידישע שרײַבער מיט זייערע לייענער אין טשערנאָוויץ — „סאָוועטיש היימלאַנד" נומער דרײַ פארן לויפנדיקן יאָר — האָט געזאָלט קומען א מאָמענט, וואָס איך האָב אליין אויסגעשטראָכן באם איבערשרײַבן צום אָפּשיקן אין רעדאקציע. פאַרוואָס? ווײַל ווי מיר האָט זיך געדאכט, קאָן מען עס באטראכטן ווי בארימערײַ. איז אָבער מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער צוגעקומען עפּעס, וואָס פארלאנגט פארצייכנט צו ווערן און איז ארויסגערופן אָדער האָט זיך איבערגערופן מיט יענעם מאָמענט. מע טאָר דאָס ניט פארבײַגיין, עס גייט דאָ די רייד ניט פון סטאם פערזענלעכן, נאָר וועגן דער יידישער ליטעראטור אָדער, פּינקטלעכער, וועגן יידישן שרײַבער. דער ערשטער מאָמענט, דאכט זיך, א קלייניקײַט. און דאָך...

צוליב מײַן שלעכטן געזונט־צושטאנד האָט מען מיר אפן אָוונט געגעבן דאָס וואָרט איינעם פון די ערשטע, קעדיי איך זאָל קאָנען גיין אהיים באצײַטנס און ניט זיצן ביזן שלוס פונעם אָוונט. האָב איך איבערגעלייענט מײַנס און זיך געזעגנט מיט די קאָלעגן און מיטן אוילעם, און זיך געלאָזט, באגלייט פון מײַן טאָכטער, גיין אהיים.

אין קאָרידאָר האָב איך אָנגעטאָן מײַן מאנטל און שוין געוואָלט זיך לאָזן אין וועג, ערשט עס קומען צו עטלעכע גאָר יונגע כעווערעלײַט, מע רינגלט מיך ארום, זיך אנטשולדיקט און, דערלאנגענדיק זייערע אײַנלאדונגס־בילעטן געבעטן:

— אן אויטאָגראף!

ניט געווען קיין ברייררע. איך האָב בא יעדן אפן אײַנלאדונגס־בילעט זיך געכאסמעט. כעווערע האָט זייער געדאנקט, זיך פארנייגט און צוריק ארײַן אין זאל.

אין מײַן נאָטיץ פארן זשורנאל האָב איך דעם מאָמענט אויסגעשטראָכן, ווי פריער געזאָגט, ווײַל מע קאָן מיך כוישעד זײַן, אז כ'האָב עס אויסגעטראכט, ס'איז בארימערײַ.

גייט אוועק אקעגן א וואָך, און איך האָב א סורפּריז, וואָס שטײַגט ווײַט אריבער יענעם מאָמענט, מע מוז אזעלכס פארצייכענען.

אינדערפרי. איך בין אליין אין שטוב. מײַן טאָכטער — אף דער ארבעט אין אוניווערסיטעט. איר מאן — אין שפּיטאָל פאר קריגס־אינוואלידן. זײַנע קראנקײַטן, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט, ווען ער איז געלעגן א פארוווּנדעטער הינטער סמאָלענסק, האָבן זיך געלאָזט דערמאָנען. איך קוק ארײַן אין א בוך.

פלוצעם — א קלונג. ווער קאָן עס זײַן? איך גיי און עפן די טיר און קוק פארוווּנדערט.

דרײַ גאָר יונגע מענטשן, איינער א גרעסערער פון די אנדערע, צוויי יינגלעך און א מיידל.

עס קומט מיר אין קאָפּ א געדאנק: מעגלעך, אז דאָס זײַנען מײַן טאָכטערס סטודענטן. איך פרעג זיי (אף רוסיש, נאטירלעך), צי זיי זײַנען געקומען צו אידע מאָיסייעוונען. לאכט דאָס מיידעלע און ענטפערט:

— צו אײַך זײַנען מיר געקומען!

איך לאד זיי אײַן אין שטוב ארײַן, בעט זיי זיך אוועקזעצן און קוק אף זיי ווארטנדיק. ווידער דאָס מיידעלע:

— מיר זײַנען געקומען צו אײַך צוליב אן אינטערוויו.

איך גלייב, אז עס איז ניט נייטיק צו פארטײַטשן דעם לייענער מײַן פארוווּנדערט זײַן. די דרײַ זייער יונגע כעווערעלײַט, און אן אינטערוויו! און דאָ דערזע איך, דער גרעסערער באָכער נעמט ארויס פון הינטער דער פּאָלע פון זײַן רעקל א קליין־קײַלעכדיקן פאָטאָ־אפּאַראט, און איינס און צוויי, איך בין שוין פאָטאָגראפירט!

— נו, גוט. פרעגט, וואָס איר האָט צו פרעגן.

ווידער פירט דאָס רעדל זי, די יונגע אינטערוויוערש:

— איר זײַנט דער ייִדישער שרײַבער מוישע אַלטמאַן?

— יאָ, איך בין עס.

— מיר אַליין, צום באַדויערן, קאָנען ניט לייענען און שרײַבן אַף ייִדיש. אָבער אונדזערע עלטערן לייענען און שרײַבן. מיר, — זי ווײַזט אַף זיך און אירע צוויי באַגלייטער, — מיר וווינען אין איין הויז, די עלטערן זײַנען צווישן זיך זייער באַפרײַנדעט, זיי קומען זיך צונויף, און מיר הערן, ווי זיי ריידן פון אײַך. זיי קענען אײַך פערזענלעך. האָט עס אונדז פאַרינטערעסירט. א ייִדישער פיסאַטעל... מיר לייענען שאָלעם־אַליי כעמען, אויך די אַף רוסיש איבערזעצטע ווערק פון די הײַנטצײַטיקע שרײַבער. האָבן מיר באַשלאָסן גיין צו אײַך, האָבן א שמועס, אָן אינטערוויו.

איך פרעג זי: וואָס אינטערעסירט אײַך? פרעגט, זשענירט אײַך ניט.

שטעלט זי מיר פראַגן. קוידעמקאָל, ווילן זיי וויסן, וואָס פאַרא שפּראַכן איך באַהערש, זיי האָבן געהערט פון די עלטערע, אַז איך קען מערערע שפּראַכן. איך ענטפער:

— אין באַהערשן שפּראַכן זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע מאַדרייגעס. די גרעסטע איז די, וועלכע באַהערשט דעם מענטשן. דאָס איז זײַן מוטער־שפּראַך, זײַן ראַדנאָי יאַזיק, און אַנדערע שפּראַכן זײַנען געהילף־שפּראַכן. זיי העלפן מענטשן זיך צו פאַרשטיין, כאָטש זיי קערן צו פאַרשיידענע פעלקער. רוסיש, צום בײַשפּיל, איז פאַר מיר געוואָרן נאָך איין ראַדנאָי יאַזיק. האָב איך צוויי — ייִדיש און רוסיש. און דאָך איז ייִדיש מײַן שאַפנדיקע שפּראַך. און די אַנדערע שפּראַכן, וועלכע איך קען, זײַנען געהילף־שפּראַכן. זיי גיבן מיר זייער פּיל. אַדאַנק זיי שמועס איך זיך דורך מיט מענטשן פון אַנדערע פעלקער, זיי ווערן מיר נאָענט. און איך האַלט, אַז עס איז נוצלעך צו קענען אויך אייניקע פרעמד־שפּראַכן. נאָר ניט מיסברויכן מיט זיי. ניט פאַרלאָזן צוליב זיי די מוטער־שפּראַך.

זי פרעגט מיך:

— וואָס לייענט איר אַצינד?

כ׳האָב גראָד געהאַט פאַר זיך אַפן טיש א נומער „סאָוועטיש היימלאַנד״. איך הייב אים אויף און ווײַז. און פּלוצעם — טשיק... דער פאָטאָ־אַפּאַראַט... דער טאָוול פונעם זשורנאַל און איך מיט אים אַראָפּגעכאַפּט.

איך וואַרט אַף נאָך פראַגעס, זיי קומען אָבער ניט. און דאָ ווענדט זיך צו מיר דער גרעסערער:

— איך וויל אײַך עפּעס בעטן. שרײַבט אונדז עפּעס אָן. זאָל עס זײַן באַ אונדז אָן אָנדענק וועגן דעם אינטערוויו.

ער דערלאַנגט מיר א פײַן בייגעלע פּאַפּיר.

איך שרײַב אָן:

— טײַערע קינדער! איך ווינטש אײַך א גליקלעך לעבן אין א וועלט פון שאָלעם.

איך לייען עס דורך אַף א קאָל, און דער יאַט, וואָס איז גרעסער פון די אַנדערע, וויל וויסן נאָך איין זאַך:

— נו, און זיך וואָס ווינטשט איר? וואָס ווינטשט איר די ייִדישע שרײַבער?

דאָס איז שוין גאָר־גאָר ניט קיין פּאַשעטע פראַגע. איך טראַכט א ווײַלע און ענטפער:

— זיך און מײַנע קאָלעגן־שריפטשטעלער ווינטש איך, אַז דאָס, וואָס מיר שרײַבן, זאָל זײַן וועגן אײַך און צוליב אײַך, ווײַל אין אײַער איצטיקן דאָר זוכן מיר דעם העמשעך.

און געכאַסמעט.

זיי האָבן באַדאַנקט און זיך אָפּגעזעגנט. דערמיט האָט זיך געענדיקט דער אינטערוויו. ווער זיי זײַנען, ווער עס זײַנען זייערע עלטערן, וועלכע קענען מיך — כ׳האָב ניט געפרעגט, זיי האָבן ניט געזאָגט.

אַזוי ווי איך ווייס ניט, אַזוי זאָל מיר ניט שאַטן.

כאַים מעלאַמוד

• דער דריטער דאָר •

געשיכטע וועגן אן אלטן אקאציע־בוים און וועגן עטלעכע יונגע ווײַנשלביימער, כאָטש די ביימער זײַנען דאָ א בײַזאך און ניט אין זיי גייט עס. נאָר אויב דערציילן אלץ פון אָנהייב... איז ווידער דאָס זעלבע, ווי וואסילי לוקיטש זאָגט: יעדע זאך האָט זײַן אָנהייב און זײַן סאָף. זאָגט אָבער שאָלעם, אז מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווו איז דער אָנהייב און ווו איז דער סאָף. ווײַל דאָס לעבן, זאָגט ער, די גאנצע וועלט ביכלאל ווייסט ניט פון קיין שאבלאָנען. נאָר דאָס, זאָגט לוקיטש, איז שוין ריינע פילאָסאָפיע.

ארומגערינגלט פון אלע זײַטן מיט יונגע פילשטאָקיקע מויערן, וואָס האָבן פארשטעלט מיט זיך דעם מיזרעך מיטן מײַרעוו, ווי אויך אלע איבעריקע זײַטן פון דער וועלט, שטייען שטארק פארשאָטנט עטלעכע אלטע הילצערנע הײַזער. די פארב פון די ווענט איז היפש אָפּגעקראָכן, דאָס בלעך אַף די דעכער — פארזשאווערט און איבערגעברענט. קעגן די הויכע טוירעמס זעען זיי אויס, ווי גאָר ניט קיין הײַזער, נאָר ווי נידעריקע קעלערס מיט קאָסע דעכער, באדעקטע מיט ערד. אפילע דאָס צווייגאָרנדיקע הויז, מיטן שפּיציקן דאך, מיט עטלעכע דרויסנדיקע טרעפּלעך, מיט די פּיצינקע בוידעם־פענצטערלעך און מיט דעם אויסגעשניצטן האָנעכל, דעם פליוגערל, וואָס וואָלט געדארפט די גאנצע צײַט פלאטערן פונעם ווינט, זעט אויך אויס, ווי נאָכגעקרימט, ווײַל דער ווינט קאָן אהער זיך ניט דערקלײַבן. אפילע דער זון קומט דאָס אויך אָן מיט גרויסע שוועריקײַטן.

דערפאר אָבער די סעדלעך! ריכטיקער, די קלייניקע פאליסאדניקלעך ארום די הײַזער גיבן צו דער פארבליבענער אלטער איינשטאָקיקײַט א באזונדערע כשיוועס. די פילשטאָקיקע מויערן זײַנען דאך ניט לאנג צוריק געבוירן געוואָרן, זיי מאכן ערשט זייערע ערשטע טריט, און די, אַף וועלכע מע קוקט פון אויבן אראָפּ, האָבן שוין אָפּגעלעבט א לעבן, א לאנג, לאנג לעבן, און ס'איז אוודע א שאָד, וואָס פיל פון דעם, וואָס איז אָפּגעלעבט געוואָרן אין די אלטע הײַזער, סײַ דאָס פריילעכע, סײַ דאָס טרויעריקע, סײַ דאָס גוטע, ווי אויך דאָס ניט־גוטע, וועט בלײַבן אומבאוווסט.

שטייען ארום די הײַזער א ביסעלע צעוואָרפן עטלעכע שטאלטנע בעריאָזעס און פינקלען ארויס מיט זייערע ווײַסע שטאמען. די ווײַסקײַט איז ניט קיין בלענדנדיקע, זייער א באשיי־דענע, ווי די פויערשע קליידלעך פון פאָשעטן ציץ. ניט איבערקלײַבערישע רוסישע בעריאָזעס מיט דריבנע, שיטערע בלעטעלעך, מיט מיידלשער פארטראכטקײַט און מילדן, מיידלשן אומעט.

שטייט צווישן זיי א טונקל־גרינער קליאָן מיט כוצפעדיק־צעשפרייטע צווײַגן, מיט סאַ־מעטענע בלעטער, וואָס גלאנצן פון פעטקײַט — א בוים א נאָגיד, א בוים א טאקיף, וועמען ס'איז אלץ קארג און ער איז גרייט אוועקרויבן בא אלע איבעריקע ביימער דעם לעצטן טראָפּן טוי, דאָס ביסעלע שטראלן, וואָס זיי רײַסן זיך קוים דורך אהער.

שטייען עטלעכע ווײַנשלביימער, וואָס וויסן אליין ניט, וויפל זיי זײַנען אלט. זיי צוויטען ערלעך אָפּ יעדן פרילינג, נאָר זיי געדענקען שוין ניט, ווען זיי האָבן געהאט אַף זיך עטלעכע רויטע ווײַנשעלעך. כעווראניקעס רײַסן זיי אָפּ נאָך גרינערהייט.

דער אלטער סוקעוואטער דעמב שטייט, ווי א בוים פאר זיך, א בוים איבער אלע ביימער, א בוים א באלפינקעס, וואָס דארף פירן א כעזשבן פון אייגענעם עלטער און פונעם עלטער פון אלע איבעריקע ביימער. יעדן יאָר — א קארב. ווי א שטיקל אייגענער זיקאָרן אין זײַן גרויסן הילצערנעם מויעך. און ווער ווייסט, וועלכע געשעענישן האָבן זיך אײַנגעקארבט אין אים פאר זײַן לאנג לעבן!

מע דאַרף דאָ זאָגן אַ וואָרט אויך וועגן די עטלעכע אַקאַציע־ביימער ניט צוליב זיי אַליין, נאָר צוליב שאָלעמען. ווײַל זיי רופן בײַ אים אַרויס אין זיקאָרן גאָר אַן אַנדער אַקאַציע, וואָס איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ. נאָר דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש.

אַזוי איז איינמיטן דער ראַשיקער פּילשטאָקיקער שטאָט אופגעקומען עפּעס ענלעכס אַף אַ שטיקל אינדזלעלע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך פּיל דאָרפּישס. אַ דרויסנדיקע קרענעצע, אַ ביסעלע בלאָטע נאָך יעדער רעגן, אַ היפש ביסל שטויב, ווען קיין רעגן איז לאַנג ניטאָ, און נאָך פּיל דרויסנדיקס, וואָס מע זעט יאָ און מע זעט ניט. ריכטיקער, מע זעט עס בלויז דאַן, ווען מע דאַרף עס זען. דערוף וואַקסן דאָך דאָ די ביימער, זיי זאָלן פאַרשטעלן אַלץ, וואָס דאַרף פאַרשטעלט ווערן, און אײַנשלינגען אַלץ, וואָס דאַרף פאַרשלונגען ווערן: דאָס רױשן פון די יאָגנדיקע מאַשינעס, די גרילצעניש פון די בולדאָזערס, עקסקאַוואַטאָרס און הייב־קראַנען.

און נאָך איין זאַך טוען אַף די ביימער — זיי זיפּן דורך און פאַרהיטן אַרום זיך אַ ריינע לופט, אַ באַזונדערע וואַרעמקײַט און אַ באַזונדערע קילקײַט, וואָס ווייסט ניט פון קיין שאַרפע איבערגאַנגען, וואָס גיט צו אַלע הײַזער דעם צושטאַנד פון אײַנגעפונדעוועטקײַט, געמיטלעכקײַט און אויך אַזוינס, וואָס טראָגט אין זיך אַ שטילן, טונקעלן אומעט.

וואַסילי לוקיטש איז אַ מענטש אַ געזעצטער. ער האָט ליב אַרײַנטראַכטן זיך אין יעדער זאַך ניט געײַלט, דערגרונטעוועט זיך, ווי ער אַליין זאָגט, צום סאַמע וואָרצל. שאָלעם איז אַ ביסל אַ היציקער, האָט שטאַרק ליב צו שפּאַרן זיך, דיסקוטירן. אין יעדן איניען אינטערעסירט אים ניט אַזוי דער וואָרצל, ווי דאָס קאַפּויערדיקע. אים ווילט זיך שטענדיק וויסן, ווי וואָלט די זאַך אויסגעזען, ווען מע שטעלט זי אַוועק מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. ווײַל אויב די וועלט איז קײַלעכיק, ווייסט מען קיינמאָל ניט, ווו איז דער פון אויבן און ווו איז דער פון אונטן. געוויס דערפאַר זײַנען בײַ זיי אופגעקומען פאַרשיידענע פאַרגלײַכונגען. בײַ לוקיטשן איז דאָס אַלץ — די אַלטע הײַזער מיט די סעדלעך, מיט דער ניט שטאָטישער פרישקײַט און קילקײַט — אַ דערפל. בײַ שאָלעמען איז דאָס אַ שטעטל. אַ קליין שטעטעלע אין דער סאַמע מיט פון אַ גרויסער שטאָט. עס נעמט זיך געוויס אויך דערפון, וואָס לוקיטש האָט פריִער געוווינט אין דעם שטילן דאָרפישן טייל, ניט ווײַט פונעם טײַך, און שאָלעם — אין איינעם פון די אייבערשטע שטעטלשע געסלעך, וואָס זײַנען געווען פול מיט רויש און מיט שטויב.

זיי איז אויך שווער דורכקומען מיט די ביימער. בײַ שאָלעמען איז ניטאָ קיין שענערס און קיין בעסערס פון דער אַקאַציע, באַזונדערס, ווען זי צעבליט זיך סאָף פרילינג, ווען אַלע ביימער האָבן שוין אָפּגעצוויטעט. כוץ דעם, איז בײַ אים די היגע אַקאַציע אַ שטיקל קאָרעוו מיט יענעם אַלטן אַקאַציע־בוים. לוקיטשן זײַנען ליבער די ווײַנשלביימער. און ניט אין די ווײַנשל גייט עס. זיי דערמאָנען אים יענעם פרילינג, דעם גליקלעכסטן פרילינג זײַנעם.

צי איז ער טאַקע געווען, יענער פרילינג, צי איז דאָס ניט מערער, ווי אַ כאָלעם? געשען איז דאָס דאַן, ווען קיין לוקיטש איז נאָך אַף דער וועלט ניט געווען, ווען אפילע דער נאָמען וואַסילי האָט זיך ניט געקלעפּט צום אויסגעדאַרטן באָכערל מיט די ציגײַנערשע קוטשערן, מיט אַן אָפּגעצויגן פּענעמל און מיט אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט פונקען. און אומעטום. אַף אַלע פאַרזאַמלונגען, אַף אַלע דיספּוטן און אַף אַלע זיצונגען.

— וואַסיאַ, וואַסיאַ!

— דאַיאָש, וואַסיאַ!

— דערלאַנג אים, וואַסיאַ!

אין יענע ווײַטע יאָרן איז ער געווען היציק ניט ווייניקער פון שאָלעמען. היציק, אומגעדולדיק און פשאַרעלאָז צו אַלץ, וואָס האָט געקאָנט מיט עפּעס שטערן, אָדער כאָטש אַף איין מינוט פאַרהאַלטן די וועלט־רעוואָליוציע. נעמט אַזאַ באָכערל און פאַרליבט זיך. און אין וועמען? אין מיריאַמען! אין מאָטיע דעם קאַצעוואָס טעכטערל, אַ מיידל, וואָס האָט קוים אָנגעהויבן באַזוכן דעם קאָמיוגישן קלוב און ווײַטער פונעם דראַמקרײַז קיין שפּאַן ניט גע־וואָלט מאַכן. דערצו נאָך האָט זי זיך געפּודערט און איז געווען פאַרעכנט צווישן די „פאַרדאָרבענע מעשטשאַנקעס”. דאָס אַליין איז שוין געווען פאַר וואַסיען די גרעסטע אווירע. נאָר די אויסזיכטלאָזיקײַט פון זײַן ליבע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מאָטיע קאַצעוו האָט אפילע ניט געוואָלט הערן פון אַזאַ שידעך. אַליין איז ער ניט געווען קיין פרומאַק, נאָר ער האָט זייער מוירע געהאַט פאַר זײַנע פרומע קוינים. זיי וועלן אים מאַכן אַזאַ שעם אין שטעטל, אַז ער וועט בלײַבן אָן אַ שטיקל ברויט. און ער מעג שוין זײַן זיכער, שאַכנע דער שויכעט וועט שוין אומיסטן אים טרייף מאַכן אַן אָקס. אײַ, וואָס, בײַ שאַכנען אַליין... זײַן שיינדעלע איז אַ גאַנצע אַקטיוויסטקע, טויזנט מאָל ערגער פון זײַן מיריאַמען. נאָר דאָס האָט שוין אַ שײַכעס צו שאָלעמס פילאָסאָפיע, אַז דאָס לעבן לײַדט ניט קיין שאַבלאָנען.

דאָס, וואָס איז געשען אין יענעם פרילינגדיקן אָוונט באַ זיי אין סעדל, איז שוין קיינעם ניט אָנגעגאַנגען. ווען מע האָט באַהאַנדלט דעם איניען אַף דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג, האָט שאָלעם דאָס אָנגערופן „ניט קיין נייטיקע דעטאַלן". נאָר עפּעס האָבן זיי זיך צעווערטלט, וואַסיע און מיריאַם, און דערנאָך, טאַקע דעם זעלבן אָוונט, טאַקע לעבן די ווײַנשלבײמער, האָט וואַסיע געוואָלט זיך שיסן. ס'הייסט, טאַקע געשאָסן, נאָר דער שאָס איז געווען ניט אַזאַ. צי דאָס שטיקל געווער, דער אַלטער פאַרזשאַווערטער נאַגאַן איז שוין געווען ניט מער ווי אַ „פוגאַטש", צי ער אַליין איז געווען ניט פון די געהויבענע שיסער. און עפּשער... עפּשער האָט אין דער לעצטער מינוט די האַנט אַ ציטער געטאָן און די קויל איז אַוועק אין אַ זײַט. מיט איין וואָרט — ניט קיין נייטיקע דעטאַלן. דעריקער — דער פאַקט אַליין, וואָס האָט געפאָדערט אַ פּרינציפּיעלע אָפּשאַצונג און אַ געהעריקע שטראָף. האָט מען אים אַרויסגעטראָגן אַ שטרענגן אויסרייד. ערשטנס, פאַר דער ליבע אַליין. ווי מעג זיך עס אַ קאָמוניסט פאַרליבן אין אַ מעשטשאַנקע? צווייטנס, דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן קליינמוטיקייט און געשטעלט זײַן אייגענע ליבע העכער פון דער וועלט־רעוואָליוציע. די אַלע שרעקלעכע פאַרמולירונגען און דער פאָרשלאָג אַליין איז געווען שאָלעמס אַרבעט.

דער גליקלעכסטער אויסרייד! ער שמעקט פאַר אים שטענדיק מיט ווײַנשל־צוויט. זיי זײַנען ביידע געשטאַנען אין זייער סעדל, און די גאַנצע וועלט איז פאַר אים געווען פול מיט צוויט, פול מיט מיריאַמען. אין יענעם אָוונט האָט ער איר געזאָגט עטלעכע ווערטער, וועלכע ער האָט דערנאָך מער קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט. אַזעלכע ווערטער קאָן מען אַרויסברענגען בלויז איין מאָל אין לעבן... זאָגן, אַז ער איז ביז איצט פאַרליבט אין מיריאַמען? עט, באַ זײַנע יאָרן... נאָר עפּעס דרעמלט שטענדיק אין אים. און אַלע מאָל, ווען עס באַווײַזט זיך דער ערשטער צוויט אַף די ווײַנשלביימער...

דער אַלטער אַקאַציע־בוים איז געווען מיט מערער מאַזל. די אַקאַציע, וואָס איז געוואַקסן לעבן שאָלעמס שטיבל — דוכט זיך, דער איינציקער בוים אַף דער פאַרשטויבטער און ראַשיקער קאָוואַליוקע... זיי זײַנען אָפּגעשטאַנען לעבן אים ניט איין שאָ, שאָלעם און מיריאַם. און אין אַ יאָר אַרום נאָכן שאָס און נאָכן אויסרייד האָבן זיי כאַסענע געהאַט.

ס'האָט געדאַרפט זײַן פאַרקערט, נאָר ס'האָט זיך באַקומען פונקט פאַרקערט צום פאַרקערטן. יענץ קאַפּריזדיקע, וואָס איז פאַר שאָלעמען דער גרעסטער באַווײַז, אַז די ערד דרייט זיך. פאַר זיי, פאַר לוקיטשן מיט שאָלעמען, זײַנען די היגע ביימער, ווי גרינע דענקמעלער, פול מיט ווײַטע דערמאָנונגען. פאַר מאָטעלען מיט מירעטשקען זײַנען דאָס פּאָשעטע ביימער. אָן שום דערמאָנונגען און אָן שום בענקענישן. ווי זיי דוכט זיך, איז דאָס אַלץ באַשאַפן געוואָרן צוליב זיי, אַף באַשײַנען און באַפּוצן זייערע שטילע אָוונטן. נאָר דאָס האָט שוין אַ שײַכעס צום דריטן דאָר און וועגן דעם וועט דערציילט ווערן שפּעטער. אַריבערשפּרינגען איבער דורעס איז שטרענג פאַרבאָטן.

ס'האָט זיך באַקומען אַזוי: שאָלעמען האָט מען אַ רוף געטאָן אין אַרמיי אַ פּאָר כאַדאָשים פאַר דער מילכאָמע אַף עפּעס אַ צוגרייטונג, און ער איז שוין פאַרבליבן דאָרט, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. וואַסילי לוקיטש איז געווען דירעקטאָר פונעם עלעוואַטאָר, וועלכן ער האָט מיט די אייגענע הענט אויסגעבויט און אַליין געדאַרפט אים אויפרײַסן, ווען מע האָט זיך געקליבן עוואַקוירן.

— ווי זשע לאָזט מען איבער מיריאַמען מיטן קינד!

דאָס האָט געזאָגט ניט לוקיטש, נאָר זײַן כאַריטינאַ. כאָטש סײַווי אָן אירע ווערטער וואָלט אויך געווען דאָס זעלבע.

אַזוי האָט עס זיי פאַרטראָגן, ביידע פרויען, אַהער, אין דער אַלטער רוסישער שטאָט באַ דער וואָלגע, וווּ עס זײַנען געווען אַ סאַך עוואַקויִרטע, אַ סאַך שוטפעסדיקע נייטן און שוטפעסדיקע האָפענונגען. האָבן זיי שוין ביידע איינגעגעם, מיריאַם און כאַריטינאַ, געוואָרט אַף בריוו, געשריבן בריוו, און ביכלאַל... אַלץ, וואָס איז דאַן אויסגעפאַלן אַפן גורל פון די סאָלדאַטישע פרויען, אַלץ איינגעגעם.

דער ערשטער האָט זיך אומגעקערט לוקיטש. ניט גלײַך פון פראָנט, נאָר פון שפּיטאָל, מיט אַ סאַך נאָך ניט פאַרהיילטע ווונדן און מיט אַ קעלט אין די פיס, וואָס איז שוין פאַרבליבן אין זיי אַף שטענדיק. שאָלעם האָט זיך פאַרהאַלטן אין די אויסלאַנדס עטלעכע יאָר נאָך דער מילכאָמע, געווען אַ קאָמענדאַנט אין אַ דײַטשישער שטאָט. און ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז לוקיטש שוין געווען אַזוי טיף פאַרטאָן אין די היגע איניאָנים, אין היגן עלעוואַטאָר, אַז ס'איז אים שווער געווען אָפּרײַסן. איז שוין שאָלעם אויך דאָ געבליבן.

איצט איז ניט שײַעך צו רעדן וועגן דעם, כאַראָטע האָבן, אָדער טראַכטן, אַז זיי זײַנען

באגאנגען א פעלער. זיי האָבן זיך דאָ געעלטערט, און די קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן. זיי קאָנען ניט זאָגן, אַז זיי זײַנען דאָ געוואָרן ערגער, ווי זיי וואָלטן געקאָנט ווערן דאָרטן, פונוואַנען זיי האָבן זיך עוואַקויִרט. לוקיטשס זון, אַנדריי, איז אַן אַנגעזעענער אינזשעניער, א נאַטשאַלניק פון א גרויסן צעך, און שאָלעמס זון, נאַכמען, איז א לערער פון היסטאָריע. שאָלעם ווייסט ביז הײַנט ניט, ווי קומט עס צו אים, צו זײַן נאַכמענען. קאָן ער דאָס דערקלערן מיט דעם, אַז דאָס לעבן לײַדט ניט קיין שאַבלאָנען. זיי ביידע, אַנדריי און נאַכמען, זײַנען שוין מערער היגע, דאָס שטעטל געדענקען זיי קוים־קוים, און זיי איז געבליבן ווייניק וואָס צו דערמאָנען, נאָך וואָס צו בענקען. עפּעס טוט יאָ אַמאָל א קלעם באַם האַרצן, ווי נאָך א מאָדנעם, ניט קלאָרן כאָלעם, נאָר בענקען?

דאָ הייבט זיך אָן די געשיכטע וועגן דריטן דאָר. כאָטש, אַז מע וויל צוריק, האָט דער צווייטער דאָר דערצו א דירעקטע שײַכעס, נאָר, ווי שאָלעם זאָגט, מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן...
ווען בא אַנדרייען איז געבוירן געוואָרן א מיידעלע, ס׳איז געשען עטלעכע כאַדאָשים נאָך דעם, ווי מיריאַם איז געשטאָרבן, האָט לוקיטש פאָרגעלייגט א נאָמען געבן דעם קינד נאָך מיריאַמען. ס׳האָט קיינער קיין וואָרט ניט געזאָגט, כאָטש אַלע זײַנען געווען א ביסל איבעראַשט. און כאַריטינאַ... זי האָט געוווּסט וועגן אַלץ: וועגן שאָס און וועגן אויסרייד, וועגן דעם, וואָס איז עפּשער יאָ געווען, און וועגן זאַכן, וואָס זי אַליין האָט פאַר זיך אויסגעטראַכט, נאָר אייפערן? ס׳האָט זיך ניט געייפערט. און ערשט איצט... דאָס האָט לוקיטש באַמערקט לויט דעם, ווי בא זײַן כאַריטינען האָט זיך א ביסל פאַרקרימט דאָס פּאָנעם, אַזוי קינדעריש פאַרקרימט, ווי ערעוו א געוויין. און איידער עפּעס איז, זײַנען א פּאָר טרערן אַראָפּגערונען פון די אויגן. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, כאַריטינע, זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן, זי האָט גאָרנישט ניט קעגן, נאָר זי האָט נאָך ניט געהערט, מע זאָל אַן אוקראַיִניש מיידעלע א נאָמען געבן נאָך א ייִדישקע. טאַקע נאָר דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן. וועגן דעם, פאַרוואָס איר לוקיטשן איז אַזוינס געקומען אפן זינען, האָט זי מוירע געהאַט אפילע א טראַכט טאָן. ווײַל אויב אָנהייבן טראַכטן!..
לוקיטש האָט באַצײַטנס אַלץ פאַרכאַפּט. ער האָט טייקעף זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס זי וויל זאָגן און אויך וועגן וואָס זי האָט מוירע א טראַכט צו טאָן. האָט ער אַזוי איידל, ביז גאָר ווייך צוגעלייגט זײַן האַנט צו איר מויל. ס׳הייסט: שווײַג, כאַריטינאַ, איך ווייס אַלץ. איך ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגן.
און ווען בא כאַריטינען האָבן דערנאָך, פונדעסטוועגן, זיך אַרויסגעריסן עטלעכע ווערטער, אָפּגעריסענע אײנס פונעם אַנדערן, מע האָט זיי ערשט געדאַרפט צונויפקלעפּן, האָט לוקיטש אָפּגעענטפערט אויך אָף דעם זעלבן אויפן.
— כאַריטינאַ, איך בעט דיך, דאָס איז אַזאַ זאַך... ניט אָף צו רעדן.
— איז וואָס זשע!
דאָס איז געווען ניט קיין פראַגע, נאָר א טײַנע, וואָס האָט זיך געוואָלט אויסגוואַלדעווען, אויסשרײַען פאַר דער גאַנצער וועלט. ווײַל אויב אַזוי...
— פאַרשטייסט, כאַריטינאַ, מיר לעבן!
איז כאַריטינאַ אַנשוויגן געוואָרן און אויסגעווישט מיט די פינגער די אָנגעטרערטע אויגן. קעגן דעם האָט זי ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. ווײַל דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. יאָ, מיר לעבן, און זי, מיריאַם, איז שוין ניטאָ. און ווי מע זאָל וועגן דעם ניט טראַכטן, אָף וועלכן אויפן ניט דערמאָנען, ענדערט דאָס ניט דעם סאַמע איקער.
בא שאָלעמען האָט זיך באַקומען אַנדערש. שאָלעם האָט אים גוט פאַרשטאַנען, לוקיטשן, און אויב עס האָט געקאָנט אַרויסרופן א ביסעלע אייפער, איז אָבער געווען אין דעם אַזוינס, וואָס קאָן דעקן טויזנטער אייפערס. ווײַל אויב א מענטש... דאָס גאַנצע לעבן! און אָט אַזוי־אָ, אָף אַזאַ אויפן! אָפּזוכן די נייטיקע ווערטער איז שאָלעם ניט געווען בעקויעך, נאָר אין זיך איז ער געווען דאַנקבאַר לוקיטשן פאַר אַלץ. פאַר דעם גאַנצן לעבן זייערן. און אויך דערפאַר, וואָס דאָס מאָל האָט זיך באַקומען גראָד אַזוי, ווי אים ווילט זיך אָפּט — א נעם טאָן א זאַך, א געשעעניש, א שטעל טאָן דאָס מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און א קוק טאָן, ווי זעט אויס דער הייפּעך דערפון. ווײַל אויב גוט א טראַכט טאָן...
דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן א ביסל שפּעטער, ווען זיי ביידע זײַנען געוואָרן פּענסיאָנערן, געהאַט מערער פרײַע צײַט און יעדן זומערדיקן פאַרנאַכט אָוועקגעזעצט זיך אפן בענקעלע צווישן די אַקאַציעס און ווײַנשלבליימער און באַטראַכט די וועלט.
— פאַרשטייסט, לוקיטש, איך טראַכט אָפּטמאָל, וואָס דער היטלער האָט געוואָלט פון אונדז מאַכן, איך מיין, כּוץ אַלעמען, ער האָט געוואָלט, מיר זאָלן ווערן אויס מענטשן. — דאָס זאָגט שאָלעם.

— אָבער ס'האָט זיך באַ אים ניט באַקומען, — ענטפערט לוקיטש.
— דאָס זאָג איך דאָך. ס'האָט זיך באַקומען פונקט דער הייפּעך. און עפּשער נאָך מערער. ווער האָט פּרובֿער זיך געקאָנט פאַרשטעלן אַזוינס?
לוקיטש שטויסט זיך אָן, וואָס שאַלעם מיינט, נאָר רעדן וועגן דעם וויל ער ניט. ער זעט ניט אין דעם עפּעס אויסערגעוויינלעכס. א מענטש איז דאָך אין דער ערשטער ריי א מענטש. דאָס טאַקע רעדט ער אַרויס אין דער הייך.
— א מענטש איז אין דער ערשטער ריי א מענטש.
אויסטײַטשן דאָס קאָנען זיי ביידע גאַנץ ברייט, יעדערער אויף זײַן אופן: וועגן ליבע און טרײַשאַפט, וועגן בענקעניש און קלעמעניש, וועגן ריינקייט פון מענטשלעכע געפילן און גרויסקייט פון מענטשלעכע אופטוען, און וועגן פיל אַנדערע זאַכן, וועגן וועלכע ס'איז ניט אָנגענומען צו רעדן אין דער הייך.
זײַנען זיי אויף דער עלטער געוואָרן נאָך שטיקלעך קרויווים. און דאָס מיידעלע איז געוואָרן אַלעמענס מיידעלע, א מין מישפּאָכע־צירונג. יעדן אָוונט זײַנען אַלע זיך צונויפגעקומען צו אַנדרייען באָדן דאָס קינד. יעדערער האָט געמוזט דערבײַ א טאַפּ טאָן די וואַסער, צי איז זי ניט איבעריק הייס און ניט איבעריק קיל, יעדערער האָט געמוזט א פליוכקע טאָן אַזוי, אַז א טראָפּנדל זאָל טרעפן דעם מיידעלע אין מויל אַרײַן און עס זאָל דערבײַ א ביס טאָן. דערנאָך האָט יעדערער געהאַט דאָס רעכט א פּאַטש טאָן — ווער אין דעם ראָזעווע פּלייצקעלע, ווער אין דעם רויטן הינטנדל, און ס'האָט געהייסן, אַז אַלע האָבן א גלײַכן כיילעק אינעם באָדן דאָס קינד. דערבײַ האָט יעדערער גערופן דאָס מיידעלע אויף זײַן אופן: ווער מיריאַמל, ווער מירעטשקע און ווער מאַריטשקע. און יעדערער האָט געוויס דערמאָנט זיך דערבײַ זײַנס: ווער די צעצוויטעטע ווײַנשלביימער, ווער די אַלטע אַקאַציע און ווער פיל אַנדערע זאַכן, וואָס זײַנען ניט ווייניקער רעגעוודיק און ניט ווייניקער וויטעקלעך.
דערנאָך האָבן אַלע איינעם געטרונקען טיי. ס'האָט געהייסן, אַז מע טרינקט באַ אַנדרייען, נאָר אינדערעמעסן איז דאָס געווען באַ לוקיטשן. און אויב זײַן נאָך פינקטלעכער — באַ כאַרריטינען. געוווינט האָבן זיי אַלע איינעם, און, ווי עס פירט זיך איצט, האָט מיט די דאָזיקע איניאַנים מערער צו טאָן די באָבע. סײַ מיטן באָדן און סײַ מיטן גרייטן צום טיש.
אַלע זײַנען געווען אַזוי פאַרנומען, אַזוי פאַרכאַפּט מיט מיריאַם־מירעלע־מאַריטשקען, אַז מע האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט נאָך א קינד. אפילו די אייגענע טאַטע־מאַמע, נאַכמען און סוועטלאַנע. באַזונדער גראָד סוועטלאַנע, ווײַל זי איז געווען א מעדיצינישע שוועסטער און אָן איר האָט מען ניט געטאָרט ניט באָדן דאָס קינד, ניט אונטערהאָדעווען עס, ניט אײַנוויגן. זייער אייגענער מאָטעלע, א נאָמען נאָך מיריאַמס טאַטע, מאָטיע קאַצעוו, איז שוין אַלט געווען א יאָר. פּרובֿער איז מאָטעלע געווען א גאַנצער מעיוכעס, איצט האָט ער זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און א גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט איין זאַך — מיט נעקאָמע. ווי עפּעס אַראָפּגעשלעפּט, ווי עפּעס איבערגעקערט, ווי עפּעס אויסגעגאָסן און ווי טאַקע צעבראָכן אויך. אַן עמעסדיק שאַדנווינקל. און דער גרעסטער סינע מאָטעלעס איז געווען דאָס פּיצעלע, וואָס מע האָט עס יעדן אָוונט געבאָדן.
דערנאָך האָבן זיי זיך איבערגעבעטן. דאַן, ווען זיי האָבן שוין געקאָנט נעמען זיך פאַר די הענטלעך און אַרומיאָגן איבערן סעדל, שלעפּן איבער דער ערד זייערע פערדלעך, אויטאָבוסלעך און וואַגאָנטשיקלעך. זיי זײַנען איינעם געגאַנגען אין שול, נאָר אָנגעקומען גראָד אין פאַרשיידענע אינסטיטוטן, און געזען האָבן זיי זיך דעמלט בלויז גאַנצפרי, ווען זיי זײַנען אַרויסגעלאָפן פון שטוב און געפּאַכעט איינער צום אַנדערן מיט די פּאָרטפעלן. טאַטעס און מאַמעס האָבן געשעפּט נאַכעס פון זייערע קינדער. אַזעלכע געראָטענע, אַזעלכע קלוגע און ביכלאַל — הײַנטיקע קינדער! און ניט איין מאָל געשפּאַסט צווישן זיך.
— עס וואָלט געווען ניט קיין שלעכט פּאָרל.
— טאַקע, א גאָלדן פּאָרעלע.
זיי האָבן אַזוי ערנסט געשפּאַסט, אַז אפילו זיך שוין געגריסט אַזוי:
— א גוטמאָרגן, מעכוטן.
— א גוטן אָוונט, מעכוטענעסטע.
יאָ, קאַלוזמאַן די קינדער זײַנען געווען קינדער, איז אַלץ געווען קעשורע, אַלץ גוט און פײַן, אַלץ פונעם פּולן האַרצן. א שיין פּאָרל, א טײַער פּאָרל, א גאָלדן פּאָרל. נאָר ווען דאָס פּאָרל אַליין... כאָטש ס'האָט געדאַרפט זײַן פאַרקערט, ווײַל — שוין דער דריטער דאָר, נאָר — ווידער די זעלבע געשיכטע.
די ווײַנשלביימער האָבן זיך צעצוויטעט אָנהייב פרילינג, די אַקאַציע ערשט צום סאָף, נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, האָט דאָס סעדל געהאַלטן אין איין צוויטען. און, וואָס איז דער

כילעק, וועלכער צוויט שמעקט יאָ און וועלכער ניט. פאַר זיי, פאַר מאָטעלען מיט מירעלען־מאַריטשקען, האָט אַלץ ארום געשמעקט. די גאַנצע וועלט.

דער דריטער דאַר, דער דריטער דאַר. דאָס האָט לוקיטש אַזוי אָנגערופן דאָס יונגע פּאָרל, רעכענענדיק זיך אַליין, זיך, שאָלעמען און כאַריטינען פאַרן ערשטן דאַר, פון וועמען עס הייבט זיך אָן אַ נײַע צײַלונג, און ביכלאַל — די גאַנצע נײַע וועלט.

דער ערשטער דאַר איז גרייט געווען שוין פּראַווען אַ כאַסענע. באַ לוקיטשן איז דאָס פון יענעם מין, וואָס ניט אַף אַרויסרעדן און ניט דערקלערן. אַ ווײַטער כאַלעם. מיריאַם! מיריאַם־מירעלע־מירעטשקע. באַ שאָלעמען אויך אַזוינס, וועגן וואָס וועסט קיין רעדע ניט האַלטן. אַ נאַרישקײַט... גלײַך ער, שאָלעם, איז שולדיק, וואָס באַ וואַסילן מיט מיריאַמען האָט זיך ניט אויסגעשידעכט און ער וויל מיט דער איצטיקער כאַסענע אַ ביסל פאַרגלעטן זײַן שולד.

זיי זיצן ביידע אַף זייער בענקעלע אין סעדל, כאַזערן איבער אין זיך דאָס, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט זאָגן וועגן דעם איניען, און שווײַגן אויך. זיי באַקוקן בלויז איינער דעם אַנדערן און וווּנדערן זיך, אויך אין זיך, ווי שטאַרק זיי האָבן זיך געעלטערט פאַר די לעצטע יאָרן.

וואַסילי וועגן שאָלעמען:

„פון וואָס ווערט עס אַ מענטש אַזוי אויסגעדייוועט, הויט און ביין? וואָס־וואָס, נאָר מיט עסן איז הײַנט... ווער טראַכט הײַנט וועגן עסן? זאָל זײַן, אַז די בענקענישן? זע נאָר, ווי דאָס פּאָנעם איז אײַנגעפאַלן, און קאַרבן אַזעלכע, טיפע און געשטרײַפטע, ווי דעמבענע קאָרע. און די ברוסט איז שוין אײַנגאַנצן קיין ברוסט ניט, עפּעס אַ ביינערדיק גריבל, פון וועלכן עס פײַפט אַלעמאָל אַרויס, ווי מיט אַ קינדערש פײַפעלע. די דאָקטוירים זאָגן — אַ שטיקעלע אַסטמע. וואָס הייסט אַ שטיקעלע? דערפאַר אָבער דער קאָסטיום זײַנער! אַ טונקל־בלויער מיט ווײַסע פּאַסיקלעך. די הויזן זײַנען פון אָנהייב אָן געווען צו ברייט, די מאָדע פון די פופציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי. נאָר דאָס רעקל! דאָס רעקל הענגט אַף אים, ווי אַ זאַק. ער וויל אָבער ניט וויסן פון קיין אַנדער רעקל. ער זאָגט, אַז די אָרדענס מיט די מעדאַלן זײַנען אַזוי פעסט אַרײַנגעדרייט, פּאַשעט אײַנגעמויערט אינעם בלויען פידזשאַק, אַז מע קאָן זיי פון דאָרט ניט אַרויסדרייען...“

ער ווייסט ניט, לוקיטש, וועגן דעם איקער, אַלע יאָרן, סײַ פאַר דער כאַסענע מיט מי־ריאַמען, סײַ נאָך דער כאַסענע, האָט שאָלעם געטרוימט וועגן אַזאַ בלויען אָנצוג, ער זאָל קאָנען דורכגיין איבער דער גאַס מיט מיריאַמען און מענטשן זאָלן קוקן אַף זיי. גלײַך נאָכן אומקערן זיך פון דײַטשלאַנד האָט ער אויפגעניייט אָט דעם בלויען אָנצוג. מיריאַם האָט ניט געקאָנט אָנ־שפּיגלען זיך אין אים. טוט ער אים אָן אויך איצט, יעדן פּאַרנאַכט, צוליב איר, צוליב מיריאַמען.

שאָלעם וועגן לוקיטשן:

„דו נאַרסט אַלץ די וועלט מיט דײַנע לאַנגע פּייעס, ווי מיידלשע צעפּעלעך. סײַווי ווייסט מען, אַז דאָרטן, אַ ביסעלע העכער, קאָן מען איבערציילן די עטלעכע געבליבענע האָר. נאָר דאָס וואָלט געווען צו דערלײַדן, איך פאַרשטיי ניט איין זאַך. אַ גאַנצן ווינטער גייסטו אָן הענטשקעס, אָבער אַפילע זומער מוזסטו יעדן פּאַרנאַכט אַרײַנקריכן אין די פּוישטן. וואָס זשע פאַר אַ פּראָסט האַלט זיך דאָרט, אין דײַנע פּיסי?“

— יאָ... — דאָס איז שוין לוקיטשס זיפּץ אין דער הייך. — יעדע זאַך האָט זיך זײַן אָנהייב און זײַן סאָף.

דאָס דאַרף, אין דעם פאַל, הייסן, אַז ווי עס זאָל זיך ניט דרייען, וועט זיך עס סײַווי אויסדרייען און מע וועט פּראַווען אַ כאַסענע.

— מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווו איז דער אָנהייב און ווו איז דער סאָף, — ענטפערט אַף שאָלעם, און דאָס דאַרף הייסן: איך האָב אָבער מוירע, אַז אויב עס וועט זיך אַזוי ציִען, איז ווער ווייסט... הײַנטיקע יוגנט!

כאַפּט לוקיטש אונטער און רעדט אַרויס אין דער הייך דאָס ניט דערזאָגטע:

— יאָ, הײַנטיקע יוגנט... ניט דאָס, וואָס אַמאָל, ווי אין יענע יאָרן.

און עס גייט אַוועק אַ שמועס שוין גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, אַז די הײַנטיקע יוגנט איז ניט אַזאַ, ווי זיי, ווי דער ערשטער דאַר, און דער קאָמיוג אויך ניט אַזאַ. עס קומט זיי אָן צו גרינג, און ס'איז זיי אַלץ קאַרג, זיי ווייסן טאַקע אַ סאַך, נאָר עס דוכט זיך זיי, אַז זיי ווייסן נאָך מערער, אַ סאַך מערער פון די עלטערע, און ביכלאַל. ער איז צו ווײַט אַוועק, דער דריטער דאַר.

און דער דריטער דאַר אַליין?

ער איז געבוירן געוואָרן אַ פּאָר יאָר נאָך די ערשטע ספּוטניקעס, געוואַקסן אײַנינעם מיט די ערשטע קאָסמישע שיפן, מיט די ערשטע קאָסמאָנאַווטן, מיט די לונאָכאָדן, און ס'איז

ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיי איבעראַשן, פּאַרכידעשן, באַווונדערן, אַפילו ווען מע זאָגט זיי היינט, אַז מע האָט דעשיפּרירט די קלאַנגען פון גאָר אַ געהויבענער ציוויליזאַציע, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין דער ווייטסטער גאַלאַקטיקע. נאָר טאַקע איבער די גאַלאַקטיקעס... ווידער אַ רעטעניש. ווי קומט עס, וואָס מאָטעלע, דער זון פון אַ היסטאָריקער, איז געוואָרן אַן אינזשעניר, אין אָנגעשטאָפּט מיט טעכנישע אידייען, זעט יעדע מאַשין אַף דורך־און־דורך, און ווי גוט זי זאָל ניט אַרבעטן, געפינט ער אין איר כעסרוינעס און ווייסט גלייך, וויאַזוי מע דאַרף זי פּאַרפּולקומען. די געדאַנקען זיינען בא אים שטענדיק ווייט פונעם היינט, ער זעט די מאַשינעס, די טעכניק פונעם ווייטן מאָרגן. זי, מירעטשקע, אַ קינד פון אַן אינזשעניער, איז אינגאַנצן פאַרטאָן מיטן ווייטן נעכטן: פּאַלעאָנטאָלאָגיע! דאַרף מען ווידער אָנקומען צו שאָלעמען, וואָס האָט אַף אַלץ אַ גרייטן טערעץ...

ס'באַקומט זיך אַזוי. ווען דער ערשטער דאָר איז שוין אָפּגעזעסן זיין צייט אין סעדל, אָפּגעשוויגן, אָפּגעזיפּצט און אָפּגעשמועסט, באַרעדט די היינטיקע יוגנט און די גאַנצע וועלט און שוין אוועק, יעדערער אַף זיין סידעלע, זעצט זיך צו אַף דעם זעלבן בענקעלע דער דריטער דאָר.

זי — אין אירע לאַנגע, ווייסע הייזעלעך און אינעם ברוינעם קאַפּטעלע. אַלץ אַף איר איז ווי אויסגעגאָסן, ענגלעך־אָנגעצויגן, וואָס מאַכט זי אַ ביסעלע איידעלער און אַ ביסל העכער, ווי זי איז אינדערעמעסן, מיט יענער שטאָלטנעקייט און גרינגקייט, וואָס שאַפֿט אַן איינדרוק פון אָנוואָגיקייט. בלויז די האָר זיינען אומגעצוימט־פריי, אַ ביסל ווי צעפּאַטלט, צעשויבערט, וואַרפן זיך אַף רעכטס און אַף לינקס, בלאָזן זיך אָן, ווי אַ שוואָם, צעפּאָכען זיך, ווי אַ ווייער, אָדער ליגן אַף די פּלייצעס רויִק, ווי אַ קישעלע פון בלאָנדן פּוך. פון אַלע נעמען, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן אַרום איר — מיריאַמל־מירעטשקע־מאַריטשקע — האָט זיך אויסגעשיילט גראָד דאָס, וואָס איר אַליין איז מערער געפעלן, ווייל צוגעטראַכט האָט עס מאָטל אַליין — מאַרינקע. פון אים אַליין איז שוין אָפּגערעדט. פאַראַן אין דעם נאָמען עפּעס פון טרוים, פון אַ ווייטער זעונג, פונעם וואָרט „מאַרע“, וואָס סיי אַף יידיש, סיי אַף אוקראַי־ניש שמעקט עס מיט אַ געמיש פון טרוים און ווירקלעכקייט, פון כאָלעם און וואָר. מיט איין וואָרט — מאַרינקאַ. יענץ גרינגס און לופטיקס, וואָס קאָן אַזוי אינמיטנדערינען, אינמיטן העלן טאָג, צי אינמיטן דער נאַכט זיך אַ הייב טאָן און ניט סטייען.

ער — אין זיינע „דזשינסן“, אָן וועלכע אַ באָכער איז קיין באָכער ניט, אינעם קורצן רעקעלע אויך פון דעם מין, וואָס מאַכט אים אַ ביסל גרעבער. ניט פון יענער גראָבקייט, וואָס קומט פון איבעריקער וואָג, נאָר פון יענער, וואָס מאַכן וואָכעדיק אַפילו אין די גרעסטע יאָמטויווים. ס'איז אַפילו שווער צו זאָגן, מיט וואָס האָט אַזוי אויסגענומען בא די איצטיקע יונגעלייט אָט דער ברעזענטענער מאַלבעש, נאָר — די קראַפט פון מאָדע! קיינער וויל ניט, מע זאָל אים כוישעד זיין אין אַלטמאָדישקייט.

און איבער זיי — אַן אַלטער, אַלטמאָדישער, מיליאַרדיאָריקער הימל, אין וועלכן ס'איז פאַר זיי ניטאָ קיין שום סודיסדיקס. אַלץ איז שוין הונדערטער מאָל פאָטאָגראַפירט און איבערפאָטאָגראַפירט געוואָרן. יעדעס שטערנדל, יעדע אומבאַגרייפלעך־ווייטע נעפּלדיקייט איז פאַרצייכנט אין זייער ערדישן רעיעסטער, און זיי ווייסן אַף אויסווייניק די גרייס און די וואָג פון אַלץ דעם הימלדיקן. אַ קאָסמישע שיף, וואָס וועט פליִען מיט דער גיכקייט פון שיין, איז פאַר זיי ניט קיין ווייטער טרוים.

די עלטערע לייט מאַכן שוין נאַכט, ווערמען עס באַפאַלט גלייך אַ מידער שלאָף און ווער עס סטאַרעט זיך מיט עפּעס איבערכיטרעווען די לאַנגאָניקע שלאָפלאָזיקייט, ווער זשע קאָן עס ווייסן, וועגן וואָס דאָס יונגע פּאָרל רעדט, וועגן וואָס עס שושקעט זיך? עמעצן דוכט זיך, אַז ער האָט געהערט אַ צווייענדיקן זיפץ, עמעצער קאָן שווערן, אַז ער האָט געהערט עפּעס ענלעכס אַף אַ קוש. שמעקט שוין, הייסט עס, מיט אַ כאַסענע. באַזונדערס נאָך דעם, ווי מאָטל איז אָנגעקומען אַרבעטן אין דעם צעך, ווו אַנדריי וואַסיליעוויטש איז נאַטשאַלניק.

— וועלכן מיר אינגיכן פּראַוון אַ כאַסענע, — רעדט שאָלעם אַרויס מיט אַזאַ מינע, גלייך אַלץ איז שוין באַשטימט.

— איך וואָלט זייער געוואָלט, ס'זאָל זיין אַ יידישע כאַסענע, — רופט זיך אָפּ לוקיטש, און שאָלעמס טאַנצט אַזש אונטער, דערפילט דעם טאַם פון פּאַרקערטקייט.

— איך בין מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען אַף אַ כאַסענע אין דניעפּראָפּעטראָווסק, — קלערט אויף לוקיטש זיין געדאַנק. — אַן עמעסע יידישע כאַסענע. מיט יענע לידלעך, מיט יענע טענץ, ווי אַמאָל אין שטעטל. אַלץ, ווי אַמאָל, און אַלץ גאָר אַנדערש. מע קאָן אַפילו זאָגן — אַן אינטערנאַציאָנאַלע כאַסענע, ווייל ס'איז דאָרט געווען דער גאַנצער אינטערנאַ־

ציִאַנאַל. און לידלעך — פֿון גאָר דער וועלט. נאָר דאָך, ווי זאָל איך דיר דאָס געבן צו פֿאַרשטיין...

— איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי, און איך בין גרייט כאָטש היינט. כאָטש, דעם עמעס געזאָגט, האַלט איך ניט פֿון די ראַשיקע כאַסענעס.

— דו, שטענדיק מיט דיין קאַפּריזעדיקייט.

נאָר ווען מע האָט געגעבן דעם יונגן פּאָרל אָנצוהערן, אַז ס׳איז שוין געגוג צו שושקען זיך אין סעדלאַון ס׳איז שוין צייט פֿראַווען אַ כאַסענע, האָבן זיי געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט אַלעמען געפּלעפֿט.

— מע קאָן זיך ליב האָבן אָן אַ כאַסענע! — דאָס זאָגט מאַרינקע, און מע זעט אַפּילע ניט, זי זאָל זיך רויטלען.

— ליבע אָן אַ כאַסענע, צי אַ כאַסענע אָן ליבע, וואָס איז לייטישער? — דאָס זאָגט מאָטל, און שאָלעם טאַנצט ווידער אונטער, איבערצייגט זיך, אַז דאָס אייניקל האָט עפּעס יאָ געיאַרשנט פֿון אים: אָט דאָס פּרוּוון איבערקערן אַ זאַך מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף און דערוויַיז, אַז גראָד דאָס קאַפּרירעדיקע איז אַ גלייכע זאַך, כאָטש אין דעם פֿאַל, וואָלט ער געוואָלט, עס זאָל זיין אַ ביסל אַנדערש, טאַקע גאָר פֿאַרקערט.

עפּעס האָבן זיי טאַקע יאָ געיאַרשנט באַ זייערע „אָוועס", ווי די יוגנט האָט איצט ליב זיך אויסדריקן. עפּשער דערפֿאַר זיינען זיי געווען אַזוי ענלעך איינער אָפּן אַנדערן און אַזוי ניט ענלעך. אין מאָטלס זוכענישן, אין זיין רייסן זיך צו די גאַלאַקטיקעס איז געווען פֿיל ערדישס, גאַשמיִעסדיקס, און אין מאַרינקעס טרוימען, וואָס זיינען געלעגן טיף אין דער ערד און מע האָט זיי געדאַרפֿט אַרויסגראָבן מיט לאָפּעטעס, איז געווען עפּעס אַנדערש. מענטשלעכע בענקעניש, מענטשלעכע כאַלוימעס, פֿאַרשוווּנדענע צייטן. ווי דער באַגיבענ־דיקער טוי, וואָס גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ און סטייעט ניט, ווי די פֿרילינגדיקע נעפּלען, וואָס עסן פֿריִער אויף דעם שניי און ווערן דערנאָך אליין איינגעשלונגען, ווי די דורכזיכטיקע פּלאַטערלעך, וואָס גיבן אַ פֿלי דורך פֿאַר די אויגן מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעכער בלענדעניש, ווי יענע ווייטע וואָלקנס, וואָס קומען פֿון ערגעץ, שווימען אוועק וויַיטער און דו ווייסט קיינמאָל ניט פֿונוואַנען זיי שטאַמען. פֿאַלעאָנטאָלאָגיע! אַ מייסעלע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער — אַמאָל איז געווען... און ס׳איז פֿאַראַן אין דעם, ווי אין מאַרינקען אַליין — מיט איר גרינגקייט, מיט איר זויבערקייט — עפּעס רוכניִעסדיקס.

ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס האָבן זיי אַליין צוגעטראַכט — זייער ניט ענלעכקייט, זייער ווידערשפּרעכלעכקייט, וויַיל זיי האָבן נאָך אַליין ניט געוווּסט, וואָס זיי ווילן און וואָס זיי זוכן, ניט געוווּסט נאָך אַ סאַך אַנדערע זאַכן, אין דער ערשטער ריי זיך אַליין, און אַלע זייערע שפּאַרענישן זיינען געווען ניט מערער, ווי אַן אָנשטעל, אָף דורכלופֿטערן די שפּראַך, אָף אַרויסשטעלן זיך איינער פֿאַרן אַנדערן גראָד מיטן פֿאַרקערטן: יענער גייסט פֿון ווידער־שפּרוכן, וואָס צווינגט אָפֿט יונגעלייט טאָן אַפּצולאָכעס זיך אַליין.

— איך האָב עפּעס מוירע, — זיפֿצט שטיל אַרויס כאַריטינאַ.

— פֿאַר וואָס דאַרף מען מוירע האָבן? — וויצלט זיך לוקיטש, כאָטש אים גרימט אויך אַ ביסל אינווייניק.

— וואָס מאַכסטו זיך טאַמעוואַטע. טאַמער, כאָלילע...

— אַ בריס אָן אַ כאַסענע?

— גאָט זאָל אָפּהיטן!

לוקיטש — ווידער מיט זיינע וויצן.

— וואָס גאָט, ווער גאָט? ווילסט גאָר ניט ניאַנטשען קיין אוריייניקל?

און דער דריטער דאָר... זיי האָבן געהאַלטן אין איין שפּאַרן זיך, ביז איינעם אָן אָוונט. גערעדט, ווי שטענדיק, וועגן דעם נעכטן און וועגן דעם מאָרגן, וועגן די אורקוואַלן פֿון דעם מענטשן און פֿון אַלץ דעם לעבעדיקן, וועגן ציוויליזאַציעס אָף די וויַיטע שטערן, צו וועלכע דער ערד־מענטש וועט עפּשער קיינמאָל ניט דערגרייכן, און פּלוצעם:

— דו ווייסט, אין דריי טעג אַרום פֿאָר איך אוועק.

— אָף לאַנג? — האָט מאָטל אַ ציטער געטאָן.

— אָף אַ יאָר.

— וווּהין?

— אין אַן עקספּעדיציע. אין מיטלאַזיע...

האָט מאָטלען מיטאַמאָל אָפּגענומען דאָס לאָשן, און ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

— עפּעס... אָט אַזוי־אָ, אינמיטן פּלוצלינג?

— ס'איז ניט פלוצעם. מײַן מעלדונג ליגט שוין דאָרט אַ האַלב יאָר.
— און דו האָסט דאָס אויסבאַהאַלטן? פון מיר?
— וואָס זשע, עס פאָדערט זיך דען דײַן דערלויבעניש, דײַן רעזאָלוציע?
— אָבער מיר זײַנען דאָך...
— וואָס זײַנען מיר, ווער זײַנען מיר?
— וואָס הייסט וואָס, וואָס הייסט ווער? עפּשער וואָלטן מיר... נו, זיך פאַרשריבן.
מארינקע מאַכט אַ קרום פּאָנעם, גלײַך זי האָט צעקײַט אַ גרין ווײַנשעלע.
— אַזוי גאָר? פאַרשריבן זיך? האָסט דאָך אַליין געזאָגט... וואָס איז לײַטישער?
— עמעס, עמעס, אָבער... אויב דו האָסט מיך אָפּגענומען ליב...
ס'האָט שוין געהאַלטן בײַ אַן עמעסער קריגערײַ. האָט זי אָנגעהויבן רעדן אַ ביסל שטי־לער. ווי געבעטן זיך.
— פאַרשטייסט, מאָטעלע, איך קאָן אַנדערש ניט. דאָס איז דאָך מײַן באַרוף. דער טאָך פון מײַן לעבן. און וואָס איז אַ יאָר? ס'איז אפילו בעסער אַזוי. מירן זיך אויספּרווון. צעשיי־דונג איז דער בעסטער אויספּרוו פאַר יעדער ליבע.
— אויספּרווון דאַרף מען אַ זאַך, ווען מע איז אין דעם ניט זיכער.
— און דו ביסט אין דעם זיכער?
מאָטלס זיפץ איז שוין גאָר פון אַן אַנדער מין.
— האָסט מיך פּאַשעט ניט ליב, מאַרינקע.
— דו... דו רעדסט, ווי אַ קלײנבירגער, מאָטעלע.
און מאָטל, דער שטענדיק רויִקער, דער שטענדיק פעסטער, דער שטענדיק קאַטעגאָרישער מאָטל, וואָס איז געווען זיכער, אַז זײַנע עמעסן זײַנען ווי אײַזן, האָט זיך שיר ניט צעכליפּעט.
— ביימער, זײַט אַן איידעס, ביימער!
מאַרינקעס ליכטיק שמייכעלע, וואָס גיט אַמאָל אַ גלעט און אַמאָל אַ ברי:
— עפּשער ווערסטו זיך נאָך שטעלן אַף די קני? און רופן אויך די שטערן אַלס איידעס?
געוויס איז איר שווער געווען צו באַנעמען, אַז איר זיידע האָט זיך געקאָנט שיסן איבער אַ ליבע צו אַ מיידל, כאָטש זי, מיט איר נאָמען אַליין, האָט אויך אַ שײַכעס צו יענער אַלט־מאָדישער ליבע. הײַנטיקע צײַטן שיסט מען זיך ניט, נאָר דאָס, וואָס מאָטל האָט געזאָגט, האָט זי שטאַרק אויפגעבראַכט.
— איז אָט וואָס, — האָט ער קימאַט אויסגעשריגן. — אָדער דײַן עקספּעדיציע, יענער אוראַלטער שאַרבן, אָדער איך!
עפּשער וואָלט נאָך אַלץ געווען אַנדערש, עפּשער וואָלט מען נאָך געקאָנט אויסדינגען אַ בעסערן, אַ לײַטישערן סאָף פאַר דער גאַנצער געשיכטע, נאָר מאָטל האָט זיך טאַקע פאַר־לוירן. און דעם צווייטן אָוונט, ווען אַלע זײַנען געזעסן בײַ דער טראַדיציאָנעלער טיי, געזעסן אַ ביסל שווײַגנדיקער, ווי שטענדיק, ווײַל אַלע האָבן געפילט, אַז עפּעס האָט געטראָפן אַזוינס, וואָס האָט זיך ניט געדאַרפט טרעפן, האָט מאָטל זיך אָנגערופן:
— אַנדריי וואַסיליעוויטש, זאָגט איר, זי זאָל ניט פאָרן.
— וווהין פאָרן? — האָט אַנדריי ניט פאַרשטאַנען.
— וווהין פאָרט זי? — האָט אויסגעשריגן די מאַמע.
— אין אַן עקספּעדיציע! — האָט מאָטל אַרויסגערעדט מיט אַזאַ דראַמאַטישער מינע, וואָס האָט, לויט זײַן פאַרשטעלונג, געדאַרפט גלײַך אַראָפּנעמען די פּראַגע פונעם טאָגסיידער.
— אין עקספּעדיציע?
— אין עקספּעדיציע!
ס'האָט זיך צונויפגעגאָסן איינעם אַנדרייס שטױנונג און זײַן וואָליעס שרעק. דערצו נאָך האָט כאַריטינאַ אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט און לוקיטש מיט שאַלעמען האָבן דערבײַ אַ קוק געטאָן איינער אַפן אַנדערן, אָנשטויסנדיק זיך, אַז דער איניען איז אַ סאַך טיפער, אַ סאַך ערגער. אַז ניט נאָר אין דער עקספּעדיציע גייט עס.
— אַף לאַנג? — האָט די מאַמע געפרעגט.
— אינגאַנצן אַף איין יאָר. — האָט מאַרינקע געפרווט באַרויִקן אַלעמען.
— גאָטעניו, אַף אַ גאַנץ יאָר!
— זאָגט איר, זאָגט איר, זי זאָל ניט פאָרן, זי זאָל זיך אָפּזאָגן.
— פון וואָס אָפּזאָגן זיך, פון וואָס אָפּזאָגן זיך? — מאַרינקע... ניט זי וויינט און ניט זי שרײַט, נאָר עס באַקומט זיך, אַז זי איז פול מיט טײַנעס, פול מיט גוואַלד צו אַלעמען, צו דער גאַנצער וועלט. — פון וואָס אָפּזאָגן זיך? פון אַלע מײַנע טרוימען, פון דעם, וואָס איז פאַר מיר... פון זיך אַליין זיך אָפּזאָגן?

א גאַנצער ערדקײַלעך, אַנגעשפּיקעוועט מיט שטעט און דערפער, מיט וואָקזאַלן און אַעראָפּאָרטן, מיט יאָגנדיקע צוגן, שווימענדיקע שיפן און פליִענדיקע אַעראָפּלאַנען. און מענטשן... מענטשן, וואָס טראָגן אַרום איבער דער ערד זייערע טרוימען און זייערע ווייטעקן, זייערע ליבעס און זייערע רויגעזן, און עס דרייט זיך, עס דרייט זיך אומענדלעך, עס יאָגט אין דער קאָסמישער אומבאַגרענעצקײַט א געמיש פון ליבע און ניט־ליבע, פון גליק און אומגליק, פון וואַרעמען פלאַטער און קאַלטן גרויל, פון אייביקע זוכענישן און אייביקע בענקענישן, וואָס דערגייען צו אונדז, צו אונדזער ערדישער אַטמאָספער, ווי מיליאַרדן ניט אויסגעפּאַרשטע טײַלכלעך, ווי א געמיש פון ניט־דעשיפרירטע קלאַנגען. און וואָס וועט דערגיין פון אונדז צו זיי, צו יענע ווײַטע ציוויליזאַציעס? וואָס וועט דערגיין צו זיי פון מיר אַליין, פון מײַנע איצטיקע גרימענישן, פון מײַן איצטיקן ווייטעק?

מאָטל איז אַליין געווען דערשטוינט דערפון, וואָס אים זײַנען באַפאַלן אַזעלכע מאָדנע קאָסמישע געדאַנקען. נאָר ווי האָט געקאָנט זײַן אַנדערש, ווען די נאַכט האָט געבלענדט מיט ניט קיין באַנאַכטיקער שײַן פון טויזנטער פײַערלעך, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם גלאַנציקן אַספאַלט פון ביידע זײַטן, ווען א לאַנגע ריי אויטאָמאָבילן האָבן מיט א סיפּעניש זיך געגליטשט איבערן וועג, געיאָגט, געיאָגט און ניט געקאָנט אַריבעריאָגן איינע די אַנדערע, בלויז וואָרע־נענדיק געפינטלט מיט די רויטע פײַערלעך, און באַנאַנד אין דער מאַשין איז געזעסן מאַ־רינקע, פול מיט רויגעז, וועלכער האָט אַרויסגעשפּריצט פון אירע ניט אויסגעוויינטע אויגן, פון איר פאַרטערערט פּנים און אַפילע פון איר מאַנטעלע, צו וועלכן ס'איז אַפילע שרעקלעך געווען צוריִרן זיך. ביידע אַזעלכע הייסע דיסקוטאַנטן, וואָס האָבן געקאָנט אַפּרעדן א נאַכט ביזן ערשטן האָנענקריי, האָבן ניט געפונען, וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן. אַפילע קיין איין וואָרט.

אַזוי זײַנען זיי אַרײַנגעקומען אינעם באַלויכטענעם קרײַז פונעם אַעראָפּאָרט, וואָס האָט געשראָקן און געצויגן צו זיך מיט זײַנע אַרויספליִ־פּלעצער — יענע פאַסיקלעך ערד, פונוואַ־נען ס'איז אַזוי נאָענט צום הימל, אַז דער מענטש אַליין פאַרלירט גלײַך זײַן ערדישקײַט, פאַרלירט דעם געפיל פון האַרטקײַט אונטער די פיס. און זי אַליין, מאַרינקע, איז שוין אויך אַזוי ערדיש־נאָענט, און ניט ערדיש־ווײַט. באַלד וועט זי א פאָכע טאָן מיט דער האַנט, מעגלעך, זי וועט נאָך עפּעס זאָגן דערבײַ, נאָר ער וועט שוין ניט הערן. און ער וועט ניט וויסן, צי איז אין אירע ווערטער געווען עפּעס פון יענעם רויגעז, צי האָט אין זיי א בליץ געטאָן א שטיקעלע האָפענונג...

— יעדער זאַך האָט זײַן אָנהייב און זײַן סאָף, — רעדט לוקיטש אַרויס מיט א שטילן זיפץ.

— מע קאָן אָבער קיינמאָל ניט וויסן, ווו איז דער אָנהייב און ווו איז דער סאָף. — ווי־דער שאַלעם מיט זײַן פילאָסאָפיע.

נאָר דאָס האָט שוין א שײַכעס צו עפּעס אַנדערש. טאַקע צו דעם כוטערל אַליין, צו דעם איינשטאָקיקן כוטערל אינמיטן דער גרויסער שטאָט, וואָס וועט אינגיכן אַראָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, און אַלע זײַנע אײַנוווינער וועלן זיך אַריבערקלײַבן אין א שפּאָגל־נײַעם פילשטאָקיקן מויער. עמעס, לוקיטש מיט שאַלעמען האָבן זיך אויסגעסטאַרעט, אַז זייערע דירעס זאָלן זײַן אויף איין שטאָק, א טיר לעבן א טיר, זיי זאָלן קאָנען, ווי פריִער, פאַרברענגען אַלע אָוונטן אינאיינעם. נאָר — עס בענקט זיך שוין. ניט נאָך יענער אַלטער אַקאַציע און נאָך יענע ווײַנשלבוימער פון זייער פאַרשווונדענעם שטעטל, נאָר נאָך זייער איצטיקן סעדל, וואָס זיי וועלן אויך דערמאָנען, ווי אַלע זייערע אַוועקגעפלויגענע יאָרן.

און דער דריטער דאָר? עס וועט קומען א צײַט, וועט ער אויך בענקען נאָך יענע ביימער און נאָך יענע נעכט. דערווײַל רעדט מען אַפילע ניט דערפון. שוין אָפּגערעדט פון מאָטלען אַליין. בלויז שאַלעם, ווען מען עס טוט זייער ווי דאָס האַרץ פאַר זײַן אייניקל, טוט אַמאָל א פרעג בא לוקיטשן, ווען מען דאָס האַרץ טוט ווי ניט ווייניקער:

— זי שרײַבט עפּעס, מאַרינקע?

— יאָ, זי שרײַבט. זיי האָבן דאָרט אויסגעגראָבן עפּעס א שאַרבן, אַזאַ שאַרבן, שרײַבט זי...

מאָזי קאָבריאַנסקי

• זײַ געזונט, מאַמע! •

בא אײדין אין שטוב איז שוין נאכט. ס'איז שטיל, בלויז צײַטנווײַז הערט מען, ווי עס הוסט דער קווארטיראַנט. פונדערווײַטנס דער־גײט אהער דער גערויש פון דער וועבער־פאַבריק, דעריקער, ווען עס טוען זיך דאָרט אָן עפן די ברייטע טירן.

אײדיס קלײן קערפּערל באַוועגט זיך, ווי אַן אומרו. פון אײן פענצטער צום אַנדערן. בא די שכײנים לײַכט זיך נאָך. בלויז אין זײערע הײַזער, ווו מע קאָכט און ווו מע עסט בא די טעלעוויזאָרס, זײַנען די פענצטער טונקל.

דער קווארטיראַנט הײבט אָן שטאַרקער הוסטן, און זי, די באַלעבאָסטע, קאָן עס ניט לײַדן. אַן אַנדערן וואָלט זי אַרויסגעמעשאַלײַעכט פון שטוב אָן אַ זײַ־געזונט, נאָר דער איז דאָך פּאַרט אַ יונג ייִנגל — ער איז אַרומגעלאָפן, דערשוויצט געוואָרן און זיך צוגעקילט. מאָרגן וועט זי אים געבן אַ הײסע גלאָז טײ מיט מאַלינעס, וועט אַלץ דורכגײן.

בא אײדין האָבן שוין געוווינט קווארטיראַנטן פון אַלערלײ מינים. אַז עס קומט אַ יונגער ספּעציאַליסט אַף דער וועבער־פאַבריק, צי אַ דאָקטערשע קומט אַף אַרבעט אין שפּיטאָל, איז אײדער זײ באַקומען אַ דירע, וווינען זײ בא אײדין.

די שטוב — דרײַ צימערן מיט אַ קיך. ניט אַלעמען נעמט אַרײַן די באַלעבאָסטע, אַבי וועמען לאָזט זי ניט צו. ס'איז געווען, זי זאָל נאָר אַ קוק געבן אַפן מענטשן מיט אירע דורכדרינגלעכע אויגן, ווײסט זי שוין, וואָס זי האָט צו טאָן: איבערלאָזן צי אָפּזאָגן.

אײדי איז שוין אין די יאָרן. אַמאָל איז זי געווען אַ ווײַבעלע אַ יאַדערל. ניט קײן וווק־סיקע, נאָר אַ שטײַף פּאַרקנאָטענע און אַ פלינקע. דערצו אַ באַלעבאָסטע אײנע אין דער וועלט. מע פלעגט זאָגן, אַז מע דאַרף וויסן, צי זאָל מען אַרײַנגײן צו איר אין שטוב מיט דער רעכטער פוס צי מיט דער לינקער. אײדי האָט ניט אַזוי געפּוצט זיך, ווי זי האָט אַלץ געטאָן, סע זאָל פון איר שמעקן, זי פלעגט זיך אָנטאָן אַזוי, מע זאָל זען אירע קײנעוודיקע אײוורימלעך, עס זאָל, כאַלילע, גאָרניט אַרויסשרײַען, נאָר אַלץ, וואָס מע דאַרף, זאָל געבן צו וויסן וועגן זיך. אײדי איז געווען אַ בוכהאַלטער אַף דער וועבער־פאַבריק, און זי האָט טאַקע געקאָנט לערנען מיט איר הויזגעזינד, וויפל צווײ מאָל צווײ איז. לײזער, דער מאַן אירער, אָלעוו־האַשאָלעם, וואָס איז געווען דער מעכאַניקער בא די סעלפאַקטאָרס, איז געגאַנגען בא איר אין שפּאַן, געדרײט זיך, ווי אַ כאַנעקע־דרײדל. די קלײנע באַלעבאָסטיטשקע האָט געטראָגן דעם קאָפּ פאַרהויבן, מיט אַ שטעל פון אַ זיגערן. זי האָט געוווסט, וועמען מע דאַרף זאָגן ניט אַזוי גײַסטר, ניט אַזוי שטײסטו. אַמאָל האָט מען זי גערופן אײדעלע מיטן סטאָך. איצט איז זי געבליבן אײנע אַלײן אין דער גרויסער שטוב. דער עלטערער זון, אוורעמעלע, איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, לײזערן האָט זי באַגראָבן אַף אוראַל. אַדאַנק גאָט, וואָס דער מיזיניק איז געקומען פון דער מילכאָמע אַ גאַנצער, אָבער ער, אַנשעלע, קאָן ניט אײַנ־זיצן אין דער הײם. אים שטעכט דער האָבער. פּאָרט אַרום איבער דער וועלט. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט זי באַקומען אַ בריוועלע פונעם זון, ווו ער שרײַבט, אַז אײניקן וועט ער קומען אַף שטענדיק. פון דעמלט אָן איז אײדי פאָטער געוואָרן ניט נאָר פונעם שלאָף, נאָר פון דער רו אויך, וואָלט ער כאָטש אָנגעשריבן, ווען וועט דאָס זײַן דער אײניקן.

די פּאָטשט האָט ווידער געבראַכט אין שטוב דעם פּופּיקער, וואָס אַנשעלע שיקט אַרויס יעדן כודעש, איז עס אַ סימען, אַז דאָס קומען לײגט זיך ווידער אָפּ. ס'איז שוין אַזוי אַדורך אַ צען יאָר, און זי האַלט אין אײן וואַרטן. אַלע מאָל פלעגן גײן בריוועלעך פון פאַרשײדענע מעקוימעס. אָט איז ער אין מאַגאַדאַן, אָט איז ער אין טאָמסק. עמעס, אַנשעלע האָט שטענדיק געגעבן אָנצוהערן, אַז אים מיט זײַנע כעוורע עקסקאַוואַטאָרשטשיקעס און בולדאָזעריסטן וואַרפט מען איבער אַהין, ווו עס הײבט זיך אָן אַ נײַע בויונג און זי, די מאַמע, דאַרף וואַרטן, דאַרף אַלץ אויסשטײן.

דער מיזיניק איז פון קליינוויַז אָן געווען מיט א ווינטעלע אין קאָפּ, ער האָט נאָך מיטן טאַטן געלערנט א קאַפּיטל אקשאָנעס, און זי, די שטרענגע מאמע, האָט אַנשעלען אלץ נאָכגעגעבן. ווײַטער פון די זיבן קלאסן האָט ער ניט געוואָלט זיך לערנען. ס׳איז איר אָנגעקומען גאָרניט גרינג אים אײַנרעדן, ער זאָל אָנהייבן מיטן טאַטן ארבעטן בא די סעלפאקטאָרס, א מעכאַניקער איז ניט קיין שלעכטע מעלאָכע, נאָר אין קנאַפּע צוויי יאָר ארום האָט זיך אַנשעלען פארגלוסט ווערן א שאָפער. אים געפעלט ניט, אז מע דארף שטיין, זיצן בא דער טעכניק און ווארטן, ביז עס וועט עפעס קאַליע ווערן. קיינעם האָט גאָרניט געהאָלפן, אַנשעלע איז אוועקגעפאָרן אין שטאָט זיך לערנען אף שאָפער־קורסן.

אין א צײַט ארום, אין א שיינעם זומערדיקן אָוונט, ווען די מיידלעך פון דער וועבערפאבריק גייען ארויס זיך דורכלופטערן, האָט אף דער וואַראָשילאָוו־גאס זיך ארײַנגעריסן א מאָטאָציקל מיט אזא געוויי, מיט אזא געהודעניש, אז די מיידלעך האָבן זיך צעפּאָלאָכעט, דערשראָקן אף טויט, געוואָלט זיך לאָזן לויפן, וווהין די אויגן טראָגן. נאָר פּלוצעם איז דער שעד שטיין געבליבן, ווי אָן אײַנגעגראָבענער. נאָך דעם מוירעדיקן געפילדער איז אף דער גאס געוואָרן שטיל — א מעכײַע.

פונעם זאָטעלע איז ארויפגעשפרונגען א ווּוּקסיקער באָכער, צעשפרייט זײַנע הויכע פיס, אף וועלכע עס זײַנען געווען אָנגעטאָן א פּאָר בליאסקענדיקע כראָמעווע שטיוועלעך, און האָט גענומען אראָפּשלעפן די לאַנגע הענטשקעס פון די הענט, דערבײַ האָט מען געהערט, ווי די שווארצע לעדערנע טוזשורקע, וואָס איז ווי אויסגעגאָסן געווען אף די שטײַפע אקסלען, אף דער ברוסט, האָט געשמאַק אונטערגעסקריפּעט. כאָטש דעמלט איז א מאָטאָציקל אין ייִשעוו שוין פון לאַנג ניט געווען קיין כאריפעס, נאָר דאָס דרימפּלען און דאָס ניקעלירטע טרומייטעלע מיט דער גומענער באַר, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צום רודער, האָט געמאַכט אָן אײַנדרוק.

אז דער מאָטאָציקליסט האָט אראָפּגענומען די קאַסקע פון קאָפּ און די ברילן פון די אויגן, האָבן אלע דערקענט אַנשעלען. ס׳איז געוואָרן א רעדל ארום דעם רײַט־וועגעלע און דעם מאָטאָציקליסט — מע איז נײַגעריק געווען באטראַכטן אַנשלס בלענדנדיקן אויסזען. ווען מע זאָל געווען דעמלט גוט זיך צוקוקן, וואָלט מען אָנגעציילט א היפּש ביסל זשעדנע מיידלשע אויגן, וואָס האָבן פונדערווײַטן נאָכגעשפּירט, מאמעש זיך געשפּיגלט אינעם שלאַנקן שיינעם באָכער, וואָס האָט געטיילט פּאַפּיראָסן און אליין גערייכערט, ארויסשטויסנדיק פון מויל בלווילעכע רינגעלעך רויך.

אף מאָרגן איז מען געקומען דערציילן איידין א מײַסע, אז איר זון האָט זיך גענומען שפּילן מיטן מאלעך־האַמאָוועס. ער לערנט זיך פאָרן אף די ווענט פון א גרויסער „דייזשקע". דאָס איז אזא אטראקציאָן. מע וועט קומען קוקן אף בילעטן. א פּארנאָסע א פײַנע, נאָר א געפערלעכע, ווײַל אויב אַנשעלע וועט זיך אָפּרײַסן פון דער הייך, וועט מען אפילע די ביינער זײַנע ניט קאָנען צונויפקלײַבן. אף אַנשעלען האָט מען אויסגעטראַכט, וואָס איר ווילט — מײַסעס, וואָס ניט געשטויגן און ניט געפלויגן...

נאָך דער מילכאָמע האָט דער באָכער ניט געקאָנט אײַנזיצן אף קיין אָרט, ווי נאָר ער האָט אָפּגערעמאָנטירט די שטוב — איז זײַ געזונט, מאמע!

אין א צײַט ארום איז דער מיזיניק געקומען צוגאַסט אהיים. ס׳איז מאמעש געוואָרן ליכטיקער אין שטוב. זי, די מאמע, האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָנשפּיגלען אין אים — פּאָרט אָן אנטיק א באָכער. ס׳איז שוין צײַט, ער זאָל כאַסענע האָבן. ווען זי האָט דעמלט געוואָלט אים פאַרטשעפּען מיט א וואָרט, האָט ער א ווונק געגעבן צו איר מיט זײַנע ליכטיקע אויגן, זי ארומגענומען און אפּן אויער אײַנגערוימט איר א סאָד, אז ער האָט באַגעגנט א מיידעלע, איז זי רײַנער פון א טראָפּנדל טוי. זי וווינט בישכיינעס מיט דער בעקערײַ, ווו ער ארבעט.

דעמלט האָט אַנשעלע ניט דערציילט דער מאַמען וועגן דעם, אז ווען דאָס מיידעלע גייט דורך פארבײַ, קוקט זי אפילע ניט אין זײַן זײַט. שפּרײַזט לײַכט מיט אירע שלאַנקע פיס, כאָטש אף זיי שטעקן א פּאָר שווערע גייערס מיט דיקע נעזער — א פּאַסאָן פון דער באָבעס צײַטן. דערפאַר האָט דאָס כאַקי־קליידעלע מאמעש געזונגען אף איר. דאָס דאָזיקע קינדעלע קאָן זיך באַגיין אָן זײַד און אָן סאַמעט. אונטער דעם פּאָשעטן ציצן קאָפּטעלע מיט די ראָזעווע קוויטעלעך און גרינע ארבעסלעך האָט מען געזען און בעכוש געפילט, ווי יעדער אייווערל אירס שפּילט. דאָס בינטל בלאָנדע געלאָקטע האָר, וואָס פלעגט מאמעש אָטעמען אף איר גלײַכער שמאָלינקער פּלייצע, איז ניט איין מאָל אים געקומען צו כאָלעם.

אַנשעלע האָט מוירע געהאַט אָפּשטעקן איר א וויזיט, ווי ער טוט עס אף איין פוס מיט אנדערע מיידלעך. דאָס דאָזיקע אנטיקעלע, דארף מען פארשטיין, איז א ציכטיק טעכטערל — קוק אף דעם און טשעפּע עס ניט.

איינמאָל, ליגנדיק אונטערן מאָטאָציקל, האָט ער באמערקט, ווי אירע פיסעלעך, אָנגע־טאָנענע אין לאַדאָטשקעס אף הויכע קנאַפל, שפּאַנען גראַציעז אף די שפּיץ־פינגער, ווי זי וואָלט געמאָסטן יעדן טראָט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז זי טוט עס אומיסטן, קעדיי צי׳ען פון אים די אָדערן. ער איז ארויס פון אונטער דער מאשין, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב, איינגעטונקט די הענט אין עמער בענזין, אין וועלכן עס האָבן זיך געשווענקט דע־טאלן, ארויסגעשלעפּט פון דער קאָמבינעזאָן־קעשענע א זשמעניע פּאקליע, געגומען ווישן די הענט און געלאָזט זיך גיין צום גאנעקל, ווו זי איז געשטאנען. לעם ערשטן טרעפּל איז ער פארגליווערט געוואָרן, פארהויבן דעם קאָפּ אף ארוף, ניט פילנדיק, ווי די פארשמאָלצע־וועטע פּילאָטקע איז אראָפּגעפאלן אף דער ערד.

אזיווי ניט אומיסטן, האָט זיך פון איר מײַלעכל ארויסגעקײַקלט א געלעכטער, באוויײַזנ־דיק די ווײַסע ציין, וואָס האָבן אזש געבלענדט. וואָס לאכט זי עס, פארשטייט ער ניט, וואָס איז זי אזוי פארפלאָמט? אך, ווי שיין עס האָט זיך דער הויכער האלדז אירער געבויגן און אויסגעצויגן, ווען זי האָט דעם קאָפּ פארוואָרפן! א דערשטוינטער, האָט ער געוואָלט זיך אופהייבן נאָך אף איין טרעפּל, נאָר אין דער רעגע האָט זי אופגעהערט צו לאכן. די הייסע ליפּעלעך אירע האָבן זיך אָנגעבלאָזן. די גרויסע גרויע אויגן — פארזשמורעט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אָט באלד וועט זי א טופּע טאָן מיט א פוס, ער זאָל ניט וואגן גיין ווײַטער. ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן, האָט ער, פּלאָנטערנדיק מיט דער צונג, געבעטן, זי זאָל אים ארויס־טראָגן א טרונק וואסער. אָפּמעסטנדיק אים מיט א נאכלעסיקן בליק, האָט זי זיך אויסגע־קערעוועט און איז ניט געסטײַעט. אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך ווידעראמאָל באוויזן אפן גאנעקל. ווי זי וואָלט מוירע געהאט זיך דערנעענטערן צו אים, האָט זי אויסגעשטרעקט די האנט מיטן קווערטל וואסער.

ער האָט אזא קאלט געשמאק וואסער קיינמאָל ניט געטרונקען. פונעם פרישן געטראנק איז ער דרייסטער געוואָרן, העפלעך איר אָפּגעדאנקט, נאָר דאָס קווערטל איר ניט אומגעקערט:

— ווי רופט מען אײַך? — האָט ער פאָרזיכטיק ארויסגעשטאמלט.

— איר מוזט עס נייטיק וויסן? — האָט זי אָנגעכמורעט די גאָלדענע ברעמען אירע. זי איז פון דער הויט געקראָכן, קעדיי ווײַזן, ווי בייז און שטרענג זי איז, נאָר סײַווי האָט איר ניט געהאָלפן, דער גאנצער וועזן אירער איז געווען מילד, גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן. איר שטים וואָלט ער דערקענט צווישן הונדערטער.

— באסיוטע רופט מען מיך! — האָט זי פּלוצעם אויסגערופן און איז אראָפּ צו אים צונעמען דאָס קווערטל. עס האָט פון איר א ווייע געטאָן מיט דער פרישער באטאמטער וואסער.

דעמלט איז פאָרגעקומען זייער באקאנטשאַפט.

א צווייט מאָל, קומענדיק אהיים, איז אנשעלע געווען אפן זיבעטן הימל. ער האָט צוגע־זאָגט, אז אינגיכן וועט ער באסיוטען ברענגען אין שטוב, די מאמע זאָל זיך מיט איר באקענען.

אײַדי האָט אזוי געוואָרט אף זיי. שיינע כאלוימעס האָבן זיך איר געכאָלעמט, ציכטיקע טרוימען האָבן זיך געוועבט אין קאָפּ: אן אייניקל האָט זי געניאנטשעט, ניט שלאָפנדיק דורך די נעכט.

ערשט צו הארבסט־צו איז אנשעלע ארײַנגעפאלן אין שטוב אײנער אליין. ווער מיר מיידל, וואָס מיר באסיוטע. ער האָט אפילע איר נאָמען ניט דערמאָנט. געקומען איז ער זיך געזעגענען, ער פאָרט אין די ווײַטע מעקוימעס אף ארבעט. דאָרט פארדינט מען גוט. און מע נייטיקט זיך אין שאָפערן. ער האָט דער מאמען א פּאָר ווארעמע שיך געבראכט, א מאנטל, געלט איבערגעלאָזט, איר אָנגעזאָגט, זי זאָל זיך ניט זאָרגן. אף לעבן וועט ער איר צושיקן. און זײַ געזונט, מאמע!

פון דעמלט אָן וואנדערט ער פון איין בוווּנג אף אן אנדערער, כאפּט זיך אראָפּ אהיים אף א פּאָר טעג, ווען ער פאָרט אין אורלויב. אָבער איר, דער מאמען, טוט וויי דאָס הארץ. ביזוואנען וועט ער זײַן איינער אליין?

פארצווייאָרן, ווען ער איז נאָך א היפּשן איבעררײַס געקומען, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז דער זון האָט דאָס ווינטעלע פון קאָפּ איבערגעלאָזט דאָרטן, אין די ווײַטע מעקוימעס. קנייטשעלעך האָבן זיך באוויזן אפן שטערן. ווען זי האָט דערזען די זילבערנע פעדעם אין זײַן שיינעם קאָפּ האָר, איז איר געוואָרן א לאָך אין הארצן. דעמלט טאקע האָט זי זיך אנידערגעזעצט באם טיש און גערעדט מיט אים אָפענע דיבורים: זי האָט אים געזאָגט, אז ער איז שוין ניט קיין באָכערל, אים איז שוין גאָרניט ווײַט צו די פערציק און ער איז נאָך אלץ אליין. ביזוואנען איז דער שיר?

ער איז געזעסן און געשמייכלט, זײַנע ברוינע וואַרעמע אויגן האָבן אַף איר געקוקט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי אין זײַ דערזען אַ טרויער־העזעלע, עפּעס טוט אים ווי. אַזוי ווי ער איז געזעסן, האָט ער זיך צוגערוקט נענטער צום טיש, אַרײַנגענומען אין זײַנע גרויסע הענט די קליינע דאַרע הענטעלעך אירע, געגלעט זיי, געוואָרעמט, ווי עס וואָלט אַ פּראָסט געווען אין דרויסן. בײַסמײַסע האָט זי באַמערקט, ווי עפּעס אַ קנויל האָט ער אַראָפּגעשלונ־גען, און ווערליק די יאַדערדיקע אַקסלען זײַנע האָבן פֿון דער גרינג געגומען זיך טרייסלען, איז קענטיק געווען, אַז דאָס ביטערע געלעכטערל זײַנס גייט פֿון די טיפֿע טיפֿענישן. געערעדט האָט ער האַפּערדיק, מיט אַ ניגנדל פֿון ניט געדײַגעט. ער האָט געבעטן, די מאַמע זאָל זיך ניט זאָרגן. ער איז ניט אַליין און איז מיט קיינעם ניט. ער האָט געטרײַע כאַווירים, מע איז איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן און מע איז שטענדיק אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט, אַז ס'איז קיין צײַט ניטאָ זיך צוהערן צו דער איינזאַמקײַט.

איידי טוט אַ לעצטן קוק אין דרויסן, נעמט פֿאַרמאַכן דאָס פֿענצטער, ווי זי וואָלט ניט וועלן אַרײַנלאָזן די לעוואָנע, וואָס קוקט שוין אַרײַן אין שטוב. דערווײַל דערזעט זי, ווי דאָס געזיכט אירס, דאָס קובליקל שפּיגלט זיך אין טאַפּליע, דער קוואַרטיראַנט האָט אַנומלטן גע־זאָגט, אַז בײַ איר אַפֿן שפּיץ קאָפּ זיצט דאָס קובליקל, ווי אַ פֿייגעלע נאָך אַ רעגן. אַ האָזע פֿון אַ קונדעס. זי, איידי, וווּנדערט זיך, וויאַזוי איז איר דעמלט אײַנגעפֿאַלן נעמען אַף זיך אַזאַ קלאַפּאָט און האַלטן אַף קוואַרטיר דעם דאָזיקן מאַזיק. דאָס איז די מאַמע זײַנע שולדיק געווען, זי איז איר, איידין, שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

יענע איז דאָך אַרײַן אין שטוב, ווי אַן אייגענער מענטש, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם לײַכטן מאַנטל, אַ נײַיג געטאָן דעם קאָפּ, זיך באַגריסט, הייסט עס, און אַ פֿיר געטאָן מיט די אויגן, אין וועלכע עס האָבן געבליאַסקעט די אָפּגעשפּיגלטע טאַפּליעס פֿון די פֿענצטער. און מיטאַמאָל איז היימלעך געוואָרן אין שטוב.

אַז יענע האָט געפֿונען, ווו אופֿצוהענגען דאָס בעגעדל אירס, איז, כאָטש זי איז געווען וואָגיק און פּולבלעך אַ ביסל, דאָך האָט זי געגומען שפּאַנען לײַכט און רירעוודיק, ווי אַ מיידעלע. ווען זי איז צוגעגאַן צום טיש, האָט זי אופֿגעהויבן אַ פּאָר שיינע עטוואָס פֿאַר־ברוינטע נאַקעטע הענט, געגומען פֿאַריכטן די שווערע קרוין גאָלדענע האָר, דערבײַ האָט זי געכאַפּט אַ קוק צום ייִנגל, וואָס איז געבליבן שטיין בײַ דער שוועל, און טייקעף זיך אַנידערגעזעצט לעם טיש. איידי איז מעוווּלוול געוואָרן. פֿון דער געקומענער האָט געשמעקט מיט פֿרישקײַט. דער כיין האָט געשפּאַרט פֿון אַלע אירע איבורים. אַפֿן פּאָנעם שטייט מאַמעש אָנגעשריבן — האָב מיך ליב.

יענע האָט גלײַך געמאָלדן, אַז זי הייסט אַסיע, זי איז אַ פֿעלדשערקע, מע האָט זי אַף אַ ווינטער געשיקט אין מאַוטשונער מעדפּונקט. אין דאָרף איז דערווײַל פֿאַראַן בלויז זעקס קלאַסן, און איר זון איז שוין אַריבערגעגאַן אין זיבעטן. דאַרף מען דאָך פֿאַרשטיין, אַז אים, דעם שילער, וועט זײַן שווער אַסיען אין די בלאָטעס, ווינטער אין די זאַווערוכעס לויפֿן פֿון מאַוטשון אין שול אַרײַן, נאָכדעם שפּאַנען צוריק אין דאָרף, דעריבער איז זי געקומען בעטן איידי דאַווידאָוונע, זי זאָל זײַן אַף אַזויפֿיל גוט, און נעמען אַף קוואַרטיר איר סאַמויִלן. ער איז אַזאַ ייִנגל, וואָס פֿאָלגט און טוט אַלץ, וואָס מע הייסט אים. ער איז פֿון קליינווײַז אָן געוווינט אַליין זיך באַדינען, פּאַרקערט, ער פֿלעגט איר, דער מאַמען, העלפֿן אין דער שטוב־אַרבעט. בײַס אַסיע האָט גערעדט, האָבן די לאַנגע פֿינגער אירע אויסגעגלײַכט און צוגעגלעט אַלע קנייטשעלעך אַפֿן טישטעך, ס'איז קענטיק, אַז אַפֿילע די הענט אירע קאָנען ניט לײַדן, ווען עפּעס איז קרום.

איידי האָט אַ קוק געטאָן אַפֿן באָכערל, וואָס איז אַלץ געשטאַנען בײַ דער שוועל. ער זעט אויס צו זײַן אַ פֿאַרזעעניש, נאָר ווערליק ער האַלט גאַדלעסדיק פֿאַרהויבן דעם קאָפּ, וואָס איז אַקוראַט פֿאַרקעמט מיט אַ גלײַך שרונטעלע בײַ דער זײַט, דאַרף מען פֿאַרשטיין, אַז ער איז ווײַט־ווײַט ניט קיין לעמעלע. וועהאַרײַע, אַז מע האָט אָפּגערעדט און אַסיע איז אַ צופֿרידענע אַוועקגעגאַן, איז בײַ אים דאָס פּענעמל בייזן געוואָרן, דאָס פֿלייצעלע אײַנגע־שרומפּן, ווי מע וואָלט דעם אויוון אַף די אַקסל אים אַרופֿגעוואַלגערט. ווײַזט אויס, דעמלט איז סאַמויִלן ניט שטאַרק פֿריילעך געווען אַפֿן האַרצן, און זי, די אַלטע כאַכאַמע, האָט גענומען אים טרייסטן, ריידן נאַרישע רייד.

ער איז געשטאַנען באַם פֿענצטער, אַרויסגעקוקט אין הויף. וואָס ער האָט דאָרטן געזען, ווייסט זי ניט, נאָר דערהערנדיק, ווי זי פּלוידערט, האָט ער לאַנגזאַם זיך אויסגעקערעוועט

צו איר, אַרײַנגערוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, און אַ ווײַלע באַטראַכט די באַלעבאָסטע מיט זײַנע טיפֿע כיטרע אויגן:

— איידי דאַווידאָווונאַ, — האָט ער רויק געזאָגט, — מע דאַרף ניט, איך בין דאָך ניט קיין קליינינקער.

געהערט אַ לאַשן פֿון אַ ייִנגעלע. וואָס וועט פֿאַלגן, טאָן אַלץ, וואָס מע וועט אים הייסן! אויב אַזוי, וועט זי לאַנג ניט וואַרטן און טאַקע מאָרגן איבערגעבן דער מאַמע זײַנער, אַז זי, איידי, האָט קיין קויעך ניט. ס'איז פֿאַר איר שווער האָבן צו טאָן מיט אַזאַ קוואַרטיראַנט.

די באַלעבאָסטע האָט באַשטימט אַפֿילו ניט קוקן אין זײַן זײַט. אַזוי האָבן די אייגענע קינדער ניט גערעדט מיט איר. זי וואַרפֿט אַ בליק מיט איין אויג, זי זעט, ווי דאָס פּעפּערל טראָגט אַרויס די גומענע שטיוועלעך אין פּירהויז. ווען איז עס אויסגעוואַקסן אין זײַנע יאַדאַימלעך אַ הענגערל אַף אופֿצוהענגען דאָס ציכטיקע פּידזשאַקעלע, ווייסט זי ניט. מע קאָן מיינען, אַז די הענט זײַנען בא אים פֿון אַ קונצנמאַכער.

אַז ער האָט דאָס הענגערל מיטן פּידזשאַקעלע באַשטאַט אַף אַ ווענטל פֿון אַ בענקל, האָט ער פּאַרזיכטיק זיך געווענדט צו איר, צו זײַן באַלעבאָסטע, הייסט עס:

— איידי דאַווידאָווונאַ, איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן אַ מעשׂה...

עס האָט זיך איר געוואָלט אים אָפּענטפֿערן מיט אַ פּאָר ווערטער, עס זאָל זיך אים איבערגלוסטן צו דערציילן פֿון ניט געשטויגן און ניט געפֿלויגן, נאָר זײַנע טיפֿע אויגן האָבן בעטנדיק אַ קוק געגעבן אַף איר אַזוי, אַז דאָס האַרץ איז איר אײַנגעפֿאַלן. פּונקט אַזוי פֿלעג קוקן איר עלטערער זון, אוורעמעלע, ווען ער האָט געבעטן, מע זאָל זיך אַף אים ניט בייזערן. דאָס מאָל האָט איידי פּאַרשוויגן און צווישן יאָ און ניין אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. מאַסקים, הייסט עס. ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, ווי איינע אַ באָבע פֿון אַ ווײַטן כוטאָר האָט פּאַרלוירן איר אייניקל, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר דרײַצן. ניט געסטײַעט איז דער יאַט — און שוין. די באָבע איז טאָג־ווי־נאַכט אַרומגעגאַנגען, געבלאָנדזשעט איבער פֿעלדער און וועלדער, געקראָכן אַף הויכע בערג און אים ניט געפֿונען. די אַלטיטשקע האָט אויסגעוויינט די אויגן, נאָר וואָס האָט זי, נעבעך, געקאָנט טאָן?

אין יאָרן אַרום, ווען די באָבע איז שוין שטאַרק אַלט געוואָרן, ניט געקאָנט ברענגען קיין עמער וואַסער פֿון דער קרעניצע, קיין קויעך ניט געהאַט קלײַבן צווײַגן אין וואַלד אַף אויס־הייצן דעם אויוון, איז אין איינעם אַ שיינעם פֿרימאָרגן דער כוטאָר אופֿגעטרייסלט געוואָרן פֿון אַ גוואַלדיקער נײַס. אין אַעראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער לאָנקע, אַ פֿליער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער קאַבינע און געלאָזט זיך גיין צום געסל, ווו די אַלטיטשקע האָט געוווינט. דער פֿליִער איז אַרײַן אין שטיבל, זיך אָנידערגעשטעלט אַף דער שוועל און מיט אַ שמייכל געפֿרעגט:

— באָבע, דו דערקענסט מיך ניט?

איידי האָט גענומען ברעכן די פֿינגער און אונטערכליפּען. דער באָכער האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿונעם בענקל און געוואָרנט די באַלעבאָסטע, — אויב אַזוי, וועל איך קיין וואָרט ניט אויסריידן.

אַן אַנדער ברײרע האָט זי געהאַט, איידי? זי האָט אויסגעווישט די אויגן און צוגעזאָגט, אַז זי וועט זײַן שטיל, ניט כליפּען און ניט ברעכן די פֿינגער. האָט ער גענומען ווײַטער דערציילן: וויאַזוי די באָבע האָט אַרומגענומען דעם אייניק אירן און וויאַזוי דער פֿליִער האָט געקושט די אַלטיטשקע. דעם דערציילער האָט שוין מער ניט געאַרט, וואָס זי, איידי, האָט נאָכאַמאָל געלאָזט אַ טרער.

אַף מאָרגן, קאַיאַר איז דאָס געווען, האָט איידי דערהערט, ווי דער כעוורעמאַן איז אופֿ־געשטאַנען און איז אַף די שפּיץ פֿינגער אַרויס אין דרויסן. ניט לאַנג געטראַכט, איז זי אַראָפּ צום פֿענצטער. זי זעט, ווי דאָס ייִנגל, אַ האַלב־נאַקעטער, מאַכט מיט די הענט, שפּרינגט אונטער, בייגט זיך און ברעכט דאָס קערפּערל — הויט און ביין, נעבעך — פֿאַרשטייט זי, אַז ער מאַכט גימנאַסטיקע. אוורעמעלע, אים צו לענגערע יאָר, איז אויך אַזוי געשפּרונגען און זיך געבויגן. זאָל ער, ווען מען דאַרף עס אַרן. שפּעטער, ליגנדיק אָפֿן געלעגער, האָט זי דערהערט, ווי דער בעזעם שאַרט זיך אַרום איבערן הויף, קערט אַהער און אַהין. אַ ווײַטעק איז מיר ניט, וואָס טוט ער דאָרטן? ביז זי האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון בעט, אויסגעקרעכצט זיך, האָט דער כעוורעמאַן געבראַכט צוויי עמער וואַסער פֿון דער קאָלאָנקע און אַרײַנגעגאָסן אין דייזשקעלע.

איידי האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, נאָר דעם דרינגענדיקן געשפּרעך מיטן קוואַרטי־ראַנטס מאַמען האָט זי אָפּגעלייגט. וואָסי, סע ברענט בא איר? פֿאַר דער מעשׂה אַליין קומט אים אַ קניפּ אין בעקל. אַז ער איז פֿאַרט אוורעמעלע מיט די ביינער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער יאַט גענומען מיט אײדין לערנען, װיפֿל איז צװײ מאָל צװײ. ער האָט איר אָנגעהױבן אױסרעכענען, װאָס זי מעג טאָן און װאָס זי טאָר ניט.

דער ערשטער טנאַי איז געװען, אַז פֿון הײַנט אָן איז איר שטרענג פֿאַרבאָטן צורירן זיך אַפֿילע צו אַ לײדיקן עמער, ביפֿראַט הױלעכן צו דער קאָלאָנקע. זי דאַרף װיסן בלױז: קאָכן װאַרמעס, גרײטן אָנבײַסן און װעטשערע. ער װעט דערלאַנגען צום טיש, װאַשן דאָס געפֿעס. אין קײן אײַצעס, זאָל זי װיסן, נײטיקט ער זיך ניט און קײן שום קאַשעס דאַרף זי אים ניט שטעלן, אױב עס װעט אױסקומען, אַז ער װעט זײַן אין אַ פֿאַרלעגנהײַט — װעט ער באַ איר פֿרעגן. װען ער װעט גרײטן די לימודים, מוז זי זיצן שטיל. נאָך בעסער װאָלט געװען, זי זאָל נאָכן װאַרמעס זיך צולײגן און כאַפּן אַ דרעמל אָף אַ שאָ צװײ־דרײַ, אָדער גײן שפּאַצירן אָף דער פֿרישער לופֿט. פֿאַר עלטערע מענטשן איז דאָס ביז גאָר נײטיק. אַזױ זאָגט די מאַמע זײַנע.

װוּ איז דאָס געהערט געװאָרן, אַז אַ קװאַרטיראַנט זאָל זיך שאַפֿן און קאָמאַנדעװען מיט אַ באַלעבאָסטע?

דאָס איז געװען פֿון אָנהײב. פֿאַרן װינטער איז זי צו אים אַזױ צוגעװױנט געװאָרן, אַז זי װײסט ניט, װי זי װעט זיך קאָנען מיט אים צעשײדן. אין אַ װאָכן צװײ אַרום פֿאָרט ער אַװעק מיט דער מאַמען צום שװאַרצן יאַם.

שפּעט אין אָװנט. דורך די אָפֿענע פֿענצטער כאַפּט זיך אַרײַן אַ מעכײַעדיק װינטעלע, טוט אַ נישטער אין יעדן װינקל און סטײַעט ניט. עס פֿילט זיך, אַז די שטוב איז לײדיק געװאָרן. אײדי זיצט אַלײן באַם טיש. ס׳איז די צײַט פֿון טרינקען טײ, נאָר עס איז ניטאָ, װער סע זאָל דערלאַנגען. צוליב זיך אַלײן װילט זיך איר גאָרנישט ניט טאָן.

אײדי הײבט זיך אױף פֿון בענקל, לאָזט זיך גײן. װוּהין — װײסט זי ניט. עס טראָגט זי אַרײַן אין אַלקערל, דאָרטן איז פּוסט. קײנער ניטאָ. טוט זי זיך אַ דרײ, און גײט אַרױס צוריק, דאָס קובליקל איז װי אײַנגעשרומפּן געװאָרן, פּונקט װי דעם פֿײגעלע איז קאַלט געװען צו זיצן אױפֿן שפּיץ קאָפּ.

באַ אַסיען האָט זיך אָנגעצונדן דער טײַך, טוט אַ קלער אײדי. מיט גװאַלד געפּױעלט באַם דירעקטאָר פֿון דער היגער שול, ער זאָל דערלױבן דעם ייִנגל אָפּריער אָפּגעבן די עקזאַמענעס. און אױב זי װעט אַרױספֿאָרן שפּעטער, װעט זי עפּעס אָנװערן? עס װאָלט גוט געװען, װען אַנשעלע טרעפֿט זײ דאָ. אַזאַ, װי אַסיע, װאָלט אים געפֿעלן געװאָרן, און דעם קונדעס װאָלט זי, אײדי, זיך איבערגעלאָזט.

דער אַעראָװאָקזאַל איז פֿול מיט פּאַסאַזשירן. די רײסן אָף מאָסקװע לײגן זיך אַלץ אָפּ. פֿרילינג־צײַט אַרױסרײַסן זיך פֿון דער װײַטער סיבירער שטאָט איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן.

דער אױלעם איז כמורנע, װי דער װעטער, װי די װאָלקנס, װאָס הענגען מאַמעש איבערן קאָפּ. מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרײט איבער די זאַלן, געשטאַנען לעבן פֿענצטער פֿונעם אַדמיניסטראַטאָר, געזעסן באַ די נידעריקע טישלעך. װער ס׳האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ זשורנאַל. װער — אין אַ צײַטונג. באַ אַלעמען זײַנען געװען אָנגעשפּיצט די אױערן, טאָמער װעט מען מעלדן, אַז מע קאָן פֿליִען.

װען עס האָט זיך באַװיזן אָף די טרעפּ דער װוּקסיקער פּאַרשױן, װאָס האָט געהױלעכט אָף אַרוף אין װאַרט־זאַל, האָבן אײניקע אָפֿן אײנערלעכן באַלקאָן זיך פֿאַרקוקט אָף אים. פֿון אַ רעדל יונגעלײַט האָט עמעצער זיך אָנגערופֿן: „טוט אַ קוק — דער מאַזלדיקער!‟

דער געקומענער איז ניט געװען פֿאַרפּוצט, װי אַנדערע, אין די נײלאָנעװע מאַנטלען, װעלכע האָבן זיך נאָרװאָס באַװיזן אין פֿאַרקױף. ער האָט געטראָגן אַ פּאָשעט געשטעפּט װאַטאָװע פֿידזשאַקל, װאָס האָט אײַנגעהילט דעם פֿײַן־געבױטן קערפּער זײַנעם. אָף די הױכע עטװאָס אױסגעבױגענע פֿעסטע פֿיס זײַנען װי אױסגעגאָסן געװען די יוכטענע יעגער־שטיװל מיט די לאַנגע כאָליעװעס איבער די קני, די קעפּקע מיטן קורצן דאַשעק איז האָפֿערדיק געזעסן אָף זײַן קודלאַטן קאָפּ, און דער װאָגיק־געפּאַקטער רוקזאַק איז געהאַנגען אָף אָן אַקסל, װי אַ שפּילכל.

די, װאָס זײַנען אױסגעװען װוּ אַ װינקעלע אין די סיבירער קאַנטן, האָבן דעם דאָזיקן פּאַרשױן שױן ערגעץ באַגעגנט — אײנײנעם מיט אים געאַרבעט אָף אַ בױונג, אָדער זיך

אַנגעהערט מײַסעס וועגן אים. דורכשלאָגן מיט די רעדער פֿון דער מאַשין א וועג אין דער טיפֿער טײַגע איז אַן אַרבעט ניט פֿאַר יעדן שאָפֿער. ער, דער געקומענער, ווייסט מען, וועט זיך דאַפֿקע קיינמאָל ניט אָפּזאָגן פֿון א געפֿערלעך שטיקל אַרבעט. ווען ס'איז נייטיק געווען איבערוואַרפֿן איבער א זומפּ א בולדאָזער, אַזוי, אַז ער זאָל ניט דערטרונקען ווערן, האָט מען אַנושן געזוכט מיט ליכט, מע האָט געדעדט, אַז דעם אײַנשטעלער גייט דורך טיר און דורך טויער. דאָס מאַזל שטעקט באַ אים אין אַלע קעשענעס. אז א מענטש איז אַף א טאַנק דורכגעגאַנגען די מילכאָמע און איז נאָר איין מאָל געווען פֿאַרוווּנדעט, איז עס א סימען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין א זײַדן העמדל. דעריבער האָט עמעצער אויסגערופֿן: „אויב דער מאַזלדיקער דאַרף פֿליִען, וועט דער הימל באַלד לויטער ווערן"...

אַנוש איז שטענדיק אויפֿגעלייגט, האַפֿערדיק, האַלט פֿון ניט געדײַגעט. בלויז נאָענטע כאַווײרים האָבן געוווּסט — אויב עס שלאָגט זיך אַרויס פֿון אונטער אַנושעס קעפּקע א גרײַצער בראָונע האָר, וואָס דערלאַנגט צו דער געדיכטער אויסגעבויגענער ברעם, איז עס א סימען, אַז דער מאַזלדיקער איז ניט מיט אַלעמען. נאָר קיינער האָט קיינמאָל גאָרניט באַ־מערקט אַף זײַן כיינעוודיקן געזיכט, וואָס איז שטענדיק פֿאַרברוינט ניט נאָר פֿון דער זון, נאָר אויך פֿון ווינטן, ברענענדיקע פֿרעסט.

אינעם בינײַען פֿון אַעראָוואָקזאַל, אין די גערעמע וואַרט־זאַלן, אין די וועסטיביולן מיט די הויכע סופֿיטן און גלעזערנע ווענט האָט אַנוש זיך דערפֿילט אויסגעצייכנט, ניט אַזוי, ווי אין די וואָגאָנטשיקעס, פּאַלאַטקעס, אין וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען ניט איין יאָר וווינען.

ס'איז שוין פֿון לאַנג אַרומגעגאַנגען א קלאַנג, אַז דער מאַזלדיקער קלײַבט זיך פֿאַרלאָזן די סיבירער קאַנטן. געלט וועט אים סטײַען. אַף א „וואָלגע" האָט ער שוין פֿון לאַנג אַרײַנ־געטראָגן. די מאַשין זײַנע וואַרט אַף אים אין קיִעוו, און דאָס איז ניט קיין אוולע, א מענטש האָט דאָ אָפּגעהאָרעוועט א גוטן צענדליק יאָר.

ניט אַלע ווייסן, אַז אין א יִישעוו אַף אוקראַיִנע וואַרט מיט אומגעדולד אַן אַלטיטשקע מוטער אַף איר אַנשעלען.

לעבן אַנושן זײַנען אויסגעוואַקסן צוויי כעווערע, איינער האָט אים קלוימערשט פֿאַרשטעלט דעם וועג, דער צווייטער האָט זיך א נעם געטאָן פֿאַרן רוקזאַק. אַנוש האָט דערקענט די אַלטע גוטע־ברידער זײַנע. אים איז אויסגעקומען מיט זיי ניט איין יאָר אַרבעטן. אָנגעהויבן האָבן זיי אינדרײַען ניט פֿון קיין פֿריילעכער רײַזע. ער, אַנוש, איז געגאַנגען פֿאָרויס אַף א בול־דאָזער, געמאַכט א וועג פֿאַר די צוויי כעווערע, וועלכע האָבן זיך געשלעפּט אַף טראַקטאָרס מיט צוגעפֿעסטיקטע שליטנס, געמאַכטע פֿון ברעוונעס. ס'איז נייטיק געווען איבערטאַסקען אַן עגבער־טורעם אין אַן יִישעוו, ווו די געאָלאָגן האָבן געהאַט אָנגעטאַפּט א נאַפֿט־קוואַל. דעמלט האָט געדרייט און געוויִעט א זאַווערוכע. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די ווײַסע וויסטעניש וועט קיינמאָל קיין ברעג ניט האָבן.

איינער פֿון די צוויי, אַליאָשע איז זײַן נאָמען, איז געווען דעמלט א פּיפּיק באַכערל מיט צעטראָגענע אויגן, ער פֿלעגט כאַפּן א ציטער, ניט נאָר ווײַל ס'איז אים קאַלט געווען, געהאַט א טעווע אַרײַנפֿאַלן אין א פּאַניקע. דער פּיפּיקער האָט ליב געהאַט לאָזן די הענט אין גאַנג, איבערהויפּט, ווען ער איז געווען אונטערן גלעזל.

אַליאָשע פֿלעגט אַרומשפּאַנען אין האַרטע, גרויסע וואַליקעס. זיך באַגאַנגען אָן אונטעס. ער האָט געטײַנעט: ווען ער וויקלט אָן אַף די אָנעטשעס א פּאָר צײַטונגען, איז די פֿיס וואַ־רעמער, ווי דעם קאָפּ. דאָס קעלבערל פֿונעם געלאַטעטן פּעלצל איז שטענדיק באַ אים געווען איבערגעבונדן מיט א געקווייטלט טיכל, דער פּאַכדן האָט מוירע געהאַט, ער זאָל ניט פֿאַר־ווייעט ווערן אין דער ווײַסער וויסטעניש. דעמלט, דערמאָנט זיך אַנשל, האָט אַליאָשע פֿאַר־לוירן א פּעסל מיט ברענשטאָף. אַפּן פֿײַערדיקן פֿראָסט האָבן געפּלאַצט די שטריק, מיט וועלכע דאָס פּעסל איז געווען צוגעבונדן צום שליטן.

דער צווייטער באַכער, קיריל דער קראַנקער, איז גרייט געווען דעם כאַווער זײַנעם צערײַסן אַף שטיקער, האַלעמײַ יענער האָט ניט פאַרקרעמפּעוועט דאָס פּעסל מיט דראָט.

— לויף און זוך! — האָט קיריל געשריגן, — אַן ברענשטאָף זאָלסטו זיך ניט אומקערן, אַניט וועל איך דיך דערווארגן איידער מיר וועלן דאָ אומקומען.

קיריל איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטער, געזונט ווי אַ מויער, נאָר טאָמער האָט ער באַם וואַרמעס ניט געקאַנט אופּעסן אַ האַלב לעבל ברויט, האָט ער געטײַנעט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן. דער דאָזיקער „קראַנקער" האָט מוירע געהאַט פאַר מײַדלעך, געשעמט זיך פאַר זיי מיט זײַן מעגושעמדיקן קערפּער, מיט די פאַרגליווערטע שווערע אייוורים. די פאַר־כאַלעמטע קײַלעכיקע בלויע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ווי נאָר זיי האָבן פונדערווײַטן באַמערקט אַ פּרוי.

קיריל קאָן מיט איין פויסט פּריטשמעליען אַ מענטשן, יענער זאָל ניט באַווײַזן אַ פּיפּס טאָן. וואָס זשע האָט געקאָנט טאָן אַזאַ פּיפּיק באַכערל, ווי אַליאָשאַ? ער האָט אַ קוק געגעבן אַפן קראַנקן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט — אויך מיר אַ גוטער־ברודער, זיך אויסגעקערעוועט און געלאָזט זיך גיין אין דער ווײַסער וויסטעניש זוכן דעם נעכטיקן טאָג. אומגעריכט האָט צו אים זיך דערטראָגן אַ געשריי — ער האָט דערקענט אַנושעס קאָל. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דער מאַזלדיקער וועט אים ראַטעווען. גוט, וואָס אַנוש האָט, איידער זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן, אין דער לעצטער מינוט, אַרופגעוואָרפן צו זיך אַפן שליטעלע פיר קאַניסטרעס מיט ברענשטאָף.

ס'איז באַוווּסט, אַז באַ אַנושן איז פאַראַן אַ קעסטל, וואָס שטייט אין קאַבינע הינטערן געזעס. מע רופט עס דאָס קישעף־אַלמערל — אין דעם דאָזיקן קעסטל איז פאַרגרייט פּאַפּיראָסן, מאַכאָרקע, שוועבעלעך ניט אַף איין טאָג. מאַלע־וואָס עס קאָן זיך טרעפן אין וועג. אין זײַן מאַשין — סײַ אין אַ בולדאָזער, סײַ אין אַ סאַמאָסוואַל — זײַנען די קאַבינעס באַשטאַט מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. ס'איז ריין אין יעדן ווינקעלע, ווי אין אַן אַפּטייק. פאַרגרייט איז אַפילע אַ סאָלדאַטסקע זאַסטעפּל — מע זאָל דאָס ניט באַדאַרפן.

די כעוורע האָבן אַנושן אַרײַנגעפירט אין קאַפע, געמאַכט אים אַן אָרט באַם טיש, וואָס זיי האָבן פאַרנומען. מע האָט באַשטעלט אַ מיטיק. אַז מע האָט אָנגעהויבן זיך דינגען, וויפל מאַשקע און וואָס פאַר אַ מאַשקע נעמען, אין לעבן טישל אויסגעוואַקסן אַ פּרוי. דערזען אַנושן, האָט איר געזיכט זיך עטוואָס פאַרויטלט, די גרויסע קאַרע אויגן האָבן זיך קיין אָרט ניט גע־קאָנט געפינען.

דאָס איז געווען קירילס ווײַב, בלויז זי, אַניוטע, האָט געקאָנט פּענטען דעם קראַנקן, אַנוש איז מיט איר פון לאַנג באַקאַנט. ווען זי איז געווען די קעכן באַ די געאָלאָגן, איז אים אויסגעקומען באַ איר זיך דערנערן. אַניוטע האָט געקאָכט געשמאַקע מײַכאָלים, געהאַלטן זיך ריין. איצטער, אַז זי האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם טיש, איז זי גלײַך געוואָרן די באַ־לעבאָסטע. מער פון צווי פלעשער „זובראָווקע" האָט זי ניט באַשטעלט.

ביז מע האָט געבראַכט דאָס עסן, איז געגאַנגען אַ רייד וועגן דער נײַער בויונג, וועגן דער נאַפּטלייטונג, וואָס וועט זיך ציִען אַף הונדערטער קילאָמעטער. אַליאָשאַ האָט געגעבן צו וויסן, אַז עס זײַנען שוין אָנגעקומען שפּאָגלנײַע שפּאַנענדיקע עקסקאַוואַטאָרס, מאַשינעס איינס אין איינס, קוקן אַף זיי איז אַ פאַרגעניגן. הײַנט די בערעלעך אַף פירן די שטאָלענע טרויבן — מע קאָן זיי גאָרניט איבערציילן. קיריל האָט געשאַרט מיט דער האַנט איבערן טישל. קוקנדיק אַף דער פלוינעסטע, האָט ער געטײַנעט, אַז ער מיט אַניוטען בלײַבן דאָ, מע דאַרף זײַן טעמפּ, ווי אַ וואָליק, מע זאָל איצטער אוועקפאָרן פונדאַנען.

אַניוטע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ ווונק געטאָן אין דער זײַט, ווו אַנוש איז געזעסן אַ גלײַכגילטיקער, פּונקט ווי דער געשפּרעך גייט אים ניט אָן. אָבער ווען אַליאָשאַ האָט זיך בייסמײַסע קלוימערשט דערמאָנט, אַז גענאַדי איז באַשטעטיקט אַלס שעף פונעם ערשטן באַצירק, איז דער מאַזלדיקער אופגעלעבט געוואָרן און דער פּיפּיקער האָט געײַלט צו דער־

ציילן, אַז דער שעף איז אַרומגעלאָפן, ווי אַ פאַרסאַמטער, און געזוכט אַנושן. און הערט אַ מייסע: ווי נאָר מע האָט דערמאָנט דעם נאָמען פונעם שעף, אַזוי איז ער, געגנאַדי, טאַקע אַרייַן אין קאַפע.

לעבן דער שוועל איז שטיין געבליבן אַ וווקסיקער יונגערמאַן. פון הינטער דעם צעראַסטעטן באַלאַכאָן האָט זיך אַרויסגעזען אַ שוואַרצע פופייַקע, פאַרקנעפּלט פון אויבן ביז אַראָפּ. ווען דער אוילעם האָט אים באַמערקט, איז אָף אַ ווייַלע שטיל געוואָרן לעבן די טישלעך. מע האָט באַטראַכט געגנאַדיס אַנטבלויזטן צעשויבערטן קאָפּ האָר, די רויטלעכע פייַערדיקע באָרד. אָף דער שוועל האָט ער אויסגעזען העכער, ווי ער איז אינדערעמעסן. מע געדענקט, ווען ער איז נאָך געווען גענוג דער פּראָראַב, פלעגט מען ריידן, אַז ווען דאָס דאָזיקע יינגעלע וועט וועלן, וועט ער דערלאַנגען צו דער לעוואָנע און איר אייַנרוימען אַ סאָד.

באַ די טישלעך האָט מען באַמערקט, ווי זייַנע גרינבלעכע שאַרפע אויגן זוכן עמעצן, און אָט האָבן זיי געפונען דאָס טישל, וווּ אַנוש איז געזעסן. געגנאַדי האָט זיך געלאָזט גיין, באַגריסנדיק זיך מיטן אוילעם, און אונטערוועגנס פאַרכאַפּט מיט זיך אַ פרייַ בענקל. קיריל מיט אַליאָשען האָבן צונויפגערוקט זייערע שטולן.

מע האָט גענומען צו ביסלעך מאַשקע און פאַרביסן. בייסמייסע האָט קיינער ניט גערעדט וועגן אוועקפאָרן, וועגן בלייַבן, בלויז דער פאַגאָדע האָט מען אַרייַנגעטיילט אַ כיילעק.

אין אַ ווייַלע אַרום האָט געגנאַדי זיך אופגעהויבן, מיט אַ שאַקל פון קאָפּ אַ רוף געטאָן אַנושן. מע האָט זיי געזען אין וועסטיביול שפּרייַזן אַהין און אַהער. וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט קיינער ניט געהערט און ניט געוווּסט. מע האָט בלויז זיך אָנגעשטויסן, אַז דער שעף פונעם ערשטן באַצירק „באַאַרבעט" דעם מאַזלדיקן.

אין אַ צייַט אַרום זייַנען זיי ביידע געשטאַנען לעבן פענצטערל פון דעם טעלעגראַף. בייס אַנוש האָט גענומען דעם טעלעגראַמע־בלאַנק, האָט ער געטראַכט בלויז וועגן דער מאַמען. זי האָט אין די אַנצאַליקע בריוו אים געלעכערט דעם קאָפּ וועגן אַ קוואַרטיראַנט און וועגן זייַן מוטער, וואָס איז שיין ווי די וועלט.

געגנאַדי האָט באַמערקט, אַז ווען דער מאַזלדיקער האָט אָנגעשריבן „טייַערע מאַמע", האָט די האַנט באַ אים אַ ציטער געטאָן. אַנוש האָט מיט בעטנדיקע אויגן אַ קוק געגעבן אָפן קאַוער, יענער האָט גוטמוטיק געשמייכלט אין זייַן מעכטיקער באָרד, אַ פינטל געגעבן מיט אַן אויג, ווי איינער רעדט: „שרייַב, וואָס טראַכסטו?"

אַז דער שעף האָט דערזען די לעצטע שורע, איז אים געוואָרן גרינגער אָפן האַרצן...

ווען דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען, איז אין דער וויטער סיבירער שטאָט נאָך געווען ליכטיק אין דרויסן. אײנעם יישעוו אָף אוקראַינע איז שוין געווען נאַכט. אַנושעס מאַמע איז געשלאָפן, איר האָט זיך געכאָלעמט, אַז דער זון אייַלט אַהיים אָף זייַן נייַער מאַשין „וואָלגע". זי, איידי, זעט, ווי אַנשעלע פאָרט איבער וועלדער און פעלדער. די ביימער לויפן אים אַנטקעגן, און די ערד יאָגט אונטער די רעדער אָף צוריק. פּלוצעם איז אַ באַרג אויסגעוואַקסן, און אַנשעלע האָט פאַרקערעוועט די מאַשין, זיך אַרויסגערוקט פון דעם אָפענעם פענצטערל און אויסגעשריגן: זייַ געזונט, מאַמע!

עלישעווע קאָנצעדיק

• דער טעלעטײַפּ •

אין דער דזשורקע, אף דער אלטער קאנאפּע באם אויוון, זיצן זיי שטענדיק זאלבעפערט: דער דזשורנער, דער שאָפער, דער קוריער און די קעכן. זיי זיצן איינער לעבן אנדערן, די פרויען שטריקן. ווער ס'זיצט באם ראנד, נעענטער צום אויוון, ווארפט אריין פון צײַט צו צײַט א שײַטל אינעם פײַער. די, וואָס גייען פארבײַ, כאפּן זעלטן א בליק אין יענער זײַט: מע איז פארנומען, מע אײַלט, מע קלערט וועגן אייגענע זאכן, און אגעוו איז דאָס בילד שוין זייער באקאנט: דרײַ אָדער פיר, איינער לעבן אנדערן, אף דער אלטער קאנאפּע. קעסיידער די זעלבע אפּן זעלבן אָרט.

נאָר פון צײַט צו צײַט מוז דאָך דער, וואָס גייט פארבײַ, ווארפן א בליק אין יענער זײַט. ווארפט ער ניט ווילנדיק א בליק און באמערקט גאָר ניט, ווי אין זײַן באוווסטזײַן האָט זיך אײַנגעקריצט דאָס דאָזיקע פּאָנעם — אן אויסגעצויגן בלאס פּאָנעם מיט א לאנגער און דינער נאָז, מיט גראָ־פארוואָקסענע מאָגערע באקן, א הויכן שטערן און טיף־אײַנגעפאלענע אויגן, וואָס ברענען אומבאוועגלעך בא דער סאמע נאָז אזוי, ווי ניט זיי, די אויגן, וואָלטן געברענט, נאָר די אויגנגריבער אליין אונטער די געדיכט־פאנאנדערגעוואקסענע, צעצווײַגטע ברעמען.

אויב קאָוואל איז פאראן אין דזשורקע אף דער אלטער קאנאפּע צווישן די אנדערע און קיין צײַטונג פארשטעלט ניט זײַן פּאָנעם, דאן וועט דער, וואָס גייט פארבײַ, ניט ווילנדיק א קוק געבן אין יענער זײַט און וועט עפּשער א קלער טאָן וועגן קאָוואלס גוירל, וועגן וועלכן ער האָט עפּעס געהערט.

איך האָב וועגן קאָוואלס געשיכטע זיך דערוווּסט מיט א יאָר פופצן צוריק. איך בין דאן נאָרוואָס אָנגעקומען אף ארבעט אין רעדאקציע און אָט אזוי, פארבײַגייענדיק, דאָס ערשטע מאָל דערזען אים אין דער דזשורקע, אף דער קאנאפּע מיט א צײַטונג אין דער האנט, לעבן א פרוי אין א קלאָר־ווײַס טיכל אפן קאָפּ, וואָס האָט אָן אופהער געפלאפלט. אינגיכן האָט מיר עמעץ געזאָגט, אז קאָוואל איז אויסגעוווען א האלבע וועלט, אז די מילכאָמע האָט אים געווארפן ערגעץ קיין איראן, נאָכדעם אפן נאָענטן מיזרעך, שפּעטער אין איטאליע און נאָך ערגעץ־ווו, ווײַל ער האָט געטראָפן אלס זעלנער אין דער ארמיי פון אנדערסן, געוואָלט קעמפן קעגן דעם דײַטש, נאָר צוגלײַך מיט אנדערע, אָפּגעזונדערטע מיצאד דער אָנפירערשאפט פון דער ווײַס־פּוילישער ארמיי, אוועק פון דאָרט, ביז ער איז סאָפקאָלסאָף געקומען אהיים, אין זײַן געבוירנלאנד.

דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אז פריִער, נאָך פאר דער מילכאָמע, אינעם אלטן פּוילן, איז ער לאנג געזעסן אין טפיסע פאר פּאָליטיק.

אלץ, וואָס מע האָט דערציילט וועגן קאָוואלן, איז געווען ניט געוויינלעך, קימאט עקזאָטיש, נאָר איך האָב בא אים קיינמאָל קיין זאך ניט געפרעגט, קעדיי ניט צו שטעלן אין קיין אומבאקוועמער לאגע א מענטשן, וואָס וויל עפּשער וועגן זיך ניט דערציילן.

אליין האָט ער גערעדט זעלטן, און אלע שמועסן מיט אים פלעגן זיך באגרענעצן מיט עטלעכע ווערטער וועגן דעם, ווו און וואָס מע דארף פאריכטן. צו דער ארבעט פלעגט ער זיך נעמען שטיל און ניט געײַלט און פארענדיקן זי אומבאמערקט, ניט שטערנדיק קיינעם צו טאָן וואָס מע טוט און לאָזנדיק אלעמען צו פארגעסן וועגן זײַן אָנוועזנהײַט.

ער פלעגט ריידן זעלטן און ווייניק, נאָר עפּעס איינמאָל איז ער צו מיר צוגעקומען, באוויזן מיר אונדזער צײַטונג און געזאָגט:

— אָט דאָס איז ניט ריכטיק.

באמערקנדיק, אז כ'האָב זיך פארוווּנדערט, האָט ער צוגעגעבן, אז דער מענטש, וועגן וועלכן אונדזער קאָרעספּאָנדענט האָט געשריבן, איז ניט געשטאָרבן מיט עטלעכע וואָכן פאר דער מילכאָמע. די מילכאָמע האָט זיי ביידן, דעם דאָזיקן מענטשן מיט קאָוואלן, געטראָפן אינאיינעם. זיי האָבן צוזאמען געארבעט אין ווילייקע, אין דער שטאָט־פארוואלטונג, בא דער נײַער, סאָוועטישער מאכט.

דאָס איז געווען געוויס דער איינציקער פאל, ווען קאָוואל האָט זיך מיט מיר פאנאנדערגערעדט וועגן אזעלכע זאכן. „ער לייענט אופמערקזאם די צײַטונג", — האָב איך דאן א קלער געטאָן. „זע נאָר, ער ווייסט אפילע, ווער פון אונדזז וואָס עס גרייט פארן נומער". און נאָך עפּעס האָב איך א קלער געטאָן, נאָר וואָס — געדענק איך שוין ניט.

פופצן יאָר גיי איך אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרבײַ דער אַלטער קאַנאַפּע אין דער דעזשורקע, און אויב איך זע קאָוואַלס פּאָנעם, איז נאָר פאַרבײַגייענדיק, ניט ווילנדיק, דורך אַ נעפּל פון מײַנע אייגענע געדאַנקען. און נאָר דעמלט, ווען איך טרעף אים אין גאַס אָדער אַף די טרעפּ, קוק איך זיך אײַן אין אים און באַמערק, אַז ער האָט זיך געביטן, זײַן דאַרע, הויכע פיגור איז עפּעס ווי אויסגעטריקנט געוואָרן, הייסט עס, דער מענטש האָט זיך געעלטערט. און אויב די אויגנגריבלעך ברענען שווער און פינצטער און אײַנגאַנצן איז ער אײַנגעהויקערט און צונויפגעשרומפּן געוואָרן, ווי אונטער אַ שווערער לאַסט, ווייס איך, אַז ער איז שיקער. קיינמאָל וואַקלט ער זיך ניט און זינגט ניט שיקערהייט, ער שווײַגט, און דאָך זעט זיך, אַז ער האָט אויסגעטרונקען. און ס׳זעט זיך אויך, אַז די מאַשקע מאַכט אים ניט פריילעך.

פופצן יאָר קאָן מען אַזוי־אָ פאַרבײַגײן די דעזשורקע און ניט באַמערקן, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט, עמעצער פעלט.

איך האָב זיך אומגעקערט פון אורלויב און אין ערשטן מאָמענט ניט געקאָנט זיך כאַפּן, וואָס איז עס פאָרגעקומען בא אונדז אין דער דעזשורקע. אַלץ איז געווען נײַ און פריש, די ווענט העל אויסגעפאַרבט. „מע וואָלט געדאַרפט איבערצײַען די אַלטע קאַנאַפּע אויך, — האָב איך אַ קלער געטאָן. — נאָר מיסטאָמע איז עס קיינעם ניט אײַנגעפאַלן". די פּרוי אינעם ווײַסן טיכל אַפּן קאָפּ האָט, ווי שטענדיק, דערציילט עפּעס איר שאָכנטע אַף דער קאַנאַפּע, וואָס איז געזעסן און געשטריקט, און דער שאָפער האָט סטאַם געגרוט מיט די הענט אַף די קני. קאָוואַל איז ניט געווען.

באַמערקט האָב איך עס שפּעטער, ווען איך בין געגאַנגען עסן מיטיק, און אַ קלער געגעבן, אַז מיסטאָמע וועט ער מאָרגן דעזשורען. אַף מאָרגן האָב איך אים אויך ניט געזען.

— ווו איז אײַער מאַן? — האָב איך געפרעגט בא דער פּרוי אינעם ווײַסן טיכל.

— וואָס, איר ווייסט גאָרניט, מיר האָבן דאָך איצט אַ טעלעטײַפּ, אַרבעט ער באַם טעלעטײַפּ, קאָוואַל. דאָרטן, אינעם זײַטיקן אַלקער, האָט מען בא אונדז אוועקגעשטעלט אַ טעלעטײַפּ, בעשאַס דעם רעמאָנט. וואָס, איר ווייסט גאָר ניט, אַז מיר האָבן איצט אין רעדאַקציע אַ טעלעטײַפּ?

...ער איז געשטאַנען אין אַ גראָען קאָסטיום, הויך, אומבאַוועגלעך, מיט ברילן אַף דער נאָז, אײַנגעבויגן איבער דער טעלעטײַפּ־לענטע, און האָט זיך ניט אָפּגעווענדט, דערהערנדיק טריט. ערשט נאָכדעם, ווען דער אַפּאַראַט איז אנשוויגן געוואָרן, האָט ער אופגעהויבן זײַן רײַן־אָפּגעגאָלט פּאָנעם און געזאָגט:

— אין פראַנקרײַך קומען פאָר אומרוען. סטודענטן־דעמאָנסטראַציעס.

מיטאָמאָל האָב איך זיך דערמאָנט, וועגן וואָס איך האָב אַ קלער געטאָן אין איינעם אַ טאָג, מיט פיל יאָרן צוריק, ווען ער האָט מיר געזאָגט וועגן דעם טאָעס אין אונדזער מאַטעריאַל. איך האָב דאַן אַ קלער געטאָן, אַז עפּשער פאַרלירט ער גאָר קיינמאָל ניט דעם פאָדעם פון דער גרויסער וועלט, אין וועלכער ער האָט אַמאָל געלעבט.

איך האָב זיך מיטאָמאָל דערפרייט און געוואָלט אים באַלד גראַטולירן, אָבער זײַן פּאָנעם איז געווען אַזוי ערנסט און אין די אויגן אַזאַ טיפער אויסדרוק פון וויכטיקײַט און ווירדע, אַז איך האָב אײַנגעהאַלטן מײַן פרייד און בלויז געזאָגט:

— איצט דערוויסט איר זיך וועגן אַלץ דער ערשטער.

— איך דערוויס זיך מערער פון אַנדערע. ניט אַלע נײַס, וועלכע איך נעם אויף, פאַלן דאָך אַרײַן אין צײַטונג.

ער האָט אַרויסגעזאָגט מער ווערטער, איידער ער איז געוווינט געווען צו זאָגן, ווײַל ער האָט געדאַרפט אויסדריקן דאָס וויכטיקסטע. דאָס וויכטיקסטע פאַר אים.

דערנאָך האָט ער, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, פאַנאַנדערגעלייגט די לענטעס אין פאַרשיידענע פּאַפּקעס, צוגעזעצט זיך, נאָר באַלד ווידער אופגעשטאַנען, אויסגעקליבן עטלעכע זײַטלעך און זיך געלאָזט גיין, ווי געוויינלעך, פּאַמעלעך אין סעקרעטאַריאַט, קעדיי גלײַך, ניט אָפּלייגנדיק, מיטצוטיילן דאָרט די וויכטיקסטע נײַס.

און איך בין אוועק צו זיך און אונטערוועגנס געקלערט, אַז עס איז פאָרגעקומען עפּעס אומדערוואַרטס און זעלבסטפאַרשטענדלעכס. עמעץ האָט בלויז געדאַרפט אַ קלער טאָן וועגן דעם און באַשליסן, אַז עס זאָל טאַקע אַזוי זײַן.

יעכיִעל פאליקמאַן

• די שטילסטע •

אָפטמאָל טראַכטן מענטשן, אַז דאָס טײַכל איז בלויז אין שפּאַס אַזוי אַנגערופן געוואָרן — טישאַישאַיאַ — ס'הייסט, אַזאַ שטילס, אַז שטילער קאָן ניט זײַן... און דעריקער קומען אַזעלכע געדאַנקען אין קאָפּ, אַז ס'איז גאָר דער סאַמבאַטיען אַליין, אָט דאָס טײַכל, פריילינג־צײַט, אַפילע אין שפּעטן פרילינג, און אַמאָל אויך אַ צווייט מאָל אין מעשעך פון יאָר — אין רעכטן ברען פון זומער, ווען עס שטײַגט ראַשיק דאָס וואַסער אין יענעם גרויסן, מעכטיקן טײַך, אין וועלכן די טישאַישע פאַלט אַרײַן. דער גרויסער טײַך הייבט זיך אָן ערגעץ אין די צאָפנדיקע וועלדער, אין טײַגע, און אויב זײַן גאָר פינקטלעך — אין דער טונדרע. פרילינג־צײַט, ווי געזאָגט, מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, טוען ערגעץ פון דאָרט, פון דער אויבער־שטראָמונג, אַ שפּאַר די וואַסערן פון דעם צעגאַנגענעם שניי און אײַז, און אינמיטן זומער — פון די פאַרצויגענע רעגנס, וואָס טרעפן דאָרט, אָף צאָפן, און אויך אין די היגע, די מער דאָרעמדיקע קאַנטן. דער גרויסער טײַך, וואָס ווערט אַלץ מער אָנגעבוכנעט, פול, ווי אַן אויג, יאָגט זײַנע וואַסערן אין דער שמאָלער, געשלענגלטער בעט פון דער טישאַישע און פון אַנדערע בײַ־טײַכלעך. און די טישאַישע, אָט דאָס שטילע און פרידלעכע טײַכל, וואָס שלענגלט זיך געוויינלעך דורך פעלדער, דורך וועלדלעך, און מע קאָן קוים אויפכאַפּן דעם זעלטענעם פליעסק פון אַ כוואַליע אין די נידעריקע, בלאָטיקע ברעגעס, די טישאַישע ווערט איבערגעפולט מיט מוטנע, צעבויטעטע וואַסערן, זי קאָכט און ברומט פון די צוויי קעגנזעצלעכע שטראָמונגען, וואָס שטויסן זיך אין איר צונויף, און אָט טוט זי זיך אַ ריס פון דער פענט, פון איר בעט, זי פאַרפלייצט, דעריקערשט אײַנדערנידער, די פעלדער, די לאָנקעס, די וועגן, דאָס וואַסער טרעט גרויזאַם צו צו די פלויטן פון הויפן, צו די אָפגיך אָנגעשאָטענע דאַמבעלעך, און מענטשן זאָגן דעמלט: „נו, נו, שוין אײַנמאָל אַ שטילער טײַך!”

טישאַישאַיאַ הייסט אויך די קליינינקע סטאַנציע באַם ברעג פון אָט דעם טײַכל, ניט ווײַט טאַקע פון יענע וואַלדישע זומפּן, וווּ דאָס טײַכל הייבט זיך אָן. אָפּגערוקט אַ קילאָמעטער־אָנדערהאַלבן פונעם אײַזנבאַן־בריק, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן איבערן שמאָלן וואַסער און איבער דער גאַנץ ברייטער בעט, אַ פאַרוואַקסענער מיט סאַווערן, הויכט זיך אַ מויערל פון רויטע ציגל. מע זעט דאָרט אַ גלאָק, וואָס איז צוגעפעסטיקט צו אַ קווערן דרענגל פאַר דער טיר. אַרום און אַרום — פעלדער און לאָנקעס. די נידעריקע שפּיצן פון וועלדער מערקן זיך אין דער ווײַט, אַ פאַרצויגענער מיט לײַכטע נעפּל־רויכלעך, און אָף אַ בערגל, אָן אויסגעצויגענעם אין דער לענג, טאַקע אָף יענער זײַט פון דער זומפּיקער בעט, איז צעוואָרפן אַ יישעוו, וווּ עס וווינען די היגע אײַזנבאַנלער און קאָלווירטניקעס. דער פײַף פון אַ לאָקאָמאָטיוו וועקט דאָ אין מעשעך פון טאָג זייער זעלטן די שטילקײַט, און נאָך זעלטענער שטעלט זיך אָפּ באַ דער סטאַנציע אַ צוג.

און דאָך איין מאָל אין מעסלעס קומען אָן אַזעלכע מינוטן, ווען אָף דער סטאַנציע ווערט ראַשיק, טומלדיק, ס'הייבט זיך אָן אַ געלויף, אַ געדראַנג. דאָס קומט פאָר גראָד סאָף נאַכט, ווען ס'איז דער זיסטער שלאָף באַ מענטשן. אָט דעמלט טרעפן זיך אָף דער דאָזיקער קליי־

די דערציילונג האָט יעכיִעל פאַליקמאַן אָנגעשריבן ספּעציִעל פאַר דעם דאָזיקן נומער. דאָס איז געווען זײַן לעצט ווערק. טרײַ דעם ווילן פונעם פאַרשטאָרבענעם, פאַרעפנטלעכן מיר דאָ די דערציילונג, מיינענדיק מיט דעם אונטערצושטרײַכן צווישן אַנדערן, אַז אין דעם אונטערקלײַב פון נײַע פראָזע־ווערק פון די הײַנט פונקציאָנירנדיקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער פאַרנעמט, ווי געוויינלעך ביז איצט, אַ בעקאָוועדיק אָרט דאָס ווערק פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם כאַווער (רעד.)

נינקער סטאַנציע צווײ פּאַסאַזשיר־צוגן. דער אַרטיקער קרײַז־צוג, וואָס פֿאַרבינדט צווײ אײַזנבאַן־קנופּן, צווײ היפּשע שטעט, וואַרט דאָ אַ מינוט פֿופֿצן, ביז עס קומט אָן און עס לאָזט זיך ווידער אַוועק אין דער באַנאַכטיקער ווײַט אַ שנעלצוג... אין אָט דעם פּערטל שאָ הילכן אָפּן שמאָלן פּעראָן פֿון דער טישאַישער די שטימען פֿון אַ סאַך מענטשן, עס טרעפֿט אויך, אַז עס קלינגט דאָ אַ ליד, עס צעגייט זיך אַ הייזעריקלעכע האַרמאָניקע. און דעמלט טוט שוין עמעצער אַ זאָג, אַ לאַך: „נו, אַ שטילע, אַ שטילסטע — אין דער סאַמע שטילער באַנאַכטיקער שאָ שלאָפֿט זי ניט!״

פֿאַראַן אַף דער דאָזיקער סטאַנציע אַ סטרעלאָטשניצע, אַ רעלסן־אָפּווײַכערן נעליע קאַראַווײַ, און מע רופֿט זי אויך — די שטילסטע, טישאַישאַיאַ. געוויינלעך, אַז מע טוט אַף איר אַ קוק, אַף נעליען, גלייבט זיך ניט: דאָס איז שוין טאַקע אַ מאַמע פֿון צווײ קינדער? יאָ, צווײ קינדער, און אַפֿילע ניט גאָר קיין קליינע. ניורקע, די טאָכטערקע — זיבן יאָר, סאַשקע — גאַנצע צען, און עס דאַכט זיך איר, דער מאַמען — אַזוי ווײַט איז שוין אַוועק די צײַט, ווען די קינדער זײַנען געווען קליינע, און איר גליק — אַ גרויס... נאָר וועגן דעם רעדט אייגנטלעך נעליע קיינמאָל ניט און מיט קיינעם ניט. מענטשן זעען אַלץ אַליין...

נעליע קאַראַווײַ איז ניט קיין הויכינקע, אָבער ניט קיין שוואַכע, פֿאַרקערט, מע זעט, אַז אויסגעקנאָטן איז זי גאַנץ פֿעסט. אַף איר קלאָרן, ווײַסן פּאָנעם — קיין קנייטשעלע, כאָטש זי שטייט קעסיידער אויס פֿרעסט, היצן, בוראַנען און רעגנס — און וואָס ניט? די גלײַכע רוסיאַווע האָר פֿאַרדרייט נעליע אין אַ קובליק, ער מערקט זיך פֿון אונטערן גרויען פּוכיקן טיכל. די ערשטע יאָרן נאָך דער כאַסענע האָט זי די האָר פֿאַרפּלאָכטן אין צווײ צעפּ, וואָס פֿלעגן אַראָפּהענגען אַף איר שלאַנקער פּלייצקע אָדער אַראָפּגליטשן זיך אַף דער ברוסט פֿון אונטער אַ געקווייטלטער קאָסינקע. און ביכלאַל איז זי אויך איצט אַלעמאָל אַ צוגעקליבענע, און אַקוראַטע, זי טוט זיך אָן, כאָטש שטרענג, באַשיידן, נאָר מיט געשמאַק, און איר קליינינקער פּאָסט, די בודקע, ווו זי ווײַכט אָפּ די רעלסן, און אַליין די רעלסן — אַלץ איז בא איר ריין, צוגעראַמט.

די שטילסטע האָט זי, לאָזט זיך אויס, אָנגערופֿן אַליין דער שעף פֿון דער באַן־מאַגיסטראַל. פֿאַראַיאָרן האַרבסט, ווען נעליע האָט ערשט אָנגעהויבן אַרבעטן דאָ אַלס אַ סטרעלאָטשניצע, האָט לעבן איר בודקע זיך פֿאַרהאַלטן אַ ביסעלע דער שעף פֿון דער מאַגיסטראַל, וועלכער האָט אינספּעקטירט די סטאַנציע. אַ הויכער, אַ פּלייציקער, האָט דער שעף מיט איין בליק — אַ שטרענגן, אַ שאַרפֿן פֿון אונטער געדיכטע, צעשויבערטע ברעמען — אַרומגעכאַפּט נעליעס קליינינקע ווירטשאַפֿט, די רעלסן־אָפּווײַכער, וואָס גלאַנצן אַזוי, אַז מע קאָן זיך אין זיי שפּיגלען, די בודקע, ניט לאַנג צוריק אָן אַרומגעפֿאַרבטע אין בלויען, דעם לאָזונג, וואָס איז בא דער זײַט פֿון וועג אויסגעלייגט געווען פֿון שטיינדלעך, געטונקענע אין קאַלך, דאָס פּיצינקע קלומבעלע מיט פֿלאַמענדיקע נאַסטורציעס, בלויע, ציטעריקע געדענק־בלימלעך, און געזאָגט הויך, ווי ער איז געוווינט צו רעדן:

— איר ווייסט, קאַראַווײַ, אַז איך האָב אין מײַנעם אַ באַפֿעל אַרויסגעטראָגן אײַך אַ דאַנק?

און צו די, וואָס האָבן אים באַגלייט:

— באַ איר זײַנען אויגן, ווי באַ אַ שפּאַרבערל. די וואַגאָנען לויפֿן פֿאַרבײַ, און זי קוקט אַף די רעדער. האָט זי טאַקע ניט פֿאַרזען אַ געפֿערלעך רויכל — אַ בוקסע האָט געברענט... — נעליע האָט זיך שטאַרק פֿאַרויטלט, האָט דער שעף צעשמייכלט זיך, פֿון וואָס זײַנע געדיכטע ברעמען האָבן זיך עטוואָס אונטערגעהויבן און בעסער אָפּגעדעקט די אויגן, גראַד גוטע, ליכטיקע, פֿינקלענדיקע, — וואָס זאָגן אײַך? איר זײַנט די שטילסטע, אַ כוואַט!

גאַנץ מעגלעך, אַז געמיינט האָט ער גאָר, דער שעף, די גאַנצע סטאַנציע, — מע האָט דאָ, הייסט עס, געראַטעוועט אַ צוג, — נאָר פֿון דעמלט אָן האָט מען נעליען אַזוי גענומען רופֿן: די שטילסטע. זי שטעלט זיך, אַשטייגער, אַראָפּ אַף דער סטאַנציע אין אַ פֿרײַער צײַט, קעדיי העלפֿן אויסלאָדן אַ וואַגאָן; געראָפֿן האָט מען אַלעמען, ווײַל די זאַך דאַרף אָפּגעטאָן ווערן שנעל, איז זי אויך געקומען, נעליע, אָבער די מאַנצבלען לאָזן זי ניט איבערהאַרעווען זיך, מע לאָזט זי ביכלאַל ניט צו צום וואַגאָן: „גיי, גיי, שטילסטע, מירן זיך דאָ אַליין אָפּפּאַרטיקן — ס'ניט פֿאַר דײַנע קויכעס״. און אַזוי אַלעמאָל, באַ יעדער געלעגנהייט — די שטילסטע...

גאַנץ אָפּט פֿלעגן די ווײַבער, פּונעם ישעוו פֿאַרפֿירן צווישן זיך אַ רייד וועגן זאַכאַר קאַראַווײַ, נעליעס ניט גאָר אָנשטענדיקן און ניט גאָר געטרײַען מאַן. לעמעי, הייסט עס, שווײַגט זי אים, זאַכאַרן? און אַלע האָבן געהאַלטן: „אַ ווײַב איז נעליע אַ גוטס — גאָלע גאָלד, פֿאַר אַ צווייטן עמעצן, וואָס וואָלט זי קאָנען און ווערן שאַצן, איז זי אַן אוצער. איין זאַך

אָבער, איין מענ׳ע איז דאָ, און גאָרנישט קאָן מען ניט טאָן — בא איר איז א ווייך הארץ, זי איז צו א שטילע. ניט אזא, ניט די שטילסטע, וואָלט אוואדע דארפן זײַן זאכארס ווײַב!״ די ווײַבער האָבן אָבער אפאנעמעסן ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווער נעליע איז און ווער זאכאר איז...

געוויינלעך, פאר דעם, ווי צוטרעטן צו דער וואכטע, האָט נעליע באגאָסן מיט טײַך־וואסער די קלומבע לעבן איר פּאָסטן. הײַנט אָבער האָט זי באשלאָסן, אז די בלומען וועט אָנפּויען דער רעגן.

די זון האָט א גאנצן טאָג געגליט, געסארפּעט, גאָר ניט אזוי, ווי אין מײַ, און זי איז פארגאנגען אין פײַערדיק־רויטע וואָלקנס, וואָס האָבן אויסטערליש געקנוילט זיך באם האָריזאָנט. אָנגעהויפטע איינס אפן אנדערן, לײַכטע, ווי ווײַטע רויכן, זײַנען די וואָלקנס, באלד נאָך זון־פארגאנג, געוואָרן פּיִאָלעטעווע, דערנאָך — טונקל־בלאָווע, און נאָך א ביסעלע שפּעטער האָבן זיי צונויפגעגאָסן זיך אין איין שווארצער כמארע, וואָס האָט אינדערקרום פארדעקט א האלבן הימל. די כמארע האָט זיך אָנגערוקט זייער פּאמעלעך, און ארום האלבנאכט האָט זי, ווי נעליען האָט זיך געדאכט, גאָר אָפּגעשטעלט זיך איבער איר פּאָסטן, דער בודקע (א צונויפגעקלאפּטער פון וואגאָן־ברעטלעך, צווישן וועלכע ס׳איז אָנגעשאָטן דזעגעכץ). אף מיזרעך האָבן אין הימל שטיל געלויכטן גרויסע, בלישטשענדיקע שטערן, און אף מײַרעוו האָבן גענומען פלאטערן בליצן, — ערגעץ דאָרט, ווו עס פליסט דער גרויסער טײַך, האָט אויסגעבראָכן א שטורעם. דאָ אָבער, אף דער פעלד־סטאנציע, איז מיטאמאָל געוואָרן דושנע, מער דושנע עפּשער, איידער באטאָג, אזויווי מע זאָל א ווארעמע קאָלדרע אָנווארפן אפן קאָפּ; א ווינטל, וואָס מע האָט עס קוים געקאָנט באמערקן, האָט באוועגט דעם זאמד צווישן די שפּאלעס, נאָר א מאָדנע זאך — געצויגן האָט עס אהין, ווו דער געוויטער האָט אלץ אָנזיכטיקער זיך צעשפּילט. אף די אלטע דורכגעפוילטע אָסאָקאָרס, שווארצע טאָפּאָלן, וואָס האָבן, קרומע, ברייט־צעצווײַגטע, געצויגן זיך לענגויס די רעלסן, האָבן געקראקעט ראָבן.

פון צײַט צו צײַט זײַנען, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, פארבײַגעפאָרן פראכט־צוגן, און אויב די עשעלאָנען זײַנען געקומען פון מײַרעוו, האָט נעליע געזען, אז די לאָקאָמאָטיוון און די וואגאָנען זײַנען פּיטש־נאסע פון רעגן. אייניקע קאָנדוקטאָרן האָבן פון די אָפענע טאמבורס עפּעס געשריגן צו נעליען און אָנגעוויזן מיט די הענט אין יענער זײַט, פונוואנען עס טראָגט זיך דער צוג.

נעליעס וואכטע איז זיך געגאנגען נאָרמאל. פון מאָל צו מאָל האָט געקלונגען דער דע־זשורנע פון סטאנציע יורי אָסקאראָוויטש פּאָקאָטילאָוו, ער האָט אָדער פאראָרדנט גרייטן זיך דורכצולאָזן אן עשעלאָן, — דאָ הייסט עס: גרייט מאכן דעם מארשרוט, אָדער ער האָט פּאָשעט געפרעגט, צי אלץ איז אין אָרדענונג אפן פּאָסטן. אזייגער דרײַ באנאכט האָט פּאָקאָטילאָוו אָנגעקלונגען:

— ווייסט איר וואָס, נעליע, גייט צו צו דער סטאנציע, איך וועל אײַך געבן מײַן צינד־מאשינקע. עס רוקט זיך אָן א שטורעם, מאלע־וואָס... עס קאָנען פארלאָשן ווערן די סיגנאַלן, מיט א שוועבעלע וועט איר אין אזא רעגן עפּשער גאָרנישט ניט אופטאָן. מאגאליאק האָט אן אייגענע צינד־מאשינקע.

פּיאָטער מאגאליאק איז דער סטרעלאָטשניק פונעם קעגניבערדיקן פּאָסטן, באם צווייטן ארויסגאנג פון דער סטאנציע. נעליע, פּאָקאָטילאָוו און מאגאליאק — אָט דאָס איז די גאנצע וואכטע, וואָס איז אוף די דאָזיקע נאכט.

נעליע האָט שוין לאנג זיך צוגעוווינט וועגן גאָר קיין זײַטיקס ניט טראכטן, בייס זי איז אף דער וואך. נאָר ס׳א קלאָרע זאך, ווי דו זאָלסט די זײַטיקע געדאנקען ניט טרײַבן, דרייען זיי זיך פאָרט אין קאָפּ. פאראן דאָ א סאָווע אף דער לאָנקע, ווו עס זײַנען געבליבן ניט קיין אויסגעקאָרטשעוועטע פּניאָקעס, ארומגעוואקסענע מיט יונגע צווײַגן: שטענדיק אויקעט זי און שרײַט, ווי א וויינענדיק קינד, די סאָווע. וויפל מאָל נעליע האָט שוין געפּרוווט אָפּזוכן דעם דאָזיקן מאָרעשכוירעדיקן פויגל, נאָר עס גיט זיך ניט אײַן — ווי נאָר עס ווערט ליכטיק, פארשווינדט ערגעץ די סאָווע, זי באהאלט זיך. בלויז באנאכט הערט זיך דער שורך פון אירע פליגל, און איין מאָל דאָ, אן אנדערסמאָל דאָרט שרײַט זי און כריפּעט, אז עס באפאלט א גרויל. און אין דער היים, דאָרט, בא נעליען אינעם שטיבל, שלאָפן די קינדער, און דער איינציקער, ווער עס היט זיי, איז דער הונט, קוים אלט א יאָר — טאָפּא. עפּשער האָט ניורקע זיך אופגעכאפּט פון דעם העסלעכן פויגלס געשריי, זי וויינט, די קליינע, און רופט סאשקען, כאָטש ווען נאָך א באנאכטיקער וואכטע פרעגט נעליע די קינדער, צי זיי האָבן זיך אופגע־כאפּט, באקומט זי אן ענטפער — ניין, מע איז געשלאָפן גוט.

און נאָך טראַכט זי — וועגן זאַכאַרן. זי זעט די ווײַטע קינדער־יאָרן אין אַ דאָרף, הינטער אַבאַיאַן; אַ יונגינקע, איז זי געבליבן אַ קײַלעכדיקע יעסוימע און איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ קינדערהיים; אין צווייטן מילכאָמע־יאָר, ווען די דײַטשן האָבן גענומען צוקומען צו וואָראָניעזש, האָט מען זי, אַ לײַכט־פאַרוווּנדעטע, פאַרנומען אַף אַ סאַניטאַר־צוג, וואָס איז געגאַנגען אַף מיזרעך, און זי האָט זיך אינגיכן פאַריכט, געבליבן אַרבעטן אַף יענעם סאַניטאַר־צוג, — דאָס אַלץ טראָגט זיך דורך אין קאָפּ שטיקערווײַז, ווי באַזונדערע בילדער, אָבער די געדאַנקען וועגן זאַכאַרן ציִען זיך, ווי אַ פאָדעם, דורך דעם אַלעמען, און שטענדיק פירן זיי אין אַ טעמפּן ווינקל.

זי האָט זיך באַקענט מיט זאַכאַרן אינעם סאַניטאַר־צוג שוין ניט לאַנג פאַר דעם, ווי די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט. באַ זאַכאַר קאַראַווײַ, דעם סטאַרשינאַ פון אַן אײַזנבאַנער־באַטאַליאָן, איז דורכגעשאָסן געווען אַן אַקסל, דער שלאָס־ביין. קאָלזמאַן דער צוג איז געגאַנגען אין ווײַטן הינטערלאַנד, האָבן נעליע און זאַכאַר זיך באַפרײַנדעט. פיל מאַנצבלען איז נעליע געפעלן געווען, זי האָט אָבער, אַ ביסל אַן אײַנגעשלאָסענע אין זיך, באַ איינע האָט עס געהייסן — שטאַרק אַן ערנסטע, באַ אַנדערע — אַ כמורנע, קיינעם ניט ליב באַקומען פאַר דער גאַנצער מילכאָמע, ווײַל זי האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ־אָ ליבע אַף רעדער — איז הוילע פוסטקײַט, אַ ווינט. זאַכאַר אָבער איז איר אַרײַן אין האַרצן. מיט וואָס איז ער איר אַזוי געפעלן? נו, ווער קאָן עס פאַרשטיין — מיט וואָס? מיט אַלץ... אַפילע מיט דעם, וויִאַזוי ער האָט, פאַרווײַלנדיק די כאַווײרים פונעם וואַגאָן, נאָכגעמאַכט אַמאָל היטלערן, אַמאָל העבעלסן, צי פאָשעט פאַרגעשטעלט אַ נעבעכל, אַ געפאַנגענעם דײַטשישן גענעראַל. ער האָט אין זיך פאַרמאָגט, זאַכאַר, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט איינע אַ פעלדשערקע, „אַ יאַם מיט כײַן“. אַ טאָכיקער, אַ שיינער — דאָס האָבן אַלע געזען; נעליע האָט אים אָבער געקענט אויך אַנדערן: אַ צאַרטן, אַ גוטן, ניט קיין זיכערן. ניט קיין זיכערן — בלויז לעבן איר, בלויז לעבן איר איינער. נייִן, ער האָט זיך ניט געמאַכט, ניט פאַרשטעלט זיך. אַזאַ איז ער טאַקע געווען.

זי האָט געוווּסט וועגן זײַן טרוים: נאָך דער מילכאָמע, גיכער פון אַלץ — הינטערוויגיק, וועט ער פאַרענדיקן דעם נײַנטן, דערנאָך דעם צענטן קלאַס און וועט פּרוּוון אָנקומען אין אַ טעאַטראַלן אינסטיטוט. און מעגלעך, אַז ער וועט נאָך אויסלערנען זיך צו זײַן אַ מאַשיניסט אַף דער אײַזנבאַן. נעליען, דעם עמעס געזאָגט, איז מער געווען צום האַרצן דאָס צווייטע.

נאָך דעם, ווי זאַכאַר האָט פאַרענדיקט היילן זיך אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, האָבן די דאָקטוירים געפאָדערט, ער זאָל נאָך אַ שטיקל צײַט ניט אומקערן זיך אַפן פראָנט — זאָל ער דינען אין הינטערלאַנד. ער האָט אָבער דערשלאָגן זיך, מע זאָל אים שיקן אַלס סטאַרשינאַ אַפן זעלבן סאַניטאַר־צוג, ווו נעליע האָט געאַרבעט. ערשט דאָ האָט זי באַמערקט: ער האָט ליב אויסטרינקען, כאָטש, עמעס, ער קאָן זיך האַלטן אין די הענט. נאָר אייגנטלעך — באַמערק יאָ, באַמערק ניט, מע האָט זיך שוין פאַרשריבן, זי און זאַכאַר...

אין איין און דעם זעלבן טאָג האָבן זיי זיך דעמאָביליזירט, און אַוועקגעפאָרן איז מען אין זאַכאַרס קאַנט — צוערשט אַהער, אַף דער טישאַישע, ווו עס האָט געלעבט זײַן מאַמע, דערנאָך אַף דער קנופּ־סטאַנציע, וואָס געפינט זיך מיט פיר סטאַנציעס ווײַטער פונדאַנען אַף מיזרעך. מע איז אײַנצווייִען אָנגעקומען אַרבעטן אַלס פראָוואָדניקעס, וואַגאָן־באַגלייטער פון אַ שנעלצוג. נעליע האָט געקוקט דערויף, ווי אַף אַ צײַטווײַליקער זאַך, זי האָט שוין געקליבן זיך ווערן אַ מאַמע, און פאַר זאַכאַרן, ביז ער האָט קיין פראָפעסיע ניט געהאַט, איז וויכטיק געווען כאָטש ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען זיך דערווײַל. ער וועט, נאַטירלעך, אַוועק זיך לערנען — אַזוי האָט זי געקלערט. זאַכאַר אָבער האָט אַלץ ווײַטער און ווײַטער דאָס לערנען אָפּגעלייגט.

נעליען האָט דערפרייט, וואָס פאָקאַטילאָוו האָט אָנגעקלונגען. זי איז אַוועק אַף דער סטאַנציע. עס האָבן אָן אויפהער געבלענדט בליצן אין דער באַנאַכטיקער ווײַט, אַלץ שטאַרקערע, אַלץ מער געבראָכענע, ווען־ניט־ווען האָבן זיך שוין אויך קוים דערטראָגן טויבע, פאַרהוילענע דונערס.

אָפּגעבנדיק נעליען די צינד־מאַשינקע, וואָס איז געמאַכט געווען פון אַן אָפּגעריבענער קוילן־הילזע, האָט פאָקאַטילאָוו געזאָגט:

— דער דיספּעטשער האָט געקלונגען פון דער קנופּ־סטאַנציע — עס רוקט זיך אָן אַ שטאַרקער שטורעם. זײַט דאָרט אויפמערקזאַם, אַפן פּאָסט. — און פּלוצעם, וועלנדיק אַוואַדע אונטערמונטערן די סטרעלאָטשניצע, צוגעגעבן: נישקאָשע, נעליע קופּריִאַנאָוונע, אינגיכן וועל איך דאָ טאַקע מאָנטירן אַן עלעקטרישן באַוועגער, וואָס טרײַבן וועט אים דער ווינט. אַלדאָס נײַטיקע איז שוין אויסגעשריבן — די טישאַישע וועט פאַרגאָסן זײַן מיט שײַן...

— נעליע איז אָפּגעגאַנגען סאַכאַקל א מעטער צען, נאָך דעם, ווי זי האָט זיך געזעגנט מיט פּאָקאָטילאָוון, דאָ האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און באַהאַלטן דעם לאַמטערן הינטער דער פּלייצע. א מינוט האָט זי נאָכגעקוקט דעם דעזשורנע, וואָס איז געגאַנגען צום ניט גאָר באַלויכטענעם מויערל פון דער סטאַנציע. ער האָט אויך געטראָגן א לאַמטערן, דערפאַר האָבן אין דער נאַכט זיך אויסגעמאָלט זײַנע ברייטע פּלייצעס און דער פּאָרמענער קאַשקעט, א ביסל אַן אַראָפּגערוקטער אַף איין זײַט. אָט איז פּאָקאָטילאָוו אַרײַן אין זײַן וואָך־צימער, געזעצט זיך באַם טיש, לעבן די טעלעפאָנען, מיטן פּאָנעם געווענדט צום פענצטער. דער גאַז־לאָמפּ און דער לאַמטערן, וועלכן דער אײַזנבאַנער האָט אויך געלאָזט שטיין אַפן טיש, האָבן גוט באַלויכטן זײַן פּאָנעם, דאָך האָט מען ניט זייער קלאָר געזען אים דורכן צוגעמאַכטן פענצטער. און נעליע האָט אין געדאַנק דערמאָלט זײַן פּאָרטרעט: געדיכטע ברעמען, וואָס זײַנען צונויפגעוואַקסן אויבן, דאָרט, וווּ די נאָז הייבט זיך אָן, שוואַרצע אויגן מיט אַזעלכע שמאָלע, פאַרזשמורעטע אויגן־לעפּלעך, אַז מע זעט קימאַט ניט די ווײַסלען, אַרויסשפּאַרנדיקע קינבאַקן, אַן אויסגעבויגענע שפּאַרבער־נאָז, און דאָס מויל, א פעסט צונויפגעדריקטס, ווי געוויינלעך בײַ שטאָלצע, ווילנספולע מענטשן... אין געדאַנק האָט זי, אייגנטלעך, אָנגעמאָלט אַן אַנדער פּאָנעם: זאַכאַרס. זי האָט אַלעמאָל שטילערהייט, הינטערווײַלעכס געקוקט אַף פּאָקאָטילאָוון, ווײַל ער איז ענלעך אַף איר זאַכאַרן, — אַגעוו, איז מען אויך ווײַטע קרויווים. נאָר ווי ניט ענלעך זײַנען זיי לויטן כאַראַקטער! אָט האָט פּאָקאָטילאָוו א ווײַב און צוויי קינדער, אַזוי־ווי זאַכאַר, נאָר ער לערנט זיך הינטערוויגיק אין א טראַנספּאָרט־אינסטיטוט, ער קוקט ווײַט...

נעליע איז געגאַנגען צום פּאָסט, און געווען איז בײַ איר אַזאַ געפיל, ווי די צינד־מאַשינקע זאָל איר האָבן געגעבן אַליין זאַכאַר. די הילזע איז נאָך א ביסעלע וואַרעם געווען פון פּאָקאָטילאָוס דלאָניע... נאָר אָט איז די וואַרעמקייט פאַרשוווּנדן, און נעליע האָט אַלץ געטראַכט וועגן זאַכאַרן: אויך האיאָר, אַזוי ווי פּאַראַיאָרן, האָט זי בײַ איר בודקע פאַרזעצט בלויע געדענק־בלימלעך. צי דען איז צו זאַכאַרן ניט דערגאַנגען איר שטילער מיין, איר פאַרבאָרגענע האָפענונג? צי דען איז ער לאַכלוטן גלײַכגילטיק צו איר?

זאַכאַר איז נאָך אַלץ א וואַגאָן־באַגלייטער אין א שנעלצוג, וואָס פאָרט דורך פאַרבײַ איר פּאָסט. דער רייס אַהין און צוריק — פון דער קנופּ־סטאַנציע ביז יענער ווײַטער — געדויערט דרײַ מעסלעס. דערנאָך, פאַר דעם, ווי אָפּרוען דרײַ מעסלעס, דאַרף זאַכאַר נאָך צוואָרבעטן עטלעכע שאָ. אייגנטלעך — איין נאַכט, דערפאַר באַגלייט ער אַן אָרטיקן צוג, אָט דעם קרײַז־צוג, וואָס גייט דאָ פאַרבײַ סאָף נאַכט. זאַכאַר דאַרף אויך הײַנט דאָ דורכפאָרן, זי ווייסט גוט דעם כעזשבן. כאָטש דעם, האָט דער, וועמען זי פאַרבײַט אַפן פּאָסט, אונטערגעטראָגן איר הײַנט פאַרנאַכט די נײַס, אַז ער האָט געזען דורכפאָרן זאַכאַרן אין איינעם פון די וואָגאָנען פונעם קרײַז־צוג. נעליע האָט זיך געשעמט פרעגן, צי האָט ער ניט באַמערקט דעם נומער פון יענעם וואַגאָן. אָט אַזוי וועלן אויך הײַנט, הייסט עס, דורכשווימען פאַרבײַ איר, אין די אָפענע טירן פון די וואָגאָנען, די אָנגעצונדענע ווײַסע לאַמטערנס פון די באַגלייטער, און וועלכער לאַמטערן עס איז זאַכארס, וועט זי ניט וויסן... ער קאָן, געוויינלעך, בעסער זי זען לעבן איר בודקע. וואָלט ער כאָטש מיט א וויג פון זײַן פײַערל באַגריסט זי!

א קאַס זידט אוף בײַ נעליען אין האַרצן. ריכטיקער, ניט קיין קאַס — ס׳איז א שווערער פאָרוואורף. א ביטערקײַט פּילט זי אָן. מענטשן רופן זי אין ייִשעוו „די שטילסטע", — עפּשער רופט מען זי אַזוי טאַקע נאָר דערפאַר, ווײַל זי שווײַגט אים אַלץ, זאַכאַרן? מע האָט איר ניט איין מאָל געייצעט: „מאַך אים א נאָמען, ווי ער פאַרדינט דאָס! זאָל מען אים כאָטש קאָנען דאָרט, וווּ ער אַרבעט, זאָל מען אים שטעכן די אויגן, צי כאָטשבי א ביסל אַראָפּזעצן — געבן ערגערס צו טאָן!" נעליע ווייסט אָבער אירס: מיט בייזן און מיט שרעקעניש וועסטו די ליבע ניט וועקן. ווען זאַכאַר האָט גענומען טרינקען, אונטערהוליען, האָבן די, וואָס האָבן דאָס געדאַרפט זען — געזען. מע האָט אים געוואָרנט, געמוסערט, לעמײַ זאָל זי זאָגן, נאָר אייניקע האָבן זײַן פירעכץ אופגענומען ווי א מין ווויליונגערישקײַט, בראַווקײַט און, זײַענדיק צופרידן, וואָס טאַקע ער צאָלט פאַרן שנאַפּס, ניט אָפּגעזאָגט זיך פון א קעלישעקל, פון א קופל ביר... וועראַוער, נאָר זי, נעליע, קאָן זאַכאַרן: ער איז ניט קיין שלעכטער מענטש, א גוטער איז ער, דאָס האַרץ איז אָבער בײַ אים א פאַרשײַטס, א ברייטס, עס רײַסט זיך אַף דער פרײַ. נאָר וואָס פאַר א פרײַהײַט איז עס, מישטיינסגעזאָגט — בלאָטע און גאָר. און עפּשער איז ער דערפאַר אַף איר אָנגעשטויסן, ווײַל זי האָט אים געזאָגט דעם עמעס אין די אויגן, דעם עמעס, וועלכן ער האָט אַליין אויך געוווּסט און וואָס האָט אים געטאָטשעט?

צוערשט האָבן זיי צוזאַמען געאַרבעט אין איין בריגאַדע וואַגאָן־באַגלייטער, און אַלץ איז גוט געווען. מע האָט באַקומען א צימער אין שטאָט, ניט ווײַט פון דער סטאַנציע. עס איז געבוירן געוואָרן סאַשקע, האָט נעליע צײַטווײַליק געמוזט בלײַבן אין דער היים. ווען זאַכאַר

האָט אײנער געדאַרפט פאַרדינען אפן לעבן, האָט עפשער טאַקע ניט געקאָנט ליגן אין קאָפ — לערנען זיך. נאָר אָט האָט מען סאשקען אָפּגעגעבן אין די יאַסלעס, נעליע איז ווידער ארויס אף דער ארבעט, עמעס, שוין ניט אפן שנעלצוג, וואָס מאַכט ווײַטע רייסן — אף א בײַשטאָטישן, און זאַכאַר האָט אלץ ניט געײַלט זיך אָנהייבן די לער אין דער אָוונט־שול, צי אף קורסן פון מאַשיניסטן, און ביכלאַל האָט ער מיט גאָרנישט אַזוינס זיך ניט געוואָלט באַלעסטיקן. אים איז פּאַשעט געפעלן געוואָרן אומצופאָרן, פרי׳ער אין א קופירטן וואַגאָן, דערנאָך — אין א ווייכן. א פרײַנטלעכער, א צוגעלאָזטער לויט דער נאַטור, און טאַקע א הוליאַקע, האָט ער געפילט זיך, ווי א פיש אין וואַסער, צווישן מענטשן פון פאַרשיידענעם גראַד, וואָס זײַנען סראָוו בײַס דער יאַזדע פרײַ פון געוויינלעכע זאָרגן, איניאַנים, און מע ווערט אַזויווי אַלע אויסגעגלײַכט, מע לעבט ווי מיט אַלצײַנע אינטערעסן. א ביסל אַן ארטיסט, א ביסל א מוזיקאַנט, האָט דער וואַגאָן־באַגלייטער געקאָנט זײַן אַן ערנסטער מיטשמועסער, נאָר ער האָט אויך געקאָנט פאַרווײַלן, מאַכן זיך לעצעוואַטע. אַזאַ רופט שטענדיק ארויס סימפּאַטיע, מע איז אים גערן מעכאַבעד, ווער רעדט נאָך, אַז מע איז שוין אַליין אויך אונטערן גלעזל. בײַס מע צעצאָלט זיך פאַרן געלעגער און פאַר דער טיי — קאַרגט מען שוין ניט, מע וואַרט ניט אפן אויסגאָב... אָט דאָס אַלץ האָט ווי א מוטנער שטראָם אַלץ מער פאַרדרייט און ארײַנגעצויגן זאַכאַרן, אַלץ מער דערווײַטערט אים פון דער מישפּאָכע, פון דער היים. און דאָ איז געבוירן געוואָרן ניורקע. דאָס מיידעלע האָט זיך אויסגעגעבן א שוואַכינקס, אין די יאַסלעס האָט מען דאָס פּיצל ניט געקאָנט איבערלאָזן, און נעליע האָט ווידער און אף גאַנץ לאַנג געמוזט בלײַבן א היים־זיצערן.

זאַכאַר האָט פון די רײַזעס אומגעקערט זיך א כמורנער — אין שטוב איז אים אַלץ געווען צו לאַסט. עס האָט שוין פּאַסירט, אַז פאַרלאָזנדיק דעם וואַגאָן, איז ער אוועק מיט א קאָמפּאַניע אין גאָרקיך, אָדער צו א ווײַן־לאַריאָק, און אַהיים האָט אים געבראַכט צו פירן עמעצער אַן אומבאַקאַנטער. ניט שטענדיק האָט זאַכאַר געטומלט, געבושעוועט אין דער היים, אָפּט, נאָך ניט קיין אויסגעניכטערטער, האָט ער ביטער אָנערקענט זײַן שולד: „ניט מיט יענער סטעזשקע בין איך אוועק, נעליקע!" נאָר — אויסגעשלאָפן זיך, און ווידער דאָס זעלבע. מע האָט אים דאַפּקע געפרוווט עפּעס זאָגן אף דער ארבעט, און טאַקע גאַנץ האַרב, האָט ער דעם קאַס אויסגעלאָזט צו איר, צו נעליען: „דאָס האָסטו מיסטאַמע געקלאָגט זיך אף מיר!" און איז אַלץ מער געוואָרן אָפּגעפרעמדט, אײנמאָל אַפילע אופגעהויבן אף איר א האַנט.

און נעליע האָט באַשלאָסן: ניין, אַזוינס דאַרף זי ניט, ס'איז ניט קיין לעבן. פרי׳ער אָדער שפּעטער וועט זאַכאַר קומען צום סייכל, נאָר זי וועט אים איצט באַווײַזן, ווי־אַזוי א מענטש דאַרף לעבן, וואָס ער דאַרף טאָן. זי איז אָנגעקומען אין אָוונט־שול פון דער קנופּ־סטאַנציע, אין זיבעטן קלאַס. מע האָט איר דערלויבט באַזוכן די לעקציעס, ווען נאָר זי וועט קאָנען, עס האָבן זיך אָפּגעזוכט א פּאָר כאַווערטעס, וואָס האָבן איר געהאָלפן לערנען זיך אין דער היים. עס פלעגן צו איר קומען אויך אײניקע לערער, ווען עס איז געשען, אַז א קינד איז לענגער קראַנק געווען. זאַכאַר האָט געוווּסט, אַז זי לערנט זיך, און האָט געשוויגן, פּונקט ווי געוואָרט אף עפּעס. בלויז אײן מאָל האָט ער באַמערקט: „ניט לויט די קויכעס נאָך, נעליקע, הייבסטו אוף א מאַסע". און זי האָט געענטפערט: „וואָס זשע, אויב ניט דו, הייב איך אוף דאָס שווערע..." ער האָט צעריסן אירע העפטן און די לערנביכער, וועלכע זי האָט ניט באַוויזן באַהאַלטן, און דאָך איז עפּעס־וואָס אין דעם אַלעמען וויכטיק געווען פאַר נעליען: זי האָט אָנגערירט זאַכאַרס שטאָלץ. איז, הייסט עס, נאָך ניט אַלץ פאַרלוירן. און נעליע האָט דעמלט טאַקע גענומען נאָך אײן לאַסט אף זיך: אָנגעהויבן זיך לערנען צו זײַן א סטרעלאָטשניצע. ביכלעך האָבן איר געבראַכט די כאַווערטעס פון דער קנופּ־סטאַנציע, טאַקע יענע, מיט וועלכע זי איז געווען אין אײן קלאַס, זיי האָבן איר אויך געגעבן אַן אייצע באַזוכן די שול פון פּאָרגעשריטענער דערפאַרונג — געוויינלעכע פאַרזאַמלונגען, ווו די בעסטע אײַזנבאַנלער דערציילן, ווי־אַזוי זיי ארבעטן. ווער־ניט־ווער האָט זי אויך פּאַשעט אײַנגעלאַדן צו זיך אפן פּאָסט און באַוויזן דאָרט, וואָס און ווי־אַזוי מע דאַרף טאָן. יאָ, ס'איז שווער געווען. צומאָל האָט זי די קינדער ניט אויסגעבאָדן צו דער צײַט, ניט פאַרלאַטעט א העמדעלע, די מאַמע האָט געמוזט אײַלן אף א לעקציע, אף אַן עקזאַמען. אַמאָל האָט זי באַוויזן אוועקשטעלן אפן פײַער דעם זופּ, נאָר דערקאָכן אים האָט זי שוין געבעטן א שכיינע, און טאַקע די שכיינע האָט אָנגעגאָסן סאַשקען און ניורקען צו טעלער, די קינדער זאָלן זיך ניט אָפּברי׳ען. סאַשע און ניורע זײַנען טאַקע אַלץ מער געוווינט געוואָרן בלײַבן אײנע אַליין אין שטוב, אָט ווי איצט.

נעליע איז אָפּגעגאַנגען א הונדערט מעטער פון דער סטאַנציע און זיך אומגעקוקט. עס האָבן שטיל געסקריפּעט די אַלטע אָסאָקאָרס בא די רעלסן, דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט.

אין דער געדיכטער פינצטערניש, דאָרט, ווו עס ליגט דער שלאָפנדיקער יישעוו — קיין פײַערל, און אויך — קיין שטערנדל אין הימל, די כמארע האָט אלץ פארדעקט.

פאראיאָרן זומער איז נעליע אָנגעקומען אפן ערשטן קורס פונעם הינטערוויגיקן אײַזנבאן־טעכניקום אין דער געגנטלעכער שטאָט. ווען זי איז געפאָרן אָפגעבן די עקזאמענעס, האָבן די שכיינים אכטונג געגעבן אף די קינדער. און אין א כוידעש ארום האָט זי אויך אָפגעגעבן אלע עקזאמענעס, קעדיי קאָנען ארבעטן אלס א סטרעלאָטשניצע. טאקע בײַס דעם פארהער האָט זי געבעטן, מע זאָל זי שיקן ארבעטן אהער, אף טישאישע... דאָ איז געבליבן דאָס שטיבל פון זאכארס פארשטאָרבענער מוטער, עמעס, שוין גאָר אן אלטס, אן אָפגעלאָזטס, באזונדערס דער דאך, וואָס איז געדעקט מיט שטרוי, נאָר דאך איז עס אן אייגן ווינקל מיט א סעדל און א שמאָלן גאָרטן באם סאמע יאר. קיין טישאישע איז נעליע אריבערגעפאָרן מיט די קינדער, פארנומען פון דער שטאָטישער דירע בלויז דאָס סאמע נייטיקע, און זאכאר איז געבליבן דאָרט, אין שטאָט, אף דער קנופ־סטאנציע.

פארבליבן איינער אליין, האָט זאכאר צוערשט אפילע גאָר שטארק געבושעוועט, פארגאסן זײַן צאָרן, נאָר שפעטער איז ער געוואָרן שטילער. קיין אנדער פרוי האָט ער אין שטוב ניט געבראכט — פאר דעם איז נעליע אין הארצן אים דאנקבאר. נאָר וועגן איר, וועגן נעליען, טראכט, דוכט זיך, זאכאר אויך ניט, ער דערמאָנט זי ניט. וועגן דעם גיט צו וויסן נעליען אין זעלטענע בריוו איינע א נאָענטע שכיינע. וואָס זשע קאָן מען טאָן, אויב זאכאר וועט מיט דער צײַט פארגעסן אין איר, אין נעליען — איז מיילע. קיין אנדער גליק וועט זי פאר זיך ניט זוכן — זי וועט זיך דורכלעבן איינע אליין מיט די קינדער. און דאָרטן, ווײַטער, פון יענער זײַט סטאנציע, אפן צווייטן סעמאפאָר, לויכט קוים א פײַערל. דאָרט איז אף א וואך פיאָטער מאגאליאק, א מענטש, וועלכער ווייסט, וואָס עס הייסט האָרעווען, נאָר ס'האָט אים געטראָפן א צאָרע — ס'איז בא אים אוועקגעשטאָרבן דאָס ווײַב. געבליבן איז ער מיט א ייִנגעלע פון דרײַ יאָר. איז אָט האָט מאגאליאק געזאָגט איר אנומלטן, נעליען:

— קיין מויד, קיין פאווע, וועל איך שוין ניט נעמען זוכן, איך דארף ניט אזא. איר, נעליע קופריאנאָוונע, זײַט מיר אזיוווי צום הארצן. איך וואָלט אײַערע קינדער פארעכנט פאר מײַנע, און מײַן מישוטקען וואָלט איר פאר אן אייגן קינד פארעכנט... הא?..

עס טרעפט, אז פיאָטער מאגאליאק דערזעט זי גיין מיט א האק הינטער דער שאָפע, קעדיי אָנהאקן א ביסל האָלץ — קומט ער ארײַן אין הויף און נעמט צו, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, די האק בא איר פון די הענט, צעהאקט אלץ, וואָס זי האָט אָנגעגרייט אף צעהאקן. און אנומלטן, אומקערנדיק זיך פון דער דעזשורסטווע מיט איר צוזאמען, האָט ער באמערקט:

— איר וואָלט, נעליע קופריאנאָוונע, דארפן פעסטיקן א ביסל דעם דאך, און רעכט וואָלט זײַן אינגאנצן אים צו פארבײַטן. די קראָקוועס זײַנען שוין היפש איבערגעפוילט, די שטרוי איז ווי פאָרעך. אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך צוהעלפן. עס וועלן זיך בא מיר אָפזוכן עטלעכע נישקאָשעדיקע דרענגלעך, און שטרוי קאָן מען פאר א קלייניקײַט קריגן אין קאָלווירט...

ווען האָט ער דאָס אזוי גוט באטראכט דעם דאך, מאגאליאק? נעליע איז ארופגעקראָכן אפן בוידעם — טאקע ניט קיין דאך, נאָר א רעשעטע. פאָריקן הארבסט האָט דאָס זיך גוט געלאָזט פילן. ווי נאָר א רעגן, האָט גאָר ניט געקלעקט קיין טעפ און קיין שיסלען אף אונטערצושטעלן זיי אונטער די טראָפנס, וואָס האָבן געקאפעט פון דער סטעליע... מאגאליאקן האָט נעליע ניט געענטפערט ניט יאָ, ניט ניין, ס'הייסט, זאָל זיך שטעלן דער זומער, וועט מען קאָנען א קלער טאָן אויך וועגן דעם דאך. אָבער זאכארן האָט זי דורך דער שכיינע איבערגעגעבן: מע וואָלט דארפן פאריכטן דעם דאך, זאָל ער אָדער אליין, דער באלעבאָס, אויסקלײַבן צײַט אף עס צו טאָן, אָדער צושיקן א ביסל געלט. זאכאר האָט זיך ניט געאײַלט צו ענטפערן. עמעס, געלט אף אויסצוהאלטן די קינדער האָט ער געגעבן, לעצטנס אפילע מער, ווי פריִער, ניט איין מאָל האָט ער אליין עס געבראכט, דאָס געלט, און אלץ דעמלט, ווען זי איז געווען אף דער וואכטע. ער קומט צו פאָרן, פארברענגט א ביסל מיט די קינדער, גייט מיט זיי צום ברעג פונעם טײַכל טישאישע. באזונדערס האָט ניורקע בא אים אויסגענומען. סאשקע — דער האָט מער פארשטאנען און געהאלטן זיך ווײַטער פונעם טאטן. וועגן די דאָזיקע באזוכן זאכארס האָט סאשקע אלץ גענוי דערציילט דער מאמען: „איך האָב אים געזאָגט, דעם טאטקע: די מאמע וויל ניט, מיר זאָלן גיין צום טײַך, און מיר זאָלן ביכלאל ווײַט אוועקגיין פון דער היים. ער האָט אָבער ניורקען אלציינס אוועקגעפירט, און מיר גראדע עטלעכע מאָל אָנגעזאָגט, איך זאָל דיך פאָלגן, מאם...”. דער זון האָט פאָרזיכטיק דערציילט אויך אזוינס: „איך האָב אים געפרעגט, דעם טאטקע: און צו דער מאם וועסטו צוגיין, ווען דו וועסט זײַן אף דער סטאנציע?” און ווארטנדיק אף אן ענטפער, האָט דאָס יאטל געשאָקלט מיטן קאָפ: „ער איז געווען בא דיר?” ניין, נעליע האָט דעם זון ניט געזאָגט קיין

ליגן, כאָטש ס׳איז א ווייטעק געווען אנערקענען אזוינס — קיין איין מאָל האָט זאכאר צו איר ניט פארקערעוועט אפן פאָסט.

דער ווינט, וואָס האָט אזויוי צוזאמען מיט א בליץ אראָפּגעריסן זיך ערגעץ פון דער שווארצער צעשפּאָלטענער הייך, ווי ס׳האָט געבלישטשעט פײַער, האָט א שווערן זעץ געטאָן אין נעליעס בודקע — דאָס קליינע געבײַ האָט א ציטער געטאָן, די פענצטער האָבן זיך צעקלונגען. א צווייטע, נאָך א שטארקערע ווינט־כוואליע האָט צעפּראלט די טיר פון דער בודקע און פארלאָשן דאָס אכטער לעמפּל אף נעליעס קליינינק טישל. נעליע האָט קוים, מיט מאטערניש, פארמאכט די טיר. ניט אָנצינדנדיק ווידער דאָס לעמפּל, האָט זי אופגעהויבן דעם ברענענדיקן לאמטערן פון דיל און באטראכט די בודקע: עפּעס האָט איר דאָ ווי געפעלט. באלד האָט זי זיך געכאפּט — דער זייגער, דער כאָדיק קלאפּט ניט. א צי געטאָן די געוויכט־לעך — דער כאָדיק איז ווײַטער אוועק, נאָר אויך איצט האָט דאָס קלאפּן פונעם בלעכענעם אומרו זיך ניט געהערט, אזוי האָט געבושעוועט דער ווינט. אין די שויבן האָט א זעץ געטאָן א רעגן. נעליע האָט אָנגעטאָן דאָס ברעזענטענע רעגנמאנטל מיטן קאפּיושאָן; איינס און צוויי אראָפּגעוואָרפן די טופל, איז זי ארײַן אין די גערויסע גומענע שטיוול, וואָס איר פארבײַטער האָט דאָ געוויינלעך איבערגעלאָזט, א רוק געטאָן דאָס סיגנאל־טרומייטל אין קעשענע און גענומען ווארטן.

דער שטורעם האָט אלץ שטארקער געטויבט, כאָטש קיין רעגן האָט אפּאנעמעסן נאָך ניט געגאָסן, ער האָט בלויז דורכגעריסן זיך א קאָסער, א פליִענדיקער דורכן ווינט. בליצן האָבן געשפּאָלטן דעם הימל, געריסן אים אף שטיקער, פארגיסנדיק די ערד מיט א בלאסער שײַן. אלע דונערס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין דונער, וואָס אָט האָט ער געהילכט אזוי, אז די אויערן האָבן דאָס קוים פארנומען, און אָט האָט ער טויב געברומט, ווי קײַקלען זאָל ער זיך ערגעץ אונטער דער ערד. עס האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן — פּאָקאָטילאָוו האָט געוואָלט וויסן, צי אלץ איז אפן פאָסט אין אָרדענונג. בא מאגאליאקן, — האָט דער דעזשורנע אָנגעזאָגט, — איז פארלאָשן געוואָרן דער סעמאפאָר, נאָר איצט לויכט דאָרט ווידער. נעליע האָט זיך דערפרייט, וואָס בא איר איז אזוינס ניט געשען. איין קליינינקײַט — אין אזא געוויטער ווידער אָנצינדן דעם לאמטערן פונעם סעמאפאָר! זי האָט אָנגעטאָפּט די צינד־מאַ־שינקע אין קעשענע פון איר זשאקעט, אף דער ברוסט, אונטערן רעגנמאנטל, און א טראכט געטאָן: „נישקאָשע, אלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, איך בין ניט איינע אף דער סטאנציע!“.

אינגיכן האָט געדארפט קומען א באפעל גרייטן א מארשרוט פארן אָרטיקן צוג, וואָס קערט זיך אום פון מײַרעוו. נעליע איז ארויס פון דער בודקע, קעדיי דורכקאָנטראָלירן די סטרעלקעס, די רעלסן־אָפּווײַכער. זי האָט אלץ געזען אויך אָן דעם לאמטערן: דער מעטאל איז באדעקט געוואָרן מיט אָן א שיר רעגן־שטרעמעלעך, פארן בריק האָט מיט א רויט פונ־קעלע געלויכטן דער סעמאפאָר, אין די פארצויגענע בליצן, וואָס האָבן געדויערט אמאָל צו עטלעכע רעגעס, האָט נאָענט ארויסגעטויכט פון דער כאשכעס דאָס געשלענגלטע טײַכל, אינ־גאנצן א ווײַס, ווי אָן אָנגעגאָסנס מיט מילך, די בריק, וואָס הענגט א שווארצע איבערן טײַכל, און ווײַטער — אפן בערגל — דער ייִשעוו... דאָרט, צופוסנס פונעם לענגלעכן בערגל, סאמע באם ברעג פונעם יאר, אינעם שטיבל מיט צוויי פענצטערלעך, וואָס קוקן אהער, און מיט א געל־געפארבטער טיר, אונטער א שטרויענעם דאך, וואָס איז אינמיטן אײַנגעבראָכן, שלאָפן יורקע און סאשקע, נאָר... צי שלאָפן זיי?

ס׳האָט זיך דערהערט א קלונג פונעם טעלעפאָן. נעליע איז אָן אָן אָטעם ארײַנגעלאָפן אין דער בודקע. נו, אָט, מע דארף דורכלאָזן א צוג. זי האָט וואָרט־בא־וואָרט איבערגעכאזערט דעם באפעל, געהערט אין טרײַבל, ווי עס כאזערט אים איבער אויך פּיאָטער מאגאליאק, עס האָט זיך אויך דערטראָגן פּאָקאָטילאָווס נײַער באפעל, וואָס האָט געהאט א שײַכעס צוביידע סטרעלאָטשניקעס: „פילט אויס!“. נעליע האָט שנעל צוגעגרייט דעם רעלסן־אָפּווײַכער און אוועקגעלאָזט זיך צו דער סטאנציע, קעדיי ווידער באקוקן דעם וועג, צי אלץ איז גרייט אף דורכלאָזן דעם צוג. דער סטרעלאָטשניק, וואָס געפינט זיך אין צווייטן עק פון דער סטאנציע, דארף טאָן דאָס זעלבע, און בלויז, ווען דו דערזעסט אים פונווײַטן און איבערצײַגסט זיך, אז דער וועג איז בא אים אויך פרײַ, מעג מען זיך אומקערן. דעם דאָזיקן גזעזעץ טאָר מען ניט איבערזען. אין א לעוואָניקער נאכט דערזעסטו א סאך פריִער דעם שאָכן צווישן די צוויי בלישטשענדיקע רעלסן, אין א פינצטערער נאכט קומט אויס צוגיין זייער נאָענט, און נאָך א רוף טאָן אים, צי עס איז טאקע ער, און איצט, ווען ס׳איז אזא געוויטער, אזא אומקומעניש, וועט מען שוין מוזן צוגיין הארט איינס צום אנדערן. א גוטער מענטש, דער דאָזיקער מאגאליאק, אָן ספּעק, און דאָך איז נעליען ניט גאָר באקוועם באגעגענען זיך מיט אים פּאָנעם־על־פּאָנעם אף די רעלסן.

ווען נעליע איז קימאַט צוגעקומען צום אָרט אַף דער סטאַנציע, ווו די סטרעלאָטשניקעס באַגעגענען זיך, האָט אַ בליץ פאַרגאָסן מיט בלענדיקער שײַן דעם וועג און מ'האָט געקאָנט זען, אַז ער איז פרײַ. מאַגאַליאַק, וועלכער איז געווען סאַכאַקל אַ מעטער צוואַנציק פון נעליען — אַ דאַרער, אַ ביסל אַ מעגושעמדיקער, אין אַ פּופּײַקע און אין אַ לעדערנעם קאַשקעט, — האָט פרײַנטלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און זײַן אויסגעשריי: „נו, אַלץ איז אין אָרדענונג!" — האָט זיך דערטראָגן שוין פון דער פינצטערניש. נעליע האָט באַשלאָסן, אַז ווײַטער האָט זי ניט וואָס צו גיין, און האָט אַ שטיל־דערפרייטע זיך אוועקגעלאָזט צוריק אין דער בודקע. זי האָט מיטגעטיילט אין טעלעפאָן, אַז דער וועג איז פרײַ, דער מאַרשרוט איז גרייט, און פאַקאַטילאָוו האָט באַפוילן:

— עפנט דעם ארײַנגאַנג־סיגנאַל!

אַפן סעמאַפאָר האָט זיך צעשײַנט אַ גרין פינטעלע. איצט איז דער צוג שוין געווען אין לעצטן מאַרש צו דער סטאַנציע, ניט ווײַט פון דער בריק. פונדעסטוועגן איז נעליען אָנגענעם דורכצולאָזן אַ צוג, אין וועלכן עס געפינט זיך זאַכאַר, אַפילע אויב זי וועט אים ניט זען, אַפילע אין אַזאַ־אָ ביטערער נאַכט.

עס איז שוין געבליבן ניט מער, ווי אַ צען מינוט, ביז דער צוג וועט אָנקומען, און דאָ האָט ווידער אין דער בודקע זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. נו־נו, שוין איינמאָל אַ פאַקאַטילאָוו! ער רוט ניט, ערשט־אָ האָט זי אַזוי גוט באַקוקט דעם וועג, און ער פאָדערט, זי זאָל ווידער גיין אַ קוק טאָן. און דער רעגן האָט גראָד גענומען גיסן, ווי פון אַ פאַס. נעליע האָט קוים זיך דורכגעריסן דורך דעם שווער־צעוויגטן דורכויסיקן וואַסער־שטראָם; איינס נאָך איינס האָבן ציטעריק אופגעלויכטן און געבראָכן זיך די בליצן, פונקט ווי אַן עלעקטראָשווייסער, וואָס האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן, זאָל אָן אופהער זיך מיִען; דער ווינט האָט זיך געוואָרפן אַף איר מיט אַ צעיושעטער קראַפט; אַ דריבנער האָגל האָט געקלאַפּט אין שווערן רעגנמאַנטל, אין לאַמטערן, אין די רעלסן... נעליע האָט געמאַכט עטלעכע צענדליק שפאַן און איז פלוצעם שטיין געבליבן אַ פאַרציטערטע. גאָר ניט ווײַט פון איר, אין דער דורכויסיקער פינצטערניש, וואָס איז געקומען נאָכן פליעסק פון אַ בליץ, ריכטיקער, אין דער ווײַלע, ווען דער בליץ האָט זיך אויסגעלאָשן, האָט אַ וויג זיך געטאָן עפּעס שוואַרצס, צעווייכערטס, ענלעך אַף דער קרוין פון אַ מעכטיקן בוים, אַ וויג געטאָן זיך דאָרט, ווו עס האָט גאָרנישט ניט געקענט זיך וויגן — איבער די סאַמע רעלסן. עפּעס איז מיט אַ קלאַפּ געפאַלן אַף דער ערד „אַ בוים איז אומגעפאַלן!" — האָט מיט אַ פאַרגליווערט האַרץ אַ טראַכט געטאָן נעליע און געלאָזט זיך לויפן איבער די שפּאַלעס אַהין, צו יענעם שוואַרצן, וואָס האָט זיך געהויכט אין דער נאַכט. קוואַר אַלע דרײַ וועגן פון דער סטאַנציע איז געלעגן אַן אַלטער אָסאָקאָר, די צווײַגן האָבן נאָך געציטערט פונעם קלאַפּ אין דער ערד, איבער זיי האָבן זיך געדרייט און געליאַרעמט ראָבן, וואָס זײַנען געבליבן אָן נעסטן.

„דער צוג גייט אַהער!" — האָט אַ טראַכט געטאָן נעליע און מיט אַלע קויכעס געלאָזט זיך לויפן צו דער בודקע. צעפּראַלט די טיר, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרײַבל, צוויי מאָל טיף אָן אָטעם געטאָן און, ווי מעגלעך, אַ באַהערשטע, אָן אַ ציטער אין קאָל, מיטגעטיילט דעם דעזשורנע וועגן דער פּאַסירונג.

— פאַרמאַכט דעם סעמאַפאָר און וואַרט אַף מײַנע פאַראָרדענונגען, — האָט געענטפערט פאַקאַטילאָוו. אין טרײַבל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק טרישטשען — דער שטורעם האָט געטאָן זײַנס.

נעליע איז ארויס אין רעגן, האַלטנדיק דעם לאַמטערן אַזוי, אַז דאָס רויטע גלאָז זאָל געווענדט זײַן צום סעמאַפאָר. דערבײַ האָט זי אָנגעשטרענגט געקוקט אַהין, ווו ס'איז געלעגן דער אומגעוואַלגערטער בוים, נאָר גאָרנישט ניט געזען אין דער צעבויטעטער פינצטערניש. ס'איז אַוועק אַ מינוט פינף, ביז זי האָט באַמערקט, צוערשט אַז עס דערנעענטערט זיך איין רויט פינטעלע, און באַלד — אַ צווייטס. „דער שעף פון סטאַנציע, איוואַן טאַראַסאָוויטש, איז אויך אויף!" — האָט נעליע באַשטימט. איוואַן טאַראַסאָוויטש האָט געוווינט אין דער צווייטער העלפט פונעם מויערל, ווו די סטאַנציע איז געווען — אייגנטלעך, איז דאָס די איינציקע מישפּאָכע אַף דער סטאַנציע. ווען עס האָבן געלויכטן בליצן, האָט נעליע שוין געזען: עמעצער ברעכט אַרום מיט די הענט די צווײַגן פונעם אומגעפאַלענעם בוים, אַ צווייטער פאָרעט זיך דאָרט מיט אַ האַק. ווײַט פון יענער זײַט בריק האָט אינעם געברום פון דונערס און אינעם רויש פון רעגן קוים דורכגעשניטן זיך דער פײַף פון אַ לאָקאָמאָטיוו — עס האָט זיך דערנעענטערט דער צוג. נעליע האָט געמאַכט עטלעכע טריט צו דער בריק און, ווי מעגלעך העכער, אופגעהויבן דעם לאַמטערן איבערן קאָפּ — מיט דער רויטער שײַן צום צוג. און דער צוג האָט שוין געקלאַפּט מיט די רעדער איבער דער בריק. „צי דען זעט זיך ניט דער סיגנאַל

אפן פאַרמאַכטן סעמאַפאָר?" — אַ פראָסט האָט דורכגענומען נעליעס לײַב, אין די פינגער פון די פיס האָט זיך מאַמעש דערפילט אַ שטעכעניש, ווי פון נאָדלען, די קני האָבן זיך עטוואָס געבויגן, די הענט, וועלכע זי האָט געהאַלטן אופגעהויבן, זײַנען שווער געוואָרן. און דאַ האָט זי דערהערט: די רעדער קלאַפּן שטילער, לאַנגזאַמער. די העלע, גרויסע פּאַרע, וואָס האָט גרויזאַם זיך דערנעענטערט, האָט געלויכטן שוין אָף דער זײַט בריק, ווו די סטאַנציע איז געווען, נאָר באַם סאַמע סעמאַפאָר האָט דער לאָקאָמאָטיוו זיך אָפּגעשטעלט, עס האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל — דער מאַשיניסט האָט געפאָדערט, מע זאָל עפענען דעם סעמאַפאָר.

נעליע, שוין קימאַט אַ פאַרכאַלעשטע, האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט — דער צוג שטייט.

ערשט איצט האָט זי ווידער דערפילט סײַ די קלעפּ פונעם ווינט, סײַ די אומופהערלעכע שמיץ פון דעם רעגן; זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אין איינעם פון די וואַגאָנען שטייט איצט בײַ דער אָפענער טיר זאַכאַר, סאַכאַקל אַ הונדערט פּופּציק מעטער פונדאַנען. צי ווייסט ער כאָטש, אַז די קינדער זײַנען איצט איינע אַליין אין שטוב? צי טראַכט ער וועגן זיי? כאָטש גאַנץ מעגלעך, אַז וועגן זיי גראָד טראַכט ער...

זי האָט אַ קוק געטאָן אַהין, ווו דער יִשעוו איז, ווו ס'איז געשטאַנען איר אַלט צעקרימט שטיבל באַם שטײלן אָפּהאַנג פונעם יאַר. אַ בליץ האָט אין דער זעלבער ווײַלע מוירעדיק באַלויכטן אַ האַלבן הימל פונקט איבערן יִשעוו, און נעליע האָט אַ ציטער געטאָן: ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן מיטאַמאָל, אַז דער דאַך איבער איר שטיבל האָט זיך אונטערגעהויבן און צוריק אַראָפּגעלאָזט זיך, ווי דאָס דעקל פון אַ קאַסטן. עס זײַנען דורך צוויי־דרײַ פּײַנ־לעך־אַנגעשטרענגטע מינוט, ביז ס'האָט ווידער אופגעבליצט: ניין, דער דאַך איז געווען אָף אָן אָרט.

„וואָס הייסט דאָס?". נאָר נעליע האָט באַלד אַליין זיך באַרויִקט: „גאָרניט, ס'האָט זיך אויסגעדאַכט". דאָס הייסט, באַרויִקט האָט זי זיך לאַכלוטן ניט, זי האָט אָבער געמוזט אופ־הערן טראַכטן וועגן איר אויסדאַכטונג, ווײַל זי איז פאַרנומען, זי דאַרף איצט מיטן גאַנצן וועזן זײַן אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט. איבער די שפּאַלעס האָט צו איר זיך דערנעענטערט דער שעף פון סטאַנציע. איבערשרײַענדיק דעם רעגן און דעם ווינט, וואָס האָט געריסן די פּאָלעס פון זײַן ברעזענטענעם מאַנטל, האָט איוואַן טאַראַסאָוויטש אויסגערופן:

— גרייט דעם מאַרשרוט אפן דריטן וועג! מיר וועלן פאַמעלעכקע דורכלאָזן דעם צוג, אײַנגעזונקען זאָל עס ווערן!

ער האָט באַקוקט די סטרעלקע, געבויגן זיך מיטן לאַמטערן צו די סאַמע רעלסן, צווישן וועלכע עס זײַנען געלאָפן ריטשקעס וואַסער, און, אויסגלײַכנדיק זיך, באַפוילן:

— עפן דעם סעמאַפאָר!

ביז דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו נעליעס פּאָסט, ביז ס'האָבן פאַרבײַ איר געוּמען דורכשווימען, פאַרשמיסענע פון רעגן, די אָנגעצונדענע לאַמטערנס אין די הענט פון די וואַגאָן־באַגלייטער, האָט זי ניט געוואַגט אויסקערעווען דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן אפן יִשעוו, אָף איר הײַזקע; זי האָט געזען בלויז פּײַערלעך און רעדער, פּײַערלעך און רעדער, רעלסן, שפּאַלעס, און האָט אַפילו ניט אופגעהויבן די אויגן העכער, קעדײַ זען, צי עס איז דאָ צווישן די באַגלייטער זאַכאַר. וואָס גייט איר אָן אין אַזאַ נאַכט זאַכאַר, אַ זאַרגלאָזער און אַ פרעמדער?

ווען ס'האָט זיך דורכגעקײַקלט דער לעצטער וואַגאָן, האָט איוואַן טאַראַסאָוויטש אופגע־הויבן העכער זײַן לאַמטערן. זי האָט דערזען דעם אײַזנבאַנלערס עלטערלעך־געקנייטשט, פולבלעך געזיכט, די נאַסע, געלע וואָנצעס, אָפּגעצויגענע אָף אַראָפּ, דאָס לינקע, עטוואָס מער אַרויסשפּאַרנדיקע, אויג מיט אַ שראַם אָף דער ברעם — דעם צייכן פון אַ מילכאָמע־שפּליטער.

— נו, אָט, שטילסטע, קומט דיר, הייסט עס, ווידער אַ דאַנק... האָסט אונדז נאָכאַמאָל אַלעמען געראַטעוועט פון אַ צאָרע... אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן, דער אָסאַקאָר, אָט די פּוילע קלאָץ, מע וועט נאָך דאַרפן גוט אָנמוטשען זיך דאָ, אַ־אַ! דער שטאַם האָט דאָך פאַר־וואַלגערט צוויי וועגן פון די דרײַ, וואָס מיר האָבן. זאָל זײַן, מירן אים באַלד אָפּקײַקלען ווי־עס־איז, דעם שטאַם, די בריגאַדע פון צוג, אייניקע פּאַסאַזשירן וועלן העלפן, נאָר ווער ווייסט — מע קאָן דערבײַ די רעלסן אָנרירן, אײַנגעזונקען זאָל עס ווערן!

איוואַן טאַראַסאָוויטש איז אַוועק אין נעליעס בודקע, שנעל זיך דאָרט דורכגעשמועסט דורכן טעלעפאָן מיט פּאָקאָטילאָוו, אַ רוף געטאָן נעליען דורך דער אָפענער טיר און איבער־געגעבן איר דאָס טרײַבל. פּאָקאָטילאָוו האָט קורץ, אײַליק באַפוילן: „מאַכט גרייט אַ מאַר־שרוט, דער שנעלצוג זאָל קאָנען גיין ווײַטער, און אַליין פּײַל־אויס־בויגן צו די וועג־אַרבע־טער, הייבט זיי אוף אַלעמען, און — אהער!"

דאָס, וואָס דער שעף פון דער סטאַנציע האָט אַזוי שטרענג זיך געהאַלטן בא די טאַקאַ־
בעס, ניט אָפּגעגעבן דעם באַפעל אָן דעם דעזשורנעם, האָט פאַר נעליען באַטײַט זייער א
סאַך, עס האָט צוגעגעבן גאָר אַן אַנדער זין דער פּאַסירונג.

צווי געזינדן פון וועג־אַרבעטער און דער בריגאַדיר האָבן געוווינט אין אָפּגעזונ־
דערט הויז אַף יענער זײַט בריק. נעליע האָט זיך אוועקגעלאָזט אַהין. וואָס נעענטער צו דער
בריק, אַלץ העכער איז די דאַמבע, א בליץ טוט א בלישטשע — זעט זיך וויַט דער אַרום.
נעליע איז געלאָפן איבער די שפּאַלעס און די גאַנצע צײַט געהאַלטן דאָס פּאָנעם אויסגע־
קערעוועט צום יִשׁוּעו. אָט האָט זי דערזען איר שטיבל און א געשריי געטאָן, קוים געפונען
דעם גלײַכגעוויכט ניט אומצופאַלן: קיין דאַך איז ניט געווען! אַנטקעגן א מינוט איז זי גע־
שטאַנען א פאַרצאַפּלטע און געוואַרט אַף א נײַעם בליץ. דער שוואַרצער פאַרוואָלקנטער הימל
האָט מיטאַמאָל א ציטער געטאָן, ווי אײַנגעבראָכן זיך. א ווײַסער שטיק פײַער, ווי א שלאַנג,
איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד, און נעליע האָט ווידער בוילעט דערזען באַם סאַמע יאַר די
ווענט פון איר שטיבל, בלויז די אַרומגעקאַלכטע ווענט — דער דאַך איז פאַרשווּנדן...

דער ערשטער אומבאַוווּסטזיניקער פאַרלאַנג איז געווען — א לאָז טאָן זיך פון דער
דאַמבע אַראָפּ, און גלײַך דורך די סאַווערן, דורכן זומפּיקן טאָל, איבערן טײַכל, איבערן
יאַר — אַהיים, צו די קינדער, זען, וואָס טוען זיי. נאָר באַלד האָט זי פאַרשטאַנען: „ניין,
צוערשט מוז איך אָפּוועקן יענע, וואָס וועלן רעמאָנטירן דעם וועג!״ מיט אָט דעם „צוערשט״
האָט זי זיך אַליין באַרויקט, און איז זיכער געווען דערבײַ, אַז ניט אַף לאַנג — באַלד וועט
זי אַוועק צו איר שטוב. אָבער ווען זי האָט זיך שוין אומגעקערט פון די וועג־אַרבעטער
איבער דער בריק, אונטער וועלכער עס האָט נאָך שטאַרקער, הילכיקער געראַוישט דאָס וואַסער,
האָט זי פאַרשטאַנען: „אַהיים טאָר איך ניט אַוועק, מע מוז זיך אומקערן אַפן פּאָסט, מע מוז!
טייקעף, טייקעף!״ זי האָט אײַנגעכאַזערט די דאָזיקע ווערטער, קעדיי פאַרטויבן א צווייט
קאָל, אויך אַן אייגנס, וואָס האָט געררופן וואָרפן אַלץ און אַוועק אַהין, אַף יענער זײַט טאָל.
אָבער שוין אין עטלעכע ווײַלעס אַרום, ווען זי האָט א ביסל נעענטער דערזען דאָס רויטע
קײַלעכדיקע פענצטערל פון סעמאַפאָר, און נידעריקער, ווײַטער — די ווײַסע פײַערלעך פון
איר פּאָסט, האָט זי, קימאַט איינגאַנצן א באַהערשטע, יעדנפאַלס — אַן אַנטשלאָסענע, געזאָגט
צו זיך: „וואָס עפּעס ווייס איך ניט ווו איך בין אַף דער וועלט? א קליינינקײַט — אַנטליפן!
די שכיינים וועלן דאָרט העלפן די קינדער, אויב מע דאַרף. וואָס קאָן איך טאָן?״

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, וויַאזוי זי וועט קומען פון דער אַרבעט אינדערפרי, — איוואַן
טאַראַסאָוויטש וועט זי געוויינלעך אָפּלאָזן פריִער, ווי נאָר עס וועט מעגלעך זײַן, — וויַאזוי
זי וועט אַרומנעמען די קינדער, מער דאַרף זי דאָך ניט, אַבי נאָר זען, וויסן, אַז ס׳האָט זיי
גאָרניט געשאַט, זיי זײַנען גאַנץ. דעם דאָך האָט דער ווינט אַראָפּגעריסן... מוירע האָבנדיק
פאַרשטעלן זיך, אַז געשען איז עפּעס מער שרעקלעכס, האָט זי זיך געפּלײַסט פאַרטויבן דעם
אומרו מיט געדאַנקען וועגן דאָך: „זאַכאַר וועט קומען און פאַריכטן די שטוב. ווי זשע אַנ־
דערש? און עפּשער וועט דאָס טאָן פיאָטער מאַגאַליאַק? עפּשער וואָלט זי טאַקע איבערער
מיט די קינדער צו אים אין שטוב? כאָטשבי אַף א צײַט... ניין!״

אין דער בלאַסער שײַן פון די סיגנאַל־לאַמטערנס אַף די רעלסן האָט עפּעס שוואַרצס
א שווינדל געטאָן און גענומען דערנעענטערן זיך צו נעליען: א קינד איז געלאָפן איבער
די שפּאַלעס...

— סאַשקעו! — האָט נעליע אויסגעשריגן און געוואָרפן זיך אַרומנעמען דעם זון. מיט
איין האַנט האָט זי אײַליק באַטאַפּט זײַנע דאַרע פלייצקעס (ער האָט געטראָגן איר פופייקע,
א נאַסע פון רעגן), און מיטן לאַמטערן באַלויכטן דעם קינדס פּענעמל: א בלאַס, א דער־
שראָקנס; די פּײַכטע בלאָנדע קוטשערלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן אַפן שטערן פון
אונטערן קאַשקעטל מיטן צעבראָכענעם דאַשעק, די קוים אָנגעמערקטע ברעמען און דאָס
קירפּאַטע נעזל און די אויסגעקרישלטע מילך־ציין — אַלץ האָט געזאָגט: „מאַם, דאָס בין איך!״.

— און ניורקע ווו איז? ווו איז ניורקע? — האָט נעליע אומרויִק געפרעגט, כאָטש זי האָט
לויט דעם זונס שוואַכן שמייכל פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

— ניורקע? זי איז בא די נעטשיפּאָרוקעס... מע האָט זי א שלאָפנדיקע אַריבערגעטראָגן,
זי האָט פונעם רעגן זיך אופגעכאַפּט און גענומען שרײַען, גענומען קלאַפּן דעם דיאַדיע
אַרכיפּ מיט די פויסטלעך: „טשעפּעט מיך ניט, איך וויל שלאָפן!״. דער דיאַדיע אַרכיפּ איז
אויך דאָ, אַף דער סטאַנציע, די טיאָטיע נאַסטיע האָט אים געשיקט, ער זאָל דיך פאַרבײַטן.
„גיי אַרויס, אַרכיפּ, האָט זי געזאָגט, פריִער אַף דער דעזשורסטווע״. ער אייסעקט זיך דאָרט
צוזאַמען מיט אַלעמען בא יענעם אומגעפאַלענעם בוים, און איך בין אַוועקגעלאָפן דיר
אַנטקעגן... קיין דאַך האָבן מיר ניט, מאַם, די טיאָטיע נאַסטיע זאָגט: „פּונקט ווי א קו זאָל

אים מיטן צונג אראָפּלעקן...״. פון אָנהייב האָט בלויז עפּעס שטאַרק געקלאַפּט אַפן בוידעם, די ווענט האָבן זיך געטרייסלט, פון דער סטעליע האָט דאָס קאַלך זיך אַראָפּגעשאָטן. טאַפּאַ האָט האווקעט, און איך טראַכט: עמעץ איז אַראָפּגעשפּרונגען צו אונדז אַפן דאַך, עפּשער א פּאַ־ ראַשוטיסט, צי אַן אַעראָפּלאַן האָט זיך פאַרטשעפּעט מיטן פליגל... נאָר באַלד — ווידער און ווידער א קלאַפּ, א טרישטש, און — זש־זש!.. איך הער: דער רעגן פּויקט גלײַך אין סטעליע, און באַלד האָט געגונונען רינען פון אַלע זײַטן... און דער דיאַדיע ארכיפּ איז געקומען צו לויפן, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער: אונדזער דאַך איז צו אים אין הויף אַראָפּגעפאַלן, צעבראָכן דעם פּאַרקן...

נעליע האָט געהערט דעם זונס אײַליקע, פאַרכלינעטע רייד, זי איז געגאַנגען מיט אים באַנאַנד איבער די שפּאַלטעס, צוגעדעקט אים דעם קאָפּ מיט דער פּאָלע פון איר רעגנמאַנטל. געקומען אין בודקע, האָט זי סאַשקען אוועקגעזעצט אַף דעם איינציקן בענקל, וואָס איז דאָ געשטאַנען, אָנגעצונדן דאָס לעמפּל און איז אוועק צו די רעלסן־אַפּווײַכער. די טיר האָט זי פעסט צוגעמאַכט נאָך זיך. אויב איוואַן טאַראַסאָוויטש וועט דערלויבן ארכיפּן שטעלן זיך פאַר דער צײַט אַפן פּאָסט, וועט זי טאַקע אוועק מיטן זון אין יישעוו. באַ נעליען איז אַי ווארעם געוועזן אַפן האַרצן, אַי גרויל, אומהיימלעך. ווארעם — די קינדער זײַנען גאַנץ, די צאָרע האָט זיי געמיטן, טרויעריק, ביטער — זי וועט זיך אומקערן ניט אהיים, אין א פּרעמ־ דער שטוב. מע וועט דאַרפן טאָן אַזוי, אַז מע זאָל דערוויַיל ווי־ניט־איז קאָנען ווינען באַ זיך אין דער היים אָן א דאַך. עפּשער וועט געלינגען אַנטלײַען אַף א שטיקל צײַט א ברעַ־ זענט אין קאָלווירט אָדער אינעם היגן מאַגאַזין? אינדערפרי וועט די זון א ווארעם טאָן, וועט מען דאַרפן אויסלייגן אַפן גראָז דאָס ביסל שטוביק האָב־און־גוטס — זאָל זיך עס טרי־ קענען, מיסטאמע איז אַלץ נאַס געוואָרן אַף דורך און דורך... שווער איז געוואָרן נעליען פון איר איינזאַמקײַט, פון איר עלנט, שווערער, ווי ווען־עס־איז ביז איצט.

א סאַך פּײַערלעך, ווײַסע און רויטע, האָבן געפינקלט, געמינעט זיך דאָרט, ווו ס׳איז געלעגן דער אומגעפאַלענער אָסאָקאָר. דורכן רעגן האָט קוים זיך געזען די שײַן אין די פענצטער פונעם פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס איז געשטאַנען אַף דער סטאַנציע. רעדנדיק הויך, זײַנען אימפּעטדיק פאַרבײַגעגאַנגען די וועג־אַרבעטער, אָנגעלאָדענע מיט קירקעס, לאָפּעטעס, אײַזערנע פּרענטעס. צי וועט מען כאָטש גיך דורכלאָזן דעם צוג, ער זאָל קאָנען גיין ווײַטער? נעליע האָט ניט געהאַט באַ וועמען צו פרעגן. עמעצער האָט זיך דערנעענטערט צו איר בודקע פון דער זײַט, וואָס איז געווענדט צו דער סטאַנציע. מעגלעך, דאָס גייט אההער ארכיפּ. א לאַמטערן לויכט באַ זײַנע קני. נאָר ניין, ארכיפּ איז נידעריקער, איידער דער, וואָס קומט צו. ווער זשע איז עס? נעליע האָט זיך צוגעזעצט אַף די שפּיץ פינגער, קעדיי בעסער קאָנען זען אין דער נאַכט. און וואָס גייט עס איר אָן אַזוי שטאַרק, וואָס איז דאָ די נאַפּקעמינע — ווער עס גייט דאָרט? נו, זאָל זײַן, ס׳איז פּאָקאָטילאָוו, מיסטאמע ער. דאָס האַרץ האָט א צאַפּל געטאָן, נעליען האָט קוים געקלעקט קויעך אויסגלײַכן זיך. שנעל לויט די קוים מערק־ באַרע קאָנטורן פון דער טונקעלער פיגור, לויטן כאַראַקטערישן וויגן זיך אין גאַנג און נאָך לויט עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט עס ניט געקאָנט אופכאַפּן, האָט זי דערקענט זאַכאַרן. ער איז געגאַנגען אהער. אָט האָט ער שוין אויסגערופן:

— נעלקע, דאָס ביסטו דאָרט?

— איך...

— נו, וואָס מאַכסטו?..

ער איז צוגעקומען, דערלאַנגט איר די האַנט. באַלויכטן מיטן לאַמטערן איר פּאָנעם, האָט ער אוואַדע א מינוט געקוקט איר אין די אויגן, וואָס האָבן ניט געפינטלט. עפּעס שטרענגס, פאַרביטערטס, און באַנאַנד מיט דעם — ווארעמס, צאַרטס האָבן אויסגעדריקט זײַנע עטוואָס צוגעזשמורעטע אויגן, הינטער דער הויט אַף די אײַנגעפאַלענע באַקן האָבן זיך באַוועגט אָנגעשטרענגטע קײַקעלעך, זשעלוואַקעס — אַזוי איז אַלעמאָל, ווען ער איז בייז, אָדער פאַר־ קערט — צערודערט... נעליע האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, מיט א פאַרצאַפּלט האַרץ האָט זי געוואַרט — וואָס וועט ער זאָגן. עס האָט זיך געוואָלט אָפּשטויסן אים, זאָל ער אוועקגיין, נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט זי געוווסט, אַז איצט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן איר סאַמע שטאַרקסטער פאַרלאַנג: ער איז געקומען...

באַ זאַכאַרן האָט זיך דורכגעריסן א קורצער, אופגערעגטער געלעכטער, נעליען האָט זיך אַפילע אויסגעוויזן — ניט קיין גוטער געלעכטער.

— איוואַן טאַראַסאָוויטש זאָגט מיר: דאָס האָט דײַנע, די שטילסטע, דערזען אַז דער בוים איז אומגעפאַלן! וואָס, מע רופט דיך דאָ — די שטילסטע?

נעליע האָט א ברען געטאָן:

— וואָס ביסטו געקומען, וואָס דרייסטו מיר דעם קאָפּ? גיי, איך בין אָף דער ארבעט!

— נעליע! — און פלוצעם האָט אין זײַן קאָל, אין זײַן עטוואָס אײַנגעבויגענעם גוף עפּעס זיך אײַנגעבראָכן, דאָס פּאָנעם האָט א ציטער געטאָן פון וויטעק, — וואָס רעדסטו, נעליע, וואָס רעדסטו... צו די קינדער פלעג איך קומען צו פאָרן, און צו דיר קיין איין מאָל ניט — פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? — האָט זי הארב געפרעגט.

— איך האָב זיך געגומען אין די הענט, אָט פאַרוואָס... איך האָב באַשלאָסן: אויב איך וועל א האלב יאָר קיין טראָפּן ניט נעמען אין מויל, אויב איך וועל אויסהאלטן — מעג איך זיך אומקערן צו דיר. הייסט עס, אז דאָס האָב איך שוין אָפּן גאַנצן לעבן א סאָך געמאַכט צום שלעכטן, צום נאַרישן. מע האָט מיך שוין שיר פון דער ארבעט ניט דורכגעטריבן, איך זאָג דעם עמעס, מע האָט מיר פּאַשעט געגלייבט אָפּן וואָרט. און איך האָב אזוי פאַרטראַכט: האַלט איך אויס, גיי איך אוועק פאַר א קעסל־הייצער אָף א לאָקאָמאָטיוו. א שיקערוק, וועט מען מיך דאָך צום לאָקאָמאָטיוו ניט צולאָזן אפילע נאָענט... פינף כאָדאָשים אָן עטלעכע טעג זײַנען שוין פאַרבײַ — איך האַלט וואָרט...

— נו?

— אויב דו ווילסט, קאָן איך אויך ווײַטער אזוי — וואַרטן...

— עס האָט, שײַנער באַלעבאָס, דעם דאָך אראָפּגעריסן פון אונדזער שטוב! — האָט נעליע געזאָגט מיט טיפער ביטערקײַט.

— איך ווייס, איוואַן טאַראַסאָוויטש האָט דערציילט. געוויינלעך, איך וועל ארופציִען א נײַעם דאָך. אָט וועל איך נאָר אומקערן זיך פונעם רייס... נו, איז וואָס זשע זאָגסטו?

די טיר פון דער בודקע האָט א סקריפּע געטאָן. אָפּן שוועל, אינעם פּאַס ניט העלער, רויטלעכער שײַן איז געשטאַנען סאַשקע אין דער מאַמעס פאַנאַנדערגעשפּיליעטער פופײַקע מיט לאַנגע ארבל ביז די קני. ער האָט א רוף געטאָן:

— מאַם!

זאַכאַר האָט געוואָרפן א בליק אָפּן זון: עפּעס אומגעדולדיקס, צאַרטס האָט געלויכטן אינעם פאָטערס אויגן, נאָר ער האָט זיך ניט געריִרט פון אָרט, ער האָט געוואַרט, וואָס וועט ענטפערן נעליע.

זי האָט געפרעגט ניט הויך:

— דו מיינסט דאָס ערנסט, זאַכאַר, צי סטאַם אזוי, קעדיי שפּעטער ווידער קאַליע מאַכן מיר דאָס בלוט?

— ערנסט, נעליע, איך זאָג דאָס אַלץ ערנסט, ערנסטער אוואָדע, ווי דעמלט, ווען כ'האָב דיר דאָס ערשטע מאָל געזאָגט, זאָלסט ווערן מײַנע.

ער האָט געמאַכט א טראָט צום זון. דאָס יאַטל האָט פאַרכידעשט, ניט דרייסט און דערפרייט אויסגעשריגן:

— טאַ, דו?

א בליץ האָט באַלויכטן זיי ביידן, און די בודקע מיט דער צעפראַלטער טיר, און נעליען, וואָס איז געשטאַנען א ביסעלע אין א זײַט, אָף די רעלסן, און דאָס שטיבל אָנעם דאַך, אָף יענער זײַט שווארצן יאַר, און די וואָלקנדיקע, שטורעמדיקע־צעבויטעטע, באַנאַכטיקע ווײַט.

באָריס מאָגילנער

• אַן עקזאַמען •

אין דער קאַבינע, וואָס שמעקט מיט בענזין, זיצט אַף א פאַרשמאָלצן שטולכל סיאָמע. ער איז מאַ־גער, זײַנע שאַרפע אַקסל אונטערן פּריש אויסגעוואַ־שענעם אַרבעטס־בעגעד בייגן זיך לײַכט הין און צוריק.

אַלעמאָל, ווען דער טראַס לאָזט אַפּ דעם גרײַפּער און דער עקסקאַוואַטאָר־בעכער טוט מיט א ראַש א פאַל פונעם שפּיץ פײַל אין קאַסל־גרוב, הערט אויף דער מאָטאָר צו ברומען, ווי ער וואָלט דערשטיקט געוואָרן. אָבער אַזוי דוכט זיך בלויז. זאָל סיאָמע זיך צורירן צום געהעריקן קנעפּל אַף דער מאַכשירים־ברעט אָדער צו די הייבערס, וועט דער מאָטאָר אין דער זעלבער רעגע צערעוון זיך אָפּסנײַ, ווי־דער אויפוועקן דעם קויש, צווינגען אים זיך אײַנבײַסן אין דער ערד פונעם קאַטלאָוואַן און אַרויסשלעפּן צום ראַנד פון דער קאַסל־גרוב א הויפן ערד.

די ענגשאַפט פונעם אַרבעטס־אָרט קימערט ניט סיאָמען. ער פילט זיך באַקוועם. עפּשער דערפאַר, ווײַל אָט אַזוי, מיט די דלאָניעס אַף די טאַנקען־הייבערס, מיט די שטיוול־פּאָדעש־וועס אַף די פּעדאַלן, איז ער דורכגעגאַנגען זײַן אַרמיי־דינסט אין דײַטשלאַנד, אין יענע ווײַטע קאַנטן, ווו מיט פיל יאָרן צוריק, אויך אַזוי, מיט די דלאָניעס אַף די ריטשאַגן, מיט די שטיוול אַף די פּעדאַלן, פלעגט זײַן טאַטע מיט זײַן טאַנק דורכברעכן דעם וועג פאַר אונדזער אָנגרײַפנדיקער פּעכאָטע.

דער טאַטע איז פון דער מילכאָמע ניט גע־קומען, ניט געלעבט קיין פולע דרײַ צענדליק יאָר אַף דער וועלט. סיאָמע האָט פאַרענדיקט די שול, אָפּגעדינט אין דער אַרמיי און, אָנשטאָט צו גיין אין אינסטיטוט, איז ער אַוועק אַף א בויונג. אין אינסטיטוט האָט ער זיך געלערנט הינטערוויגיק.

איצט איז אַפּן בוי־פּלאַץ, כוץ אים, מער קיין אַרבעטער ניטאָ, ווײַל ס'איז זונטיק. נעכטן פאַרנאַכט איז צו אים צוגעגאַנגען דער פּראַ־ראַב און גענומען זיך בעטן:

— די קאַסל־גרוב מוז פאַרטיק זײַן איבער־מאָרגן גאַנצפרי. די מוליערס וואַרטן. מיט איין וואָרט — מע דאַרף! איך פאָדער ניט, איך בעט. העלף!..

סיאָמע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן:

— ס'איז מיר געבליבן איין טאָג ביזן עקזאַ־מען אין אינסטיטוט. איבער אײַך וועל איך דורכוואַלגערן דעם עקזאַמען.

— נו, וואָס רעדסטו... דו וועסט דורכוואַל־גערן? א קאָפּ פון א מיניסטער...

— לויטן געזעץ האָט א הינטערוויגלער דאָס רעכט צו באַקומען פאַר אַן עקזאַמען א פרײַען טאָג. מאָרגן איז זונטיק. איז נאָ דיר גאָר!

— און אַז מע דאַרף? עפּשער האָסטו גע־הערט פון אַזאַ זאַך, ווי קאָמיוגישער ענטוז־יאַזם? איך — דאַרף! פאַרוואָס ניט אויך דו? די מוליערס וואַרטן, אַז די קאַסל־גרוב זאָל זײַן אינגאַנצן פאַרטיק...

— ווײַ־ווײַ, קיין אַנדער ברירע ניט פאַ־ראַן. א פײַנער טערעץ — מע מוז. מע איז א באַלכויוו. און אויב איך וועל ווערן א באַלכויוו פאַרן אינסטיטוט?

לאַנג האָט זיך סיאָמע געשפּאַרט מיטן פּראָראַב, און געענדיקט האָט זיך, אַז די ליבע צו אַרבעט האָט גענומען די אויבערהאַנט.

באַלד וועט גיין א רעגן. סיאָמע באַטראַכט דעם קאַטלאָוואַן: ניט קיין סאַך ערד איז גע־בליבן אַרויסצונעמען.

דער הימל ווערט געדיכטער, אָנגעגאָסן מיט טונקלקײַט. א ווינט הייבט אָן וויגן די אַלטע אַקאַציעס, בייגן און פאַרדרייען זייערע צווײַגן, פליקן די פלאַטערנדיקע בלעטלעך.

סיאָמע איז פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט. ער דערזעט דעם דיקן נידעריטשקן מאַנצבל מיטן יינגעלע ערשט דאַן, ווען יענע קומען צו אַזוי נאָענט, אַז עס דוכט זיך: אָט־אָט טוט אַף זיי א פאַל דער קויש פונעם עקסקאַוואַטאָר.

— שטייט! וווהין קריכט איר?! — שרײַט סיאָמע מיט אַלע קויכעס, אָבער אײַנקוקנדיק זיך, דערקענט ער זײַן לערער, וועלכער אונ־טעריכט אין אינסטיטוט צייכענונגס־געאָמעט־ריע. יאָ, ס'איז טאַקע ער, זײַן לערער, א קורצוויקסיקער און א דיקער, איבערפלאָנטערן אים מיט אַן אַנדערן איז אומעגלעך. די באַגע־געניש איז געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז אין דער ערשטער רעגע איז סיאָמע פּאַשעט פאַר־גליווערט געוואָרן. נאָר אין א ווײַלע אַרום שרײַט ער אויס:

— וואָס האָט אײַך אהער געבראַכט, גרי־גאָרי מאַטווייעוויטש?

— מיר שפּאַצירן, — ענטפֿערט דער לע־רער, ווינקענדיק אַפֿן ייִנגעלע, וועלכער האַלט זיך פֿאַר זײַן האַנט, — ער דאַרף מער גאָרניט, אַבי גיב אים אַ מאַשין. דערזען פֿונדערווײַטנס אײַער מעכאַניזם, און זיך גלײַך אַ ריס געטאָן: „קום, קום אַהין!".

— אַ מאַנצבל... — זאָגט מיט דערעכערעץ סיאָמע און שטעלט אָפּ דעם מאָטאָר.

אין הימל האָט פּלוצעם אָנגעהויבן קנאַלן. ס'האָט עפּעס אופֿגעציטערט, זיך אַ הוידע גע־טאָן און אָנגעהויבן פֿאַלן, פֿלִיען צו דער ערד, אָבער, אַפּאַנעם, זיך פֿאַרטשעפּעט אין דער הייך. און דער הימל האָט אופֿגעלויכטן מיט פֿײַערדיקע בליצן.

— ווײַט האָט איר זיך פֿאַרקליבן, — זאָגט סיאָמע דעם לערער. — באַלד וועט זײַן אַ גוס־רעגן.

— מיר ווינען דאָ דערנעבן, — דערקלערט גריגאָרי מאַטווייעוויטש, — פֿאַרוואָס עפּעס זײַנט איר זונטיק אָף דער אַרבעט? עס קלעקן ניט די וואָכעדיקע טעג?

סיאָמע צעפֿירט מיט די הענט:

— ספּעציעל פֿאַר מיר האָט דער פּראָראַב אַן אַרבעט אויסגעטראַכט. מײַן עקזאַמען, האַלט ער, וועט צוּוואַרטן...

דער לערער טוט אַ שמייכל:

— אײַער פּראָראַב האָט מיסטאָם פֿאַרגעסן, אַז יעדן סטודענט סטײַעט ניט קעסיידער איין טאָג, איין־און־איינציקער, קעדיי דערפֿאָלגרײַך אָפּגעבן דעם עקזאַמען...

סיאָמע רירט זיך צו מיטביידע דלאָניעס צו די הייבערס, טוט אַ קוועטש מיט די פּאַ־דעשוועס צוערשט אָף איין פּעדאַל, דערנאָך אָף דער צווייטער. דער עקסקאַוואַטאָר ווערט אומרויִק, זײַן גרײַפֿער טוט אַ ציטער, הייבט זיך אויף, שנײַדט זיך אַרײַן מיט אַ טעמפּן קנאַק אינעם דנאָ פֿונעם קאָטלאָוואַן, שעפּט אָן אַ היפֿן ערד און טוט זיך אַ ריס אין דער הייך.

אַ האַלבע שאָ אַרבעט סיאָמע, און די גאַנצע צײַט לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פֿונעם עקסקאַ־וואַטאָר דעם לערערס יאָטל.

עס טריפֿט אַ רעגנדל. די אַלטע צעצווײַגטע אַקאַציעס לענגויס דעם וועג הייבן זיך אָן אָפּשפּיגלען אינעם שוואַרץ געוואָרענעם אַס־פֿאַלט, ווי אין אַ טײַך.

דאָס יאָטל גייט ניט אַוועק פֿונעם עקסקאַ־וואַטאָר אַפֿילע דאַן, ווען דער רעגן צעבושע־וועט זיך שוין ניט אָף קאַטאָוועס. דער טאַטע רופֿט אים אַהיים, נאָר ער איז אײַנגעשפּאַרט:

— ניין, בעשום־אויפֿן ניט. אויב דו האָסט מוירע פֿאַרן רעגן, גיי אַליין אַוועק!

— קום אַהער, — שרײַט פֿונדערווײַטנס סיאָמע, אויסשליסנדיק דעם מאָטאָר, — גריגאָרי מאַטווייעוויטש, דערלויבט...

דער לערער העלפֿט דעם יאָטל אַרײַנשטופּן זיך אין דער קאַבינע. עס הייבט אָן גיסן אַ שלאַקס־רעגן, און גריגאָרי מאַטווייעוויטש באַהאַלט זיך אונטערן עקסקאַוואַטאָר.

— הייבט זיך אויף צו אונדז, — לאַדט אים אײַן סיאָמע. — ווי־ניט־איז וועלן מיר זיך אײַנ־מאָסטען אינדרײַען.

— אַ דאַנק, נישקאָשע. איך בין ניט פֿון צוקער.

— ווי רופֿט מען דיך? — פֿרעגט סיאָמע באַם יאָטל.

— יאַנקעלע.

אַ גליקלעכער, גלעט דאָס ייִנגעלע די הייב־בערס. סיאָמע פֿאַרשטייט אים גוט, אָט ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער אַליין געטרוימט זיך צורירן כאָטש צו אַן עמעסער מאַשין...

אינדערפֿרי, עטוואָס אַ פֿאַרשלאָפֿענער, שטייט סיאָמע אָנגעבויגן באַ דער צייכענונגס־ברעט. ער מאָלט מיט אַ שאַרף פֿאַרשפּיצטן בלײַער פֿאַרשיידענע ליניעס: דעם ענטפֿער אָף דער ערשטער פֿראַגע פֿון זײַן עקזאַמען־בילעט. צומאָל, אָפּוועגנדיק זיך פֿון דער צייכענונג, כאַפּט ער אַ קוק אָף גריגאָרי מאַטווייעוויטשן, וועלכער זעט אויס דאָ, אין דער אַאודיטאָריע, גאָר ניט אַזוי קורצזוויקסיק און גאָר ניט אַזוי דיק. עס איז אַפֿילע אַ ביסעלע אַ כידעש. איין מאָל באַגעגענען זיך זייערע בליקן, אָבער סיאָמע אײַלט זיך אָפּפֿירן די אויגן אין אַ זײַט, זיי זאָלן ניט אויסגעבן: פֿון די דרײַ פֿראַגעס, וועלכע ער האָט באַקומען, ווייסט ער גוט בלויז די ערשטע. ער סטאַרעט זיך וואָס גיכער אַרופֿטראָגן אַפֿן בויגן וואַטמאַן־פּאַפּיר די צייכענונגען און צווינגט זיך וואָס מער צו קאָנ־צענטרירן זיך און אָפּפֿרישן דעם זיקאָרן.

אין דער אַאודיטאָריע קוקט אַרײַן די זון, ברענגט מיט זיך היץ. דאָס שטיקל הימל, וואָס הענגט אין פֿענצטער, איז דורכויס קלאָר, ריין, גלײַך מע וואָלט עס דורכגעשווענקט, אָנגע־קראָכמאַליעט, אויסגעטריקנט און אויסגעגלעט מיט אַ פּרעס־אײַזן נאָכן נעכטיקן געוויטער. קיין שום שפּור אַפֿן הימל האָט דער שלאַקס־רעגן ניט איבערגעלאָזט.

אינײנעם מיט סיאָמען גיבן אָפּ דעם עקזאַ־מען נאָך פֿינף הינטערויגלער. צו יעדערן באַ־זונדער שטופּט זיך גריגאָרי מאַטווייעוויטש דורך, קוויקט זיך מיט די שיינע, ריכטיקע לי־ניעס אַפֿן וואַטמאַן־פּאַפּיר. ער איז צופֿרידן, גריגאָרי מאַטווייעוויטש, און דערמאָנט זיך די נעכטיקע בעגעגעניש מיט דעם באָכער. „אָט וועמען כ'וועל מיט אַ רויִק געוויסן אַרויס־שטעלן אַן אויסגעצייכנטן באַל", — טוט ער אַ קלער און זאָגט אָף אַ קאָל:

— פֿײַן. קולטורעל. די האַנט איז באַ אײַך אַ זיכערע.

סיאָמע פֿאַרפֿרעסט די ציין: וואָרט נאָך צו מיט לויב־געזאַנגען...

גיין ענטפֿערן כאַפּט ער זיך ניט — די דריי־טע פֿראַגע פֿונעם עקזאַמען־בילעט לאָזט ניט

צורו. מיט דער צווייטער וועט ער זיך נאָך יאַקאָס אַן אייצע געבן.

סיאָמעס פינף כאַווירים האָבן שוין באַוויזן צו שמועסן מיט גריגאָרי מאַטווייעוויטש. צווי פון זיי זײַנען דורכגעפאַלן. ניט צופיל? אָט א טײַוול אָט דער גריגאָרי מאַטווייעוויטש! סיאָמע קנייטשט דאָס פּאָנעם. שרעקלעך? ווײַזט אויס! צי דען וועט ער זיך טאַקע ניט ספּראַווען מיט דער דריטער פראַגע? אָט וואָס עס קימערט אים. ס'איז געווען א רעגע, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער וועג צו לייזן די אופגאַבע איז אָפּגעזוכט. ער מאַכט לויזער דעם שלייף פונעם שניפּס, וועלכער לאָזט ניט פרײַ עטעמען, און נעמט האַסטיק ארבעטן מיטן צירקול, אזוי פלײַסיק, אז דער גריפעל ברעכט זיך. ער שטעלט אפּגיך ארײַן א נײַעם גריפעל, אָבער די אופגאַבע איז סײַווי ניט געלייזט.

גריגאָרי מאַטווייעוויטש קוקט אָף אים און זאָגט מיט א שמייכל:

— פאַראַן א שפּאַס, אז ווײַפל זאָלסט ניט לערנען צייכענונגס־געאָמעטריע, בלײַבט אלץ אין רוים — גאָרניט אין קאָפּ... הא, מירן עס אָפּלייקענען?

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, גיט ער צו:

— ציטערט ניט. דרייסטער, דרייסטער!

מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן שלעפּט ארויס סיאָמע די קנאָפּקעס, וועלכע האַלטן צוגעשפּיליעט צו דער צייכענונגס־ברעט די פיר ווינקלען פונעם וואַטמאַן. דער בויגן פּאַפּיר פאַרוויקלט זיך טייקעף אין א רער. פאָרזיכטיק, אף דער דלאָניע, טראָגט אים סיאָמע צום לערער.

— דעם רוים שטעלט איר זיך פאָר אפן בעסטן אויפן. אומזיסט באאומרויקט איר זיך, — רופט זיך אָן גריגאָרי מאַטווייעוויטש, ווען סיאָמע פאַרענדיקט דעם ענטפער אף דער ערשטער פראַגע. — זעצט פאָר ווײַטער.

אויך מיט דער צווייטער פראַגע ספּראַוועט זיך סיאָמע, דוכט זיך, מער־ווייניקער נישקאָשע. אָבער גריגאָרי מאַטווייעוויטש זאָגט שוין גאָרניט.

אויסהערנדיק דעם ענטפער אף דער דריטער פראַגע, איז דער לערער געוואָרן אומעטיק. ער האָט געשטרײַט מיט זיך אליין. אַן אנדערן וואָלט ער געהייסן גיין. נאָר אים, סיאָמען — ניין, אָפּשיקן אים צוריק איז אומעגלעך.

גריגאָרי מאַטווייעוויטש וואָלט, ווײַזט אויס, ניט געקאָנט פינקטלעך דערקלערן, פאַרוואָס ער וועט ניט הייסן סיאָמען קומען נאָכאַמאָל, קלאָר איז אים אָבער איינס — ער, גריגאָרי מאַטווייעוויטש, וועט ניט דערלויבן זיך אזעלעכס צו טאָן.

— אָט וואָס, — זאָגט ער לעסאָף און רוקט צו צו זיך סיאָמעס ביכעלע אין די בלויע טאָוועלעך. — מיטלמעסיק וועל איך אײַך ארויסשטעלן...

א רעגע וואַקלט זיך דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק, צוקוקנדיק, ווי דער לערער ווישט אָפּ מיט א שטיקל לעש־פּאַפּיר דעם שפּיץ פון זײַן אוטאָ־הענטל. „צי דען איז דאָס די לוין פאַר דער פרײַנטשאַפט מיט יאַנקעלען?“ — בליצט דורך אינעם מויעך. דערנאָך קוקט ער שטרענג ארײַן אינעם לערערס אויגן:

— קערט אום!

— וואָס האָט איר געזאָגט?

— די זאַטשאָטקע גיט מיר אָפּ צוריק!

— אָט וועל איך אָנמאָלן די יעראָגליפן. כ'וועל זיך אונטערכאַסמענען, וועט איר באַקומען צוריק אײַער מאַטריקול.

— כ'בין נאָך ניט ווערט דעם באַפרידיקנדיקן באַל, גריגאָרי מאַטווייעוויטש. נאָך ניט פאַרדינט אזוינס. קיין נעדאַוועס דאַרף איך ניט.

פּלינק, אזוי, אז דער לערער האָט ניט באַמערקט אפילע, איז סיאָמעס מאַטריקול נעלעם געוואָרן פונעם טיש. דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק פאַרשטעקט אים טיף אין פּאָרטפעל. הייבט זיך אוף. ער האָט געוואָלט דערבײַ זאָגן, אז מער פון אלץ איז אים דערווידער מיטלײַד צו זיך, אז ער איז ניט קיין אומבאַהאָלפן הענדל. ער איז פונעם טאַטנס ראַשטשינע. נאָר אָנשטאָט דעם, רעדט ער הייזעריק ארויס:

— דאָס צווייטע מאָל — ווען?

— בלויז אין אײַך איז עס געווענדט, — ענטפערט גריגאָרי מאַטווייעוויטש. ער קוקט, ווי סיאָמע גייט אנטשיידן אוועק, און קלערט: „אלץ איז ריכטיק. ער וועט זײַן אַן אינזשעניער. אָבער איך... כ'עלטער זיך, כ'ווער סענטימענטאַל!“

די טיר נאָך זיך פאַרמאַכט סיאָמע פּאַמעלעכן. און ס'ווערט באַלד שאַ־שטיל אָף יענער זײַט שוועל, גלײַך קיין שום עקסקאַוואַטאָרשטשיק איז דאָ ניט געווען. „אוועק אָף די שפּיץ פינגער“, — קלערט דער לערער. נאָר אין עטלעכע רעגעס ארום דערהערן זיך פונעם קאָרידאָר סיאָמעס פעסטע טריט. גריגאָרי מאַטווייעוויטש טוט שווער א זיפץ...



• אַן אַלטע ליבע •

אין דער שטאָט, ווו אַוורהם זאַלקינד איז געבוירן געוואָרן, פאַר־בראַכט די קינדער־ און יוגנט־יאָרן, האָט ער פון די פּריִערדיקע פרייַנט און גוטע באַקאַנטע איצט קימאַט שוין קיינעם ניט, און ער איז אין אַזאַ עלטער, ווען אייַנשאַפן נייַע פרייַנט איז אַ שווערע מלאָכע. און דאָך פאָרט ער אַהין, אין זייַן אַלטער היים. פּריִער, ווען ער איז געווען יינגער, איז ער געפאָרן יעדן זומער, דערנאָך האָט ער גענומען פאָרן איבער אַ זומער, די לעצטע יאָרן פאָרט ער זעלטענער, איין מאָל אין אַ דרייַ זומערס, אָבער ער פאָרט! ער מוז כאָטשבי איין מאָל אין עטלעכע יאָר פאָרן! ער הייבט אָן אויסגעפינען טרוצים פאַר זיך אַליין און פאַר די דערוואַקסענע קינדער זייַנע, וועלכע ריידן אים אָפּ, האָבן מוירע צו לאָזן אים איינעם אַליין אין אַ ווייַטערן וועג.

— קינדער מייַנע, — זאָגט ער צו זיי, — איר זייַט מיר געטרייַ און איבערגעגעבן, דאַנק איך אייַך דערפאַר און כ'בין גליקלעך, וואָס איר היט אַזוי אָפּ אייַער אַלטן טאַטן. אָבער וואָס האָט איר מוירע, וואָס באַאומרויִקט איר זיך? אַ מענטשן אין מייַנע יאָרן דאַרף שוין גאָרניט שרעקן. אויב ס'וועט עפּעס טרעפן, איז מען דאָך פון דעם ניט באַוואָרנט אינערגעץ ניט. טאָמער, כאַלילע, עפּעס־וואָס, ווייסט איר מייַן אַדרעס, איר וועט קומען צו פאָרן און מיר אָפּגעבן מייַן רעכט אין דער שטאָט, ווו איך בין געבוירן געוואָרן. וואָס קאָן זייַן גלייַכער דערפון? ווער וויל דאָס ניט צולעצט אָן עטעם טאָן מיט דער לופט פון זייַן אַמאָליקער היים?

צו דער נעסיע, וואָס ווערט, דעם עמעס געזאָגט, מיט יעדן מאָל אַלץ שווערער פאַר אים, נעמט ער זיך גרייטן באַצייַטנס, ער גרייט זיך אַזוי, ווי ער האָט זיך געגרייט, ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין פּענסיאָנער און ער האָט געאַרבעט. אים איז דאַן אויסגעקומען אַלס אינזשענער פון אַ בוימאָנטאַזש־טרעסט אָפט פאָרן אין קאָמאַנדירונגען, און, געוויינלעך, האָט ער דערנאָך געדאַרפט אָפּגעבן אין דער בוכהאַלטעריע אַ גענויעם דין־וועכעזשבן פון די וועג־הויצאָס. איצט שטעלט ער אויך צונויף אַ כעזשבן פון די הויצאָס, כאָטש אָפּרעכענען זיך דאַרף ער פאַר קיינעם ניט, ס'איז אַ סמעטע אויף קאַטאָוועס, פאַר זיך אַליין. ער אַליין לייגט אַוועק זיך אַ רעזאָליוציע выдать. די סומע נעמט ער אַראָפּ פונעם ספּאָר־ביכל — אַ ביכעלע, וואָס האַלט אין איין מאָגערער ווערן, ווייַל די האַכנאָסע — די פּענסיע — איז אַ שטענדיקע — אַ קאָפּקע ניט מער און ניט ווייניקער, דערפאַר איז די הויצאָע — אויב ריידן אָפּן מאַטעמאַטיש לאָשן — אַ פאַרענדערלעכע גרייס. זי האָט אַ נעטיִע צו וואַקסן. יאָמטויר־וויִם, געבורטס־טעג, סימכעס, סימכעלעך — באַ די קינדער, באַ די אייניקלעך, באַ אַלטע פרייַנט, באַ גוטע באַקאַנטע, און עס ווילט זיך יעדן מאָל, אַז די מאַטאָנע זאָל זייַן אַ ביסל אַ בעסערע, אַ טייַערערע, איידער די פּריִערדיקע. ווען ניט די דאָקטוירים, אַ געזונט אין זיי, וואָלט שוין באַ אים פונעם אָפּגעשפּאָרטן ביסל מעזומאָנים ביכלאַל געבליבן אַ פּשיק. די דאָקטוירים העלפן צו זייַן שפּאָרעוודיק. רייכערן האָבן זיי שוין לאַנג פאַרבאָטן, טרינקען — דערלויבט איין מאָל אין אַ יוויול אַ לעק; פלייש — ניט, זיסע זאַכן — גאָט באַהיט! ווען מע זאָל זיי פאָלגן און טאָן, ווי זיי הייסן, וואָלט מען געדאַרפט געלט נאָר אויף רעפועס.

אַוורהם לעבט אין אַן אַלטן מויער, אין אַ קאָמונאַלער דירע, אין סאַמע צענטער פון מאָסקווע, אויף דער גאָרקי־גאַס, קימאַט אַנטקעגן דעם דענקמאָל יורי דאָלגאָרוקאָוון, אַ פּאָר צענדליק טריט פונעם גרויסן מאַגאַזין „גאַסטראָנאָם", וואָס האָט אַמאָל געהייסן „יעליי־סייעווסקי". ס'איז אַ מויער מיט אַלע מייַלעס: די סטעליעס — הויכע, אַזוי ווי איבער דער אַרענע פון אַ צירק, די טירן — דעמבענע, מיט מעשענע הענטלעך, די קאָרידאָרן — ברייטע, מע קאָן, אַז מע וויל, אין זיי טאַנצן. דער כיסאָרן פונעם מויער איז, וואָס ער איז שוין זייער אַלט, און וויפל מע רעמאָנטירט אים, וויפל מע פאַרבט אים, מע פּוצט אים, קאָן מען ניט אַרויסטרייַבן דעם גרינבלעכן שימל, די טונקעלע קרייַזן, וואָס טרעטן יעדן מאָל באַנייַס אַרויס

דאָ און דאָרטן אַף די ווענט און אַף דער סטעליע; די טירן סקריפּען מיט אַזאַ זקײניִשן קרעכצנדיקן סקריפּ, פּונקט ווי די אַלטע גראַפינײע, וואָס האָט דאָ אַמאָל, פאַר דער רעוואָ־ליוציע, געלעבט, וואָלט נאָך אַלץ געקלאָגט, פאַרוואָס מע איז זי פונדאַנען מעשאַלײעך געווען. אינעם הויז, ווו עס האָט געלעבט אײן גראַף מיט זײַן גראַפינײע, מיט אײן בענאָקל און מיט אײן באַסיעכידקע, האָבן דערנאָך אַרײַנגעקליבן זיך ניט מער און ניט ווײניקער, ווי צוויי און פופציק מישפּאָכעס, באַ די צוויי הונדערט נעפאַשעס. די מערהײַט מישפּאָכעס האָט פאַר־נומען נאָר צו אײן צימער. גאָר אַ גרויסער מעטופּל מיט קינדער אָדער אַ מענטש מיט גאָר גרויסע אַנדערע פאַרדינסטן האָט געהאַט צוויי צימערן, קײן אײן פאַמיליע האָט ניט פאַר־מאָגט קײן דרײַ צימערן. דערנאָך, ווען עס האָבן זיך באַוויזן אַפן מאָסקווער האָריזאָנט די „טשעריאָמושקעס", די „קוזמינקעס", די „מעדוועדקאָוועס" די „טשערטאַנאָוועס" מיט זײערע ריזיקע ווױנונגס־מאַסיוון, איז געוואָרן אײן אָט דעם אַלטן מויער פרײַער, אַ סאַך האָבן זיך אַרויסגעפּעקלט פון אים, און די, וואָס זײַנען געבליבן, האַלטן שוין אין דער קיך ניט נאָר אַ קלײן טישעלע פאַרן געפּעס, נאָר אויך אַ גרעסערן טיש צום עסן. עס איז שוין ניטאָ קײן ריי צו באָדן זיך אין דער וואַנע, מע קאָן זיך באָדן אַפילע צוויי מאָל אין טאָג. פונדעסטוועגן געפינען זיך ניט קײן באַלאָנים אויסצובײַטן אַ דירע אין אַ נײַעם מויער אַף אַ ווױנונג אין אָט דעם אַלטן גערוימען הויז. ווען מע דערהערט דאָס וואָרט „קאָמונאַלע", „קאָמונאַלקע", איז ווי מע וואָלט זיך אָפּגעבריט!

אווראָם פאַרנעמט איצט אײנער אַלײן דאָס צימער, ווו ער האָט פריִער געלעבט מיט דער גאַנצער מישפּאָכע, אַ געזינד זאַלבעזעקס. די קינדער, כוץ דעם ייִנגערן זון, וועלין, האָבן כאַסענע געהאַט און זײ זײַנען זיך צעפאָרן אין פאַרשײדענע מיקראָראַיאָנען. דער עלטערער זון, גרישע, ווױנט אַפן וואָלגאָגראַדער פּראָספּעקט, דער מיטלסטער, יעפים — אין כימקי־כאָווינאָ, לעבן צאָפנדיקן טײַך־וואָקזאַל; דער ניט־כאַסענע געהאַטער, וועלי, האָט אַ קלײן, פײַן, אײנצימערדיק דירעלע ניט ווײַט פונעם אוניווערסיטעט, און די טאָכטער, די באַסיעכידע ליובע, ליובעטשקע, לעבט אין דער „גרינער זאָנע", אויסער דער שטאָט. זי האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ באָכער, וואָס איז ניט קײן מאָסקווער טוישעוו. נו, און דאָס ווײַב אווראָמס, זעלדע, האָט געפונען איר אײביקע רו אַפן בעסוילעם אין וואָסטריאַקאָווע. איר צאַוואָע איז באַשטאַנען פון עטלעכע געצײלטע ווערטער, וואָס זי האָט ניט אײן מאָל מינדלעך איבערגעכאַזערט פאַרן מאַן און פאַר די קינדער און דערנאָך די זעלבע ווערטער אויך אָנגע־שריבן אַף אַ פּערטעלע פּאַפּיר: „ווען עס וועט קומען מײַן שאָ און איך וועל שטאַרבן, טוט מיר צוליב, מײַנע טײַערע, און באַערדיקט מיך אַפן ייִדישן בעסוילעם".

צוויי זין — גרישע און יעפים און די טאָכטער ליובע הערן ניט אויף צו בעטן דעם טאַטן, ער זאָל לעבן צוזאַמען מיט זײ, אַ שטיקל צײַט — באַ אײנעם, דערנאָך — אַ ביסל באַם צווייטן, באַם דריטן. ער וועט קײנעם ניט זײַן צו לאַסט, פאַרקערט, עס וועט זײַן היימלעכער מיט אים. די קינדער האָבן ליב דעם טאַטן און די אײניקלעך האָבן אַזוי ליב זײער זײדן!

אווראָם דאַנקט האַרציק זײ אַלעמען און קלײַבט זיך ניט אַריבער צו קײנעם.

— איר פאַרשטײט, ליבינקע מײַנע, — דערקלערט ער די קינדער, — אַז אַ טאַטע און אַ זײדע קומט צוגאַסט אײנמאָל אין אַ וואָך, ווײסט מען ניט, ווו אים אַוועקצוזעצן, מע ווײסט ניט, וואָס פריִער דערלאַנגען אָפּצועסן, ס'זאָל באַ אים ניט איבערכאַלעשן דאָס האַרץ, מע ווײסט ניט, אַף אַ וועלכער ווײכערער סאָפקע אים אַוועקלײגן אַף אַ שאָ־צוויי אָפּרוען זיך פון וועג; די אײניקלעך שיקט מען אַוועק פון שטוב, זײ זאָלן ניט זשומען, און אַלײן גײט מען אום אַף די ציפּקעס, דער געהויבענער גאַסט זאָל, כאָלילע, זיך ניט אופכאַפּן. דאַרף דען אַ טאַטע זיך ווינטשן נאָך בעסערס! אָבער איר פאַרשטײט דאָך, טײַערע, אַלײן, אויב איך וועל די גאַנצע צײַט סטאַרטשען באַ אײַך פאַר די אויגן, פון אינדערפרי ביזן אָוונט שליאָנדרען אין די שטעקשיך איבער די צימערן און באַנאַכט ליגן און קרעכצן אַפן באַנקבעטל, וועל איך אײַך נימעס ווערן. איך זאָג ניט, באַהיט גאָט, אַז איר זײַט שלעכטע, נאָר אַזוי איז דאָס, אײַך איז רויִקער און מיר איז בעסער, ווען איך ווײס, אַז איך בין קײנעם ניט צו לאַסט. קאָלזמאַן איך בין אַף די פיס, וויל איך מיר האָבן מײַן אײגן ווינקל און זײַן אַ זעלבשטענדיקער מענטש.

— וואָס רעדט איר, שווער, — טײַנעט מיט אים אײַן איבערהויפּט די שנור, יעפימס ווײַב. זי הײסט רופאַ. אווראָם האָט זי ניט איבעריקס ליב און זי האָט ניט איבעריקס ליב אווראָמען. דערפאַר בעט זי, מאַשמאָעס, אַזוי שטאַרק, ער זאָל זיך אַריבערקלײַבן צו איר. — עס וועט אײַך דאָך זײַן פיל בעסער, — הערט רופאַ ניט אויף אים צו דערווײַזן. — איר וועט האָבן אַן אופזיכט, אַ וואַרעמעס צו דער צײַט, שפּאַצירן וועט איר ניט אַלײן, נאָר מיט די אײניקלעך. דער טאָג וועט גיך דורכלויפן, און דער שלאָף וועט זײַן אַ גוטער... דרײַ כאָדאָשים וועט איר זײַן באַ מיר, דרײַ כאָדאָשים — באַ גרישען, דרײַ כאָדאָשים באַ וועלין און דרײַ כאָדאָשים

בא ליובען. איר זײַט בא אונדז אַלעמען אַלצײַנס טײַער. איר ווייסט דאָך, וואָזוי מיר אַלע האָבן אײַך שטאַרק ליב.

— א ליבע אױף דרײַ כּאַדאָשים...— קנײטשט מיט דער פּלייצע אווראַם,— אויב די ליבע איז אַן עמעסע, איז דרײַ כּאַדאָשים ווינציקלעך, אויב גלאַט אַזוי, ניט צו באַליידיקן און נאַר אויסצופּילן א שטיקל כּוויו — איז דרײַ כּאַדאָשים צופּיל.

— מיט אײַך, שווער, איז זייער שווער צו ריידן, יעדע גלײַכע זאַך נעמט איר אױף קאַפּויער. אײַער מעזיניק וועלי, וועלינקע איז אויך אַזאַ. וואָס מע זאָל אים ניט זאָגן, דרייט ער איבער אױף פאַרקערט. מיר ווייסן קיינער ניט, פאַרוואָס איר ציטערט איבער אים אַזוי? איר האָט אים געקויפט א קאָאָפּעראַטיווע דירע, איר טראָגט אים אַלץ אונטער, ווי א ניאַנקע א קליין קינד. דערפאַר האָט ער ניט כּאַסענע, ס׳איז אים אַזוי אויך ניט שלעכט.— בא דער געזונטער, לײַביקער רופען הייבן זיך אַזש די אַקסלען פון אופגעבראַכטקײַט. בעטעווע ניט קיין שלעכטע, איז זי אָבער פּעיִק טײַקעף אריבערצוגיין פון די ווייכסטע סאַמעטענע רייד צו די האַרבסטע דיבורים. די מילדע שטריכן פונעם כײַנעוודיקן בלאַסלעך־ראַזעווען פּאָנעם ווערן דאַן פאַרפלעקט מיט בייז־רויטע פלעקן, די אויגן צעברייטערן זיך, זיי שפּריצן מיט פײַער — ער וועט אײַך נאָך אַמאָל אָפּדאַנקען, אײַער ליבלינג וועליטשקע! — שרײַט זי שוין אויס מיט אַן אָפענעם קאַס.

„ליבער גאָט! — טראַכט אווראַם,— נאָר ניט ווײַנען בא איר. בא יעדן אַנדערן קינד, נאָר ניט בא יעפימען, וואָס האָט אַרײַנגעכאַפּט, צום אומגליק, אַזאַ אַנטיקל. וואָס האָט זי צו וועלין? — קאָן ער ניט פאַרשטיין. — ווען זי דערמאָנט זײַן נאָמען, פאַלט זי אַרײַן אין גרעסטן גרימצאָרן".

וועלי איז אַלט זעקס און צוואַנציק יאָר. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונגס־דיפּלאָם דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט. א מאַטעמאַטיקער ווערט מען ניט, א מאַטעמאַטיקער דאַרף מען געבוירן ווערן. אין עלטער פון זעקס יאָר האָט דאָס דאַרינקע און גאַלינקע ייִנגעלע וועלי (פאַרקירצט פון וועלוול) געלייזט אין קאָפּ אופגאַבעס מיט ברוכצאַלן, שפּעטער א ביסל איז דאָס בעסטע שפּילעכל בא אים געוואָרן די לאָגאַריט־מישע ווירע, ער האָט זיך מיט איר ניט צעשיידט. א זעכצניאָריק באָכערל איז ער געוואָרן א סטודענט פון מאַטעמאַטישן פאַקולטעט אין אוניווערסיטעט. מע האָט געמיינט, אַז ער וועט גאָר ווײַט אוועקגיין, נאָר עס האָט זיך א ביסל פאַרהאַקט בא אים, ער אַרבעט שוין עטלעכע יאָר איבער א דיסערטאַציע, און קיין סאָף זעט מען ניט.

„אויב דעם פאַמיליע־נאָמען זאַלקינד איז באַשערט דערהויבן צו ווערן, — טראַכט אוור־ראַם, ווען ער קומט צו וועלין צו גאַסט און טרעפט אים זיצן באַם טיש אָנגעבויגן איבער א ווײַסעלע פּאַפּיר, אָן אָנגעשפּיגעוועטס מיט ציפערן — אויב דאָס איז באַשערט, וועט עס געטאָן ווערן דורך וועלין".

— אין וועמען איז ער געראָטן? — וויל אויסקלאָרן דער טאַטע אַליין פאַר זיך. איך בין טאַקע אַן אינזשעניער, אָבער א מאַטעמאַטיקער בין איך נאָר אױף אַזויפיל, אױף וויפל עס פאָדערט די פּראָפעסיע. מער ווי א „פיר" אױף מאַטעמאַטיק האָב איך אין דער מיטלשול און דערנאָך אין אינסטיטוט קײנמאָל ניט געקראָגן. א פיר מיט א פּליוס איז געווען א זעלטענער יאָמטעוו. דאָס ווײַב, זעלדע, אַלעהאַשאָלעם, פלעגט אוועקזעצן זיך רעכענען, וויפל זי האָט אויסגעגעבן אין מאַגאַזין, און יעדעס מאָל האָט זי געהאַט א טאָעס אין כעזשבן. נו, און דער זון — גרישע, די טאָכטער ליובע, —ביידע האָבן זיי הויך־בילדונג. גרישע איז אַן אינזשע־ניער, ליובע — אַן עקאָנאָמיסט, יעפים איז א הידראָלאָג. מאַטעמאַטיק ווייסן זיי. אָבער צו וועלין קומען זיי ניט.

אַזאַ באָכער, ווי וועלי, וואָס איז אַזוי פאַרטאָן אין טעאָרעטישע, אַבסטראַקטע פאַרשונ־גען, — טראַכט ווײַטער אווראַם וועגן זײַן מעזיניק, — דאַרף, דוכט זיך, זײַן א רויִקער, א באַ־דאַכטער, א ביסל אַפילע א גלײַכגילטיקער צו די פאַרשיידענע זאַכן, וואָס באַאומרויִקן א מער געוויינלעכן נעפעש, א פּאַשעטן באַסער־וועדאָם. איז עס אָבער ניט אַזוי. פאַרקערט, ער איז היציקער פונעם טאַטן און פון די ברידער, ווערט אָנגעצונדן צוליב א קלייניקײַט, פאַרמאָגט ניט ווינציק ייִנגלשע שטיק אין זיך. איידער ער האָט געקראָגן דאָס באַזונדערע דירעלע אין זײַן רעשוס, האָט ער ליב געהאַט צו שרעקן דעם טאַטן:

— איך ברענג הײַנט א מיידל, עס וועט דיר אויסקומען גיין נעכטיקן צו גרישען, אָדער צו יעפימען, אָדער צו ליובען.

— האָסט באַשלאָסן כּאַסענע האָבן? — פרעגט אים אווראַם.

— ניין, איך האַלט פון פרײַער ליבע! — אַזוי ענטפערט ער כוצפּעדיק דעם טאַטן און קוקט אױף אים מיט א פאַרשײַטן שקאָצישן בליק.

וואָנצעס טראָגט ער ניט, וועלי. די אייבערשטע ליפּ איז קינדיש־נאַקעט, דערפאַר האָט ער אויסגעכאָוועט א געדיכט געל בערדל, וואָס בארעמלט פעסט די שאַרפלעכע קין.

— אדעראַבע, ברענג! ברענג, וועמען דו ווילסט. אָבער ברענג שוין אמאָל! — רופט דער טאַטע זיך אָפּ. ער ווייסט, אז וועלי שרעקט נאָר די געגנדז, קיין שום מיידל וועט ער ניט ברענגען, אף זײַן לעבן איז ער קיין איין מאָל ניט געקומען אין שטוב מיט א מיידל. איצט, ווען ער לעבט באַזונדער, זײַנען מיידלעך צו אים אויך ניט קיין אַרײַנגייערנס.

— איך פאָר אוועק אף א פּאָר וואָכן, — האָט אַנומלטן אוורהאָם מודיִע געווען וועלין, און יענער האָט אים ניט אָפּגערעדט פון דער יאַזדע, אזוי ווי די איבעריקע קינדער, פאַרקערט, זייער באַוויליקט:

— פאָר, טאַטע! זיץ ניט אין שטוב! אנטלויף פון אַן אינפאַרקט!

אזוי ווי יעדן מאָל, האָט אוורהאָם אויך איצט געלאָזט זיך אין וועג אין מײַ כוידעש, נאָכן טאָג פון ניצאָכן. אוורהאָם איז א מיטגליד פונעם ראַיאָנישן סאָוועט פון די מילכאָמע־וועטעראַנען. אָנהייב מײַ איז בא אים א הייסע צײַט. די וועטעראַנען, און ער בעסויכעם, טרעטן דאַן ארויס אף די יאָמטעוודיקע אָוונטן מיט זיכרוינעס, עס ווערן אײַנגעאָרדנט באַגעגענישן מיט דער יוגנט, מיט קינדער, מע גייט צוגאַסט צו די פראָנטאָוויקעס־אינוואַלידן. אין די ערשטע מײַ־טעג הייבט זיך אויך אָן דער פּריזיוו אין ארמיי, און א פּאָר מאָל קומט אוורהאָם גאַנצפרי אפן זאַמל־פּונקט פון די פּריזיוויניקעס, קעדיי צו זאָגן דאָרט א פּאָר וואַרעמע ווערטער, איבערגעבן א גרוס די יונגע סאָלדאַטן פון די סאָלדאַטן די אַלטע.

אינאָוונט, דעם נײַנטן מײַ, אין טאָג פון ניצאָכן, שפּאַצירט ער איבער דער גאָרקי־גאַס. די פוסגייער קאָנען אריבערגיין די גאַס, ווען זיי ווילן און ווו זיי ווילן. מע דאַרף ניט וואַרטן ביז ס׳וועט זיך אָנצינדן דאָס גרינע פײַערל פון סוועטאָפאָר, מע דאַרף ניט קריכן אין די אונטערערדישע טונעלן, דער וועג איז פאַרבאָטן פאַרן אווטאָטראַנספּאָרט און איז פרײַ פאַר די פוסגייער. צוזאַמען מיטן גרויסן, יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטן עולם, וואָס פאַרפלייצט די טראָטוארן און דעם ברוק, קוויקט זיך אוורהאָם מיט דער איבעראַשנדיק־רײַכער אילומינאַציע אפן מויער פונעם צענטראַל־טעלעגראַף. אף איין פליגל פון פאַסאַד פונעם מויער, וואָס גייט ארויס אף דער גאָרקי־גאַס, גיסט זיך פײַערדיקער טשוהון פון א דאָמנע. די קאָלירטע לעמפּעלעך פינטלען אזוי קונציק, פּונקט ווי פון זיי וואָלט זיך געגאָסן פליסיקער מעטאַל; אפן אנדערן פליגל, וואָס קומט ארויס אף דער אָגאַריאָוו־גאַס נעמט אַראָפּ א קאָמבײַן די גערעטעניש פון פעלד. דאָס פעלד באָדט זיך אין א יאַם ליכטיקײַט. און אין צענטער פון פאַסאַד, פונעם דאַך ביזן אויבן פון דער פאַראַדנער ארויסגאַנג־טיר, איז אויסגעהאַנגען לענינס פּאָרטרעט. די לעמפּלעך, וואָס באַזוימען דאָס בילד, לעשן זיך ניט, ווי די לעמפּלעך אף די אנדערע בילדער. לענינס געזיכט, לענינס אויגן לויכטן שטענדיק.

דערנאָך, ווען עס ווערט שוין פינצטער, הערט מען די האַרמאַטן־זאַלפּן פון סאַליוט. די אַלטע קרעמל־וואַנט מיט אירע שפּיציקע טורעמס זעט דאַן אויס גראַנדיִעז, פאַנטאַסטיש, א באַשירעמטע פון די גירלאַנדעס ראַקעטע־פײַערלעך, וואָס צינדן זיך אין הימל און צעשיטן זיך, דוכט זיך, אף דער דאָזיקער וואַנט, שטעכן זיך ארוף אף אירע טונקל־רויטע שפּיצן.

אין אזא ווונדערלעכן אפּדערנאַכט פילט זיך אוורהאָם נאָך גאָר ניט אַלט. און ער איז טאַקע נאָך ניט קיין אַלטער מאַן, לויטן איצטיקן באַגריף, ווען דאָס דורכשניטלעכע לעבן פון א מענטשן האָט, קיין אײַנהאָרע ניט, אופגעהויבן זיך בא אונדז ביז צו א יאָר זיבעציק, אויב ניט מער. אוורהאָם איז סאַכאַקל פיר יאָר א פּענסיאָנער. ער ווייסט, מע האָט אים געזאָגט וועגן דעם, אז ווען מע קוקט אף אים פונהינטן, בייס ער גייט, קאָן מען אפילע מיינען, אז ס׳איז א יונגערמאַנטשיק. ער גייט ניט אײַנגעבויגן, די אַקסל — ניט פאַרקײַלעכיקט, דער טראָט — א גאַנץ פעסטער, קימאַט א סאָלדאַטסקער טראָט. אז מע קוקט פונפאָרנט — איז א ביסל ערגער. מע זעט, אז ס׳איז פיר און זעכציק און ניט לעכאָלאַפּאָכעס פיר און פערציק. דאָס פּאָנעם איז ריין־געגאָלט, די באַקן זײַנען פריש, רויטלעך, אָבער פול מיט קנייטשעלעך. די אויגן, אויב מע זאָל אַרײַנקוקן אין זיי, זײַנען אין דער טיף זייערער אזוי ווי פאַרצויגן מיט א דין דורכזיכטיק פאָרהענגל — א פאָרהענגל, הינטער וועלכן עס ווערט אויסבאַהאַלטן עפּעס ניט קיין פריילעכער סאָד, וואָס עס איז גאָרניט אזוי גרינג ארויסצוברענגען אים פאַר עמעצן.

פאַרענדיקט מיטן אָוונטיקן שפּאַציר, דעם נײַנטן מײַ, גייט אוורהאָם אַרײַן אין שטוב און ציט ארוף אף זיך דעם אינדערוואָכן, ער נעמט פּאַקעווען דעם טשעמאָדאַן, גרייטן זיך אין וועג אַרײַן.

דאָס מאָל האָט ער זיך געגרייט מיט א באַזונדערער האַסמאָדע און שטימונג. איינער א באַקאַנטער זײַנער, וואָס הייסט טין באָריסאָוויטש, א לאַנדסמאַן פון דער שטאָט פּעסקאָוועץ,

מיט וועלכן אווראַם שרײַבט זיך דורך, האָט אים אין אַ בריוו געגעבן צו וויסן, אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער אַף דער גאַס צופעליק באַגעגנט „דײַן שײנדעלען מיט דער טאָכטער". אַזוי האָט ער אָנגעשריבן „דײַן שײנדעלען".

„שטעל זיך פאָר, — שרײַבט טין באַריסאָוויטש, — כ'גײ מיר אַזוי איבער דער גאַס אַף מײַן פּאַרנאַכטיקן שפּאַציר, און ס'קומט מיר אַן אַנטקעגן אַ שײנע דאַמע מיט אַ יונג מײדל. אַף שײנע פּרויען, אַלטע, יונגע, פּאַרקוק איך זיך נאָך. האָב איך זיך פאַרקוקט, און מיר האָבן זיך דערקענט. „טין... טינעלע"... — האָט זי אויסגערופן. און איך — „שײנדל... שײנדעלע... אַזויפיל יאָרן זיך ניט געזען". האַקלאַל, דעם גאַנצן אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. געזעסן אין סקווער. זי האָט מיר אויסדערצײלט, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט. ס'איז טויזנט מיט איין נאַכט. איך האָב דאָך געמײנט, איך בין געוועזן זיכער, אַז זי איז אומגעקומען אין פּעסקאָוועץ צוזאַמען מיט אַלע ייִדן דעם 29־טן סענטיאַבער 1941... גוט, ווען מע האָט אַ טאָעס אין אַזעלכע זאַכן. אַזוי ווי מע זינגט אין דער באַרימטער ליד:

«Жди меня, когда других не ждут...»[1]

און מער, אײדער וועגן אַלעמען האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אַף דיר. זי האָט פאַרשריבן דײַן אַדרעס. זי רוט אָפּ דאָ אין אַ סאַנאַטאָריע. איר טאָכטער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אָפּן זאַוואָד „איליטש".

געוויס איז זײער אָנגענעם, אַז עמעצער דערמאָנט זיך וועגן דיר, דערהויפּט ווען דו ביסט שוין אין די עלטערע יאָרן. אוואַדע איז אַ פרײד, אַז עס זוכט זיך אָפּ אַן אַלטער גוטער פרײַנט. הײַנט נאָך, ווען עס רעדט זיך וועגן אַ פרוי, אין וועלכער מע איז געוועזן אַמאָל, גאָר־גאָר אַמאָל, אין די יונגע יאָרן פאַרליבט. שײַעך צו זאָגן — פאַרליבט. מע איז שוין געוועזן אַפילו כאָסן־קאַלע. נאָר אַ נאַרישער אומגעלומפּערטער גאַנג פון זײַן, אווראַמס, זײַט, אַ ווילדער קאַפּריז האָט געבראַכט דערצו, אַז ערעוו דער כאַסענע האָט מען זיך צעקריגט, אָנגעדרודלט זיך אײנער אָפּן צווײטן. איז דען פאַראַן אַזאַ פּאָרל, באַ וועמען עס זאָל קעסײדער אַלץ גײן גלאַט, אָן אַ האָרעלע באַרויגעס? יונגע בלוטן ווילן אָפּטמאָל ניט וויסן פון געדולדיקער אײַנגעהאַלטנקײַט. יונג בלוט איז נאַריש בלוט, עס שפּילט, עס קאָכט, עס ברויזט און טוט אָפּ אַמאָל מיטן מענטשן ניט קײן פײַנע זאַכן. דאַן, מיט אַ סאַך־אַסאַך יאָרן צוריק, ווען ס'איז נאָך ניט געוועזן ניט נאָר דער טאָג פון ניצאָכן, נאָר ס'איז נאָך אויך ניט געוועזן דער פינצטערער טאָג, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, עמעס, די מילכאָמע, איז ווי אַ בלוטיקע האַק שוין נידעריק געהאַנגען איבערן קאָפּ. דאַן, אין יענער, איצט שוין ווײַטער, צײַט, אויך אין אַזאַ ווארעמען אָוונט, מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל, איז אווראַם געזעסן באַ שײנדלען אין צימערל אינעם דריטן גאָרן פון דער סלאָבאָדקע. ער האָט זי ליב געהאַט און זי — אים. דאָס פענצטערל איז געוועזן אָפּן, נאָר קײן אײן ברעקעלע ליכט פון דרויסן איז ניט אַרײַנגעדרונגען אין שטוב, די דאַרעמדיקע אָוונטן און די נעכט זײַנען דאָך זײער טונקעלע. מע האָט נאָר זײער גוט געפילט דעם רײעך פון דעם עפּל־בוים, וואָס וואַקסט אונטערן סאַמע פענצטער. דאָס ביימל האָט שוין געהאַט אָפּגעבליט, פּיצעלעך גרינינקע עפּעלעך, וועלכע מע האָט קוים אַרויסגעזען באַטאָג, האָט מען איצט אוואַדע ניט געזען. עס האָט נאָר געדוכט, אַז דער שאַרפּלעכער רײעך, וואָס קומט פון דרויסן, איז פון זײ, פון אָט די מאַנטשינקע גרינע פײרעלעך. אים שוואַכן ניט אָפּ די רײכעס, וועלכע מישן זיך צו פון די אַנדערע פּרוכט־בײמער אין די אַרומיקע שכײנישע הויפן.

אווראַם און שײנדל זײַנען געזעסן אַף דער סאָפקע. מע האָט אויסגעטרונקען אַ ביסל ווײַן, מע האָט זיך געהאַלטן אַרומגענומען, מע האָט זיך געקושט. אָבער די קושן זײַנען געוועזן פאַר אווראַמען ווײניק, און זי האָט געמורמלט פאַראַקשנט: — „האָב געדולד. איך וויל זײַן אַ מײדל ביז דער כאַסענע"...

— צוליב וואָס דאַרפסטו מײַן געדולד? — האָט ער אַ שיקערלעכער געפּרעפּלט. — גלייבסט מיר ניט? איך וועל אַנטלויפן? איך וועל זיך אָפּזאָגן פון דיר?

זי האָט אים אַ שטופּ אָפּ געטאָן, געוואָרן אין קאַס:

— איך זאָג דאָך דיר!.. זײַ ניט קײן כײַע!..

— איצט ווײס איך, אַז דו האָסט מיך ניט ליב, — איז ער געוואָרן אַלץ מער צעהיצט. — אַז מע האָט ליב, איז אַנדערש. צי עפּשער?..

— וואָס — עפּשער? — זי האָט אָנגעשטעלט אַף אים אירע גרויסע בלויע אויגן.

ער האָט אַפילו אַ רעגע ניט געטראַכט. זאָגן אָדער ניט זאָגן דאָס, וואָס עס איז אים אַקאָרשט אַרוף אָפּן זינען. בעסער וואָלט ער ניט געזאָגט. ס'איז אים פרײַער אַזאַ געדאַנק

---

[1]וואַרט אַף מיר, ווען אַף אַנדערע וואַרט מען ניט.

קיינמאָל אפילו ניט אריַין אין קאָפּ. ער ווייסט ניט שיינדלען? נאָר איצט, א צערודערטער, מיט א פארנעפּלטן מויעך פונעם אויסגעטרונקענעם וויַין, ניט אריַינטראכטנדיק זיך אין די רייד זיַינע, האָט ער א שמיץ געטאָן איר אין פּאָנעם די ווערטער:

— האָסט מיסטאמע שוין געהאט אן אנדערן.

— און איך וויל ביז א ציַיט אויסבאהאלטן פון דיר... דאָס ווילסטו זאָגן? איז גיי זשע, גיי פונדאנען! צוליב וואָס דארפסטו אזא?

שיינדעלע איז געווען א היציקע ניט ווינציקער פון אווראָמען. גראָד אין יענעם טאָג, נאָך דער ארבעט און פאר דער אָוונטיקער באגעגעניש זיַינען זיי ביידע אריַין אין א יוועליר־מאגאזין אפן סווערדלאָוו־פּראָספּעקט, און אווראָם האָט געקויפט צוויי גאָלדענע פינגערלעך.

דעמלט, אין יענער ציַיט, זיַינען פינגערלעך ניט געווען אין דער מאָדע, און ניט אווראָם, ניט שיינדל האָבן גאָרניט בעדייע געהאט, בייסן פארשריַיבן זיך אין זאגס, אָנטאָן אײנער דעם אנדערן די רונגען אף די פינגער. פונדעסטוועגן האָט ער געקויפט, זאָלן זיי ליגן, זאָלן זיי זיַין אן אָנדענק. לעקאָוועד דעם דאָזיקן איַינקויף האָבן זיי עס טאקע דאן אויסגעטרונקען. אף „דערוויַיל” נאָר, אין יענעם אָוונט, די רונגען אָנגעטאָן, און בא אים און בא איר אף דער האנט האָבן זיי געפינקלט, ווי א בסורע טויווע אף א לאנג, פרידלעך צוזאמענלעבן. אָבער נאָך דעם, ווי מע האָט זיך צעווערטלט, האָט שיינדל אראָפּגעריסן פונעם פינגער דעם רונג, וואָס האָט זיך געהאט איַינגעקרעמפּעוועט אין דער הויט, עס איז אפילו געבליבן אפן שטיקל הויט א פּריש־רויטלעכער סימען.

— נא, נעם עס צוריק! — זי האָט דאָס רינגל אריַינגעוואָרפן צו אים אין דער אייבערשטער קעשענקע פונעם העמדל.

ער איז אוועק אָן א זיַי־געזונט. דער שיינער זומערדיקער אָוונט, וואָס האָט געדארפט זיַין אויסגעוועבט פון פרייד און פון גליק, האָט זיך פארענדיקט אָט אזוי אומבאגריַיפלעך באריש, העסלעך. ווען אווראָם איז געגאנגען צו זיך אהיים, האָט א טיפער פארדראָס, א געפיל פון כאראָטע און בושע צונויפגעקלעמט זיַין הארץ. דריַי מאָל, נאָכן אָפּגיין פון איר שטוב א געוויסן מעהאלעך, האָט ער זיך אומגעקערט אף צוריק, געוואָלט אריַינגיין צו איר און זיך איבערבעטן, ער איז אָבער ניט אריַין, ער האָט באשלאָסן קומען מאָרגן. אף מאָרגן האָט ער זי ניט געטראָפן אין שטוב. גאנצפרי האָט זי גראָד דעמלט געקראָגן א טעלעגראַם, אז איר מומע, וועלכע האָט געוווינט אין קראסנאָיארסק, איז געשטאָרבן. די מומע איז געווען אן עלנטע פרוי, שיינדל איז געווען איר עלטסטע פּלעמעניצע. די פּלוצעמדיקע וויַיטע ריַיזע קיין קראסנאָיארסק האָט דערנאָך געראטעוועט שיינדעלען דאָס לעבן. אין א וואָך ארום נאָך איר אָפּפאָרן אין דער וויַיטער מיזרעך־סיבירער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און שיינדל האָט שוין אהיים זיך ניט אומגעקערט.

בא די מעכאבלים, וואָס האָבן אינגיכן אָקופּירט פעסקאָוועץ, זיַינען געווען פארשיידענע מעטאָדן פון פארטיליקונג און מאָרד. אין א סאך שטעט האָבן זיי געשאפן געטאָס, אָפּגענומען דאָס לעבן ניט טייקעף, אויסגעצאַפּט בא די קאָרבאָנעס ביזן לעצטן טראָפּן דאָס בלוט — בעהאדראָגעדיק, ניט געיַילט, אין מעשעך פון כאדאָשים, אפילו פון א יאָר און צוויי. אין אנדערע ערטער האָבן זיי זיך אָפּגעפּארטיקט מיט די פרויען, זקיינים און קינדער אין א וואָך־צוויי ארום נאָכן פארנעמען די שטאָט. גריבער, טראנשייען זיַינען אומעטום געווען פארטיקע. וועלכע שטאָט האָט עס ניט א טאָל, א יאר, אן אָפּהאנג מיט א טיפן אָפּגרונט? אין דער שטאָט פעסקאָוועץ אף דאָרעם־אוקראַינע האָבן די דיַיטשן באנוצט דעם „גיכן” אויפן. אומגעבראכט זיַינען געוואָרן אווראָמס עלטערן און שיינדלס עלטערן, זיַינע צוויי שוועסטער, אירער א יינגערער ברודער און א שוועסטער. שיינדל איז אין דער קאָלאָנע, וועלכע מע האָט געטריבן צום טויט, ניט געווען. אווראָם האָט אין דער מילכאָמע־ציַיט פארלאָרן אירע שפּורן. פון קראסנאָיארסק איז שיינדל אריבערגעפאָרן אין אן אנדער שטאָט. וווהין, האָט ער ניט געוווּסט. נאָך יענעם שלימאזלדיקן אָוונט בא איר אין צימערל אף דער סלאָבאָדקע־גאס האָבן זיי זיך צעשיידט ניט נאָר אף די פיר לאנגע מילכאָמע־יאָרן, נאָר אף צענדליקער יאָרן נאָכן קריג. עס איז דורך דאָס גאנצע לעבן. ער האָט כאסענע געהאט פאר אן אנדערער, זי — פאר אן אנדערן, מע האָט דערצויגן קינדער, מע האָט געארבעט, מע האָט זיך געעלטערט, געוואָרן פּענסיאָנערן. און אָט איז זי געקומען אין דער היימשטאָט און זי פרעגט זיך נאָך אף אים. „זי האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן דיר מער ווי וועגן אלע אנדערע”, — שריַיבט אים דער באקאנטער זיַינער.

אינעם רויטן פושקעלע, ווו עס ליגן צוויי אָרדענס „סלאווא” (צום דריטן אָרדען, קעדיי צו זיַין א „פולער קאוואלער” פון אלע דריַי „סלאוועס”, האָט אווראָם א ביסל ניט דער־

צויגן) — ליגט אויך, א צוגעטוליעטס צו זיי, שײַנדעלעס רונג. איצט האָט ער עס אַרויסגע־נומען פונעם פּושקעלע, געהאַלטן א ביסל אַף דער דלאָניע, אָנגעטאָן די ברילן, א קוק צו טאָן אַף דער פּראָבע. אָבער וויפל ער האָט די אויגן ניט אָנגעשטרענגט, האָט ער די פּיצעלעך אויסגעקריצטע ציפערן אינווייניק אין רונג ניט געזען, נאָר ער האָט געדענקט, אַז די פּראָבע איז ריין גאָלד.

געוויינלעך, ווען ער פאָרט זומער, נעמט אוורהם מיט זיך זייער ווינציק זאַכן, בלויז דאָס סאַמע נייטיקסטע. דער טשעמאָדאַן איז א גרינגער. דאָס מאָל האָט ער זיך ניט באַנוגנט מיטן אָנצוג, וואָס איז געווען אַף אים און מיט די סאַנדאַלעטן אַף די פיס. ער האָט אַרײַנ־געלייגט אין טשעמאָדאַן אַן „אוונטיקן" קאָסטיום און א פּאָר שיינע טופליעס. אין דער פאַבריקמאַכערסקע האָט ער געבעטן די שערערן, זי זאָל אים מאַכן א „מאַלאַדיאַזשנע" פריזור.

— ס'וואָלט גוט געווען, — האָט ער זיך געווענדט צו דער שערערן, — ווען איר וואָלט געקאָנט נאָך עפּעס...

— זאָגט מיר, וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט יענע זיך אָפּגערופן, האַלטנדיק גרייט דאָס שערל אין דער האַנט, קעדייַ טייקעף נעמען אויספילן די באַקאַשע.

— ס'וואָלט גוט געווען, ווען איר וואָלט געקאָנט ניט נאָר אַראָפּנעמען, נאָר אויך צו־געבן, — און אוורהם האָט מיט אַן אויסדריקלעכן זשעסט אָנגעוויזן אַפן פּליך.

— אַלץ יאָ, נאָר דאָס ניט, — האָט די כיינעוודיקע פאַבריקמאַכערשע באַדויערט.

אין אַעראָפּאָרט האָבן אים באַגלייט די טאָכטער ליובע און די שנור רופאַ.

— זעסט אויס, טאַטע, אַזוי שיין, אַזוי יונג. מע האָט דיך אַזוי פײַן אונטערגעשאָרן, — ליובע האָט עמעס האַנאָע געהאַט פונעם פאָטערס אויסזען.

— אַזוי ווי א כאָסן־באָכער, — איז געווען אַנציקט רופאַ.

— איך בין טאַקע א כאָסן־באָכער און איך פאָר צו מײַן קאַלע.

— צו וועמען פאָרט איר? — האָט די שנור איבערגעפרעגט.

— צו מײַן קאַלע, — האָט ער רויִק און גאַנץ ערנסט איבערגעכאַזערט.

ליובע און רופאַ האָבן אים אָנגעקוקט, ווי א מענטשן, וואָס איז ניט בײַ אַלע געדאַנקען און ווייסט ניט, וואָס ער רעדט.

— נו, נו, טאַטע... — ליובע האָט א גלעט געטאָן מיט דער האַנט די פּלייצע זײַנע, — האָסט ליב זיך צו כאָכמענען.

רופאַ, מיטן קלאָרן מויִך צו דערמאָנען דעם אַלטן, ווו ער האַלט אין דער וועלט, האָט אים זאָרגזאַם געפרעגט:

— וואָלידאָל האָט איר ניט פאַרגעסן מיטצונעמען?

— ניט פאַרגעסן. — האָט ער זיך א קנייטש געגעבן.

— עלעניום, ראַונאַטין. — האָט זי זיך ווײַטער נאָכגעפרעגט.

— איר ווילט, איך זאָל פירן מיט זיך א גאַנצע אַפּטייק?

— אָבער אין וועג... מאַלע־וואָס עס מאַכט זיך, כאַלילע, אין וועג, מע איז דאָך ניט קיין יונגערמאַן.

— הער שוין אויף, רופאַ, — האָט ליובע, דערזעענדיק, אַז בײַם טאַטן האָט פון אופרעגונג זיך געביטן דאָס פּאָנעם, אָפּגעהאַקט די באַריידעוודיקע שוועגערן.

דער אַעראָפּלאַן „יאַק־40" פליט ניט אַף קיין גאָר גרויסע מעהאַלעכס, מערסטנטייל קורסירט ער אַף די אַזויגערופענע אינערלעכע ליניעס, פאַרבינדנדיק אײַן געגנט מיט דער צווייטער. ס'איז א קליין לײַנערל, סאַכאַקל אַף עטלעכע און צוואַנציק פּאַסאַזשירן, ער ראַשט ניט אַזוי ווי די „טועך" און „אילן", נאָר שטילערהייט טוט ער זײַן אַרבעט בישליימעס, שלינגט זעקס־זיבן הונדערט קילאָמעטער א שאָ. אוורהם האָט ניט באַוויזן אופעסן די פּאָר קאָנפעטן, וואָס ער האָט גענומען פון טאַץ בײַ דער סטיואַרדעסע בייסן אופהייבן זיך אײַנ־דערלופטן, ווי דאָס מיידל האָט שוין ווידער גענומען טראָגן די טאַץ מיט די קאָנפעטלעך פאַר די פּאַסאַזשירן, — דאָס „יאַקל" האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן. און אָט האָבן שוין די שאַסי באַרירט זיך מיט דער ערד, א שטויס געטאָן זיך אין איר, די רעדלעך קײַקלען זיך שוין איבערן בעטאָנירטן פעלד פונעם אַעראָפּאָרט פּעסקאָוועץ.

פּעסקאָוועץ איז א שטאָט, ווי א סאַך שטעט — מיט אַלטע און נײַע הײַזער, מיט אַלטע און נײַע אונטערנעמונגען, מיט אַלטע און נאָך מער נײַע טוישווים. אין מעשעך פון די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר איז איר באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן אין פינף מאָל. קיין רע־קאָרד האָט זי דאָ, מיסטאַמע, ניט געשלאָגן. עס זײַנען פאַראַן שטעט, וואָס האָבן אין מעשעך

פון אַט דער צײַט זיך פאַרגרעסערט אין צען מאָל. באַרימט איז זי אַף מײַלן ווײַט, ניט נאָר אין דער אומגעגנט, מיט איר פליאַזש. גופא דער טײַך איז ניט קיין גרויסער, מע דאַרף ניט זײַן קיין גרויסער שווימער אַריבערצושווימען אים, אָבער דער פליאַזש... ער איז אַזױװי באַשאָטן מיט מאַנע־גרײַפּעלעך — דינינקע, צאַרטינקע, די זעמדעלעך גלעטן די פיס, וואָס טרעטן איבער זיי, צערטלען דאָס לײַב, וואָס לייגט זיך אַף זיי. אין זאַמד איז מען ביכלאַל אין פעסקאָװעץ ניט זשעדנע, פונדאַנען, ווײַזט אויס, שטאַמט דער נאָמען פון דער שטאָט. אייניקע גאַסן, וועלכע זײַנען פריִער געווען זאַמדיקע, זײַנען איצט אַספאַלטירט, נאָר רופן רופט מען זיי, ווי אַמאָל — „פעסאָטשנע". עס איז פאַראַן אין שטאָט אַ גרויס־פעסאָטשנע גאַס, אַ קליין־פעסאָטשנע גאַס, דרײַ געסלעך זײַנען אויך פאַרייביקט אין זאַמד — פעסאָטשנע־געסל־איינס, פעסאָטשנע־געסל־צוויי און פעסאָטשנע־געסל־דרײַ. עס איז דאָ אַ „פעסאָטשנע" פאַבריק, אַ האָטעל „זאָלאָטאָי פעסאָק". ווען אוורהם איז געווען אַ קינד, האָט די מאַמע יעדן מאָל גוואַלד געשריִען, בייס ער פלעגט אַרײַנקומען פון דרויסן אין שטוב.

— דו ביסט דאָך פול מיט זאַמד! אין די האָר — זאַמד, אין די אויערן — זאַמד, מע קאָן, כאָלילע, טויב ווערן אַף אייביק, שלעפּסט אים, דעם זאַמד, ווי אַן אוצער אין שטוב. מיינסט טאַקע, אַז ס'איז גאָלד?

פאַר די דרײַ לעצטע יאָר, וואָס אוורהם איז ניט געווען אין פעסקאָװעץ, האָט מען אין שטאָט אויסגעבויט אַ נײַעם אַעראָװאָקזאַל און אַ נײַעם אײַזנבאַן־וואָקזאַל. ביידע געבײַען זײַנען פון בעטאָן און גלאָז. מע האָט אויסגעבויט אַף איינעם פון די שטאָטישע ראַנדן אַ נײַעם ווױנונגס־מאַסיוו און ניט ווײַט פונעם שטאָטישן פּאַרק אַ האָטעל — „סטראַ־טעל". ניט אַנדערש, ווי נאָר דער יעיִצערהאָרע האָט אוורהמען אינעם דאָזיקן „סטראַיִטעל" פאַרשלעפּט. שטענדיק פאַרפאָרט ער אינעם אַלטן האָטעל „זאָלאָטאָי פעסאָק", מע קאָן שוין דאָרטן אוור־ראָם זאַלקינדן, און ווי עס זאָל ניט זײַן פול, פאַרנומען אַלע נומערן, געפינט מען פונדעסט־וועגן פונזײַנעטוועגן אויב ניט אַ האַלבן צימער, דאָס הייסט אַ צימער אַף צוויי פאַרשוין, איז אַ פערטל צימער, ווו עס שטייען פיר בעטלעך אָדער אַפילע אַן אַכטל צימער מיט אַכט בעטלעך, אָבער מע געפינט. אָפּזאָגן אַ מענטשן, וואָס האָט שוין דאָ אַזױפיל מאָל געפונען אַ נאַכטלעגער, אַ מענטשן, וואָס קומט צו פאָרן אין זײַן היימשטאָט אַף קייוועראָווס, — אַ מילכאָמע־וועטעראַן, — אָפּזאָגן אים איז ניט שײַעך. אָבער איצטיקס מאָל, פאָרנדיק פון אַעראָפּאָרט אין אווטאָבוס איבער דער שטאָט און האָבנדיק באַמערקט דורכן פענצטער אַ בלאַנקענדיקע שילד אַף אַ פילגאָרנדיקן מויער „גאָסטיניצאַ „סטראַיִטעל" און באַנאַנד מיט דער דאָזיקער שילד נאָך איינע, אַ נאָך מער בלאַנקענדיקע און צוציִענדיקע שילד — „רעס־טאָראַן", איז אוורהם, ווי נאָר דער אווטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, הענדום־פענדום אַרויס־געשפּרונגען פון אים, און מיט אַ מונטערן טראָט, מיטן טשעמאָדאַן אין דער האַנט, געלאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג צו די ביידע אַנשטאַלטן, פון וועלכע, בייס דער פאָריקער רײַזע זײַנער, איז נאָך ניט געווען קיין זייכער.

אוורהם איז אַרײַנגעקומען אין אַ שיינעם וועסטיביול מיט קליינטשקע טישעלעך און נאָך קלענערע שטולעכלעך, צעשטעלטע באַ די זײַטיקע ווענט און אינמיטן פון זאַל, און עטוואָס העכערע טישלעך און בענקלעך באַ דער פאָדערשטער וואַנט, ווו עס זיצן הינטער אַ גלעזערנעם באַריער די רעגיסטראַטאָרשעס. אוורהמס מונטערקײַט איז היפּש אַראָפּגעפאַלן, ווען ער האָט דערזען דעם געדיכטן אוילעם, וואָס שטויסט זיך צום באַריער און דערהערט די מאָנאָטאָנע צוויי ווערטער, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד זיך געטראָגן אינדערלופטן: Мест нет[1].

אין שטאָט ווערט מאָרגן צונויפגערופן אַ געגנטלעכע באַראַטונג פון הויפּט־מעכאַניקער פון זאַוואָדן און פאַבריקן, און אַלע נומערן זײַנען פאַרבראָנירט פאַר די מעכאַניקער. מיט מאַטערניש האָט אוורהם דורכגעשטופּט זיך צום געוווּנטשענעם פענצטערל אין גלעזערנעם באַריער. דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן באַם פענצטערל, האָט אויסגעזען, ווי אַ בלימל, וואָס די זון בראָט עס אָן אופהער פון גאַנצפרי. דאָס בלימל איז טאַקע אַ שיינס, ס'איז דופטיק, ס'איז מעכײַעדיק, אָבער דאָך פילט זיך אַ מידקײַט אין די בלעטעלעך, אין די שטענגעלעך, — זיי זײַנען פאַרמאַטערט פון דער היץ, וואָס שלאָגט אין זיי אָן אָפּרו, שאָען נאָכאַנאַנד. די אַדמיניסטראַטאָרשע האָט אופגעהויבן אַף אוורהמען איר בליִענדיק, אָבער מיד פּאָנעם, אַ קוק געטאָן אַף אים מיט באַשײַמפּערלעכן מיטגעפיל.

— איר זײַט אַ מילכאָמע־אינוואַליד? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, — האָט אוורהם געענטפערט. — איך בין אַן אוטשאַסטניק[2], דאָס איז ווייניק אַף צו קריגן אַ בעטל?

---

[1] קיין ערטער זײַנען ניטאָ.
[2] אַן אָנטיילנעמער.

— ניין, ניט ווייניק, אָבער קיין ערטער זײַנען ניטאָ.

— איך דאַרף אַף איין נאַכט. מאָרגן וועל איך זיך אַריבערקלײַבן אין „זאַלאַטאָי פּעסאָק“.

— איר וואָלט געדאַרפֿט גלײַך פֿאַרפֿאָרן אַהין.

— אוודע וואָלט איך געדאַרפֿט...

— איצט קאָנט איר דאָס אויך טאָן. זעצט זיך אַפֿן אויטאָבוס נומער 6... און אין פֿופֿצן מינוט אַרום זײַט איר דאָרטן...

דאָס איז געווען אַ גוטע אײַצע, אָבער ער האָט דערפֿילט זיך פּלוצעם אַזוי פֿאַרמאַטערט פֿון וועג, אַז שלעפּן זיך ווידער מיטן טשעמאָדאַן צום אויטאָבוס איז געווען פֿאַר אים אַ שווערע האַלאָכע.

ער ווייסט אַליין ניט, אוורהם, אין וועמענס זכות דאָס מיידל האָט סאַפֿקאַלסאַף געפֿונען פֿאַר אים אַן אָרט, אַ „בעטל“ אַף איבערצונעכטיקן הײַנטיקע נאַכט, מיטן תּנאַי, אַז מאָרגן אינדערפֿרי וועט ער דאָס בעטל באַפֿרײַען. „מאָרגן וועט גאָט זאָרגן. — האָט אוורהם אַ טראַכט געטאָן. — גאָט איז אַ פֿאָטער און „סטראַזשעל“ איז אַ גאַסטיניצע. לאָמיר כאָטשבי איין נאַכט פֿאַרברענגען אין איר“.

זײַן צימער איז געווען אַפֿן דריטן שטאָק, און ער האָט געהאַט דעם נומער 313. אַזאַ נומער מיט צוויי האַרטע דרײַען און מיט אַ דרײַצן איז שווער צו פֿאַרגעסן. אוורהמס אָרט איז געווען באַ דער טיר. סאַכאַקל זײַנען אין צימער געווען פֿיר בעטלעך, פֿיר בענקלעך, צוויי טישן, אַ שאַפֿע, אַ האַנטפֿאַס צו וואַשן זיך, אַ טעלעוויזאָר און אַ ראַדיאָ־אופּנעמער. דער טעלעוויזאָר איז געשטאַנען אַף איינעם פֿון די צוויי טישן און איז אויסגעקומען אַקוראַט צוקאָפּנס פֿון אוורהמס געלעגער, די ראַדיאָ איז געהאַנגען איבערן צוקאָפּנס און די האַנטפֿאַס איז געווען אין צופֿוסנס. „אַלע ווויליטקן אַרום מײַן בעטל“ — האָט אוורהם אַ לאַך געטאָן אין זיך. דורכן אָפֿענעם פֿענצטער האָט אַרײַנגעפֿלייצט דער גערויש און טומל פֿון פּראָספּעקט.

אַ שטילע, רויקע נאַכט וועט ער דאָ, אַפֿאַנעם, ניט האָבן. ער האָט אַף אַ ציקאַוועס אײַנגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר און ער איז געווען צופֿרידן, וואָס וויפֿל ער האָט ניט געדרייט דאָס הענטל און די קנאָפּקעס, איז דער עקראַן געבליבן טונקל און שטום, — וועט כאָטשבי מיט איין שטיקל הילכיק קלאַפּערגעצײַג זײַן ווייניקער אין נומער.

אײַנגעוואַשן זיך און איבערגעטאָן זיך, איז דער נײַער אורחע פֿון „סטראַזשעל“ אַרויס אין דרויסן, אַן עטעם טאָן מיט די גרויסשטאָטישע רייכעס פֿון אָפּגענוצטן בענזין און אָנגעגליטן אַספֿאַלט. אַפֿן ראָג פֿון דער גאַס, אַנטקעגן „סטראַזשעל“, צווישן אַ פּאַלאַטקע, ווו מע האַנדלט מיט פֿלייש אין צעלאָפֿאַנענע פּאַקעטן, און אַ קיאָסק „סאָיוזפּעטשאַט“, וואָס איז באַהאַנגען מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון לידמילאַ זיקינאַ, יאָסיף קאָבזאָן, נאָנאַ מאָרדיוקאָוואַ און אַנדערע באַוווּסטע עסטראַדע־ און קינאָ־אַרטיסטן, איז געשטאַנען אַ וואָג, און באַ דער וואָג — אַ נידעריטשקע פֿרוי מיט אַ פֿאַרברענט פּאָנעם, אין אַ לאַנג קליידל און מיט אַ טיכל אַפֿן קאָפּ. פֿאַר צוויי קאָפּקעס וועגט זי אָפּ יעדערן, ווער ס'וויל זיך אָנטאָן דעם דאָזיקן פֿאַרגעניגן. באַלאָנים האָט זי געהאַט אַ סאַך. אוורהם איז אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען און געקוקט, ווי זײַנע זעמליאַקעס טוען זיך איינער נאָכן אַנדערן אַ שטעל אַוועק מיט די ראַגלאַיִם אַפֿן קלייניטשקן שטעטך פֿון דער וואָג. אָט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ שווערלײַביקער מאַנספּאַרשוין, און די וואָג גיט אַזש אַ קרעכץ פֿון דער אַרופֿגעוואַלגערטער אַף איר שווערער מאַסע. די וועגערן איז אַנציקט:

— איר זײַט ווי איוואַן פּאָדובני, — זאָגט זי צום מאַנספּאַרשוין, — הונדערט צוויי און צוואַנציק קילאָגראַם. דער שווערסטער מענטש באַ אונדז אין פּעסקאָוועץ.

עס שפּרינגען אַרויף אַף דער וואָג אַ פּאָר דינע פּיסעלעך אין גרינגינקע באָסאָנאָזשקעס. די וועגערן רוקט אַלץ אַף צוריק און צוריק דאָס האַטשיקל, ביז דאָס צינגעלע נעמט רוקן זיך הוידען אַרויף און אַראָפּ־צו ערגעץ אַף די גאָר־גאָר קנאַפּע קילאָגראַמען.

— אַ פֿיגורל, ווי באַ מאַיע פּליסעצקע — לויבט די פֿרוי, און דאָס שלאַנקע מיידל שײַנט פֿון פֿאַרגעניגן.

צוויי קאָפּקעס איז ניט קיין אוצער, אוורהם שטעלט זיך אויך אַוועק אַף דער וואָג, נאָר איידער דאָס ווײַבל וועגט אים אָפּ, קוקט זי זיך אײַן אין אים און פֿרעגט:

— איר זײַט אַ היגער?

— אַמאָל געווען אַ היגער...

— און איצט ווו וווינט איר?

— איצט וווין איך אָט־דאָ אין גאַסטיניצע, — ער האָט אופֿגעהויבן הויך אַ האַנט און אָנגעוויזן אַף די אייבערשטע פֿענצטער פֿון „סטראַזשעל“.

— א קאָמאַנדיראַוואַטשנער?

אווראַם האָט עפּעס א ברומקע געטאָן, ס'קאָן הייסן אי יאָ, אי ניט. די נײַגעריקע פּרוי וואָלט געוויס ניט אופגעהערט צו שטעלן אירע קאַשעס, נאָר עס איז שוין געוואָרן צו דער וואָג אן אַטשערעד.

— איר זײַט גאָר, ווי א באָכער. סאַכאַקל איין און זעכציק קילאָגראַם מיט הונדערט גראַם, — האָט זי אווראַמען צו וויסן געגעבן. — פאַרן אוועקפאָרן זאָלט איר ווידער זיך אָפּ־וועגן. בא אונדז אין פעסקאָוועץ איז ווי אַמאָל — אָדער מע פּאַריכט זיך זייער גוט, אָדער מע ווערט שטאַרק א טעל.

אווראַם האָט געגומען טראַכטן צו וועמען פון די באַקאַנטע זאָל ער אָנקלינגען אין טעלעפאָן און אָנזאָגן די בסורע, אַז ער איז דאָ. ער האָט באַשלאָסן אָנקלינגען טין באָריסאָוויטשן, בא אים וועט ער זיך דערוויסן געגויער וועגן שיינדלען, יענער האָט דאָך אָנגעשריבן וועגן איר. עפּשער ווייסט ער אויך די סיבע, פאַרוואָס זי האָט אים, אווראַמען, ניט געשיקט קיין בריוו, ניט מודיע געווען וועגן זיך, נאָך אַלע אירע נאָכפרעגענישן וועגן אים?

אין א האַלבער שאָ אַרום נאָכן טעלעפאָן־קלונג איז טין באָריסאָוויטש שוין געשטאַנען לעבן אווראַמען. טין באָריסאָוויטש איז אן אַלטער אַרבעטער, פיל יאָרן האָט ער אָפּגעאַרבעט אַלס שלאָסער אַפן פעסקאָוועצער זאַוואָד „איליטש", איצט איז ער, אַזוי ווי אווראַם, א פענסיאָנער. דעם נאָמען „טין" האָט מען אים געגעבן אָף א קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג אין 1922, צי 1923־טן יאָר. די נײַע וועלט האָט אויך דאַן געבראַכט נײַע נעמען. דעם אַלטן אַרכאַישן נאָמען שלוימע האָט מען אָף יענער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג פאַרבראַקעוועט און מע האָט איינשטימיק באַשלאָסן, אַז שלוימע זאָל הייסן „טין" — „טרעטי אינטערנאַציאָנאַל" — און אַזוי איז געבליבן. אויס שלוימע, נאָר טין. שפּעטער האָט מען אים געגומען רופן טין באָריסאָוויטש. אווראַמס אוראַלטער נאָמען איז ניצל געוואָרן, ווײַל אַלע גוטע, קלינגענדיקע נײַע נעמען האָט מען שוין געהאַט פאַרטיילט צווישן אַנדערע און פאַר אים איז געבליבן דער נאָמען — „רעזערווו".

— וואָס איז דאָס פאַר א רעזערוו? — איז די מאַמע נישטוימעם געוואָרן, ווען דער זון האָט איר אָנגעזאָגט די בסורע, אַז ער הייסט ניט מער אווראַם, נאָר „רעזערוו".

דער מאָדנער נאָמען האָט זיך טאַקע ניט צוגעקלעפּט צו אים, ניט אין שטוב, אין דער מישפּאָכע, ניט אַפן זאַוואָד צווישן די כעווריע.

פאַר די דרײַ יאָר, וואָס מע האָט זיך ניט געזען, האָט טין באָריסאָוויטש היפּש זיך געעלטערט. דער קאָפּ איז געווען געגאָלט, ווײַל שערן איז, ווײַזט אויס, שוין ניט געווען וואָס. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א טעניסקע און דזשינסן, די ספּאָרטיווע קליידונג האָט אים אָבער ניט געיינגערט, נאָר געמאַכט עלטער.

נאָך די ערשטע באַגריסונגען איז טין באָריסאָוויטש, ניט צו פאַרגעסן, צוגעלאָפן צו דער פּאַלאַטקע און געקויפט דרײַ פּאַקעטן פלייש.

— בא מיר איז א פּולע שטוב מיט געסט, — האָט ער געזאָגט. — מײַנע א שוועסטער איז געקומען מיטן מאַן, פון די קאַרפּאַטן. דער פרויס ברודער איז געקומען פון אַריאַל, דעם זונס כאַווער — פון כערסאָן, ער איז דאָרטן א לערער אין דער יאַם־שול.

— און אַלע האָבן ליב קאָטלעטן? — האָט אווראַם געפרעגט.

— פאַרוואָס נאָר קאָטלעטן? א הולאַש אויך, און פּירעזשקעס מיט פלייש — אוואַדע. אָבער פאַר דיר וועט אויך קלעקן. קום, וועסט זײַן אן אָנגעלייגטער גאַסט.

— א דאַנק, נאָר כ'דאַרף נאָך א ביסל זיך אַרומקוקן פון וועג. אויב דו האָסט גאָרניט קעגן און ס'איז פאַראַן בא דיר א פּאָר מינוט פרײַע צײַט, איז לאָמיר פּאַשעט דורכגיין זיך א ביסל איבער דער גאַס, — האָט אווראַם פאָרגעלייגט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין איבערן טראַטואַר. אווראַם האָט גלײַך געוואָלט נעמען פרעגן וועגן שיינדלען, דערוויסן זיך איר געגויעם אַדרעס און צי האָט טין באָריסאָוויטש געזען זי נאָכדעם, ווי יענער האָט אים אָנגעשריבן דעם בריוו וועגן איר. ער האָט אָבער דערווײַל ניט געפרעגט, אַזוי ווי מוירע האָבנדיק צופיל אונטערשטרײַכן זײַן אינטערעס.

— דאָס מאָל זעסטו אויס גוט, זייער גוט, בעסער ווי דאָס פאָריקע מאָל, — האָט טין באָריסאָוויטש געגומען לויבן אווראַמען.

— און דו זעסט אויך אויס בעסער, — איז אווראַם ניט געבליבן קיין באַלכויוו.

יעדעס מאָל, ווען די כאַווירים מיט די גרויע קעפּ באַגעגענען זיך, נאָך דער יאָריקער, צוויייאָריקער אָדער, ווי איצטיקס מאָל, דרײַיאָריקער צעשיידונג, זאָגן זיי איינער דעם אַנ־

דערן דעם זעלבן קאָמפּלימענט און ביידע ווייסן, אַז מע זאָגט אַ ליגן, אָבער ס'איז פּונקט־ווען אָנגענעם דעם ליגן צו הערן. וועלכער מענטש וויל עס אויסזען עלטער, ווי פריער?

— וואָס הערט זיך אין מאָסקווע? — פרעגט טין באַריסאָוויטש. אַמאָל אין דער יוגנט, האָט ער געשפּילט אין דראַמאַטישע קרייזלעך, איצט שפּילט ער שוין לאַנג ניט, אָבער אַ מעסוקענער טעאַטראַל איז ער געבליבן.

— האָסט שוין געזען — פרעגט ער בא אווראָמען — די לעצטע ספּעקטאַקלען אין טעאַ־טער אַף טאַגאַנקע? יורי ליובימאָוו איז אַ גרויסער רעזשיסער. נו, און אין דער נייער געביידע פון מכאַט אַף טווערסקאָי בולוואַר ביסטו געווען?

אווראָם איז זיך מודה, אַז ניט אין טעאַטער אַף טאַגאַנקע, ניט אין מכאַט אַף טווערסקאָי בולוואַר איז ער ניט געווען.

— און אַפן יעסענינסקן בולוואַר בא אייך גייסטו כאָטשבי אַמאָל? עס שטייט דאָרט אַ דענקמאָל — אַ יונג דאָרפיש באָכערל מיט אַ מאַנטעלע, אַרופגעוואָרפן אַף אַן אַקסל.

וואָס מער דער אַלטער טוישעוו פון פעסקאָוועץ פרעגט אויס, אַלץ מער פילט זיך דער אַלטער מאָסקווער טוישעוו הינטערשטעליק קעגן אים.

— קיין כידעש ניט, — פאַרענטפערט זיך דער מאָסקוויטש, — אַז אַ מענטש קומט פון אַן אַנדער שטאָט קיין מאָסקווע אַף צען טעג, ווייסט ער, אַז ער דאַרף באַוויזן זיין דאָ און דאָרטן. אומעטום. אַזאַ אָבער, וואָס לעבט שטענדיק אין מאָסקווע, וועט דאָך פון אים גאָרניט אַנטלויפן. ניט היינט אינאָוונט, איז מאָרגן אינאָוונט, איבערמאָרגן. אַזוי לייגט מען אָפּ...

אווראָם האָט אַזוי ווי דערכאַפּט, ניט אונטערצושטרייכן, אַ פרעג געגעבן:

— וואָס הערט זיך בא שיינדלען?

— שיינדל איז אין סאַנאַטאָריע „יאַקאַר". זי האָט דיר ניט אָנגעשריבן קיין בריוו?

— ניין. דו האָסט זי געזען נאָכאַמאָל?

— מער האָב איך זי ניט געזען, נאָר זי איז נאָך דאָ. — האָט געענטפערט טין באַריסאָ־וויטש. — איר פּוטיאָווקע איז ביזן ערשטן. דערנאָך האָט זי געזאָגט, וועט זי לעבן בא דער טאָכטער.

עס האָט זיך אָנגעצונדן דער גרינער סוועטאָפאָר, און די אַלטע כאַווײרים האָבן אָפּגיך זיך געזעגנט. טין באַריסאָוויטש האָט געגומען איבערלויפן די גאַס. אווראָם איז געבליבן שטיין אַפן טראָטואַר אַ ביסל אַ צעטומלטער. ער האָט שטאַרק געוואָלט טייקעף לאָזן זיך גיין צום „יאַקאַר", זען זיך מיט שיינדלען. אָבער וויאַזוי גייט מען עס גלייך פון וועג, אַ מידער, אַף אַזאַ באַגעגעניש? מע דאַרף זיך אָפּרוען, אויסזען גוט. און ער האָט געמוזט אָפּלייגן די באַגעגעניש אַף מאָרגן.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין צימער פון האָטעל, זיינען אַלע דריי מיטוווינער זיינע שוין געווען אַף אָרט — צוויי יונגע לייט און אַ דריטער, ניט אַף אַ סאַך יינגער פון אווראָמען. זיי זיינען געקומען פון דניעפּראָפּעטראָווסק העלפן איינשטעלן אויטאָמאַטישע קאָנטראָל' און מעסט־מאַכשירים אַפן זאַוואָד „איליטש". איינער פון די באָכערים האָט זיך געפּאַרקעט באַם טעלעוויזאָר, געדרייט די הענטלעך, נאָר אָן אַ פּולע. די קאַדרען זיינען גע־לאָפן, ס'האָט געכריפּעט, געטראַסקעט. ווען ס'איז געווען דער קלאַנג, האָט ניט געלויכטן דער עקראַן, ווען עס האָט געלויכטן דער עקראַן, איז ניט געווען דער קלאַנג. עס האָט נאָר טרומייטערט אין צימער די ראַדיאָ. „מאַיאַק" האָט טראַנסלירט אַ פוטבאָל־מאַטש. אָבער וואָס איז „מאַיאַק", אויב מע דאַרף ניט נאָר הערן, נאָר אויך און דעריקער, זען, וואָס עס קומט פאָר אַפן סטאַדיאָן. עס האָט אָנגעהויבן אייסעקן זיך דער אַנדערער כעוורעמאַן, נאָך אים דער עלטערער מענטש און נאָך יענעם איז געקומען אווראָמס ריי. דאַפקע בא אים איז אוועק אַ גאַנג. דער עקראַן האָט גענומען בלינצלען און ס'האָט אויך גענומען ריידן. „איי פּאַפּאַשאַ, קאַקאָי טי מאָלאָדיעץ!" — האָבן אים אַלע דריי אַרומגעכאַפּט און ער זיי. מע האָט אים אוועקגעזעצט אין צענטער אַנטקעגן עקראַן. אַ פּאָר מינוט האָט ער געקוקט, דערנאָך געלייגט זיך שלאָפן און איינגעדרעמלט. אָבער די אויסגעשרייען פון טעלעקאָמענטאַטאָר צוזאַ־מען מיט די געשרייען פונעם דרייליינג, וואָס איז געזעסן באַם טעלעוויזאָר, האָבן אים איינגיכן אופגעוועקט. איצט איז דער איינציקער פּאַרלאַנג זיינער געווען, אַז דער טעלעוויזאָר זאָל קאַליע ווערן. „מע דאַרף דאָך צו אַזעלכס זיך דערטראַכטן, — האָט ער אָן אופגעבראַכטער געקלערט, — אוועקשטעלן אין יעדן צימער אַ טעלעוויזאָר, קאַרג איז איין טעלעוויזאָר אין וועסטיביול, אַזוי ווי עס איז אין האָטעל „זאָלאָטאָי פּעסאָק"? ציי עפּשער איז דאָרט שוין אויך אַזוי, ווי דאָ, אין „סטראָזשטעלי?" מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. אַ מעכייעדיקע שטילקייט האָט געגלעט ניט נאָר די אויערן, נאָר אַלע גלידער, אַרומגענומען, ווי מיט אַ וואַרעמען קאָמפּרעס. אווראָם האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון געלעגער אַ קוק צו טאָן און דערוויסן זיך די סיבע פון דער

שטילקייט. איינער פון די באַכערים האָט ווידער זיך געפּאַרקעט באַם טעלעוויזאָר, די קאַדרען זײַנען געשפּרונגען, דער קלאַנג איז פאַרפאַלן געוואָרן.

— שלאָפסט ניט, אַטיעץ, — האָט דער באַכער, דערזעענדיק אווראָמען אַ האַלבזיצנדיקן אַפן בעט, דערפרייט זיך. — קום, העלף אַרויס, — ביסט דאָך אַ מײַסטער!

— וואָס פאַר אַ מײַסטער בין איך? — האָט אווראָם אַ קנייטש זיך געגעבן. — איך קאָן נאָר מאַכן ערגער.

— וואָס קאָן שוין זײַן ערגער? אַז מע זעט גאָרניט און מע הערט גאָרניט. קאַליע געוואָרן אין סאַמע אינטערעסאַנטן מאָמענט.

אווראָם האָט זיך אופגעהויבן און גענומען דרייען די הענטלעך, קוועטשן די קנאָפּקעס. ער איז געקראָכן אין טעלעוויזאָרס געדערים דורכן הינטערשטן ווענטל, דאָרטן אויך עפּעס געצופּט, גערדריקט, — נאָר איצטיקס מאָל האָט דאָס מאַזל ניט געשפּילט, וויפל ער האָט ניט אַרודעוועט, האָט ניט געהאָלפן.

— קומט אין שכײנעסדיקן צימער, צו די מיידלעך, זיי קוקן אויך, — איז געפאַלן אַפן געדאַנק דער עלטערער פונעם דרײַלינג, דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן, און אַלע דרײַ זײַנען אוועק.

איצט איז אין צימער שוין געווען גאָר שטיל, נאָר אײַנשלאָפן האָט אווראָם ניט געקענט. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט ער זיך אָנגעטאָן און אַרויס אין דרויסן. ער האָט געלאָזט זיך גיין איבער דער ברייטער אײַנגעשטילטער גאַס, פאַרבײַ דער פּאַטשט מיט די צוויי רייען טעלעפאָן־בודקעס פון ביידע זײַטן באַם אַרײַנגאַנג. אַראָפּ איבער די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן פון דער באַרגיקער טייל שטאָט צו די סלאָבאָדקע־געסלעך און צום טײַך, האָט ער פאַרקערעוועט אינעם צווייטן סלאָבאָדקע־געסל, ווו שיינדל האָט אַמאָל געווינט און וווהין ער פלעגט אַזוי אָפט גיין צוגאַסט. דאָס קליינע שטיבל מיטן פּאַליסאַדניק איז געווען אײַנגעטונקט אין פרילינגדיקן צוויט, פרישע, דופטיקע רייכעס, אָנגעזאַפּטע מיט באַגינענדיקער זון, האָבן געצוווּנגען עטעמען טיפער. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע לעבן שטיבל, און אַזוי ווי ער וואָלט שוין געהאַט אָפּגענומען אַ לעבעדיקן גרוס פון שיינדלען, איז ער מיט גיכערע טריט אוועק צום פּראָספּעקט, וואָס ציט זיך לענגויס דעם טײַך־ברעג און די בערג, וועלכע קייטלען זיך און הייבן זיך אַרויף־צו. אייניקע באַרג־שפּיצן זײַנען גאָר הויכע. צווישן די דאָזיקע בערג, אַף די פלאַכע פּלעצער, האָבן זייער באַקוועם און מאַלעריש־שיין אײַנגעפונדעוועט זיך אַ האַלב צענדליק סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־הײַזער. צו יעדער סאַנאַטאָריע און אָפּרו־הויז זײַנען דורכגעהאַקט אַ סאַך טרעפּ, דורכגעלייגט פּילצאָליקע שטעגעלעך, וואָס פירן צו פאַרשיידנשטאָקיקע קאָרפּוסן.

באַ די טרעפּ פון סאַנאַטאָריע „יאַקאָר" שטייען צוויי ווײַסע שטיינערנע לייבן, וואָס זעען אויס זייער גוטמוטיק, קיין שום אַנדײַט אַף בייזקײַט און רעציכע. לעבן די לייבן זײַנען אויסגעשטעלט בענק, און די כּײַעס לאַדן אַזוי ווי פרײַנטלעך אײַן די פאַרבײַגייער אוועקזעצן זיך אָפּרוען. אווראָם האָט זיך אוועקגעזעצט אַף אַ באַנק און געדולדיק גענומען וואַרטן, ווען מע וועט קאָנען אַרײַנגיין אין קאַנטאָר זיך אָנפרעגן, אין וועלכער פּאַלאַטע עס וווינט שיינדל קאָזשדאַן. ער איז געזעסן אַזוי לאַנג, ביז די זון האָט שוין גאַנץ הויך אַרויסגעקײַקלט זיך אַפן הימל און גענומען פּײַן אונטערבראָטן. גרעסערע און קלענערע גרופּקעס מענטשן, מיט האַנטעכער, אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, זײַנען געגאַנגען באָדן זיך, אייניקע האָבן פון טײַך זיך שוין אומגעקערט. אווראָם האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פּנעמער. האַרט, לענגויס דעם טײַך־ברעג, איז דורכגעלייגט אַן אײַזנבאַן־ליניע, וועלכע פירט פון דער שטאָטישער סטאַנציע צום האַפן. דער פליאַזש איז אָפּגעצאַמט פון דער ליניע מיט ניט קיין הויכע בעטאָנענע פּליטעס, וועלכע דער אוילעם קאָראַרטניקעס קריכט אַריבער, קעדיי ניט אופהייבן זיך אַף דער בריק איבער דער אײַזנבאַן. אָט זײַנען דרײַ פרויען, אין העלע סאַראַפאַנען, מיט בלימלדיקע טיכלעך אַף די קעפּ, אַריבערגעקראָכן די צוים. אווראָם האָט אָפּגעווענדט אַף אַ ווײַלע די אויגן, ווי פון אַ צו העלער ליכטיקײַט. אין איינער פון די דרײַ פרויען האָט ער דערקענט שיינדלען. דאָס איז געווען זי, אָן סאָפּעק זי!

אינעם סאַראַפאַן, אינעם בונטן טיכל אַפן קאָפּ, אין די ווײַסע פאַנטאָפּעלעך אַף די באָרוועסע פיס האָט זי זיך אים אויסגעוויזן גאָר אַזוי ווי אַמאָל, ווען זיי פלעגן ביידע גיין זיך באָדן אין טײַך. ס'איז געווען איר טראָט, איר פלינקײַט, בייסן אַריבערקריכן די צוים — עמעס, דאָן איז די צוים געווען אַ העכערע, פון הילצערנע ברעטער, ניט פון בעטאָנענע פּליטעס. אַ פרישקײַט, אַ זוניקע שטראַליקײַט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַפן פּאָנעם, און ווי מיטן העלסטן פּראָזשעקטאָר אויסגעליכטיקט אירע מילדע שטריכן, וועלכע זײַנען אים באַקענט געווען פון מיט יאָרן צוריק. גייענדיק איבער די רעלסן צוזאַמען מיט נאָך צוויי

פרויען, האָט זי זיך דורכגערעדט מיט זיי און ס'האָט זיך צו אים דערטראָגן איר געלעכטער. שיינדעלעס הארציקער געלעכטער — ניט אזא קלינגענדיקער, ווי פריִער, אָבער אירער, אירער! ער האָט געהערט, ווי זי האָט א זאָג געטאָן איר באליבטן ווערטל: Это ужасно интересно „דאָס איז געפערלעך אינטערעסאַנט". ער האָט געוואָלט אופהייבן זיך, לויפן אנטקעגן און געבליבן זיצן א צוגעשמידטער צו דער באנק. זי איז דורכגעגאנגען פארביי אים, ער האָט דערפילט אפן פּאָנעם דאָס ווינטל פונעם פאָכענדיקן פּייכטן האנטעך אף איר אקסל. אים איז געוואָרן הייס. דאָס הארץ האָט געקלאַפּט ארויסצופאלן, ווי בא א פארליבטן באָכער'ל.

— שיינדל, — האָט ער ארויסגעשעפּטשעט.

זי האָט זיך ניט אָפּגערופן, ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געגאנגען זיך ווײַטער. זי האָט ניט דערהערט. איינע פון די צוויי פרויען, וואָס זיַינען געווען מיט איר, האָט יאָ זיך אומגע־קוקט, מיינענדיק, אז דאָס ווענדט מען זיך צו איר. זי האָט א וואָרף געטאָן אף אים א בליק און די אויגן גלײַך אָפּגעווענדט. אווראָם האָט ראַשיק זיך אופגעהויבן פון דער באנק און שוין העכער א רוף געטאָן:

— שיינדל!

אזוי ווי מע וואָלט געגעבן פון הינטן א שטארקן שטויס, האָט זי שאַרף, מיטן גאנצן קערפּער געגעבן א קערעווע אויס זיך צו אים און געבליבן שטיין מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אנטקעגן אים. א ווײַלע האָבןביידע ניט געוווּסט, וואָס זיי האָבן ווײַטער צו טאָן, דערנאָך האָט מען זיך ארומגענומען און מע האָט זיך צעקושט.

שיינדלס כאַווערטעס זיַינען אָפּגעגאנגען אין א זײַט און האָבן געקוקט אף דער אומגע־ריכטער באגעגעניש. שיינדל האָט א פּאָכע געטאָן צו זיי מיטן האנטעך — ס'הייסט, וואַרט ניט, טײַערע, אף מיר, איך וועל זיך פאַרהאַלטן.

אווראָם און שיינדל זיַינען אוועק איבער דער אלייע, וואָס ציט זיך פּאַזע דעם אײַזנ־באַן־וועג.

— ווען ביסטו געקומען צו פאָרן? — האָט שיינדל געפרעגט.

— נעכטן.

— האָסט זיך אָפּגעשטעלט אין „זאָלאָטאָי פּעסאָק"?

— ניין, דאָס מאָל אין „סטראָזעל". פונוואַנען ווייסטו, אז איך פאַרפאָר אין „פּעסאָק"?

— איך ווייס א סאַך זאַכן וועגן דיר, טין באַריסאָוויטש האָט מיר דערציילט.

— יאָ, ער האָט מיר אָנגעשריבן, אז ער האָט דיך באגעגנט. אָבער דו אליין האָסט דאָך מיר געקאָנט אָנשרײַבן.

— אזוי איז אויך גוט. אבי מיר זעען זיך. כ'האָב געוווּסט, אז דו וועסט קומען, און כ'האָב געוואַרט.

ער האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פון איר און וואָס מער ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין איר, אלץ ווינציקער האָט ער דערקענט די פריִערדיקע שיינדעלע. וואָודע האָט זי זיך געענדערט, ווי קאָן דען זײַן אנדערש? ער האָט אין איר געזוכט די אמאָליקע שטריכן, אָבער זי איז אים געווען געפעלן אויך אזא, ווי זי איז איצט. שיין איז די יוגנט, אויך שיין איז די רײַפקייט און שיין איז אפילע די צײַט פון אָנהייב וועלקונג. מיט דער רײַכקייט פון פארבן, מיטן צוויבער פון רייכעס טרעט דאָך דער הארבסט ניט אָפּ פונעם פרילינג. אן אויסגערוטע, אן אָקאַרשט־אויסגעבאָדענע אין טײַך, א באַלויכטענע פון די פרימאָרגנדיקע זון־שטראַלן, וואָס האָבן געצערטלט איר געזיכט און ארײַנגעשײַנט אין די פינקלענדיקע בלויע אויגן, איז שיינדל געווען פּערעכטיק.

— גענוג צו קוקן אף מיר! — האָט זי זיך צעלאַכט. — קום!

— וווּהין „קום"? כ'וועל דאָ אויסוואַרטן אף דיר. גיי עס אָפּ פרישטיק. ס'איז דאָך בא אײַך איצט די פרישטיק־צײַט.

— און דו?

— איך האָב שוין געגעסן.

— אזוי פרי עסטו?

— איך עס אפילע טיף־נאַכט... אין כאָלעם, — האָט ער זיך א כאָכמע געטאָן. — גיי, וועסט פארשפּעטיקן.

— ניין, כ'וויל, אז מיר זאָלן אָפּעסן צוזאמען. קום מיט מיר! — האָט זי אים גערופן.

— צוזאמען וועלן מיר עסן מיטיק אין רעסטאָראַן „סטראָזעל". אן אויסגעצייכנטער רעסטאָראַן, אויסגעצייכנטע אַפּיטיזאַנטקעס.

— קוקסט זיך נאָך צו צו די אַפּיטיזאַנטקעס?

— פאַרוואָס ניט? ווען איך קום אַהער, אין אונדזער פּעסקאָוועץ, ווער איך יונג, און איצטיקס מאָל דוכט מיר...

— אַז דו ביסט נאָך גאָר אַ באָכערל...

— אַ באָכערל — אַ פּענסיאָנער! — האָט ער אונטערגעזאָגט.

זיי האָבן ביידע געלאַכט. גרינג און האַסטיק האָט זי גענומען אופהייבן זיך אַף די טרעפּ, וואָס פירן צו דער סטאַלאָווע. אַפן פּערטן צי פינפטן טרעפּל האָט זי זיך אומגעקוקט צו אים, אַ זאָג געטאָן „נאָר אַף צען מינוט", און איז איינגיכן פאַרשוווּנדן פון אויג, פאַרקערעוועט אַף אַ שטעגל, אָן אַרומגעוויקלטס מיט גרינס.

אוראָם האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט אַף דער באַנק לעבן די לייבן, געקוקט אַ צעשטריי־טער אַף די מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען איבער די רעלסן פון טײַך און צום טײַך, ער האָט נאָכגעשפּירט מיט די אויגן אַ לאַנגן עשעלאָן מיט פּראַכט־וואַגאָנעס, וואָס האָט אַף אַ היפּשער ווײַלע פאַרשטעלט דעם אוילעם דעם וועג און ניט געלאָזט גיין איבער די ליניעס.

„אין לעבן טרעפט אַלץ", — האָט אוראָם געקלערט — מיט צוויי וואָכן צוריק האָט ער אפילע ניט געטראַכט וועגן זײַן אַמאָליקער שיינדלען, ניט דערמאָנט זיך אין איר. ס'איז דאָך דורך אַזויפיל יאָרן, זינט זיי האָבן זיך צעשיידט. נאָר די ערשטע צײַט איז זי אָפט, זייער אָפט געקומען אים אַפן זינען, דערנאָך זעלטענער, זעלטענער. איצט זיצט ער אָן אופגערודערטער און עפּשער מיט נאָך מער אומגעדולד, איידער אַמאָל, ווען ער האָט אײַנאָוונט געצײַלט אַף אַ באַגעגעניש מיט שיינדלען, וואַרט ער, קוקט ער אום זיך אַלע ווײַלע, צי זי גייט שוין, צי זי לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ...

זי איז געקומען אָן איבערגעטאָנענע אין אַ העל־בלוי קרעפּדעשינענע קלייד, מיט אַ בײַטשל יאַנטאַר־קרעלן אַפן האַלדז, אין לאַקירטע טופליעס. זי האָט, דוכט זיך, אויך אפילע באַוויזן איבערבײַטן די אויררינגלעך.

— איך בין אַף דער עלטער געוואָרן אַ מאָדניצע, — האָט זי געזאָגט.

— ביסט דאָך גאָר אַ קראַסאַוויצע, — איז ער געווען אַנציקט פון איר אויסזען.

— האָסט זיך אויסגעלערנט צו זאָגן קאָמפּלימענטן, — זי האָט עס אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ טאָן, אַז ס'איז קענטיק געווען: דער קאָמפּלימענט איז איר צום האַרצן.

זיי האָבן געלאָזט זיך גיין איבערן פּראָספּעקט, אין דער ריכטונג צו דער אַרופּבאַרגיקער טייל פון שטאָט, ווו עס איז אַמאָל געווען דער שטאָטישער צענטער, און איצט ווייסט מען ניט, ווו איז מער צענטער — דאָרטן, צי דאָ, אין דער געוועזענער סלאָבאָדקע, באַם ברעג טײַך, ווו עס איז אופגעקומען אַ גרויסער ווינונגס־מאַסיוו און ס'לעבט עפּשער צוויי דריטל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. דער אַלטער צענטער האָט זיך אויך באַנײַט, איין מויער אָן אַלטער, דער אַנדערער אַ נײַער. די נײַע בלאָקשנע מויערן שפּרייטן זיך דעמאָקראַ־טיש מיט זייערע גרינגע באַלקאָנען און פלאַכע דעכער באַנאַנד מיט די אַלטע סאָלידע שטיינערנע ביניאָנים מיט קאָלאָנעס, מיט אָרנאַמענטן, אייניקע אפילע מיט סקולפּטורן באַם אַרײַנגאַנג, דערפאַר אָבער זײַנען באַלקאָנען און לאַדזשיעס אין די אַלטע מויערן פאַראַן בלויז אין געציילטע דירעס.

אין אַלטן סקווער האָבן דיביימער שוין געהאַט זיך צעגרינט אין זייער פולער פּראַכט, נאָר די דעמבן האָבן נאָך ניט אינגאַנצן זיך אויסגעבלעטערט, זיי עפענען זייער רײַכן פאַר־מעגן שפּעטער, פון אַנדערע מינים ביימער. די אַקאַרשט אויסגעפּיקטע בלעטעלעך אַף די צווײַגן זײַנען געווען דורכזיכטיק, העל־גרין. דער פאָנטאַן מיטן גרויסן באַזילבערטן פיש, וואָס שפּריצט וואַסער ניט נאָר פון'עם צעעפנטן מויל, נאָר אויך פון'עם רוקן און פון'עם עק, האָט געשפּרייט אַרום זיך אָן אָנגענעמע פײַכטלעכע קילקײַט.

— איך בין שוין פּענסיאָנערט, — האָט שיינדל געזאָגט, — לאָמיר זיך אָפּרוען אַביסל.

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן פאָנטאַן, און אוראָם האָט גלײַך אָנגעהויבן:

— דערציי זשע, ווו ביסטו אַהינגעקומען, וואָס מע האָט גאָרניט געהערט פון דיר?

— און ווו ביסטו פאַרשוווּנדן? — האָט זי געפרעגט באַ אים דאָס זעלבע.

— כ'וויל, אַז דו זאָלסט דערציילן פריער. — האָט ער זיך אָפּגערופן. — באַ מיר איז, מיסטאַמע, פּראָסטער, אַזוי ווי באַ אַלעמען.

— וואָס הייסט — „ווי באַ אַלעמען"?

— דאָס הייסט — אָפּגעמילכאָמעוועט פון פּעסקאָוועץ ביז דײַטשלאַנד, געווען פאַרוווּנ־דעט, געלעגן אין שפּיטאָלן, דעמאָביליזירט זיך, געקומען אַהער, אין אונדזער שטאָט, נאָכ־געפרעגט זיך וועגן די אייגענע, וועגן דיר. די טעג, וואָס איך בין דאָן דאָ געווען, זײַנען געווען פאַר מיר שווערערע, ווי די יאָרן אַפן פראָנט. איך בין אוועק פונדאַנען, קעדײַ קיינ־

מאָל מער אהער זיך ניט אומקערן, אָבער וויאַזוי קאָן מען ניט קומען אַף קייווער־אָוועס? קום איך. פריִער בין איך געפאָרן יעדן יאָר, איצט פאַר איך זעלטענער.

שיינדל האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד, צו די פּײַכט־גלאַנצנדיקע גרעזעלעך, וואָס האָבן געציטערט, באַוועגטע דורך די שפּריצן וואַסער, וואָס דערגרייכן צו זיי פונעם פאָנטאַן.

— באַ מיר איז אויך אַלץ געווען פּראָסט, — האָט זי זיך אָפּגערופן. — עס האָט מיך אָפּגעגליקט. איך בין אוועקגעפאָרן פונדאַנען, איידער די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. איך האָב אַ שטוב אַף דער סטאַנציע קאַראַזימסקאַיאַ. האָסט מיסטאָמע פון אַזאַ יִישעוו אפילע ניט געהערט. ס'איז הינטער טשיטאַ. איך האָב כאַסענע געהאַט. דער מאַן איז געווען אַן אײַזנבאַנער, אַ ווילער מענטש. איך האָב מיט אים אָפּגעלעבט צוויי צענדליק יאָר. איצט איז שוין קימאַט צען יאָר, ווי ער איז געשטאָרבן.

— טין האָט געשריבן, אַז דו האָסט אַ טאָכטער.

— יאָ, איך האָב אַ טאָכטער. נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט, האָט מען זי געשיקט אהער. וועסט זי זען. זונטיק וועט זי זײַן באַ מיר. זי אַרבעט שוין דאָ קימאַט אַ יאָר.

— אַף קייווער־אָוועס ביסטו שוין געווען? — האָט אווראָם שטיל געפרעגט.

— ניין נאָך. — האָט זי געענטפערט. — ס'איז שווער פון דער גרוב אומקערן זיך אין סאַנאַטאָריע, צו דער פריילעכקייט, צו די גוזאַנגען, צום גאָלדענעם פּליאַזש. איך וועל גיין צום סאָף, פאַרן אוועקפאָרן.

— מיר וועלן גיין צוזאַמען.

— יאָ, צוזאַמען... — האָט זי געזאָגט. — כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען.

— פאַרוואָס האָסטו, פונדעסטוועגן, מיר ניט אָנגעשריבן קיין בריוו, ווען דו האָסט זיך דערוווּסט, אַז איך לעב און אַז איך האָב אַן אַדרעס?

— אַזוי איז אויך גוט, — איז געווען איר ענטפער. — כ'האָב געוואָרט.

— גאַנצע צוויי וואָכן, וואָס דו ביסט דאָ אין סאַנאַטאָריע?

— פאַרוואָס נאָר צוויי וואָכן? מײַן מאַן איז געווען זייער אַ גוטער מענטש, נאָר גליקלעך בין איך מיט אים ניט געווען. עפּשער האָב איך יאָרן געוואַרט... זינט מיר האָבן זיך אין יענעם אָוונט צעשיידט...

— אַף מיר האָסטו געוואַרט? אַף מיר? — איז אווראָם, ווי אַ ייִנגל, געווען באַגײַסטערט. אים האָט זיך זייער געוואָלט, אַז זי זאָל דאָס איבערכאַזערן נאָכאַמאָל, זי האָט מיט איר האַנט אַ פיר געטאָן איבער די גרויע האָר זײַנע און זיי צעשויבערט.

— אַף וועמען זשע דען, נאַרעלע, אויב ניט אַף דיר?.. אָבער גענוג שוין צו זיצן, — זי האָט זיך אופגעהויבן פון דער באַנק. — קום!

אַף מאָרגן און אין די איבעריקע טעג איז ער יעדן אינדערפרי געקומען אַף „איר" פּליאַזש, און מע האָט זיך געלאָזט ווילגיין — געבאָדן זיך, געסמאַליעט זיך אַף דער זון. פונויבן בריט די זון, פונונטן בריט דאָס זאַמד.

פון האָטעל „סטראַזיטעל" האָט אווראָם זיך אַריבערגעקליבן אַף דער טורבאַזע „סאָקאָל", וואָס געפינט זיך באַם ברעג טײַך, אַ פּאָר הונדערט טריט פון שיינדלס סאַנאַטאָרי, און יעדן פרימאָרגן איז ער געקומען צום טײַך. דער פּליאַזש איז אַזוי ווי אַ קאָמונאַלע דירע, דאָ און דאָרט אָפּגעצוימט מיט ווענטלעך, אַף איין ווענטל איז מיט פאַרביקע אויסיעס אָנגעשריבן „סאַנאַטאָרי שאַכטיאָר", אַפן אַנדערן „סאַנאַטאָרי מעטאַלורג", אַפן דריטן — „אָפּרו־הויז מעדיק", אַפן פערטן „אָפּרו־הויז קולטראַבאָטניק". פאַראַן אַ ווענטל מיט אַן אופשריפט פון איין זײַט „דליאַ פּענסיאָנעראָוו" און פון דער אַנדערער זײַט „דליאַ פּיאָנעראָוו". די מעכיצעס זײַנען ניט קיין פעסטע, ניט קיין שטרענגע. די פּיאָנערן קריכן אַריבער צו די פּענסיאָנערן און די שאַכטיאָרן מיט די מעטאַלורגן צו די מעדשוועסטער און ביבליאָטעקערשעס.

גאַנצפרי נעמט אווראָם צוויי באַנק־בעטלעך, לייגט אוועק אַף איין בעטל אַ האַנטעך, אַפן צווייטן — אַ צײַטונג, און ער מיט שיינדלען זײַנען שוין באַזאָרגט מיט אַ זיכערן פּלאַץ אַפן גאַנצן טאָג. אינאָוונט קומט זי צו אים אַף דער טורבאַזע. אין די פרימאָרגנדיקע און באַטאָגיקע שאָען איז אַף דער באַזע שטיל, די טוריסטן פאָרן אוועק אַף עקסקורסיעס, דער־פאַר איז אין די אָוונטן די טורבאַזע דאָס פריילעכסטע, טומלדיקסטע אָרט אַפן גאַנצן ברעג. מע טאַנצט אין דרויסן אַף דער וועראַנדע, מע טאַנצט אין רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך בײַשכיי־נעס, מע טאַנצט אין די צימערן פון די ווינ־קאָרפּוסן. די פענצטער זײַנען צעעפנט, און פון אומעטום פלייצט מוזיק.

אווראַם, אַן אויסגעקליידעטער אין זײַן קימאַט נײַעם בעגעד און קימאַט נײַע טופל, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, איז אַ נײַ שנײַ־ווײַס העמד מיט אַ מאָדערנעם ברייטן שניפּס, און שיינדל, אין אַן עלעגאַנט זײַדן אָוונט־קלייד, טאַנצן באַנאַנד מיט פיל אַנדערע פּאָרלעך — יונגע און עלטערע. אווראַם און שיינדל זײַנען אַפן „פּיאַטאַטשאָק" די סאַמע באַיאַרטע. אָנגעטאַנצט זיך, מידע, גייען זיי אַרײַן אין לאָקאַל, וווּ ס'איז באַטאָג אַ סטאָלאָווע פאַר די טוריסטן און אינאָווונט — אַ רעסטאָראַן. אַן אופגערודערטער, פילנדיק זיך יינגער לעכאַלאַפּאַכעס אַף צוואַנציק יאָר, באַגלייט דערנאָך אווראַם שיינדלען ביז די לייבן פון איר סאַנאַטאָרי, מע קושט זיך בייסן געזעגענען זיך, דערנאָך שטייט ער אונטערן לאַמטערן און קוקט, ווי זי הייבט זיך אויף אַף די טרעפּ. ער וואַרט, זי זאָל אויסדרייען דעם קאָפּ און אַ פּאַכע טאָן צו אים מיט דער האַנט. זי דרייט אויס דעם קאָפּ, פּאָכעט מיט דער האַנט, און ער איז גליקלעך.

אווראַם ווונדערט זיך אַף זיך אַליין. אַ מענטש אַריבער די זעכציק, אַ טאַטע פון קינדער, וואָס זײַנען שוין לאַנג טאַטעס און מאַמעס, אַ זיידע מיט אייניקלעך, און נאָ דיר גאָר — אַזוי פאַרלאָרן דעם קאָפּ! ער איז פאַרליבט! די צײַט, וואָס ער זעט ניט שיינדלען, די שאָען, ווען זיי זײַנען צעשיידט, ציִען זיך אַזוי לאַנג, ס'איז אים דאַן אַזוי אומעטיק, ער פילט זיך אַזוי איינזאַם. ער פרעגט בא שיינדלען: האָסט מיך טאַקע ליב? האָסט מיך נאָך אַלץ ליב? ער ווונדערט זיך, און פרייט זיך, און איז גליקלעך פונעם גרויסן נעס, וואָס איז געשען. ער טוט זיך איצט אָן אַלץ אָפּטער דעם פאַרגעניגן צו קויפן אַ מאַטאָנע שיינדלען.

שוין דאָס צווייטע מאָל איז אים אויסגעקומען צו קלינגען אין טעלעפאָן און בעטן בא די קינדער, מע זאָל אים אַרויסשיקן מאַמטאַקים. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געבעטן באַם עלטערן זון, גרישען, און יענער האָט אַרויסגעשיקט אַ העלפט פון דער סומע, וואָס דער טאַטע האָט געפאָדערט. איצט האָט אווראַם געקלונגען צום מיטלסטן זון, יעפימען. יעפים איז אַ גרויסער האַרעפּאַשניק, אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר, ער קריגט אָפט זייער פײַנע פּרעמיעס, און אין אַ רובל איז ער ניט זשעדנע. די פרוי זײַנע, רופאַ, איז אַ צושנײַדערן אין אַן ערשטקלאַסישער אַטעליע, און אַ איבעריק צענערל זעט זי אויך ניט נאָר אין כאַלעם. דאָס איינציקע קינד, איגאָריאָק, האָט אַזויפיל שפּילעכלעך, אַז ס'וואָלט געסטײַעט פאַר אַ גאַנצן קינדערגאָרטן. דערפאַר האָט אווראַם געקלונגען צו יעפימען מיט אַ גרינג האַרץ, וויסנדיק, אַז אַרויסשיקן אַ הונדערטער וועט יענעם ניט זײַן שווער. פון די דרײַ זין און פון דער טאָכטער איז יעפים דער פאַרמעגלעכסטער. אָבער ווי הייך און וויפל מאָל אווראַם האָט ניט איבערגעכאַזערט אין טרײַבל זײַן ביטע, האָט יעפים ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דער טאַטע וויל פון אים.

— הונדערט רובל? וואָס פאַרא הונדערט רובל? צוליב וואָס דאַרפסטו אַזויפיל געלט? — האָט יעפים ניט באַנומען.

דער טעלעפאָן־אויטאָמאַט האָט דערוויַל געשלונגען די גילדנס, און דער טאַטע מיטן זון האָבן אַלץ ניט געקאָנט זיך דערריידן. צוהילף איז געקומען רופאַ.

— אַבראַם לוואָוויטש, — האָט זי איבערגענומען בא יעפימען דאָס טרײַבל, — מיר האָבן זיך שוין אַזוי פאַרבענקט נאָך אײַך. איגאָריאָק האַלט אין איין פרעגן, ווען וועט קומען דער זיידע. מיר וועלן אײַך אַרויסשיקן אַף אַ בילעט.

— איך קום נאָך ניט צו פאָרן! — האָט אווראַם אַ הייזעריקער געשריִען. — איך וועל דאָ נאָך אַ ביסל פאַרברענגען. איך דאַרף געלט!

— אַף אַ בילעט? — האָט רופאַ ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט.

אַזוי טאַקע האָט מען דורכן טעלעפאָן זיך ניט דערעדט, און אווראַם האָט געקלאַפּט אַ דעפּעשע. אַ שטרענגע און קאַטעגאָרישע.

שיינדלען האָט ער געזאָגט:

— אַ שאָד, פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך דאָס שפּאָר־ביכעלע.

— כ'וועל דיר אַלציינס מער ניט לאָזן אויסגעבן אַף מיר אַפילע אַ קאָפּקע. אַזאַ אויסברענגער! — האָט זי געלאַכט.

דאָס ווערטל, אַז דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע, איז אַוודע זייער אַ ריכטיקס, און קיינער האָט עס נאָך ביז איצט ניט אָפּגעפרעגט, אָבער ניט אַף אַלע צווײַגן זײַנען די פּיירעס אַלציינס שיין און באַטאַמט, פאַראַן בעסערע, פאַראַן ערגערע. אווראַמס זאַלקינדס זין — גרישע, יעפים, וועלי, און די טאָכטער ליובע האָבן געיאַרשנט באַם טאַטן איין גרונט־שטריך, מיסטאָמע דעם בעסטן פון אַלע שטריכן אין אַ מענטשישן כאַראַקטער. אַלע זײַנען זיי זייער אַרבעטזאַמע, און דאָרט, וווּ זיי אַרבעטן, הענגען זייערע פאָטאָגראַפיעס אַף די ערן־טאָוולען. דער מיטלסטער זון, יעפים, איז אַ גענײַטער פאַכמאַן אין דער מאָסקווער

וואַסער־ווירטשאַפט, א ספּעציאַליסט, וואָס מיט זײַן מיינונג רעכנט מען זיך שטאַרק אינעם הידראָלאָגישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. יעפּים האָט געאַרשנט אַלע גוטע מײַלעס פון זײַן טאַטן, נאָר עס האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט, אונטער דער ווירקונג פון זײַן פרוי, רופאַ, א קליינינטשקער כיסאָרן, און עפּשער איז דאָס אַפילע ניט קיין כיסאָרן. ס'איז אָפּהענ־גיק דערפון, ווי מע זאָל אָפ דעם קוקן. ער וויל, אַז בא אים זאָל זײַן אַלץ שענער און בעסער, ווי בא די ברידער און בא דער שוועסטער. זאָל בא זיי אויך זײַן גוט, ער פאַרגינט מיטן גאַנצן האַרצן, נאָר בא אים דאַרף זײַן א האָרעלע בעסער. בעטעווע ניט קיין קאַרגער, איז בא אים אָפּן כעזשבן יעדער רובל, ווײַל שטענדיק שפּאָרט ער צוליב אײַנשאַפן עפּעס א נײַע זאַך, אַזוינס ווי אַזעלעכס. ניט ווילנדיק, דערמאָנט ער זיך אַמאָל וועגן טאַטנס שפּאָר־ביכל, און ער וויל וויסן, צי ס'ליגט דאָרטן עפּעס א גרעסערע סומע.

דאָס, וואָס דער טאַטע האָט גענומען פאָדערן געלט, האָט יעפּימען גאַנץ היפּש אופגע־רודערט. קינדער זײַנען געווינט ניט צו געבן דעם טאַטן, נאָר צו נעמען בא אים. יעפּים האָט באַשלאָסן צונויפרופן די צוויי ברידער און די שוועסטער אָפ א קליינער מישפּאָכע־באַראַטונג.

אַזוי ווי עס דאַרף זײַן בא אים עטוואָס בעסער, ווי בא יענעם, האָט ער געקויפט צוויי פלעשער גוטן ווײַן, און רופאַ איז ספּעציעל געגאַנגען אין רעסטאָראַן „פּראַגאַ" קויפן א טאָרט. וואָס איז די סימכע, האָט זי ניט געוווּסט, נאָר מיטן טאָרט דאַרף זי אויסנעמען. גרישע האָט געבראַכט א פלעשל קאָניאַק. ליובע — א גאַנץ קוישל פלעצעלעך, מאָלע טאָם — די שוויגער האָט אויסגעבאַקן. יעפּים האָט געבעטן קומען אָן די קינדער, נאָר ס'איז דען מעגלעך, אַז גרישע מיט זײַן פרוי נאַטאַשע זאָלן ניט מיטנעמען דאָס זונדל און ליובע איר צווילינגל וואָלאָדיען און אינאָטשקען, וואָס אַז מע גייט מיט זיי אַרויס אין גאַס ווערט ליכטיק דער אין דרויסן, אַזוינע העלע פּענעמלעך איז בא זיי, אַזוינע ליכטיקע קוטשעראַווע הערעלעך, און קומען זיי ערגעץ־ווו אַרײַן, ווערט יאָמטעוו אין שטוב. עמעס, ליובע איז געקומען אָנעם מאַן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט ניט וואָס זיך צו מישן.

צולעצט איז אַראָפּגעקומען דער מיזיניק צווישן די ברידער — וועלי. ער איז א הויכער, העכער אָפ א קאָפּ פון יעפּימען און עפּשער אָפ אַנדערהאַלבן קעפּ העכער פון גרישען. פון פרײַען פרילינג ביז טיפן האַרבסט איז דאָס פּאָנעם באַשאָטן בא אים מיט זומער־שפּרענקלעך. בא פאַרשיידענע מענטשן זעט וועלי אויס אינגאַנצן פאַרשיידן. די שוועגערן זײַנע רופאַ האַלט, אַז ער איז א פּאַרזעעניש, פּאַרקערט, דער שוואָגער, ליובעס מאַן, אַרנאָלד, האַלט פון אים א וועלט, און ער גלייבט, אַז וועלי וועט נאָך זאָגן זײַן וואָגיק וואָרט אין מאַטעמאַטיק.

די ברידער, די שוועסטער ליובע, די שוועגערן רופאַ זײַנען געזעסן באַם געדעקטן טיש און מע האָט באַהאַנדלט דעם אײניען.

— א הונדערטער צי צוויי הונדערטער איז בלאָטע, — האָט געזאָגט יעפּים. — מיר ווייסן נאָר ניט, צוליב וואָס דאַרף ער זיי. עפּעס האָט פּאַסירט.

רופאַס א רעפּליקע:

— מיסטאָמע האָט ער געקויפט א מעציע אָפּן מאַרק.

ליובעס רעפּליקע:

— וואָס פאַרא מעציעס דאַרף ער? ער האָט דאָך אַלץ.

גרישע:

— אָבער וויבאַלד ער בעט...

יעפּים:

— ער בעט ניט, ער פאָדערט.

גרישע:

— איז נאָך בעסער. אַז ער פאָדערט, דאַרף מען שיקן.

— רעדט ניט אַלע מיטאַמאָל. — האָט גענומען ליובע די אָסיפע אין אירע הענט. אָפ דער אַרבעט איז זי א געזעלשאַפטלעכע טוערן, א גרויסע אַקטיוויסטקע, מע קלײַבט זי נאָכא־נאַנד אויס אין פּראָפּפּאַריינישן קאָמיטעט און ס'קומט איר אויס אָפּט צו זײַן פּאָרזיצער פון פאַרזאַמלונגען. זי האָט זיך אופגעהויבן, א קלונג געטאָן מיטן גאָפּל אָנעם פלעשל ווײַן, וואָס איז געשטאַנען אנטקעגן איר, א ווײַלע באַקוקט אַלעמען, אַריבערפירנדיק דעם בליק פון איין פּאָנעם אָפּן צווייטן. — ווער וויל, כאַווײרים, א וואָרט? — האָט זי געפרעגט.

קיינער האָט זיך אַזוי גיך ניט אָפּגערופן, האָט זי אַליין גענומען דאָס וואָרט.

— מיר קענען גוט אונדזער טאַטן. ער איז ניט קיין צעכראַסטעטער, ניט קיין היציקער. איך געדענק ניט און קיינער פון אונדז געדענקט ניט, אַז אין וועג זאָל ער אַמאָל האָבן עפּעס פאַרלאָרן. נאָר איינמאָל, האָט ער דערציילט, זײַענדיק אין וועג, האָט ער איבערגעלאָזט דעם

זייגער אין טואלעט, אָבער ער האָט טייקעף זיך געכאַפּט, אָוועקגעלאָפן און געפונען דעם זייגער אַף אַן אָרט. פון דער מילכאָמע האָט דער טאַטע געבראַכט דעם לעפל, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים... ס'האָט נאָך קיין איין מאָל ניט געטראָפן, אַז ער זאָל, ווען ער פאָרט אין זײַן היימשטאָט בעטן אַרויסשיקן אים געלט. איז לאָמיר אַלע אַ טראַכט טאָן, וואָס אַזוינס האָט געקאָנט פּאַסירן...

— ווי־אַזוי האָט געהייסן אונדזער זיידע? — האָט פּלוצעם זיך דערהערט וועליס קאָל. ער האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, דאָס מויל ניט געעפנט, נאָר געהערט, וואָס מע רעדט, און פון צײַט צו צײַט אָנגעגאָסן זיך אַ קעלישעקל קאָניאַק.

— וואָס הייסט — ווי? — האָט ווי אַף אַ שטומפּיקן שילער אָנגעצילט די אויגן רופֿא. — ער הייסט דאָך אַבראַם לוואָוויטש. קומט אויס, אַז דעם זיידן האָט מען גערופן לעוו.

— לעוו איז לייב, — האָט דערקלערט גרישע.

— און ווי־אַזוי האָט געהייסן זײַן באָבע? — האָט וועלי ווײַטער זיך נאָכגעפרעגט. קיינער האָט ניט געוווּסט, ווי־אַזוי די באָבע האָט געהייסן.

— ווען ס'וואָלט געווען אַזאַ פראַגע אין דער אַנקעטע, וואָלט מען געוווּסט, — האָט געזאָגט יעפים.

— און ווי־אַזוי האָט געהייסן אונדזער מאַמעס מאַמע?

— זיסל.

— זיסל.

— זיסל. די אַלע האָבן געוווּסט דער באָבעס נאָמען פון מאַמעס־צאַד און ס'איז אַלעמען פּרײַלעכער געוואָרן, וואָס מע ווייסט כאָטשבי, ווי־אַזוי ס'האָט געהייסן איין באָבע.

— איך האָב געפרעגט דערפאַר די נעמען פון אונדזערע זיידעס און באָבעס, — האָט דערקלערט וועלי, — ווײַל כ'האָב איצט, זיצנדיק צוזאַמען באַם טיש, זיך דערמאָנט, אַז כ'ווייס ניט די נעמען פון אונדזערע עלטערנס עלטערן. זיי זײַנען דאָך אַלע אומגעקומען אין דער גרוב. זיי זײַנען קדושים, מיסטאָמע שטעלט דער טאַטע אַ דענקמאָל.

— אַף דער גרוב איז שוין פאַראַן אַ דענקמאָל, — האָט זיך אָפּגערופן יעפים.

— פונוואַנען ווייסטו?

— אַזויפיל יאָר איז דורך, און ס'זאָל ניט זײַן קיין דענקמאָל?

— אינדיווידועל שטעלט מען ניט אַף ברודער־קוואָרים קיין דענקמאָל, — האָט באַמערקט ליובע.

און איך מיין גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש. — רופֿא האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַ לאַך געטאָן. — איך מיין, אַז דער טאַטע האָט זיך פאַרליבט.

— רייד ניט קיין נאַרישקײַטן, — ליובע האָט אַף איר שטרענג אַ קוק געטאָן.

— ער האָט אַליין געזאָגט, — האָט רופֿא ניט אופגעהערט צו זשמורען די אויגן און קוויקן זיך פון איר האַשאָרע. — ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט צו זײַן קאַלע. דו אַליין, ליובע, ביסט אַן איידעס. אין טשעמאָדאַן האָט ער אַרײַנגעלייגט זײַן אָנצוג, וועלכן ער נעמט קיינמאָל ניט מיט זיך, די נײַע טופל, ספּעציעל געקויפט אויבערהעמדער...

— ס'איז גוט, וואָס מע פירט ניט קיין פּראָטאָקאָל, אַניט וואָלט געווען אַ ביזאָיען. — ליובע האָט ווידער אַ קלונג געטאָן מיטן גאָפּל אינעם פלעשל. — פונעם געזאָגטן און געהערטן דרינגט לאָגיש אַרויס אַזאַ פאָרשלאָג: עמעצער פון אונדז דאַרף צופאָרן קיין פּעסקאָוועץ און אַפן אָרט זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען. דעם, וואָס וועט פאָרן, — האָט ליובע פאַר־געזעצט אין איר נוסעך פון אַ געניטער פאַרזיצערן, — לאָמיר מיטגעבן פאַרן טאַטן אַ בריוו, און אַלע זאָלן זיך אונטערשרײַבן...

— ניט נאָר מיר זאָלן זיך אונטערשרײַבן, אויך די אייניקלעך, — האָט צוגעגעבן רופֿא. — דאָס וועט אים דערמאָנען, ווו ער האַלט... מע קאָן אָנשרײַבן, אַז אַן אייניקל איז קראַנק געוואָרן...

— ווער וועט פאָרן? — האָט ליובע געפרעגט. — באַ אונדז אין אינסטיטוט קומען איצט פאַר די וואַלן, מע גרייט זיך צו דער פּראָפאַריינישער קאָנפערענץ, און איך בין אַ דעלעגאַט.

— און באַ מיר איז ערשט אורלויב אין האַרבסט. — האָט מיטגעטיילט גרישע.

— יעפים קאָן ניט פאָרן, — האָט פאַר יעפימען געזאָגט רופֿא. — מיר האָבן פּוטיאָווקעס קיין סאָטשי.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז פאָרן דאַרף וועלי. ער, און ניט קיין אַנדערער. צוליב אַ סאַך טײַמים. פּאַריקס יאָר האָט ער געהאַט אורלויב ווינטער־צײַט, קומט אים הײַנטיקס יאָר אורלויב זומער. און ביכלאַל איז אים גרינגער אופהייבן זיך און פאָרן — ער איז ניט קיין כאַסענע־געהאַטער, אַ פרײַער פויגל, אין שטוב וואַרט קיינער ניט אַף אים. כאָטש דעם אַלעמען,

איז װעלי דעם טאַטנס ליבלינג. װעגן דעם האָט מען איצט, באַם טיש, ניט דערמאָנט, נאָר מע האָט דאָס געהאַט אינזינען.

— גוט, איך װעל פאָרן, — איז װעלי מאַסקים געװען.

אין פּעסקאָװעץ האָט װעלי זיך באַװיזן פאַרנאַכט־צו. דעם פּאָרטפעל, װאָס האָט דעם אָנבליק פון אַ גרױסן טשעמאָדאַן, האָט ער איבערגעלאָזן אין דער שאַצקאַמער אױפן װאָקזאַל, אַװעקגעזעצט זיך אױפן טראַמװײַ און געפאָרן ביז דער לעצטער טראַמװײַ־סטאַנציע, װאָס הייסט „זאָנאַ אָטדיכאַ"[1]. פון דאָרט האָט ער שױן געדאַרפט דורכגײן ניט מער פון אַ הונדערט שפּאַן צופוס ביז דער טורבאַזע, װאָס האָט פונדערװײַטנס געגעבן װעגן זיך צו װיסן מיט הילכנדיקע ראַדיאָלעס, מאַגניטאָפאָנען און מוזיקאַלע אינסטרומענטן. ער איז אַװעק איבער דער ברייטער גוט־אױסגעטראָטענער סטעזשקע, װאָס פירט צום קאָרפּוס מיטן לױכטנדיקן װאָרט אױפן פראָנטאָן „טורבאַזע". אָבער אַרײַנגײן אינעװייניק אין קאָרפּוס איז אים ניט אױסגעקומען. ער האָט דערזען דעם טאַטן זיצן אױף אַ באַנק אַנטקעגן אַרײַנגאַנג. אװראָם האָט אים אױך גלײַך דערזען, ניט געגלייבט די אייגענע אױגן.

— װעלי!

דער פאָטער מיטן זון האָבן זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט.

— װי קומסטו אַהער? — האָט אװראָם, אַ פריידיקער, זיך געװוּנדערט, — האָסט זיך פאַר־בענקט נאָכן טאַטן, אַ?

— איך בין געקומען זען, װאָס דו מאַכסט און איך האָב געבראַכט דאָס געלט, װאָס דו האָסט געבעטן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, מײַן זון. זײַ באַקאַנט. — אװראָם האָט אָנגעװיזן אױף דער פרױ, װאָס איז געזעסן לעבן אים. — ס'איז שײנדל. מיר קענען זיך פון גאָר אַמאָל, װען דו ביסט נאָך אױף דער װעלט ניט געװען.

— סאַראַ שײנער באָכער באַ דיר! — שײנדל האָט זיך אױפגעהױבן און אַרומגענומען װעלין, װי אַן אייגן קינד. איך זיך האָט זי טייקעף אַ קלער געטאָן: „עפּשער אַ כאָסן פאַר מײַן ליוסיען". װעלי איז געשטאַנען אַ פאַרלױרענער, ניט װיסנדיק און ניט פאַרשטײענדיק מיט װאָס האָט ער אַזױ אױסגענומען באַ אָט דער פרעמדער פרױ. פון דער ערשטער מינוט איז אים ניט געפעלן געװאָרן איר קענטלעכע היימישקײַט מיטן טאַטן.

— באַ אײַך איז דאָ פריילעך. מוזיק און טענץ. — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— און אַ רעסטאָראַן איז אױך דאָ. — האָט מיט אַ געלעכטער צוגעגעבן דער טאַטע.

— װען רעכנסטו פאָרן אַהײם? — האָט אַ װײַלע שפּעטער געפרעגט װעלי.

— ביסט געקומען אָפּפירן מיך אַהײם? — האָט אַ שמייכל געטאָן אװראָם. — זעסטו, מײַן קינד, באַ מיר איז דאָך שױן דער אורלױב אַ לאַנגער. איך מעג זיך פאַרגינען אָפּרוען אַ ביסל מער. הא, װאָס זאָגסטו, שײנדעלע? — ער האָט זיך אױסגעדרייט צו שײנדלען, און זײַן גאַנץ פּאָנעם האָט געלױכטן און געשײַנט, װען ער האָט געקוקט אױף איר.

„איצט פאַרשטײ איך, אױף װאָס ער דאַרף געלט... רופא איז געװען גערעכט, — האָט װעלי מיט פאַרדראָס געטראַכט. — ער רופט זי „שײנדעלע". גאָר פון זינען אַראָפּ. ער װאָלט כאָטשבי זיך געשעמט פאַרן זון". עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ביטל־געפיל צום טאַטן און אַן אומ־פאַרײַנטלעכקײַט צו דער „גראָבער טיאָטיע", װעלכע האָט, װײַזט אױס, דעם אַלטן נאַר אַרײַנ־גענאַרט אין זאַק.

געגעכטיקט האָט װעלי אינעם נומער באַם טאַטן, אױף איין בעט מיט אים. עס איז געװען ענג און הייס. װעלי איז געשמאַק געשלאָפן, פאַנאַנדערגעװאָרפן זיך. אװראָם האָט זיך אַװעקגעשאַרט צום ראַנד, און די אײַזערנע צאַרגע האָט אים די גאַנצע נאַכט געשניטן אין זײַט. דער שאָכן אױפן אַנדערן בעטל האָט געכראָפּעט, און שטיל, אפילו אָנגענעם, װי עפּעס אַ מין גוט צונױפגעשפּילטער דועט, האָט אים אונטערגעהאַלטן װעלי. סטאַרענדיק ניט צו שטערן דעם זון שלאָפן, האָט אװראָם, װי נאָר ס'איז געקומען דער באַגינען, זיך אױפגעהױבן און אַרױס אינדרױסן. אױפן טיש האָט ער איבערגעלאָזט אַ צעטעלע: „װעסט מיך געפינען אױפן פּליאַזש..."

שײנדלס טאָכטער, ליוסיע, איז אַלט פיר און צװאַנציק יאָר. אין דער קינדהײַט האָט זי אַ סאַך געקרענקט, ניט איין מאָל געלעגן אין שפּיטאָל, און נאָר אַדאַנק איר גרױסן װילן און גרױסער אַקשאָנעס האָט זיך איר אײַנגעגעבן גוט ענדיקן די צעניאָריקע שול און דערנאָך

[1] אָפּרו־זאָנע.

אויך אַזוי גוט פאַרענדיקן אַ הויכשול. איצט האָט זי געאַרבעט אַפן זאַוואָד „איליטש" אין פּעסקאָוועץ, אין דער זאַוואָדישער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע. אין מעשעך פון אַ קורצער צײַט האָט זי באַוויזן צו פאַרעקאָמענדירן זיך אַלס אַ פײַיקער אינזשעניער, מיט אַן אויסגעשפּראָכענער נייגונג צו וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. דאָס אַלץ איז זייער גוט. אָבער אַז אַף אַ דערוואַקסן מיידל פאַרקוקט זיך ניט קיינער פון די באָכערים, ניט אַפן זאַוואָד און ניט ביכלאַל אין שטאָט, איז סײַ דער מאַמען, סײַ דעם מיידל ניט פריילעך אַפן האַרצן. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, מיט וואָס פאַר אַ נאָגנדיקער אומרויִקייט און האָפענונג שיינדל האָט נאָכגעשפּירט נאָכן גאַנג פון דער באַקאַנטשאַפט צווישן איר טאָכטער און דעם אומגעריכט־אַראָפּגעקומענעם אוראַמס זון. די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אַפן פּליאַזש, און דאָס האָט דאַפקע שיינדלען אַ ביסל געקימערט. די מײַלעס און די פעגימעס פונעם מענטשנס לײַב זײַנען אַפן פּליאַזש אויסגעשטעלט פאַר אַלעמענס אויגן: קוקט, זעט, שאַצט! דאָס קאַפּראָנאָווע באַד־קאָסטיומל האָט אַזוי אײַנגעצויגן ליוסיעס קינדיש לײַב, די נאַקעטע פיס האָבן אויסגעזען אַזוי מאָגערלעך, די קני־ביינדלעך אַזוי פאַרשאַרפט, אַז אויב, דאַכט זיך, ס'האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ געפיל צו אַזאַ שוואַכער באַשעפעניש — איז נאָר דאָס געפיל פון ראַכמאָנעס.

וועלי האָט אַ קוק געטאָן אַפן מיידל, אויסגעבראָמקעט זײַן נאָמען, און זי — איר נאָמען, מער האָט ער שוין קוקן ניט געוואָלט. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט און פונדערווײַטן פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ קוק אַפן טאַטן, וואָס האָט זיך געפּרעגלט אַף דער זון באַנאַנד מיט דער „גראַבער טיאָטיע". ווי־אַזוי שעמט ער זיך ניט, — האָט אין וועלין געקאָכט. — אַבי מע זאָגט, אַז מיר, די יונגע, זײַנען אויסגעלאַסן. אַ זאָקן ליגט לעבן אַ פרעמדער זקיינע, און מע לאַכט, מע דערציילט זיך אַנעקדאָטן, מע שפּילט אין קאָרטן און ס'איז זיי גוט, ווי די וועלט, פּונקט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט קיין ווײַב, זײַן, וועליס מאַמע, וועלכע איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן.

נאָך דעם, ווי מע האָט זיך אָפּגעבראָטן אַף דער זון און אַמאָל פינף מיט האָפּסאָקעס געקראָכן אין טײַך אַרײַן, איז מען אַוועק עסן מיטיק אין רעסטאָראַן „וואָלנאַ", וואָס איז אַפן ברעג טײַך, מע האָט פאַרנומען אַ טישל אַף דער וועראַנדע, ווו ס'איז געפאַלן אַ שאָטן פון די ביימער און ס'איז געווען קיל. מע האָט אויסגעטרונקען, גוט פאַרביסן און דערנאָך אַוועק אַביסל שפּאַצירן. דאָס עלטערע פּאָרל איז געגאַנגען פאָרויס, שיינדל האָט בעקיוון געשטעלט אַ גיכערן טראָט, אַזויווי זאָגנדיק צו די יונגע: מיר שטערן אײַך ניט, מיר קוקן אײַך ניט נאָך. אַדרעבע...

— איר זײַט אַף לאַנג געקומען אַהער? — האָט ליוסיע אַ פרעג געטאָן וועלין, ווען זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר צענדליק טריט שווײַגנדיק.

— איך וועל נאָך איין מאָל אויסבאָדן זיך דאָ אין טײַך און אַוועקפאָרן, — האָט ער קורץ געענטפערט.

— סאַכאַקל איין מאָל? פאַרוואָס אַזוי ווינציק? — זי האָט אָנגעשטעלט אַף אים אירע אויגן און צום ערשטן מאָל האָט ער אין זיי ווי ס'באַדאַרף צו זײַן אַרײַנגעקוקט. די פראַגע, וואָס דאָס מיידל האָט געשטעלט דעם באָכער איז, דוכט זיך, געווען זייער אַן אײַנפאַכע, אַ פּאַשעטע — וואָס פּאַשעטער קאָן ניט זײַן. „סאַכאַקל איין מאָל? פאַרוואָס אַזוי ווינציק?" — האָט זי געפרעגט, אָבער ס'האָט אים פאַרוווּנדערט דער קוק פון אירע אויגן. אַ ווייך־אירױנישער קוק און באַגלײַך דערמיט עפּעס זייער אַ מיטפילנדיקער. גרויסע בלויע אויגן, פולע מיט צאַרטער וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט באַ זיי פון אינווייניק, פון דער טיף.

— איך בין געקומען זען, וואָס דער טאַטע מאַכט, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, אַליין ניט פאַרשטייענדיק, פון וואָס ער איז געוואָרן מיטאַמאָל צעטומלט.

— אײַער טאַטן איז דאָ גוט... — זי האָט אים ווידער דורכגענומען מיט איר איראָנישן און מאָדנע־מיטפילנדיקן בליק פון די פּרעכטיקע אויגן.

— יאָ, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — נאָר איך דאַרף אים אָפּפירן אַהיים.

— ער איז, כאַלילע, קראַנק?

— ניין, ער איז געזונט. אַוודע איז ער געזונט. נאָר איך וועל אים פונדעסטוועגן אַוועקנעמען.

— יאָ, איך וויל אויך, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן, — איז זי זיך פּלוצעם מודע געווען.

— איז העלפט מיר, — האָט וועלי אַ בעט געטאָן.

— מיט וואָס קאָן איך אײַך העלפן?

— נעמט צו אײַער מאַמען פון אים...

— ס'קאָן זיך גאָר באַקומען באַ אונדז, ווי אין אַ פריילעכן וואָדעוויל.

ביידע האָבן געלאַכט און מיט יעדער מינוט איז אַלץ מער פֿאַרשוווּנדן די אָפּגעפּרעמדט־קײַט, די געצוווּנגענע אָנשטרענגונג. שיינדל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטן און דערזען ווי ביידע — ליוסיע און וואַלי לאַכן.

— עס איז, דוכט זיך, אַוועק אַ גאַנג באַ זיי, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן צו אוורא־מען, — ריבוינעשעלוילעם, עפּשער איז דאָס אַ באַשערטע זאַך? קיין גרעסער גליק ווינטש איך זיך ניט...

אוורהם און שיינדל זײַנען מערסטנטייל אומגעגאַנגען איבער די אַלטע גאַסן, ווו עס איז שטילער און ווו אויף יעדן טראָט ווערט אויפֿגעוועקט אַ דערמאָנונג פֿון אַמאָל, פֿון דער לאַנג־פֿאַרגאַנגענער יוגנט. ס'איז זיי געווען גוט און געמיטלעך. אַ זיסלעך־טרויעריקער נאָגנדי־קער געפֿיל האָט די גאַנצע צײַט זיי פֿאַרפֿאָלגט, אַזוי ווי אַן אַלטער ניגון, וואָס שווימט אויף אין זיכּרון און וויפֿל מע זינגט אים ניט שטילערהייט, אין זיך, זינגט ער זיך ניט אויס ביזן סאָף.

די פּאָטיאָווקע אין סאַנאַטאָריע האָט זיך באַ שיינדלען פֿאַרענדיקט, ס'איז געקומען דער טאָג צו זײַן אין נאָך איין אָרט, דאָס לעצטע אָרט, וואָס מע דאַרף נאָך אומבאַדינגט באַזוכן.

פֿון דער שטאָט ביז צו יענעם אָרט איז אַ גרויסער מעהאַלעך, נאָר וויאַזוי פֿאָרט מען אַהין, אויב דאַן זײַנען אַלע געגאַנגען צופֿוס? דעם וועג צופֿוס האָבן אוורהם און שיינדל אָנגעהויבן פֿון דער געבײַדע פֿונעם מעדיצינישן אינסטיטוט, וועלכער פֿאַרנעמט מיט זײַן קליניק אַ גאַנצן קוואַרטאַל אויף דער ענגעלס־גאַס. דעם 29 סענטיאַבער 1941 האָט מען אַהער צונויפֿגעטריבן די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט, און פֿונדאַנען זײַנען אַוועק אין פֿײַנפֿולן לעצטן גאַנג נײַן טויזנט מענטשן.

אוורהם און שיינדל זײַנען איצט דורכגעגאַנגען איבער אַספֿאַלטירטע גאַסן, פֿאַרבײַ נײַע הײַזער, דערנאָך איבער אַ גרויס פֿעלד — דאָס פֿעלד פֿון סאָווירט, וואָס איז שוין אויפֿגעקומען נאָך דער מילכאָמע, פֿריִער איז דאָ געווען די ווירטשאַפֿט פֿונעם „אָרס"[1] באַם זאַוואָד „איליטש". אויפֿן ראַנד פֿון דעם פֿעלד — אַ דערפֿל, הילצערנע שטיבער מיט פּאַליסאַדניקעס, אַ שפּײַכלער, אַ שטאַל, שטאַרק אַן אויסגעצויגענע אין דער לענג. אין דער צאָפּנדיקער זײַט פֿון פֿעלד גרויט מעטושטעסדיק ניט קיין הויכער אָבעליסק, ווי אַן אַלטע מענוירע מיט אַ פֿאַרלאָשענער ליכט. ווען מע גייט צו נעענטער, לייענט מען איבער אַן אויפֿשריפֿט жертвам фашистского террора[2]. אַ ביסל ווײַטער פֿונעם אָבעליסק שטייט נאָך אַ דענקמאָל — אויפֿן ברוי־דער־קייווער פֿון די צעשאָסענע אַרבעטער פֿונעם „איליטש"־זאַוואָד, וועלכע האָבן ניט אויס־געפֿילט דעם באַפֿעל פֿון דער דײַטשישער קאָמענדאַטור און ניט געמאָלדן זיך צו דער אַרבעט. מע האָט זיי צעשאָסן אַלס בייזוויליקע סאַבאָטאַזשניקעס. אַרום די ביידע דענקמעלער בערגלט זיך די ערד, זי איז קלעפּיק און פֿעט.

שיינדל האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום קאַלטן אײַזן פֿונעם אָבעליסק. שוין צענדליקער יאָרן זעט זי אין שלאָף איין און דעם זעלבן קאָשמאַרפֿולן כאָלעם: זי קריכט אַרויס פֿון דער גרוב, צעשטופּנדיק מיט די עלנבויגנס די קערפּערס פֿון אירע עלטערן, פֿון איר קליין ברוי־דערל און שוועסטערל. די קויל האָט זיי ניט געטויט גלײַך, נאָר איבערגעלאָזט זיי לעבן, קעדיי נאָך אַ פּאָר שאָ זאָלן זיי אויסגיין אין פּײַן. זיי שרײַען, זיי יאָמערן, און זי לויפֿט, זי אַנטלויפֿט פֿון זיי, אַ פֿאַרבלוטיקט געשפּענסט; זי לויפֿט אין דער פֿינצטערער נאַכט, די שווערע וואָלקנס אין הימל וויקלען זי אײַן, ווי אין אַ פֿײַכטער אײַז־קאַלטער טוך. זי כאַפּט זיך אויף, אַ באַדעקטע מיט אַ קאַלטן שווייס.

אוורהם האָט לעבן אָבעליסק גענומען אַ הײַפֿל ערד. יעדעס מאָל קערט ער זיך אום אַהיים פֿון זײַן רײַזע קיין פּעסקאָוועץ מיט אַ נײַ הײַפֿעלע ערד פֿונדאַנען, ער שיט עס אַרײַן אין אַ זעקעלע, וואָס ווערט אַלץ פֿולער.

— איצט זײַנען מיר שוין געווען אומעטום, — האָט אוורהם געזאָגט.

— יאָ, אומעטום, — האָט שיינדל דורך טרערן זיך אָפּגערופֿן.

אויף מאָרגן, אינעם טאָג, ווען מע האָט געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן, האָט שיינדל פּלוצעם גע־מאָלדן אוורהאָמען:

— איך וועל ניט פֿאָרן מיט דיר.

— וואָס הייסטו? מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, — איז ער געוואָרן איבעראַשט. — גענומען בילעטן.

[1] אָפּטייל פֿאַר אַרבעטער־באַזאָרגונג; [2] די קאָרבאָנעס פֿון פֿאַשיסטישן טעראָר.

— ס'איז געווען, טײַערער, א רײַזע... א רײַזע אין דער יוגנט. די פּאָר וואָכן, וואָס מיר זײַנען געווען צוזאמען, זײַנען געווען גליקלעכע וואָכן. מיר וועלן זיי שטענדיק געדענקען. איצט דאַרף מען זיך אומקערן אהיים.

— נו, יאָ, אהיים. צוזאמען. מיר האָבן דאָך באשלאָסן. — האָט ער געמורמלט.

— ניין, ליבער, מיר האָבן גאָרניט באשלאָסן. אף דיר וואַרטן די קינדער, די אייניקלעך. זיי דאַרפן ניט קיין שטיפמאמע, קיין שטיפבאָבע.

— די קינדער זײַנען שוין דערוואַקסענע. אליין שוין טאטעס.

— קינדער בלײַבן בא די עלטערן קינדער, אויב זיי זײַנען שוין אויך אפילע מיט גרויע קעפּ. און... און דו ביסט אזוי פארטאָן מיט די אייגענע געפילן, אז דו באמערקסט גאָרניט ארום זיך. — האָט שיינדל צוגעגעבן מיט א שמייכל. — דו ביסט פּאָשעט בלינד.

— איך בין בלינד? איך פארשטיי דיך ניט.

— זעסט דען ניט, אז מײַן ליוסיע און דײַן וועלי...

— איך זע, איך זע. נו, איז וואָס?

— אויב ס'פּיקט זיך א ליבע, לאָמיר זי ניט קאַליע מאכן. אף אונדזער ליבע קוקן די קינדער, ווי אף א נארישער שפּיל פון אלטע לײַט. עפּשער זײַנען זיי גערעכט. מײַן ליוסיע טײַנעט מיט מיר אײַן...

— און מיט מיר — וועלי. נו, איז וואָס?

אלס א לעצטן און וואָגיקן ארגומענט האָט אווראָם ארויסגענומען פון טשעמאָדאַן א שיין פּושקעלע, געעפנט עס און ארויסבאקומען פון דאָרט א גאָלדן פינגערל.

— נעם עס, — האָט ער געזאָגט. — ס'איז דײַנס. כ'האָב עס דיר געדאַרפט אָנטאָן אפן פינגער מיט דרײַסיק יאָר צוריק.

זי האָט גענומען דאָס פינגערל, א שפּיגל געטאָן זיך אין דעם, ארופגעצויגן אפן פינגער, א קוק געטאָן, ווי עס בלישטשעט אף דער האַנט.

— זאָל עס שוין איבערבלײַבן אף דער האַנט, — האָט ער, א שײַנענדיקער, געצייצעט. — מע דאַרף ניט אראָפּנעמען. ס'איז דאָך דאָס זעלבע פינגערל...

— דאָס פינגערל איז דאָס זעלבע, אָבער מיר זײַנען דאָך ניט די זעלבע.

— וואָס הייסט — ניט די זעלבע? מיר האָבן, נאַטירלעך, זיך געעלטערט. אָבער איצט זע איך, אז אן עמעסע ליבע עלטערט זיך ניט. איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט...

— איך האָב דיר אויך שטענדיק ליב געהאַט און... פונדעסטוועגן נעם עס צו, — זי האָט אויסגעטאָן דאָס פינגערל, ארײַנגעלייגט אין פּושקעלע און דערלאַנגט אווראָמען. ער האָט אָבער ניט גענומען.

— אציינס. זאָל עס זײַן בא דיר. ס'איז דאָך דײַנס. א גאַנץ לעבן האָב איך עס אויסגעהיט פאר דיר.

— גוט, — איז זי מאסקים געווען. — איך וועל נעמען. און אויב דו וועסט מיר דערלויבן, וועל איך דאָס פינגערל אָפּגעבן דער טאָכטער.

— פאר דער טאָכטער וועט זײַן אן אנדער רונג.

— ניין, כ'וויל, אז ס'זאָל זײַן דאַפקע אָט דער. און זאָל דאָס יונגע פּאָרפּאָלק האָבן מער מאזל פון דער אלטער פּאָר!

אווראָם איז אינעם זעלבן טאָג אוועקגעפלויגן קיין מאָסקווע. אפן אעראָוואָקזאַל האָבן אים באגלייט שיינדל, וועלי און ליוסיע. וועלי, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפירן דעם טאַטן אהיים, איז געבליבן. ער האָט מיט ליוסיען זייער גוט פארבראַכט די צײַט, און ס'האָט אים נאָר געקימערט, וואָס די אורלויב־טעג לויפן אזוי גיך.

און אין מאָסקווע, אפן אעראָדראָם אין דאָמאָדעדאָוואָ, האָט אווראָמען באגעגנט די גאַנצע מישפּאָכע. אלע האָבן זיך געפרייט, וואָס ער איז שוין געקומען. דאָס פינפיאָריקע אייניקל, איגאָריאָק, האָט אים ארומגעכאַפּט און געפרעגט:



— זיידע, דו ביסט געפאָרן כאַסענע האָבן?

— אלץ דאַרפסטו וויסן, שנעקל? — און דער זיידע האָט צוגעדריקט דאָס אייניקל צום האַרצן.

הײנטצײַטיקײַט — די טעמע פון אונדזערע קינסטלער

נ. מאָגילעווסקי. יונגע ארבעטער

י. זילבערמאַן. זלאַטאָוסט בויט זיך



י. טשײַקאָוו. מעטאַלורגיע

ג. קראַווצאָוו. מײַנא — ווירא

פ. קריוואָרוצקי. דעם שטאָלגיסערס געהילף

ו. מידלער. פּאָרטרעט פון א סטודענט

א. פוטערמאַן. א טאָכטער פונעם צאָפן

באסקל טאבאטשניקאָוו

• די וועבערין •

די אַנצאַליקע בײַכיקע שפולן, וואָס זיצן אױף מעטאַלענע רעמלעך, קײַקלען זיך געשווינד מיט א דינעם אײדעלן קלאנג און ווערן פון מאָל צו מאָל מאָגערער, באפרײַענדיק זיך פון די אָנגעוויקלטע וואָל־פאָדעם. ווי א קאפיטאן איבער זײַן שיף, גייט פייגעלע פורמאן ארום איר אגרעגאט, און שארפלעך־שטרענג, מיט אויגן פון א געניטן מײַסטער, גיט זי אכטונג אויף די אלע מעכאניזמען, וואָס האלטן זיך אין איין באוועגן. דער שטאָלענער באראבאן האָט שטײַף אָנגעוויקלט ארום זיך דאָס ברייטע אויסגעוועבטע געוואנט פון א מין טונקל־ברוינעם ציקאָריע־קאָליר. א גאנצע ריי מעכאניזירטע וועבשטולן שטייען איינס לעבן אנדערן און פילן אָן דעם גרויסן ווארעמען צעך מיט טומל און ריטמישן גערודער.

זינט פייגע ארבעט אויף דער וועבער־פאבריק, איז זי אנדערש ניט געווינט, ווי טראָגן בא דער ארבעט, מעג עס זײַן זומער צי ווינטער, שטעקשיכלעך — זי פילט זיך פרײַער, רירעוודיקער. נו, איז וואָס, אז זי זעט אויס אין זיי נאָך קלענער, ווי זי איז, — עפּעס טאקע גאָר ווי א יונג מיידעלע? נישקאָשע, א קליינער אומגליק.

אליין איז זי א פולינקע, א יאָדערדיק־שטײַפע. אויף אירע האלב־נאקעטע הענט, בא די עלנבויגנס, טיילן זיך אויס גריבעלעך. זי איז אָנגעטאָן אין א קורץ בלוי כאלאטל, דער קאָפּ פארבונדן מיט א העלער פאטשיילע, באשפרענקלט מיט דריבנע, פארביקע קווייטעלעך, וואָס טיילן נאָך בוילעטער אויס איר פריש, ראָזלעך פּאָנעם. דעמלט, ווען די ארבעט קלעפּט זיך ניט, די פאָדעם רײַסן זיך, טאקע נאָר ווי אפצולאָכעס, האָט זי א קלאל — ניט ווערן אין קאס און ניט ארײַנפאלן אין פארצווייפלונג. געדולד און רויִקײַט. די דאָזיקע מידעס האָט זי מיט גרויס אקשאָנעס אויסגעכאָוועט אין זיך. אזוי האָט מען זי געלערנט, בעשאס זי איז אָנגעקור־מען מיידלווײַז, צוריק מיט א יאָר פופצן, אלס שילערן אהער אויף דער פאבריק.

עטלעכע מינוט פאר דעם, ווי פייגעלע פורמאן האָט באדארפט איבערגעבן די וואכטע, איז צוגעקומען צו איר אלעקסאנדער גריגאָריעוויטש בעליאיעוו. ער איז געווען אין זײַן לאנגן לעדערנעם מאנטל, און א היפּש פעקל פארשיידענע דאָקומענטן האָט, ווי שטענדיק, ארויסגעשפּארט פון זײַן פעלדטאש. ער איז דאָ אין צעך אייגצײַטיק אי דער אינזשעניער, אי דער פארטאָרג.

בעליאיעוו האָט זיך מיט איר היימיש געגריסט. פאר דער האנט.

— נו, ווי גייט עס, פייגעלע? — ער האָט מיט א זײַט זיך אָנגעשפּארט אינעם שמאָלן ווענטל פון דער הויכער סטאנינע און גענומען זיך פאָרען אין פעלדטאש.

— גאנץ גוט, אלעקסאנדער גריגאָריעוויטש, — אירע אויגן האָבן גוטמוטיק א שמייכל געטאָן. — בעסער האָט קיין שיר ניט.

— האָסט נאָך אלץ ניט כאסענע געהאט? — פרעגט ער אין א שפּאס.

— ניין, אלעקסאנדער גריגאָריעוויטש, — ענטפערט זי אים אינעם זעלבן טאָן, — ווער דארף האָבן א ווײַבל מיט צוויי קליינע קינדער?

— אָט איך, לעמאָשל, — ציט ער ארויס א גרויסן צונויפגעלייגטן בויגן פאפיר, — ווען איך בין ניט קיין באווײַבטער.

— אײַ, גייט שוין, גייט, געפונען וועגן וואָס צו שפּאסן. — די פולע באקן אירע ווערן פארלאָפן אין א גלײַענדיקער רויטקײַט ביז איבער די אויערן.

— יאָ, דאָ איז פאראן זייער א וויכטיקער איניען, — גלײַכט ער זיך אויס און שפּיליעט צו דאָס טעשל. — וואָס איז מיט דיר, פייגעלע? אזוי זיך פארשעמען קאָן נאָר א יונג מיידל. — צעשמייכלט ער זיך.

זי ווערט נאָך מער פאַרשעמט און באַהאַלט דאָס צעפּלאַמטע פּאָנעם אין די דלאָניעס.

— איר מאַכט מיר שטענדיק רויט דאָס פּאָנעם.

נאָך איידער בעליאַיעוו נעמט איר דערקלערן דעם וויכטיקן איניען, וואָס ער האָט צו איר, ציט ער קוידעמקאָל אַראָפּ פון זיך דאָס לאַנגע לעדערנע מאַנטל. דעמלט זעט ער אויס נאָך העכער און מאָגערער, ווי פריִער. דאָס שמאָלע טונקעלע פּאָנעם קנייטשט זיך ערטער־ווייַז. פון אונטער די געדיכטע, לאַנגע ברעמען, וואָס ציִען זיך קימאַט ביז די שלייפן, קוקן אַרויס צוויי טונקעלע, קלוגע אויגן. זיי פאַרמאָגן אין זיך אי שטרענגקייט, אי גוטמוטיקן הומאָר. געוויינטלעך נאָר איין מאָל זיך טיף אין זיי אַיינקוקן, מע זאָל באַמערקן, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט איבערגעטראָגן טיפע ליידן און איז פיל מאָל געפּרוווט געוואָרן אין לעבן.

אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש שטייט לעבן פייגען מיט אַ פאַרשריבן בייגעלע פּאַפּיר און דערקלערט איר די פליכטן פון אַן אַגיטאַטאָר.

פייגעלע האָט זיך אַנגעכמורעט און איז עפּעס אַזויווי ניט צופרידן, וואָס בעליאַיעוו האָט איר צוגעשאַרט אַ נייַע אָנלאָדונג. זי הערט זיך אָבער אַיין אין זייַנע רייד מיט דער גאַנצער ערנסטקייט. פייגעלע פילט, אַז די אויפגאַבע איז ניט קיין קליינע, און ספּראַווען זיך מיט איר איז ניט אַזוי לײַכט. ווער־ווער, נאָר בעליאַיעוו ווייסט דאָך גוט, אַז זי איז אַ מאַמע פון צוויי קליינע קינדער. איינס באַזוכט נאָך דעם קינדער־גאָרטן, דאָס צווייטע, דאָס ייִנגל, גייט שוין אין שול. ווען זי קומט פון דער אַרבעט, האָט זי אויך זיך אַ געוויינלעכע אָנלאָדונג.

אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש האָט זיך אָנגעשטויסן, פאַרוואָס פייגע איז געבליבן שטיין אַזוי אומעטיק־פאַרקלערט.

— נישקאָשע, קליינישקע, מיר וועלן דיר העלפן. אָט, נאַ דיר, דאָ זייַנען אויסגעשריבן אַלע דייַנע צוועלף הייַזער, — דערלאַנגט ער איר אַ פּאָרויס צוגעגרייטע ליסטע.

זי האָט שווייַגנדיק איבערגענומען דאָס אויפגעשריבענע צעטל און פאַרזיכטיק עס אַרייַנגערוקט אין לאַקירטן רידיקיול.

די צווייטע וואָכע איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דעם אינזשעניער בעליאַיעוו האָט מען אַ רוף געטאָן. די וועבערן האָט באַמערקט, ווי דער וווקסיקער אינזשעניער איז צוזאַמען מיטן אַלטן מייַסטער בעקערמאַן צוגעגאַנגען צו איינעם אַן אָפּגענוצטן ווערקשטעל, וואָס איז שוין שיינע עטלעכע טעג געשטאַנען אָף רעמאָנט. אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש האָט שנעל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס פּידזשאַקל, פאַרקאַטשעט די אַרבל און איז מאַמעש מיטן קאָפּ אַרייַן אין אַן אויסהוילונג צווישן די מאַשינען־וואַלצן.

אַ וווּנדערלעכער מענטש, — האָט פייגעלע געטראַכט, — ער גיט אוועק די גאַנצע נעשאָמע זייַנע, אַרייַנגעטאָן מיט לייַב־און־לעבן אין דער אַרבעט. וויפל קאָסט עס אים געזונט, ווען די אַרויסגעלאָזטע פּראָדוקציע שטימט ניט מיט די אָנגעמערקטע פּלענער, אָדער האַלט ניט אויס די קוואַליטעט. דעמלט איז פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס אָף אים צו קוקן, ער זעט אויס קרענקלעך. ער ווערט נערוועז. מעסלעסנוויִיז ליגט ער אָפּ אין צעך און ווייַזט זיך ניט אָף דער ליכטיקער שייַן. ניט געקוקט אָף זייַן צומאָל שטרענג קאָל, אָף די האַרבע פּאָדערונגען, וואָס ער שטעלט אַרויס צו יעדן איינעם, האָבן אים דאָ, אָף דער פאַבריק, אַלע ליב. אַז מע וויל זאָגן וועגן עמעצן עפּעס גוטס, זאָגט מען: „דער צווייטער בעליאַיעוו"...

מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז פייגעלע אַרויס פון צעך, דורכגעגאַנגען לענגויס דעם גרויסן הויף. וואָדע וואָלט זי געוואָלט מיט עפּעס־וואָס זייַן גלייַך צו אָט דעם אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטשן, אויסגעפינען אין זיך די אָדער יענע ענלעכע שטריכן.

און אויב ער, דער אינזשעניער און פאַרטאָרג בעליאַיעוו, האָט געהאַלטן פאַר נייטיק איר פאַרטרויען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, וויסנדיק איר לאַגע, הייסט עס, אַז מע האַלט פון איר, און ער ווייסט, אָף וועמען זיך פאַרלאָזן. פייגעלע פורמאַן וועט זיך ספּראַווען מיט איר שליכעס.

אַ פאַרטראַכטע, איז זי אַרויס אָפּן שליאַך און אַפילע ניט באַמערקט, אַז עס הענגט אין דער נעפּלדיקער לופט אַ דריבנע רעגנדל. זי האָט זיך געלאָזט צום קינדער־גאָרטן, באַגעגנט אָפן וועג באַקאַנטע מאַמעס, וואָס האָבן שוין געפירט די קינדער אַהיים.

— אוי־וואָ! — האָט זי זיך גענומען צוייַלן. — סימעלע קער דאָרטן געוויס אויסקוקן די אויגן.

אין שפּיל־צימער איז דאָס מיידעלע, סימעלע, געשטאַנען באַם גרויסן ווייַסן פענצטער, אָנגעטאָן אין אַ קורצן מאַנטעלע מיטן געשטרייַפטן קאַפּאָרל אָפן קאָפּ. ווי דאָס האַרץ האָט דער מאַמען געזאָגט, — דאָס טעכטערל איז געוווען אומגעדולדיק.

— אוי, מײַן מאמעלע, מײַן מאמעלע! — האָט די קלײנע סימעלע מיט די הענטלעך פרײלעך געפּויקט איבער דער שויב, װען זי האָט דערזען די מוטער גײן פאַרבײַ דעם פּלויט, — אַלגע סעמיאָנאָװנא, די מאמעניו מײַנע גײט!

עס מאכט זיך אָפט, אַז די װעבערן קומט נאָכן קינד שפּעטער פון אַנדערע מאמעס. װעגן דעם האָט שוין די דערציִערן, אַלגע סעמיאָנאָװנא, געװוּסט און אכטונג געגעבן, אַז סימעלע זאָל זיך ניט לאַנגװײַליקן.

בײדע פרױען זײַנען געשטאַנען אַ צײַט באַם פענצטער, גערעדט צװישן זיך פרײַנטלעך, און װען ס׳איז געקומען צו רײד װעגן דער פאַרוואַל־קאַמפּאַניע, האָט די װעבערן, סימעלעס מאַמע, זיך דערװוּסט פון דער דערציִערן, אַז זי איז אױך אַן אַגיטאַטאָר. יענע איז שוין אַפילו צוגעטראָטן צו אירע היסכײַװוסן. פײגעלע איז זײער נײַגעריק געװאָרן װעגן דעם צו הערן נאָך און נאָך — װיאַזוי מע באַגעגנט דאָרט אױפן באַציִרק אַלגע סעמיאָנאָװנען, מיט װאָס פאַר אַ מאַטעריאַלן זי באַנוצט זיך פאַר די װײלער, װיאַזוי מע באַציט זיך צו איר, װי צו אַן אַגיטאַטאָרן אין פרעמדע הײַזער?

— גײ איך, לעמאָשל, אַרײַן אין אַ שטוב צו מײַנע װײלער, — דערציילט אַלגע סעמיאָנאָװנא אַ ביסעלע באַרימעריש, — האַלט איך מיך פּאַשעט, געװײנלעך, פרײַ, און דאָס עפּשער איז דער איקער. דעמלט, — זאָגט זי אַן איבערצײַגטע, — געװוין איך באַ די מענטשן צוטרוי, זײ גלײבן מיר, װאָרעם איך בין מיט זײ אָפנהערציק. װער עס קומט צו מיר מיט אַ באַקאָשע, װער עס האַלט זיך אין אײַצע, פאַראַן אױך אַזעלכע, װאָס פאַרטרױען סודעס. יאָ, יאָ, אָט, אַשטײגער, נעכטן איז געװוען אַ זעלטענער צופאַל מיט אַ פרױ, װעלכע איז אומגערײכט שװער קראַנק געװאָרן און מע האָט זי באַדאַרפט דרינגענדיק פירן אין שפּיטאָל אַרײַן. װאָס זשע מײנט איר? מיט דער מינוט, אין אײן אױגנבליק, האָב איך אַלעמען, װעמען מע דאַרף, געשטעלט אױף די פיס.

„יאָ, דאָס איז שוין עפּעס מער, װי זײַן אַ געװײנלעכער אַגיטאַטאָר, קלערט די װעבערן װעגן אַלגע סעמיאָנאָװנען מיט טיפער אכטונג, — אָט דאָס הײסט אַקטיװ אַרײַנמישן זיך אין לעבן, זאַכלעך, אופּריכטיק, מיט אַ רײַן האַרץ מיטהעלפן געװײנלעכע מענטשן אין זײער טאָגטעגלעכקײַט. צו אַזאַ דערהױבענעם קאָװעד דאַרף מען זױכע זײַן״.

אַלגע סעמיאָנאָװנא פרעגט באַ פײגעלע פורמאַן, װעלכן װאַל־באַציִרק זי װעט באַדינען. די װעבערן באַװײַזט איר דאָס צעטל הײַזער, װאָס בעליאַיעװ האָט איר איבערגעגעבן.

— הער נאָר עפּעס שײנס! ניט שוין זשע? אײנעם אַכטן נומער װוין איך דאָך, — שמײכלט זי פאַרכידעשט, אַלגע סעמיאָנאָװנא, — מערקװירדיק! ס׳לאָזט זיך אױס, מײַן טײַערע, אַז איך אַלײן בין אױך אײנע פון אײַערע װײלער, — קװעלט אױף באַ דער דערציִערן דאָס ברײטלעך ראָזע פּאָנעם, — װײל איך טאַקע, כאַװערטע פורמאַן, איך בעט אײַך, איר זאָלט אַרײַנקומען צו מיר אין שטוב. אָפּגערעדט? אַך, יאָ, פאַרגעדענקט: די זעקסטע קװאַרטיר. פאַרצײכנט באַ זיך, נאָט אײַך אַ בלײַשטיפט מיט רײַן פּאַפּיר. דאָרט װױנט אײנער אַן אינװאַליד, אַ שװער קראַנקער מענטש, אַ צעמאַזיקטער פון דער מילכאָמע. אַראַמין רופט מען אים.

פײגעלע האָט לאַכלוטן ניט פאַרשטאַנען, פאַרװאָס די דערציִערן, אַלגע סעמיאָנאָװנא, האָט באַזונדערס אופמערקזאַם געמאַכט אױף דעם דאָזיקן אינװאַליד. װאָס איז ער, אײנער אין שטאָט?

— מיר איז אױסגעקומען, — דערציילט זי, — צו זײַן באַ אים אין צימער. ער האָט אױך פאַרלאָרן די מישפּאָכע זײַנע. װײל ניט פאַרפירן קײן באַקאַנטשאַפט, מײַדט אױס שכײנים. מע דאַרף דעם מענטשן מיטהעלפן.

אַלגע סעמיאָנאָװנא װערט אַזש אופגערעגט.

— איר פאַרשטײט, — בײגט זי זיך צו עטװאָס נעענטער צו דער נידעריטשקער װע־בערן, — ס׳איז מאַמעש אַ װײטעק, װאָס אַזאַ מענטש, װי דער אינװאַליד אַראַמין, האַלט זיך אָפּגעזונדערט פונעם לעבן. פון צײַט צו צײַט קומט מיר אױס אַרײַנגײן אין יענער דירע, נאָר, װי עס זעט אױס, פאַרמאָג איך ניט די פײיִקײַט און דעם באַרוף צו קאָנען װירקן אױף דערװאַקסענע, דעריקער אױף מענער. מיט קלײנװאַרג, דעם עמעס גערעדט, פיל איך זיך, װי אַ פיש אין װאַסער, און מיט די דערװאַקסענע קומט מיר אָן שװערלעך.... — דערבײַ האָט זי זיך גאַנץ פײַן פאַרװיטלט, אַראָפּגעלאָזט די אױגן און, אַ צעשטרײטע, פאַרנומען מיט בײדע הענט די צעפלאָכטענע האָר.

— אַ מאָדנער מענטש, — טוט פײגעלע אַ זאָג אינדערשטיל פאַר זיך, — עפּשער װעט דער טשודאַק, אַראַמין, מיך אױף זײַן שװעל ניט װעלן אַרופלאָזן, װער װײסט?

— איר האָט, טײַערינקע, אַ גרױסן טאָעס, — פאַרכאַפּט גלײַך אַלגע סעמיאָנאָװנא, — ער איז גראָדע ניט אַזאַ. נײן, נײן. די שכײנים װעלן אײַך שוין אַלײן זאָגן. ער איז בעפײרעש,

זאָג איך, אַ ווילער מענטש. מע דאַרף נאָר, אַזוי צו זאָגן, געפינען צו אַזאַ פאַרשווין דעם ריכטיקן שליסל, אַרײַנבליקן אין זײַן פאַרשלאָסענער נעשאָמע, געווינען דעם צוטרוי און דעמלט... דעמלט וועט איר אָף אים האָבן די שטאַרקסטע ווירקונג.

די ווערבערן האָט געגנומען דאָס טעכטערל פאַרן הענטל און ביידע האָבן זיך געלאָזט דורכן שפּיל־צימער צום אַרויסגאַנג. די דערצי׳ערן, אַלגע סעמיאַנאָוונאַ, האָט זיי פרײַנטלעך באַגלייט צו דער דרויסנדיקער טיר. מע האָט זיך איינס דאָס אַנדערע צוגעווינטשעוועט אַלדאָס גוטס. פייגעלע איז מיטן קינד, אַ דערמונטערטע, אַרויסגעגאַן פון קינדער־גאָרטן.

אָף רעכטס פון דער פאַבריק, ווו די גאַס איז ברייט און אַספּאַלטירט, האָבן זיך שוין געהאַט צעלויכטן די פּילצאָליקע עלעקטרישע לאַמטערנס. מענטשן שפּאַצירן אָפּ און אויף. ווער עס אײַלט אַהיים און ווער צו אַן אַרבעט. אָף די נאַסע טראָטואַרן שפּיגלט זיך, ווי אין אַ טײַך, די צעהעלטע עלעקטער־שײַן. קוים־קוים וואָס מע באַמערקט דאָס קליינע, דינע רעגנדל איבערן קאָפּ, זען קאָן מען עס נאָר בא דער עלעקטרישער שײַן. אַפּאָנעם, דער עמעסער גוסרעגן האָט זיך פאַרמאָסטן צו גיין ערשט באַנאַכט.

דאָס טעכטערל האַלט זיך פאַר דער מאַמעס האַנט און קוקט זיך נײַגעריק אַרום אין אַלע זײַטן. פון איר פול־קײַלעכדיק פּענעמל שפּרודלט אַ געזונטע פרישקײַט. צונטער רויט גלי׳ען באַם קינד די בעקלעך. סימעלע איז אַזוי ליב און געשמאַק, אַז עס גלוסט זיך אויסקושן יעדן אייווער אירן.

אין דער היים טרעפט פייגע דאָס עלטערע יינגל, סלאַוויקן, שטיין באַם האַלב־אָפּגעדעקטן טיש, גרייטנדיק די לימודים. אַפילע אין זײַן גרויען וואָלענעם סוויטערל זעט ער אויס מאָ־גערלעך, דאָס אָפּגעצויגענע פּענעמל — אַ ביסל בלאַס, שיר ניט קרענקלעך. די באָבע נעכאַמע האָט שוין אָפּן יינגל געשרי׳ען, פאַרוואָס גרייט ער די לימודים שטייענדיק? — אַ קינד זאָל עס האָבן אַ טעווע ניט אײַנזיצן אָף אַן אָרט.

סלאַוויק פאַרשאַרט דאָס סטאַרטשענדיקע טשוביקל אָף אַרויף און וויל ניט הערן, וואָס די באָבע נעכאַמע רעדט צו אים.

— ער וואַקסט שוין, דער טאַכשיט דײַנער, איינמאָל אַן אַקשן.

— זאָל דיך ניט אַרן, מאַמע.

— באַלעוועסט זיי, — איז די אַלטע ברויגעז אָף דער טאָכטער, האַלעמײַ יענע גיט אַליין ניט אַכטונג אָפן קליינוואַרג. נאָך מער, זי איז נאָך ניט צופרידן, וואָס זי, די באָבע, האָט זיי אויך. — קינדער, — זאָגט זי האַרבלעך, — טאָר מען ניט נאָכגעבן, מע דאַרף, טאָכטער מײַנע, זיי קאָנען האַלטן אין די הענט. עלע ניט, וועלן זיי דיר שפּעטער קריכן אָפן קאָפּ.

— ס׳האַלט נאָך ניט דערבײַ.

— וואַרט צו...

— נו, זונעלע מײַנער, וואָס האָסטו הײַנט פאַר אַן אָפּשאַצונג באַקומען אין שול? — צערטלט אים ווייך־צוגעלאָזן די מוטער.

סלאַוויק מישט אויף דאָס אַריפמעטיש העפטל און ווײַזט איר אַ „4".

— די לערערן זאָגט, אַז די אויפגאַבעס האָב איך געלייזט ריכטיק, נאָר דאָס שרײַבן מײַנס, דער קסאַוו, הייסט עס, געפעלט איר ניט.

— וואָס זשע מיינסטו, קאַדיש מײַנער, זי איז בעפּיירעש גערעכט, די לערערן דײַנע. וואָס זײַנען דאָס פאַר אַ לאָפּעטעס מיט קאָטשערעס באַ דיר? — און קאָטש די פאַרהאָרעוועטע מאַמע וואָלט שוין וועלן ווערן אין קאַס אַפּדערעמעסן, קאָן זי עס ניט.

אין שטוב ווערט טומלדיק. באַזונדערס שטאַרק לאָזט זיך הערן דאָס רוישיקע זשומען פון דער מיזינקע, אָט לויפט זי מיט אימפּעט צו דער באָבע נעכאַמע, דערנאָך צו דער מאַ־מען, טשעפּעט זיך צו סלאַוויקן מיט געשריי און מיט גוואַלדן, ער זאָל איר נאָר געבן דעם רויטן בלײַער מיט אַ ריין בלעטל פּאַפּיר, זי וויל מאָלן.

פייגעלע פורמאַן, די נײַע אַגיטאַטאָרן, האָט נאָך הײַנט געקלערט צוגיין אָף איר וואָל־באַצירק, כאָטש בלויז צוליב דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. ווער ווייסט, צי עס וועט באַ איר קלעקן צײַט. מע דאַרף דאָך צוהעלפן דער מאַמען אין שטוב אויך. זי פילט זיך מיד פון דער אַרבעט, פּאַשעט אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס.

— ווּעסט פרי׳ער טרינקען אַ גלאָז טיי, צי עסן וואַרמעס? — בלײַבט די אַלטע נעכאַמע שטיין אינמיטן צימער, ווי עפּעס אין אַ פאַרלעגנהײַט.

פייגעלע איז געזעסן באַם טיש מידלעך און פאַרקלערט. אַלע פאַרנאַכט, פון הײַנטיקן טאָג אָן, וועט זי זײַן פאַרנומען אָפן באַצירק, אין אַגיטפּונקט. די גאַנצע שטוב־אַרבעט וועט

פאלן אף דער שוואכער מוטער, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס זי וועט מוזן יעדן אָפּדער־נאַכט גיין אין קינדער־גאָרטן אָפּנעמען דאָס קינד. נאָר ניט איצט, אף דער הייסער מינוט, איז די פּאַסיקע צײַט צו ריידן מיט דער מאַמען. עפּשער ווען די קינדער וועלן זיך לייגן שלאָפן און אין שטוב וועט ווערן שטילער. פייגעלע וועט איר דעמלט רויק קאָנען דערציילן וועגן דער נײַער אַרבעט, מיט וועלכער מע האָט זי לעצטנס אָנגעלאָדן. בעליאַיעוו ווייסט, מיסטאָמע, וואָס ער טוט.

...פּאַרנאַכט, ווען די פאָרמאַן־מישפּאָכע זאַמלט זיך צונויף, ווערט פריילעכער און ליכטיקער אין אַלע ווינקעלעך, ווער שמועסט, ווען עס יאָוועט זיך אַרײַן אַ שכיינע, דעמלט ווערט שוין גאָר טומלדיק. די קינדער נעמען נאָך מער רוישן און פילדערן, יעדערער וויל זיך באַזונדער אויספּײַנען, באַווײַזן זײַנע כאַריפעס, קענטעניש, בערייעשאַפט. עס טוט זיך אין שטוב אַן איבערקערעניש.

דעמלט רופט זיך אָן די עלטסטע באַלעבאָסטע, די באָבע נעכאַמע:

— קינדער, צײַט גיין שלאָפן! סלאַוויק, זונעניו, פאַרוואָס נעמסטו ניט צו די העפטן פונעם טיש? סימעלע, ליובע, קום נאָר אַקאָרשט אַהער, וועל איך פון דיר די וואָרעמע הייזלעך אַראָפּציִען. פייגעלע, טאָכטער, בעט אויס סלאַוויקן, זעסט דאָך, אַז דאָס ייִנגל פאַלט שוין פון די פיס.

די אַלטע נעכאַמע פאַרטיילט אַלעמען אַרבעט, מע זאָל זײַן מיט עפּעס באַשעפטיקט.

— הערסט, טאָכטער, — זאָגט זי זיך צו נעענטער צו פייגעלען, — כ׳האָב שוין געזען קינדער, כ׳האָב געהערט וועגן קינדער, כ׳האָב אַליין געהאַט קינדער, נאָר אַזעלכע דימענטן, ווי סלאַוויק מיט סימעלען, האָב איך נאָך ניט באַגעגנט. איך רים זיי ניט מאַכמעס ס׳איז אייגנס. דו הער זיך אַליין צו, וואָס ליַיטן זאָגן. סלאַוויק איז דאָך אַ גאָלדן קינד, אַ מעזומען־טאָוו. הײַנט דאָס כּיִעסדיקע פּלעצעלע, מיר זאָל זײַן פאַר אירע ביינדעלעך!

אוואַדע טוט עס פייגעלען שטאַרק האַנאָע, איר פּאָנעם הייבט אָן לײַכטן און קוועלן. זי פילט בעפּויעל מאַמעש ווי עס קומט איר צו אַ פּוד געזונט. וואָס קאָן נאָך זײַן פאַר אַ גרעסער גליק פאַר אַ מאַמע, ווי פאַרמאָגן געראָטענע קינדער? אײַ, זיי זײַנען נאָך קליין, ווילן פון גאָרניט וויסן. איז, צוריק געזאָגט, וואָס קאָן מען פאָדערן פון פּיסקליאַטלעך? דערויף זײַנען עס קינדער.

פאַרשיידענע בראָשורן, זשורנאַלן, צײַטונגען — דאָס גאַנצע פּעקל ליטעראַטור, וואָס בעליאַיעוו האָט איר מיטגעגעבן, זי זאָל אַדורכקוקן, ליגט צעוואָרפן אפן קליינעם קײַלעכיקן טישעלע, מיט וועלכן מע נוצט זיך זעלטן. פייגעלע שטרײַכט אונטער מיט סלאַוויקס רויט־בלאָען בלײַשטיפט נייטיקע שטעלן אף צו געדענקען, אָנדערע, נאָך וויכטיקערע, פאַרצייכנט זי אין בלאָקנאָט. מאָרגן וועט זי שוין דאַרפן אומבאַדינגט זײַן אפן אַגיטפּונקט. עס וועט זיך אָנהייבן איר אַרבעט מיט לאַכלוטן אומבאַקאַנטע מענטשן. ס׳קאָן געוויס טרעפן, מע זאָל איר שטעלן, ווי אַן אַגיטאַטאָר, אַזעלכע קלאָץ־קאַשעס, זי זאָל אַליין ניט וויסן, ווי־אַזוי מע צע־בײַסט זיי.

— דו וואָלסט זיך אויך באַדאַרפט לייגן אָפּרוען, טאָכטערקע, — באַמערקט די אַלטע, — האָסט קאַרג זיך אָנגעהאָרעוועט פאַרן טאָג?

— און דו אַליין, מאַמע, ביסט דעם טאָג געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט?

— אַ גלײַכעניש אַ ביסל. וואָס שטופּסטו מיך אין קאָשעק? איך בין שוין, באַרעכהאַשעם, אַ מענטש אין די יאָרן, איך דאַרף זיך צוויילן, אָפּטאָן דאָס, וואָס איך האָב פריִער ניט דערטאָן, קיין באַלכויוו וויל איך ניט פאַרבלײַבן. וויפל, מיינסטו, איז מיר נאָך באַשערט צו ציִען די ליאַמקע? ווי פלעגט מען זאָגן בא אונדז: יונגע קאָנען שטאַרבן און עלטערע מוזן שטאַרבן.

— אײַ, מאַמע, — וויל פייגעלע ניט לײַדן דעם ביטערן עמעס, — וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? ווילסט דאָך מיר ניט פאַרשאַפן, קעגן נאַכט, קיין איבעריקע יעסורים. אַז מײַן האַרץ זאָל זיך קוויקן מיט זיי?

— צו מײַנע סאָנימס קעפּ! — טוט זיך אַ כאַפּ די אַלטע נעכאַמע, ווי פון אַן אומדער־וואַרטן קלאַפּ, — איך זאָג נאָר דאָס, וואָס עס איז, אַ מענטש לעבט ניט אייביק.

נאָך דעם, ווי די קינדער זײַנען אײַנגעשלאָפן און פייגעלען אַליין האָט אויך גענייגט דער דרעמל, רופט זי זיך אָן צו דער מוטער:

— הער זיך אײַן, מאָרגן וועט דיר אַליין אויסקומען גיין אין קינדער־גאָרטן נאָך סימע־לען. באַוואָרן אַלצדינג אין שטוב. אף מיר וואַרט ניט. איך וועל זיך אומקערן אַהיים ניט פרי. האָב דאָס אין זינען.

— ביסט שוין איבערגעגאַנגען אַף אַן אַנדער סמענע?

— ניין, מאַמע, אַף קיין אַנדער סמענע בין איך נאָך דערווײַל ניט איבערגעגאַן, נאָר מע האָט מיך אַף דער פֿאַבריק אויסגעטיילט פֿאַר אַן אַגיטאַטאָר. ס'אַן ערנסטע באַשעפֿטיקונג, וואָס איז מיר אָנגעטרויט און מע דאַרף דאָס טאָן נאָך דער אַרבעט. ווייסט דאָך, מאַמע, אַז אומעטום גרייט מען זיך צו נײַע וואַלן.

— וואָס זשע ווילסטו מיר זאָגן?

— איך וויל דיר זאָגן, אַז פֿון דער פֿאַבריק וועט מיר אויסקומען גיין גלײַך אַפּן באַצירק. מיטן וואַרמעס זאָלסטו אַף מיר ניט וואַרטן.

— אַזוי וועט זײַן באַ דיר אַלע טאָג?

— יאָ, אַזוי וועט זײַן קימאַט אַלע טאָג.

— הער נאָר אַ נײַס... וואָסי, מע ווייסט ניט, אַז באַ דיר זײַנען פֿאַראַן קליינע קינדער אין שטוב?

— נו, איז וואָס, אַז מע ווייסט?

— אויב מע ווייסט... — פֿאַרהיקעט זי זיך אַזש, — און קינדער אָפּצוּיִען איז אַ שווערער אייסעק, דאַרף מען וויסן וואָס און ווען.

— וואָס רעדסטו, מאַמע? מיר איז דער אייניקל ליב און צום האַרצן...

— ביסט גערעכט, טאָכטער, טויזנט מאָל גערעכט. ווערדליק איך פֿאַרשטיי, — פּרוּווט זי פֿאַר זיך אַליין פֿעסטשטעלן דעם אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, — איז אַ קאָהאָל־מענטש פֿאַרנומען מיטן קלאַל. ער זאָרגט שטענדיק פֿאַר אַנדערע, ניט נאָר ער זאָרגט, ער טוט בעפֿויעל מאַמעש נוצלעכס, דאָס הייסט פֿאַרגרינגערן יענעם, ניט לאָזן, כאָלילע, פֿאַלן, אַרויסשלעפּן פֿון אַן אומגליק. מיט איין וואָרט, קומען צו הילף אין דער צײַט. אַ קאָהאָל־מענטש, אַן אַקטיווער געזעלשאַפֿטלעכער טוער איז קיינמאָל ניט אין זײַן רעשוס, ביפֿראַט נאָך אין אונדזער צײַט.

אַף נעכאַמעס קאָפּ האָט זיך עטוואָס פֿאַרוקט די טונקעלע פּאַטשיילע און אַנטבלויזט די טיפֿע גראָוקײַט פֿון אַ זקיינע, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שווער פֿײַנלעך לעבן. פֿונפֿאַרנט איז אַראָפּגעלאָפֿן צום שטערן אַ דין ווײַס סטעזשקעלע, וואָס האָט צעטיילט גלײַך די שיי־טערלעכע האָר אַף ביידע זײַטן. קליינע און נאָך קלענערע צעאַקערטע קנייטש־פּאַסיקלעך, צעבויגענע פֿאַלדן האָבן זיך באַזעצט אַפּן פּאָנעם, אַרום די אויגן. עמעס, נעכאַמע האָט שוין געהאַט אַריבערגעשפּאַנט דעם זיבעטן צענדליק, נאָר זי איז נאָך געניט ענערגיש, באַוועגלעך און פֿאַרמאָגט אַ ווונדערלעכן זיקאָרן. ווײַ־ווײַ, וויפֿל אָט די פּאַשעטע וואָכעדיקע נעכאַמע האָט איבערגעלעבט אין איר ווײַט ניט גרינג לעבן. וויפֿל זי איז עס אויסגעשטאַנען צאָרעס, מאַטערנישן! דאָס לאָזט זיך גאָר ניט אויסצומעסטן און אָפּצוּוועגן. כוצן איידעם, האָט זי נאָך פֿאַרלאָרן דעם עלטערן זון אַף דער מילכאָמע, און דאָס איז פֿאַר אַ מאַמע אוואַדע דער גרעסטער בראָך. גיי קלאָג זיך פֿאַר אַנדערע, ווען אַנדערע האָבן פּונקט געהאַט אין די מיל־כאָמע־יאָרן דעם זעלבן גוירל. קאָן מען געפֿינען אין דער מעדינע כאָטש איין מישפּאָכע, וואָס איז פֿון אַזאַ אומגליק אַרויס גאַנץ? פֿייגעלע איז געווען נאָך גאָר אַ קלייניטשקע, ווען דער טאַטע איז איר אָפּגעשטאָרבן — דאָס איז געווען אַן ערעך אַ יאָר צוויי פֿאַר דער גרויסער וועלט־איבערקערעניש. דעמלט איז נעכאַמע אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן אַף אַ צוקער־זאַוואָד. אָבער דאָס איז געווען ניט מער, ווי סעזאָן־אַרבעט. זומער האָט מען געמוזט זוכן אַנדערע פֿאַרדינסטן פֿונוואַנען ציִען די כאַיונע. זי האָט געוואַשן גרעט, אויסגעטעטינקעוועט אַ שטיבל, געטריפֿעט זעק אין אַ פֿאַדריאַד, געווען אַ סאַרווערן. וואָס האָט זי ניט איבערגעטאָן מיט אירע פֿאַרהאָרעוועטע הענט! און אַזוי ביסלעכווײַז געשטעלט די קינדער אַף די פֿיס. אין יענער צײַט האָבן זיי געוווינט אין אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון פּראָסקוראָוו. אַז די זין זײַנען אונטערגעוואַקסן, איז מען זיך צעפֿאָרן — דער עלטערער קיין לענינגראַד, דער צווייטער — קיין כאַרקאָוו. די מיזינקע, פֿייגעלע, איז ביז איר כאַסענע געבליבן מיט דער מאַמען אין שטעטל, דערנאָך האָט מען זיך אַריבערגעצויגן קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, און אין אַ שטיקל צײַט אַרום — קיין קיִעוו. מע איז ערשט געקומען צום לעבן, איז אָט, נאַ — בראַכט אויס די מילכאָמע, און נאָך אַזאַ מילכאָמע!

זי וועט קומען, פֿייגעלע, צו די ווײַלער מיט אָט די געדאַנקען, ברענגען פֿאַר זיי פּאַשעטע בײַשפּילן פֿונעם געוויינלעכן לעבן. פֿאַר אַ מוסטער וועט זי נעמען די געוואַנט־פֿאַבריק, ווו זי אַרבעט. נאָך איידער ס'זײַנען געדעקט געוואָרן די דעכער, האָט מען שוין אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּראָדוקציע פֿאַרן לאַנד. מענטשן האָבן ניט געוווּסט פֿון קיין רו. קיינער האָט אונדז גאָרניט געגעבן און קיינער האָט אונדז גאָרניט געשענקט. אַליין, מיט אונדזער האָרע־וואַניע... און דאָ כאַפּט זי זיך גלײַך: פֿאַר וועמען אַנטפּלעק איך נײַע אַמעריקעס? וואָס פֿאַר אַ לעבעדיקער נעפֿעש אין לאַנד האָט עס ניט איבערגעלעבט?

— וואָס שעפּטשעסטו דאָרטן, פײגעלע? — האָט די אַלטע נעכאַמע זי אופגעוועקט פון אירע מאַכשאָווּעס. — פּאַלג מיך, לײג זיך שלאָפן, טאָכטער. דער זײגער קער שוין געוויס ווײַזן די צוועלפטע שאָ.

פײגעלע כאַפּט אַ פּלינקן קוק אָפן מיניאַטיור־זײגערל.

— ע, — מאַכט זי אַוועק מיט דער האַנט, — ניט מעסוקן. מיר האַלטן סאַכאַקל נאָך צען, דאָס הײסט ניט שפּעט. זומער־צײַט ווערט ערשט נאַכט.

— זומער, ווינטער... וואָס טויג מיר דײַן מאַכזער קאָטן אָדער דײַן מאַכזער גאָדל. ווײסן ווײס איך וויל, אַז מאָרגן, אימירצעשעם, דאַרפסטו גאַנצפרי אופשטײן צו אַן אַרבעט. גײ לײג זיך אָפּרוען.

— און דו, מאַמע?

— וואָס גלײַכסטו זיך צו מיר? איך האָב ניט אָפּגעהאָרעוועט אַזאַ שווערן טאָג ווי דו.

פײגעלע לאָזט זיך גרינג אײַנרײדן, פּאָלגט די מוטער און נעמט אויסבעטן. מאַמעש זי פּילט, ווי אירע אײווורים ווערן אַנשלאָפן, און די אויגן־לעפּלעך גיסן זיך אָן מיט בלײַ.

ווען אַלע אין שטוב שלאָפן שוין, פאַרשטעלט די אײנציק וואַכנדיקע נעכאַמע דאָס עלעקטרישע לעמפּל מיט אַ שטיק טונקעלן פּאַפּיר און לאָזט איבער נאָר אַ קלײן שפּעלטיקל שײַן, וואָס זאָל פּאַלן אין איר זײַט. זי דאַרף נאָך אויספּאַריכטן די קינדערשע זעקעלעך, פּאַרפּעסטיקן מיט אַ שטאַרקן פּאָדעם די קנעפּלעך אָף סלאַוויקס פּאַלטאַכל, ניט פּאַרגעסן אַרײַנלײגן פרישע סטעלקעס אינעם ייִנגלס שיכלעך, אויסבינדן דעם ווײַסן זײַדענעם באַנט פּאַר סימעלעס־וועגן, צוגרײטן דעם פרישטיק אָף מאָרגן, מע זאָל זיך פאַרשפּאָרן כאַפּן, זעצן פון זיך די נעשאָמע. עפּשער וועט זיך איר נאָך אײַנגעבן פּאַרזוימען פײגעלעס קלײדל, וואָס זי, די אַלטע מאַמע, האָט אַלײן אופגענײט.

ווען נעכאַמע לײגט זיך שלאָפן, הערט שוין קײנער ניט. אַפילע אין גאַס ברענט שוין ניט די שײַן, געוויס נאָך האַלבער נאַכט.

...נאָך דער באַראַטונג פון די אַגיטאַטאָרס, וואָס אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש האָט דורכגעפירט, איז פײגעלע גלײַך אוועקגעגאַנגען אָף איר באַצירק, צו אירע צוועלף מויערן. דאָס ערשטע הויז, רעכטס, איז געשטאַנען טיף אין הויף. פון די הויכע פענצטער האָט זיך געשניטן די עלעקטרישע ליכט אין דרויסן אַרויס. פײגעלע האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי דאָס האַרץ נעמט אומרויִק שלאָגן. זי לאָזט זיך צום פינצטערן אַרײַנגאַנג, טאַפּט אָן די פּאַרענטש און הײבט זיך אוף מיט די טרעפּ אָפן סאַמע העכסטן גאָרן, דאָרט, ווו די יאַמפּאָלסקיס וווינען. פון זײ וועט זי טאַקע אָנהײבן. מיט אַ שטאָק נידעריקער וווינט אַן אַלט פּאָרפּאָלק און אויך דער אינוואַליד אַראַמין. אָט אין די צווײ דירעס וואָלט זי נאָך אַ באַלן געוועזן זײַן הײַנט אָפּדערנאַכט און זיך אומקערן צוריק אין אַגיטפּונקט צו דער פּאַרלעזונג.

פײגעלע האָט עטלעכע מאָל ניט זיכער אָנגעקלאַפּט אין טיר — קײנער עפנט ניט. נאָכאַמאָל, שוין אַ ביסעלע דרײסטער אָנגעקלאַפּט. שטיל, מע הערט קײן שאָרך ניט. ערשט אין אַ מינוט צווײ־דרײַ אַרום דערטראָגט זיך אַ ווײַט צוגעטויבט קאָל:

— צו וועמען דאַרפט איר?

— צו די יאַמפּאָלסקיס.

בײַ די יאַמפּאָלסקיס האָט פײגעלע געטראָפן עטלעכע באַיאָרטע פרויען, אײנעם אַ גרײַזגרויען ײדן מיט אַ שמאָל ווײַס בערדל. עס פעלן נאָך עטלעכע מענטשן צו דער יאַמפּאָלסקי־מישפּאָכע: ווער עס איז אַוועק אין שטאָט צוליב פאַרשײדענע אָנגעלעגנהײַטן און ווער עס איז נאָך אָף דער אַרבעט. זי, די אַגיטאַטאָרן, האָט געבעטן, אויב עס איז מעגלעך, מע זאָל איר געבן טינט־און־פּען. קוידעמקאָל וועט זי אַלעמען נאָכאַמאָל איבערשרײַבן, ווער עס וועט גײן צו די וואַלן. דאָס נײַע ענדגילטיקע צעטל, וואָס זי האָט אופגעשריבן, באַשטײט פון פערצן מענטשן, קײן אײַנהאָרע ניט. דער פופצנטער פּאָרט אַוועק קײן וואָרקוטאַ.

וווינט זיך אין שטאָט אַ גאַנץ באַשײדענע מישפּאָכע, שטילע, אַניוועסדיקע מענטשן, אָן איבעריקע פּרעטענזיעס — אַזוי קאָן זיך אויסדאַכטן פונעם ערשטן אײַנדרוק, ווער עס אַרבעט און ווער עס זיצט אָף עמעצנס אויסהאַלטונג. אָבער ווען מע זיצט אָפּ מיט די דאָזיקע מענטשן אַרום טיש ניט מער ווי אַ האַלבע שאָ, דערוויסט מען זיך, אַז דאָס זײַנען מאַמעס, שוויגערס, מומעס פון גאָר כאַשעווע לײַט. אין פאַרשײדענע עקן פונעם לאַנד געפינט זיך אַ זון, אַ טאָכטער, אַן אײדעם, אַן אײניקל, וואָס טוען אוף זײער וויכטיקס אין פאַרשײדענע געביטן. אײנער, לעמאָשל, איז אַ באַוווּסטער אַרכיטעקטאָר, וועלכער שטעלט אוף נײַע שטעט. אַ צווײטער אַרבעט אָף דער בויונג פונעם מאָסקווער מעטראָ. און אָט בײַ יענער פרוי מיט

דער ווײַסער שאַל איז דער אײדעם אַ לאָורעאַט פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע. לאָזט זיך אויס, אַז די געוויינלעכע יאַמפּאָלסקי־מישפּאָכע, וועלכע שטופּט זיך ניט אײַנערגעץ, איז אײַנגעטונקען אין ייִכעס און אין קאָוועד.

די אַגיטאַטאָרשע פֿאַרפֿירט אַ געמיטלעכן שמועס מיט דער מישפּאָכע, באַקאַנט זיך נעענטער מיט אַלעמענס לעבן, און עס איז איר זייער צום האַרצן דאָס, וואָס מענטשן דערציילן און טיילן זיך מיט זייער פֿרייד און לייד. זי פֿאַרבעט אַלעמען אַף די קאָנצערטן און פֿאַרשטעלונגען, וואָס דער אַגיטפּונקט בײַ דער געוואַנט־פֿאַבריק וועט ווײַזן פֿאַר זײַנע ווײלער.

— און איר, זיידעניו, וועט קומען? — ווענדט זיך פֿייגעלע צום גרײַזן זאַקן, וואָס זיצט די גאַנצע צײַט בײַ דער קאַכל־הרובע אַף אַ טאַבורעט, — אויב עס איז פֿאַר אײַך שווער, דאַרף מען ניט גיין צו אונדז. מירן דאָס וואָל־קאַסטל ברענגען אין שטוב אַרײַן.

— וואָס בין איך עפּעס, אַ קראַנקער? — פּילט דער אַלטיטשקער זיך געטראָפֿן, — די טױוויע בין איך אײַך מויכל. איך גיי, דאַנקען גאָט, ווו איך וויל און ווו איך דאַרף. אַזוי, אַז איך וועל צו אײַך אויך טרעפֿן. איך ווייס גאַנץ גוט, ווו אײַער פּונקט געפֿינט זיך. דאָרט איז פֿון דרויסן אָנגעשריבן אַף אַ רויטן טוך מיט גרויסע געדרוקטע אויסיעס — „אַגיטפּונקט".

— יאַ, יאַ, ריכטיק, זיידעניו, דאָרטן טאַקע איז עס...

— מע קאָן צו אײַך?

— ביטע.

אַ געדיכטע, מאַנצבלשע שטים צוזאַמען מיט אַ טעמפּן קלאַפּ פֿון עפּעס אַ העלצל האָט זיך דערהערט פֿון יענער זײַט צוגעמאַכטער טיר. פֿייגעלע האָט ניט דערייסט אַ צי געטאָן די קליאַמקע.

— איך האָב אײַך ניט געשטערט?

— ניין. קומט אַרײַן, קומט אַרײַן.

אינעם שמאָלן צימערל, דאָרט אין סאַמע עק קאָרידאָר, איז געווען שטאַרק אָנגערייכערט. דאָס עלעקטרישע לעמפּל איז נידעריק אַראָפּגעהאַנגען איבער אַ טישל. אַפֿן צעטויטשעטן בעטל זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפֿן בלעכענע קאָנסערוון־פּושקעס, שאַכטלעך פֿון פּאַפּיראָסן און אַ פּאָר טונקעלע פֿלעשער.

אַראַמין איז געבליבן פֿאַרכידעשט שטיין, אָנגעשפּאַרט אַף דער מיליצע, אין עפּעס אַ מאָדנער פֿאַרלעגנהייט.

— צו מיר? איר האָט ניט געהאַט קיין טאָעס?

דער אינוואַליד אַראַמין האָט געטראָגן אַ כאַקי־העמדל אָן אַ רימען. די געדיכטע קודלע האָר צעפּאַטלט, ווי ער וואָלט נאָרוואָס אופֿגעשטאַנען פֿון שלאָף. ער איז געווען פֿאַרכמורעט, ניט געגאָלט, אַ גאַנצן פֿרימאָרגן האָט דער אינוואַליד געפֿילט זיך ניט גוט. ערשט צו פֿאַרנאַכט־צו האָט ער זיך דערשפּירט בעסער. שוין אַ צײַט, אַז די האַנט לאָזט אים ניט צורו. די וווּנד האָט זיך באַנײַס געעפֿנט, צעיאַטרעט און פֿאַרשאַפֿט אים ווייטעקן. פֿאַרטאָג איז אַראַמין אַוועק אין קליניק, ער האָט זיך אומגעקערט נאָך דער באַנדאַזשירונג אָן אָפּגעשוואַכטער. דאָס שאַרפֿע נאָיען האָט אַלץ ניט אופֿגעהערט. אַפּאָנעם, — האָט געזאָגט דער כירורג, — אַז עס וועט ווידער אויסקומען זיך לייגן אין שפּיטאָל. דעריבער וואַלגערט ער זיך דעם גאַנצן טאָג אין בעט, ניט נאָר מיט די פּײַנלעכע שמערצן, נאָר אויך מיט אַ געדריקט געמיט. שפּעטער איז אים געוואָרן לײַכטער, די שטימונג בעסער, די מעלאַנכאָליע איז פֿון אים אָפּגעטראָטן.

אומבאַקוועם, מיט אַ צומיש פֿון בושע, האָט ער זיך פּלוצעם דערפֿילט, ווען אַ פֿרעמדער מענטש, דערצו נאָך אַ פֿרוי, איז אומגעריכט אַרײַנגעקומען.

— מיט וואָס קאָן איך אײַך דינען? — פֿרעגט ער אַ פֿאַרשעמטער.

— מיט איין קלייניקײַט. אויב עס איז מעגלעך, עפֿענען די פֿאָרטקע.

אַראַמין האָט מיט דער מיליצע אופֿגעעפֿנט די פֿאָרטקע. אַ קאַלטער שטראָם פֿרישע לופֿט האָט זיך האַסטיק אַרײַנגעריסן אין פֿאַרנעפּלטן צימער.

— איר פּילט כאָטש, ווי עס ווערט לײַכטער צו עטעמען?

— יאַ, אַ ביסעלע. — דעם אינוואַליד האָט זיך לעכאַטשילע אויסגעדאַכט, אַז דאָס מוז אוודאי זײַן אַ דאָקטער.

ווי אַפּצולאָכעס, האָט די אַרײַנגעקומענע ניט אַראָפּגענומען דאָס אויג פֿון יענעם טאָפּטשאַנדל באַם פֿענצטער, ווו עס זײַנען געשטאַנען עטלעכע ניט געוואַשענע פֿענדלעך, טעלער,

צינקעווע קיילים. ס'איז אים זייער ניט אָנגעשטאַנען, וואָס די פרוי האָט געטראָפן סײַ אים, דעם באַלעבאָס, און סײַ דעם צימער אין אַזאַ פאַרלאָזטן צושטאַנד.

אַראַמין האָט בעטעווע ניט ליב געהאַט קיין אומגעבעטענע געסט. ניט איין מאָל פלעגן מענטשן צו אים קומען פון דער אַרבעט, זיי האָבן זיך אינטערעסירט, ווי עס לעבט זיך אים, אויסגעפרעגט אין וואָס ער נייטיקט זיך, געפּרוווט אַפילו אים אַרײַנציִען אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, נאָר אָפּט, צום באַדויערן, האָט דאָס אַלץ געטראָגן אַן אָפּיציעלן כאַראַקטער, ווי עפּעס אַ מין שעפּטום איבער אים. דערפאַר, מעגלעך, איז שווער געווען צו געפינען דעם ריכטיקן שליסל צו זײַן אומרויִק־פאַרשלאָסענער נעשאָמע. אַראַמין פלעגט זיך שטענדיק באַמיִען, און דאַפקע אַף אַן איידעלן אויפן, וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון די צו־געלאָזענע באַזוכער. עמעס, קיין סאַך כאַווײרים האָט ער ניט געהאַט און שטאַרק נאָענט איז ער מיט זיי אויך ניט געווען. „כאַווײרים, פלעגט ער טײַנען, זײַנען נאָך ווײַט ניט קיין פרײַנט. אַן עמעסן פרײַנט דאַרף מען לאַנג זוכן, ביז מע געפינט אים"... צומאָל פלעגן אַף אים אָנפאַלן אַזעלכע מאָדנע מאַנקאָליעס, אַז ער האָט ביכלאַל קײנעם ניט געוואָלט זען פאַר די אויגן. דעמלט פלעגט ער שאָענלאַנג זיצן אין בעט, דעם קאָפּ אַרײַנגעצויגן אין די אַקסל און טראַכטן, טראַכטן, טראַכטן. די געדאַנקען האָבן אים אוועקגעטראָגן אין דער כאַרעווי־געוואָרענער היים, צו ווײַב און קינד, וועלכע זײַנען פאַרשניטן געוואָרן פון די פאַשיסטישע הענקער. אַראַמין האָט זיך דערמאָנט אין דער אויסגעוואָרעמטער ליבער היים. דאָס ווײַבס זיִנס, מאַרפע, פלעגט אים באַגעגנען מיט אַ גליקלעכן געטרײַען בליק, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, אַן איבערגעפרוירענער פון אַ גאַנצן טאָג זײַן אין דרויסן, אַף דער קעלט, געהאָלפן אַראָפּציִען דאָס שווערע פעלצל, די ווײַסע פאַרקאָוועטע פוישטן. דאָס קינד, די קליינע ליכטיקע סוועטאָטשקע, האָט דערבײַ געפּלאָנטערט זיך באַ זײַנע פיס, אָנגעכאַפּט אַלעמאָל מיט די הוילע הענטלעך זײַנע קאַלטע וואַטענע הויזן, פאַריסן דאָס קעפּל און געלאַכט אַזוי ליב און באַטאַמט:

— טיאַ־טיאַ...

און אַז עמעצער האָט אין אַזאַ פאַרטראַכטער מינוט, ווען די דערמאָנונגען האָבן אים פאַרפאַלגט, אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט ער מיט בײַזקײַט געענטפערט פונעם בעטל:

— אַראַמין איז ניטאָ אין דער היים, טראָגט זיך אָפּ פונדאַנען!

און די, וואָס האָבן געהערט פון יענער זײַט טיר דאָס בײַזע קאָל זײַנס, זײַנען אוועקגע־גאַנגען באַליידיקטע. מער האָבן זיי קיין כיישעק ניט געהאַט אים צו באַזוכן. אַלע זײַנע כאַווײרים האָט ער גרינג געפונען און גיך פאַרלאָרן.

צווערשט, ווען אַראַמין האָט זיך דערוווּסט, אַז די דאָזיקע נידעריטשקע פרוי מיטן מילדן פּאָנעם איז ניט מער ווי דער אַגיטאַטאָר פונעם באַצירק, איז זי אים ביכלאַל ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען. זײַן גלײַכגילטיקײַט האָט אַפילו געהאַט אין זיך אַ שאָטן פון פאַרדראָס. אַף אַלע אירע פראַגן האָט ער געענטפערט קורץ, אָן כיישעק.

פייגעלע האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן. זי האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס, וויסנדיק פּאַרויס זײַנע קאַפּריזן, דערציילט, צוליב וואָס זי איז צו אים געקומען, הינטערווײַלעכס אויסגעפרעגט באַ אים, פונוואַנען ער איז, מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך, אַרויסגעוויזן אינ־טערעס צו זײַן געזונט־צושטאַנד. צי האָט ער קרוויִים? ווי־אַזוי פאַרברענגט ער די פרײַע צײַט?

איר היימישע צוגעלאָזטקײַט, די ליבלעכע אָנגענעמע שטים, איר פּאָשעט האַלטן זיך האָט אים אונטערגעקויפט. ער איז אַפילו געוואָרן באַרעדעוודיקער. ביסלעכווײַז האָט פייגעלע זיך פון אים דערוווּסט, אַז ער איז ניט קיין היגער, אַ גאַנץ היפּשע צײַט איז אַראַמין אָפּגע־לעגן אינעם שטאָטישן שפּיטאָל. ער איז געבליבן ווינען הי, די שיינע פּרעכטיקע שטאָט איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און די מענטשן זײַנען ווילע. בעמיילע, לאָזט ער אויס זײַן דערציילן, האָט ער אַהיים ניט געהאַט וואָס צו פאָרן, מאַכמעס די שטוב איז כאַרעוו געוואָרן און די מישפּאָכע זײַנע איז אומגעקומען.

— וועלכע יעדיִעס דאַרפט איר נאָך פון מיר? — איז שנעל אַדורכגעלאָפן אַ פאַרטײַעטע בײַזקײַט אין די בליציקע פאַרשאַרפטע אויגן.

— איר קאָנט מיר ביכלאַל גאָרניט דערציילן.

— יאָ, איך בין טאַקע אַ שטיקל מעשוגענער. גראָבלעך... ניט קיין אַרומגעטעסעטער.

דאָך האָט אַראַמין ווײַטער דערציילט וועגן זיך אי געלאַסענער, אי פול מיט בענקעניש. ייִנגלווײַז האָט ער געענדיקט אין וואָראָניעזש אַ האַנטווערקער־שול און איז מיט דער צײַט געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער סטאָליער. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, מאַמעש אַליין זיך געשפּיגלט אין זײַן מעלאָכע. יעדער גלאַט־צוגעהובליעוועטע שאַליוקע, פּאָפּערעטשקע,

שפּאַנלײַסטל, וואָס פּלעגט אַרויס פֿון זײַנע הענט, איז טאַקע געווען עפּעס ווי אַ טייל פֿון זײַן נעשאָמע. נאָך אַדהײַעם פֿילט ער אין זיך ניט נאָר דעם געשמאַקן רייעך, נאָר אויך דעם טאַם פֿון אַ געטעסעטער ברעט, פֿון אַ גוט אויסגעשליפֿענעם געלענק, פֿון אַ געשניצטער צאַרגע אָדער אַפֿילע די בײַגעוודיקײַט פֿון ראַבינע־האָלץ. ס׳איז אים גאַרניט אַזוי לײַכט דורכגיין פֿאַרבײַ, ווען ער דערהערט ערגעץ, ווי אַ הובל גליטשט זיך איבער אַ ברעט און שורשעט זינגענדיק־דין צווישן סטרוזשקעס.

זינט ער איז געוואָרן אַן אינוואַליד פֿון דער צווייטער קאַטעגאָריע, האָט ער אַ שטיק צײַט ניט געאַרבעט. מע האָט אים דאַפּקע פֿאַרגעלייגט קאָלערליי טועכצן לויט זײַן געזונט־צושטאַנד, נאָר ער האָט קיין איינע זיך ניט געקאָנט צוקלײַבן, וואָס זאָל אים צופֿרידנשטעלן. די בענקשאַפֿט נאָכן הובל, נאָך דער זעג, נאָך דער דאָלעטע איז אים געלעגן טיף אין האַרצן. קיין אַנדער מלאָכע פֿאַר זיך האָט ער ניט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן. מיט אַ געוויסער צײַט שפּעטער, נאָך דעם ווי ער איז געקומען פֿון אַ קרימער קוראָרט, האָט ער אָנגענומען די שטעלע פֿון אַ נאַכט־שומער אין אַ גרויסער גאַלאַנטעריי־קראָם — זאָל דאָס הייסן, אַבי ער איז ערגעץ אַף אַן אָרט, ביז ער וועט זיך סאָפֿקאָלסאָף צוקלײַבן אַזעלכס, וואָס זאָל אים זײַן ניט דערווידער.

— און איר האָט אַ מאַן? — האָט אַראַמין פּלוצעם אינמיטן שמועס אַ פֿרעג געטאָן באַ דער אַגיטאַטאָרן.

— איך האָב געהאַט. — האָט זיך דאָס קאָל אירס טײַקעף געענדערט. — דער מאַן מײַנער איז געהאַרגעט געוואָרן אַף דער מילכאָמע, הינטער לענינגראַד. — אויסגעקומען איז פֿאַרן אינוואַליד, ווי זי ציילט און וועגט אָפּ יעדעס וואָרט. — דער אומגליק האָט געטראָפֿן אין סאָף פֿונעם צוויי־און־פֿערציקסטן...

— כ׳האָב אויך געהאַט אַ ווײַב, אַ קינד, עלטערן... — האָט דער אינוואַליד אַראַמין אַרויס־געבראַכט מיט אַ געבראָכענער שטים. — קיינער פֿון זיי איז שוין ניטאָ אַף דער וועלט. נו, און איך אַליין, זעט איר דאָך, בין געבליבן אַ קאַליקע. ווער דאַרף האָבן קאַליקעס? — די ווײַסלעכע ברעמען האָבן זיך אומעטיקלעך אָנגעצויגן און נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזט.

— אוי, זײַט איר ניט גערעכט! — איז זי אַזש אויפֿגעפֿלאַמט געוואָרן, — ווי קומט צו אײַך, איר זאָלט זיך אַזוי מעיאַעש זײַן? שטעלט אײַך פֿאָר, ווען מיר אַלע, די געליטענע, זעצן זיך אַוועק וויינען און קלאָגן, וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן, ווי וואָלטן מיר אויסגעזען? געשלאָגן זיך ביז לעצט, קאָן מען זאָגן, פֿאַרגאָסן אַזויפֿיל בלוט און ערשט דערנאָך אָפּלאָזן הענט און פֿיס...

דער אינוואַליד אַראַמין האָט צוגעהונקען צום בעטל, ברייט און אומגעלומפּערט זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם. פֿייגעלען האָט פֿאַרדראָסן — ניט אַף אַראַמינען, נאָר אַף זיך אַליין, — וואָס זי קאָן אים ניט דערמוטיקן. דאַכט זיך, אין האַרצן פֿאַרמאָגט זי פֿאַר אים אַזויפֿיל טרייסטונג, גוטע האָפֿענונגען, נאָר ווי אָפּצולאָכעס זײַנען די אַלע באַרויִקונגס־ווערטער זיך צעפֿלויגן און האָבן בעשום־אויפֿן זיך ניט געוואָלט לייגן אַף דער צונג. זי האָט אַליין דער־פֿילט אַ וואָרגעניש אין האַלדז...

זי פֿירט פֿאַרשעריש מיט די אויגן איבערן קליינעם צימער — קיין איין זאַך ליגט ניט אַפֿן אָרט, אַלץ איז אָנגעוואָרפֿן. ס׳פֿאַרדריסט איר אַזש, האַלעמײַ דער מענטש וויל אַף זיך אַליין ניט אַכטונג געבן. נו, ווי קאָן מען זײַן אַזוי אָפּגעלאָזט? וואָסי, ער געפֿינט זיך ערגעץ אַף אַ וואָקזאַל, וואָס אָט איז ער דאָ און אָט פֿאָרט ער אַוועק? ער איז דאָך באַ זיך אין דער היים.

אָבער טראַכטנדיק אַזוי, בליצט אויף אין קאָפּ אַן אַנדער געדאַנק, גראַד אַ הייפּעכדיקער.

„און עפּשער איז ער ניט בעקויעך אַרום זיך אַרומגיין?"

זי האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון זיך דאָס מאַנטל און אין אײַלעניש עס אויפֿגעהאַנגען אַפֿן טשוואָק.

„וואָס וויל זי טאָן?" — האָט דער אינוואַליד זיך טכילעס ווי דערשראָקן.

ווי אַ היימישע באַלעבאָסטע, האָט זי גענומען אַרײַנקוקן אין אַלע ווינקעלעך. צווישן קאַסטן און דעם קליינעם ווײַסן שאַפֿקעלע האָט זי געפֿונען אַ וואָלט מיט שטיקער צײַטונגען, צונויפֿגעפּרעסטע האַרטע שקאַרמיצלעך, ליידיקע פֿלעשער. מיט דער באַרשט האָט זי אַרויס־געקערט פֿון דאָרט אַרומגעהריזעטע ביינדלעך, פֿאַרטריקנטע הײַטלעך פֿון וווּרשט, קעפּלעך פֿון הערינג און אַרײַנגעוואָרפֿן דאָס אַלץ אין הרובע.

— און איצטער, — מאַכט זי אַ ביסל מער אויפֿגעלייגטער, — וועלן מיר פּרוּוון מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין אײַער שפּײַז־קאַסטן. עפּשער וועט זיך באַ אײַך געפֿינען אַ פּאָר גאַנצע, דעריקער ריינע, צײַטונגען? קאָלירט פּאַפּיר וואָלט געווען נאָך בעסער. איר וועט אומיסטן זען, אַראַמין, ווי אַזוי איך וועל אַרומנעמען די זײַטלעך פֿונעם קעסטל, עס וועט מאַמעש שײַנען.

— צוליב וואָס? — קוקט ער אַלץ אַף איר פֿאַרכידעשט מיט עפּעס אַ מין אָנגעשטרענגטן

ערנסט און רירט זיך ניט פון אָרט, — ווער בעט אײַך באַלעבאַטעווען אין מײַן צימער? גראָדע די טויווע בין איך אײַך מוחל.

און זי, פייגעלע, פילט זיך דערפון אַף קיין האָר ניט געטראָפן און ענטפערט אים גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דער שטייגער אירער איז:

— מיר וועלן אין גערעכט ניט גיין און צום מישפּעט זיך ניט שטעלן. אָפּגערעדט? צו אײַך, אַראַמין, האָב איך איין קלײנינקע באַקאַשע, איר זאָלט פאַרברענען די הויפּנס פּאַפּיר אין דער הרובע.

— וואָס מיינט איר, — צאַפּלט ער אויף אַן אויפגעברויזטער, — אַז איך בין שוין אַזאַ אָרעמאַן, וואָס כ׳האָב ניט בעיאַד נעמען אַ מענטשן, מע זאָל אויפראַמען?

— איך האַלט אײַך ניט פאַר קיין קאַפּצן.

— אָבער באַליידיקן ווילט איר מיך דאָך אויך ניט.

— זאָל גאָט אויסהיטן, וואָס רעדט איר?

— איז אָט, בעט איך אײַך, זײַט אַזויפיל גוט און שטעלט אוועק די באַרשט אַפן אָרט.

אַראַמינס געהערטע קאָל האָט די ווערבערן, פייגעלע פורמאַן, ניט איבערגעשראָקן.

— איך האָב ניט ליב, — קערעוועט דער אינוואַליד אויס דאָס פּאַנעם אין אַ זײַט, — ווען מע האָט אַף מיר ראַכמאָנעס... איר האָט אַנדערע, מער וויכטיקערע איניאָנים. אינוואַ־לידן, דאַנקען גאָט, איז פאַראַן אין שטאָט איבערגענוג. אַן אַגיטאַטאָר דאַרף זיך פאַרנעמען מיט זײַנע פליכטן. איר זײַט דאָך ניט געקומען צו מיר ווי אַן אויפראַמערן.

פייגעלע האָט זיך פון זײַנע רייד אַ ביסל פאַרלאָרן. עטלעכע היפּשע ווײַלעס איז זי געשטאַנען אינמיטן צימער אין פאַרלעגנהײַט, אַפילע עטוואָס צעכושט. איר ליבער צוגלעאָ־זנער שמייכל לאָזט ניט, מע זאָל ווערן אַף איר שטאַרק ברוגעז. אַראַמין קריכט פּאַמעלעך אַראָפּ פון בעט אַן אומצופרידענער, שפּאַרט זיך אַן אין דער מיליצע און איז גרייט, אָן קיינעמס הילף אַליין מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין שטוב. קודעם ציט ער אַראָפּ די קאָלדרע פון בעט, אָבער פייגעלע לאָזט ניט, ער זאָל זי אויסטרייסלען אין צימער.

— אַנו, גיט אַהער, — נעמט זי גיך בײַ אים איבער די קאָלדרע, — דאָס דאַזיקע שטיקל אַרבעט, זע איך, איז ניט פאַר אײַך. — און זי לאָזט זיך מיטן גאַנצן שווערלעכן צודעק צום דרויסנדיקן קאָרידאָרל.

אַראַמין רײַבט זיך דעם שטערן, זשמורעט די אויגן — אָט האָסטו דיר אַ נײַע אָנשיקעניש! כ׳האָב מוירע, אַז זי האָט זיך אָפּגענומען אונטערגענומען מאַכן אַן אָרדענונג. אָך, גאָט מײַנער, וועלכער טײַוול האָט עס זי אָנגעטראָגן?! בייס ער נעמט איבערוואַרפן דאָס מאַטראַצל, טוט זיך אַ הייב אויף אַ שטויב. אין איינע־צוויי מינוט ווערט דער צימער פול מיט אַ געדיכטן זויערן נעפּל. פייגעלע איז פּונקט אַרײַנגעקומען פון דרויסן מיט דער אויסגעטרייסלטער קאָלדרע.

— מאַמעלע מײַנע! — כאַפּט זי זיך פאַרן קאָפּ, — וואָס טוט זיך דאָ?! טוט נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַ העקדעש איר האָט געמאַכט. איצט וועט אויסקומען עפענען טיר־און־פענצטער. — קאַסט זי זיך. — אויב איר ווילט שוין מיר יאָ העלפן, — ווערט זי מילדער, — טוט, וואָס מע הייסט אײַך: פריער פון אַלץ וואַרפט אַרויס דאָס קויטיקע וועש פון דער מולטער. — זי מאַכט אַ פאָר טריט און פרעגט מיט זאָרג, — ס׳איז אײַך שווער זיך אָנצובייגן? וואַרט אַ ווײַלע, אָט רוק איך אײַך צו אַ בענקל. איצט וועט אײַך זײַן אַ סאַך באַקוועמער.

— באַקוועמער... — מאָסטעט ער זיך צו, אַן אָנגעסופּעטער, אַפּן ברעג בענקל און רוקט טיפער אַרײַן דעם קאָפּ אין דער מולטער, — בעסער... באַקוועמער... — וואָרטשעט ער, — ס׳איז מיר גאָרניט אַזוי באַקוועם.

אַראַמין האָט שוין ניט געקאָנט, און מער קיין כיישעק ניט געהאַט, אַרויסווײַזן אַקשאָנעס. דער ווידערשטאַנד זײַנער, פילט ער, האָט קיין זין ניט.

— איך ברײַרע האָט איר, — טוט זי שפּילעוודיק אַ נעם די הענט פיד באַקאָם, — געבן מיר אַ געט! — פון אירע פריילעכע צעשטראַלטע אויגן ווייעט מיט כײַנעוודיקער פאַרשײַט־קײַט. עפּעס דערמאָנט זי אים אין דער מינוט אַזויפיל היימלעכע פאַמיליען־וואַרעמקײַט, קרוי־ווישע נאָענטקײַט. ווי געדולדיק זי קאָן זײַן צו אַ מענטשן! וויפל מילדקײַט און צערטלעכקײַט פאַרמאָגט די דאָזיקע קליינינשקע פּרוי!

אַ שלאָל מיט געדאַנקען, איבערלעבונגען פון לאַנג פאַרגאַנגענעם טוען אַ שווים אַרויס פאַר די אויגן, און ער פילט, ווי עס כלינען אַרײַן אין הארצן ליבע וואַרעמע שטרעמעלעך פרייד. אַראַמין איז מאַמעש גערירט ביז טרערן פון די דאָזיקע זיכרוינעס.

פייגעלע פורמאַן האָט זיך לאַנג געוייסעקט באַם אינוואַליד, בײַ זײַן אָרעמלעכער, שטאַרק פאַרלאָזטער באַלעבאַטישקײַט. העכער אָנדערהאַלבן שאָ האָט געדויערט, ביז זי האָט סאָף־

קאַלסאָף געמאַכט אַ שטיקל אָרדענונג אין צימער. עס איז געוואָרן ריינער, ציכטיקער, ליכ־טיקער. ווען זי האָט געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן אופראַמען, האָט זי געבעטן באַ אַראַ־מינען אַ האַנטעך און איז אַרויס אָף דער קיך אײַנוואַשן זיך.

— דאָס ערשטע מאָל אין לעבן,— רעדט ער צו זיך אַליין,— זע איך אַזאַ אַגיטאַטאָרן. וואָס גייט עס איר אָן, צי באַ מיר אין צימער איז ריין צי אומריין? סאַראַ מאָדנער נעפעש!— אָבער ווײַטער האָט אַראַמין זיך ניט געקאָנט דערלויבן, ווי פריִער, אַרײַנוואַלגערן זיך מיטן אָנטאָן אין בעט. נאָך מער, זי האָט אים געצוואונגען, ער זאָל אַרויסציִען פונעם ריינעם וועש די געהעפטע בעט־דעק און זי פאַרשפּרייטן אָפן בעטגעוואַנט. ער געדענקט שוין ניט דעם טאָג, מוז ער זיך מודה זײַן, ווען עס זאָל זײַן אַזוי יאַמטעוודיק־ריין צוגעקליבן. די לופט אין זײַן צימער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע.

אַן אַרומגעוואַשענע, איז פייגעלע אַרײַנגעקומען מיטן האַנטעכל אָף די אַקסל. אירע אַנטבלויזטע הענט ביז די עלנבויגנס זײַנען געווען פולינקע און ווײַסע. גראָד איצט, אין איר אָנווזנהײַט, האָט ער זיך דערפילט אומבאַקוועם, וואָס ער איז ניט ראַזירט.

— דאָס שענסטע מיידל,— רופט זי אויס פריילעך אָף אַ קאָל,— וועט זיך אַצינד ניט שעמען אַרײַנקומען צו אײַך. פאַשעט אַ פאַרגעניגן! וואָס זאָגט איר, אַראַמין, ניט אַזוי?

ער האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן און שעמט זיך איר קוקן אין די אויגן.

— איך זאָג שוין איצט גאָרניט...— ענטפערט ער מיט אַ שטיל שמייכעלע.

— און איך וועל אײַך דאַפקע יאָ עפּעס זאָגן, אַראַמין,— נעמט זי זיך אָן מיט מוט.— יעדער מענטש, אַז ער וויל נאָר, קאָן ער שענער מאַכן זײַן אייגן לעבן,— פייגעלע מאַכט אַ פּאָר קליינע טריטעלעך נעענטער צו אים, דאָס געזיכט אירס איז פריש, לויטער, שמעקנדיק פונעם נאַרוואָס אײַנוואַשן זיך,— אַזוי איז אויך אָף דער אַרבעט, אַזוי איז אויך בייס מע באַגעגנט זיך מיט פרײַנט, און אויך, ווען מע בלײַבט אַליין אין שטוב. ווי קלערט איר, ניט אַזוי, אַראַמין? אַ מענטש דאַרף קאָנען געפינען פרייד אין יעטווידער קלייניקײַט. וועגן דעם איז פאַראַן זייער אַ שיין ווערטל: ניט דאָס לעבן מאַכט שיין דעם מענטשן, נאָר דער מענטש מאַכט שיין דאָס לעבן.

אומבאַמערקט פאַר דער אַגיטאַטאָרן האָט אַראַמין פאַרנומען דאָס ברייטע פאַנאַנדערגע־לאָזטע כאַקי־העמדל אונטערן סאָלדאַטישן רימען, פאַרגלעט מיט דער האַנט די צעשויבערטע האָר און געוואָלט כאַטש אַ ביסעלע באַ איר נויסע־כיין זײַן. זי האָט אַלץ געטײַנעט צו אים מיט האַרץ עמעסדיקע רייד, און ער איז געזעסן טאַמעוואַטע פאַרשעמט און געשוויגן. אַ געוויינלעכע אַרבעטער־פרוי, האָט ער דערבײַ געקלערט וועגן איר, איז אַרײַנגעקומען אין זײַן באַכערישער וווינונג און געבראַכט מיט זיך אַזויפיל פרייד... ווער איז זי אים? וואָס איז זי אים? ניט קיין קרויווע, ניט קיין באַקאַנטע, גלאַט אַזוי זיך אַ מענטש. ניט ווילנדיק האָט זיך באַ אים אַרויסגעכאַפּט:

— איר זײַט אַ זעלטענע פרוי...

זי איז געווען ביז גאָר גערירט פון זײַנע אופריכטיקע ליב־ווערטער.

— אַ דאַנק אײַך, אַראַמין, פאַר אַ גוט וואָרט. אָבער עס איז ווײַט ניט אַזוי. אַ גאַנץ געוויינלעכע, אַ פּאַשעטע און קיין צימעס פון מיר איז ניטאָ וואָס צו מאַכן.

פייגעלע בעט אים נאָר, זי וואָלט זייער וועלן, ער זאָל איר צוזאָגן, אַז ער וועט קומען אין אַגיטפּונקט און דורכפירן אַ שמועס וועגן דער פאַרטיידיקונג פון דער ברעסטער פעסטונג. ער איז דאָך געווען, אָף וויפל זי ווייסט, אָן אָנטיילנעמער אין יענע שלאַכטן.

— אויב איר וועט געבן אײַער האַסקאָמע, וועל איך אײַער אַרויסטרעטונג קאָנטאַקטירן מיט אונדזערע כאַווירים. ווערליק איך פאַרשטיי, האָט איר וועגן וואָס צו דערציילן די ווילער. דאָרט וועל איך אײַך באַקענען מיט זייער אַן איטערעסאַנטן מענטשן. ער איז אַ געוועזענער קאָמאַנדיר, איצט איז ער אַן אינזשעניער באַ אונדז אין צעך און אונדזער פאַרטאָרג.

ביכלאַל וואָלט אַראַמין זיך עפּשער ניט געכאַפּט גיין אַהין, פאַרפירן נײַע באַקאַנטשאַפט, נאָר אויב זי רעדט אים אַזוי צו...

— גיב איך אײַך מײַן וואָרט.

נאָך איר אוועקגיין האָט דער אינוואַליד געהאַט דאָס געפיל, אַז ניט נאָר אין צימער איז געוואָרן ריין, נאָר דאָס האַרץ זײַנס איז עפּעס ווי אָפּגעפרישט געוואָרן.

...שוין אַ צײַט ווי פייגעלעס וואָרט אַן אומרויִקע אָף אַראַמינען. פאַרוואָס איז ער ניט גע־קומען צו דער אָפּגערעדטער שאָ? דער אינוואַליד האָט דאָך איר געגעבן דאָס וואָרט. זאָל עס הייסן, אַז באַ אים איז יאָ צוגעזאָגט און ניט צוגעזאָגט אַלצײַנס. אָט איז דער אַלטיטש־קער נאַכמען־בער, אָף וועמען זי האָט זיך דאַפקע ווינציק וואָס גערעכט, יאָ געקומען געווירע

ווערן, צי מע האָט אים ריכטיק אַרײַנגעשריבן אין צעטל, וואָרעם אין פּאַספּאָרט שטייט ער מיט פיר נעמען: נאַכמען־בער מוישע־דאָוויד.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, זיידעניו? — נעמט פייגעלע דעם זיידן היימישלעך אונטערן אָרעם, — די לעבער האָט אײַך אַ ביסל אָפּגעלאָזט? גרינגער געוואָרן?

— דאַנקען גאָט. טאַקע אײַך, כאַוועריטע אַגיטאַטאָרקע, זוך איך דאָ.

דער ניט אינגאַנצן געזונטער זאָקן, נאַכמען־בער, איז געקומען אַהער צו פאַרבעטן פייגעלען צו זיך אַהיים אויף דער קליינינקער סימכע, וואָס זיי פּראַווען לעקאָוועד דעם אייניקל, וועלכער ענדיקט דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און פאָרט אויף לאַנג אַוועק אין די ווײַטע קאַלטע מעקוימעס.

שפּעטער איז פייגעלע געגאַנגען אָפּפירן דעם זיידן אַהיים. זי האָט אים צוגעזאָגט אומבאַדינגט קומען. ניין, ניין, קיין זאַך וועט זי ניט אָפּשטעלן. ווען עס זאָל ניט פאַרשטיין דער סעמינאַר פון די אַגיטאַטאָרס, וואָלט זי זיך געוויס אַרײַנגעכאַפּט צו אַראַמינען, בעמיילע גייט זי דורך פאַרבײַ זײַן טיר. עס פאַרדריסט איר אָפּן אינוואַליד — דער מענטש האָט דאָך איר גע־געבן דאָס וואָרט... און עפּשער, כאַפּט זי טייקעף צוריק, איז אים שווער גיין אַליין אָפּדערנאַכט?

אומגעקערט האָט זיך פייגעלע פאָרמאַן צוריק אין אַגיטפּונקט, ווען אין דרויסן האָט שוין גוט געטונקלט. פון אַ צײַט האָבן שוין געברענט דאָרט די עלעקטרישע לאָמפּן און יאָמטעוו־דיק־העל באַלויכטן אַ שטיק פון דער גאַס. שיטערע הײַפלעך מענטשן, ייִנגערע און עלטערע, זײַנען געשטאַנען לעבן ברייטן אַרײַנגאַנג. פייגעלע האָט אָנגעטראָפן אויף אייניקע באַקאַנטע פון דער פאַבריק. עמעצער פון אירע פרײַנט האָט אָפּאָנעם באַמערקט, ווי זי האָט אַזוי וואַזשנע, גאָר בעקאָוועדיק, געפירט דעם גרײַז־גרויען זיידן אונטערן אָרעם.

— געוויס אייגנער פון אונדזערע וועטעראַנען. מיסטאַמע דער עלטסטער פון דער גוואַרדיע וועבער?

זי האָט גוטמוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פון עפּעס גרויס האַנאָע געהאַט.

אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש בעליאַיעוו, אָנגעטאָן ווי געווייגלעך אין זײַן לאַנגן שוואַרץ־לעדערנעם מאַנטל, איז געשטאַנען מיט אַ ווירע אין דער האַנט איבער אַ פאַרביקער דיאַ־גראַמע און געשמועסט מיט אַ גרופּע מענטשן וועגן וווּקס פון אונדזער שווערער אינדוסטריע. פייגעלע האָט זיך ווי פאַרטײַעט הינטער זײַנע פּלייצעס. איר איז שטענדיק ליב און אָנגענעם הערן ווי ער רעדט.

באַ שמאָלע טישן, איבערגעצויגן מיט רויטן שטאָף, שטייען פּיל בלומען־טעפּ. מענטשן זײַנען געזעסן, פאַרטיפט איבער די צײַטלען, געמאַכט פייגעלעך, פינטעלעך, שטריכעלעך, און ווען מע האָט גאָר אינגאַנצן אויסגעמעקט, מאַכמעס דער ווײַלער מיט זײַן מישפּאָכע האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדער ראַיאָן, אָדער אַריבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. דאָס אַלץ האָט מען געמוזט באַצײַטנס פעסטשטעלן. באַ אַן אַנדער טיש, וואָס האָט געהאַט די פאָרם פון אַן עליפּס, האָבן די באַזוכער געבלעטערט צײַטונגען, בראָשורן, זשורנאַלן. ערגעץ־ווו זיצט מען אין אַ פאַרטײַעט ווינקל איבער אַ שאָך.

מיטאַמאָל האָבן זיך אַהער דערטראָגן קלאַנגען פון אַ באַיאַן. דער שכײנעסדיקער זאַל איז געווען פול מיט יונגוואַרג. זי האָט געוווּסט, פייגעלע: נאָך דעם, ווי אַלעקסאַנדער גרי־גאָריעוויטש וועט פאַרענדיקן דעם שמועס מיט דער קליינינטשקער גרופּע צוהערער, וועט זיך גלײַך אָנהייבן די באַראַטונג פון די אַגיטאַטאָרס.

פונעם היכן סופיט, דאָרט אין זאַל פאַר פּאַרווײַלונגען, הענגט אַראָפּ אַ ווונדערלעכע קיילעכיקע ליוסטרע, באַצירט מיט קרישטאָלענע הענגלעך ווײַנטרויבן. מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן לײַכט די עלעקטרישע שײַן דורך דעם געשליפענעם גלאָז. אויף טריט און שריט באַגעגענען זיך היימישע פּענעמער, נאָענטע, און ס׳איז גאָר קיין כידעש ניט, מאַכמעס סראָוו מענטשן זײַנען אַרבעטער פון איין פאַבריק.

מאַרינע מוכינאַ, איינע פון די בעסטע וועבערנס אין פייגעלעס צעך, האָט דערזען, ווי פייגעלע דרייט זיך אום ליידיק, אומבאַשעפטיקט, האָט זי איר גענומען שלעפּן אין גראַמען זאַל אַרײַן, ווו יונגוואַרג האָט פריילעך געטאַנצט.

— וואָס פאַר אַ טענצערן בין איך? לאָז מיך, מאַרינעטשקע, צורו.

סאָראַ הייסע צעגליטע אויגן באַ דער וווּקסיקער מאַרינען! דאָס מיידל איז ווי אַ שטיק קוועקזילבער, זי קאָן פּאַשעט ניט אײַנשטיין אויף קיין אָרט, מאַמעש דאָס בלוט קאָכט אין איר.

— קום, פייגעלע, קום, — בעט זי זיך באַ איר און שלעפּט זי פאַר אַ האַנט, — איין וואַלס, און שויך.

— אָך, מאַרינקע, ביסטו אַ פּריטשעפּע!

ווען פייגעלע זאָל פּלוצעם ניט געווען באַמערקן אַראַמינען, וואָלט זי זיכער מיט דער כּאַווערטע אַוועק אינעם וויכער־געדריי.

— אָ! — האָט פייגעלע, אַ דערפרייטע, אויסגעשריגן און, און איבעראַשטע, געלאָזט זיך אין זײַן זײַט, — אַראַמין! וואָס איז מיט אײַך געשען? נעכטן און אייערנעכטן האָב איך אָף אײַך אַרויסגעקוקט. געטראַכט גאָט ווייסט וואָס. מאַלע וואָס עס טרעפט מיט אַ מענטשן.

— דער טײַוול, מעגט איר זײַן רויק, וועט אַראַמינען ניט אויסכאַפּן.

דער אינוואַליד איז געווען אופגעלייגט. ער האָט אין אַ שפּאַס אַ פּיר געטאָן מיט דער רעכטער האַנט אין דער לופט, ווי אײנער רעדט: „ניט געווען, צום באַדויערן, קיין שום מעגלעכקײַט”.

— דאָקטוירים און ווײַבער פאַרמאַראַטשען דעם קאָפּ.

גאָר ניט ענלעך צו יענעם אַראַמין, וועלכן זי האָט געטראָפן אין אָפּגעלאָזטן צימער. אַן אַנדער מענטשן זעט פייגעלע פאַר זיך. אין אַגיטפּונקט איז דער אינוואַליד געקומען אַ רייַנער, אַ צוגעפּוצטער. דעמלט, ווען ער טוט אָן דעם פּראָטעז, קאָן ער, זעט אויס, זייער שיין זיך באַגיין אָן דער מיליצע. ס׳איז גענוג, ער זאָל זיך אָנשפּאַרן אינעם פּײַן־געשניצטן שטעקל מיט דער ביינערדיקער גאַלקע, קעדיי זיך פּילן פעסט אָף דער ערד. דער טונקל־בלויער גאַרניטער איז געלעגן אָף זײַן שטאַלטנער פיגור, ווי אויסגעגאָסן. דאָס פּאָנעם פריש־געגאָלט, באַהויכט מיט אַ גרינגן גערוך פון פּאַרפום.

— ווי אַ נײַנקע מאַטבייע, — קוועלט פייגעלע אָן, — מע קאָן אײַך ניט דערקענען, — באַטראַכט זי אים אַפּסניי פון אַלע זײַטן, — נו גיי זאָג, אַז איר זײַנט ניט קיין עמעסער כאַסן־באָכער? מאַלאַדיעץ! אָף מײַן וואָרט, אַ כוואַט. — עס האָט זי בעפּיירעש געפרייט, וואָס פאַר איר שטייט אַראַמין אַזאַ ווױלער, אַזאַ יאַמטעוודיקער. ווי נאָר מאַרינע מוכינאַ איז צוגעגאַנגען, האָט פייגעלע גלײַך זי באַקענט מיט אַראַמינען.

— מאַרינע מוכינאַ, — האָט יענע ליבלעך אַ שײַן געטאָן, פאַרנייגט עטוואָס דעם קאָפּ אין אַ זײַט און כיינעוודיק אַ גלאַנץ געגעבן מיט אירע טיפע, שוואַרצע אויגן.

— זייער אָנגענעם, — האָט אַראַמין העפלעך אָפּגעענטפערט.

מוכינאַ האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז מיט איר נײַעם באַקאַנטן וועט זי ניט קאָנען גיין טאַנצן. זי האָט טייקעף געפונען אַן אויסרייד און געבעטן אַנטשולדיקונג — מע וואַרט דאָרט אָף איר.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, — פירט אים פייגעלע אַוועק אין אַ זײַט, ווײַטער פונעם רוישיקן טומל, — בייס איך בין געווען בא אײַך דאָס ערשטע מאָל... איר וועט זיך אָף מיר ניט באַליידיקן? — האָט איר געהאַט גאָרניט קיין וואַזשנע אויסזען. און איצט שטיי איך און קוק — כאָטש שפּיגל זיך אין אײַך.

— דעמלט... — לאָזט ער ניט אָפּ דעם שפּאַסיקן טאָן, — דעמלט איז בא מיר געווען ניט קיין אָפּרו־טאָג.

זיי זײַנען ביידע אַרומגעגאַן איבער די גערוימע צימערן. אַראַמין האָט זיך אָף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די בילדער, פּלאַקאַטן, קינדער־געמעלן, וואָס זײַנען געהאַנגען אָף די ווענט. אופמערקזאַם באַטראַכט דעם פּאָטאָ־מאָנטאַזש פון דער געוואַנט־פאַבריק.

— כאַפּט אומיסטן אַ קוק אָף אָט דעם בילד, אַראַמין, — האָט פייגעלע אָנגעוויזן אין דער הייך מיט אַ פינגער. — אַזוי האָט אויסגעזען דער הויפּט־קאָרפּוס אין דרײַ־און־פערציקסטן יאָר, ווען מע האָט אָקאָרשט געהאַט באַפרייט די שטאָט.

— איך זע בלויז רויִנען.

— ריכטיק. און אָט איז אַ גרופּע קינדער אין גרויסע פוישטן אָף אַ באַרג מיט ציגל. קימאַט אַלע טראָגן זיי טראַנטעס פון דערוואַקסענע. איר וואָלט זיי שוין הײַנט ניט דערקענט, — גרויסט זיך פייגעלע, — איצט זײַנען זיי די סאַמע פאָרויסגעשריטענע אָף אונדזער פאַבריק. לינקס און רעכטס וואַלגערן זיך טיילן פון מאַשינעס אָף די כורועס...

אַראַמין קוקט זיך טיפער אײַן אין אײנער אַ פּאָטאָ:

— עפּעס, דוכט מיר, אַ קענטלעך פּאָנעם. ווער איז עס? — פרעגט ער נײַגעריק אַפּן פּאָרטרעט פון אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטשן, וועלכער איז געווען פּאָטאָגראַפירט אין אַ קורץ שעפּסן פּעלצל, אַפּן קאָפּ — אַ קובאַנקע, דאָס לענגלעך פּאָנעם אויסגעמאָגערט, ווי נאָך אַ שווערער קרענק.

— אָט מיט דעם מענטשן, אָף וועלכן איר האָט זיך צופעליק אָנגעשטויסן, האָב איך אײַך טאַקע געוואָלט באַקענען. — זי האָט אַ טראָט געגעבן הינטערווײַלעכס און ווײַטער דער־קלערט, — גלײַך פונעם שפּיטאָל, נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, איז ער געקומען צו אונדז אָף דער פאַבריק. דאָס איז אונדזער אינזשעניער אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש בעליאַיעוו.

— בעליאַיעוו?

— בעליאיעוו.

— עס קאָן ניט זײַן. ווונדער איבער ווונדער! — באַ אראַמינען האָבן די העלע ברעמען זיך אופגעהויבן צום שטערן. דאָס פּאָנעם האָט זיך גמינעט מיט קאָלערליי פאַרבן, ביז ס'איז שטאַרק בלייך געוואָרן. עפּעס האָט אראַמין זיך מאָדנע א וואַקל געטאָן, און דאָס שטעקעלע מיט דער ווײַסער גאָלקע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זײַן האַנט.

— וואָס איז מיט אײַך, אראַמין?

— סאַשע! — האָט ער א געשריי געטאָן ניט מיט זײַן קאָל. — סאַשע!

— באַרויִקט זיך, אראַמין.

— זאָגט מיר, טײַערע, איך בעט אײַך, ווו ווווינט ער? ווען ער, סאַשע, זאָל, אַשטייגער, וויסן, אַז איך געפין זיך דאָ אין שטאָט א לעבעדיקער... זאָגט, ליבינקע, ווו זעט מען אים?

פּייגעלע איז געוואָרן נאָך מער צעטומלט, איידער דער אינוואַליד.

און דאָ איז גלײַך אפן אָרט געשאַפן געוואָרן א רעדל אַרום זיי ביידן.

קיין סאַך צײַט האָט ניט געדויערט, ווי עס איז אונטערגעקומען אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש.

— וואָס איז געשען, קליינטשקע? — פרעגט ער באַ פּייגעלען.

בעליאיעווס שטרענגע רויִקייט האָט אָנגעשטעקט די דערבײַ שטייענדיקע מענטשן. מאַכמעס זײַן צו היכן וווּקס, האָט דער אינזשעניער בעליאיעוו דעם קאָפּ געהאַלטן א ביסעלע אַראָפּגעבויגן.

— כאָוער בעליאיעוו, איר זײַט געקומען צו דער סאַמע רעכטער צײַט, — האָט פּייגעלע, אַן איבעראַשטע, זיך א ריס געגעבן אין זײַן זײַט, — כאַפּט א קוק, ווער עס שטייט פאַר אײַך?

— וואַרט נאָר, וואַרט, — האָט ער לעכאַטכילע זיך פאַרלוירן און עפּעס געבליבן ווי מעוווּלוול, — ניט שוין זשע?.. — דערנאָך, ווערנדיק מאַמעש פריטשמעליעט, זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַרן קאָפּ, — פּאַוועל... פּאַוולושע... אראַמין!

מע האָט זיך אײנער דעם אַנדערן געוואָרפן אפן האַלדז, געקושט זיך און געוויינט, און נאָכאַמאָל פעסט געדריקט זיך אין די אָרעמס. דער אַרומיקער אוילעם האָט ניט נאָר געגאַפט, נאָר אויך געפרייט זיך מיט דער אומגעריכטער באַגעגעניש.

באַ אראַמינען האָט זיך אַזש דאָס קאָל געבראָכן. ער האָט אי געוויינט, אי געלאַכט, געמאַכט מעשונע־ווילדע האַוועס פאַר גרויס סימכע.

— אָ, סאַשע האַרציקער, ברודער מײַנער! ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן?!

מע האָט די צוויי פרײַנט פאַרבעטן אין אַן אַנדער צימער, ווו עס זײַנען געווען וויניציקער מענטשן.

באַ פּייגעלען איז דאָס האַרץ געווען פול מיט טײַנע און איינצײַטיק אויך מיט א צומיש פון זיסן ווייטאָק. צוויי נאָענטע כאַווייִרים האָבן זיך באַגעגנט. מיסטאָמע איז די געשיכטע זייער ענלעך אַף טויזנטער אַנדערע געשיכטעס — צוזאַמען דורכגעמאַכט די שווערע בלוטיקע מילכאָמע, איינעם געווען איינעם סאַמע קאָלך־אַוויון... און עס שווימט אויף פאַר אירע אויגן איר מאַן...

— אָט ווער ס'איז דער שולדיקער פון צאַרטקײַט אָנגענומען פּייגעלעס וואַרעמע האַנט, — האָט אראַמין מיט צאַרטקײַט אָנגענומען פּייגעלעס וואַרעמע האַנט, — דאָס האָט זי, די אַגיטאַטאָרן, געוואָלט באַקענען מיך מיט איינעם אַן אינטערעסאַנטן מענטשן — מיט דיר, הייסט עס, סאַשע. האַ, ווי געפעלט עס דיר? שאַ, איך וועל דיר נאָך עפּעס טשיקאַוועס דערציילן וועגן דער אַקטיווער וועבערן, נאָר... עס וועט אויסקומען אָפּלייגן אַף א צווייט מאָל. איין וואָרט מוז איך יאָ זאָגן: א זעלטענע נעשאָמע!

די גאַנצע צײַט האָט אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון זײַן געפונענעם פרײַנט. וויאַזוי אָט דער מענטש איז געבליבן לעבן, שטעלט ער זיך גאָרניט פאָר. אין אַלע צעטלען, ווו עס איז געווען דערמאָנט זײַן נאָמען, איז געשטאַנען דײַטלעך קלאָר — „העלדיש אומגעקומען פאַרן היימלאַנד".

זיי זײַנען ביידע געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, דערמאָנט פיל עפּיזאָדן פון דעם געמיינזאַמען פראָנט־לעבן, און זי, דאָס קליינע פרויעלע פּייגעלע פורמאַן, איז געזעסן דערנעבן, צוגעשטילט, פאַרקלערט און די גאַנצע צײַט אַזוי קלאָר געזען דעם מאַן איִרן, נאָכמענען, איינעם מיט די דאָזיקע צוויי גוטע פרײַנט.

העשל ראַבינקאָוו

• איבערגעלאָזט אַן אָנדענק •

איר זאָגט — דער געדאנק איז ניט קיין נײַער. יאָ, ניט קיין נײַער, אָבער א ריכטיקער: יעדער מענטש דארף לאָזן נאָך זיך עפּעס אַן אָנדענק. א גוטן אָנדענק. מײַנע מיטפאָרער אף דער שיף „סעלענגא”, מיט וועלכער מיר האָבן זיך אומגעקערט פון סאכאלין — די סטודענטן פונעם בוי־אָטריאד, האָבן געזאָגט, אז זיי האָבן אופגעשטעלט אף קאמטשאטקע א נײַע שול־געבײַדע; די צוויי יונגע ליטווישע מאָנומענטאליסטן האָבן דערציילט, אז זיי האָבן אף געזעלשאפטלעכע יעסוידעס א ראַיאָניש קולטור־הויז באַפּוצט מיט מאָזאיִק, און איך, איך, אויב איר ווילט, האָב אויך איבערגעלאָזט אַן אָנדענק, אלנפאלס — בא די פרויען פון אײנעם א ניט גרויסן ייִשעוו פון יאמלײַט אף סאכאלין, אפן סאמע ברעג פון דעם שטילן אָקעאַן.

געוועזן איז עס אזוי:

הײַנטיקן זומער בין איך געפלויגן צוגאסט אף סאכאלין צו מײַן זון וועניען. ס'איז געוועזן אין יון. דאָס אינדזל האָט אונדז באַגעגנט מיט טיף־בלויע הייסע הימלען, מיט וועלכע די קאווקאזער און קרימער קוראָרטן וואָלטן זיך ניט פארשעמט. אינעם אעראָפּאָרט האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט מיט זײַן מאשין וועניע, און מיר זײַנען אוועקגעפאָרן אין נעוועלסקאָיע — א שטיל ייִשעוול מיט ברייטע אספאלטירטע, געדיכט באַגרינטע גאסן.

אינאָוונט האָט זיך אומגעקערט פון אַן עקספּעדיציע וועניעס פרוי וועראָניקע מיט א גאנצער כאָפּטע באַבערדלטע יונגעלײַטלעך — געאָלאָגן און געאָפיזיקער. זי אליין איז א ווולקאנאָלאָג. א לעדערנער העלם, א קורטקע, רעטוזן, קראגן און שיך פון אסבעסט. אין אָט דעם אָנטאָן איז זי געווען ענלעך אף א ייִנגל.

וועניע און ווערAָניקע האָבן באַשטימט מאכן א ליאמע לעקאָוועד מײַן קומען און אויך טאקע אָפּמערקן וועניעס נײַע נאָמינאציע: ביז דעם יאָר איז ער געווען א „סטארפּאָם”, און דאָ ניט לאנג, א פּאָר טעג פאר מײַן קומען, האָט מען אים ארויסגערופן אין דער יאם־פארוואלטונג און פאָרגעלייגט איבערנעמען א שיף.

זונטיק אינדערפרי האָט ווערAָניקע צוזאמען מיט נאָך עטלעכע שכײנעס זיך געפּאָרעט אין קיך, געגרייט דעם יאָמטעוודיקן וואַרמעס. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א יאפּאָניש רויט סוויטערל מיט שווארצע בלומען און אין שווארצע שמאָלע ספּאָרט־הויזן. די שכײנעס אירע — אײנע אַן עכט רוסישע שיינהײַט, א הויכע, מיט בלאָנדע גראָבע און לאנגע צעפּ און מיט קאָרנבלימיקע אויגן — א קייסערינ֫יע; די צווייטע, ווײַזט אויס, אַן אָרטיק געבוירטיקע מיט שמאָלע לענגלעכע אויגן, און די דריטע מיט א פויגלשן פּראָפיל, מיט א קירפּאט נעזל, א לאכערן און א פלאַפּלערן. זי איז געווען נאכלעסיק פארקעמט „אליא פינסקי מאלטשיק” — „א ייִנגל פון פינלאנד”, און דאָס האָט לאכלוטן ניט געפּאסט צו איר פּאָנעם. די איבעריקע פרויען זײַנען געווען פארקעמט אף איין און דעם זעלבן אויפן: אַן אופגעפּוישט סטויגעלע. איך האָב ארויסגענומען מײַן בלאָקנאָט און לויט דער געווינהײַט אָנגעוואָרפן עטלעכע עסקיזן פון פרויען־פריזורן. ווען ווערAָניקע איז נאָך עפּעס ארויס פון קיך, האָב איך זי צוגערופן:

— וואָס, אשטייגער, פון מײַנע געמעלן וואָלסטו אויסגעקליבן?

— פרעכטיק! — האָט זי געזאָגט, — ווײַבער, קומט אהער!

די שכײנעס זײַנען צוגעקומען אײנע נאָך דער אנדערער און גענומען באַטראכטן די געמעלן.

די רוסישע שיינהײַט האָט זיך אויסגעקליבן אַן עסקיז, ארויסווײַזנדיק דערבײַ א גוטן געשמאק.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — אָבער אלבערט וועט דאָס ניט מאכן!

— אויב ס'געפעלט, — האָב איך זיך געווענדט צו די פרויען, — מאך איך אײַך צו דער הײַנטיקער ליאמע אזעלכע נײַמאָדישע פריזורן. שטעלט זיך צו מיר אין דער ריי...

געוויס, שטויסט איר זיך שוין אָן, ווער איך בין לויט דער פּראָפעסיע. איך בין א דאמען־מײַסטער פון ערשטן קלאס, א פּאסטיזשאָר. איצט בין איך שוין אף פּענסיע, אָבער בא די פרויען פון אונדזער שטאָט, וועמענס קעפּ איך האָב אין פארלויף פון יאָרצענדליקער באַפּוצט מיט מײַנע פריזורן, בין איך נאָך אלץ א פּאָפּולערע פּערזאָן.

אז מע האָט בא אונדז געעפנט א „שיינהײַט”־סאלאָן פון דער העכסטער קאטעגאָריע,

איז מען דעם ערשטן געקומען אײַנלאַדן מיך צו ארבעטן דאָרט. איך האָב אָבער געזאָגט, אז אין אזא אָרט דארפן ארבעטן יונגע. עמעס, ס׳פארבענקט זיך אמאָל נאָך דער יאָמטעוודיקער עלעקטרישער טאָג־ליכט, נאָכן זילבערפארביקן ניקל־גלאנץ פון דער אפאראטור. נאָך דער גאנצער ווונדערלעכער אטמאָספער, ווו מע מאכט דעם מענטשן יונג און שיין.

אינאָוונט האָט זיך בא וועניען צונויפגעקליבן א היפשער אוילעם — יאמלײַט מיט זייערע פרויען, באבערדלטע יונגעלײַטלעך — וועראָניקעס כעווורע, יונגע קורסאנטן פון דער היגער „מאָרעכאָדקע”, ווו וועניע האָט זיך אמאָל געלערנט, איינער א הויכער מאַן מיט שטעכיקע אויגן און הארטע גרויע וואָנצן, אויך אין א יאם־קיטעל מיט אופלאגן אף די ארבל. וועניע — א קרעפטיק־פלייציקער, עטוואָס א פולבלעכער פאר זײַנע זעקס און דרײַסיק יאָר, האָט אין פאראדנעם יאם־אָנצוג אויסגעזען ביז גאָר וואזשנע. וועראָניקע מיט אירע לײַט האָבן גלײַך געשאפן א קרײַזל און גענומען אמפערן זיך וועגן זייערע לאוועס און קראטערס. וועניען האָבן ארומגערינגלט יונגע קורסאנטן. ער האָט זיי דערציילט וועגן זײַן לעצטן רייס, וואָס האָט געדויערט עטלעכע כאָדאָשים. „שוימען איז אויסגעקומען אין אויסערסט שווערע באדינגונגען, אָן אן אײַזשפאלטער”... די קורסאנטן האָבן אים געהערט מיט ברענענדיקע אויגן. יעדערער האָט זיך שוין מיסטאמע געזען אף אזא שיף אין ווײַטע יאמען.

דער באיאָרטער מאַן מיט די שטעכיקע אויגן האָט זיך צוגעזעצט צו מיר און גלײַך אריבער אף „דו”. איך האָב זיך דערוווסט, אז אין דער יאם־פארוואלטונג האָט מען אים שטארק גערייוודעט: שטעל דיר פאָר, דאָס גאנצע לעבן אָפגעשווומען אלס קאפיטאן פון ווײַטע רייסן. אלעמאָל איבערגעשטיגן דעם פלאַן. פרעמיעס. און אף דער עלטער מאכט מען דיך פאר א פאָרטאָוון „שטשור” מיט א שיינעם נאָמען „קאפיטאן־אינספעקטאָר”... וואָס דאָס איז פאר א באליידיקונג, האָב איך, דעם עמעס געזאָגט, ניט אינגאנצן פארשטאנען, נאָר אף יעדן פאַל מיטפילנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און דו ווער ביסט? — האָט ער זיך דערקונדיקט.

— א פאריקמאכער.

אין דעם אלטנס אויגן איז דורכגעלאָפן א פריילעך אָפּשפּעטעריש בליצל: — „סטריזשקא — בריזשקא”. — ער האָט אפילע אן ארבעט געטאָן מיט צוויי פינגער, ווי מיט א שערל. און אז איך האָב געוויער דערקלערט, מיט וואָס, אייגנטלעך, איך פארנעם זיך, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אן אָפענעם פאָרוווּרף.

— איז מיט דעם האָט עס צו טאָן א זעלבשטענדיקער מאנצבל! מיט ווײַבערשע האָר! זײַ מויכל פאר א בייז וואָרט... אָט א זון האָסטו א געראָטענעם. געשווומען בא מיר אלס שטורמאַן אף „ארמאווויר”, און א ווײַבעלע האָט ער אראָפּגעכאפּט, דארף איך דיר זאָגן — א כוואַט. אָט טו אף איר א קוק!

וועראָניקע אין איר לאנגער הימל־בלויער קלייד, מיט דער נײַמאָדישער פריזור, איז בעמעס געווען גרויסשטאָטיש עפעקטפול. זי און אירע שכיינעס האָבן זיך אויסגעטיילט פון די איבעריקע פרויען און ארויסגערופן בא זיי קינע: ווער האָט עס געמאכט זיי אזוי שיין? וועראָניקע מיט אירע שכיינעס האָבן אָבער מיט שעלמיש שײַנענדיקע אויגן געשוויגן.

ווי איר ווייסט, זײַנען אָבער קיין סוידעס ניטאָ, באזונדערס בא פרויען. וועראָניקעס באקאנטע, פון די מער פראנטישע, האָבן זיך גלײַך א וואָרף געטאָן צו איר נאָך א פראָטעקציע צו מיר.

— ווײַבער, — האָט זי מיט זיי אײַנגעטײַנעט, — ווי וואגט איר גאָר צו טרוימען וועגן דעם? בעטן אן אלטן בעקאָוועדיקן מענטשן פארקעמען אײַערע נארישע קעפּ! גייט צו אלבערטן!

דאָס זײַנען אָבער געווען אלץ יונגע, כייינעוודיקע ווײַבלעך, וואָס אליין גאָט האָט געהייסן פארפּוצן זייערע שיינע קעפּלעך מיט הײַנטמאָדישע פריזורן.

צוערשט האָט מען געפּרווּט אומבאמערקט (ווי אמאָל דעם דאָקטער פאר א וויזיט) איבערלאָזן אפן טישל האָנאָראר אין א קאָנווערט. און אז איך פלעג עס אומקערן צוריק, האָבן זיך מײַנע קליענטקעס געפילט ניט גאָר באקוועם און זיך פארענטפערט:

— ס׳איז דאָך עמעסע קונסט, לאזאר סאָוועליעוויטש!

איך פלעג ענטפערן:

— א דאנק פארן קאָמפּלימענט. דאָס איז אײַך פון מיר א מאַטאָנע.

איינע א בלוי־אויגיקע יונגע פרוי, וועלכער כ׳האָב געמאכט א „גאוורָאָש”, האָט אזש היספײַלעסדיק אויסגערופן:

— בא אלבערטן איז די קישקע צו דין! „אלבערט”, „אלבערט”... שוין עטלעכע מאָל האָב איך געהערט אָט דעם נאָמען. איך האָב זיך דערוווסט, אז זײַן פאמיליע איז ברענער. ער איז דער הויפּט־מײַסטער פון דעם היגן סאַלאָן. אָט דער אלבערט גיט זיך ארויס אלס מאָדעליסט פון דער העכסטער קוואליפיקאציע. ער האָט געארבעט אין אָדעס אין א קאָסמעטישן אינסטיטוט. אינדערעמעסן האָט מען אָבער גערעדט, אז ער איז א גאנץ איינפאכער צירולניק, געקומען אהער, אף סאכאלין, נאָך א לאנגן רובל און זיך אויסגעגעבן פאר א דאמען־מײַסטער.

פאריקמאכערס זײַנען פריילעכע, קאָמפּאַניישע לײַט, ווי אקטיאָרן. צווישן זיי וועט איר טרעפן ווייניק מאָרעשכוירעניקעס, וואָס זאָלן טאָן זייער ארבעט, און דערבײַ אָנגעכמורעט שווײַגן. זיי האָבן ליב א וויץ, א שארף וואָרט, א רעכילעסל. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זיך צווישן וועניעס יאמלײַט פארבענקט נאָך מײַן בראנזשע און ס׳האָט זיך מיר פארוואָלט ארײַנגיין אין דער היגער שערערײַ, באקענען

זיך מיט אָט דעם אַלבערט און מיט די אַנדערע מײַסטערס.

די שערערײַ איז באַשטאַנען פון צוויי ניט־גרויסע זאַלן, איבערגעטיילט מיט אַ היפּשלעכן וואָרט־צימער. אין דעם פאַרגאָסענעם מיט עלעקטרישער טאָג־ליכט זאַל האָבן בײַ די פאָטעלן געאַרבעט פינף אָדער זעקס יונגע פרויען. באַגעגנט האָט מיך אַ הויכער ברונעט פון אַ יאָר פערציק, אָדער עפּעס מער. גאָלדענע ציין. אין זײַן בלאַנקענדיקן קרוכלען כאַלאַט, מיט זײַן מײַעסטעטישער ניטצוטריטלעכקײַט האָט ער געהאַט דעם אויסזען פון אַ שטרענגן כירורג. דאָס איז געווען אַליין אַלבערט. אַלבערט ברענער. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף מיר נאָר איין זײַטיקן בליק:

— דער מאַנצבלשער זאַל — אַנטקעגן.

איך האָב זיך אים פאָרגעשטעלט.

— זייער אָנגענעם, — האָט ער ניט איבעריקס פרײַנטלעך אַרויסגערעדט, — וואָס האָט איר געוואָלט?

— איך בין אַרײַן זיך באַקענען מיט קאָלעגן. אַ קוק טאָן, ווי זיי אַרבעטן, זייער סטיל, איבערנעמען עפּעס נײַס.

ער האָט מיך אָנגעקוקט עטוואָס איראָניש:

— הם... סטיל... נײַס... איר זײַט שוין מיסטאָמע אויף פּענסיע?

— יאָ, אויף פּענסיע.

— אַ קליינע פּענסיע, האַ? געקומען אויף צאַפּן זי העכערן?

— די פּענסיע איז אַ גוטע.

— וואָס זשע זוכט איר נײַס, סטיל? איך אויף פּענסיע, הע־הע, וועל שוין געפינען עפּעס פרײַלעכערס מיט וואָס זיך פאַרנעמען.

אין פאָטעל בײַ אים איז געזעסן אַ יונגע פרוי מיט געדיכטע גאָלדפאַרביקע האָר. ער האָט גלײַך ווי פאַרגעסן אין מײַן אָנוועזנהײַט און גענומען איר דערציילן קאָמישע געשיכטעס וועגן זײַנע באַקאַנטע אָדעסער אַקטיאָרן און אַקטריסעס, באַזונדערס וועגן וואָדיאַנאָי, מיט וועלכן ער איז ביז גאָר שטאַרק באַפרײַנדעט. די גרויסע אָדעסער מײַסטערס לעאָ מירסקי און גליעב סווידערסקי, האָט ער דערציילט, האָבן אים געזאָגט: אַלבערט, פאָר זיך דורך אויף אַ פּאָר יאָר קיין סאַכאַלין, קאַמטשאַטקע, אויף די קורילן, נעם שעפּטום און זע אַ וועלט. נאָר אָדעס איז אָדעס...

זעצן זיך האָט מיר קיינער ניט געבעטן, בין איך געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו אַלבערטס אַרבעט. אַ שאַר אַרויף די האָר אין אָן אויפגעפּוצט סטויגעלע, און פאַרטיק. די אַרבעט איז געווען פּרימיטיוו, אָן פאַנטאַזיע, אָן אַ געדאַנק. בײַ די מיידלעך האָט עס געהאַלטן נאָך ערגער. עטלעכע מאָל האָט זיך מיר פּאָשעט געוואָלט אַוועקנעמען בײַ דער אָדער יענער דעם אינסטרומענט און אויסלייגן ווי מע דאַרף און וווּהין מע דאַרף די ליניע פונעם לאַק. וויסנדיק אָבער די אַמביציע פון מײַסטערס, באַזונדערס פון ניט גאָר וואַזשנע, האָב איך זיך באַנוגנט מיט עטלעכע פאַרזיכטיקע באַמערקונגען. אַלבערט האָט מיך מיט איראָנישער העפלעכקײַט אויסגעהערט און געזאָגט, אַז אייצעגעבער און קריטיקער האָט ער שוין אויף זײַן לעבן געזען אַ סאַך. די צאָרע איז אָבער, וואָס ווי נאָר די קריטיקער שטעלן זיך אַליין צום פאָטעל...

— איר זײַט גערעכט, — בין איך מיט אים מאַסקים געווען, — ניט אַלעמאָל איז דער, וואָס קריטיקירט, אַ מײַסטער. נאָר צו וואָס די רייד? לאָמיר מיט אײַך ווײַזן די מיידלעך, וואָס הייסט אַ ראַיעל שטיקל אַרבעט.

איך האָב באַוויזן מײַנע עטלעכע עסקיזן. אונדזער געשפּרעך האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די אַרומיקע. אַלבערט האָט, אַפּאָנעם, אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳לוינט אים ניט דער גאַנצער איניען — זיך פאַרמעסטן מיט מיר פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— דאָ איז ניט קיין קאָנקורס פון פאַבריקמאַכערס, — האָט ער, שמייכלענדיק מיט זײַנע גאָלדענע ציין, לאַנגזאַם אַרויסגערעדט. בײַ די מיידלעך אָבער האָט מײַן פאָרשלאָג אַרויסגערופן אינטערעס. זיי האָבן זיך גענומען אַמפּערן מיט אַלבערטן: זיי ווילן אַ קוק טאָן קוואַליפיצירטע אַרבעט... איך ווייס ניט, מיט וואָס וואָלט זיך עס געענדיקט, נאָר דאָ איז פון אַ זײַטיק צימערל אַרויס אַ מיטליאָריקע וווּקסיקע פרוי, באַשיידן פאַרקעמט, אין שוואַרצע זומערדיקע ברילן — די פאַרוואַלטערן מיט דער שערערײַ. זי האָט אונדז מיט נײַגער אָנגעקוקט.

— אָט אָ־דער בירגער, — האָט אַלבערט מיט אַן איראָנישן שמייכל איר מיטגעטיילט, — זאָגט, אַז ער איז אַ מאָדעליסט און וויל אונדז, פּראָווינציאַלן, ווײַזן אַרבעט עקסטראַ־קלאַס...

די פאַרוואַלטערן האָט אויך אַ שמייכל געטאָן, נאָר פרײַנטלעך, און צו מיר:

— אויב איר האָט גאָרניט קעגן, — האָט זי געזאָגט, — וועל איך זײַן אײַער קליענטקע.

זי האָט אַרויסגעטראָגן פון איר צימערל אַ פרישן בלענדיק־ווײַסן כאַלאַט און זיך געזעצט אין אַ פרײַען פאָטעל פאַרן שפּיגל. האָר זײַנען בײַ איר געווען פּעכיק־שוואַרצע, געדיכטע. די הויט פונעם פּאָנעם — אַ סאַמעטדיק אָפּגעברענטע, מיסטאָמע שטאַמט זי ערגעץ פון דאָרעם. קורץ, ווי מע זאָגט בײַ אונדז, אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל. איבער דער שערערײַ האָט זיך גיך צעטראָגן די ידיעה, אַז אינעם דאַמען־זאַל קומט פאָר עפּעס טשיקאַוועס, און ס׳זײַנען אַרײַנגעקומען אויך די פאַבריקמאַכערס פונעם מאַנצבלשן זאַל.

מיר האָבן די פּילצאָליקע נײַגעריקע בליקן ניט געשטערט. פאַרקערט, לאַנג שוין האָב איך ניט געפילט אַזאַ ווירטואָזישע לײַכטקײַט אין די הענט, אינעם אינסטרומענט, אַזאַ געהויבענע שטימונג. דעם צושטאַנד האָט מען געקאָנט באַצייכענען בלויז מיט וואָרט־באַגײַסטערונג. די הענט האָבן אַליין געשוועבט און געקישעפט איבערן קאָפּ פון דער פרוי. אַלבערט איז דעמאָנסטראַטיוו אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט. אַז כ׳האָב פאַרענדיקט די אַרבעט און די פאַרוואַלטערן האָט זיך אויפגעהויבן פונעם פאָטעל, האָט זי אַ

לענגערע ווײַלע זיך ניט געקאָנט צעשיידן מיטן שפּיגל: פון דאָרט האָט אַף איר געקוקט א יונג געוואָרענע פרוי. יעדער אויסגעלייגטער פּאס האָר, יעדע ליניע, די גאנצע קאָמפּאָזיציע פון דער פריזור האָט אונטערגעשטראָכן די פאָרם פונעם קאָפּ, די אויסדריקלעך געוואָרענע געזיכט־שטריכן, דעם צאַרטן האלבקײַלעך פונעם פּאָנעם, די לענגלעכע גרויע אויגן. די פּאַרוואַלטערן האָט מיט א לײַכטן שוועבנדיקן טראָט טריומפאל דורכגעטראָגן מײַן פריזור איבערן זאל. ס׳האָבן זיך דערהערט אפּלאָדיסמענטן. און דאָ איז פאָרגעקומען אומדערוואַרטס: איך האָב זיך ניט באוויזן ארומקוקן, ווי אין פאָטעל בא מיר איז שוין געזעסן א יונגע פרוי, וועלכע האָט ניט אנדערש געוואָלט, איך זאָל איר מאכן א פריזור לויט מײַן געשמאק: זי דארף הײַנט גיין אף א כאסענע. ווען איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איר, האָט זיך גלײַך געזעצט נאָך איינע. פארגעסנדיק אין אלץ־מיטאנאנדער, האָב איך אזוי אָפּגעארבעט ביזן סאָף טאָג.

אלבערט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איר זוכט נײַע פאָרמעס... פּענסיאָנערן קאָנען זיך פארגינען אזא לוקסוס—„זוכן”, זי איז אָבער א פּאָשעטער פאַריקמאכער, וואָס דארף אויספילן דעם פּלאַן, אניט וועט זי פארדינען וואַסער אף קאשע. אויסער דעם, שיינקײַט, זאָגט איר. ס׳זײַנען שוין פאראן אָבער אזויפיל פאַרטיקע מאָדעלן פון עמעסע מײַסטערס (א שטאָך אין מײַן זײַט), אז מע דארף ניט זוכן. ארבעטן, ארבעטן דארף מען!

נו, יאָ. פאר אזעלכע, ווי אלבערט, איז אלץ אנטדעקט און אלץ געפונען.

איך האָב זיך שוין געקליבן געזעגענען און אוועקגיין, נאָר די פארוואלטערן האָט מיך פארבעטן צו זיך אין קאבינעט און גענומען מיך אײַנריידן בלײַבן ארבעטן בא זיי. די פּענסיע וועט דאָך פארהיט!

— איך וואָלט עס גערן געטאָן, — האָב איך געזאָגט, — נאָר איך וויל זיך ניט צעשיידן מיט מײַן שטאָט.

— א שאָד, א שאָד, — האָט זי באדויערט. — מיר האָבן דאָ ניט קיין איין רעכטן מײַסטער. אלבערט? — זי האָט מיט גרינגשעצונג א מאך געטאָן מיט דער האנט.

טאקע דעמלט, בייס יענעם שמועס, איז בא מיר אופגעקומען דער געדאנק.

— וואַרט, — האָב איך געזאָגט דער פאַרוואלטערן, — לאדט אײַן, ביטע, אהער אײַערע מיידלעך.

אינגיכן איז דאָס ענגע צימערל פארפולט געוואָרן מיט שלאנקע פיגורן אין ווײַסע כאַלאטן. די מיידלעך האָבן מיט נײַגער געוואַרט, וואָס איך וועל זיי זאָגן, און איך האָב זיך צו זיי געווענדט מיט אזעלכע ווערטער:

— מיידלעך, אונדזער פּראָפעסיע איז א נאָבעלע פּראָפעסיע און מע קאָן מיט איר שטאָלצירן. אײַך דארף מען דאָך ניט דערציילן, וואָס פאר א באטײַט ס׳האָט א שיינע פריזור פאר א פרויען־קאָפּ. מיר מיט אײַך זײַנען בארופן מיט אונדזערע הענט מאכן מענטשן שיין און יונג, נאָר צוליב דעם דארף מען א סאך קענען און א סאך וויסן, און דעריקער ניט באנוגענען זיך מיט דעם, וואָס מע קען שוין, נאָר זוכן נײַס. איז אָט, פון דעם מאָרגעדיקן טאָג הייבן מיר זיך אָן מיט אײַך צו לערנען...

אלבערטן האָט מײַן פאָרשלאָג, ווײַזט אויס, ניט אײַנגעאָרדנט. ער האָט אין אים אײַנגעזען א פארמינערונג פון זײַן אווטאָריטעט און רעפּוטאציע. איך האָב געהערט, ווי ער האָט עמעצן אין זאל געזאָגט:

— וויפל רעכנט עס דער אלטער א ריס טאָן פון אזא געשעפטל?

צווישן די מיידלעך זײַנען געווען עטלעכע מיט אן ארטיסטיש אָדערל, מיט פאנטאזיע, מיט געפיל פאר סטיל. פאר דער צײַט, וואָס כ׳בין אָפּגעווען צוגאסט אינעם ייִשעוו פון די יאמלײַט, האָב איך זיי איבערגעגעבן א ביסל סוידעס פון אונדזער קונסט. פאר מײַן אוועקפאָרן האָבן מיר אײַנגעאָרדנט א קאָנקורס אף דער בעסטער פריזור, און דער געפאקטער זאל פרויען איז געווען די זשורי.

וועראָניקע שרײַבט מיר, אז ביז איצט דערמאָנען מיך נאָך די פרויען מיט דאנקבארקײַט. דעמלט, געדענק איך, האָב איך מײַנע יונגע מיטפאָרער אף דער שיף „סעלענגא” אינקורצן וועגן דעם דערציילט און געוואָלט וויסן: ווי האלטן זיי, צי האָב איך, לויט זייער מיינונג, איבערגעלאָזט אפן אינדזל א שטיקל אָנדענק וועגן זיך, אָדער ניט.

— א פריזור, — האָט זיך איינער פון די סטודענטן צעלאכט, — ווי שיין זי זאָל ניט זײַן געמאכט, בלײַבט פון איר גאָרניט, און מע דארף מאכן א נײַע. אָבער אָט, אז מע בויט אויס א שול, דאָס איז אף לאנג.

— דאָס, זעט איר, איז שוין עפּעס אנדערס, — האָט מיר נאָכגעגעבן מײַן אָפּאָנענט.

דעם עמעס זאָגן, האָב איך זיך אליין געכיידעשט: וואָס גייט מיר אזוי אָן, צי איך האָב יאָ אָדער ניט געלאָזט אן אָנדענק אין יענעם סאכאלינער ייִשעוו. נאָר צוריק גערעדט, וויסן, אז דו האָסט כאָטש ווו־ניט־איז, בא וועמען־ניט־איז געלאָזט נאָך זיך א גוטן אָנדענק, איז זייער וויכטיק, ווײַל צו וואָס נאָך לעבט דען א מענטש?

בוזי מילער

• אײַז־צעפּלעך אנטקעגן דער זון •

קאפ־קאפּ...

קאפ־קאפּ...

די קאפּעלניצע שטייט צוקאָפּנס אַף א הויכן געשטעל. אַף איר — איין גלעזערנע קאָלבע. אין א צווייטער, א קלענערער, גיסט מען אַרײַן א דורכזיכטיקע פליסיקײַט. פון דער גרעסערער קאָלבע גייט די פליסיקײַט אריבער ווידער אין דער קלע־נערער, פון איר, דורך א גומענער רער, פליסט זי אַרײַן אינעם שפּריץ, וואָס איז אַרײַנגע־שטאָכן צום קראנקן אין אָדער. די שוועסטער, א הויכע, א דארע, שוין ניט גאָר קיין יונגע, נאָר מיט א סאך גוטסקײַט אין בליק, איז א מײַסטערן. ווי געפינט זי נאָר אָן אָרט אַף אַרײַנצושטעכן דעם שפּריץ אין זײַן וועגע, וואָס איז שוין, דוכט זיך, צעשטאָכן אַף דורך און דורך... געפינט זי אָבער. און די פליסיקײַט פלייצט פּאמעלעך אריבער אין זײַן אויסגע־צערטן קראנקן גוף, שטארקט אים. יעדער טראָפּן, וואָס גייט אין אים אַרײַן דורך דעם גו־מענעם רערל, איז א טראָפּן לעבן.

קאפּ־קאפּ...

קאפּ־קאפּ...

ער קאָן שוין עטוואָס א קער טאָן דעם קאָפּ אַף לינקס. דאָס גרויסע פענצטער אין יענער זײַט איז פארגאָסן מיט זון. די זון אליין זעט ער ניט, זי שטייט ערגעץ הויך, נאָר די שײַן אירע פארפולט דאָס פענצטער. דאָרט, פון יענער זײַט פענצטער — אויך: קאפּ־קאפּ...

אים דרייט זיך עטוואָס דער קאָפּ. ער טוט אים נאָך מער א קער אַף לינקס, צום פענצטער. די שוועסטער איז שוין לעבן אים: ער וויל עפּעס? אים איז ניט גוט? ניין, ער וויל גאָרניט, ער דארף גאָרניט, אים איז גוט... דאָס אלץ זאָגט ער ארויס ניט מיטן מויל — דערויף האָט ער קיין קויעך ניט — בלויז מיטן בליק פון די טיף־אײַנגעפאלענע אויסגעוועפּט־בלויע אויגן, וואָס קוקן ארויס פון צווישן א געדיכטן גע־פלאָנטער פון טיפע קנייטשעלעך. איבער זײַנע בלוילעך־בלאסע ליפּן שוועבן אוף בלויז צוויי ווערטער:

— א דאנק, לאראָטשקע...

די ערשטע צײַט האָט ער נאָר געוואָלט וויסן איר פאָטער־נאָמען.

— רופט מיך לאריסע. אויב איר ווילט, לא־רע, — האָט זי געזאָגט.

— ווי קאָן מען? — האָט ער דערווידערט, — איר זײַט געוויס שוין א מאמע פון קינדער?

— איז וואָס? — האָט זי געענטפערט, — בא אײַך וואָלט איך דאָך געקאָנט זײַן א טאָכטער...

— עמעס, — איז ער מאסקים געווען, — אפי־לע אן אייניקל.

— נו, שוין — אן אייניקל...

— וואָס זשע, ניט? — ער האָט געוואָלט פרעגן בא איר, וויפל זי איז אלט, זאָגן, וויפל ער איז אלט, מאכן א שטיקל כעזשבן, נאָר דע־רויף האָט ער קיין קויעך ניט געהאט, האָט ער, קוים צו הערן, בלויז ארויסגעמורמלט:

— איך וועל אײַך רופן לאראָטשקע.

און אזוי איז עס פארבליבן — לאראָטשקע.

שוין דעם דריטער טאָג, ווי מע האָט אים איבערגעפירט אהער, אין אָט דער קלענערער פּאלאטע. פריִער איז ער געלעגן אין אן ערגע־רער. כוץ זײַן בעטל, זײַנען דאָרט געשטאנען נאָך אכט. ס'איז געווען הייס פון די אָנגעגליטע באהייצונג־באטארייעס. זײַן בעטל איז געשטא־נען נאָענט צו דער טיר, איז אים געווען לײַכ־טער. די, וואָס זײַנען געלעגן נעענטער צו די באטארייעס, האָבן זיך געקלאָגט, אז זיי האָבן ניט מיט וואָס צו עטעמען. דרײַ מאָל אין טאָג פלעגט מען דורכלופטערן די פּאלאטע. אים, דעם איינציקן, וואָס האָט ניט געטאָרט און האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט, האָט מען אײַנ־געדעקט מיט דער קאָלדרע, און אלע איבעריקע זײַנען ארויסגעגאנגען אין קאָרידאָר. אונטער דער קאָלדרע איז אים געווען הייס, דעם קאָפּ האָט געקילט די פראָסטיקע לופט פונעם צע־עפנטן פענצטער.

— מיר וועלן אײַך אריבערפירן אין אן אנ־דער פּאלאטע, — האָט אים צוריק מיט עטלעכע טעג געזאָגט די יונגע דאָקטערן אדע מיכײַ־לאָוונע, וועלכע היילט אים. און אָט — אריבער־געפירט. די נײַע פּאלאטע איז א קלענערע. אין איר שטייען בלויז פיר בעטלעך. דרײַ פון זיי זײַנען ליידיק. ער ליגט דאָ איינער אליין. ס'איז

לופטיק, ליכטיק, בייס מע האָט אים אריבערגעטראָגן אהער, האָט ער אף דער טיר פון דער פּאַלאַטע באמערקט א ניט גרויס שילדל, נאָר וואָס אף דעם איז אופגעשריבן — ניט פאַנאַנדערגעקליבן. די גאַנצע צײַט געקליבן זיך פרעגן. אָדער פאַרגעסן, ווען מע איז אַרײַנגעקומען צו אים, אָדער קיין קויעך ניט געהאַט עס צו טאָן.

איצט איז אים לײַכטער. די קאַפּעלניצע — קאַפּ־קאַפּ... — און מיט יעדן טראָפּן אירן קומט אים צו לעבן. ער קוקט אף די ווײַטע דורכזיכטיקע טראָפּנס, בייס זיי טריפן אראָפּ פון דער גרעסערער קאָלבע אין דער קלענערער, און ער הערט, דוכט זיך, ווי זיי קלאַפּן דאָרט אינווייניק. קאַפּ־קאַפּ... אָבער וויִאזוי קאָן ער עס הערן? געוויס וויִזוט זיך אים אויס. ניין, אָט הערט ער דײַטלעך: קאַפּ־קאַפּ... קאַפּ־קאַפּ... זאָל עס זײַן א האַליוציִנאַציע פונעם געהער? פּאַמעלעך טוט ער א קער דעם קאָפּ אף לינקס, צום פענצטער. דאָס פענצטער איז פאַרגאָסן מיט זון, און ער זעט: טראָפּן נאָך טראָפּן טריפן אראָפּ אף יענער זײַט ליכטיקער שויב. וואָס איז עס: א האַליוציִנאַציע פון דער ריִע? ער טוט נאָך מער א קער אויס דעם קאָפּ צום פענצטער.

לאַראַטשקע איז שוין לעבן אים.

— אײַך איז ניט גוט?

— ניין, ניין, לאַראַטשקע.

פון שוואַכקײַט האַליוציִנירן בא אים מיסטאָמע אי דער געהער, אי די ריִע. וואָס איז עס? — דאָס זאָגט ער בלויז מיטן בליק פון די טיף־אײַנגעפאַלענע אויסגעוועפּט־בלויע אויגן. די בלאַסע ליפּן מורמלען בלויז אַרויס: — קאַפּ־קאַפּ... און אף זײַן אויסגעצערט געזיכט — א פרעגנדיקע מינע.

— א, — האָט זי באלד פאַרשטאַנען, — יאָ, אין דרויסן שוין אויך: קאַפּ־קאַפּ... פון דאַך.

— פון דאַך? — האָט ער מיט א שוואַך קאָל איבערגעפרעגט.

— יאָ, פון דאַך, — האָט זי מיט א פריילעכער שטים געענטפערט, — עס שמעלצן זיך שוין די אײַז־צעפּלעך. אינגיכן — פרילינג.

— פרילינג?

— יאָ, פרילינג. ס'איז דאָך שוין מאַרט.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער, געבליבן ליגן גלײַך, די פרײַע בלאַסע האַנט אַרויסגעצויגן איבער דער קאָלדרע. איז עס בא אים ניט קיין האַליוציִנאַציע. אין דרויסן טריפט אויך. אין צעעפנטן לופטל קוקט אַרײַן א שטיק בלויקײַט און עס הערט זיך דער פריילעכער קאַפּ־קאַפּ... מאַרט.

דאָ, פון דער קאַפּעלניצע — קאַפּ־קאַפּ... און דאָרט, אין דרויסן — אויך. ער דערזעט פאַר זיך מיטאַמאָל אַן אויסטערליש בילד: א ריזיקע קאַפּעלניצע — די זון... א געפעדלעכער כוילע — די ערד... דער איבערגאַנג פון איין צושטאַנד צו אן אנדערן איז אַלעמאָל געפערלעך. און אָט, צווישן דער זון און דער ערד גייען אָפּ מיט ליכטיקע טראָפּנס אײַז־צעפּלעך פון אלע דעכער... פון דער זון צו דער ערד — ליכטיקע טראָפּנס — טריף־טריף, ווי פון דער קאַפּעלניצע צו אים אין אָפּגעשוואַכטן גוף...

פונוואַנען פּלוצעם אזא פאַרגלײַך? ניט פּלוצעם. אים פלעגן אָפט קומען אין קאָפּ אויסטערלישע בילדער. מע וואָלט זיי געדאַרפט פאַרשרײַבן, נאָר ער האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן. ווער ווייסט, אזא פאַנאַנדערגעוויקלטע מעטאַפאָרע וואָלט עפשער געווען א געפינס פאַר א דיכטער. און עפשער איז אין אים אליין פאַרלוירן געגאַנגען א דיכטער, ווער ווייסט? וועגן דעם איז שפּעט צו קלערן. אמאָל, גאָר לאַנג, אין דער יוגנט נאָך, האָט ער געשריבן לידער. איינמאָל האָט ער געפּרוּווט עטלעכע לידער שיקן אין א רעדאַקציע, האָט מען אים געענטפערט, אז דרוקן קאָן מען זיי ניט — זיי זײַנען צו פאַרעלטערט לויט דער פאָרם. זײַן גאַנץ לעבן, זינט ער געדענקט זיך, איז ער געווען פאַרליבט אין פּאָעזיע, אין ליטעראַטור. איז ער טאַקע געוואָרן א לערער פון ליטעראַטור און שפּראַך. אלע יאָרן ביז דער פּענסיע — און אף פּענסיע איז ער אוועקגעגאַנגען א סאַך שפּעטער, איידער מע האָט געדאַרפט, צו זיבעציק — האָט ער געאַרבעט אין פאַרשיידענע שולן. פון דער לעצטער שול האָט מען אים לאַנג ניט אָפּגעלאָזט, און ער אליין האָט אויך ניט געוואָלט אוועקגיין. אין די לעצטע יאָרן האָט ער שוין ניט געאַרבעט, נאָר סיִווי פלעג ער קומען אהין, געהאָלפן, געפּירט, ווי פריִער, דעם ליטעראַרישן קרײַז. קיין דיכטער איז ער ניט געוואָרן. מיילע, ניט אלע קאָנען זײַן דיכטער. דערפאַר אָבער, בא וויפל דורעס שילער האָט ער דערצויגן פאַרשטאַנד פאַרן צויבער פונעם וואָרט. צווישן די שילער, וואָס ער האָט פאַר זײַן לאַנג לעבן געלערנט, זײַנען פאַראַן אינזשעניערן, דאָקטוירים, געאָלאָגן, זשורנאַליסטן, לערער, אַדמיניסטראַטיווע טוער, אַרבעטער. נאָר וואָס יעדער איינער פון זיי זאָל ניט טאָן, האָט ער געהאַט אויך א געפיל צו פּאָעזיע. און דאָס העלפט דאָך דעם מענטשן צו ווערן א פּאָעט אין זײַן פאַך. יאָ, א פּאָעט איז ניט נאָר דער, וואָס שרײַבט לידער, א גוטע בריק איבער א טײַך איז אויך א פּאָעמע. און א נײַ הויז. און א ברייט צעכוואַליעט פעלד. אין יעדן פאַך קאָן מען זײַן א פּאָעט. און ער אין זײַן פאַך, — איצט מעג ער עס זאָגן, — ער אין זײַן פעדאַגאָגישן פאַך איז אויך געווען א פּאָעט. נאָר וואָס הייסט — געווען?

פאַר זײַן לעבן האָט ער ניט ווייניק אָפּגעטאָן. פאַרשטייט זיך, מע וואָלט געקאָנט אויפ־

טאָן מער, זײַנען אָבער די פיזישע מעגלעכקײַטן בא א מענטשן באגרענעצט. נו אָט, אים גייט דאָס זיבן־און־זיבעציקסטע יאָר, אין איינע יאָרן מיטן יאָרהונדערט איז ער, צוגלײַך מיט אים אף דער וועלט געקומען. גוט נאָך, וואָס דער יאָרהונדערט פירט אים אזויפיל צײַט צוזאמען מיט זיך. ניט ווײַט איז שוין, ווײַזט אויס, די שאָ, ווען דער יאָרהונדערט וועט מיט אים זיך געזעגענען. „אד קאן, — וועט ער זאָגן, — וויפל איז דער שיר? זאָג א דאנק פאר דעם"...

צוריק מיט דרײַ וואָכן האָט מען אים געבראכט אהער אין שפיטאָל מיט אן אינפארקט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן א שווערער, א פארברייטערטער אינפארקט. אין זײַן לעבן איז עס שוין געווען דער דריטער. דער ערשטער — באלד נאָך דער מילכאָמע. די מילכאָמע האָט ער דורכגעמאכט פונעם ערשטן טאָג ביזן לעצטן. אָנגעהויבן האָט ער זי ווי א פּאָליטרוק פון א ראָטע, פארענדיקט ווי א קאָמיסאר פון א פּאָלק. נאָך דער מילכאָמע האָט מען אים פאָרגעלייגט בלײַבן אף מיליטערישער ארבעט, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט — ס'האָט אים געצויגן אין שול. דאָ איז אויך געווען ניט לײַכט. פאר די יאָרן פון זײַן ארבעט האָט זיך פיל געביטן. גרויס אגמעסנעפעש פלעגט אים פארשאפן די מעטאָדיק פון אונטעריכטן ליטעראטור, וואָס איז א לענגערע צײַט רעקאָמענדירט געוואָרן אין פארשיידענע האנטביכער און אינסטרוקציעס. ער האָט ניט געקאָנט דולדן דעם אויסדרוק „דורכגיין". שרײַבער איז מען „דורכגעגאנגען". „דורכגעגאנגען" פושקינען... א כילעל־האשעם, — האָט ער געטראכט, — אזוי צו ריידן, אזוי צו דענקען...

איצט גיט מען אָפּ גרויס אויפמערקזאמקײַט דעם עסטעטישן גענעזיס פונעם שרײַבערס ווערק. דער טראָפּ ווערט געשטעלט, באנאנד מיטן אידייִשן, אויך אפן עטישן, מאָראלישן באטײַט פונעם קינסטלערישן וואָרט. דאָס איז ריכטיק, ווײַל ווי קאָן מען ניט אויסנוצן אינעם גאנצן פארנעם אזא מעכטיק מיטל פון דערציִען געטרײַע, הערלעכע מענטשן, קעמפער פאר אלעם שיינעם און ווירדיקן אין לעבן, ווי פּאָעזיע, ליטעראטור, טעאטער, קינאָ, מאָלערײַ... ווי גוט, ווי פרײַ און פרוכטבאר האָט זיך אים געארבעט די לעצטע יאָרן! ניט אומזיסט האָט ער ניט געקאָנט אוועקגיין פון שול. ער האָט אָבער געמוזט עס טאָן. די עלטער, אוי, די עלטער... און אָט — דער דריטער אינפארקט. דאכט זיך, ער האָט געלעבט רויִק, מיט אלע נייטיקע באקוועמלעכקײַטן. אלץ איז דאָ, און אויך קאָוועד, א האלבע שטאָט קימאט — זײַנע שילער. ראפאיִל איסײַעוויטש סערעבריאנסקי איז א נאָמען אין שטאָט. עמעס, ליזע, די פרוי, זײַן לעבנס־פרײַנט — אקסל־בא־אקסל האָבן זיי דורכ־

געשפאנט קימאט א האלבן יאָרהונדערט, — האָט אים ניט געפאָלגט... דאָס גאנצע לעבן האָט ער זי ליב געהאט און האָט זיך געבעטן בא איר (זי האָט אויך געהאט א קראנק הארץ): „לעב מיך איבער". „ניין, — האָט זי געענטפערט, — איך וויל, דו זאָלסט מיך איבערלעבן". און ס'איז אויסגעפאלן אף אירן. שוין דריטהאלבן יאָר איז זי ניטאָ. א זון האָבן זיי געהאט, איז ער, נאָך גאָר א יונגער, אף דער מילכאָמע אומגעקומען. ער אליין האָט זיך אומגעקערט, דער זון — ניט. א טאָכטער געווען, איז זי אויך פרי געשטאָרבן. אירע קינדער, זײַנע אייניקלעך, שוין אלע דערוואקסענע, לעבן ווײַט, זעלטן־ווען שרײַבט מען אָן א קארטל. נאָר קינדער און אייניקלעך האָט ער, אייגנטלעך, א סאך — געוועזענע שילער, און די קינדער פון אָט די שילער, וועלכע ער האָט אויך געלערנט, און אפילע די אייניקלעך פון אָט די שילער. פיל פון זיי פארגעסן אים ניט — מע שרײַבט אים ביז איצט גענוי וועגן זיך, און ער ענטפערט זיי, מע קומט צוגאסט און מע לאדט אײַן צו זיך. דאָס פארשאפט אים נאכעס. הײַנט די ביכער, זײַן גרויסע ביבליִאָטעק מיט אזויפיל אָנגעזאמלטע פארן לעבן יעקאר־האמציִעסן, — וויפל טײַנעג פארשאפן זיי אים... אלץ איז מיט אים און ער איז מיט אלץ — וואָס האָט אים געפעלט? און דאָך — א דריטער אינפארקט.

— איר דארפט עפעס, ראפאיִל איסײַעוויטש? אײַך איז ניט גוט?

לאראָטשקע. סארא ווילע זי איז. ניין, ער דארף גאָרניט. אים איז גוט.

— מארט, זאָגסטו? אינגיכן — פרילינג, הא?

— יאָ, אינגיכן פרילינג.

זי איז ארויסגעגאנגען פון דער פּאלאטע, און ער האָט זיך פארקוקט אין פענצטער. אײַזצעפלעך שמעלצן זיך אנטקעגן דער זון. די זון — א ריזיקע קאפּעלניצע... די זון... די ערד... אײַז־צעפלעך... פרילינג... זיי דארף מען מיט גאָרניט פארגלײַכן, זיי זײַנען אָן־און־פאר־זיך פּרעכטיק. אָדער — א בוים. אָט קוקט ארײַן אהער אין פענצטער א בוים. די צווײַגן זײַנען נאקעט, הויל. א ווינטל שאָקלט קוים־קוים די צווײַגן, און עפעס שפירט זיך שוין, דאכט זיך, אין אָט די נאקעטע צווײַגן. וואָס? ער האָט עס לאנג ניט געקאָנט באגרײַפן. דערנאָך האָט ער אײַנגעדרעמלט ניט אף לאנג, אופגעוואכט און ווידער זיך צוגעקוקט צו די צווײַגן אף יענער זײַט פענצטער. מיטאמאָל איז אים קלאָר געוואָרן, וואָס אין אָט די צווײַגן לאָזט זיך שפירן, — דערוואַרטונג. יאָ, יאָ, דערוואַרטונג... אפן פרילינג וואַרטן זיי. און ער? ער וועט אויך זיך דערוואַרטן? אין זײַן לעבן וועט נאָך זײַן א פרילינג?

ער וועט פרעגן בא לאראָטשקען. אהא, אָט

איז זי אַרײַנגעקומען, זיך אָנגעבויגן איבער
אים. ווי פילט ער זיך? גוט? נו, זאָל ער אײַנע־
מען אָט די פּילן, רויטינקע, גליטשיקע. אײַנגע־
נומען. זי האָט אים דערלאַנגט פֿון שאַפֿקעלע
די גלאָז, און ער האָט פּאַרטרונקען. האָט ער זיך
אָנגענומען א ביסל מיט קויעך, באלד וועט ער
בא איר א פרעג טאָן, ניט דאָס, עפּעס אנדערש.

— לאַראַטשקע...

— וואָס, ראַפֿאַיל איסײַעוויטש?

— אָט דאָ, אף דער טיר פֿון דער פּאַלאַטע,
ווען מע האָט מיך געפירט אהער, האָב איך גע־
זען א שילדל...

— נו, יאָ.

— וואָס איז אָף דעם אָנגעשריבן?

— וואָס האָט עס דען פּאַר א באַטײַט, ראַ־
פֿאַיל איסײַעוויטש? איר דאַרפֿט ליגן רויִק, וועגן
גאָרניט טראַכטן, ניט ערגערן זיך. אַלץ וועט
זײַן גוט.

— אָבער וואָס איז אָנגעשריבן אפֿן שילדל?

— איר ווילט עס נייטיק וויסן?

— יאָ.

— ס'איז אָנגעשריבן: „פּאַלאַטע פֿון אינטענ־
סיוון אופֿזיכט".

— וואָס באַטײַט עס אף אײַער מעדיציניש
לאָשן?

— דאָ קוקט מען בעסער נאָכן כוילע, עס
דעזשורעט לעבן אים די גאַנצע צײַט א שוועס־
טער.

— מיט וואָס זשע האָב איך פאַרדינט, מע
זאָל מיך אהער אריבערפֿירן?

— מיט וואָס? נו, די קראַנקײַט איז בא אײַך
אָן ערנסטע. און איר זײַט דאָך שוין ניט אזא
יונגער, איאָ?

— יאָ, גאָר ניט קיין יונגער, לאַראַטשקע.

— טאָ ליגט רויִק און סטאַרעט זיך וועגן
גאָרניט טראַכטן.

ער האָט זי געפֿאָלגט. אינגיכן האָט ער אָפּי־
לע אײַנגעדרעמלט.

לאַראַטשקע האָט ראַפֿאַיל איסײַעוויטשן וועגן
דעם שילדל אַלץ דערקלערט ריכטיק, אײנס
בלויז האָט זי אים ניט געזאָגט: אהער, אין אָט
דער פּאַלאַטע, פירט מען אריבער א כוילע דאַן,
ווען דאָס לעבן זײַנס הענגט שוין אף א האָר
און מע ווייסט נאָר ניט געני — מיט א טאָג
פריִער, צי מיט א טאָג שפּעטער וועט אָט די
האָר זיך איבערײַסן...

א ליכטיקער, גאַנצפֿרי. די קאַפּעלניצע איז
געשטאַנען באַם בעט. נאָר מע האָט זי נאָך ניט
אָנגעגאָסן, ניט צוגעשלאָסן צו אים. אין פענצ־
טער האָט מען געזען א היפּשע שטיק בלויקײַט
און די לענגלעכע שפּיצן פֿון אראָפּגעהאַנגענע
אײַז־צעפּלעך. פֿון זיי האָט נאָך ניט געטריפט.
שפּעטער, באַטאָג־צו, וועט די זון זיך אָנעמען
מיט קויעך און זיי אָנהייבן שמעלצן.

ראַפֿאַיל איסײַעוויטש האָט זיך געפילט בע־
סער. ער האָט געזאָגט וועגן דעם דער דאָקטערן
אדע מיכײַלאָוונען, ווען יענע איז אַרײַנגעקומען.

— דאָס איז גוט! דאָס איז גוט! — האָט אדע
מיכײַלאָוונע צוויי מאָל איבערגעכאַזערט מיט
איר זינגעוודיקער שטים. בייס זי האָט גערעדט,
האָט זיך געדאַכט, אז גלײַכצײַטיק זינגט זי.
זי האָט גראַציעז צוגעזעצט זיך, פאַרהויבן אים
דאָס העמד איבער דער ברוסט און צוגעשטעלט
צום גרויען האַר־געפלאָנטער דעם סטעטאָסקאָפּ.
בעשאַס זי האָט אלע אינדערפרי אַזוי צוגעהערט
זיך צו זײַן האַרץ, האָט דער אלטער לערער
ליב געהאַט קוקן אף דער יונגער דאָקטערן, דאָס
האָט אים פאַרשאַפט האַנאָע. א שיינע איז זי גע־
ווען, אדע מיכײַלאָוונע. איר שמייכל האָט געהאַט
טויזנט כיינען. אפילע איצט, ווען זי הערט זיך
צו צו זײַן קראַנק האַרץ, דוכט זיך, אז סײַווי
שמייכלען די ליפּן בא איר אונטער וועגן עפּעס
אַזוינס, וואָס נאָר זיי, די ליפּן, ווייסן דאָס.

— נו, אָט, זייער גוט! זייער גוט! — האָט אדע
מיכײַלאָוונע, אופהייבנדיק זיך, אויסגעזונגען
מיט אירע שמייכלענדיקע ליפּן, — איר זײַט א
מאָלאָדיעץ, ראַפֿאַיל איסײַעוויטש, א גרויסער
מאָלאָדיעץ!

פֿון איר קוק, פֿון איר שמייכל, פֿון איר
זינגעוודיקער שטים איז אים געוואָרן נאָך בע־
סער, און ער האָט זיך שוין געפילט גוט ביז
האַלבן טאָג, ווען אדע מיכײַלאָוונע איז נאָכא־
מאָל אַרײַנגעקומען אין פּאַלאַטע.

— ראַפֿאַיל איסײַעוויטש, — האָט זי א קער
געטאָן זיך צו אים, — אײַך וועט ניט פאַרשווע־
ריקן, אויב אהער וועט אף א ווײַלע אַרײַנקומען
א גרופּע שילער פֿון דער מעדיצין־שול? מעג־
לעך, זיי וועלן בא אײַך עפּעס פרעגן. וועט איר
וועלן, ענטפערט, אויך ניט — איז ניט...

— פאַרשטייט זיך, — האָט ער געזאָגט, —
זאָלן זיי אַרײַנגיין.

אין א מינוט ארום האָט א סאַך שײַנענדיקע
ווײַסקײַט אים א בלענד געטאָן אין די אויגן.
א צען, און עפּשער מער, יונגינקע מיידלעך,
א פּאָר ייִנגלעך אויך, אין בלאַנקענדיק־אויס־
געפרעסטע כאַלאַטן און פּונקט אין אזעלכע
היטעלעך האָבן פאַרפולט די ניט גרויסע פּאַ־
לאַטע. זיי האָבן זיך ענג צונויפגעשטעלט בא
זײַן בעט, צופוסנס. א לענגערע ווײַלע האָבן
זיי געקוקט אף אים, און ער אף זיי. זיי און
ער האָבן געהאַט דערבײַ גאָר פאַרשיידענע
געדאַנקען.

זיי: אוי, שווער, אָפּאַנעם, צו זײַן אזא אַל־
טער מענטש...

ער: סאַרא גליק (זיי באַגרײַפן עס גאָר ניט)
אזוי יונג זײַן...

זיי האָבן, ווער מיט גלײַכגילט (שוין צוגעוווינט), ווער מיט אינטערעס, ווער מיט ראַכמאָנעס, געקוקט אַפן אויסגעדײַוווערטן אַלטיטשקן מיט די שיטערע גראָווע האָר ארום דעם נאַקעטן שארבן, מיט די טיף אײַנגעגראָבענע אויגן אונטער די ווײַסע ברעמען, מיט די לענגלעכע קנייטשן ארום די בלאַסע ליפּן. און ער האָט מיטן גאנצן כּיעס, וואָס איז אין אים נאָך פארבליבן, גיריק אײַנגעזאַפּט אין זיך די יונגקײַט, די לויטערקײַט פון די פּענעמער, ווי ער זאָל פלוצעם ארײַנפאלן אין א וואלד און דאָרט זאָל פון א קילן קוואל א ווייע טאָן אף אים מיט קאַיאָריקער פרישקײַט. אזעלכע יונגינקע, קימאט קינדער נאָך, און אזעלכע ערנסטע, יעדערער פון זיי האָט שוין אויסגעקליבן זײַן וועג אין לעבן. אָט דאָס מיידעלע פּונפּאָרנט, אין די האָרנברילן, א קלייניקע, מיט פּיצינקע בלאָטערלעך אפן גאָמבעלע... מיט דער צײַט וועט זי געוויס ווערן א דאָקטער. און אָט די הויכע לעבן איר: אנטוויקלטע מיידלשע פאָרמען, א כוצפּעדיק פאריסן נעזל, צוגעשטילטע לוסט פונעם שעלמישן בליק... עטלעכע — די פּענעמלעך נאָך גאָר קינדערשע, און האלטן זיך שוין אף אויסגעצויגן־לאנגע קרעפּטיקע קערפּערס — אקסעלעראציע. און די צוויי — דאָס באָכערל און דאָס מיידל לעבן אים, נעבעך ניט קיין שיינע — זיי האָט די אקסעלעראציע ניט באַרירט, זיי וועלן נאָך וואקסן. און אלע צוזאַמען, די גרעסערע און די קלענערע, די שענערע און די מיִעסערע — א צאַפּלדיק פריש בינטל בלומען. פארשיידענע קאָלירן, פארשיידענע סאָרטן, נאָר פון זיי אלעמען שמעקט מיט ערדישער זאַפט, עס שלאָגט פון זיי מיט וואַרעמקײַט, מיט לעבן. א כּיעס אף זיי צו קוקן.

— לידע, האָסט געוואָלט עפּעס פרעגן באַם קראנקן? — האָט אדע מיכײַלאָוונע זיך געווענדט צום מיידל אין די האָר־ברילן.

— יאָ, — האָט יענע געענטפערט און איז רויט געוואָרן.

— נו, גיי צו נעענטער, פרעג.

לידע האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע, צוגעגאנגען צו ראַפאַיִל איסײַעוויטשן.

— שוין לאנג זײַט איר קראנק?

ער האָט שווײַגנדיק געקוקט אף איר. וויפל שילער האָט ער איבערגעזען פאר זײַן לעבן און ווי גוט ער האָט זיי שטענדיק פארשטאַנען... אָט דאָס מיידעלע, נעבעך, — זי האָט פארגעסן די צוגעגרייטע ערשטע פראַגע און האָט אָנגעהויבן פון דער צווייטער, שטייט זי איצט אזא פארלוירענע, א רויט געוואָרענע.

— ניט לאנג, טעכטערל, קרענק איך, — האָט ער געענטפערט, — א קנאַפּן כוידעש.

— און ביז דעם?

— ביז דעם בין איך געווען געזונט.

— און פריִער איז באַ אײַך שוין געווען אן אינפארקט מיִאָקארדא?

— געווען, טעכטערל, געווען.

— שוין לאנג?

— מיט א יאָר פופצן צוריק.

— און נאָך?

— נאָך — אויך געווען...

— ווען?

— צוריק מיט א יאָר צוואנציק, דו ביסט נאָך דעמלט אף דער וועלט ניט געווען.

— אין וואָס פאר א פאָרם?

— א מיקראָ.

לידע האָט זיך באהערשט. אירע פראַגן האָט זי פארגעבן רויִק, וואָס זי האָט געדארפט פרעגן צוערשט, האָט זי אויך געדענקט. אף וואָס איז ער קראנק? — האָט זי געדארפט פרעגן, מאכן, הייסט עס, דעם אָנשטעל, אז זי ווייסט ניט. נאָר צו וואָס? אדע מיכײַלאָוונע האָט זיי דאָך פארן ארײַנפירן אהער אינפאָרמירט. און ווען לידע האָט אפן אלטיטשקן א קוק געטאָן, האָט איר פּאָשעט פארקלעמט באַם הארצן פון ראַכמאָנעס צו אים, איר האָט זיך מענטשלעך געוואָלט וויסן, ווי לאנג ער קרענקט שוין.

— און וואָס פילט איר איצט?

— דו, טעכטערל, זאָלסט קיינמאָל אזוינס ניט פילן.

— נו, אָט, — האָט מיט איר זינגעוודיקער שטים זיך אָנגערופן אדע מיכײַלאָוונע, — איך מיין, מיר וועלן דעם קראנקן מער ניט באַאומרויִקן. לאָמיר אים צווינטשן, ער זאָל גיכער געזונט ווערן און אריבערגיין אין דער צווייטער פאלאטע.

די שײַנענדיקע ווײַסקײַט פון די פריש אויסגעפּרעסטע כאלאטן האָט פּאַמעלעך זיך ארויסגעצויגן אף יענער זײַט טיר.

ס׳איז ארײַנגעקומען לאראָטשקע.

— זיי האָבן אײַך ניט פארמאטערט, ראַפאַיִל איסײַעוויטש?

— ניין, פארקערט.

— וואָס — פארקערט?

— אזעלכע יונגע, אזעלכע פרישע, ווען עס גיט זיך אײַן א קוק טאָן אף זיי, קומט צו געזונט.

אין א ווײַלע ארום האָט ער שטיל זיך אָנגערופן:

— לאראָטשקע...

— וואָס, ראַפאַיִל איסײַעוויטש?

— כ׳וויל אײַך בעטן, רופט ארײַן דעם דאָקטער.

— באַלד?

— יאָ.

— אײַך איז שלעכט?

— ניין.

— וואָס זשע?

— איך דארף איר עפּעס זאָגן.
די שוועסטער איז ארויס און איינגיכן צו־ריקגעקומען.

— אדע מיכײַלאָוונע זאָגט, אז אויב ס׳איז ניט עקסטרע, וועט זי אריַנקומען א ביסל שפּע־טער. זי וועט פאַרענדיקן די ארבעט מיט דער גרופּע און אריַנגיין.

— ניין, ניט עקסטרע, — האָט געענטפערט ראַפאַיל איסײַעוויטש און זיך פאַרקוקט אין פענצטער. די גרויע צווײַגן פונעם נאַקעטן בוים האָבן דאָרט געצאַפּלט אין דערוואַרטונג פון פרילינג. זיי וועלן זיך אַף אים דערוואַרטן. נאָך ניט אַף איין פרילינג וועלן זיי זיך דערוואַרטן.

ראַפאַיל איסײַעוויטש האָט אײַנגעדרעמלט. ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט — ער וואָלט ניט געקאָנט זאָגן אין וויפל צײַט ארום — איז אדע מיכײַלאָוונע געשטאַנען לעבן אים. זי האָט, ווײַזט אויס, ניט געריכט זיך, אז באלד וועט ער עפענען די אויגן. איר פּאָנעם איז געווען אזא, ווי ער האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געזען, — אן ערנסטס, אָן א מינדסטן סימען פון א שמייכל. אזוי האָט אָבער געדויערט אן אויגנבליק, ניט מער. באלד האָט אַף איר פּאָנעם דער שמייכל זיך צעשײַנט מיט אלע זײַנע כיינען.

— איך האָב אײַך פאַרמאַטערט מיט מײַנע שילער? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, פאַרקערט. איך וויל אײַך גאָר בעטן...

— וואָס ווילט איר בעטן?

— זעצט זיך א ווײַלע צו.

זי האָט זיך צוגעזעצט.

— איך וויל אײַך בעטן, אדע מיכײַלאָוונע, איר זאָלט מיר זאָגן דעם עמעס... אָבער איר זאָגט מיר צו?

— וועגן וואָס טראַכט איר?

— אָט וועט איינגיכן זײַן פרילינג. באטאָג שמעלצן זיך שוין די אײַז־צעפּלעך אנטקעגן דער זון. דער דאָזיקער פרילינג וועט נאָך זײַן... פאַר מיר אויך?

— איך פאַרבאָט אײַך וועגן דעם אפילע צו טראַכטן, — האָט זי געזאָגט שטרענג, — אויב איר ווילט, אז אלץ זאָל זיך פאַרענדיקן גוט.

— אָבער טאָמער פאַרט...

— וואָס פאַרט?

— טאָמער וועט מיר ווערן שלעכט, איר פאַרשטייט? וועל איך אײַך בעטן... — ער האָט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. — וויל איך אײַך בעטן, איר זאָלט קומען נאָכאמאָל צו מיר מיט אײַערע שילער.

— צוליב וואָס? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען.

— אזעלכע יונגע זײַנען זיי. אזעלכע ווילדע. איך וועל א קוק טאָן אַף זיי, וועט מיר זײַן גרינגער. איר פאַרשטייט, — גרינגער... — ער האָט ארופגעלייגט זײַן דארע אויסגעבלאַסטע און אָדערדיקע האַנט אַף אירער. — בא פּושקי־נען, אדע מיכײַלאָוונע, געדענקט איר?

И пусть у гробового входа[1]

געוואָלט פאַרזעצן, האָט אים אויסגעפעלט אָטעם. זי האָט א קוק געטאָן אַף אים מיט אירע גרויס געוואָרענע גרינבלעכע אויגן. מיט א פרעגנדיקער אינטאָנאַציע, — צי דאָס מיינט ער? — פאַרענדיקט:

Младая будет жизнь играть[1]

צופרידן, דאנקבאַר האָט ער א קוק געטאָן אַף איר.

— איר געדענקט?

— יאָ.

— אָט־אָט, — האָט ער געזאָגט, —

Младая... жизнь... играть...

אדע מיכײַלאָוונע האָט זיך פּאַמעלעכן אופ־געהויבן.

— „מלאַדאיא זשיזן", — האָט זי געזאָגט, — דאָס איז גוט. נאָר „או גראָבאָוואָוואָ וכאָדא" — וועגן דעם זאָלט איר ניט טראַכטן. מע דארף ניט.

— אָבער איך וויל אײַך בעטן...

— וואָס?

— קומען צו מיר נאָכאמאָל מיט אײַערע שילער...

זי האָט צוגעזאָגט. נאָר ווען אַף מאָרגן זײַ־נען די שילער געקומען, איז ער שוין ניט גע־ווען. ער איז אויסגעגאַנגען פאַרטאָג. לאַראַ־טשקע איז בײַגעווען דערבײַ. זי האָט אים צו־געמאַכט די אויגן.

דער טאָג האָט נאָכדעם לאַנג געשײַנט — א ליכטיקער, א וואַרעמער. די אײַז־צעפּלעך האָבן זיך געשמאָלצן אנטקעגן דער זון. די גרויע צווײַגן פונעם נאַקעטן בוים האָבן געצאַפּלט אַף יענער זײַט פענצטער אין דערוואַרטונג פון פרילינג.

---

[1] און באם אריַנגאַנג אינעם קייווער
דאָס יונגע לעבן שפּילן זאָל...

יעקבֿ שרײַבמאַן

• אַן אור=אייניקל •

לאָמיך אויך דער־ציילן א באַן־גע־שיכטע. ניט ווער ווייסט וועלכע, ניט גאָר קיין אײַ־אײַ, נאָר פּאַרט — א באַן־געשיכטע.

מע פליט שוין הײַנט מיינסטנס מיטן עראָפּלאַן, מע יאָגט אַף מאַשינעס, ס'איז גיכער, באַקוועמער, רײַכער. נאָר אָן דעם פײַף פון דער באַן, ערגעץ אין א וועלדל פאַרבײַ א ייִשעוו, און אָן דער וואַגאָן־מײַסע, וואָס איז אַמאָל א גאַנצע לעבנס־גע־שיכטע, א ווידע, זײַנען מיר אַף אונדזערע וועגן פאַראָרעמטער.

נאָטע איז בעפיירעש גערעכט. ווען א פרעמ־דער מענטש טוט אײַך פלוצעם א פרעג אין גאַס: „מא שמייכעם? ווהין אײַלט עס א ייִדו?", אָדער טוט אײַך א זאָג: „הערט מיך אויס, כ'וויל אײַך דערציילן א היסטאָריע מײַנעס", קוקט איר אַף אים, ווי אַף א צעדרייטן, א מעטורעפן. מע גייט מיט שכיינים יאָרנווײַז, טאָג־באַ־טאָג ארוף און אראָפּ אַף די זעלבע טרעפּ, און מע בלײַבט צווישן זיך פרעמדע, ווײַטע, א גוטמאָרגן — א גוטיאָר. און דאָ, אין דעם דאָזיקן דאַלעדאַמעס־דיקן וואַגאָן־כיידערל, פאַרהיימישן זיך אַמאָל ווילד־פרעמדע מענטשן באַלד אין עטלעכע רעגעס ארום. דערציילן זיך דערנאָך איינער דעם אנדערן אזוינס, וואָס מע וואָלט קיינעם קיינ־מאָל ניט דערציילט. טוען זיך איינער פאַרן אנ־דערן אויס. רעדן זיך אויס די הערצער. אייצען זיך. פאַרברידערן זיך. דערפילן איינער אין אנ־דערן אייגנקייט.

וואָס פאַר א באַהאַלטענער קויעך שטעקט אין דעם? געשיקט זיך, ווײַל אין א טאָג ארום וועט מען זיך צעגיין און מער זיך ניט זען? רופן רעגעס ארויס מער הישטאַפּכעס־האַנעפּעשדיי־קײַט, איידער יאָרן? פרעמדע מער, איידער באַ־קאַנטע? צי ליגט עפּשער פּאַשעט א מין סוי־דעסדיקע קישעפדיקײַט אין דאָזיקן צעהוידעטן כיידערל אַף די ראָמאַנטיש־קלאַפּנדיקע וואַגאָן־רעדער? אָדער פאַרמאָגט עפּשער אין זיך אזא איסטערליש־צוציִענדיקע האַנאָעדיקײַט גלאַט די וואַגאָן־מײַסע?

האקיצער, כ'בין אנומלטן געפאָרן אין צוג קעשענעוו—מאָסקווע. צוויי שאָ בין איך געזעסן אין קופּע איינער אליין. אַף דער סטאַנציע טיר־ראַספּאָל האָט זיך די קופּע מײַנע אָנגעפילט. דרײַ פּאַסאַזשירן האָבן פאַרנומען אלע דרײַ פרײַע פּלעצער.

מאַמעש אין א פּאָר סטאַנציעס אַרום זײַנען מיר שוין אלע געזעסן און געלאַכט, געכאָכמעט זיך, געטרונקען טיי לעבן וואַגאָן־טישל, עפּעס איבערגעכאַפּט. עמעס, יעדער דערווײַל פון זײַן אייגן פּעקעלע. נאָר די פּעקעלעך זײַנען געלעגן צעשפּרייט אַפן טישל, און מיר זײַנען אלע פיר געזעסן ארום טישל. איינער דעם אנדערן מיט עפּעס־וואָס מעכאַבעד געווען, איינער באַם אנ־דערן עפּעס־וואָס פאַרזוכט. געזעסן, גלײַך ווי ניט קיין צופעליקער באַן־קאַסירער אָדער צו־פעליקער גוירל האָט אונדז צופעליק צונויפגע־פירט, נאָר ווי אלטבאַקאַנטע, צונויפגערעדטע, איינער צום אנדערן פאַרבעטענע. יעדער פון אונדז — אי דער גאַסט, אי דער באַלעבאָס.

כ'האָב שוין געוווּסט, אז דאָס כיינעוודיק־בלאָנדע מיידל אין די געקעסטלטע הויזן און אין געקווייטלטן אָפּגעצויגענעם קאָפּטעלע הייסט טאַניע, ענדיקט דאָס יאָר דעם קיִעווער ביי־אינסטיטוט. די מאַמע אירע איז א דערציִערן אין א שול־אינטערנאַט, דער טאַטע — א גע־וועזענער פּראָקוראָר. דאָס דריטע יאָר שוין אַף פּענסיע. באַלד, אַפן אנדערן טאָג, פאַרצווייוואָכן, ווען זי איז אהיים געקומען אַף די ווינטער־קאַניקולן, האָט זי אומגעריכט אָנגעכאַפּט מער־סוקענע בויך־ווייטעקן. טאַטע־מאַמע האָבן זיך גוט דערשראָקן, געמיינט דער רויף ווייסט וואָס. מ'האָט זי אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. טאַקע אין יענעם באַנאַכט אָפּערירט אַף אַן אַפּענדיציט. ס'איז איר איבערגעבליבן אַ־דאָ־אַ, אין דער רעכטער זײַט, אזאַ שניט — א שרעק. נאָר ס'איז גאָרניט. זי מאַכט זיך דערפון א קליינעם צימעס. אין קיִעוו קומט זי באַגעגענען אַפן וואָקזאַל יורע. יורע איז א קאַפּעלע נידעריקער פון איר. נאָר יורע איז א גאָלד. א גוטער, און א קלוגער, און א שיינער, און האָט זי שטאַרק ליב. אַף מײַ וועט זי קומען מיט אים אהיים. אויב טאַטע־מאַמע וועלן ניט זאָגן ניין, וועלן זיי אײַנגעבן די פּאַפּירן און זומער כאַסענע

האָבן. ווינען וועלן זיי בלײַבן אין קיִעוו. קיִעוו איז די שענסטע און בעסטע שטאָט אין דער וועלט.

דער צווייטער פאַסאַזשיר האָט געהייסן וואָלאָדיע. נאָך גאָר א יונג באָכערל, מיט א ברייטן גאַרטל אַף א פּאָר אויסגעשטעפטע דזשינסן, אין א צעשפּיליעט גראָב־געשטריקט וואָלן רעקעלע און מיט צוויי זעלטן טיף־בלויע אויגן — מאַמעס שפּיגלען זיך אין זיי. א שווערער דאַפּקע אַף א וואָרט, א שעמעוודיקער. טאַניע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי שיט און שיט, און ער זיצט די גאַנצע צײַט בא דער זײַט, טוט אַמאָל נאָר א שאָקל צו מיטן קאָפּ, מינעט זיך דערבײַ אַפן פּאָנעם, און האָט נאָך קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. האָט זי אים פּאַוואָלינקע אַליין אָנגעהויבן אויספרעגן, אַרויסציִען פון אים רייד. דער באָכער איז אַלע מאָל רויט געוואָרן און — געענטפערט. פּאַוואָלינקע זיך טאַקע גוט צערעדט. טאַניע האָט וואָלאָדיען געזאָגט דו, און וואָלאָדיע האָט טאַניען אויך אָנגעהויבן זאָגן דו. מיר האָבן זיך דערווײַל אַלע דערוווּסט, אַז וואָלאָדיע איז אַזש פון נאָוואָסיבירסק. ס'הייסט, ניט פּינקטלעך פון נאָוואָסיבירסק — גוטע עטלעכע סטאַנציעס ווײַטער, פון א יִישעוו אין נאָוואָסיבירסקער געגנט. וואָס ער האָט געטאָן אין טיראַספּאָל? ער איז געקומען צוגאַסט צו א שוועסטער. דער שוועסטערס מאַן, א געאָלאָג, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען בא זיי אין די געגנטן אין אַן עקספּעדיציע. די שוועסטער איז אויך א געאָלאָג און איז אויך דעמלט געווען אין אַט דער עקספּעדיציע. האָט מען זיך באַקאַנט און מ'איז זיך געפעלן, און מ'האָט כאַסענע געהאַט. ער אַליין איז נאָך געווען א קליינער, געגאַנגען אין פינפטן קלאַס. איצט ווינען דער שוואָגער מיט דער שוועסטער אין טיראַספּאָל. ער איז שוין א גרויסער. איז ער זיך דורכגעפאָרן צו זיי צוגאַסט. ווען טאַניע ליגט ניט אין שפּיטאָל נאָך אַן אָפּעראַציע, וואָלטן זיי זיך מיסטאָמע אין טיראַספּאָל געווען באַגעגנט אַף דער גאַס — איז וואָלאָדיע שוין אינגאַנצן געווען ניט דער, וואָס מיט עטלעכע מינוט פריִער. ווי זשע קומט עס, וואָס אַזאַ באָכער, ווי וואָלאָדיע, קאָן אינמיטנדערינען ווינטער פאָרן צו א שוועסטער צוגאַסט? וואָס זשע, ער אַרבעט גאָר ניט? צי ער לערנט ניט? צי עפּשער איז ער איצטער, ווינטער־צײַט, אין א מין אורלויב? וואָלאָדיע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין. ניט דאָס און ניט יענץ. ס'הייסט, אַרבעטן אַרבעט ער יאָ. נאָר ס'איז ניט דאָס, וואָס ער וויל. ער איז דערווײַל ניט אַהער און ניט אַהין. ער האָט שוין א פּאָר מאָל געפּרוּווט אַרײַן אין אַן אינסטיטוט און איז ניט אַרײַן. וועגן דעם אַלעמען איז ער טאַקע געקומען צו דער שוועסטער. ניט גלאַט צוגאַסט. א קוק טאָן, עפּשער דאָ, בא זיי, אַפן דאָרעם. נאָר דער דאָרעם געפעלט אים ניט. ער וואָלט קיין איין טאָג דאָ ניט געקאָנט לעבן. די מענטשן זײַנען עפּעס דאָ צו קלוג, צו שאַרף געשליפן. ס'איז ניט דער סיבירער מענטש, אָן פּאַקוסן, אָן כאַכמעס. זאָל זשע איר וואָלאָדיע זאָגן — האָט אַפּאָנעם טאַניע געשטעלט די לעצטע פראַגע אירע — צי דאָרט בא אים, אין סיביר, האָבן אַלע ייִנגלעך אַזעלכע שיינע אויגן?

— דו האָסט אויך ניט קיין מיִעסע!.. — האָט איר וואָלאָדיע געענטפערט אָן פּאַקוסן.

— מײַנע אויגן זײַנען שוין ניט מײַנע... מײַנע זײַנען שוין פאַרנומענע.

— הער־הער, ווו עס האַלט שוין בא זיי. נאָך א גליק, וואָס מע פאָרט אינײנעם ניט מער, ווי איין ליכטיקן טאָג... — האָבן מיר, די אַנדערע צוויי פּאַסאַזשירן, געזאָגט.

— פאַרנומענע אַף שטענדיק? — האָט וואָלאָדיע געפרעגט.

— אַף שטענדיק!

— טאַקע אַף אייביק־אייביק?

— מ'האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן... — האָבן מיר, די אַנדערע צוויי פּאַסאַזשירן, געזאָגט.

נאָר דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָך ניט יענע וואַגאָן־מײַסע, וועגן וועלכער איך וויל דערציילן. דאָס איז אַזוי זיך, בא דער זײַט. די רעכטע וואַגאָן־מײַסע האָט זיך אָנגעהויבן אויסשפּינען שפּעטער א ביסל, אַרום דעם דריטן פּאַסאַזשיר, ס'הייסט, דריטער פּאַסאַזשירקע, אין אונדזער קופּע־כיידערל.

כ'האָב שוין געוווּסט, אַז מע רופט זי זינאַידע פּאַוולאָוונע. אַז זי איז א מעדשוועסטער אין טיראַספּאָלער אָנקאָפּונקט. אַז דער מאַן איז בא איר שוין לאַנג געשטאָרבן. אַז פאָרן פאָרט זי אַף צוויי טעג, אַף שאַבעס און אַף זונטיק, אויך קיין קיִעוו, צו א טעכטערל, אַן אויסגעגעבן טעכטערל.

א פרוי נאָך די פערציק, א ביסל צו א דיקלעכע, א שוואַרצע. שוואַרץ־אָפּגעצויגענע האָר, שוואַרצע ברעמען, פינקלדיק־ווײַסע ציין, א גוטער כיינעוודיקער שמייכל אַפן פּאָנעם. א דיקלעכע — נאָר א רירעוודיקע, א גיכע טוערן, אַפּאָנעם. זי האָט זיך באַלד איבערגעטאָן אין א כאַלאַטל מיט קורצע אַרבל און די נאַקעטדיקלעכע הענט אירע האָבן באַלד ניט גערוט. זי האָט צעשטעלט אונדזערע זאַכן ערגעץ אַף אַן אייבערשטער פּאָליצע, זיי זאָלן זיך אונטן ניט פּלאָנטערן פאַר די פיס. זי האָט אויסגעגלײַכט די פאַלטאָען אַף די הענגערס, די טיר זאָל זיך גרינג פאַרמאַכן. זי האָט נאָכן אָפּטרינקען טיי אַראָפּגענומען די גלעזער פונעם טישל, פאַרווישט, פאַרקערט, אַרײַנגעלייגט די שיראַיִם אין אויסגעליידיקטע בײַטע־

לעך, דאָס מיסט אוועקגעטראָגן, מיטגעכאַפּט מיט זיך אַ האַנטעך און אַ זייפל, צוריק געקומען דערנאָך אָן אָפּגעפרישטע, אַ ביסל אַן אַנדערש פּאַרקעמטע, אַ לאַכנדיקע.

טאַניע און וואָלאָדיע זײַנען געשטאַנען אין וואַגאָן־קאָרידאָרל באַ אַ פענצטער, געהאַלטן די הענט זייערע אָנגעשפּאַרט אַף דער פּאַרענטש לעבן פענצטער, עפּעס צוגעשוויגן, אָפּאַנעם גע־קוקט, ווי אין דרויסן שיט דער שניי, דער צוג לויפט און לויפט, און דער שניי שיט און שיט.

זינאַידע פּאַוולאָוונאַ האָט אַף דער אונטער־שטער פּאָליצע אירער אויפגעקאַטשעט דעם מאַטראַץ, פאַרשפּרייט אים מיט אַ לײַלעך. זי האָט אָנגעצויגן מיטן ציכל דאָס קישעלע, און אַזוי־אָ, אָן אויסגעדרייטע צו מיר מיט דער פּלייצע, מיר אַ זאָג געטאָן, אַז זי וויל זיך אַ ביסל צושפּאַרן: זי האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט צו־געמאַכט קיין אויג, טאָמיד פאַרן פאַרן קאָן זי אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צומאַכן. זי וויל, כאָלילע, ניט שלאָפן. זי וויל זיך גלאַט אַזוי נאָר אַ ביסל צושפּאַרן און ווײַטער פירן מיט מיר אַ געשמאַקן שמועס.

א געשמאַקן שמועס?

זי האָט זיך אָנגעלענט מיטן עלנבויגן אָפּן קישעלע, די פיס צוגעדעקט מיטן צווייטן לײַ־לעך, און אַזוי־אָ, אַ האַלב־ליגנדיקע, אַ בלײַ־שטשע געטאָן מיט די ווײַסע ציין אירע, מיך פּלוצעם אַ פרעג געטאָן, צי כ׳האָב ליב עסן האָמענטאַשן.

— כ׳עס... וואָדען איך עס ניט? ס׳איז ניט קיין שלעכט שטיקל געבעקס.

— ניין, כ׳מיין, צי איר עסט האָמענטאַשן פּורים?

— שײַעך? — האָב איך עפּעס ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן איר.

— ווײַל האָמענטאַשן עסט מען ניט פּייסעך, און ניט סוקעס, און אַפילע ניט שוועס.

זי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז זי ווייסט אַפּילע אַ לעגענדע, פאַרוואָס די האָמענ־טאַשן זײַנען שפּיצעכיק. צוליב דעם פעטער מאָרדכעס שפּיצעכיקע אויערן, וואָס האָבן גע־הערט, אַז מע וויל דעם מײלעך אַכאַשווייראָשעס אָפּסאַמען. און אַדאַנק דעם איז דאָס גאַנצע פאָלק געראַטעוועט געוואָרן פון האָמען דעם קוילערס הענט.

— כ׳ווייס ניט, — האָב איך געזאָגט, — עפּ־שער גייט ערגעץ אום אַזאַ לעגענדע אויך. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז ניט גאָר קיין פויגלדי־קע לעגענדע. איך רעכן, אַז ס׳איז פּאַשעטער. ווײַל האָמען פלעגט טראָגן אַזאַ דרײַשפּיצעכיק שמענדריק־היטל.

— שמענדריק. וואָס איז עס אַזוינס שמענ־דריק?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן? דאָס איז אַ מין טעאַטער־וואָרט. פּורים פלעגט מען זיך אַמאָל פריילעך מאַכן. די דאָזיקע גאַנצע פּורים־גע־שיכטע אָפּשפּילן. ס׳האָט געהייסן פּורים־שפּיל.

— נו, אַזוי ווײַט ווייס איך שוין ניט.

— פונוואַנען ווייסט איר ביכלאַל וועגן די אַלע זאַכן?

— פונוואַנען? מײַנער אַ זיידע, אַן עלטער־עלטערזיידע. בערקאָ, איז אין אָנהייב געווען אַ ייִד.

— וואָס הייסט אין אָנהייב?

— ביז ער האָט זיך געמוזט שמאַדן.

פונעם גאַנצן שמועס איז מיר עפּעס גע־וואָרן פּריקרע. כ׳האָב ניט געוואָלט קריכן אין די גאַרגערעס, אָנהייבן אויספרעגן פאַרוואָס און ווי:אַזוי. כוץ דעם, האָב איך בעמײלע געזען אַף זינאַידע פּאַוולאָוונעס פּאָנעם, אַז זי וועט מיר שוין די גאַנצע מײַסע מיט אַלע פּישטשעווקעס אַליין אויסדערציילן. כ׳האָב, פּאַרקערט, דעם שמועס פאַרקערעוועט אין אַ זײַט:

— די טאָכטער אײַערע, — האָב איך גע־פרעגט, — האָט שוין לאַנג כאַסענע געהאַט? וווינט שוין לאַנג אין קיִעוו?

— דאָס צווייטע יאָר. אוי, אַ טײַערער באָ־כער יאַשע, דער מאַן אירער.

די וואַגאָן־מײַסע האָט זיך אויסגעוועבט אַזוי־אָ פּאַוואָליע, שטיקלעכווײַז, מערער אין דיאַלאָג. ס׳איז ניט אַזאַ לאַנגע מײַסע. נאָר כ׳וויל זי איבערגעבן צענויפגעפּרעסט, אײַנ־קורצן, מיט מײַנע ווערטער.

ערגעץ אין אַ דערפל אַף פּאָדאָליע האָט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק געלעבט אַ ייִד בעריל, בער־קאָ, ווי דאָס דאָרף פלעג אים רופן. אַ ייִד אַן ערדאַרבעטער, אַ פּויער. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר דעסיאַטין פעלד, אַ פערד־און־וועגעלע, אַ כאַטקע מיט אַ שטרויען דעכל אין עק דאָרף, אַ פולן אָפּן־איווון מיט קינדערלעך. די פּירעכ־צער אין שטוב, דאָס אָנטועכץ און אַלץ־מיט־אַן־אַנדער — דאָרפיש, פּויעריש. קיין לאַמדן איז ער, פאַרשטייט זיך, ניט געווען. אין די דריבנע אויס:לעך מויצע־פּויצע געווען קוים־קוים, אָפּן שפּיץ נאָגל. מיט ייִדן קיין גרויסן מאַסע־מאַטן ניט געהאַט. אַמאָל־אַמאָל פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אין דערפל דער שויכעט פונעם שטעטל. צוויי מאָל אין יאָר, אַף ראָשעשאָנע און אַף יאָמקיי־פּער, פלעגט זיך בערקאָ דורכפאָרן מיט ווײַב־און־קינד אין שטאָט אַרײַן, טאַקע באַם שויכעט האַלטן סטאַנציע, שטיין אין שול ערגעץ לעבן דער הרובע, אַ פאַרקלעמטער אין זיך, הענט־און־פיס — קלעצער, די אַרומגעכיקטע באָרד לעקאָוועד יאָמטעוו — אין אַ רויטן אָפּשײַן פון דער אָנגעצונדנקײַט אָפּן פּאָנעם. „נו־אָ, ווער שמוכעט עס דאָרטן, ווער?“ — כיבעט־האַקיי־ווער, ניט עפּעס אַנדערש.

ביכלאַל מיט די שטעטלדיקע ניט געלאַדיעט. אויסגעבלייכטע פלאַסקעדריגאַס. מייסים. מע קאָן א קאַץ אַן עק ניט צובינדן. מע ווייסט ניט, צי א היפּטל קרויט וואַקסט אין דער ערד אָדער אַף דער ערד. און מע שטעלט זיך נאָך אַף די פּיסלעך. מע בלאָזט פון זיך. מע קליגלט זיך. מע כיכיקעט.

נאָר א ייִד איז ער געווען. געטראָגן גאָט אין הארצן ניט נאָר אין די דריי פּאַרכטיקע טעג, אין שול לעבן דער הרובע. א גאַנץ קיילעכדיק יאָר. באַם זייען און באַם שנײַדן. באַם פּאַיען דאָס פערדל און באַם אָנהאַקן א פורל האָלץ אין וואַלד. באַם לייגן זיך — איינײַנעם מיט די אויפעס און פייגל; און באַם אופשטיין — מיטן ערשטן שפראַץ אַף טאָג.

דאָס שטיקל ערד זײַנס, די יערושע־כאַטקע מיטן פּאַרמאָכיקטן דעכל, די פּאַרטאָגן און די פּאַרנאַכטן, די דאָזיקע גאַנצע היים מיטן גאַנצן אַרום אירן, האָט ער ליב געהאַט מער, ווי אַלץ אין דער וועלט. ער האָט זיך גאָרניט אָפּגעגעגעבן קיין כעזשבן דערפון. עלעהיי א בוים גיט זיך ניט אָפּ קיין כעזשבן, אַז ער אָטעמט און גרינט. ער האָט גאָר קיינמאָל קיין טראַכט ניט געטאָן, אַז פאַר דעם אַלעמען איז ער גרייט אוועקצוגעבן דאָס טײַערסטע אין דער וועלט. ביז אין יענעם שיינעם טאָג, ווען דער סטאַראָסטע און דער סאָטסקע פונעם דאָרף זײַנען שטיין געבליבן באַ אים אין הויף מיטן גוטן פּאַפּירל אין דער האַנט. געקומען דעם בוים אויסהאַקן און אויסוואָרצלען.

— מיר דאַרפן דיך, בערקאָ, פונעם דאָרף אַרויסטרײַבן. אָט האָסטו אַן אוקאַז!

בערקאָן האָבן זיך אונטערגעהאַקט הענט־און־פיס. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, געבליבן זיצן מיט ביידע הענט זײַנע אָפּן קאָפּ:

— מענטשן, וואָס הייסט אַרויסטרײַבן? פאַרוואָס אַרויסטרײַבן? ווהין אַרויסטרײַבן? ווער האָט געקאָנט געבן אַזא אוקאַז?

— ניט מיר, בערקאָ. פון אויבן. פון העטהעט אויבן...

— מאַכט ניט קיין לעצאָנעס, בראַטצי. פונוואַנען ווייסט מען העט אויבן, אַז דאָ באַ אונדז אין דאָרף לעבט א ייִד בערקאָ?

— מע ווייסט. אַלצדינג ווייסט מען אויבן, בערקאָ. מיר גיבן דיר א טאָג צײַט זאָלסט צונויפנעמען די בעבעכעס דײַנע. און, ווי גאָט איז דיר ליב, גיי, ווהין די אויגן וועלן דיך טראָגן. טו אונדז ניט אָן קיין צאָרעס, בערקאָ.

— ניין, גוטעברידער, קיין לעבעדיקער וועל איך פונדאַנען ניט אוועקגיין.

— וועט מען דיך אוועקטראָגן.

— קיינער וועט מיך פונדאַנען ניט אוועקטראָגן. אַף דער־אָ ערד, וואָס כ׳האָב יאָר־אײַן, יאָר־אויס באַגאָסן מיט מײַן שווייס, וועט זידן דאָס בלוט מײַנס און פולן די ביינער מײַנע...

ער האָט געטאָן א רײַס אַרויס א דרענגל פונעם פלויט און אָנגעהויבן דערמיט פאָכען אַרום קאָפּ, רעווען, ווי אַן אָקס. דאָס ווײַב און די קינדער זײַנען אַרויס אין הויף מיט גוואַלדן. עס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן שכיינים. מ׳האָט בערקאָן אײַנגעשטילט, אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער, אַרײַנגעפירט אין שטוב אַרײַן. איינער א שאָכן האָט דערנאָך מיט געציילטע ווערטער א זאָג געטאָן:

— נאָר איינער. וואָס דאַרף מען זיך אַזוי דערהאַרגענען? מע מיינט דען דיך? אָט דעם בערקאָן, וואָס זיצט אָ־דאָ־אָ צווישן אונדז, ווי א ברודער אונדזערער? מע מיינט גלאַט אַזוי א ייִדן בערקאָן, ווײַל ס׳איז דאָ אַזא שאַרפער אוקאַז. פון העט אויבן. פונעם צאַר אַליין. לויף שוין מאָרגן, בערקאָ, אַוועק צום גאַלעך. אַזוי און אַזוי, באַטושקאַ. וועט דיר דערנאָך דער גאַלעך אַרויסגעבן א פּאַפּירל, אַז בערקאָ איז ניט קיין ייִד. ס׳הייסט, ער איז שוין ניט מער קיין ייִד. אויס ייִד!

בערקאָ איז געזעסן אין הוילן נאַסן העמד און געציטערט. די אויגן האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, געקוקט די גאַנצע צײַט אין איין פינטל, שטיל, פאַר זיך, אונטערגעברומקעט:

— שווייס. און בלוט. און די נעשאָמע?..

דאָס ווײַב און די קינדער זײַנען געשטאַנען אַרום אים און געבראָכן זיך די הענט, געכליפּעט. ער האָט זיך מיטאַמאָל א ריס געטאָן פונעם פלאַץ, א רעווע געטאָן צום סטאַראָסטע און צום סאָטסקע:

— גייט, גייט אײַך פון מײַן שטוב, גאַזלאָנים!.. האַדיע... כ׳וועל אײַך ברענגען פונעם גאַלעך א פּאַפּירל...

אין שטעטל אַף יאָמים־נויראָים, צוויי מאָל אין יאָר, איז בערקאָ, פאַרשטייט זיך, מער ניט

געפאָרן. אין קלויסטער איז ער אָבער אויך מער ווי יענץ איין מאָל קיינמאָל ניט געגאנגען. די פירעכצער אין שטוב און אלץ־מיט־אן־אנדער האָבן זיך אף קיין האָר ניט געביטן. די קינדער זײַנען אויסגעוואקסן. ווער ס׳איז מיט דער צײַט אוועק ערגעץ אנדערש, ווער ס׳איז געבליבן אין דאָרף לעבן טאטן. בערקאָ איז אלט געוואָרן, שוואך געוואָרן. ווען ס׳איז געקומען די צײַט, ער זאָל שטארבן, האָט ער צונויפגעזאמלט ארום זיך די אייגענע און פארן טויט זיי אזוי געזאָגט:

— אײַך, קינדער, דארף איך ניט דערציילן וואָס און ווען. איר ווייסט עס אליין. איר זענט געווען דערבײַ. נאָר ווען ס׳וועט, אז גאָט וועט הייסן, קומען אײַער צײַט אוועקצוגיין פון דער וועלט, זאָלן די קינדער אײַערע הערן, ווער דער זיידע זייערער איז געווען און וואָס ס׳האָט זיך מיט אים אָפגעטאָן. און זייערע קינדער און קינדסקינדער זאָלן עס דערנאָך אויכעט הערן...

אזוי זײַנען אוועק יאָרן, דורעס. אין א פּאָר פאדאָליער שטעט און אין עטלעכע דערפער האָבן זיך אויסגעלעבט מישפּאָכעס מיטן פאמי־ליע־נאָמען וויקריסטענקאָ. ווער ס׳האָט בער־קאָס צוואָע געהאלטן, ווער ס׳האָט זי ניט גע־האלטן. אזוי האָט זיך עס אוועקגעצויגן ביז אין אונדזער צײַט, ביז אין זיבעצנטן יאָר.

זינאידע פאוולאָוונאס אייגענע ווערטער:

— דער פאָטער מײַנער האָט געארבעט אין באלטע אין א מיל. ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג, איז ער אלט געווען אכצן יאָר. ער איז אוועק מיט קאָטאָווסקיס דיוויזיע שלאָגן זיך קעגן די ווײַסע. דערנאָך איז ער א שטיק צײַט געווען פאָרזיצער פון א באלטער טרעגער־ארטעל. ווער האָט אין באלטע ניט געקענט פאוועל וויקריסטענקאָ? יידיש האָט ער גערעדט ניט ערגער פון א יידן. כאסענע געהאט מיט אן אוקראיִניש מיידל. געוווּסט וועגן דעם עלטערזיידן בערקאָ. נאָר וואָס איז שוין דער כילעק, צי בערקאָ, צי פאוולאָ? אלע מענטשן דארפן זײַן גלײַך. צוליב דעם טאקע, אז אלע מענטשן זאָלן זײַן גלײַך, האָט ער זיך געשלאָגן קעגן די ווײַסע אין קאָטאָווסקיס די־וויזיע. איך בין געבוירן געוואָרן אין דרײַסיקסטן יאָר. ווען כ׳בין געווען א צוועלפיאָריק מיידעלע, און גראדע דעמלט, ווען באלטע איז פארכאפט געוואָרן פון די דײַטשן, האָט אונדז דער פאָטער דערציילט די געשיכטע וועגן דעם עלטערזיידן.

איך און די מאמע און א ברודערל מײַנס — זײַנען מיר דעמלט געבליבן אליין. די מאמע האָט אונדז געזאָגט, אז מע טאָר ניט פרעגן, ווו דער טאטע איז, ווײַל קיינער טאָר ניט וויסן. איינמאָל האָט דער טאטע אָנגעקלאפט אין פענצטער און ארײַנגעיאוועט זיך אין שטוב מיט צוויי מענטשן: א מאן מיט א פרוי. ביידע זײַנען זיי געווען פארבלוטיקט, צעשלאָגן, די קליידער צעריסן, זיי האָבן זיך קוים געהאלטן אף די פיס. די מאמע האָט זיי ארומגעוואשן, ארומגעבונדן, דערלאנגט עפעס עסן. איך און דאָס ברודערל מײַנס האָבן איניינעם מיטן טאטן אויסגערייניקט דעם קעלער אונדזערן. אוועקגעלייגט אף דער ערד א פאָר אלטע רעקלעך, א קישן מיט א קאָלדרע, ארײַנגעשטעלט א צוויי טאבורעטקעס. דער טאטע האָט געזאָגט, אז דאָס איז א יידיש פאָרפאָלק, די דײַטשן ווילן זיי הארגענען, מוזן זיי זיך באהאלטן. זיי וועלן זײַן בײַ אונדז אין קעלער, ביז זיי וועלן א ביסל קומען צו־זיך. דערנאָך וועט ער שיקן נאָך זיי מענטשן און מע וועט זיי נעמען אהין, ווו ער איז. מיר זאָלן זיי יעדן טאָג אראָפגעבן עסן און טרינקען, און מיר זאָלן, כאָלילע, פאר קיינעם קיין פיפס ניט טאָן. א גאנצע נאכט זײַנען מיר קיינער ניט געשלאָפן. אין יענעם באנאכט האָט דער טאטע דערציילט דער מאמען און מיר מיטן ברודערל, אז זײַנער אן עלטערזיידע האָט געהייסן בערקאָ און איז אויך געווען א ייִד. ווען מ׳האָט אים געוואָלט ארויסטרײַבן פונעם דאָרף, ווו ער האָט אלע זײַנע יאָרן געלעבט, איז ער צוגעפאלן מיטן פאָנעם צו דער ערד, אײַנגעגראָבן זיך אין איר מיט די נעגל, און מ׳האָט אים פון דער ערד ניט געקאָנט אָפרײַסן. פארטאָג איז דער טאטע אוועק, און מער האָב איך אים שוין קיינמאָל ניט געזען. דאָס ברודערל מײַנס איז אײַנגיכן געשטאָרבן פון טיף. און אין א מין האלב יאָר ארום האָבן זיך אין א פארטאָג ארײַנגעריסן צו אונדז אין שטוב דײַטשן, אלצדינג איבערגע־קערט האָרעך־קאָרעך, געפונען דאָס פאָרפאָלק אין קעלער און אוועקגעשלעפט מיט זיך אי דאָס פאָרפאָלק, אי די מאמע מײַנע...

זינאידע האָט זיך אופגעכאָוועט אין א קינ־דערהיים. אין טיראספאָל האָט זי געענדיקט א מעדשול, און אין טיראספאָל האָט זי כאסענע געהאט. דער מאן אירער איז געווען א הויכער, א געזונטער, האָט ניט גערייכערט און ניט גע־

6*

טרונקען, א פריילעכער, א צוגעלאָזטער, א געטרײַער — א מענטש אָן אויצער. ער איז אײַנגאַנצן אַלט געווען צוויי און דרײַסיק יאָר, ווען מ'האָט געמיינט, אַז ס'איז א פּאַשעט פּאַרקילעכץ, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט א ראַק אַף די לונגען. זי איז איבערגעבליבן מיט א פּיר־יאָריק מיידעלע, איז שוין אַזוי פאַרבליבן אַף שטענדיק אַרבעטן אין טיראַספּאָלער אָנקאָפּונקט. דאָס קינד האָט זי אַליין אופגעכאָוועט. ס'איז אויסגעוואַקסן א מויד, אײַנגאַנצן ער. פּאַראַיאָרן האָט וואַליעטשקע געענדיקט דעם קיִעווער פּאַליטעכנישן אינסטיטוט. צענדליקער ייִנגלעך האָבן זיך אין איר פאַרליבט, און זי האָט זיך פאַרליבט אין אים, אין יענעם ייִנגל, פון א קיִעווער לערער־מישפּאָכע. אָט איז שוין באַלד אָנדערהאַלבן יאָר, זינט זיי האָבן זיך פאַרשריבן. יאָרן לויפן. זי ווערט שוין אײַנגיכן א באַבע, זינאַידע פּאַוולאָוונאַ.

זינאַידע פּאַוולאָוונאַס אייגענע ווערטער:

— כ'ווייס ניט, כ'בין, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געווען קיין סענטימענטאַלער מענטש. ס'האָט מיסטאָמע פּאַשעט ניט געקלעקט קיין צײַט אַף אַזעלכע זאַכן. און ס'איז, קיין אײַנהאָרע, איצטער אויך דאָ גענוג, וועגן וואָס צו זאָרגן און וועגן וואָס צו טראַכטן. נאָר ווען איך גיב זיך אַמאָל א דערמאָן אין דעם דאָזיקן זיידן בערקאָן, טוט מיר עפּעס א ריס באַם האַרצן. איר פאַרשטייט, ווי גרויס עס איז געווען דער ווילן צו בלײַבן אַף דער אייגענער ערד, אין זײַן ווײַט פאַרשטופּט דערפעלע! טאָמיד, ווען איך פאָר קיין קיִעוו צו דער טאָכטער, קריכן מיר די דאָזיקע געדאַנקען אין קאָפּ אַרײַן. כ'בין ניט קיין סענטימענטאַלע, נאָר איך פאָר און טראַכט: אײַ, ווען ס'קאָן געמאָלט זײַן אַף דער וועלט אַזאַ זאַך — איך זאָל אָנעמען דעם אַלטיטשקן זיידן באַ דער האַנט און זאָל מיט אים אומשפּאַצירן איבער די שיינע קיִעווער גאַסן. זעסט, זיידעניו, ווו דאָס אור־אוריינִיקל דײַנס לעבט? אין סאַמע קיִעוו. אָט דאָרט־אָ, אַף יענער זײַט דניעפּער, אין יענעם נײַעם זעכצנגאָרנדיקן הויז. פּאַוואַליע, זיידע, אָט הייבן מיר זיך אוף מיטן ליפט. און מיט דעם נאָמען אירן, זיידעניו, טוט דײַן אוריינִיקל וואָס זי וויל. וואָס דאָס האַרץ אירס גלוסט...

דאָס, אָן ערעך, איז די גאַנצע וואָגאָן־מײַסע. זי האָט זיך פאַרקײַלעכיקט אַרום פאַרנאַכט־צו, ווען אונדזער צוג האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צום קיִעווער וואָקזאַל. אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געשנייט. א גאַנצן טאָג איז דער צוג געלאָפן און געלאָפן, און דער שניי האָט געשיט און געשיט. טאַקע, ווי אין א מײַסעלע. ווי אין א מין פאַרבענקט ווינטער־מײַסעלע.

זינאַידע פּאַוולאָוונאַ האָט זיך איבערגעטאָן, אָנגעהויבן צונויפנעמען אירע זאַכן. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געהאָלפן זינאַידע פּאַוולאָוונען אַרויסטראָגן די פּעקלעך, וואָלאָדיע האָט טאַניען נאָכגעטראָגן דאָס רענצל.

מיר האָבן זיך גיך געזעגנט. אַף זינאַידע פּאַוולאָוונען האָבן געוואַרט די טאָכטער און דער איידעם. כ'בין געשטאַנען באַ דער טיר פונעם וואָגאָן און געקוקט, ווי מע האַלדזט זיך און מע קושט זיך. איך האָב געכאַפּט א בליק צום איידעם און צו דער טאָכטער, געוואָלט עפּעס זען באַזונדערס, און גאָרניט געזען. א געוויינלעכער איידעם און א געוויינלעכע טאָכטער.

מיר זײַנען דערנאָך געבליבן מיט וואָלאָדיען אַליין אין קופּע. ביידע האָבן מיר געשוויגן. אינעם וואָגאָן־פענצטער האָבן זיך געטאָן א צינד אָן אַלע קיִעווער לעמפּ. ס'איז געוואָרן אָוונט.

וואָלאָדיע האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער וואָגאָן־פּאָליצע, געלעגן און געקוקט ערגעץ אַרוף צו דער סטעליע. דאַכט זיך, אַז וואָלאָדיע איז געווען פאַרליבט.

איך האָב זיך אויך צוגעלייגט.

דאַכט זיך, אַז איך בין אויך געווען פאַרליבט.

דאָרע כײַקינע

• די טרוימערן •

ליִע עליעוונע מילראַד איז א טיפע זקיינע. זי אליין ווייסט אפילע ניט פינקטלעך די יאָרן אירע. ווען עס טרעפט, אז נײַגעריקע אין דערבײַיִקן סעדל, ווּהין זי גייט אמאָל ארויס זיצן א ביסל אף דער באנק, טוען זי א פרעג: „וויפל זײַט איר אלט, באָבעשי?", צי אין קלייט, ווּהין זי קומט פון צײַט צו צײַט עפּעס אײַנקויפן, פארגיט מען איר די זעלבע פראגע, — ענטפערט זי שטיל און ווי א קאָ־פעלע שולדיק: „פיר און זיבעציק". בא זיך ווייסט זי, אז שוין גאנץ לאנג, א היפּש ביסל יאָרן, ווי זי שפּאַנט ניט אריבער די פארקישעפטע „פיר און זיבעציק". ווען עמעץ טוט זי א פרעג: צוליב וואָס און צוליב וועמען פארלײקנט זי אירע יאָרן, וואָלט זי בעפּײרעש ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זי לעבט דאָך אירע אייגענע יאָרן. יעדער מענטש לעבט זײַנע אייגענע יאָרן, און ניט עמעצנס. און דאָך... אין געדאנק פארענטפערט זי זיך אזוי: איינער קען נאָך א טראכט טאָן מיט קינע: „זע, מײַן מאמע וואָלט איצט אלט געווען נאָך ווייניקער, און וויפל יאָר איז זי שוין ניטאָ..." אן אנדערער וועט זיך כידעשן: „אזא אלטע, וואָס האָט זי צו טאָן אף דער וועלט..." א דריטער וועט פאסקענען: „אן עלנטע נעשאָמע, קיינער וועט נאָך איר ניט וויינען, און זי..."

ליִע געדענקט אָבער, אז ניט שטענדיק פלעגט זי פארלייקענען אירע יאָרן. פונקט פאַר־קערט. קינדווײַז און אין דער פריִער יוגנט פלעגט זי שטענדיק וועלן זײַן עלטער כאָטשבי אף א יאָר. ווען צו זיי אין שטוב זײַנען געקומען באשטעלערנס — איר טאטע איז געווען א גוטער שנײַדער — און עמעצער פון זיי פלעגט וועלן צוליב טאָן אירע טאטע־מאמע און פרעגן, ליב שמייכלענדיק דערבײַ: „וויפל איז אלט אײַער מיזינקע?", פלעגט זי, ניט דער־ווארטנדיק זיך, די מאמע זאָל ענטפערן, גלײַך אויסשיסן: „דאָס צוועלפטע", ווען ס'איז איר געווען א יאָר צען, צי „דאָס דרײַצנטע", נאָך ניט זײַענדיק אלט קיין עלף. די מאמע פלעגט זיך צעלאכן, אויב ס'איז איר געווען גוט אפן הארצן, צי זיך בייזערן, אויב ס'פלעגט זײַן עפּעס ניט אזוי אין שטוב, און אלע מאָל ניט קאָנען פארשטיין א פּראָסטע זאך: „וואָס האָסטו קיין צײַט ניט, וואָס טרײַבסטו אונטער די יאָרן דײַנע?", דערקלערנדיק דער באשטעלערן: „דאָס וויל זי וואָס גיכער זײַן א גרויסע, כאפּט זי אראָפּ פון די קינפּטיקע יאָרן אירע וויפל עס לאָזט זיך". און געווײנלעך פלעגן די פרויען גלײַך פארפירן א רייד וועגן דעם, אז יאָרן לויפן בעמיילע גיך, מע באוויַיזט זיך ניט ארומקוקן אפילע...

אף איר, אף ליִען, געדענקט זיך, האָבן די רייד קיין מעמשאָלע ניט געהאט. בא א יאָר דרײַצן־פערצן האָט זי זיך ניט געקענט דערווארטן, עס זאָל איר ווערן פופצן. איז זי אלט געוואָרן פופצן, פלעגט זי גלײַך געבן צו וויסן: „עס גייט מיר דאָס זיבעצנטע". איצטער גע־דענקט זי טאקע ניט דאָס יאָר, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, זי געדענקט ניט די דאַטע, זי ווייסט בלויז דעם כוידעש — פעווראל. זי ווייסט עס, אפּאָנעם, דערפאר, ווײַל עס קלינגען איר אדהײַעם אין די אויערן דער מאמעס ווערטער: „ווי נאָר מײַן ליִע איז געבוירן געוואָרן, זײַנען די טעג געוואָרן גרעסער און ליכטיקער". „און עפשער זײַנען די טעג געוואָרן גרעסער און ליכטיקער, ווײַל געבוירן איז זי אין פעווראל"...

צוויי טעכטער זײַנען זיי געווען בא די עלטערן: די עלטערע שוועסטער מאניע און זי, ליִע. די שוועסטער האָבן זייער ליב געהאט איינע די אנדערע. מאניע האָט יונג כאסענע געהאט פאר אן אײַזנבאן־אינזשעניער און אריבערגעפאָרן מיט אים צו זײַנע עלטערן קיין וואָראָניעזש. מאניע פלעגט שרײַבן אָפטע און בעאריכעסדיקע בריוו אהיים. אינגיכן איז זי געוואָרן א מוטער. און אָפט איינעם מיט א בריוו צוגעשיקט דעם קינדס א פאָטאָגראפיע. ליִע היט אלע פאָטאָגראפיעס פון דער פלעמעניצע, פון מילעטשקען, אָנהייבנדיק פון א זעקס־כאדאָשימדיקן עלטער, ווען זי איז געלעגן אף א געקווייטלטער קאָלדרע, וועלכע ליִע האָט גלײַך דערקענט: אמאָל איז זי אליין, ליִע, געווען פאָטאָגראפירט אף דער זעלבער קאָלדרע.

דערנאָך איז מילעטשקע געזעסן אַף א הויכן שטול, אָנגעשפאַרט מיט דער פלייצע אַף א געשניצט ווענטל, אָן ארומגעצוימטן פון דרייַ זייַטן מיט לאָזע־ריטלעך, שפעטער איז זי שוין געשטאַנען, האַלטנדיק פאַר א צוים א פערדל פון פאַפיע־מאַשע, און נאָך א גאַנצער ריי אַזעלכע און ענלעכע פאָטאָגראַפיעס איז אָנגעקומען פון וואָראָניעזש א פאָטאָגראַפיע, אַף וועלכער מילע, א שיין מיידל פון א יאָר זיבעצן־אכצן, אָן ערנסטע, א פייַערלעכע, אָן אָנגעטאָנענע אין א טונקל שילעריש קלייד מיט א ווייַס דורכזיכטיק פאַרטעכל, האָט אָנגעזאָגט דער וועלט: „אָט אזא בין איך, ווען כ׳האָב פאַרענדיקט די שול, באַם שוועל פון א נייַ לעבן”.

דערנאָך האָט מאַניע אופגעהערט שרייַבן. געשריבן האָט מילע. אַלע בריוו אירע זייַנען געווען אַף איין מאַניר: „טייַערע מומינקע, די מאַמע קען אייַך ניט שרייַבן, בא איר ציטערן זייער די הענט, האָט זי מיך געבעטן ענטפערן אַף אייַער בריוו, מיט וועלכן איר האָט זי זייער דערפרייט. טייַערע מומע ליזע, די מאַמע האָט אייַך זייער ליב און דערציילט אַלע אונדזערע באַקענטע און פרייַנט, סאַראַ אויסגעשפילטע שוועסטער זי האָט. די מאַמע זאָגט, אַז איר גרעסטער טרוים איז — זיך זען מיט אייַך. צום באַדויערן אָבער, קאָן זי ניט פאַרנעמען אַזאַ ווייַטע רייַזע, און כ׳האָב מוירע, אַז אַזאַ וועג איז אויך ניט פאַר אייַערע קויכעס, נאָר — א באַרג מיט א באַרג...”, האָט זי אַלע מאָל געשריבן, געפינענדיק גלייַך טרייסט־ווערטער.

איינמאָל, בייס עפעס א קרענק האָט ליזען ווי מיט צוואַנגען צוגעשמידט צום בעט, איז א פאַרסאָפעטער אַרייַנגעלאָפן צו איר אין צימער דער לערערקעס, דער שכיינעס, טאַטיאַנע אַסיפאָוונעס, שוריק... ווען איז עס געווען? שוריק איז דעמלט אַלט געווען א יאָר פינף־זעקס, און איצט דינט ער אין אַרמיי. ער דאַרף שוין גיך קומען אַהיים, זאָגט די מאַמע זייַנע. זי קומט אָפט אַרייַן צו ליזען מיט זייַנעם א בריוול אין די הענט — א גרוס אייַך פון שוריקן. ווען ער איז נאָך געווען א פיצל, פלעגט ער זיך גרויסן, וואָס ער קען אויסריידן איר נאָמען און פאָטערנאָמען, און „ליזע עליעוונע” פלעגט זיך אָפט אַראָפרייַסן פון זייַנע ליפן.

— ליזע עליעוונע, — האָט דעמלט דער קליינער שוריק א געשריי געטאָן, — די טיאָטיע נאַסטיע, די בריוונטרעגערן, האָט מיר געגעבן א טעלעגראַם פאַר אייַך. „טראָג טייקעף אָפ די טעלעגראַם, — האָט זי מיר געזאָגט, — ליזע עליעוונען, און איך לויף”. — און קעדיי ליזע עליעוונע זאָל זיך ניט באַליידיקן אַף דער טיאָטיע נאַסטיע, וואָס זי האָט אַליין ניט אַרייַנגעטראָגן די טעלעגראַם, האָט שוריק געזאָגט: — זי איז טאַקע גלייַך אַנטלאָפן.

די זאַך איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס שוריק האָט נאָך דעמלט ניט געקענט לייענען, און זי האָט ניט לאַנג פאַר דער קרענק צעבראָכן די ברילן, אָנגעטראָטן אַף זיי, און דעריבער אויך ניט געקענט איבערלייענען די טעלעגראַם, האָט זי געזאָגט דעם קינד:

— ס׳וועט אויסקומען וואַרטן, ביז דייַן מאַמע וועט זיך אומקערן.

ס׳איז איר דעמלט אַפילע אַפן זינען ניט געקומען, אַז די ליבע נאַסטיע האָט געהייסן שוריקן אַרייַנטראָגן די טעלעגראַם, ווייַל אַליין האָט זי ניט געוואָלט ברענגען איר קיין שלעכטע בסורע. מאַכמעס, ווי נאַסטיע זאָל ניט אייַלן, פלעגט זי שטענדיק, אַרייַנקומענדיק צו ליזען מיט מאַניעס א בריוו, זיך צוזעצן כאָטש אַף א ווייַלע, עפעס א פרעג טאָן, צי דערציילן וועגן זיך, וועגן די קינדער אירע, געבן אַפגיך א וואַש אויס א טעלער, א גלאָז, צי א ביסל צוראַמען אינעם צימער. באַ נאַסטינקען ברענט די אַרבעט אונטער די הענט.

ליזע האָט ניט באַמערקט, ווי שוריק האָט ווידער אַרייַנגעלייגט די טעלעגראַם אין קעשענע פון זייַן מאַנטל, אַהין, וווּ נאַסטיע האָט זי אַזוי גוט באַשטאַט. און ביידע, סיי דאָס קינד, סיי זי, מיט איר אַלטן קאָפ, האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען א טעלעגראַם. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָט שוריקס מאַמע, אָט אַזוי ווי זי קומט איצט אָפט, האַלטנדיק דעם זונס א בריוול אין האַנט, זיך אַרייַנגעשטעלט מיט יענער טעלעגראַם, וועלכע זי האָט געפונען באַם קינד אין קעשענע, און פאַרלוירן, דערשראָקן, געזאָגט:

— אוי, ליזע עליעוונע, ווי קומט צו שוריקן אייַער טעלעגראַם? און נאָך אַזאַ טעלעגראַם... אייַער שוועסטער... אייַער מאַניע... — און איבערגעלייענט די שלעכטע בסורע. געווען איז עס אַוואַדע מיט א יאָר צוועלף־דרייַצן צוריק, און זי קאָן זיך נאָך אַלץ ניט מויכל זייַן, ווי האָט זי עס פאַרגעסן וועגן דער טעלעגראַם, זי האָט דאָך געדאַרפט פאַרשטיין, אַז געקענט האָט זי זייַן בלויז פון צוויי לייַבלעך־נאָענטע מענטשן, וואָס זייַנען איר געבליבן אין לעבן, פון מאַניען אָדער פון מילען? זי האָט געוווּסט, אַז מע דאַרף אָנשרייַבן מילען, דערקלערן איר, פאַרוואָס זי האָט טייקעף זיך ניט אָפגערופן אַפן גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן. זי האָט עטלעכע מאָל זיך געזעצט שרייַבן, נאָר די ווערטער האָבן זיך באַקומען ניט אַזעלכע, ווי זי האָט געוואָלט, ניט אַזעלכע, וואָס זאָלן קענען אויסדריקן איר ווייטעק, איר צאַרן, האָט זי געריסן די בריוולעך, גערעכנט אָנשרייַבן א צווייט מאָל בעסער, און אַזוי טאַקע ניט אָנגעשריבן, ניט געענטפערט. דאַכט זיך, טאַקע ניט געענטפערט.

מילע האָט אויך מער ניט געשריבן. די פלעמעניצע האָט אָפּנעם גערעכנט, אז זי, די מומע אירע, איז געשטאָרבן,— האָט די אלטיטשקע טרויעריק געטראכט. נאָר זי לעבט. עמעס, דער זיקאָרן אירער איז שוין קיין זיקאָרן ניט. זי האָט דאָך געקענט אמאָל אף אויסנווייניק גאנצע קאָנצערטן, מיט וועלכע זי, די קלאָוויר־שפּילערן, פלעגט ארויסטרעטן. זי האָט ליב געהאט און געקענט אף אויסנווייניק לידער, פאָעמעס און אפילע דערציילונגען. בלויז די נעטיִע צו טרוימען,— אזוי דאכט זיך איר,— איז ניט אָפּגעשוואכט געוואָרן מיט יאָרן. איצט טרוימט זי, אשטייגער, אז עס זאָל טרעפן א נעס — עפשער קאָן פאָרט אין לעבן טרעפן א נעס — זי, ליִע, גייט אין גאס און עס קומט איר אָן אנטקעגן איר פלעמעניצע, איר מאניעס טאָכטער. ליִע וואָלט זי גלייַך דערקענט. מאניע האָט אמאָל מיטגענומען מיט זיך קיין וואָטאַכטער גאָלדראָניעזש זייער פאמיליע־אלבאָם אין די בלויע סאמעטענע טאָוולען, מיט א גרויסן קאָלירקן שלאָס, און אין יענעם אלבאָם, צווישן די פאָטאָגראפיעס פון פיל נאָענטע מענטשן, זייַנען אויך געווען אירע פאָטאָ־בילדער. אף איינער, געדענקט זיך, זיצט זי באם קלאָוויר, אף א צווייטער — אין סעדל אף א באנק, אף א דריטער — בא א טישל, וווּ עס ליגט א צעעפנטער בוך. אָבער אף די אלע פאָטאָגראפיעס איז זי קיין האָר ניט ענלעך אף דער, וואָס זיצט אצינד באם אָפענעם פענצטער און קוקט ארויס אין הויף.

אייגנטלעך, ווייסט זי אפילע ניט, וויִאזוי זי זעט איצטער אויס. שוין מיט א סאך יאָרן צוריק האָט זי אראָפּגענומען פון דער וואנט דעם שפּיגל און אוועקגעשטעלט אים אין ווינקל מיט דער שפּיגלדיקער זייַט צו דער וואנט. שפּיגלט ער דאָרט אָפּ א שטיק פארשטויבט שפּינוועבס, א פּירעק אָפּגעבליאקעוועטן שפּאַליר און אף איר קוקן די הינטערשטע ברעטער, וואָס באשיצן דאָס גלאָז, טשוועקעס, אריַינגעקלאַפּטע אין די ברעטער, אן אלט שטריקל, פארדרייט אין א שלייף, וואָס האָט אמאָל געהאלטן דעם שפּיגל אף דער וואנט.

איז ווייסט זי טאקע ניט, וויִאזוי זי זעט איצטער אויס? ניין, זי ווייסט, נאָר זי וויל ניט וויסן. ס'טרעפט, גייענדיק אין גאס, דערזעט זי זיך, ניט אומיסטן, פארשטייט זיך, אינעם גלאָז פון א שויפענצטער. זי קערעוועט אָפּ גיך דעם קאָפּ, פארזשמורעט די אויגן, גייט אָפּ אין א זייַט, אָבער אלציינס זעט זי זיך אזא, ווי זי איז איצט — אן אויסגעדארטע, א סאך נידעריקער, ווי זי איז געווען פריִער. און דער הוילעך אירער... קיינער טראָגט שוין ניט אזעלכע לאנגע און ברייטע קליידער, און דאָס היטעלע אירס פון שווארצן סאמעט, מיט די פארצוגענייטע בא דער זייַט פּיצינקע קווייטעלעך, וואָס זייַנען אמאָל געווען איידל־בלויע „פארגעס־מיך־ניט"־בלומען, און איצט זייַנען זיי שמאטקעלעך פון עפּעס א מיסע־מעשונע קאָליר. און עס טוט זיך א טראכט מיט ביטערקייַט: בלויז איר הוט פון די אלע הונדערטער און הונדערטער, וואָס מע האָט דעמלט געניייט אינעם היגן היטל־ווארשטאַט, איז געבליבן. איינער איז ער געוויס געבליבן, אָט אזוי ווי זי, די באלעבאָסטע פונעם הוט, איז אויך געבליבן איינע, פון די פיל מענטשן, וואָס האָבן זיך אייַנגעשאפן דעמלט אזעלכע היטעלעך.

און נאָך א דעטאל אין איר טואלעט,— האָט זי איראָניש א טראכט געטאָן,— איז אן אוניקום. איר בייַטעלע פון דינע, שווארצע, גלעזערנע קליינע קארעלעכלעך, וואָס באָמבלט זיך געוויס שוין בלויז אף איר האנט, הענגענדיק אף אן אויסגעריבענעם שווארצן זייַדענעם שנור.

„און דאָך,— טראכט זי מיט באפרידיקונג,— שטויסט עס ניט אָפּ די מענטשן פון איר, מע באציט זיך צו איר פריַינטלעך, ליבהארציק, מיט אָפּשייַ".

אשטייגער, ווי נאָר זי באווייַזט זיך אין הויף, טראָגן איר, סייַ די דערוואקסענע, סייַ די קינדער, גלייַך אנטקעגן דעם גוטמאָרגן, און אז עפּעס א שנעקל, א פארטאָגענער אין דער שפּיל, פארגעסט צו באגריסן זיך מיט איר, באמערקט זי אָפּטלעך, ווי ער כאַפּט אריַין פון זייַן כאוועך א שטורך מיט דער האנט אין זייַט, צי א בריקע מיט א פּיסל, אזוי אז ער טוט זיך גלייַך א כאַפּ און לויפט הענדעם־פענדעם זיך באגריסן מיט איר. ווייַט פון שטוב גייט זי שוין ניט אוועק, געוויינלעך, און דאָ, אף איר גאס, באגריסן זיך אמאָל מיט איר מענטשן, וועלכע זי קען אפילע ניט.

ווען זי קומט אין סקווער, קימאט אנטקעגן דעם הויף, ווו זי וווינט, סטארעט זי זיך צוזעצן אף א פּוסטער באנק, קעדיי קיינעם ניט שטערן. ס'איז נאָך אָבער ניט געווען אזא אָפּפאַל, זי זאָל לאנג בלייַבן זיצן איינע אליין. שטענדיק זעצט זיך עמעצער צו איר צו. אָפּטער — עלטערע פרויען, אמאָל — אן עלטערער מאנצבל, און מע פארקניפּט מיט איר א שמועס, ווען — וועגן אייגענע דייַגעס און איבערלעבענישן, ווען — וועגן פריידיקע פּאסירונגען אין לעבן. און זי האָט פאר אלעמען איינע און די זעלבע מייַסע, ווי דער שכיינעס יינגעלע שוריק האָט איר איינמאָל אריַינגעטראָגן א טעלעגראם, ווי זיי האָבן זי ביידע ניט געקאָנט איבערלייענען, און דערנאָך האָבן זיי ביידע פארגעסן וועגן דער טעלעגראם. איז מיילע —

א קינד בלײַבט א קינד, אָבער זי — וואָס הייסט, זי האָט פאַרגעסן? געוויס האָבן אייניקע אירע באַקאַנטע אינעם סעדל שוין ניט איין מאָל געהערט די געשיכטע — און געוווּסט זי פֿון אָנהייב ביזן סאָף, נאָר געהערט האָט מען געדולדיק, און ווי עס האָט זיך געדאַכט דער דערציילערן, אופמערקזאַם.

בא דער אַלטער פרוי איז איצט א מאַסע מיט פרײַע צײַט, דעריבער ציִען זיך די טעג לאַנג, און זיי זײַנען ביז גאָר ענלעכע איינע אויף די אַנדערע, טעג, וואָס גייען אומבאַמערקט אַריבער אין שלאָפלאָזע נעכט, און די נעכט, ווידער, גיסן זיך גרוי אַרײַן אין די טעג. סאַכאַקל איין אַרבעט איז איר איצט געבליבן: זי כאַפּט אַרויס באַזונדערע געשעענישן פֿון איר לעבן, זיפּט זיי ווידער און ווידער דורך דורכן מוח, דורכן האַרצן, און אַזוי־אַרום טראָגט זי זיך אָפּ אריבער אין יאָרן, וועלכע זײַנען שוין לאַנג אַוועק.

עס האָט זיך איר אָנומלטן דערמאָנט, ווי צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון איר צימער, און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין א יונגע פרוי. אײַנגעטלעך, האָבן קימאַט אַלע מענטשן בא איר אין די אויגן אויסגעזען יונג, נאָר די אַרײַנגעקומענע איז געווען מאַמעש א קינד. „א מינע פּיצינקע אייגעלעך בא איר זײַנען, — האָט ליזע, באַדויערנדיק די פרוי, א טראַכט געטאָן, — ווי זעט עס אויס די שיינע, די גרויסע וועלט אין אַזעלכע שפּעלטיקלעך?" — האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין. די אַרײַנגעקומענע האָט געזאָגט מיט א וואַרעמער ברוסטיקער שטים:

— איך בין א דאָקטער.

ליזען האָבן פאַרכידעשט צוויי אומשטענדן: ערשטנס, ווען האָט זי באַוויזן זיך אויסלערנען דאָקטערײַ, און, צווייטנס, קיין דאָקטער האָט זי ניט אַרויסגערופֿן. וועגן דעם צווייטן האָט זי געוואָלט פרעגן, נאָר ניט געוואָגט איבערשלאָגן יענער די רייד.

— איך אַרבעט אינעם געראָנטאָלאָגיע־אינסטיטוט, מיר פאַרנעמען זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיט פּראָבלעמען פֿון לאַנג לעבן. בא אונדז אין לאַנד, — האָט די דאָקטערן געערדט גרינג, ווי א וואַסער, — איז דער דורכשניטלעכער לעבנס־דויער דער גרעסטער אין דער וועלט...—

שפּעטער א ווײַלע האָט זי אַרויסגענומען פֿון פּאָרטפעל א העפט און זיך געווענדט צו ליזען:

— איך וועל אײַך פאַרגעבן א ריי פראַגן, און די ענטפערס אײַערע וועל איך פאַרנאָטירן, קעדיי מיר, געלערנטע, זאָלן זיי קענען שטודירן.

— ביטע, — האָט די אַלטע פאַרלוירן געזאָגט.

— דערציילט מיר גענוי וועגן אײַער ראַציאָן. וואָס עסט איר, וויפֿל און אין וועלכע שאָען?

— וואָס איך עס? — האָט זי איבערגעכאַזערט, קעדיי געווינען צײַט און באַטראַכטן דעם ענטפער, — איך עס, וואָס די שכיינים קויפֿן מיר, און אַמאָל, אין א גוטן וועטער גיי איך אַליין אין קלייט און קויף זיך דאָרט עפּעס לויטן אייגענעם גוסט, צי די פאַרקויפֿערנס אײַנצען מיר: „קויפֿט, באָבעשי, קעז, צי פּוטער, צי וווּרשט, זייער פרישן, מיר האָבן ערשט באַקומען", און אַמאָל זאָגן מיר אונטער וואָס צו קויפֿן די קוינים, וועלכע זײַנען אויך, אַזוי ווי איך, געקומען אין קלייט עפּעס קויפֿן. אַפילע בא דער מאַמען אין שטוב, — האָט ליזע געזאָגט און אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, — בין איך קיין איבערקלײַבערן ניט געווען, ביפּראַט איצט.

— ניין, — האָט ניט צופרידן געזאָגט די דאָקטערן, — רעכנט מיר איבער אַלץ, וואָס איר עסט, לאָמיר זאָגן, אין מעשעך פֿון א טאָג, א וואָך, א כוידעש.

ליזע האָט זיך אָנגעהויבן נערווירן. וואָס זאָל זי איר זאָגן? ערשטנס, פּירט זי ניט קיין כעזשבן פֿון דעם, וויפֿל זי עסט. און וויאַזוי דריקט מען אויס דעם „וויפֿל"? אין גראַמען, אין לעפֿל? זי וואָלט עפּשער געקענט אויסרעכענען, וואָס זי האָט געגעסן, לעמאָשל, הײַנט. זאָגן איר, וואָס זי האָט געגעסן אין מעשעך פֿון א וואָך, איז ניט מעגלעך — זי עסט אָפּ און פאַרגעסט גלײַך, וואָס זי האָט געגעסן, זי גיט דעם ניט צו קיין ווערט. האָט זי אָבער מוירע, אַז עס וועט זיך דאַכטן דער געלערנטער, אַז זי עסט שפּאַט־ווייניק (די לעצטע יאָרן האָט זי א שלעכטן אַפּעטיט, און כאָץ דעם האָט דאָס עסן, דעם עמעס זאָגנדיק, פאַרלוירן דעם פריִערדיקן טאַם אויך), און אַז זי האָט עפּעס א מיין דערבײַ, בעט בא איר, כאַלילע, הילף, האָט ליזע ווי ווײַט מעגלעך האַפּערדיק געזאָגט:

— איך עס דאָס, וואָס אַלע עלטערע מענטשן עסן — זופּ, קאַשע, מילכיקס...

זי האָט אָבער באַשײַמפּערלעך געזען, אַז די דאָקטערן איז ניט צופרידן מיט איר ענטפער.

— נו, — האָט יענע געפרעגט שוין ניט אַזוי העפֿלעך, — פֿון ווען האָט איר אָנגעהויבן אַרבעטן? וואָס איז געווען אײַער באַשעפטיקונג? וויפֿל שאָ אין טאָג פלעגט איר אַרבעטן? וויאַזוי האָט איר גערוט?

— פריִער בין איך געווען א קאָנצערטמייסטער, דערנאָך האָב איך זיך פאַרנומען מיט

פּעדאַגאָגישער אַרבעט — אין דער היגער מוזיקאַלער שול, און אויך געגעבן פּריוואַטע לימודים. מײַנסט ניט, — האָט זיך ליִע גלײַך אַ כאַפּ געטאָן, — אַז איך פֿלעג נעמען געלט פֿאַר די לימודים, ניין. פּריוואַט פֿלעג איך לערנען בלויז זייער באַגאַבטע קינדער, איך פֿלעג זײַן גליקלעך און דאַנקבאַר דעם גורל, ווען איך האָב אָנגעטראָפֿן אַף אַזאַ קינד, און ווער רעדט, ווען איך האָב געהאַט עטלעכע אַזעלכע קינדער. וויפֿל האָב איך געאַרבעט? וויפֿל אַרבעט סע זאָל ניט געווען זײַן — האָב איך אַלץ אָפּגעטאָן. איבערלאָזן ניט קיין פֿאַרענדיקטע אַרבעט — איז קיינמאָל ניט געווען אין מײַן נאַטור. ווי אַזוי האָב איך ליב געהאַט אַפּרוען? מער פֿון אַלץ אין לעבן — מערער, ווי די דויערנדיקסטע אַפּלאָדיסמענטן און שענסטע בלומען, וועלכע עס פֿלעגן אויספֿאַלן אַמאָל אַף מײַן גורל נאָך אַ געלונגענעם קאָנצערט, האָב איך ליב געהאַט נאָך אַן אַרבעטסטאָג, נאָך אַ טאָג שווערער האָרעוואַניע, זיצן בײַ זיך אין צימער און מוזיצירן, שפּילן מײַנע באַליבטע ווערק פֿון טשײַקאָווסקין, גריגן, מאָצאַרטן. ס׳קאָן הייסן — ליב געהאַט בלײַבן אויג אַף אויג מיט מײַן אַלטן געטרײַען פֿרײַנט, וואָס שטייט איצט שטום. — ליִע עליעווונע האָט אַ פֿיר געטאָן די אויגן אין אַ זײַט, און ווען איר בליק האָט אָנגעטראָפֿן אַפֿן קלאַוויר, האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן, ווי צו אַ לעבעדיקן נעפֿעש. — איך קאָן שוין איצט ניט שפּילן. — זי האָט באַוויזן דער דאָקטערן אירע, ווי מיט פֿאַרמעט פֿאַרצויגענע, דאַרע הענט מיט אויסגעקרימטע פֿינגער. — פּאָדאַגרע.

די דאָקטערן האָט זיך דערשראָקן — געמיינט, אַז די אַלטע וועט באַלד בײַ איר בעטן אַ רעפֿוע קעגן פּאָדאַגרע, אָבער יענע האָט שווײַגנדיק אַראָפּגעלאָזט די הענט אַף די סטאַרטשענדיקע קני.

— זאָגט מיר, ביטע, — האָט די דאָקטערן ווידער געפֿרעגט, — וואָס דערהאַלט אײַך באַם לעבן?

— דאָס לעבן דערהאַלט מיך באַם לעבן, טײַערינקע מײַנע.

אײַנגיכן איז צו ליִען געקומען נאָך אַ דאָקטער, טאַקע פֿון יענעם זעלבן אינסטיטוט. דער איז געווען פֿיל עלטער פֿון יענער דאָקטערן און טאַקע סאָלידער אויך: אַ הויכער, זייער אַ דיקער, אַזוי דיק, אַז ווען ער האָט זיך געזעצט אַף אַ שטול אַנטקעגן איר, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זײַן בויך שפּאַרט אונטער דעם גורדער, און נאָך האָט זי בשום־אופֿן ניט געקאָנט באַנעמען, ווו ענדיקט זיך בײַ אים דער שטערן, און ווו הייבט זיך אָן דער קאָפּ — זיי זײַנען בײַ אים ווי פֿון איין גאָס — גלאַנציק, רויט, אָן אַ מינדסטן סימען פֿון אַ הערעלע. געשטעלט האָט ער ליִען די זעלבע פֿראַגן. ער איז די גאַנצע צײַט געזעסן נידעריק אָנגעבויגן איבער אַ צעטריפּעטער בראָשור, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אַפֿן טישל, שווער און לאַנגזאַם עפּעס אויסגעלייענט פֿון דאָרט. „ווײַזט אויס, ניט אַזאַ אָפּענער מויעך, ווי בײַ דער יונגער דאָקטערן“ — האָט ליִע גלײַך געפֿונען אַ סיבע, פֿאַרוואָס ראַכמאָנעס האָבן אַף אים.

צום סאָף האָט ער איר פֿאָרגעבן די באַוווּסטע שלוס־פֿראַגע:

— ווי רעכנט איר, וואָס דערהאַלט אײַך באַם לעבן?

— דאָס לעבן, — האָט זי אויך אים געענטפֿערט.

דעמלט האָט זי נאָך אַליין ניט געוווּסט, וואָס אייגנטלעך דערהאַלט זי טאַקע באַם לעבן, אָבער איצטער ווייסט זי עס שוין. די געלערנטע פֿון יענעם אינסטיטוט האָבן דערנאָך אופֿגעהערט גיין צו איר, אָבער ווען זיי זאָלן ווידער קומען, וואָלט זי זיי געזאָגט:

— עס האָט מיך געהאַלטן באַם לעבן דאָס וואַרטן אַף אַ טאָג, וואָס דאַרף קומען, אַף אַזאַ טאָג, וועלכער וועט ניט ענלעך זײַן אַף קיין שום אַנדערע טעג, און זאָל זײַן, אַז כ׳האָב ניט געוווּסט, וואָס אייגנטלעך וועט פֿאָרקומען אין יענעם טאָג, נאָר געפֿילט האָב איך, אַז זײַן וועט עפּעס אויסערגעוויינלעכס...

פֿון שטענדיק אָן, אַפֿילע אין דער קינדהײַט, דערנאָך — טרעפֿנדיק זיך מיט מענטשן אַף דער אַרבעט, בײַ פֿרײַנט און בײַ זיך אין שטוב, פֿלעגט ליִע ניט קאָנען באַנעמען די נעטיִע פֿון אייניקע — זיך קלאָגן. אַף טאַטע־מאַמע, אַף ברידער און שוועסטער, אַף שכיינים, אַף אייגענע. ליִען פֿלעגט זיך עס ניט לייגן אַפֿן סייכל: ביסטו מיט עמעצן, צי מיט עפּעס ניט צופֿרידן — וואָס גייסטו דערציילן וועגן דעם אַ דריטן? זאָג עס דעם, מיט וועמען דו ביסט ניט צופֿרידן, דערווײַז, אַז ער איז ניט גערעכט. אַזוי האָט ליִע געטראַכט אַפֿילע דעמלט, ווען זי האָט געהאַט פֿאַר וועמען זיך קלאָגן — געלעבט האָבן טאַטע־מאַמע, די שוועסטער מאַניע, כאַווערטעס נאָך פֿון דער פֿריִער יוגנט — און געהאַט עפּשער, אַף וואָס זיך קלאָגן אויך.

אָן אַנדער זאַך איז איצטער. אַף וועמען און פֿאַר וועמען וועסטו זיך גיין קלאָגן? און זי האָט טאַקע אַף קיינעם קיין פֿאַריבל ניט: שכיינים, באַקענטע פֿאַרלאָזן זי ניט, מע לאַדט זי אײַן צו זיך, מע קומט אַרײַן צו איר. אָבער די עמעסע בריק, וואָס פֿאַרבינדט זי מיט דער

ארומיקער אומענדלעך־גרויסער און שיינער וועלט, איז א ברוין פּאָלירט קעסטעלע, וואָס איין זײַט פון דעם איז ארומגעצויגן מיט גרויען גלאנציקן צײַג, און אין ווינקל געפינט זיך א געקארבט רעדעלע — טוסטו עס א דריי, שפּילט דיר די שענסטע מוזיק. קימאַט שטענדיק ווייסט זי, וואָס פאר א ווערק מע שפּילט. פון די ערשטע טאקטן דערקענט זי גלײַך. זי ווערט זייער באטריבט, אז זי קאָן זיך ניט דערמאָנען דעם אווטאָר, דאָס ווערק. אוי, פּײַניקט עס זי. עס ליגט מאמעש אפן צונג די פאמיליע פונעם אווטאָר, צי דער נאָמען פונעם ווערק, און זיך דערלאנגען צו דעם קאָן זי ניט. אָבער ווי גליקלעך איז זי, ווען אומגעריכט שווימט אוף אין מויעך: ס׳איז שאָפּען... ס׳איז גריג... די לעצטע נײַס הערט זי אויך זייער אופמערקזאם אויס. אָבער מיט א באזונדערער ווארעמקײַט און מיט אן אויסשליסלעכן אינטערעס הערט זי די טראנסלירונגען פון דער היגער ראַדיאָ. זי וויל וויסן אלץ, וואָס עס קומט פאָר דאָ, אין דער שטאָט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און ווו זי לעבט שוין אזוי לאנג.

אין יענעם טאָג, וועגן וועלכן זי טראכט איצט, אז דאָס האָט זי צוליב אים אזוי לאנג געלעבט, האָט זי אין דער געהעריקער צײַט אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָ, און טאקע נאָר ווי אין א כאָלעם דערהערט:

„די טאָכטער פון אונדזער הויכגעשעצטן און בארימטן בען־איר, דעם גרויסן קינסטלער ניקאָלײַ סיווערצאָוו — נאטאליע ניקאָלײַעוונא סיווערצאָווא־מאקסימאָווא האָט איבערגעגעבן א געשאנק אונדזער היגן קונסט־מוזיי, איר פאָטערס באליבט ווערק „די טרוימערן”.

אָט וואָס עס שרײַבט נאטאליע ניקאָלײַעוונא אין איר בריוו:

„אין זײַן צוואָע האָט מײַן פאָטער, צווישן אנדערן, געשריבן:

צו מײַן הונדערטסטן געבורטסטאָג בעט איך מײַנע יאָרשים — די טאָכטער, די אייניקלעך — שענקען דעם קונסט־מוזיי פון מײַן היימשטאָט דאָס בעסטע ווערק מײַנס, דאָס בעסטע און דאָס באליבטסטע — „די טרוימערן”. איר ווייסט, אז מיט דעם דאָזיקן פּאָרטרעט האָב איך זיך קיינמאָל ניט צעשיידט. דאָס בילד פלעגט מיך שטענדיק פרייען און ווארעמען — סײַ דאָ, ווען דער פּאָרטרעט איז געהאנגען אף דער וואנט פון מײַן ווארשטאט, סײַ דאָן, ווען ער פלעגט א געטרײַ־פארפאקעוועטער מיטפאָרן מיט מיר אף אלע מײַנע וועגן און שטעגן. אָבער נאָך אזויפיל יאָרן זײַן נאווענאד, זאָל סאָפקאָלסאָף ווידער קומען „די טרוימערן” אין דער שטאָט, ווו זי איז געשאפן געוואָרן.

מיט ערפורכט פיל איך אויס דעם טאטנס צוואָע.

נאטאליע ניקאָלײַעוונא סיווערצאָווא־מאקסימאָווא”.

ווען ליזע עליעוונע איז געקומען צו־זיך, האָט שוין דער דיקטאָר פאָרגעלייגט קאָנטראָלירן די צײַט. גערעדט וועגן עפּעס אנדערס, און זי האָט אלץ ניט געקאָנט באנעמען: צי ווירקלעך האָט זי ערשט געהערט זײַן טאָכטערס בריוו, אין וועלכן ס׳האָט זיך גערעדט וועגן „דער טרוימערן”, צי עס האָט זיך איר אויסגעדאכט, אָדער געכאָלעמט, צי גאָר, כאָלילע — מער פעלט איר ניט, ס׳איז א גאליוציניאציע? בא וועמען זאָל זי פרעגן? קיינער פון די שכיינים איז ניטאָ איצט אין דער היים. מאָרגן, אויב די פיס וועלן איר דינען, וועט זי גיין אין מוזיי. דאָס איז זי די טרוימערן, וועלכע עס האָט אמאָל־אמאָל אָנגעמאָלט א יונגער און שוין דעמלט א באוווסטער קינסטלער, ניקאָלײַ סיווערצאָוו, אן אייניציקער זון בא זייערע שכיינים. די טרוימערן איז זי, די זיבעצניאָריקע ליזע מילראַד...

אן עלטער פּאָרפּאָלק, די סיווערצאָווס, האָבן געוווינט אפן צווייטן שטאָק אין א פליגל, אינעם זעלבן הויף, ווו אירע עלטערן. די צוויי שטיבלעך זײַנען געשטאנען עטלעכע צענדליק מעטער איינס פונעם אנדערן, און פון איין שטוב צו דער צווייטער האָט זיך געצויגן א טונקעלע אליי, פון ביידע זײַטן א געדיכט־באוואקסענע מיט נידעריקע בעז־ביימלעך. אין דער דאָזיקער אליי, אף בענק, פלעגן ליב האָבן פארברענגען די שכיינים. איינמאָל, ווען ליזע איז פארנאכט געזעסן מיט דער מאמען אף דער באנק, איז ארויס צו זיי סיווערצאָווא און אָנגעהויבן דערציילן וועגן איר זון, וועגן ניקאָלײַען.

ליזע האָט זיך פארכידעשט: זי האָט ניט געדענקט, אז זיי האָבן א זון.

— דו ביסט נאָך דעמלט געווען גאָר א פּיצל, ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון דער היים. און אז ער איז יאָ געווען אין דער היים, פלעגט מען אים מיט א שטעקן ניט קאָנען צווינגען זיך שפּילן אין הויף, צי ארויסגיין שפּאצירן — גאנצע טעג נאָר געזעסן און געמאָלט. גע־לייענט און געמאָלט, און ווידער דאָס זעלבע. — זי האָט אלץ גערעדט און גערעדט וועגן איר געראָטענעם זון. ער האָט שוין פארענדיקט, לאָזט זיך אויס, די פּעטערבורגער קונסט־אקאדע־מיע, איצט האָט מען אײַנגעאָרדנט זײַנע אן אויסשטעלונג אין פּאריזש.

צו יענער צײַט האָט ליזע זיך געלערנט באם בעסטן לערער פון מוזיק, וואָס איז געווען אין שטאָט — באם טשעך יאַן רומאנאָוו. אויב מע איז יאַן רומאנאָווס א שילער, איז דאָס

שוין געווען אַן אַנדיײַט אַף מוזיקאַלע פיייקייטן, אַ היפּשער אַדערוף אַף אַ מוזיקאַלער צו־קונפֿט. ליזע האָט געהאַרעוועט אַ סאַך און מיט פלײַס, ליב געהאַט די האַרעוואַניע. איינמאָל, ווען זי האָט זיך געגרייט צום אָרדנטלעכן לימעד, געשפּילט טשײַקאָווסקיס „צײַטן פון יאָר" (דער קלאַוויר איז בײַ זיי געשטאַנען בײַ דער וואַנט פון איר שמאָלן צימער און אויסגעקומען קווער דעם פענצטער; אַזויאַרום, אַז, זיצנדיק בײַ דער פּיאַנע, אויב זי האָט נאָר געוואָלט, האָט זי געקאָנט זען דעם בעז אין הויף, דעם פליגל אַנטקעגן), האָט זי דער־פילט, אַז עמעץ קוקט אַף איר. זי האָט אַ בליק געטאָן אין פענצטער און דערזען, אַז בײַ די סיווערצאָווס אין עס־צימער, באַם אַפענעם פענצטער שטייט אַ הויכער מאַנצבל, מיט אַ קליין ליכטיק בערדל, מיט עפּשער צו לאַנגע, ביז די אַקסל, ליכטיקע האָר. אין איין אויגנבליק האָט זי באַמערקט, אַז ער איז ניט אַזאַ, ווי אַלע, ווי די אַנדערע יונגעלײַט דאָ אין שטאָט.

— ווער שטייט עס בײַ די סיווערצאָווס אין פענצטער? — האָט זי אַף אַ רגע אופגעהערט שפּילן און שפּעטשענדיק געפרעגט בײַ דער מאַמען, וואָס איז געווען אין שכײנעסדיקן צימער. ווען די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און ליזע האָט אויך עטוואָס אַ קערעווע געטאָן אין יענער זײַט די אויגן, האָט זי דערזען, אַז לעבן יענעם פענצטער, באַנאַנד מיט אים, שטייט שוין סיווערצאָווא אויך, און בײדע מאַמעס האָבן זיך העפלעך באַגריסט, דערבײַ האָט נאָך איר מאַמע געזאָגט הויך, אַז אינעם פליגל זאָל מען הערן:

— איך באַגריס אײַך מיטן ליבן גאַסט!

ניט דעמלט און ניט שפּעטער האָט ליזע ניט געקאָנט פאַרשטיין, וויאַזוי האָט עס פּאַסירט, וואָס זי, שטענדיק אַ שעמעוודיקע, אַ באַשיידענע, האָט מיטאַמאָל, אין אַ געוויינלעכן אינ־דערוואָכן, אָנגעטאָן איר יאָמטעוודיק קלייד פון ווײַסן וואָל, מיט דער העל־רויטער זײַדענער רויז, אַ צוגעניייטער עטוואָס נידעריקער פונעם לינקן אַקסל, צעעפנט דעם ליכטיקן שירעם, מיט בונטע קווייטן, און אָט אַזוי, מיט מאָריע באַשקירצעווס טאָגבוך אין האַנט, אַרויס אין הויף און זיך געזעצט אַף דער באַנק אַנטקעגן סיווערצאָווס פענצטער. דעם בוך האָט זי, פאַרשטייט זיך, געעפנט און אַפילע אָנגעהויבן לייענען, אָבער קיין איין וואָרט איז ניט דער־גאַנגען צו איר, זי איז געזעסן און געוואַרט, אומבאַוווּסטזיניק, אָבער געוואַרט, מוירע האָבנ־דיק זיך אַליין מודה צו זײַן, אַף וועמען זי וואַרט. זי איז געזעסן, ווי אַ פאַרכושטע, און ניט געהערט, ווי דער יונגער סיווערצאָוו איז אויך אַרויס אין הויף, זי האָט אים דערזען, ווען ער איז שטיין געבליבן לעבן דער באַנק, וווּ זי איז געזעסן, און שמייכלענדיק זיך געווענדט צו איר:

— איך ווייס שוין, אַז איר הייסט ליזע. איך הייס ניקאָלײַ, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש. איז זאָגט זשע מיר, ביטע, ליזע, אונטער וועלכע רעגנס, אפּאַנעם פּרוכטבאַרע און וואַרעמע, זײַט איר עס אויסגעוואַקסן אַזאַ...

— וועלכע? — זי האָט געפילט, אַז דער צונג פאַלגט זי ניט.

ער האָט געקוקט אַף איר און געשוויגן, ווי זײַנע געדאַנקען וואָלטן זיך מיטאַמאָל צעלאָפן און ער באַמיט זיך זיי דעריאָגן, אָנכאַפּן פאַר דער פּאָלע, און ווען עס האָט זיך אים סאָפּקאָל־סאָף אײַנגעגעבן, האָט ליזע דערהערט:

— נו... — איר האָט זיך געדאַכט, אַז אין אַ הויפן צי אין אַ באַרג ווערטער זוכט ער אויס דאָס פּאַסיקסטע, — אָט אַזאַ, ווי איר זײַט...

— ניט אונטער רעגנס וואַקס איך, איך וואַקס, ווען איך טרוים, — האָט זי געזאָגט און אַליין ניט געקאָנט באַגרײַפן, וואָס זי האָט זיך עס פּלוצעם פון דער העלער הויט אַזוי צערעדט.

— אַ, — ער האָט זיך שוין געזעצט לעבן איר אַף דער באַנק, — זײַט איר, הייסט עס, אַ טרוימערן? און פון וואָס טרוימט איר? זאָגט מיר, ביטע, אויב עס איז ניט קיין גרויסער סאָד, געוויינלעך.

— מוזיק, וועלכע כ'האָב אַזוי ליב, איז מײַן שענסטער טרוים.

ער האָט געשוויגן, און זי האָט ווידער זיך אָנגעבויגן איבערן בוך, וואָס איז אַ צעעפנטער געלעגן אַף אירע קני.

זי האָט דערפילט, אַז ער קוקט אַף איר. אָט האָט זײַן בליק זיך ערשט געגליטשט איבער אירע הענט, דערנאָך זיך אַ רגע פאַרהאַלטן אַף אירע ליפּן, אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער דער פּלייצע, אַף וועלכער עס איז, ווי אַ צוגעקרעמפּעוועטער, געלעגן איר שווערער בלאָנדער צאָפּ. זי האָט זיך פאַרשעמט, געוואָלט באַהאַלטן די הענט, די אויגן, די פּלייצע, אָבער וויאַזוי? — און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. ווען זי איז שוין גרייט געווען אַנטלויפן אהיים, האָט ער שטיל און ביז גאָר געוויינלעך געזאָגט:

— ליזע, כ'וואָלט וועלן אָנמאָלן אײַער פּאָרטרעט, איר. זאָלט, פּונקט ווי איצט, זיצן אַף

דער באַנק אין דעם זעלבן קלייד, מיטן זעלבן געקווייטלטן שירעם איבערן קאָפּ און מיטן צעעפֿנטן בוך אויף די קני. אויפֿן בילד וועט אַלץ אַרום זײַן, ווי אין לעבן. גוט, וואָס איצט איז מײַ — עס בליט בעז — אויפֿן בילד וועט ער אויך בליִען, ערגעץ אין דער ווײַט, צי אין דער הייך וועט פֿון צווישן די בעז־ביימלעך בלויען אַ לויטערער הימל. — ער האָט מיט זײַן איידעלער האַנט באַוויזן אַהין, ווו עס האָט אין דער אומענדלעכער ווײַט געשײַנט דער לויטערער הימל. — דאָס בילד וועט הייסן „די טרוימערן“. — און, קוקנדיק אין אירע אויגן, געפֿרעגט: — מאַסקים?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ“.

— אויב אַזוי, — האָט ער פֿריילעך געזאָגט, — וועל איך גרייטן דעם לײַוונט. און, — ער האָט אָנגעהויבן כעזשבענען, — האָבן מיר הײַנט, הייסט עס, זונטיק... זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק... מיטוואָך, אַזייגער אַכט אינדערפֿרי, ווען די זון וועט נאָך זײַן הויך, באַגעגענען מיר זיך מיט אײַך אויף אָט דער באַנק. — און אָן אַ זײַ־געזונט, פֿאַרטאָן אין די געדאַנקען, גיך אַוועק.

זייער לאַנגזאַם האָבן זיך געשלעפּט די דרײַ טעג. מאַמעש די ווײַזערס אויפֿן גרויסן וואַנטזייגער האָבן זיך קימאַט ניט גערירט פֿון אָרט.

קעדיי כאָטש עטוואָס אונטעריאָגן די צײַט, האָט ליִע אָן אויפֿהער געשפּילט אויפֿן קלאַוויר. בישטיקע האָט זי אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף סיווערצאָווס פֿענצטער, אָבער קיין איין מאָל ניט געזען אים דאָרט. זי האָט געשפּילט, און דער קלאַוויר האָט זיך געפֿרייט. אירע פֿינגער — גענײַטע, פֿילבאַרע, פֿלינקע — זײַנען אומדערמידלעך געלאָפֿן איבער די ווײַסע און שוואַרצע קלאַווישן, קוים באַרירנדיק זיי. זי האָט געטרוימט און געשפּילט, געשפּילט און געטרוימט, און די טרוימען אירע זײַנען געווען אַזעלכע באַגײַסטערטע, אַזעלכע באַפֿליגלטע, וואָס אויפֿקומען האָבן זיי געקאָנט בלויז צוליב דעם, אַז זי זאָל טאַקע ווערט זײַן דעם הויכן טיטל, מיט וועלכן ער האָט זי געקרוינט: „די טרוימערן“.

ווי פּאַמעלעך די טעג זאָלן זיך ניט ציִען, העלפֿט זיי גאָרניט — זיי גייען דורך. די דרײַ טעג זײַנען אויך אַריבער.

מיטוואָך אינדערפֿרי האָט ליִע ווידער זיך פֿאַרפּוצט אין איר ווײַסן וואָלענעם קלייד, גענומען מיט זיך דעם געקווייטלטן שירעם, אָבער אַ בוך האָט זי גענומען אַן אַנדערן, איר באַליבטן בוך — טורגעניעווס. „צוליב אַזאַ פֿײַערלעכן טאָג, — האָט זי באַשטימט, — פּאַסט ניט מאַריִע באַשקירצעוועס טראַגישער טאָגבוך“.

צו דער באַנק זײַנען זיי צוגעגאַנגען קימאַט אײנצײַטיק. זי האָט — אָפּאָנעם שטאַרק פֿאַרוויטלענדיק זיך — אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ער האָט הויך און אויפֿגעלייגט געזאָגט: „אַ גוטמאָרגן“. זי האָט זיך טייקעף געזעצט אויף דער באַנק, צעעפֿנט איבערן קאָפּ דעם שירעם, אוועקגעלייגט דעם בוך אויף די קני, און ער האָט אָנגעהויבן מאָלן. איצט האָט ער אָפֿן, פֿרײַ און לאַנג געקוקט אויף איר. באַ איר האָט, ווי קיינמאָל ביז אַהער, געגנאָגט דאָס האַרץ, אַ וואַרעמער קנויל האָט אַלעמאָל זיך געהויבן צום האַלדז, און אינעם קילן דרויסן, אין אָנגעזעטיקטן, אָן אָנגעשטאַנענעם אויף דופּטיקע, צעבליטע פֿרילינגדיקע קווייטן, האָט איר געפֿעלט לופֿט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און אויך אַ קוק געטאָן אויף אים. אַ מין שיינער ער איז... ער דאַרף אַלט זײַן אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק... נעכטן האָט זי אים, לאָזט זיך אויס, אַפֿילע רעכט ניט געזען... און כאָטש פֿון דער ערשטער מינוט אָן, ווי נאָר ער האָט זיך גענומען פֿאַרן פּענדזל, איז עמעץ געשטאַנען באַ דער זײַט, נעענטער, צי ווײַטער, און צוגעקוקט, ווי ער מאָלט, דאָך האָט זי קיינעם ניט געזען אויסער אים. אַלע זעקס טעג, וואָס ער האָט זי געמאָלט, איז באַ איר געווען אַ געפֿיל, אַז אויף דער גאָרער וועלט זײַנען זיי בלויז אינצווייען. עמעס, עס איז נאָך דאָ אַ מאָלבערט און אַ פּענדזל אין זײַן ווײַסער, קישעפֿדיקער האַנט.

ער האָט געמאָלט, און זי האָט אין געדאַנק געהערט בעטהאָווענס מוזיק און געזען, ווי ער, דער מעכטיקער מענטש, גייט דורך די שטורעמס, וואָס בושעווען אין בעטהאָווענס סימפֿאָניעס, זי האָט אים אויך געזען — דעם איידלסטן, דעם צאַרטסטן, וואָס שוועבט אַרויס פֿון טשײַקאָווסקיס און מאָצאַרטס מוזיק... און איינצײַטיק האָט זי זיך געפֿרייט, וואָס זי זעט אים איצט אַ לעבעדיקן, וואָס זי זעט די באַוועגונג פֿון זײַן האַנט, דעם בייג פֿון זײַן ברעם, זי כאַפּט אויף דעם געדאַנק, זײַן געדאַנק, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַנע אויגן, ווען ער נעמט אויף אירן אַ שטריך. אויפֿן גאַנצן לעבן האָט זי פֿאַרגעדענקט יענע טעג, דורכגעטראָגן זיי אויף אַלע וועגן און שטעגן, און פֿאַרגעסן וועלן זיי ווערן, ווען עס וועט זיך אויסלעשן איר וועלט.

אויפֿן זעקסטן טאָג האָט ער אויסגעקערעוועט צו איר דעם מאָלבערט און געזאָגט:

— דעם פּאָרטרעט האָב איך פֿאַרענדיקט, אַ דאַנק אײַך, ליִע.

קיינמאָל אין לעבן, אין קיין איין שפּיגל האָט זי זיך ניט געזען אַזוי וווּנדערלעך־שיין. אַ פֿרייד האָט זי אַרומגעכאַפּט: זי פֿאַרשטייט, שענער איז זי ניט געוואָרן, געבליבן אַזאַ, ווי

געוועֶן, אָבער אין זײַנע אויגן איז זי אַזוי שיין... און זאָל זײַן, אַז איר אויסגעדאַכטע, אויסגעטראַכטע און אויסגעדיכטעטע שיינקײַט וועט קיינער, כּוץ אים, ניט זען, אָבער ער זעט, און דאָס איז אַ גרויס גליק.

זי איז אויפֿן בילד טאַקע אַ טרוימערין. דער טרוים לײַכט מאַמעש אין אירע אויגן, אינעם פאַרקלערטן שמייכל, אַ ביסל אַ דערשראָקענעם, אַ ניט זיכערן און דאָך אַ זיגערישן. אָבער איר עמעסער טרוים איז שוין איצט געוועֶן בלויז ער, מער קיינער ניט.

— כ'וועל נאָך אָנמאָלן דעם בלויענדיקן בעז איבער אײַער קאָפּ, און ערגעץ ווײַט, פֿון צווישן די בעז־ביימלעך, וועט זיך זען דער הימל, אַ לויטערער, אָן איין וואָלקנדל...

אָבער מער איז שוין גאָרנישט ניט געוועֶן — ניט קיין בלויענדיקער בעז און ניט קיין לויטערער הימל, אָן איין וואָלקנדל.

שפּעט אינאָוונט, בּאַ ליזען אין שטוב האָט מען זיך שוין געקליבן גיין שלאָפֿן, איז אַרײַנגעקומען אַ באַטריבטע סיווערצאַווא און געזאָגט, אַז ס'איז געקומען צו פאָרן ניקאָלײַס ווײַב, די שנור זיינע, זיך אָראָפּגעיאָוועט פֿון פעטערבורג אַהער, קעדיי אים באַגעגענען נאָך זײַן רײַזע אין אויסלאַנד. קאָן זיך דאַכטן, אַז אַלץ איז גוט, אָבער זי איז די גאַנצע צײַט מיט עפּעס ניט צופֿרידן, וויינט, פילדערט, און ער ענטפערט אין איר נוסעך...

אויפֿן אַנדערן טאָג האָט דער הויף זיך דערוווּסט: ניקאָלײַ סיווערצאָוו מיט זײַן פרוי זײַנען מיטן פאַרטאָגיקן צוג אוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג.

מער האָט ליזע אים ניט געזען.

וואָס איז דערנאָך געוואָרן מיט די סיווערצאָווס? זי געדענקט שוין ניט, ווער פֿון זײַנע עלטערן — דער פאָטער צי די מוטער — איז פריִער געשטאָרבן. דאַכט זיך, דער פאָטער. עפּעס גאָר ניט אַף לאַנג, אַזוי געדענקט זיך איר, האָט איינער פֿון זיי איבערגעלעבט דעם צווייטן, און אינגיכן האָט ליזע דורכן פענצטער פֿון איר צימער געזען, אַז אין סיווערצאָווס דירע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען פרעמדע מענטשן.

דאָס אַלץ איז געוועֶן אַמאָל. וואָס דאַרף זי איצט טאָן? יאָ, מאָרגן אינדערפרי וועט זי גיין אין מוזיי. וויפיל יאָר איז זי דאָרט ניט געוועֶן? זי האָט דאָך שוין פֿון לאַנג אויפגעהערט ציילן די יאָרן...

אויפֿן אַנדערן טאָג, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, האָט זי זיך ווי־עס־איז דערשלעפּט צום מוזיי, וואָס איז גראָד געוועֶן ניט ווײַט פֿון איר שטוב.

בּאַ דער קאַסע האָט זי לאַנג זיך געפּאָרעט מיט איר שוואַרץ, פֿון קאָרעלן געהעפּט בײַטעלע, ביז זי האָט געפונען די בילעטיקע מאַטבייע און דערלאַנגט זי דער קאַסירערן.

אינעם גערעמען, ליכטיקן זאַל האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. דאָ איז געוועֶן אַן אַנדער וועלט, לאַבלוטן ניט ענלעך אַף יענער, אין וועלכער זי האָט געלעבט. געבליבן שטיין בּאַ דער שוועל, האָט זי מוירע געהאַט מאַכן אַ שפּאַן אויפֿן געווערקסלטן דיל, צעטראָגן געקוקט אין אַלע זײַטן אַף די וווּנדערלעך־שיינע בילדער אין שווערע באַגילדעטע ראַמען, מיט וועלכע עס זײַנען באַהאַנגען געוועֶן די ווענט. זי האָט אַזוי טאַקע, שטייענדיק בּאַ דער שוועל, געזוכט מיט די אויגן דאָס בילד, צוליב וועלכן זי איז געקומען אַהער, און ניט געזען עס.

ווער ווייסט, וויפיל זי וואָלט אַזוי געשטאַנען, ווען עס וואָלט זי ניט דערזען אַ יונגע מיטאַרבעטערן פֿון מוזיי. זי איז צוגעגאַנגען צו איר, גענומען זי פאַר אַ האַנט, ווי מע נעמט אַ קליין קינד, און געזאָגט:

— קומט מיט מיר, באָבעשי, האָט ניט מוירע, איר וועט ניט פאַלן, איך האַלט אײַך גוט...

— ווו איז דאָ „די טרוימערין"? — האָט ליזע זייער שטיל געפרעגט. — איך בין געקומען אַ קוק טאָן אויפֿן בילד.

די יונגע פרוי איז אוועק מיט איר אין אַ צווייטן זאַל, ווו גלײַך אַנטקעגן דער טיר, אײַנגעפּאַסט אין אַ פראַסטער דעמבענער ראַם, האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פּאָרטרעט פֿון אַ ווונדערבאַר־שיין מיידל. געזעסן איז דאָס מיידל אַף אַ באַנק, איבערן קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַ צעעפֿנטן בונטן שירעם, אַף אירע קני איז געלעגן אַ בוך, אָבער זי האָט דעם בוך ניט געלייענט. זי האָט טרוימעריש געקוקט אין דער ווײַט. און איבערן קאָפּ האָבן געבליט בעז־ביימלעך, און פֿון צווישן זייערע צווײַגן האָט געבלויט אַן אומענדלעכער הימל.

ליזע האָט צוגעשמורעט די אויגן. „דעם בעז האָט ער שוין דערנאָך אָנגעמאָלט, און דעם הימל — אויך, — האָט זי צעטומלט געטראַכט. — וועלכן בעז האָט ער אָנגעמאָלט? לויטן זיכערן זייער בעז, וואָס האָט יענעם פרילינג אַזוי שיין געבליט הינטער די פענצטער, אין הויף, צי אַן אַנדער בעז, ערגעץ אין אַן אַנדער סאָד, אַף גאָר אַנדערע ביימלעך? און ווו האָט ער געמאָלט דעם הימל? כאָטש דאָס מאַכט ניט אויס, — האָט זי זיך געכאַפּט, — דער הימל איז אומע־

טום איינער". און נאָך וואָלט זי וועלן וויסן, צי האָט ער וועגן איר געטראַכט, ווען ער האָט זיך דערנאָך גענומען מאָלן דאָס בילד, און דעריקערשט, וואָס האָט ער געטראַכט וועגן איר? זי האָט וועגן אים די גאַנצע צײַט געדענקט. אַף קאָנצערטן פלעגט זי אָפּט שפּילן, ווי בלויז צוליב אים, כאָטש ער איז געווען ווײַט און ניט געקאָנט הערן איר שפּיל. נאָר זי האָט וועגן אים געטרוימט — ער איז געווען איר פרייד און איר ווייטעק.

די מיטאַרבעטערן פונעם מוזיי האָט איר אַרויסגעטראָגן אַ שטול:

— זעצט זיך, ביטע, — האָט זי געזאָגט, און ליזע האָט זיך צוגעזעצט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן לעבן „דער טרוימערן" זיך געזאַמלט מענטשן. ווער עס האָט גערעדט וועגן דעם בילד מיט פּראָפעסיאָנעלער באַהאַוונטקײַט, ווער עס האָט זיך געגרייסט מיטן לאַנדסמאַן — אַזאַ קינסטלער! — ווער ס'האָט באַוווּנדערט דעם מיידלס שיינקײַט, און ליזע האָט זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס עס קומט דאָ פֿאָר.

איינצײַטיק אָבער האָט זי אַף קיין רגע ניט אופגעהערט צו קוקן אַפן בילד, און געזען האָט זי אַפן לײַוונט, אויסער מיידל, אויסער דעם בעז און דעם הימל, עמעס, שוין ניט אַפן בילד גופא, נאָר ערגעץ אויסערן בילד, אַף לינקס, דאָרט, וווהין דאָס מיידל קוקט, אַ יונגן מאַן פון עטלעכע און דרײַסיק יאָר, אַ הויכן, אַ שלאַנקן, מיט גרויע באַגײַסטערטע אויגן, מיט אַ פענדזול אין דער איידעלער האַנט. ער איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן אַזאַ, ווי ער איז געווען אין יענע ווײַטע, אויסערגעוויינלעך־שיינע טעג, אַזאַ, ווי זי האָט אים פאַרגעדענקט, אַזאַ, וועגן וועלכן זי האָט געטרוימט.

עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי זי איז געווען אין מוזיי, איז זי ניט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב — קיין קויעך ניט געהאַט. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך דערפילט אַ ביסל בעסער, איז זי ווידער אוועק אין מוזיי. ווידער איז זי די גאַנצע צײַט געווען לעבן „דער טרוימערן", עמעץ האָט איר דערלאַנגט אַ שטול, האָט זי זיך צוגעזעצט און אופמערקזאַם זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס די מענטשן האָבן גערעדט וועגן בילד. און ווידער איז דער קינסטלער די גאַנצע צײַט אויך געווען דאָ, לעבן איר.

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג נאָך טעג. האָט זי נאָר געהאַט קויעך — איז זי געקומען אין מוזיי, ניט געווען קיין קויעך — געבליבן אינדערהיים, אָבער אַלצײַנס — אין געדאַנק געזען דאָס בילד.

די מיטאַרבעטער פונעם מוזיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו איר, און ווײַל זי פלעגט שטענדיק זײַן בלויז לעבן „דער טרוימערן", האָבן זיי זי, אונטער די אויגן, פאַרשטייט זיך, אַזוי טאַקע גערופן: „די טרוימערן".

— עפּעס איז שוין לאַנג „די טרוימערן" ניט געווען, — פלעגט עמעץ באַדויערנדיק אַ זאָג טאָן, ווען זי האָט אַ לענגערע צײַט זיך ניט געוויזן אין מוזיי, — זי זאָל כאָטש זײַן געזונט...

עמעץ פון די מיטאַרבעטער האָט אַרויסגעזאָגט אַ האַשאָרע, אַז עפּעס פאַרבינדט די אַלטע פרוי, אויב ניט מיטן בילד גופא, איז עפּשער מיטן קינסטלער. מע האָט גערעכנט, אַז עס וואָלט גוט געווען פאַרפירן מיט איר אַ שמועס וועגן דעם, אָבער איר שלאַבעריקער אויסזען האָט אָפּגעשטעלט די מיטאַרבעטער — ווער קאָן וויסן, וועלכע געפילן זיי וועלן אָנרירן אין איר האַרצן און וואָס עס קאָן דערפון זײַן... זיי האָבן באַשטימט וואַרטן — עפּשער וועט זי מיט דער צײַט זיך צוגעוווינען צו זיי און אַליין דערציילן.

איינמאָל, ווען ליזע איז נאָך אַ גרעסערן איבערײַס געקומען אין מוזיי, האָט די דעזשורנע פון וועסטיביול זיך ניט געפוילט, אַרופגעלאָפן פונעם ערשטן שטאָק אַפן צווייטן, אין גרויסן זאַל — ביז ליזע וועט זיך אופהייבן אַף די טרעפּ — און פריידיק אָנגעזאָגט די בסורע:

— די טרוימערן איז געקומען!

ליזע פלעגט קיינמאָל מיט קיין וואָרט זיך ניט אַרײַנמישן אין די וויקוכים, וואָס מענטשן פלעגן דאָ פירן וועגן דעם בילד, מיט קיין וואָרט זיך ניט אַרויסגעכאַפּט, אַז זי האָט געקענט דעם קינסטלער, און ווער רעדט שוין פון דעם, וועמענס פּאָרטרעט ער האָט דאָ אָנגעמאָלט, אָבער אַנומלטן, ווען באַם בילד זײַנען לאַנג געשטאַנען שווײַגנדיק צווי עלטערע פרויען, ענלעכע איינע אַף דער אַנדערער, ווי צווי אייגענע שוועסטער, ביידע אין פײַנע קליידער, ביידע מיט גרויע, ניט קיין געפאַרבטע האָר, ביידע — ערנסטע, אײַנגעטראַכטע, — האָט זי זיך אופגעהויבן פונעם בענקל, צוגעגאַנגען צו זיי, באַטראַכט זיי פון דער נאָענט מיט אירע טרערנדיקע אויגן, און געזאָגט:

— ניקאָלײַ סיווערצאַוו האָט אַפן דאָזיקן בילד אָנגעמאָלט מײַן פּאָרטרעט. אָט אַזאַ בין איך געווען יונגערהייט.

זי האָט געוואָלט דערציילן די פרויען, וויאַזוי אַלץ איז געשען. עס האָט איר אַ שטאָך

געטאַן אין האַרצן, האָט זי אַף אַ רעגע, בלויז טאַקע אַף אַ רעגע, צוגעמאַכט די אויגן, אָבער ווען זי האָט זיי ווידער געעפנט, זײַנען די פּרויען נעלעם געוואָרן. זי האָט אַ קוק געטאָן אינעם שכײַנעסדיקן זאַל און דערזען די פּרויען, זיי זײַנען קימאַט געלאָפן צום אַרויסגאַנג. ליזע האָט מיט פאַרדראָס געטראַכט וועגן זיך: „צו אַ קײַלעכיקן כּעזשבן האָט מיר, ווײַזט אויס, געפעלט נאָך אַ נאַרישקײַט. נו, בין איך זי שוין באַגאַנגען”...

און אַנדערס מאָל, ווען זי איז נאָך אַ לאַנגן איבערײַס געקומען אין מוזיי, איז שוין לעבן בילד געשטאַנען אַ יונגער מענטש מיט אַ צונויפגעלייגטן מאָלבערט אין האַנט.

ס'האָבן זיך איר אונטערגעהאַקט די פיס, זי איז שיר ניט אומגעפאַלן, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז סע שטייט דאָ אַ לעבעדיקער ניקאָלײַ סיווערצאַוו, און געקומען אַהער איז ער טאַקע פון יענעם אָרט, וואָס איז מעכוון דעם לײַוונט, פון דאָרט, וווּהין די טרוימערן קוקט.

אָבער גלײַך האָט זי שוין געזען, אַז דער יונגערמאַן איז קיין קאַפּ ניט ענלעך אַף ניקאָלײַען. סײַדן מיט דעם, וואָס ניקאָלײַ איז דעמאָלט געווען יונג, און דער, וואָס שטייט מיטן מאָלבערט, איז איצט יונג. און נאָך: באַם יונגנמאַן זײַנען אויך אַזעלכע באַגײַסטערטע אויגן, ווי בײַ ניקאָלײַען, כאָטש בײַ אים זײַנען זיי שוואַרצע, און בײַ סיווערצאַוון זײַנען זיי געווען גרויע. די הענט זייערע זײַנען ענלעכע: איידעלע, ווײַסע, נערוועזע הענט.

זי איז אומגעריכט פאַר זיך אַליין צוגעגאַנגען צום באָכער, און ווײַל ער האָט זיך אַף איר ניט אומגעקוקט, האָט זי אַ צי געטאָן זײַן אַרבל און געזאָגט, באַווײַזנדיק מיט דער האַנט אַפן בילד:

— ס'איז מײַן פּאָרטרעט.

ער האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט אַף איר, דערנאָך זיך אײַנגעזויגן מיט די אויגן אין דער שײַנענדיקער טרוימערן, דערנאָך ווידער אַ קוק געטאָן אַף איר, פאַרזשמורעט די אויגן — ס'איז איר געווען באַקאַנט דער דאָזיקער קוק, זי האָט אים פאַרגעדענקט, — אָפּגעטראָטן אַף עטלעכע שפּאַן ווײַטער, אַנגעבויגן עטוואָס דעם קאָפּ אין אַ זײַט, איבערגעפירט דעם בליק פון איר אַפן בילד און, אַלץ נאָך זשמורענדיק די אויגן, ערנסט געזאָגט:

— קענטיק, פאַרשטייט זיך, קענטיק — ס'איז אײַער פּאָרטרעט. דער אָוואַל פון פּאָנעם, — זײַן האַנט האָט זיך עטוואָס דערנעענטערט צו איר, — איז דער זעלבער, ס'איז אויך דער זעלבער אויסבייג פון די ברעמען, און אויבן איר ווילט וויסן, — ער האָט אַלץ געזשמורעט די אויגן, האַלטנדיק די האַנט אויסגעצויגן צו איר און איבערפירנדיק דעם בליק פון איר אַפן פּאָרטרעט, פּונעם פּאָרטרעט אַף איר, — דער כאַראַקטער איז אײַערער, — האָט ער שוין זיכער און באַגײַסטערט געזאָגט.

ער האָט זיך געסטאַרעט רעדן רויק, פּריילעך, אָבער ס'איז אָנשווילעך געווען, אַז די באַגעגעניש האָט אים צערודערט, פאַרכידעשט, אײַנצײַטיק אַנטויישט און דערפרייט, און אָט אַזאַ — אַן איבעראַשטן, אַ פאַרכידעשטן, אַ צערודערטן, אַן אַנטוישטן און דערפרייטן, האָט זי אים איבערגעלאָזט אַליין און זיך געלאָזט אַוועקגיין. געשפּאַנט האָט זי אַפן געוועקסלטן דיל, אַזוי האָט זיך איר געדאַכט, ווי גאָר אַמאָל — לײַכט און גיך.

עמעץ האָט העפלעך צעפּראַלט פאַר איר די געשניצטע, שווערע, דעמבענע טיר, און זי איז אַרויס אין גאַס. אין דרויסן איז זי פאַרבלענדט געוואָרן פון דער העלער, סאַף־האַרבסטיקער זון, אירע אויגן האָבן פון דער העלער צו שײַן אַנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו לאָזן אַ טרער, אין קאָפּ האָט אַנגעהויבן זשומען — אין גאַס איז איצט זייער רוישיק, איבערהויפּט, ווען מע גייט אַרויס פונעם שטילן, געמיטלעכן מוזיי, די פיס זײַנען איר מיטאַמאָל געוואָרן, ווי הילצערנע, אויפגעהערט פאָלגן. און דאָך איז זי ווײַטער געגאַנגען איבער דער גאַס. אַלע מאָל זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פּלויט, לעבן אַ בוים, לעבן אַ וואַנט, זיך אָפּגערוט אַ קאַפּ, און ווײַטער געגאַנגען. און כאָטש אין קאָפּ האָט געזשומעט, זײַנען די געדאַנקען געווען קלאָרע, ליכטיקע, דערהויבענע. אַ באַרויִקטע, אַ באַפרידיקטע, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעפילט אַ וויכטיקע לעבנס־שליכעס, האָט זי מיט ווירדע געקוקט מענטשן אין די אויגן. זי האָט געוווּסט, אַז אַפילע דעמאָלט, ווען זי וועט שוין ניט זײַן צווישן די לעבעדיקע, וועט זי אַלציינס ניט פאַרשווינדן, נאָר בלײַבן אין לעבן, און בלײַבן וועט זי אַ יונגע, אַ שיינע, אַ טרוימערן. און דעריקער — בלײַבן וועט זי — זאָל זײַן אין דער קלענסטער מאָס אַפילע — באַנאַנד מיט אים, פאַרבונדן מיט זײַן נאָמען.

בראָכע און אָרן בורשטיין

• שפּיַיז פאר א גאָלדן פישעלע •

מאָנטיק אינדערפרי האָט דער דירעקטאָר פאָרגעלייגט דער לערערן פון רוסי־שער שפראך און לי־טעראטור יענטע מענדעלעוונען (די שילער רופן זי יע־לענא מענדעלייעוונא) זיך דורכפאָרן אין געגנט־לעכן צענטער. פאר איר איז דאָס געווען אומ־געריכט: ווי קאָן מען דאָס פלוצעם איבערלאָזן די שטוב, די קינדער, די גאנצע באלעבאטיש־קייַט? דערצו איז דער מעהאלעך גאָר ניט קיין קליינער, און די נעסיִע אין שטאָט אריַין איז אויך ניט פון די גרינגע. כוץ דעם, איז איר די שטאָט אליין אויך ניט זייער צום הארצן. ניט זאָגן, אז זי האָט זי ניט ליב — כאַלילע! פאָרט איז זי אויסגעוואקסן דאָרט, זיך דאָרט געלערנט. נאָר פאר די יאָרן, וואָס זי וווינט אין דאָרף, האָט זי זיך אָפּגעוווינט אי פון דער שטאָט, אי פונעם דאָרטיקן טומל.

אָבער הייַנטיקס מאָל האָט זיך יענטע דאפּ־קע דערפרייט מיטן פאָרשלאָג. עפּעס איז איר די לעצטע צייַט גוט קאלעמוטנע אף דער נע־שאָמע. קיין אָנזיכטיקע סיבע דערצו איז ניטאָ, נאָר סיַוויסיי איז איר שטימונג זייער געדריקט. עפּשער איבערן האיאָריקן טרוקענעם זומער? שוין א פּאָר כאדאָשים, אז עס גייען ניט קיין רעגנס, און איצטער, אין אווגוסט, זינקט דאָס גאנצע דאָרף אייַן אין גרויען פּוכיקן שטויב. דער שטויב באדעקט מיט א גראָבן שיכט אלע גרינע געוויקסן, ליגט אף די הייַזער, ער האָט באזעצט די ווענט און די פּלויטן, פאַרשלאָגן אלע שפּעלטעלעך. יעדע דורכפאָרנדיקע מאשין הייבט נאָך זיך אוף געדיכטע וואָלקנס. זיי הענ־גען אינדערלופטן, ווי גרויע פאָרהאנגען, און לויט די פאָרהאנגען דערקענט מען דעם שליאך פון די דערווייַטערסטע ווינקעלעך פון יענטעס גרויסן דאָרף. איבער דעם שטויב זייַנען צוגע־טושקעוועט געוואָרן אלע לעבעדיקע קאָלירן, שוואכער זייַנען די רייכעס, און יענטען האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אז דאָס גאנצע לעבן אירס איז איצט אויך טונקל און גרוי, ווי דער גרויער שטויב.

אָט איז שוין באלד אויס זומער, און די קאר־טאָפּל אונטער דער צוגעטריקנטער באָטווע איז ערשט די גרייס ווי א ניסל; דאָס קעלבל, וואָס מע האָט ווינטער געקויפט און געטראכט עס אונטערהאָדעווען פארן זומער, קעדיי מיט דער צייַט אויסבייַטן אף א קעלביקער טעלעצע, וואקסט אף דער געמיינער פּאשע זייער ניט גוט, און ס'איז שוין א גרויסער סאָפעק, צי דער פארקלערטער אויסבייַט וועט זיך קאָנען איַינ־געבן; אין שול גייט דער רעמאָנט אויך ניט ווי ס'ווילט זיך. די שול־ביבליִאָטעק, אין וועלכער זי האָט זיך געקליבן הייַנטיקן זומער מאכן אָן אָרדענונג, שטעלט מיט זיך דערווייַל פאָר א גרויסן בארג ביכער, איבערגעדעקטע מיט פּאר־שפּריצטע פון קאלך און פארב צייַטונגען.

די זאָרגן פונעם הייַנטיקן שווערן זומער האָבן זי באלאגערט פון אלע זייַטן, געשטערט ניט נאָר א טראכט טאָן וועגן די פאָרשטייענדיקע לימודים, וועגן דער שול, נאָר ניט איבערגעלאָזט קיין צייַט אפילע אין א ביכל אריַינצוקוקן. און די נעכט זייַנען געווען קורצע, דושנע און האָבן געשמעקט מיט שטויב.

„נו גוט, אויסגעצייכנט, — האָט יענטע גע־טראכט וועגן דעם פאָרשלאָג פונעם דירעקטאָר, זי זאָל צופאָרן אין שטאָט, — וועל איך כאָטש אריַינגיין צו א פאריקמאכער, ווייַל די האָר הענ־גען שוין, ווי שטרוי פון דער סטרעכע”.

זי האָט געטראכט וועגן דעם פאריקמאכער, אָבער אונטער דעם פּראָסטן געדאנק פון פאר־ריכטן זיך די פריזור איז געווען באהאלטן פיל מערער: א פאָרגעפיל פון פרייַהייַט, א ברייטער אויסוואל פון מעגלעכקייַטן...

יענטע איז אוועקגעלאָפן אהיים, אפגיך ארופגעצויגן אף זיך דעם יאָמטעוודיקן זשאַ־קעט און א פּאָר נייַע מאָדעלנע שיך. באם שפּיגל האָט זי זיך פארהאלטן. אינעם לויטערן גלאָז איז אנטקעגן איר, ווי אין א טיר, גע־שטאנען א שטאלטנע פרוי פון מיטעלע יאָרן, מיט שיינע, אונטערגעפארבטע, א ביסל אראָפּ־געלאָזטע גראָבלעכע ליפּן און מיט א שטרענגן בליק פון גרויסע בלויע אויגן. דער אָפּשייַן פון איר העל־גרינער קלייד האָט גוט הארמאָנירט מיטן נאטורעלן גלאנץ פון די געדיכטע רויט־לעכע האָר.

אויסגעפוצט זיך, ווי אף א כאסענע, האָט זיך יענטע קריטיש באַטראַכט, נאָר זיך מעיאשעוו געווען, אז אזוי איז בעסער, מאכמעס אין שטאָט וועט איר געוויס אויסקומען צולויפן אף דער לערער־קאָנפערענץ גלײַך פונעם אווטאָבוס. זי האָט אונטערגעכאַפּט איר קימאַט אויסגעליידיקט גאַס־קוישל און שוין גרייט געווען צו פאָרן.

דער אווטאָבוס האָט פארשפעטיקט.

— און מעגלעך, אז ער וועט אינגאַנצן ניט קומען...

— מיסטאַמע קאַליע געוואָרן,— האָט דער וואַרטנדיקער אוילעם זיך רויִק איבערגעוואָרפן מיט ווערטער.

דער אווטאָבוס איז אָבער אינגיכן אָנגעקומען. ווי אַלץ אַרום, איז אויך ער געווען גרוי פון שטויב און אָנגעגליט אף דער זון. בא די צעעפנטע טירלעך האָט מען זיך אָנגעהויבן שטופּן. אויך יענטען איז אויסגעקומען צו באַווײַזן איר בעריעשאַפט, און מיט דער הילף פון עמעצנס שטאַרקע הענט האָט זיך איר אײַנגעגעבן אַרײַנצושטופּן זיך אינוויינִיק. דאָרט האָט מען זי גלײַך צוגעשפּאַרט צו א באַנק, וווּ ס'איז געזעסן א געזונטער פאַרברוינטער גוואַר אין א צעשפּיליעטער ברעזענטענער קורטקע. ער האָט א קוק געטאָן אף יענטען, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל, גיכער פאַר זיך אַליין, געזאָגט:

— נישקאָשע, מיידעלעך, דער אווטאָבוס וועט זיך באַלד רירן, וועט אַלץ אײַנטרייסלען זיך...

דער אווטאָבוס איז איבערגעפאָרן דורך א הילצערנעם בריק דאָס האַלב־אויסגעטריקנטע טײַכל און אַרויס פונעם דאָרף. דער גוואַר האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט זײַן שטאַרקער, באַדעקטער מיט גאָלדענע הערעלעך, האַנט אין א זײַטיקער פאָרענטש און דער ערשטער זיך אופגעהויבן, באַפרײַענדיק דאָס אָרט פאַר יענטען. גלײַך נאָך אים איז אופגעשטאַנען א יונג פאָרפאָלק, און זייערע ערטער האָבן פאַרנומען צוויי עלטערע פרויען מיט גרויסע קוישן. מיידלעך האָבן זיך צונויפגערוקט אף דער הינטערשטער באַנק, ווי הינער אף א סידעלע, אָפּטרעטנדיק א שטיקל אָרט פאַר די, וואָס זײַנען אָקאָרשט אופגעשטאַנען. אַלע האָבן זיך ווי אײַנגעשלאָסן אין א שטומער שפּיל: קיינעם ניט איבערלאָזן אָן קיין אָרט, און צוליב אָט דער שפּיל האָט זיך בא אַלעמען אופגעהויבן די שטימונג. די אומבאַקוועמלעכקײַטן פון דער נעסיִע האָבן שוין ניט אויסגעזען אזוי שרעקלעך, און ווען אַלע שטייענדיקע האָבן זיך אוועקגעזעצט, איז דער גאַנצער אויילעם געוואָרן גוט פריילעך. די זאָרגן פון באַגלייטן און אָפּפאָרן זײַנען אָפּגעטראָטן אף הינטן, די דײַגעס פון אָנקומען און זיך באַגעגענען זײַנען פאַרגעשטאַנען ערגעץ ווײַט, און דאָ, אינדערמיטן — די נעסיִע. גאַנצע פינף שאָ

פאָרן! אין אווטאָבוס — מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערפרייט מיט דעם, וואָס יעדערער איז אײַנגעאָרדנט, באַזאָרגט מיט אַן אָרט.

יענטען איז באַקאַנט די שטימונג, וואָס שטעלט זיך טאָמיד אײַן אינעם קלייניטשקן איבערגעפולטן אווטאָבוס, ווי נאָר ער פאָרט דורך דעם בריק. אַמיינסטן גיט זיך דאָס איבער אויך איר. דאַן ווײַזן זיך איר אויס אירע היימישע זאָרגן, ווי אין אַן איבערגעקערטן בינאָקל: זייער דערווײַטערט און פיל מאָל פאַרקלענערט. הײַנט אָבער איז די דערוואַרטע גרינגשאַפט ניט אָנגעקומען. דער צעקלאַפּטער וועג האָט זיך פויל געוויקלט אונטער די רעדער פונעם אווטאָבוס, בא יעדן גריבל האָט די מאַשין זיך אופגעטרייסלט. לענגויס דעם וועג זײַנען געשטאַנען באַשווערטע מיט שטויב גרויע, ווי אין איר דאָרף, ביימער.

„אָט איז דאָס לעבן אויך אזוי גרוי, — האָט יענטע איבערגעקליבן אין מויעך אירע דײַגעס. — און וואָס איז דאָס פאַר א לעבן אזא: דאָס קעלבל, קאַרטאָפל, די דירע, שטויב?.. רײַבוינעשעלוילעם, און דאָס בין איך, וועלכע האָט אַמאָל בעסער פון אַלעמען אפן קורס געלייענט בלאָקן!..“

דאָס איז אַן עמעס. אָבער הײַנט לייענט זי דאָך אויך בלאָקן — פאַר אירע שילער! און ניט נאָר אים, זי לייענט אין קלאַס די ווערק פון פיל גרויסע שרײַבער, און זי טוט דאָס בעפּיירעש מיט א טיפן געפיל. ניט אומזיסט איז איר לימעד בא דער מערהײַט שילער דער באַליבטסטער. ס'איז איר אָבער געקומען אפן געדאַנק, אז ס'איז שוין ניט דער אַמאָליקער בלאָק, — דער איז נאָר אַלפּי־כוִיוו, און יענער איז גאָר עפּעס אַנדערש...

מיט יאָרן צוריק האָט זי זייער ליב געהאַט צו לייענען בלאָקן אף אויסווייניק פאַר א שוואַרצינק באָכערל, מיט וועלכן זי האָט זיך אינאיינעם געלערנט אין דער פּעדאַגאָגישער שול. דער באָכער איז געווען הויך, יונג און זייער איידל. יענטע האָט מיט אים אָפּט אַרומגעשפּאַצירט איבער די פאַרשנייטע גאַסן פון דער שטאָט. די נידעריטשקע פּריסיאַדקעוואַטע הילצערנע שטיבלעך פון דעם אַלטן טייל שטאָט זײַנען געשטאַנען טונקל און אָנגעבלאָזן, ווי זאַטע טויבן, מיט טיף אָנגערוקטע ביז די סאַמע ברעמען ווײַסע פוטערנע היטלען. פון אונטער די היטלען האָט דורך די קלייניִנקע פענצטערלעך פרײַנטלעך אַרויסגעשײַנט די וואַרעמע שײַן פון מענטשלעכער היימלעכקײַט. פריילעך און שטיל האָבן פאַלנדיק וואַלסירט זילבער־ווײַסע פעדערן שניי. יענטע האָט ליב געהאַט די צויבערדיקע שיינקײַט פון די שטילע ווינטערדיקע אָפּדערנאַכטן. וויפל טיפע געפילן פלעגט דאָס דערוועקן אין איר דערהויבענער

יונגער נעשאמע! איר הארץ האט געזונגען. זי האט געלייענט און געלייענט פאר איר כאווער אלעקסאנדער בלאקן. ער האט זייער געפאסט צו יענע שטילע פארשנייטע אוונטן.

אהיים פלעגט זי זיך אומקערן שפעט. זי האט געדונגען א ווינקל בא א טויבער אלטי־טשקער. שטרענג און אומדערבארעמדיק האבן אף איר געקוקט פון די ווענט דער אלטערס איקאנעס. ניט וויניקער שטרענג האט געקוקט אף איר די באלעבאסטע אליין מיט די צונויפ־געציפעטע ליפן אפן בלאסן פאנעם. קעסיידער איז די אלטע געווען אומצופרידן: אי מיט די כיינעוודיקע גריבעלעך אף די באקן פון איר שכיינע, אי מיט איר שמייכלען און פריילעך זײַן, אי מיט דעם, וואס זי זיצט צו שפעט איבערן לערנען און נוצט איבעריקע עלעקטרע. אבער יענע אלטיטשקע האט צום שיינעם, צוויי־בערדיקן, פאטעטישן לעבן, פונוואנען עס שטאמט דאס שווארץ־אויגיקע באכערל, ניט געהאט קיין שום שייכעס. דעם באכערס מוטער איז געווען א לערערן אין א מוזיק־שול. ער אליין האט אויך געשפילט אף א פידל. עמעס, אן גרויס כיישעק, אבער דאך — געשפילט. בא איר אין דארף קאן קיינער ביז הײַנטיקן טאג ניט האלטן קיין פידל אין האנט...

— און קאליען האב איך דאך בא דער אל־טער באגעגנט, — דערמאנט זיך יענטע פלוצעם אין איר מאן. אן אדערדיקער, א דארער, אין אן אפגעקראכענעם מיליטער־העמדל, איז קא־ליע לאכלוטן ניט צוגעפאסט געווען מיט זײַן אויסזען צו דער אײַנגעהויקערטער באבעשי מיט אירע איקאנעס און מיט איר בייזן איקא־נישן פאנעם, צום גאנצן רעמל פון איר וווי־נונג. לאזט זיך דערנאך אויס, אז ער האט זיך אנגעקערט מיט איר ווי אייגענע!

קאליען האט יענטע קיין לידער ניט געליי־ענט: ניט זיי זײַנען אים אנגעגאנגען, ניט ער האט צײַט געהאט זיי צו הערן. ער איז עלטער פון יענטען מיט עטלעכע יאר און האט זיך ערשט ניט לאנג אומגעקערט פון דער ארמיי. שוין בײַס דער דינסט האט ער באשלאסן זיך נעמען צום סייכל, און גלײַך נאך דער ארמיי האט ער זיך אפגעזאגט פון אלץ, כוצן לערנען.

איצט איז קאליע פונקט אזוי דאר, ווי אמאל. געוויס וועט ער זיך הײַנט ווידער אומקערן שפעט פונעם וואלד. די קינדער — יורקע מיט סאשקען — וועלן זײַן אויסגעשמירט, ווי די רו־כעס, דאס קעלבל איז שוין מיסטאמע געקומען פון דער טשערעדע...

דער אווטאבוס קומט דערווײַל אן אין ראיא־נישן צענטער. צוויי בראווע ווײַבלעך פון דער פאדערשטער באנק בייגן זיך איבער צום שאָ־פער און רעדן אים אײַן זיך אפשטעלן בא דער קלייט, וועלכע מע רופט סעלמאג.

— און מײַנע וועלן זיך הײַנט אומקערן פון וואלד. אט וועט מען זיך דערפרייען! מ׳איז פרײַ — א מעכײַע. א שיף אן א רודער, — האט יענטען ווידער ארומגענומען א מארעשכויי־רע. — וואלטן זיי כאטש סייכל געהאט מיט־צונעמען די מיזינקע טאנקען צום טײַכל, דעם שטויב פון איר אראפשווענקען. זי לויפט ארום גאנצענע טעג, קלעטערט איבער דיביימער, א שעדל א קליינס...

אט די דאזיקע דײַגע איז שוין געווען גאר אן אומזיסטע. יענטע האט גוט געוווסט, אז קא־ליע וועט אף זײַן געליבטער מיזינקע שוין אכ־טונג געבן, נאר אין געדאנק האט זי ניט אופ־געהערט צו וואָרטשען.

דער אווטאבוס האט פארקערעוועט צום סעלמאג, וועלכער איז געשטאנען ניט ווײַט פו־נעם וועג מיט גוטפרײַנטלעך צעעפנטע היל־צערנע טירן און גערייצט, גערופן צו זיך מיטן קילן שאטן פונעם טונקעלן פירהויז. נאכן אפ־שטעל איז דער וועג געווארן א סאך פריילע־כער. עטלעכע פלעשער ווײַן זײַנען איבערגע־גאנגען פון האנט צו האנט. בא אייניקע האבן זיך גלײַך געפונען גלעזלעך, קווערטלעך, ווער ס׳האט ניט געהאט קיין געדולד צו ווארטן, האט געסמאקעט פונעם העלדזל.

ווײַבער האבן צעעפנט זייערע קוישן, צע־וויקלט די טיכלעך, און אט איז שוין פאראן מיט וואס צו פארבײַסן. מע האט געטרײַ בא־טיילט איינער דעם אנדערן מיט כאלאקים פריש־אײַנגעזײַערטע, געלע און דיקע אוגער־קעס. און אלע זײַנען אף א קורצער ווײַלע אנ־שוויגן געווארן. דער אווטאבוס האט זיך אנגע־פילט מיט א געשמאקן הילכיקן כראמטשען. יענטע האט אין דער גאנצער סימכע קיין אנ־טייל ניט גענומען, נאר קעדיי ניט באליידיקן קיינעם, האט זי אויך גענומען אן אוגערקע.

דער אוילעם איז טייקעף געווארן שטארק בעגילופן. די ווײַבלעך, וועלכע האבן אײַנגע־רעדט דעם שאפער פארקערעווען צו דער קלייט, האבן מיט א האלב מויל פארצויגן א ליד. אנדערע האבן, אפאנעם, קוים זיך דער־ווארט אף דעם, א קאמפאניע יונגעלײַט האט צוגעגעבן נאך מער כיישעק מיט עטלעכע גוט־צוגעזאלצענע ווערטלעך. די ווײַבלעך האבן זיך צעהיצט, עמעצער האט זיך אפילע געפרוווט זיצנדיק געבן א טאנץ. דער שאפער האט גע־מוזט אפשטעלן די מאשין, ער האט זיך מא־מעש געקאטשעט פון געלעכטער.

— א ביזע־ביזאיען! — איז אופגעבראכט גע־ווען יענטע. דא, אינעם אווטאבוס, קענען זי קימאט אלע, דער ייִנגערער דאר — אוואדע און אוואדע, און זי קאן זיך קיין ארט ניט געפי־נען — פארט א לערערן! — זי פארשטייט, אז ווירקן מיט עפעס אף די הוליאקעס קאן זי לע־

סאטע בעמיילע מיט גאָרניט, מיט איר ארײַנמישן זיך קאָן זי אצינד מאכן נאָך ערגער, און זי איז מעקאנע דעם שאָפער: פאר א נויט שטעלט ער גאָר אָפּ די מאשין. די ברײרע איז בא אים אין די הענט...

יענטען איז קאלעמוטנע אפן הארצן.

„כ׳האָב דאָך בעפײרעש געקאָנט מאכן א שענער לעבן, — ערגערט זי זיך ווײַטער שוין אָף זיך אליין, — אין שטאָט, מיט לײַטן גלײַך, אין א דירע מיט אלע באקוועמלעכקײַטן... איז ניין! נאָר אין דאָרף, האָט זיך אײַנגעשפּארט ניקאָלײַ, דאָרט זײַנען מיר נייטיקער... דאָס דאָרף דארף ער האָבן, דער אקשן! ביידע די הויכשול פארענדיקט... איצטער האק האָלץ פאר דער שול מיט דײַן הויכער בילדונג! אָן דיר וועט מען מיט די ציגן אפן יאריד ניט פאָרן. ע, וואָס האָבן מיר דאָ צו ריידן: קיין אורלויב נאָך קיינמאָל איניינעם ניט דורכגעפירט”... — און עס קומט איר אוף, אז איר אייגן לעבן איז גאָר אינגאנצן קיין לעבן ניט. זי האָט דאָך געטרוימט צו לעבן גאָר אנדערש — שיין, קולטורעל!.. די סטעזשקע צו אזא לעבן האָט, דאכט זיך, א באווײַז געטאָן זיך צוזאמען מיטן שווארצכיינעוודיקן באָכער, מיט וועלכן זי האָט שפּאצירט אין די אמאָליקע אָוונטן איבער די פארשנייטע גאסן פון דער שטאָט, געלייענט אים בלאָק.

און יענטע האָט שטארק כיישעק באקומען כאָטש דורך א שפּעלטעלע, כאָטש מיט איין אויג ארײַנקוקן אין יענעם לעבן ארײַן, דערזען, ווי עס וואָלט עפּשער געקאָנט זײַן. מיט אומדערווארט־אופגעלעבטע געפילן האָט זי זיך דערמאָנט אין יענעם שווארצינקן באָכער.

„א סוואָרע, ס׳איז מעגלעך זיך זען מיט אים... און פארוואָס טאקע ניט? נו, יאָ, אוואדע, אָן קיין שום סאָפּעק — זי מוז זיך זען מיט אים!”

פון דער צווייטער זײַט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי טוט א געפערלעכן פארברעכן, און אז אלע ארומיקע זײַנען איידעס דערבײַ. געפילט האָט זי זיך בעשאָסמײַסע, ווי ארויסגעשטעלט נאקעטערהייט פאר א גרויסן אוילעם מענטשן. די היץ אין אווטאָבוס איז ניט געגאנגען אין קיין שום פארגלײַך מיטן פלאם, וואָס האָט געבושעוועט אין איר אינווייניק. דער אָפּשײַן פונעם פלאם האָט געדיכט באדעקט איר איידל־בלאסלעך פּאָנעם ביזן סאמע האלדז, און א הייסער שווייס האָט באגאָסן אפילע די אויגן. זי האָט געפרווט אומקערן די געדאנקען צו אירע טאָגטעגלעכע איניאָנים — ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

אז מע קאָן ניט אריבער, מוז מען ארונטער. דעם איבערגעפולטן וואָגן מיט שווערע געדאנקען, וואָס האָט זיך געפערלעך גיך געטראָגן בארג־אראָפּ, האָט יענטע פארקערעוועט אָף א זײַטיקער סטעזשקע. די פערד זײַנען געבליבן שטיין. אפן הארצן איז באלד א סאך גרינגער געוואָרן, די נעשאָמע האָט זיך געשטעלט אפן אָרט. דער יעיצערהאָרע האָט געמעגט פײַערן זײַן ניצאָכן.

„און וואָס איז דאָ אזעלכס, נאָך אלעמען? — האָט יענטע גענומען זיך אײַנרעדן מיט פלוצעם אופגעוואכטער מיידלשער לײַכטזיניקײַט. — זיך געלערנט איניינעם. אלטע כאווײרים...”

זי וועט אָנקלינגען דעם שווארצינקן באָכער אין טעלעפאָן... דער דאָזיקער געדאנק האָט פארשטעלט מיט זיך דעם אגמעסנעפּעש פארן קעלבל, פאר דעם שטויב, פארן טונקעלן סייעדער פון איר לעבן. אייגנטלעך, ניט אינגאנצן פארשטעלט, נאָר אָפּגערוקט אין א זײַט, צוגעטעמפּט א ביסל די שארפקײַט. זי האָט זיך דערמאָנט, אז די סינאָפּטיקער האָבן, דאכט זיך, צוגעזאָגט די טעג א רעגן, און אויב אזוי, איז נאָך גאָרניט פארפאלן. דאָס קארטאָפּל־פעלד וועט זיך געוויס פאריכטן; דאָס קעלבל איז אויך ניט אזוי מאָגער, ווי ס׳רעדט זיך, און אויב צוליגן נאָך א ביסל געלט, וועט עס איניינעם אויסטראָגן אָף א גוטער טעלעצע; און... און אָט אינטערעסאנט, ווי זשע וועט זי אים אָנקלינגען? און וואָס וועט ער זאָגן? עפּשער וועט ער זיך דערפרייען... און טאָמער האָט ער זי שוין פארגעסן... כאָטש, וואָס הייסט פארגעסן?!.

יענטע האָט זיך גענומען פאָרשטעלן, וויאזוי עס וועט אויסזען די באגעגעניש, זי האָט אופגעשטעלט אין זיקאָרן זײַן קאָל, זײַן געשטאלט. אינעם אווטאָבוס איז מען זיך ערשט נאָך מער צעגאנגען. ווי ס׳פלעגט אמאָל זאָגן די באָבע אירע — מע איז „געשפּרונגען פערדענעמעשקע”. נאָר דאָס האָט זי שוין ניט געארט. זי האָט פלוצעם פארשטאנען, אז ניט נאָר פאר איר — פאר אלע אירע מיטפאָרערס פאלן ארויס אינעם סאמע ברען פון דער פעלד־ארבעט גאנצע פינף שאָ אָפּרו.

אָנגעקומען אין שטאָט גאנץ שפּעט, ערשט אין דער אנדערער האלב טאָג, האָט יענטע זיך גלײַך א לאָז געטאָן צו דער לערער־קאָנפערענץ. די זיצונג אין דעם טאָג האָט שוין געהאלטן באם פארענדיקן זיך. די ווײַטערדיקע זיצונגען זײַנען פארפּלאנירט געוואָרן ביזן סאָף פון דער וואָך, אזוי אז פון אומקערן זיך אהיים פאר זונטיק קאָן ניט גיין קיין רייד. יענטע האָט באקומען א קוויטל אין האָטעל און איז אוועק זיך אײַנאָרדענען.

די פּראָגראם פון דער קאָנפערענץ איז געווען אזוי איבערגעלאָדן, אז אפילע די אָוונטן זײַנען פארנומען. דערפאר אָבער איז שאבעס א פרײַער טאָג, און יענטע האָט ניט געהאט ווהין זיך צו אײַלן. זי האָט ערשט אפּסנײַ באר־

טראַכט איר צײַטווײַליקע וווינונג, און איר בליק איז געפאַלן אפן טעלעפאָן באַם טיש־לאָמפּ. זי איז גרייט געווען זיך שווערן, אַז זי זעט אים דאָס ערשטע מאָל.

צוליב וואָס דאַרף זי אים האָבן? אָך, יאָ! אין דער מעהומע פון די געשעענישן האָט זי שיר ניט פאַרגעסן אָנקלינגען אין איר יוגנט אַרײַן. זי האָט אָנגענומען דעם נומער „09", זיך גנײ־וויש אַרומגעקוקט, און מיט אַן אומגעריכט הײ־זעריק קאָל אָנגערופן דעם שוואַרצינקן באָכערס נאָמען און פאַמיליע.

— איין ווײַלע, — האָט זי דערהערט פונעם טרײַבל, און אין לעערעך א האלבער מינוט אַרום האָט איר אַן אָנגענעמע מיידלשע שטים אָנגערופן א טעלעפאָן־נומער.

יענטע האָט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. אָבער זי פאַרמאָגט שוין דעם נומער! ס'איז גאָר ניט צו גלייבן, אַז איר יוגנט, די טרוים אירע, איז אָט אָ־דאָ, לעבן איר — געגוג נאָר אויסשטרעקן די האַנט צום אַפּאַראַט, די נייטיקע עטלעכע מאָל א דריי טאָן מיטן פינ־גער דעם דיסק, און זי וועט דערהערן זײַן קאָל! טאַקע נאָר אַף כידושים. עס האָט זיך איר גע־דוכט, אַז דאָס קאָל זײַנס וואָלט זי דערקענט צווישן הונדערטער אַנדערע. זי האָט צוגעלייגט די הענט צום פּאָנעם — די באַקן האָבן גע־פלאַמט. זי האָט ווידער דערפילט, ווי ס'קלאַפּט איר דאָס האַרץ. אָט שטרעקט זי אויס די האַנט, נעמט אַראָפּ דאָס טרײַבל און בלײַבט זיצן שטיל און פאַרכאַלעמט. די צײַט לויפט, יענטע פילט, אַז מער אָפּצוען האָט קיין שום זין ניט, און זי נעמט דרייען דעם דיסק.

געענטפערט האָט מען גלײַך.

— אַלאָ! — דערטראָגט זיך צו יענטען א פרעמדע, געדיכטע, גאָר ניט קיין באַקאַנטע שטים.

— דעם כאַווער סאָנדיק בעט איך...

— איך בין עס.

— אײַך קלינגט פּראָקאָפּטשוק...

— אַנטשולדיקט, ווער קלינגט?

— פּראָקאָפּטשוק בין איך, לענע...

— איר מוזט מיר פאַרצײַען, נאָר עפּעס ווייס איך ניט... מיט וואָס קאָן איך צוניץ קו־מען?

„מיט וואָס קאָן ער צוניץ קומען?" — יענטע האָט פּלוצעם זיך פריילעך צעלאַכט, אַזוי ווי אין דער יוגנט.

— מיט וואָס איר קאָנט צוניץ קומען? — און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער קען זי דאָך נאָר לויט איר מיידלשן נאָמען. איצט האָט זי געפרעגט שוין גאָר אַף אַן אַנדער אופן: — דערקענסט ניט יענטען? יענטע ווײַנשלבוים בין איך.

— ווײַנשלבוים? יענטע? — האָט ער איבער־געפרעגט, ווי דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס. אָבער שוין אין א רעגע אַרום האָט זי דערהערט א פריידיקן אויסגעשריי: — ענטל! ווי קומסטו אהער? ווו ביסטו? א־הא, אין האָטעל. הער נאָר א מײַסע! ענטל, מיר מוזן זיך זען. טייקעף־אומיִיאַד!

— גוט, זאָל זײַן איצטער, — איז יענטע מאַסקים.

— אין וועלכן האָטעל ביסטו? נו, איז דאָס דאָך גאָר נאָענט. לאָז זיך אַראָפּ אפן ערשטן שטאָק. באַלד פאָר איך צו, שוין!

יענטע שײַנט. ווער איז גלײַך צו איר? יעדער אײַוועער אין איר טאַנצט און זינגט. זי לאָזט אַראָפּ דאָס טרײַבל צו די קני און גלעט עס. פּלוצעם ווײַזט זיך איר אויס, אַז זי הערט עפּעס ווערטער. זי כאַפּט ווידער דאָס טרײַבל צום אויער.

— אַלאָ! אַלאָ! יענטע? איך האָב גאָר אינ־גאַנצן פאַרגעסן! באַלד קאָן איך ניט קומען: זייער א נייטיקער איניען. מע קאָן אים ניט אָפּלייגן. באַלד דאַרף איך לויפן אין מאַרק, אײַנקויפן שפּײַז פאַרן פישל...

— וואָס פאַר א פישל? — פאַרשטייט ניט יענטע.

— אַן אײַנפּאַכס, א גאָלדנס.

— ס'האָט זיך דיר אײַנגעגעבן אײַנצוימען דאָס גאָלדן פישעלע? — ווערטלט זיך יענטע, נאָר א קעלט גייט איר דורך איבערן לײַב.

— וואָס עפּעס אײַנצוימען? — ווערט ער באַליידיקט, — עס לעבט אין א גלעזערנעם סלוי... איז ווען זעען מיר זיך?

יענטע האָט עפּעס געענטפערט, נאָר ער האָט די ווערטער ניט געקאָנט הערן: איר האַנט האָט אַליין, מאַשינעל אָפּגעטראָגן און אוועק־געלייגט דאָס טרײַבל אפן אַפּאַראַט. „שפּײַז פאַר א פישל — זייער א נייטיקע זאַך" — האָט זי אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס אפן ביי־געלע פּאַפּיר, ווו ס'איז פאַרצייכנט געווען דעם שוואַרצינקן באָכערס טעלעפאָן.

— זייער א נייטיקע זאַך, — האָט אַף א קאָל שטיל אויסגערעדט יענטע, — זייער א נייטי־קע... „וויפל זשע דאַרף ער זײַן אַלט? — האָט זי געפּרוווט זיך מעשאַער זײַן. — ווײַזט אויס, ער איז אין מײַנע יאָרן. הייסט עס, אַרום פער־ציק? א סוואָרע..." — יענטע האָט זיך מאָדנע פאַרכידעשט, צוגעביסן די אונטערשטע ליפּ און אַזוי געבליבן זיצן פאַרטראַכט. דערנאָך האָט זי א קוק געגעבן אפן האנט־זייגערל און גענו־מען האסטיק שלײַדערן אירע זאכן אינעם ליי־דיקן קוישל אַרײַן.

— בעהיימע! פּוסטע קיילע! — האָט זי בייס־מײַסע מיט גאַל זיך געזידלט מיט איר טאַטנס

אמאָליקע ווערטער, נעמענדיק נעקאָמע אין זיך אַליין. — האָסטו שוין איינמאָל א פּסק! דעם עמעסן... — און פאַר די עטלעכע קורצע מינוט, בײס זי האָט זיך געייסעקט מיטן באַפרייען דעם האָטעל־נומער, האָט זי אָפּסנײ ווידער דורכגעלעבט א היפּשן אָפּשניט פון איר לעבן. די אַלע זאָרגן פונעם טרוקענעם זומער, די פּאַרדראָסן און איבערלעבענישן, די פּאַסירונגען פון דער נעסיע — דאָס אַלץ איז פּלוצעם אָפּגעגאַן פון איר, ווי שאָלעכץ פון א טרוקענער ציבעלע. גלײך ווי ניט זי האָט זיך ערשט מיט א פערטל שאָ פריער געצאַפּלט באַם טעלעפאָן־אַפּאַראַט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז פּוסטע כאַלוימעס.

פּלוצעם האָט זי דערפילט, ווי ס׳קלעמט איר דאָס האַרץ פאַר בענקשאַפט אַהיים. און אַט לויפט זי שוין איבער דער גאַס. זי אײלט זיך. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אַף הײנט האָט זי אָפּגעלייגט אָן א שיר אַרבעט. פאַר דער שול דאַרף מען קויפן א נײעם גלאָבוס; טאַנקען האָט זי נאָך ניט געקראָגן אירע באַליבטע צוקערקעס־שטעקעלעך; א פּעקל גוטן טאַבעק פאַר קאַליען — ער האָט דאָס אַזוי ליב; נו, און די ביכער־קלייט טאָר מען דאָך אויך ניט אויסמײַדן... ביזן אָפּגיין פונעם נאָענטסטן אויטאָבוס איז געבליבן קאַרגע צוויי שאָ.

אפצוריקוועגס איז יענטע געזעסן אַף א באַקוועם אָרט. זי האָט זיך שטאַרק אויסגעמאַטערט און איז באַלד, ווי נאָר מע איז אָפּגעפאָרן, אַנדרעמלט געוואָרן. ס׳האָט זיך איר געכאָלעמט דער טאַטע. זי איז נאָך א קליינע. ס׳איז ווינטער. זיי פאָרן אײנײנעם אין א שליטן מיט אָן אײַנגעשפּאַנטער פּאָר פערד. די פערד יאָגן, זיי פליִען מאַמעש. מענגעס זויבער־ווײַסע פעדערן שנײ טראָגן זיך פאַרבײַ זיי מיט א בײזן הודיען, ווי בינען. נאָר זי האָט ניט מוירע. זי זיצט באַם טאַטן אַף די קני, אַרומגעוויקלט מיט א גראָבן פוטערנעם פעלץ, און לייענט פאַר אים בלאָקן. איר איז ווייך און וואַרעם. דער טאַטע הערט זיך אופמערקזאַם צו, אים געפעלט איר לייענען, נאָר ער איז מיט עפּעס ניט צופרידן. ער בעט, זי זאָל אים זינגען א לידל. יענטען איז גוט מיטן טאַטן, זי וויל אים זייער צוליב טאָן, אָבער ווײַ־ווײַ, די ווערטער פונעם לידל האָט זי פאַרגעסן. ס׳פאַרקלעמט איר אַזש דאָס האַרץ. זי דערמאָנט זיך צוביסלעך און הייבט אָן ניט זיכער:

יונגע יאָרן מיך דעריאָגן
אַף דער ברייטער בריק.
יונגע יאָרן, קערט זיך אום,
קומט צו גיין צוריק!

דאָס איז „דעם טאַטנס לידל”. נאָר די יידישע ווערטער אַנטלויפן פון איר, און דער טאַטע וואַרט... יענטע נעמט פאַרטײַטשן די ווערטער אַף רוסיש:

Мы догнали наши годы
На широком мо́сте.
Юны годы, возвратитесь
к нам обратно в гости...

און די יאָרן ענטפערן:

Нет, нет, нет, мы не вернемся,
Годы не вернуть,
Все, что было — то прошло,
Старое забудь.

עס ווערט איר אומעטיק. דער טאַטע טרײַבט אונטער די פערד, זיי פליִען גיכער. די פעדערן שנײ זשומען שטאַרקער, טראָגן זיך דורך געשווינדער און ווערן צעשמאָלצן. טראָפּנס וואַסער פאַרוואַנדלען זיך אין גרויען שטויב, וועלכער שלאָגט זיך צונויף אין א קנויל, דער שליטן פאָרט אַף דעם שטויב אַרוף, ס׳גיט אים א טרייסל, און ער קערט זיך איבער. יענטע כאַפּט זיך אויף. דער אויטאָבוס איז פּונקט אַרופגעפאָרן אַף זייער הילצערן בריקל. באַנאַכט איז, אַפּאַנעם, דורכגעגאַנגען א גוטער רעגן. דאָס טײַכל האָט זיך צעגאָסן, ווי בײַ א געוויסער. די ביימער האָבן זיך אויסגעצוואָגן און פאָכען פריילעך אין אַלע קאַליוזשקעלעך. א לעבן!..

שירע גאָרשמאַן

• דער האָפן איז פרײַ •

דער שמועס אין טעלעפאָן צווישן מערען און איר זון פאַרלויפט זיך אומגעפער אַזוי:

— ענדלעך האָסטו געפונען די געלעגנהײַט?

— וואָס האָב איך געפונען, מאמע?

— איך זאָג, ענדלעך האָב איך זיך דערוואַרט אַף דײַן קלונג. אַז איך הער דײַן שטימע, ווערט מיר וואַרעם אין אַלע גלידער.

— מאמע, דו ביסט הײַנט אין שטוב?

— יאָ, הײַנט וואָלט איך מיט פאַרגעניגן פאַרבראַכט דעם אָוונט אין דײַן געזעלשאַפט.

— איך פאַרשטיי ניט, איך פרעג — דו גייסט אין ערגעץ ניט אַוועק?

— דו פאַרשטייסט מיך ניט, ווײַל דו שמועסט זעלטן מיט מיר.

— מאמע, הער אויף. איך וועל קומען און מיר וועלן מיט דיר זיצן אין אַ ברידערלעכער אַטמאָספער. וואָס דאַרף איך קויפן?

— גאָרניט.

— קיין מילך ניט, קיין ברויט ניט?

— קיין זאַך ניט! רײַכער ניט מיט דײַנע קאָלעגן נאָך דער אַרבעט, כאַפּ דעם ליידיקן פּאָרטפעל און לויף צו מיר.

— פּאָקעדאָווא, מאמע.

פון דעם זונס „פּאָקעדאָווא" ביזן קלונג פון טירגלעקל דאַרף מען דורכקומען פײַנע עטלעכע שאָ. פאַרשטייט זיך, זי זיצט ניט מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר אָט הערט זי די געגאַרטע, צוויי לאַנגע, צעצויגענע און איין קורצן, אָפּגעהאַקטן קלונג. ער כאַפּט זי אַרײַן אין זײַנע ברייטע אָרעמס, און דער פּאָרטפעל באָמבלט זיך אַף אירע פּלייצעס. נאָך די פּילצאָליקע קושן, גייכע ווערטער, וואַשט ער זיך, נעמט דעם פּאָרטפעל, זיי גייען אין קיך. פון פּאָרטפעל נעמט ער אַרויס אַ היפּש פּעקל, אַ פאַרוויקלטס אין קאַלקע. זי ווייסט שוין, וואָס דאָרטן איז.

— מײַן קינד, האָסט שוין ווידער געקויפט קאָוריזשקע?

— דו האָסט עס ניט ליב?

— קיין סינע פיל איך ניט צו דערוף, אָבער איך וווּנדער זיך, פונוואַנען דו נעמסט געלט.

— איך נעם ניט, לענע גיט מיר.

— וויפל אַסיגנירט זי דיר?

— מיר איז איבערגענוג. וואָס אַרט דיך, וויפל זי גיט מיר?

— עס אַרט מיך ניט, וויפל זי גיט דיר, עס אַרט מיך, וואָס דו ביסט זייער באַווײַבט.

— וואָס בין איך זייער?

— נו, זאָל שוין זײַן ווי עס איז, לאָמיר עסן אין אַ פרײַנטלעכער אַטמאָספער.

זי נעמט פאַר זיך אויך אַ טעלער און אַ לעפל, כאָטש עס ווילט זיך איר ניט עסן. אָבער זי ווייסט, אַז ער וועט זיך ניט צורירן, אויב זי וועט ניט עסן מיט אים אינאיינעם. זי קוקט, ווי ער קײַט, און שלינגט מיט אים באַנאַנד, ווי זי פלעגט שלינגען מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז געווען אַ פּיצינקער. איצט איז זי גליקלעך. זי טראַכט ניט וועגן דעם, אַז ער וועט מאָרגן גאַנצפרי אַוועקלויפן צו דער אַרבעט און וועט ווידער פאַרשווינדן אַף צוויי־דרײַ וואָכן. זי קוקט, ווי ער טרינקט טיי, ווי דאָס קריגעלע איז קליין אין זײַנע הענט, און עס קומט איר אויפן זינען אַ מאָדנער געדאַנק. „אָט דער קרעפּטיק־וווּקסיקער שוואַרצכיינעוודיקער מאַנצבל איז טאַקע אינדערעמעסן מײַן זון?" ער כאַפּט איבער איר פאַרווונדערטן בליק.

— וואָס קוקסטו אַף מיר, ווי אַף אַן אומגערן באַקאַנטן?

— איך קאָן ניט טרינקען אַזוינע זוד, ווי דו. האָסט אויך געמעגט צוּוואַרטן, וואָלסטו אַזוי ניט געשלוקערצט.

זי זאָגט ניט — ווי דער טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, האָט געשלוקערצט. אָבער דער זון רוקט אָפּ דאָס טיי־קריגעלע און באַמערקט:

— דעם טאַטן פלעגסטו אויך זאָגן דאָס זעלבע, און ער האָט דיך אויך ניט געפאָלגט. — און גלײַך נאָך דעם, אָן אַ שום איבערגאַנג, נעמט ער דערציילן:

— דו ווייסט, מאמע, די באַלעבאַטים פון די שטיבער, וואָס מע האָט אַראָפּגעטראָגן, זײַנען אַריבערגעפאָרן אין נײַע דירעס, און זיי האָבן פאַרגעסן די הינט. ס'איז אַזאַ ראַכמאָנעס.

— וואָס ביסטו אַזוי פּלוצעם אַריבערגעפאָרן צו די הינט? איך פאַרשטיי, אַז דו וואָלסט גענומען עטלעכע.

— זאָגסט עטלעכע? כ'האָב גענומען איינעם, האָט מיך לענע אַרויסגעמעשאַלייעכט מיט אים אינאיינעם. — ער זאָגט עס, צעשנײַדט די קאָווריזשקע אַף פּירקאַנטיקע דינע שטיקעלעך, לייגט עס אַוועק אַף אַ טעלער, און זיי גייען

אוועק אין צימער. אין צימער אפֿן טיש ליגן שוין אָנגעשניטענע שטיקעלעך פּאַפּיר נאָך פֿון פּאַרצווייוואָכן. א בלײַקע ליגט אויך. ער נעמט א שטיקעלע קאָוריזשקע, קײַט פּאַמעלעך, צייכנט מיט דער בלײַקע אַף א שטיקעלע פּאַפּיר א קאַראַווועלע.

— זעסט, מאַמע, אַף אַזא מין שיף איז געשווומען מאַגעלאַן. דאָס איז אים אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם. און זײַן סאָף איז געווען א טרויעריקער. נאָכדעם האָבן זיך געפֿונען נאָך מוטיקע מענטשן...

— מיין קינד, כ'האָב דאָס געלייענט בא צווייגן.

— כ'ווייס, אַז דו האָסט געלייענט. אָבער עס שאַט ניט, אַז מירן זיך דאָס דערמאָנען, — טוט ער א זאָג, נעמט צייכענען אַף נאָך א בלעטעלע אַן אַנדער מין שיף. ביז אַזייגער איינס זײַנען שוין אַלע בלעטעלעך באַמאָלט מיט בריגאַנטינעס, קאַראַווועלעס, גאַליערעס און פֿרעגאַטן. מערע לייגט עס אַרײַן אין א קאָנווערט, ווו עס ליגן שוין היפּש אַזוינע שיפֿן, און טראָגט עס אוועק אין טישקעסטל. מאַכט די געלעגערס, כאָטש זי ווייסט, אַז זיי וועלן נאָך לאַנג זיצן און זי וועט נאָך א סאך זאַכן אויסהערן פֿון אים.

— מאַמיצע, איך וויל נאָך טיי.

— דאָס איז זייער א גרינגע זאַך. זאָג מיר, פֿאַרוואָס קלינגט מיר קיינמאָל לענע ניט?

— כ'האָב זי ניט געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס נעמט זי ניט אַראָפּ דאָס טרײַבל, וואָס האָט זי צו מיר?

— א דײַגע דיר! בעסער פֿריי זיך, וואָס איך בין געקומען. און זאָג מיר, מאַמע, דו ווייסט, ווער וואַמבערי איז געווען?

— ער איז געווען א רײַזנדער.

— דו רעדסט עס אַזוי גרינג אַרויס: ער איז געווען א רײַזנדער! ער איז דאָך געווען געפּײַניקט פֿון די קינדער־יאָרן אָן. געוואַקסן איז ער בא אַן אָרעמער יידישער מישפּאָכע, אין אַן אונגאַרישן העק. נאָך א נעס, וואָס ס'זײַנען געווען בלאָטעס אַרום שטעטל, האָט ער געכאַפּט פּיאַווקעס, און ער פֿלעגט די בלוטזויגנדיקע סכוירע אָפּזעצן אין אַפּטייק. צו דעם קלאָנדײַק איז ער נאָך געווען א קאַליקע אויך. די קינדער פֿלעגן אַרויסרײַסן בא אים די קוליעס און אים פֿאַרוואַרפֿן מיט שטיינער.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז איך ווייס, איך האָב געלייענט בא טיכאָנאָוון.

— אָבער הער זיך אײַן, דאָס איז דאָך זייער דירנדיק. געדענקסט, ווי ער פֿלעגט זיך גופֿע זאָגן: „אַרבעט, האָרעווע!” ער פֿלעגט זיך אַליין לאָזן אָן מיטיק, אויב ער האָט ניט אויסגעלערנט אַלץ, וואָס ער האָט באַשטימט. ער האָט געלייענט פּושקינען אין רוסיש, דאַנטען אין איטאַליעניש, כאַיאַמען אין פּערסיש, סערוואַנטעסן אין שפּאַניש.

— יאָ, איך זאָג דאָך דיר, איך געדענק, ער איז געווען אין טערקײַ און אין מיטלאַזיע. דאָס איז געווען א מערקווירדיקער מענטש, א ריז. אָבער איך וויל וויסן, מײַן זון, וויאַזוי לעבסטו?

— ניט שלעכט.

— דאָס אינגאַנצן?

— מאַמע, כ'ווייס ניט, וואָס דו ווילסט!

— דערצייל מערער וועגן זיך.

— איך קאָן עס פֿאַרשטיין, אָבער איך קאָן ניט זאָגן, אַז מײַן לעבן איז דורכגעשטראַלט.

— כ'דאַרף ניט אַזעלכע הויכע ווערטער. לענע האָט דיך ליב? דו האָסט ליב לענען?

— כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט עס פֿרעגן. איך געדענק, ווי גוט דו האָסט געלעבט מיטן טאַטן, אָלעווהאַשאָלעם. אָבער דאַרפֿסט פֿאַרשטיין, אַז איר האָט געהאַט מערער צײַט פֿון אונדז. לענע גייט אוועק צו דער אַרבעט זיבן, די מעטראָ מיטן אווטאָבוס ראַבעווען בא איר טאָגטעגלעך דרײַ שאָ. האַלב אַכט פֿיר איך אוועק פּעטקען אין קינדערגאָרטן. צו האַלב נײַן דאַרף איך זײַן אַף דער אַרבעט. גאַנצע טעג קוקן מיר זיך קימאַט ניט אָן. שאַבעס און זונטיק קלײַבן זיך אָן א באַרג אַרבעט מיט גייעניש.

— בייס מע האָט זיך ליב, גייט עס פֿאַריינס. דער טאַטע איז געזעסן אין שטוב? איך האָב שפּאַצירט אין סקווער? וואָס איר האָט צו דרײַסיק יאָר, דאָס האָב איך מיטן טאַטן געהאַט צו זעכציק. אײַ, איר ווילט מערער? איר האָט שוין א פּיאַנינע, ווילט איר נאָך עפּעס. ווען איר וואָלט זיך באַנוגנט, וואָלט לענע ניט געאַרבעט אַף אַנדערהאַלבן סטאַווקעס. און דו וואָלסט אויך ניט געבליבן אַף אויבערשאָען.

— לאָמיר וועגן דעם ניט ריידן. לאָמיר בעסער אויסטרינקען נאָך א גלאָז טיי.

זי נעמט א שטיקל קאָוריזשקע, בײַסט אָפּ און טוט א זאָג:

— די קאָנדיטערײַ איז פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. מײַן צײַט איז געווען מיט לאַנגע פֿײַנלעכע נעכט.

— טונק אין דער הייסער טיי, וועט עס זײַן ווייכער, — אייצעט ער.

זי פֿאָלגט, באַווײַזט קוים צוטראָגן דעם אײַנגעווייקטן לעקעך צום מויל און מאַכט אים א כעזשבן:

— הײַנט איז פּונקט צוויי וואָכן, ווי דו ביסט בא מיר געווען.

— האָסט עס גוט באַרעכנט. גלייב מיר, מאַמע, אַז ווען איך וועל קומען מאָרגן נאָך דער אַרבעט, וועט לענע זײַן פֿאַרוואָלקנט.

— זאָג איך דאָך, אַז דו ביסט זייער באַווײַבט!

— זייער צי ניט זייער, מאַמע, אָבער לענע איז מײַן ווײַב!

— וואָס האָט זי צו מיר? פֿײַנט האָבן א מענטשן נאָר דערפֿאַר, ווײַל דאָס איז דײַן שווי־גער, איז באַנאַל, אויב ניט זאָגן עפּעס ערגערס.

— זעסט, מאַמע, ס'איז שווער מיט דיר צו פֿאַרברענגען אין א פֿרײַנטלעכער אַטמאָספֿער. דער זון האָט דיך ליב, דו האָסט אים ליב. גיס אָן נאָך א גלאָז טיי, און איך וועל דיר דערציילן א שיינע זאַך. דו האָסט געלייענט דיקענסעס „א רײַזע ניט צוליב האַנדל־איניאָנים”?

— ניין, כ'האָב דאָס ניט געלייענט.

— איז הער טאקע, ווי עס דארף צו זײַן: די אווסטראַליער שיף „ראָיאַל טשארטער" איז אונטערגעגאנגען באַם בריטישן ברעג. האָט זיך געפונען א גאַלעך, וואָס האָט ארויסגערופן זײַן ברודער, אויך א גאַלעך, און זיי האָבן מעקאַבער געווען די דערטרונקענע, וואָס דער יאַם האָט ארויסגעוואָרפן, אזוי ווי דאָס ווערט געטאָן לויט די דינים פון פארשיידענע גלויבנס. די דאַטע, ווען די שיף איז אונטערגעגאנגען, איז ניט אָנגעוויזן, נאָר דער פארטראַכט פון „א רײַזע ניט צוליב האנדל־איניאַנים" איז בא דיקענסן אנטשטאַנען אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

— נו, וואָס דערציילסטו מיר דאָס, מײַן זון?

— באַדענק זיך נאָר, וואָס פאַר א מענטשן דער גאַלעך מיט זײַן ברודער זײַנען געווען, וואָס פאַר א טירחע זיי האָבן אָף זיך גענומען, אז ס'זײַנען געווען טעג, ווען זיי האָבן באַערדיקט ביז פערציק מייסים. דערנאָך האָט דער גאַלעך באַקומען אָן א שיר בריוו פון די קרוביוים, וועלכע זײַנען פאַריאַסעמט געוואָרן. אַנדערע זײַנען אפילו צו זיי געקומען פון אווסטראַליע. מאַמע, הער! אָט אזוינע בריוו האָט דער גאַלעך געקראָגן: „טײַערע, אומפארגעסלעכע פרײַנט! איך קאָן ניט פארגעסן אײַער גאַסטפרײַנטלעכע שטוב, אײַער הארציקײַט, מײַן נעשאָמע איז איבערגעפולט מיט דאנקבארקײַט צו אײַך. מײַן פעדער איז צו שוואַך דאָס אויסצודריקן. זאָלן די הימלען אײַך באַלוינען אין דער פולער מאָס פאַר אײַער גוטסקײַט".

— דאָס איז טאקע ניט אָפּצושאַצן.

— האָב געדולד, מאַמע. דיקענס ברענגט נאָך א דאַנק־בריוו פון דער ליווערפולער יידישער קעהילע. אָט וואָס זיי שרײַבן צום גאַלעך: „איר האָט ניט געקאַרגט קיין מי, ניט געזשאַלעוועט קיין קויכעס, און איר האָט געטאָן דאָס לעצטע רעכט די דערטרונקענע יידן לויט אונדזער דין און מינהעג. די גאַבאָיִם פון אונדזער ליווערפולער קעהילע שיקן אײַך איבער גרויס דאנקבארקײַט, ווינטשן אײַך לאַנגע יאָרן גליק און ווױלזײַן".

— דאָס אלץ איז זייער גוט און זייער טשיקאַווע. אָבער איך ווייס וועגן דיר ניט מער, ווי איך האָב געוווּסט. איך וואָלט, אשטייגער, געוואָלט וויסן, צי דו און דײַן לענע, אײַערע כאַוויירים העלפן אמאָל ארויס א נויטבאַדערפטיקן. וואמבערי איז טאקע א מאַלאַדיעץ, האלעווײַ וואָלט איך געהאַט אזויפיל נאַכעס פון דיר.

— איך וויל זיך ניט מאַכן בעסער ווי איך בין. אויב עס טרעפט, אז עס ווערט קראַנק עמעצער פון די מיטארבעטער, זײַנען אָף דערויף דאָ סטראַק־אַגענטן. אויב מע דאַרף, לייגט מען זיך צונויף. אָבער דו ווייסט אליין, אז איך בין ניט פון די פילאַנטראָפּן!

מערע ווערט אַזש רויט פון אָנשטרענגונג און רופט אויס ניט מיט איר קאָל:

— דו ביסט ניט קיין פילאַנטראָף? וויפל זשע גיסטו, ברייטע האַנט? צוואַנציק קאָפּעקעס?!

— שרײַ ניט, מאַמע.

— וואָס זאָגסטו מיר „שרײַ ניט"! ניט אלץ, וואָס מע שרײַט, איז נאַרישקײַטן, ניט אלץ, וואָס מע רעדט אינדערשטיל, איז קלוג. דײַן לענע גיט אויך מיסטאָמע צוואַנציק קאָפּעקעס!

— ווידער לענע! כ'האָב דיר דערציילט אזוינע זאַכן, אָנגעמאָלט אלערליי שיפן, איז דיר אלץ קנאַפּ.

— ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך שוין בעסער לייגן שלאָפן. שלאָפן איז דאָס בעסטע מיטל. אין כאַלעם קאָן מען זען זייער א גוטן זון, — ווערטלט זיך מערע און גייט אוועק אין איר צימער.

אָף מאָרגן איז ניטאָ קיין צײַט צו שמועסן. דער זון אײַלט זיך צו דער ארבעט. ער עסט דינע, צוגעברוינטע פענעצלעך ווײַס ברויט, פארזופּט מיט קאַווע און לויבט:

— דײַנע גרענקעס ווייסן ווי צו פרעגלען זיך, זיי ברענען ניט!

— זיי ברענען ניט, ווײַל איך בין ניט פארוואָלקנט. זאָג דײַן ווײַב, זי זאָל האָבן א גוטע שטימונג, וועלן די גרענקעס זײַן צוגעברוינט אין דער מאָס.

— ווידעראַמאָל די קראָפּעווע אין גאָרטן, די מומע אין בערדיטשעוו און די שנור אין הארצן!

— נו, מיילע, כ'וועל דיר זאָגן, וואָס איך האָב אָפּן הארצן, ווען דו וועסט נאָכאַמאָל קומען. זאָג מיר בעסער, ווי מע האָט גערופן דעם גאַלעך, וואָס האָט מעקאַבער געווען די דערטרונקענע.

— סטיווען רוז כיוז, ער האָט געוווינט ניט ווײַט פון מאַלפּרי. זײַן ברודער איז אויך געווען א גאַלעך, מע האָט אים גערופן ראָבערט כיוז, ער האָט געוווינט ניט ווײַט פון אַליגווי. דאָס איבעריקע וועסטו אליין לייענען, כ'וועל דיר ברענגען דעם באַנד דיקענסעס, וווּ ער באַשרײַבט עס, — זאָגט דער זון, נעמט דעם פּאָרטפעל און לאָזט זיך צו דער טיר.

מערע באַגלייט אים צו די טרעפּ, זי האלט אירע הענט אָף זײַנע פלייצעס, קוקט אים אין די אויגן און זאָגט האַסטיק:

— קום אָפּטער, לאָז זיך זען, פארשפּעטיק ניט, איך דאַרף שיפן, מײַן האַפן האָט נאָך א סאַך פרײַ אָרט.

דוּון פוסטילניקאָוו

• מאָלטאָוו אײַך,
מײַנע ליבע קינדער •

וועגן די מעליִאָראַטאָרן קומען אפדערנאַכט פון דער אַרבעט אין צוזאַמענוווינונג, טוען זיי זיך גלײַך א לאָז צו דער פּאָלקע, ווו עס ליגן די פרישע בריוו. מע צעכאַפּט זיי און, ניט אָפּרײַסנדיק די אויגן פון די אופשריפטן אף די קאָנווערטן, זעצט מען זיך אף די בעטלעך און מע לייענט. זיאַמע גוראַלניק ווייסט, אַז כוץ ווי אף דעם טאַטנס בריוו, האָט ער ניט אף וואָס צו וואַרטן. און טאַקע איצט האָט ער אויך באַקומען א בריוו פון דער היים.

בעשאַס די מעליִאָראַטאָרן לייענען די בריוו, קאָן מען הערן, ווי א פליג פליט פאַרבײַ. ערשט נאָכדעם הייבט אָן איינער דעם צווייטן איבערפרעגן:

— נו, וואָס שרײַבט זי דיר?

— וואָס מאַכן די כעוורע, די פּלוינעסטע?

די בריגאַדע מעליִאָראַטאָרן איז געקניפּט און געבונדן, נאָר קימאַט יעדערער האָט זיך זײַן נאָענטן פרײַנט.

זיאַמע גוראַלניקס בעסטער כאַווער איז קאָסטיע גולטשינקאַ. זייערע בעטלעך שטייען איינס לעבן צווייטן. די פרײַנטשאַפט זייערע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ווען זיי האָבן געדינט אין דער אַרמיי. צוויי יאָר האָבן ביידע געפירט איין טאַנק. נאָך דער דינסט האָט קאָסטיע פאַרבראַכט א פּאָר כאָדאָשים בא זיאַמען אין שטוב, אין שטעטל בראַסלעוו. טאַקע דאָרטן האָט זיך קאָסטיע באַפרײַנדעט מיט דאָרען, מיט זיאַמעס מיידל, אין שטעטל האָט מען זיי געהאַלטן פאַר כאָסן־קאַלע. ווען זיאַמע מיט קאָסטיען האָבן באַשלאָסן אָנקומען זיך לערנען אין מעליִאָראַטיוון טעכניקום, האָט דאָרע אָפן געזאָגט, אַז דאָס איז איר ניט צום האַרצן — זי האָט געטרוימט, אַז איר כאָסן זאָל זײַן אַן אינזשעניער.

זיאַמעס מאַמע, כאַנציע, האָט זיך געבעטן באַם זון:

— נעכײַ וואָלסטו זיך אויסגעקליבן אַזאַ מעלאָכע, דו זאָלסט זיך ניט דאַרפן שיידן מיט דער מאַמען.

דער טאַטע אָבער, געדאַליע, האָט געטײַנעט פאַרקערט:

— זאָל אונדזער זון פאָרן אַהין, ווו דאָס האַרץ ציט אים.

אף דער ערשטער פּראַקטיק האָט מען זיאַמען אַרויסבאַגלייט קיין קאַזאַכסטאַן. געדאַליע האָט דערמאָנט דעם זון, אַז קאַזאַכסטאַן איז פּאַקטיש זײַן צווייטע היים: „בײַס דער מילכאָמע האָט דיך דײַן מאַמע אף דער קאַזאַכישער ערד אין וויגעלע געוויגט”. אין יענער צײַט האָבן מאַמעס און קינדער זייער צווייטע היים געפונען אין קאַזאַכסטאַן. טאַטע־מאַמע און פיל פרײַנט זײַנען געקומען באַגלייטן זיאַמען, נאָר איין דאָרע איז ניט געווען אפן וואָקזאַל.

שוין דרײַ יאָר, ווי זיאַמע מיט קאָסטיען אַרבעטן אין איין בריגאַדע מעליִאָראַטאָרן. שוין טויזנטער העקטאַר ערד זײַנען אופגעריכט געוואָרן. מע האָט זי אויסגעטריקנט, די ערד, פון דוירעסדיקע בלאָטעס, דורכגעפירט וואַסער־קאַנאַלן דאָרט, ווו זי האָט זיך געשפּאָלטן פון היץ, טויזנטער יאָרן געלעגן פאַרשמאַכט און דורכגעברענט פון זאַלץ. איצט בליט די דאָזיקע ערד מיט אַלערליי געוויקסן. ניט אומזיסט זאָגט זיאַמעס טאַטע, געדאַליע: „מײַן זיאַמקע פירט מילכאָמע מיט דער נאַטור. ער איז אין זײַן פאַך א קישעפמאַכער, מאַכט לעבעדיק די געשטאָרבענע ערד”.

איצט איז זיאַמע גוראַלניקס בריגאַדע געווען פאַרטאָן מיט אַן אָזערע, וועלכע האָט געדראָעט פאַרטרינקען א גאַנצע שטאָט. דער אינסטיטוט „פיזיק פון דער ערד” האָט פאָרויסגעזען אין דעם דאָזיקן ראַיאָן אַן ערדציטערניש. דער עפּיצענטער האָט זיך געפונען אין דער טיף פונעם באַרג, וועלכער איז געשטאַנען האַרט באַם ברעג פון דער אָזערע. אויב דער גראַנדיִעזער, טויזנטיאָריקער שניי־פּלאַסט וועט זיך רירן פונעם אָרט און אַרויסשטויסן דאָס וואַסער פון דער אָזערע, וועט זײַן א קאַטאַסטראָפע. טאָג־ווי־נאַכט האָבן די מעליִאָראַטאָרן געגראָבן קאַנאַלן — איבערגעפירט דאָס וואַסער פון דער אָזערע אין א טײַך...

הײַנט האָט קאָסטיע באַקומען א בריוו פון בראַסלעוו. דאָרע האָט זיך נאָכגעפרעגט אף זיאַמען, זי האָט זיך געקלאָגט, אַז זיאַמע שרײַבט איר ניט, ער וויל אפילע ניט וויסן, וואָס זי

טוט. צי לעבט זי... צוזאַמען מיט דעם בריוו האָט דאָס מיידל צוגעשיקט איר פאָטאָגראַפיע מיט אַן אויפשריפט: „איצט בין איך עלטער אָף דרײַ יאָר און פאַרשטיי, ווי נאַריש איך בין געווען".

קאָסטיע האָט באַהאַלטן דעם בריוו אונטערן קישן און אַ פרעג געטאָן דעם כאַווער:

— נו, זיאַמקע, לייג אַרויס, וואָס שרײַבט דער טאַטע?

— עפּעס מאָדנע זאַכן שרײַבט ער, — האָט זיאַמע געקנייטשט מיט די אַקסל, — עפּשער וועסטו פאַרשטיין. אָט הער: „זיאַמע, ווען דו זאָלסט קאָנען פויעלן בײַ דײַן נאַטשאַלסטווע, אַז מע זאָל שיקן צו אונדז קיין בראַסלעוו דײַן בריגאַדע מעליִאָראַטאָרס, וואָלסטו פאַר דײַן טאַטן געטאָן אַ ווױלע זאַך. פאַר אײַך איז דאָ פאַראַן אַ טײַער שטיקל אַרבעט"... וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? אַרום בראַסלעוו, ווי איך ווייס, זײַנען קיין בלאָטיקע פעלדער ניט פאַראַן און קיין אויסגעטריקנטע ערד אויך ניט. עס איז דאָך אוקראַיִנע, אַרום און אַרום שוואַרצערד און וואַסער, וואָס וועט סטײַען פאַר צען אוקראַיִנעס. פולע טײַכן מיט זיס וואַסער.

— עפּשער וויל דײַן טאַטע, מיר זאָלן פאַרקערעווען דעם בוג אין אַן אַנדער ריכטונג? צוליב דיר, זיאַמקע, וועט אונדזער בריגאַדע אַלץ טאָן. — קאָסטיע האָט פון דער טומבאָטשקע אַרויסגענומען אַ קריגל קומיס. — לאָמיר, זיאַמקע, אָפּפרישן די נעשאָמעס. אַ הייסער טאָג איז הײַנט געווען. דו הערסט, זיאַמקע, וואָס איך וועל דיר זאָגן. ניט פײַן איז זיך באַגאַנגען די נאַטור מיט אונדזער ערד. בײַ דיר אָף אוקראַיִנע איז פאַראַן וואַסער, כאָטש באַגיס די גאַנצע וועלט. און דאָ, אין קאַזאַכסטאַן, ברענט דאָס זאַמד אונטער די פּיאַטעס.

קאָסטיע האָט אָנגעגאָסן קומיס אין די גלעזער.

— וואָס שרײַבט מען פון דאָרף? — האָט זיאַמע ניט אַראָפּגענומען דעם בליק פונעם כאַווער.

— איך, זיאַמעטשקע, האָב שטענדיק דיר דערציילט אַלץ, און דו? פאַרוואָס האָסטו די גאַנצע צײַט קיין וואָרט מיר ניט געזאָגט וועגן דאָרען?

— וועגן דאָרען? — האָט זיאַמע אַ רוק געטאָן פון זיך די גלאָז. — וואָס איז דיר פּלוצעם דאָרע געקומען אָפן זינען?

— ניט נאָר אָפן זינען, איך האָב זי אַפילע געזען.

— געזען? — האָט זיאַמע זיך געכידעשט. — ווען?

— הײַנט.

— ווו?! — איז זיאַמע אויפגעשפּרונגען פונעם בעטל.

— אָט דאָ, טאַקע, אין אונדזער צוזאַמענוווינונג.

— ווייסטו וואָס, קאָסטיע, הײַנט איז געווען אַ שטאַרקע היץ... האָט זי דיך פּריטשמעליעט. אין דײַן קאָפּ קומט פאָר עפּעס אַ מישמאַש.

— ניין, זיאַמקע! מײַן קאָפּ איז פולקאָם אין אָרדענונג. נאָר אין דײַנע געשעפטן מיט דאָרען קומט פאָר אַ מישמאַש.

זיאַמע האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט אָף זײַן בעטל. ער האָט גענומען אין האַנט אַרײַן די גלאָז מיטן קומיס, צוויי מאָל אַ טרונק געטאָן און שוין אַ רויִקער זיך געווענדט צום כאַווער:

— אַנו, באַווײַז, וואָס איז דאָרט בײַ דיר.

— נאַ, זע, טו אַ קוק, — האָט קאָסטיע באַוויזן זיאַמען דאָס בילד.

זיאַמע האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען דאָס בילד, געכאַפּט אַ קוק אין דעם בריוו. אַ מינוט געשוויגן און דערנאָך שטיל געזאָגט צום כאַווער:

— ניין, קאָסטיע, מיט דאָרען איז אַלץ... שוין שפּעט...

— שפּעט, זאָגסטו, זיאַמקע? וואָס זשע, עפּשער ביסטו אין אַן אַנדערער פאַרליבט?

— יאָ, מײַן טײַערער קאָנסטאַנטין, פאַרליבט.

— איז ווי רופט מען זי?

— זיגזאַנע, — האָט זיאַמע געזאָגט.

— זיגזאַנע? די, וואָס ברענגט אונדז צו פירן עסן אָפן קעמל?

— יאָ, זי. זיגזאַנע, — האָט זיאַמע באַשטעטיקט.

— זי איז דאָך די טאָכטער פון אונדזער אָפּראַמערן, באַסאַיִטאָוועס טאָכטער. אָך! ווי ראָמאַנטיש! אַ שיינע געשיכטע, כ׳לעבן. — ער האָט אַ מינוט געשוויגן און דערנאָך אָנגעכאַפּט זיאַמען פאַר די אַקסל: — איז שרײַב אָן דײַן טאַטן און פרעג זיך אָן, צוליב וואָס ער דאַרף אונדז, מעליִאָראַטאָרן. איצט וואָלט איך מיט פאַרגעניגן געפאָרן קיין בראַסלעוו. דאָס מאָל וועל איך דײַן זעמליאַטשקע, דאָרען מיין איך, שוין ניט אויסמײַדן. — קאָסטיע האָט גענומען פון זיאַמעס האַנט דאָס בילד. — דו ווייסט, זיאַמקע, זי געפעלט מיר, דאָרע. איצט מעג איך זיך שוין מודיע זײַן.

— גוט, קאָסטינקאַ, אָט וועלן מיר פאַרענדיקן די אַרבעט, וועלן מיר זיך דורכפאָרן אינצווייען קיין בראַסלעוו.

אָף דער שוועל פון דער צוזאַמענוווינונג האָט זיך באַוויזן זיגזאַנע:

— איך בין געקומען נאָכן קריגל, מע דאַרף עס אויסוואַשן.

קאָסטיע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קריגל, איבערגעגעבן עס דעם מיידל און דערבײַ אַ זאָג געטאָן:

— אַ גרויסן דאַנק פאַרן קומיס. דערפאַר, וואָס דו ברענגסט אונדז אָפן אָביעקט קומיס, וועלן מיר דיך די ערשטע אויסבאָדן מיטן וואַסער, וואָס וועט קומען אין סטעפּ.

— און איך וועל אײַך אונטערטראָגן דאָס ערשטע בלימעלע, וואָס וועט זיך צעבליִען אין סטעפּ, — האָט זיגזאַנע אונטערגעכאַפּט.

— ווען מיר האָבן דיך צום ערשטן מאָל דערזען, זיגזאַנע, האָבן אונדזערע נעשאָמעס אונטער דער הייסער זון אָנגעהויבן בליִען אַן אַ רעגן, — האָט קאָסטיע געשפּאַסט.

— בא אונדז, קאזאכן, איז פאראן א ווערטל: צוויי לעבעדיקע אויגן פון א מענטשן שײַנען בעסער אַף דער ערד, ווי הונדערט שטערן אין הימל, — האָט זיגזאַנע געענטפֿערט און זיך גע־לאָזן צום ארויסגאַנג.

— איך וועל דיך באַגלייטן, זיגזאַנע, — האָט זיאַמע פאַרגעלייגט.

— נאָך אַזא שווערן טאָג איז בעסער, אַז דו זאָלסט זיך אויסרוען.

נעכטן האָבן די מעליִאָראַטאָרן געזען, ווי זיגזאַנע האָט געטאַנצט. זי האָט מיט איר טאַנץ באַגעגנט די ערשטע וואַסערן, וועלכע האָבן אַ כלינע געטאָן פונעם ווײַסן טײַך אַפן פאַר־טריקנטן סטעפּ. אַלע אײַנוווינער פון דעם קאַ־זאַכישן אַאול האָבן מיט עמער געשעפּט דאָס וואַסער, אַף וועלכן מע האָט געוואַרט, ווי אַף אַ מאַטאָנע. מע האָט געגאָסן דאָס לעבעדיקע וואַסער אַף די קינדער, אַף זיך אַליין. דאָס וואַ־סער האָט זיך געשלענגלט אין דעם ריוו, זיך געיאָגט ווײַטער און ווײַטער, ווי עס זאָל וועלן וואָס גיכער אָנזאָגן די פריידיקע ידיעה: „אָט בין איך געקומען!” און — „געבענטשט זאָלן זײַן די הענט, וועלכע האָבן דאָס וואַסער צו אײַך געבראַכט”. דאָס וואַסער אין קאַנאַל האָט זיך געכוואַליעט אונטערן ריטם פון מוזיק. זיגזאַנע איז נאָכגעלאָפן דאָס פליסנדיקע וואַסער ווײַט, ווײַט, זי האָט באַגלייט די כוואַליע מיטן פּאַכען פון איר זײַדן טיכל און פריידיק געשריגן:

— אַ גליקלעכן וועג!

מע האָט געזונגען.

זינט די מעליִאָראַטאָרן אַרבעטן דאָ אַפן סטעפּ, איז זיגזאַנע דאָס ערשטע מאָל געקומען צו זיאַמען אין צוזאַמענוווינונג. דאָס קריגל איז געווען נאָר אָן אויסרייד. שטענדיק, ווען זיגזאַנע ברענגט קומיס אַפן אָביעקט, לויפט דער ער־שטער איר אַנטקעגן זיאַמע, און הײַנט האָט ער זי ווי ניט באַמערקט, זי האָט פאַר אים איבער־געלאָזט אַ קריגל קומיס און אַ גאַנצן טאָג ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיט אים איז געשען.

בא זיאַמען איז הײַנט אויך געווען אַ שווע־רער טאָג. דער מאָטאָר פון זײַן בולדאָזער האָט שלעכט געאַרבעט. מע האָט געמוזט צעשרויפן אַ סאַך דעטאַלן, אויסרייניקן דאָס זאַמד פון מאָטאָר.

איצט שטייט פאַר אים זיגזאַנע און וואַרט, ער זאָל זיך פאַר איר פאַרענטפערן. און ער וואַרט, זי זאָל אים געבן אָן ענטפער, צי מעג ער זי גיין באַגלייטן.

קאָסטיע האָט געפרווט זיך אַרײַנמישן.

— זיאַמע איז שוין אויסגעגאַן אַזויפיל קי־לאָמעטער אונטער דער קאַזאַכישער זון, איז דערלויב אים מאַכן נאָך עטלעכע טריט אונטער אײַער לעוואָנע...

— זאָל ער טאָן, ווי ער וויל, — האָט זיגזאַ־נע געזאָגט. זי איז צוזאַמען מיט זיאַמען ארויס אין גאַס.

דער קאַזאַכישער אַאול — אַ צוויי צענדליק ליימענע שטיבלעך — איז געשטאַנען, ווי אַ פאַרלוירענער אינמיטן פוסטן סטעפּ. אַכוץ ווילדע גראָזן מיט סאַקסאַול איז דאָ גאָרניט געוואַקסן. אין דער וויסטעניש האָבן געבלאָנדזשעט שאָף און פערד. זיי האָבן געגראָבן די ערד מיט די קאָפּיטעס, געזוכט אַ פריש גרעז־זעלע. דאָ ניט ווײַט איז געפלאָסן אַן אַריק, און ווײַט־ווײַט אַפן האָריזאָנט זײַנען געשטאַנען די אייביקע פאַרשנייטע בערג. טאַקע פון זיי פילן זיך אָן די אַריקעס.

פאַר זיאַמען מיט זײַן בריגאַדע מעליִאָראַ־טאָרן איז קאַזאַכסטאַן דער זעקסטער אָביעקט. די בריגאַדע האָט שוין אויסגעטריקנט און באַ־פרוכפּערט טויזנטער העקטאַרן ערד, אַף וועלכע עס וואַקסט איצט ווייץ און קאָרן, בוימוואָל און רײַז, טיי און ציטרוסן. זיאַמעס מאַמע איז ניט געווען צופרידן, וואָס איר זון האָט זיך אויס־געקליבן אַזאַ מלאָכה. זי פלעגט טײַנען:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט גראָבן די ערד. נעכטן וואָלסטו געוואָרן אַ סטראָזשעטל, וואָלטן כאָטש מענטשן געזען די מויערן, וואָס דו האָסט פאַר זיי אויסגעבויט. קאַרג מעלאָכעס אַף דער וועלט? איך בעט דיך, זון מײַנער, קריך ארויס פון די בלאָטעס. גענוג, וואָס דײַן זיידע, דער טאַטע מײַנער, פלעגט אָסיען־צײַט פאַר דרײַ גראָשן איבערטראָגן אַף דער פלייצע די ווײַבער איבער די בלאָטעס, אין מאַרק אַרײַן...

אַזוי איז געווען פריִער, ווען כאַנציע האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַט דעם זונס פאַך. איצט, ווען עמעצער פרעגט בא איר, צי זי איז צופרידן מיט זײַן אַרבעט, ענטפערט זי:

— קומט אַרײַן, איך בעט אײַך, צו מיר אין שטוב, וועל איך אײַך ווײַזן, ווער מײַן זיאַמקע איז.

בא איר אין שטוב הענגען אַף די ווענט בילדער, וואָס זיאַמקע האָט צוגעשיקט פון פאַר־שיידענע אָביעקטן.

— אָט, איר זעט, — ווײַזט זי מיט שטאָלץ די בילדער, — אָט דאָ זײַנען געוואַקסן בוזיקעס. איצט בליִען סאָנעשניקעס. און דאָ האָט זיך פון היץ די ערד געשפּאָלטן. איצט וואַקסן ווײַנ־טרויבן. דאָרטן, וווּ די נאַטור האָט בא דער ערד ניט געקאָנט פּויעלן, פּויעלט בא איר מײַן זיאַמ־קע. די ערד ווערט לעבעדיק אונטער זײַנע הענט. אָט שטייען קעסטעלעך מיט ערד פון יעדן אָביעקט, ווו זיאַמקע האָט געאַרבעט. איצט איז מײַן זיאַמקע אין קאַזאַכסטאַן. דאָרט איז אַזאַ מין סאָרט ערד, וועלכע האָט זיך אַלע יאָרן געאַקשנט — זי וויל ניט, אַז אַף איר זאָל עפּעס וואַקסן. נישקאָשע, די מעליִאָראַטאָרן זײַנען אויך אַקשאָנים. אַז זיי שפּאָרן זיך אײַן, מאַכן זיי די טויטע ערד לעבעדיק. אויב איר ווילט וויסן, האָט די ערד ליב אַזעלכע מענטשן, ווי די מעליִאָראַטאָרס. פאַר זייער האָרעוואַניע צאָלט זי אָפּ מיט אירע בליִענדיקע רײַכקײַטן. מע קאָן זאָגן, אַז מײַן זיאַמקע גיט אָפּ דער ערד זײַן גאַנצע נעשאָמע. — אָט אַזוי טײַנעט איצט זיאַמקעס מאַמע פאַר אַלעמען.

דאָ, אין קאַזאַכישן אַאול, זײַנען די נעכט קאַלטע. איצט פילט ער, זיגזאַנעס וואַרעמען

אָטעם. זיי שפּאַנען ביידע שווײַגנדיק. דער הימל איז א לויטערער. די לעוואָנע שווימט זיי אנטקעגן. זיאמע זעט זיגזאנעס פּילפּארביקע טיו־בעטייקע, וואָס איז אויסגענייט מיט זילבערנע פעדעם. פון אונטער דער טיובעטייקע שלענגלען זיך א סאַך געפלאָכטענע לאנגע שווארצע צעפּלעך. זי טראָגט א געקווייטלט זײַדן קלייד איבער די הויזן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעשטעקט אין אירע איטשיקעס — אין די קאזאכישע שטיוועלעך, אלץ איז ווי עס דאַרף זײַן בא א קאזאכיש מיידל. נאָר די אויגן אירע, האָט באמערקט זיאמע, זײַנען גאָר ניט קיין קאזאכישע.

זיגזאנע און זיאמע זײַנען פאַרגאנגען ווײַט אין סטעפּ. צוויי פערד, וואָס האָבן זיך רויִק געפּאשעט, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו זיי. זיגזאנע איז צוגעגאנגען צו איר באליבט פערד, אַף וועלכן זי רײַט געשיקט, — זיאמע האָט געזען, ווי בייס א יאָמטעוו האָט איינער א יונגער קאזאך זיך געיאָגט נאָך איר און ניט געקאָנט זי דעריאָגן. יאָ, — טראַכט ער זיך, — איז פאַרוואָס זשע זײַנען אירע אויגן ניט ווי בא אלע קאזאכישע מיידלעך? פאַרוואָס זײַנען זיי אזעלכע גרויסע?

זיאמע האָט אָנגענומען זיגזאנען פאַרן אקסל און א ווײַלע געקוקט איר אין די אויגן. זיגזאנע האָט א ציטער געטאָן.

— שרעק זיך ניט, איך ווייס, אז א קאזאכיש מיידל טאָר זיך ניט קושן מיטן געליבטן פאַר דער כאסענע.

— בא אונדז, קאזאכן, איז פאַראַן א שפּריכוואָרט: „עס איז ליבער אַן ערלעך וואָרט פון הייסן הארץ, איידער א קוש פון קאלטע ליפּן". — זי האָט עס געזאָגט און דערבײַ זיך צוגעטוליעט מיטן קאָפּ צו זיאמעס ברוסט.

— איך וויל בא דיר פרעגן, נאָר כידעש זיך ניט.

— פרעג, פרעג.

— זיגזאנע, פאַרוואָס זײַנען די אויגן בא דיר ניט אזעלכע, ווי בא אנדערע?

— פאַרוואָס? זאָל איך דיר איצט דערציילן? צי עפּשער עס אָפּלייגן אַף אַן אנדערש מאָל, ווען דײַן בריגאדע וועט פאַרענדיקן בא אונדז די ארבעט, ווען מיר וועלן זיך געזעגענען?

— ביז דער געזעגעניש, זיגזאנע, איז נאָך ווײַט. זאָלסט וויסן, אז בא אונדז, מעליִאָראַטאָרן, איז פאַראַן א מינהעג: פאַרענדיקן אַן אָביעקט צו דער צײַט, ווען מע דאַרף נעמען פאַרזייען די ערד. דעמלט העלפן מיר זי צעאקערן און פאַרזייען. דערנאָך רוען מיר אָפּ, ביז עס באווײַזן זיך אַף דער אויפגעלעבטער ערד די ערשטע גרינע געוויקסן. מיר מאכן א „סאבאנטוי" און געזעגענען זיך. און — הײַדא, אַף א צווייטן אָביעקט. פון דײַן אאול וועלן מיר אוועקפאָרן, ווען עס וועלן זיך באווײַזן די בוימוואָל־קווייטן. פונדעסטוועגן איז א שאָד, וואָס מע טאָר זיך ניט קושן.

בא די דאָזיקע ווערטער האָט זיגזאנע, ווי א געניטער דזשיגיט, זיך ארופגעכאפּט אַף איר פערד, עס א צי געטאָן פאַר דער הריווע און אויסגעשריגן:

— לויף מיר נאָך! אויב דו וועסט מיך כאפּן, טו איך דיך פונדעסטוועגן א קוש! הײַדא!

זיאמע איז נאָכגעלאָפן דער רײַטערן. ווען דאָס מיידל האָט באמערקט, אז ער נעמט מיד ווערן, האָט זי קונציק זיך א דריי געטאָן און א פאַל געטאָן פונעם פערד. זיאמע איז א דערשראָקענער צוגעלאָפן, זי אויפגעהויבן, נאָר באמערקט א שמייכל אין אירע אויגן. ער האָט אויסגעשריגן:

— אָט האָב איך דיך דעריאָגט!

דאָס מיידל האָט צוגעטוליעט אירע ווארעמע ליפּן צו זיאמעס באַק, זיי האָבן ביידע א מינוט געשוויגן.

— און איצט, — האָט זיגזאנע צעשטערט די שטילקײַט, — מוז איך שוין דערציילן. מײַן מאמע, זיאמע, איז ניט קיין קאזאשקע.

— און די מומע באסאיִטאָווא איז ניט דײַן מאמע... — האָט זיאמע זיך געוווּנדערט.

— ניין, זי איז מײַן צווייטע מאמע, — האָט זיגזאנע געצויגן דעם ענטפער, ווי עס וואָלט איר זייער שווער געווען אופדעקן דעם סאָד פאַר זיאמען. — מײַן מאמע איז א ייִדישקע.

— א ייִדישקע!

און זיאמע האָט זיך דערוווּסט:

זיגזאנעס מאמע האָט אין אָנהייב פון דער מילכאָמע זיך עוואקויִרט פון אוקראַיִנע קיין קאזאכסטאן. באזעצט האָט זי זיך דאָ, ווען זיגזאנע איז נאָך אַף דער וועלט ניט געווען. דער טאטע אירער איז אין פינף־און־פערציקסטן געקומען אהער אין אאול אין אורלויב אַף עטלעכע טעג און איז ווידער אוועק אַף דער מילכאָמע.

— ער האָט געהייסן מײַן מאמען, — האָט זיגזאנע שטיל דערציילט, — זי זאָל דאָ אַף אים וואַרטן. ווען איך בין געבוירן געוואָרן, האָט זיך שוין די מילכאָמע פאַרענדיקט, נאָר מײַן טאטע איז ניט געקומען. די מאמע האָט מיר א נאָמען געגעבן זיגזאנע לעקאָוועד דעם זיג. ווען די מאמע האָט זיך דערוווּסט, אז דער טאטע איז אין די לעצטע טעג פון דער מילכאָמע אומגעקומען, איז זי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. איך בין שוין דאַן אלט געווען א יאָר מיט פינף כאדאָשים. דעמלט האָט די קאזאכישע מאמע מיך גענומען צו זיך. איצט איז מיר שוין געוואָרן צוויי און צוואנציק יאָר. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב פאַרענדיקט דעם אגראָנאָמישן טעכניקום, און ווען איר, מעליִאָראַטאָרן, וועט אָנזעטיקן די ערד מיט וואסער, וועל איך פאַרפלאנצן בוימוואָל...

זיגזאנע האָט ארומגענומען דאָס פערד פאַרן האלדז און שטיל געזאָגט:

— כוץ מײַן באליבט פערד און מײַן געטרײַער מאמען, האָב איך קיינעם ניט.

— און ווו איז דײַן מאמע באסאיִטאָוועס מאן? — האָט זיאמע געפרעגט.

— אויך אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

— און ווען האָסטו זיך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע?

— ווען? — האָט זיגזאנע איבערגעפרעגט. — איך האָב זיך דערוווּסט אין יענעם טאָג, ווען איך האָב דיך באַגעגנט!...

— ווען דו האָסט מיך באַגעגנט? — האָט זיאַמע זיך געוווּנדערט. — איך פאַרשטיי ניט, וואָס פאַר א שײַכעס האָט דײַן געשיכטע צו אונדזער באַגעגעניש?

— ווען איך האָב דיך באַגעגנט, האָב איך געזאָגט מײַן מאַמען, אז איך בין פאַרליבט אין דיר, — האָט דאָס מיידל געקוקט אָף זיאַמען מיט א לויטערן בליק. — מײַן מאַמע האָט געזאָגט: „זאָל דער אלאָך געבן דײַן געליבטן מוט און ווילן, ער זאָל זיך אויך פאַרליבן אין דיר”. טאַקע אין יענעם טאָג האָט זי מיר דערציילט, ווער איך בין...

פלוצעם האָט זיך פונדערווײַטן באַוויזן עמער־צער אָף אן אייזל.

— דאָס זוכט מיך שוין מײַן מאַמע, — האָט זיגזאנע א זאָג געטאָן.

באַסאַיטאָווע האָט אָנגעטאָן זיאַמען און זיגזאַנען אין צווײ שאָפּענע פעלצן און געזאָגט:

— בא אונדז אין אאול האָבן געלעבט די עוואַקויִרטע, און ווען די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, האָט מען זיך געקושט און געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן דאָס וואָרט „מאַזלטאָוו”... איז מאַזלטאָוו אײַך, מײַנע ליבע קינדער!

אין צוזאַמענוווינונג האָט קאַסטיע מיט זיאַמען געלעבט אין א באַזונדער צימערל. דער זייגער האָט שוין באַוויזן דרײַ באַנאַכט, און זיאַמעס בעטל איז פוסט. אָנשרײַבן א בריוו דאַרען?

ער האָט זי געבעטן, זי זאָל זיך דערוויסן בא זיאַמעס טאַטן, וואָס פאַר א מעליאָראַטיווע אַרבעט עס איז פאַראַן אין בראַסלעוו. אייב עפּעס וויכטיקס, וועלן זײ — ער און זיאַמע — איבערליידן ווו מע דאַרף און פויעלן, מע זאָל זײ שיקן קײן בראַסלעוו. צום סאָף האָט קאַסטיע זיך אָנגענומען מיט מוט און צוגעשריבן: „ליבע דאַרע, איך האָב א גאַנצע נאַכט זיך געשפּיגלט אין דײַן בילד”...

יויסעף בורג

די קאַרדיאָגראַמע • פון א וואַרעם האַרץ •

א ווינטערדיקער טאָג צאַנקט אויס. איבער ווײַסע פאַרשנייטע בערג, וואָס קייטלען זיך פאַרגליווערטע אין א קאַלטן דרעמל, ברענט א גרימיק־טרוקענער פראָסט.

און פון ווײַטע פאַרהוילענע באַרג־שפּאַלטן טראָגן זיך צאַפּן־ווינטן מיט א ווילדן געיאָמער.

הר־הו... הר־הו...

אין א פויערישער כאַטקע, פאַרוואָרפן אין דער שנייִקײַט, בליצט אין א קליין געקעסטלט פענצטערל א געלע שײַן.

אין כאַטקע, צווישן אלטע געטעסעטע סאָסנאָווע ווענט, זיצט א פויערטע איינע אליין געבויגן איבער א צעפּאָרענער הילצערנער שפּינראָד, וואָס קרעכצט פון אלטקײַט, און שפּינט ווײַסע ציגענע וואָל.

ווי אלט איז די שפּינראָד? און די פויערטע וויפל איז אלט?

די קנעכלדיקע פינגער דרייען מיט דריבנע, געוווינטע באַוועגונגען די פוכיקע, צעשויבערטע ווײַסקײַט, גלײַך זי וואָלט אָט אזוי צעוויקלט דעם שווערן פאַרפּלאָנטערטן קנויף פון איר לאַנג, מיט יאָרן אָנגעזעטיקט לעבן.

דאָס פּאָנעם בא דער אלטיטשקער איז אָנגעשטרענגט, פאַרטראַכט. אן אויסגעמאַטערט, צעאַקערט פּאָנעם, איבערגעצויגן מיט ברוינלעכער הויט. און פונקט אזא טונקל־ברוין אָפּגעבליאַקעוועטער יויזל קוקט מיט שטומע בליקן אַראָפּ פונעם רעכטן ווינקל. באַשײַנט פון א רויט קאַנעצל, זעט אויס זײַן נאַקעטער, צוגענאָגלטער קערפּער, ווי מיט בלוט פאַרגאָסן.

אינמיטן דער כאַטקע, אָף געקרײַצטע דעמבענע פיס, שטייט א טישל. אן אכטער לעמפּל זיפּט א שלעפעריקע שײַן. זי זיצט, די אלטע מאַרפע, אין נאַכטישער אײַנזאַמקײַט, אײַנגעהויקערט אין איר אָפּגעקראָכן שאָפּן־פּעלצל. זיצט, ווי א צוזאַמענגעדרייטער קנויל, און א פלאָנטער פון געדאַנקען ברויזט אוף איר נעשאָמע. לייגן אין קאָפּ זיך צונויף ווערטער, ווי א טפּילע:

— גאָט דערבאַרעמדיקער, האַר פון דער

וועלט. דו ביסט א גרויסער און גערעכטער גאָט... פארוואָס זשע האָסטו צוגעלאָזט אזא אומרעכט. פאר וועלכע זינד?

אירע געדאנקען פליסן לאנגזאם און שווער. און זי ציטערט פלוצעם אוף א דערשראָקענע פון די אייגענע ווערטער. איר דאכט זיך, אז זי האָט נאָרוואָס פארשוועכט די געטלעכע הייליקייַט. פארקרימט זיך איר טרוקן גערונצלט פּאָנעם אין א וויינענדיקער גרימאסע, ווערט באַשאָטנט פון א כאראָטע־טרויער, און אין אירע אויסגעלאָשענע אויגן פרירט א שטילער צאר.

— פארגיב מייַנע זינדיקע רייד... נאָר צו וועמען זיך קערן מיט מייַן אָנגעווייטעקט הארץ? אָן דייַן ווילן פאלט דאָך אפילע א האָר פון קאָפּ ניט אראָפּ!

אירע געדאנקען פליסן לאנגזאם און שווער. און פון יענער זייַט כאטקע שמייַסט דער ווינט דעם פארשנייטן דרויסן. טרייַבט צו די טונקעלע הימלען געדיכטע וואָלקנס שניי. ווירבלט זיי מיט ווילדער קראפט, ווי ווייַסן רויך, גלייַך א ווייַסע סרייפע וואָלט געברענט איבער דער וועלט, און דער ווינט יאָגט די סרייפע אקשאָנעסדיק און שווער, ווי א בייזע קלאָלע.

— הו־הו... הו־הו...

מיטאמאָל שטעלט זיך אין דער כאטקע אייַן א שטילקייַט, אָן א מינדסטן קלאנג, אָן א מינדסטן שאָרך. און אין אָט דער ארומיקער שווארצקייַט דוכט זיך דער אלטיטשקער, אז פונעם אויוון אראָפּ הערט זיך א פארשטיקט קרעכצן. טוט זי זיך א וויג אפן אָרט, ווי אָף אומצופאלן, און רופט שטיל, אזוי שטיל, אז קוים וואָס זי הויכט אויס די ווערטער, גלייַך זי וואָלט מוירע געהאט, איר קאָל זאָל עמעצן אופוועקן:

— אנדרייקא!

נאָר אנדרייקא ענטפערט ניט. די אומעטיקע פיר ווענט שלינגען אייַן איר קאָל און ס׳ווערט ווייַטער שטיל.

אין סאמע ברען פון דער מילכאָמע, ווי נאָר בוקאָווינע איז באפרייַט געוואָרן, האָט מען דעם יונגן דאָקטער קאפיטאן פון מעדיצינישער דינסט, מירע איסאקאָוונא שאבקעוויטש, ארויסגערופן אין געגנטלעכן פארטיי־קאָמיטעט און איר פאָרגעלייגט איבערנעמען די אָנפירונג מיט א קינדער־סאנאטאָריע.

— מיר וויסן, אז אייַער אָרט איז אפן פראָנט. מיר האָבן אָבער קיין אנדער ברייַרע ניט. מילכאָמע... צענדליקער, צענדליקער קינדער דארפן באלדיקע הילף. איר זייַנט א געניטער כירורג, וועט איר פאריכטן דאָס, וואָס דאָס לעבן האָט קאליע געמאכט.

מירע האָט געפרווט זיך אפּזאָגן. זיך פארופן אף איר אומדערפארנקייַט:

— איך האָב קיינמאָל זיך ניט פארנומען מיט קיין קינדער־כירורגיע!

מירע איז געווען יונג.

נאָכן פארענדיקן דעם אָדעסער מעדיצינישן אינסטיטוט האָט זי געהאט אינגאנצן איין פרידלעך יאָר. געהאט א קליניק מיט קראנקע, וועלכע זי האָט געהיילט. געהאט א יאם. און זוניקע טעג האָבן זיך געמישט מיט קורצע און ליכטיקע נעכט, אָנגעפילטע מיט שיקערער פרייד.

מירע האָט זיך געגרייט גיין אין ערשטן פארדינטן אורלויב. דער פרילינג האָט געבליט, זיך געשפּיגלט אין די יאם־טיפענישן און אָנגעפילט איר הארץ מיט זיסע טראכטענישן.

— מירע, איך וועל אויך נעמען אורלויב אין יול. מיר וועלן איינינעם פארברענגען אפן לאנזשעראָן. איך וועל זיך שפּיגלען אין דייַנע בלויע אויגן, א סאך בלויערע, ווי דער יאם און דער הימל...

נאָר אָנשטאָט גיין אין אורלויב, האָט זי געמוזט אויסקלייַבן אָן אנדער וועג — אפן פראָנט.

ווען דער צוג האָט גערירט, האָט מירע דורכן פענצטער מיט ווייטעק צוגעזען, ווי איר מאמע איז געלאָפן און געשריגן אף א קאָל:

— טאָכטער מייַנע, טעכטערל!..

און אזוי, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, שטיין געבליבן באם ראנד פונעם פּעראָן, נאָכגעקוקט דעם רויטן אנטלויפנדיקן לאמטערן.

דער צוג האָט מיט אָן אייַזערנעם געקלימפער זיך ווייך געוויגט אף די רעלסן. און איבערן וואגאָן האָבן זיך אויך געוויגט שטילע אקאָרדן פון א גיטארע, און א דין, יונג טענאָרל האָט אומעטיק געצויגן האלב אף אוקראַיניש, האלב אף ייִדיש:

נע פלאטש, מאמא,
נע זשורים.
נע פלאטש, ליובא,
קיין טרערן פארגיס...

אָן אנדערס מאָל וואָלט מירע אף אזא לידל, מעגלעך, קיין אכט ניט געלייגט. איצט האָט עס געוועקט דערמאָנונגען...

דעם טאטן האָט מירע קוים געדענקט. דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן אין זיקאָרן, איז געווען א הארבסטיקע נאכט מיט יעלאָלעס און ווייי־געשרייען. מיט א נאָמען — פּעטליורע, וועלכן מ׳האָט ארויסגעבראכט מיט שרעק און באגלייט מיט א קלאָלע. און דעם פאָטערס טויטן גוף אינמיטן שטוב, איבערגעדעקט מיט שווארצן. א ווינט האָט געלאָשן די ברענענדיקע ליכט און געיאָמערט אין די אויסגעשלאָגענע פענצטער, ווי ער וואָלט אויך באוויינט דעם פאָטערס יונג לעבן.

מירע האָט שטענדיק מיט ווארעמקייַט דערמאָנט דאָס קליינע שטעטעלע, א צעוואָרפנס אף צוויי בארג־ארופן, ווו דער מאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן פריִער ווי אין טאָל, ווייַל איין בארג איז געווען העכער פונעם צווייטן, און פון זייַן שפּיץ האָט זיך ארויסגעקייַקלט די זון א לויטערע, א הייסע, און צעשאָטן אזויפיל שטראלן, וויפל פענצטער ס׳איז געווען אין שטעטל. מירע האָט אין די מאָרגנס ליב געהאט ארומלויפן א באָרוועסע, און דער פרישער טוי זאָל קילן די נאקעטע פיאטקעס. אפילע דעמלט, ווען זי

האָט שוין געלערנט אין דער זיבנאָריקער שול, האָט זי נאָך אַלץ זיך ניט אָפּגעזאָגט פון איר געוווינהייט, און די מאַמע פלעגט שרײַען:

— מירעטשקע, וועסט זיך כאַלילע פאַרקילן, וועסטו זיך!

עך, מאַמע... מאַמע...

דאָס יונגע טענאָרל האָט איבערגעכאַזערט:

נע פּלאַטש, מאַמאַ רידנאַיאַ...

און דער צוג האָט זיך געטראָגן פאָרויס.

...מירע איז געווען יונג.

איר שלאַנקער קערפּער האָט בייגעוודיק זיך געוויגט אַף אירע יונגע, פעסטע פיס. גראַציעז געשפּילט אונטער דער גראָבער זעלנערישער שינעל, און דער רימען אַרום דער טאַליע האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן איר שטאַלט. אָבער פּונעם איידעלן, גאָלדיק־אָפּגעברענטן פּנים איז פאַרשוווּנדן דער פריידיקער שמייכל. די אויגן זײַנען געוואָרן טיפער, גלײַך זיך געגרייט אײַנשלינגען דאָס, וואָס איז נאָך פאַרגעשטאַנען אײַנצושלינגען, זיי האָבן ניט אופגעהערט צו לײַכטן מיט טמימעסדיקער לויטערקײַט. שלאַכט־לײַט פלעגן שפּאַסן:

— דער דאָקטער דאַרף פאַרמאַסקירן די אויגן, אַניט קאָן אַף זייער פײַער אָנפליִען אַ „מעסערשמידט"...

מירעס אויגן האָבן געהאַט די פאַרב פון בענקשאַפט. און ווען זי האָט אַ שמייכל געטאָן, איז עס געווען אַ שמייכל ניט מיט די ליפּן, נאָר פון אינווייניק.

דערווײַל האָבן טעג און נעכט זיך אויסגע־מישט, געפלאַקערט מיט אַ פײַערדיקער שקיִע־רויטקײַט, ווי דער הימל וואָלט זיך אָנגעצונדן פון אופגעריסענע סנאַריאַדן, פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט...

אין אָפּשײַן פון סרייפעס האָט זיך געשאַרט דער שאָטן פון אַ רויטאַרמייער מיט אַ פאַרוווּנ־דעטן אַף די פּלייצעס. ער האָט געשפּאַנט שווער און לאַנגזאַם קימאַט אַ גאַנצע נאַכט.

— שטאַרק זיך, ליבינקע... אויך וויטעקן דאַרף מען קאָנען אַריבערטראָגן. אָט וועסטו זען, אַלץ וועט זײַן גוט.

בײַסלעכווײַז האָט אָנגעהויבן שאַריִען אַף טאָג, און דער רויטאַרמייער האָט אין אַ שיטער וועלדל, באַם ראַנד פון אַ פאַרסאַרפּעט דאָרף, דערזען אַף אַ דאַך אַ ווײַס פענדל מיט אַ רויטן קרייץ אין דער מיט.

מיט די לעצטע קויכעס האָט ער זיך דער־שלעפּט צום מעדסאַנבאַט און פּאַרזיכטיק אַראָפּ־געלאָזט פון זיך די שווערע לאַסט.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן מירע מיט אַ מיד ניט אויסגעשלאָפן פּנים. דער רויטאַר־מייער, קוים האַלטנדיק זיך אַף די פיס, האָט אַ קוק געטאָן אַף איר. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

— זי לעבט, כאָוער לייטענאַנט!

ער האָט אַרויסגעהוסט די ווערטער מיט אַ פאַרקרימטן שמייכל, וועלכן ער האָט טייקעף, ווי אַ טרער, אָפּגעווישט פון זײַן קאַנטוזשעט פּנים.

אין שינעל איז געווען אײַנגעוויקלט אַ מיי־דעלע. דער רויטאַרמייער, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, האָט זי געפונען אין אַ קאַליוזשע בלוט, זי האָט געקרעכצט, אַרויסגעבראַכט בלויז איין וואָרט:

— מאַ־מאַ!

— ראַטעוועט, דאָקטער!

דעם דאָקטערס אויגן האָט באַדעקט אַ גלאַנ־ציקע פּײַכטקײַט.

מירע איז געווען יונג...

אַף אַזויפיל יונג, אַז אייניקע פאַרווונדעטע האָבן אָן גרויס כיישעק זיך געלייגט באַ איר אונטערן מעסער. נאָר אירע צאַרטע הענט, וואָס האָבן שוין געוווּסט פון אָן אַ שיר מענטשלעכע ליידן, זײַנען געווען אַ סאַך עלטער פון איר. זי האָט שוין באַוויזן צו זען גרעפערלעכע ווונדן. דאָס זײַנען אָבער געווען ווונדן אַף שטאַרקע מענערשע קערפּערס. און דאָ אַ קינד...

דעם מיידעלעס פּנים איז געווען פאַר־שפּיצט, די ליפּן פעסט צונויפגעפּרעסט. און מי־רע האָט געוואָלט, אַז די קינדערשע ליפּן זאָלן זיך אַ ריר טאָן, ס'זאָל כאָטש אַ שוואַכער צייכן פון לעבן זיך באַווײַזן, און זי האָט באַפוילן:

— קאַמפאַר!

נאָך דער אײַנשפּריצונג האָט אַ לײַכטער צי־טער אַ ריר געטאָן די קינדערשע בלייכקײַט. דאָס מיידעלע האָט אופגעהויבן די ווײַעס, און מירע האָט דערזען אַ פּאָר בלאָנדזשענדיקע דורכזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן עמעצן געזוכט.

— מאַ־מאַ...

העכער צוויי שאָ האָט געדויערט דער גע־ראַנגל מיטן טויט. דער אַלטער סאָלדאַט איז געזעסן באַ דער שוועל פּונעם לאַזאַרעט, ווי אַ פאַריאָסעמטער טאַטע, געצויגן זײַן ביטערע מאַ־כאָרקע און געוואַרט, געוואַרט. עפּשער האָט ער דעמלט געטראַכט וועגן גורל פון זײַנע אייגענע קינדער.

ווען דער סאַניטאַר האָט זיך באַוויזן אין קאָרידאָר, האָט דער סאָלדאַט באַקומען אַן ענט־פער:

— שאַנסן קימאַט נאָל...

פאַרנאַכט־צו האָט מען צו קוורע געבראַכט דאָס מיידעלע.

אַ קליין קייווערל...

צום ערשטן מאָל זינט דער מילכאָמע האָט דער סאָלדאַט זיך צעוויינט.

ניין, מירע וועט זיך קיינמאָל מער ניט צו־רירן מיטן מעסער צום קערפּער פון אַ קינד... טויזנט מאָל ניין...

און דאָך...

ערגעץ ווײַט און ערגעץ נאָענט האָבן מיט אַ שטיפעריש געיעג אַ שפּיל געטאָן וואַרעמע, באַפרײַענדיקע ווינטן. די ערד האָט זיך גע־עפנט, זיך אָנגעגאָסן מיט יונגע זאַפטן. און די זאַפטן האָבן גענומען אָנגיסן מיט לעבן די ערשטע גראָזן. זיסע רייכעס פון געפּלאַצטע קנאָספּן האָבן אָנגעפּילט די לופט.

פרילינג!

און מירע האָט דעם יונגן פּרילינג באַגעגנט אין דער באַפּרײַטער בוקאָווינע. די מילכאָמע איז אַוועק ווײַטער. אַוועק אַף מײַרעוו, און זי איז געבליבן, קעדיי אָנהייבן אַ נײַע מילכאָמע. אַ מילכאָמע מיטן טויט פון קינדער, וואָס האָט געלויערט איבער בערג און טאָלן.

פּרילינג!

ער האָט געבליט אין דער שוואַרצקײַט פון אָפּגעברענטע, זיך נאָך רייכערנדיקע פּויערשע כאַטקעס. געבאָדן זיך אין דער לויטערקײַט פון די הימלען. פּונקט ווי אופגעוואַכטע פון אַ לאַנגן ווינטערדיקן שלאָף, האָבן איבער באַרגיקע וועגן זיך געצויגן פורלעך מיט קראַנקע קינדער. זיך געצויגן צום געוועזענעם פּריצישן שלאָס, און אין די אויגן פון מאַמעס איז געווען שרעק, האָפענונג און גלויבן.

...דערמאָנט זיך די אַלטיטשקע מאַרפע, מיט וואָס פאַר אַ געמיט זי איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם פּריצישן הויז. אַף די הענט איר זיבניאָריק אייניקל, אַנדרייקאַ, מיט פּיסלעך, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן זיך אַף איר אַ לאָז טאָן הינט. בײַזע הינט מיט רויטע אויסגעשטרעקטע צינגער און הייסע בלוטדורשטיקע אויגן. און ס'וועט שאַלן דעם באַראָנס רעציכעדיק קאָל:

— רראַוס, שמוציגעס פּעבל!

אָבער באַגעגנט האָט די אַלטע פּויערטע אַ וואַרעמער שמייכל פון אַ יונגער פרוי, אָנגעטאָן אין ווײַסן. זי אַרײַנגעפירט אין אַ צימער, וואָס איז אויך געווען אײַנגאַנצן ווײַס. אַ שפּיגלדיקע ווײַסקייט. און אַ גרויסע ווײַסע שטילקײַט האָט אַ שלאָג געטאָן מיט פאַרשיקערנדיקן שפּיטאָל־רייעך.

— דאָקטער, דאָס איז מײַן אייניקל, אַנדריי־קאַ!

און בעשאַס מירע האָט שווײַגנדיק אויסגע־טאַפּט די קינדערשע פּיסלעך, וואָס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען ווי הילצערנע אָן יעדן סימען פון לעבן, האָט מאַרפע קיין אויג ניט אַראָפּגע־לאָזט פונעם דאָקטערס יונג פּאָנעם, פון די בלויע שטילע אויגן.

מירע האָט אופגעהויבן די אויגן צו דער אַלטיטשקער און שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

— פּאַראַליטש!

זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ציטער, גלײַך זי וואָלט דאָס וואָרט געפּרוווט כאַפּן אַף צוריק.

מאַרפע האָט ניט פאַרשטאַנען אָט דעם ווילד־פרעמדן זאָג. נאָר געפילט, אַז דער דאָקטערשעס קאָל איז פול מיט טרויער. זי האָט דערשפּירט אַ בײַסיקע היץ איבערן לײַב. עפּעס האָט אָנ־געכאַפּט פאַרן האַלדז מיט אַ בײַזן קויעך. דאָס בלוט האָט אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן. זי האָט געמאַכט אַ שפּאַן אַף צוריק. זיך אָנגעהאַלטן פאַר דער וואַנט, קעדיי ניט אומצופאַלן.

— דאָקטער, איך האָב קיינעם ניט... און אַנדרייקאַ האָט אויך מער קיינעם ניט...

צוויי טרערן האָבן אַ פינקל געטאָן אין אירע אויסגעלאָשענע אויגן. צוויי טרערן האָבן זיך פאַרלוירן אין די קנייטשן פון איר פּאָנעם.

— דאָקטער, טײַערינקע... די מילכאָמע האָט צוגענומען מײַן איינציקן זון פּעטראָ... צוגענו־מען און מער ניט אומגעקערט.

מירע האָט מיט ראַכמאָנעס געקוקט אַף דער אַלטיטשקער.

— זאָרג זיך ניט, באַבעשי, ער וועט גיין, דײַן אַנדרייקאַ.

און אַ בלאַסער, פאַרטראַכטער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַף אירע ליפּן.

מירע האָט נאָכאַמאָל זיך צוגערירט צו אַנדרייקאַס פּיס, צו זײַן צעהיצטן בלאָנדן קאָפּ מיט די פאַרטראָגענע, האַלב פאַרמאַכטע אויגן, און, גלײַך זי וואָלט גערעדט ניט צו מאַרפען, נאָר צו עמעצן, וואָס פאַרשטייט גענוי אירע ווערטער, אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— נאָר אַ כירורגישע אַרײַנמישונג קאָן העלפן. עפּשער איז נאָך ניט צו שפּעט...

זי האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט לאַנגזאַם, גלײַך זי וואָלט יעדעס וואָרט, וואָס זי ברענגט אַרויס אַף די ליפּן, פריִער אָפּגעמאָסטן און אָפּ־געוווויגן אין געדאַנק.

עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג.

אין אָפּעראַציע־זאַל איז געשטאַנען אַ ווײַ־סע, סטערילע שטילקײַט. ס'האָט זיך נאָר גע־הערט דער קלאַנג פון אינסטרומענטן. אַנדרייקאַ איז געלעגן אַף אַ לאַנגן טיש. איבער אים — אַ גרויסער זילבערנער טעלער, וועלכער האָט געשײַנט, ווי אַ בלייכע זון. אינעם טעלער האָבן זיך באַוועגט ווײַסע פאָרמלאָזע געשטאַלטן, ווי ווײַסע שאָטנס. די געשטאַלטן האָבן זיך אָט אויסגעצויגן, אָט זיך פאַרברייטערט.

— כלאָראָפאָרם!

אַנדרייקאַ האָט דערקענט די שטים פונעם הויפּט־דאָקטער. איר זילבערן קאָל האָט אים אויסגעדאַכט צו זײַן באַפעלעריש, שטרענג. און ער האָט, שטיקנדיק די טרערן, אָנגעהויבן ציילן אַף אַ קאָל:

— איינס, צוויי, דרײַ...

מיטאַמאָל זײַנען, ניט דערגרייענדיק צו אים, הענגען געבליבן עמעצנס ווערטער:

— איינס, צוויי...

ער האָט מער גאָרניט געהערט, נאָר גע־פלויגן צו עפּעס אַ בלויען אומענדלעכן הימל. הייכ־סע וואָלקנס האָבן זיך געשפּאַלטן. וואָלקנס, ווי ווײַסער שוים, זײַנען זיך צעגאַנגען איבער זײַן פּאָנעם. פון ערגעץ גאָר ווײַט האָט זיך באַוויזן די באָבע מאַרפע אין אַ רויטן וואָלקן אײַנגעצ־הילט. אַנדרייקאַ האָט געפּרוווט איר אַנטקעגנ־לויפן, נאָר זי האָט אַלץ זיך דערווײַטערט.

— איינס... איינס...

מירע האָט געהאַלטן, אַז אין יעדן מענטשן, וואָס איז אײַנגעשלעפערט געוואָרן מיט דער הילף פון נאַרקאָז, איז פאַראַן גלײַכצײַטיק אַ מוירעדיקער סימען פון לעבן און אַ מוירעדיקער סימען פון טויט. אָט דער געדאַנק האָט זי שטענדיק, באַ יעדער אָפּעראַציע, אונטערגע־

יאָגט, געצווונגען ניט פאַרלירן קיין איבעריקע רעגעס.

— סקאַלפּעל!

מירע האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט אין דער גומי־זײַדענער הענטשקע. די מאַסקע פון מאַרליע אַף איר פּאָנעם האָט זיך אָפּט באַוועגט פון איר אָנגעשטרענגטן אָטעם.

די אָפּעראַציע האָט זיך געענדיקט, און מירע האָט דערפילט מיטאָמאָל א מין זויערקײַט אין האַלדז. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

די קראַנקן־שוועסטער האָט געעפנט דאָס אויבערליכט. צוזאַמען מיטן רײַעך פון עפיר, קאַמפאַר און בלוט האָט זיך אַרײַנגעריסן די פאַרשיקערנדיקע אַפּרעל־לופט. א זונען־שטראַל האָט געשפּילט אין די צעבליטע ביימער.

...עס זײַנען פאַרבײַ כאַדאָשים... כאַדאָשים!

אין מירעס הענט, שערשאַווע פון אָפּט וואַשן זיי, האָט געציטערט א רענטגען־פּלאַט. זי האָט לאַנג באַטראַכט די פאַרנעפּלטע, ווי מיט רויך באַדעקטע פּליאַנקע. דערנאָך האָט זי מיט דער זעלבער אופמערקזאַמקײַט פאַנאַנדערגעוויקלט די קאַרדיאָגראַמע, — א שמאָלע סטענגע מיט אָנצאָליקע באַרג־אַרויף־ און באַרג־אַראָפּ־שטריכן. יעדער פון די זיגזאַגן האָט זיך זײַן געזעצמעסיקײַט, זײַן סאָד. איבעריקנס, ווי אַלץ אין לעבן...

פון יענער זײַט טיר האָבן זיך געהערט ווײַ־כע, שטילע טריט, ווי עמעצער וואָלט לאַנג געשטאַנען און געטראַכט: עפענען זי, צי ניט. טיף געהויקערט, אַף די שפּיץ פינגער איז אַרײַן אין דער פּאַלאַטע די אַלטיטשקע מאַרפע. זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר אויסגענייטן הו־צולישן בײַטל א פּאָר ווײַסע זאָקן פון ציגענער וואָל.

— נעם, טאָכטער... א רעפּוע צו די פיס...

דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט איר טרו־קענע, ביינערדיקע האַנט און דערלאַנגט מירען א גרויסן, רויטלעכן מאַראַנץ.

דער ווינט בלאָזט אויס דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקײַט. די כאַטקע וויגט זיך און סקריפּעט, און ס'פּילט זיך, אַז דער ווינט קומט פון ווײַט און גיין וועט ער נאָך ווײַטער. מאַרפע רוקט זיך טיפער אַרײַן אין איר שאַפּן פעלצל. עס פאַלט אַף איר אָן א שווערע בענקשאַפט. זי ווענדט אירע בליקן ערגעץ ווײַט, און איר דאַכט זיך, אַז זי זעט א שיין אויסגעיידלט פרויען־פּאָנעם, פאַרצויגן מיט טרויער. זי דערפילט א נאָגנדיקן ווייטעק אין דער ברוסט, און די שטאַ־רע ליפּן באַוועגן זיך קוים: זאָלן איר די הענט קיינמאָל ניט ווי טאָן...

זי שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אין דער אַלטער שפּינראָד. עס פאַרשווינדן מיטאָמאָל די היל־צערנע ווענט... און מאַרפע טראַגט זיך ווייך און לײַכט איבער עפּעס א געדיכטן וואַלד...

באַרג־אַראָפּ, אין סאַמע מיטן טײַך, שנײַדט א יונגער פליטנטרײַבער מיט דער קערמע דאָס זידנדיקע וואַסער. זײַן פילפאַרביק אויסגענייט העמד איז אָפּגעבליאַקעוועט פון דער זון. פון דער בריק (א רעגנבויגן פון אײַזן, אַריבערגע־וואָרפן איבערן טײַך) שיקט א יונגיטשקע הו־צולקע אים א פאַרליבטן שמייכל. און א גע־בלימלט טיכל פלאַטערט אַפן ווינט.

הײַ־הײַ!
נעם אין האַרץ מײַן ליבע מיט,
אינצווייען איז לײַכטער
און קירצער דער וועג...

שוועבט די ליד פרײַ איבער די בוקאָווינער קאַרפּאַטן.

און מאַרפע קאָן זיך פונעם וואַלד ניט אויס־פּלאָנטערן. לעבן איר שפּאַנט די דאָקטערשע אין ווײַסן, מיט אַנדרייקען בא דער האַנט...

עס זײַנען פאַרגאַנגען יאָרן.

א סאַך יאָרן!

גאַנצע דרײַסיק.

די אַלטיטשקע מאַרפע איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ. מירע האָט אויך באַוויזן זיך צו עלטערן. א שטילע רויִקײַט ליגט אַף איר פּאָנעם, וואָס האָט נאָך באַהאַלטן סימאָנים פון אַמאָליקער שיינקײַט. אויך אַנדרייקא האָט פעסט אַרײַנגעשפּאַנט אין זײַנע דרײַסיקער. אַף אייגע־נע פיס אַרײַנגעשפּאַנט. עמעס, מיט דער הילף פון צוויי באַזונדערס צוגעטראַכטע שטעקנס. בלויז דער געוועזענער פּריצישער פּאַלאַץ איז ייִנגער געוואָרן, באַקומען נײַע צוויי צוגעבויטע פליגלען.

יעדן דאָנערשטיק פאַרהאַלטן זיך אין דער קליניק מער, ווי שטענדיק, דער הויפּט־כירורג מירע איסאַקאָוונא שאַבקעוויטש און איר רענטגענאָלאָג — אַנדריי פּעטראָוויטש סאַווטשוק.

איך ווייס ניט, וואָס זעען דאָקטוירים, ווען זיי קוקן אַף דער קאַרדיאָגראַמע. איך ווייס ניט, וואָס עס באַטײַטן די אַלע זיגזאַגן. פאַר מיר איז עס ניט קיין פּאָשעטע באַשרײַבונג פון די האַרץ־מוסקולן. פאַר מיר איז עס א לעבעדיקע געשיכטע פונעם האַרץ אַליין.

פון מירעס וואַרעם האַרץ.

שמועל גאָרדאָן

• דאָס ווידערקאָל •

פון די ארומיקע זעקס דערפער, וואָס האָבן אין די פריִערדיקע יאָרן זיך גערופן ייִשוּוים, פאָנדן, ערד־כאלאָקים און וואָס ביז זיי האָבן זיך פארייניקט אין איין קאָלווירט, איז איטלעכס פון זיי געווען א באזונדערער, זעלבשטענדיקער קאָלווירט און ניט קיין בריגאדע צי א טיילכל פון א בריגאדע, זײַנען צו ייִצכאָק גענדינס שלוישים זיך צונויפגעפאָרן אפן צענטראלן באצירק פון דער פערטער בריגאדע, אינעם דאָרף קלימאָווע, די לעצטע רעשטלעך פון די ערשטע ייִדי־שע איבערוואנדערער. עס זײַנען אויך געקומען צו פאָרן די אלטע איבערוואנדערער פון די דאָזיקע דערפער, וואָס האָבן אין פארשיידענע צײַטן און איבער פארשיידענע סיבעס זיך אריבערגעקליבן אין שטאָט. און כאָטש זיי זײַנען פון לאנג שוין ניט קיין היגע און ניט קיין קאָלווירטניקעס, האָט מען זייערע ארויסגעהאנגענע בילדער אינעם גראמען פאַיע פונעם צווייגאָרנדיקן קולטור־הויז ניט אראָפּגענומען. זיי הענגען, ווי פריִער, אויבנאָן צווישן די פּאָרטרעטן פון די קאָלווירטישע וועטעראנען.

די אָנגעפאָרענע געסט האָט באגעגנט בא דער שטוב ייִצכאָק גענדינס עלטערער זון נאָכעם, וועלכער איז מיט א טאָג פריִער געקומען צו פליִען פון קראסנאָיארסק מיט זײַן נײַניאָריקן ייִנגל איזיען.

נאָכעם איז ניט געווען אף דעם טאטנס לעוויַע. די דעפעשע, אז דער טאטע איז גע־שטאָרבן, האָט געטראָפן נאָכעמען אינעם ווײַטן צאָפן־יעניסייסק, וווּהין ס'האָט אים געשיקט אין א קאָמאנדירונג דער מאשינבוי־זאוואָד, אף וועלכן ער ארבעט. די דעפעשע האָט נאָכעם דערהאלטן ערשט אפן אנדערן טאָג. ווען ער זאָל אפילע געווען האָבן מיט וואָס ארויסצו־פליִען טייקעף קיין קראסנאָיארסק און די מינוט זיך איבערזעצן אף אן אעראָפלאן, וואָס פליט גלײַך קיין קלימאָווע, וואָלט ער אויך ניט באוויזן צו דער לעוויַע. דערבײַ איז דער וועטער געווען אזא — אף ניט צו פאָרן, ניט צו פליִען. אָט רעגנט און אָט שנייט, א מאבל מיט א זאווערוכע צוזאמען. האָט נאָכעם אוועקגעשיקט דער מאמען א טעלעגראם, אז צוליבן וועטער קאָן ער ניט קומען צו דעם טאטנס לעוויַע, ער וועט קומען צו שלוישים. דעם געדאנק, אז ער זאָל ברענגען מיט זיך צו פירן איזין און אים איבערלאָזן אין קלימאָווע אפן גאנצן זומער, האָט אופגעגעבן נאָכעמען די מאמע. מיטן אייניקל, — האָט זי אים געשריבן, — וועט זי כאָטש די ערשטע צײַט ניט פילן אזוי דעם אומעט אין דער מיטאמאָל פוסטגעוואָרענער שטוב.

נאָכעם גענדין איז געווען דער איינציקער צווישן זײַנע ברידער, וועלכער האָט נאָך דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט פון דער ארמיי צוריק אין קאָלווירט, נאָר זיך באזעצט אין שטאָט, און אָנגעקומען דאָרט ארבעטן אף א זאוואָד. קיין טײַנעס פאר דעם האָט טאטע־מאמע צו אים ניט געהאט. פארקערט, דער טאטע איז אפילע געווען צופרידן דערפון. און ווען די מאמע האָט געפרעגט ייִצכאָקן, וואָס איז אף אים אזוי די גדולע, האָט דער טאטע, וועלכער איז אפן פראָנט אויך ארײַנגעטראָטן, ווי אלע זייערע זין, אין דער פארטיי, איר דערוף געענטפערט, אז זי דאַרף זײַן צופרידן, וואָס צווישן די פיר קאָמוניסטן אין דער מישפּאָכע איז אויך פאראן א פּראָלעטאריער, אן ארבעטער. דאָס איינציקע, וואָס טאטע־מאמע האָט זיך געוואָלט, — אז זייער בכאָר זאָל וווינען ערגעץ נעענטער, ניט אזוי ווײַט. עמעס, מיט אן אעראָ־פלאן איז מען פאר א האלבן טאָג אין קראסנאָיארסק, אָבער דאָס רעדט זיך נאָר אזוי. ווער האָט עס פרײַע צײַט און פרײַ געלט אף ארומצופליִען היִן און צוריק.

געלט אף הויצאָעס וואָלט נאָכעם ווי־ניט־איז געפונען, אז ער זאָל קאָנען קומען זיך זען מיט זײַנע אייגענע כאָטש איין מאָל אין צוויי־דרײַ יאָר! אָבער פרײַע צײַט אף דעם האָט ער דערווײַל ביז איצט נאָך ניט געהאט. דאָס לעצטע מאָל איז ער דאָ געווען, ווען איזקען איז געוואָרן פיר יאָר, און איצט איז אים נײַן, אוועק שוין דאָס צענטע. קומט אויס, אז

נאָכעם האָט ניט געזען דעם טאַטן העכער פינף יאָר און וועט אים שוין איצט מער קיינמאָל ניט זען. וועגן דעם דערמאָנען די אָנגעפּאַרענע אַלטע איבערוואַנדערער, וואָס האַלטן נאָך אַלץ אין איין צוקומען, מיט זייער אַרומנעמען אים און צופאַלן זיך קושן, מיט דעם פאַרנייגן נידעריק דעם קאָפּ און מיטן טיף פאַרבאָרגענעם אומעט אין די אויגן. נאָכעם פאַרענטפערט זיך פאַר איטלעכן פון זיי, פאַרוואָס ער איז ניט געווען אויף דעם טאַטנס לעוויַע, ווי ער וואָלט באַ יעדן איינעם בעטן דערפאַר מעכילע.

— נאָכעם, ווו איז דאָס איזינקע? — האָט דערשראָקן געפרעגט די שטילע דערשלאָגענע פייגע, וואָס האָט געהאָלפן גרייטן די טישן אין הויף, — זע, ער זאָל, כאַלילע, דאָ ערגעץ ניט פאַרבלאָנדזשען.

— זאָרג זיך ניט, מאַמע, ער וועט אין ערגעץ ניט פאַרבלאָנדזשען, — האָט נאָכעם זי באַרויִקט. — ער איז דאָך שוין אַ גרויס ייִנגל. מיר לאָזן אים קימאַט אומעטום אָפּ אַליין, און קראַסנאָיאַרסק, מאַמע, ווייסטו דאָך, איז אַ ביסינקעלע גרעסער און טומלדיקער פון קלימאָווע.

— פונדעסטוועגן, גיב, בעט איך דיך, קינד מײַנס, אַ קוק, ווו איז ער?

— נו, ווו קאָן ער זײַן? ער האָט זיך אָפּגעזוכט כאַווײרים און לויפט מיט זיי אַרום. פאַר אים איז דאָ אַלץ דאָך אַ נײַס. ער האָט קיינמאָל ניט געזען, ווי סע וואַקסן ווײַנטרויבן, קאַווענעס. איז ער מיסטאָמע אָפּן ווײַנגאָרטן אָדער אָפּן באַשטאַן.

— איך בעט דיך, — איז די מאַמע פון אים ניט אָפּגעשטאַנען, — גיי, זוך אָפּ דאָס קינד. מע דאַרף דאָך שוין באַלד גיין אָפּן בעסאַלמען. — און זי איז מיט אַ פאַרשטיקט געוויין אַרופגעפאַלן דעם זון אָפּן האַלדז. — אַזאַ בריליאַנט פאַרלאָרן.

— מאַמע...

— איך פאַרשטיי, זון מײַנער, אַז כ'וועל מיט מײַנע טרערן אים צוריק פון יענער־וועלט ניט אַראָפּברענגען. וואָס בין איך אָבער שולדיק, אַז עס ווײנט זיך...

פאַר די פינף יאָר, וואָס נאָכעם איז דאָ ניט געווען, האָט דער ייִשעוו, ווי ער איז אַלץ נאָך געוווינט צו רופן דאָס דאָרף זייערס, זיך היפּש צעוואַקסן. עס איז צוגעקומען נאָך אַ גאַנצע גאַס, און די הײַזער אויף די צוויי אַלטע גאַסן שטייען שוין ניט אַזוי ווײַט איינס פונעם אַנדערן, ווי פריִער, מע האָט צווישן זיי אָנגעבויט נײַע, און די אַלטע הײַזער אַליין, דאַכט זיך נאָכעמען, זײַנען אויך שוין ניט די זעלבע. מע זעט זיי קוים אַרויס פון צווישן די געדיכטע סעדלעך. די מאַמע זײַנע איז בעפּיירעש גערעכט. מע קאָן דאָ ווירקלעך פאַרבלאָנדזשען. אָט האָט ער נעכטן אין אָוונט, אומקערנדיק זיך פון פיניען, פון דעם ייִנגערן ברודער זײַנעם, וועלכער האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף דער נײַער גאַס אין אַ פינפשטאָקיק הויז, טאַקע שיִער ניט פאַרבלאָנדזשעט. די מאַמע זײַנע האָט אויך רעכט, וואָס זי האַלט ניט איבעריקס פון די עטאַזשנע מויערן דאָ באַ זיי. אים, נאָכעמען, זײַנען זיי דען צום האַרצן? פיניע פּילט דאָך ניט, אַז ער לעבט אין אַ דאָרף. די דירע איז באַ אים טאַקע אַ שטאָטישע, אָבער קלימאָווע אַליין איז ניט קיין שטאָט.

אויסער דעם, וואָס נאָכעם איז דער איינציקער שטאָטישער אַרבעטער אין דער מישפּאָכע, איז ער אויך דער איינציקער צווישן די ברידער, וואָס איז מער ענלעך אָפּן פאָטער ווי אָפּן דער מוטער. בלויז די אויגן זײַנען באַ אים דער מאַמעס: העל־בלויע. אין אַלעם איבעריקן אָבער איז ער, ווי צוויי טראָפּנס, דער טאַטע: אַ מיטלוווקסיקער, מיט ניט קיין איבעריקס ברייטע אַקסלען, און ביז גאָר אַ רויִקער און אַ געלאַסענער. אַ קוק טאָן אָפּ אים, וועט קיינעם ניט אײַנפאַלן, אַז מיט איין הייב פונעם אַקסל קאָן ער איבערקערן אָן אָנגעלאָדענע מאַזשאַרע. די ברידער זײַנען אויך ניט פון די שוואַכינקע. קיין סאַך באַלאָנים צו פאַרפירן זיך מיט זיי וועלן זיך מיסטאָמע איצט אויך ניט געפינען אין דאָרף, כאָטש באַ זיי זײַנען, ווי באַ דער מוטער, בלייכע אויסגעיידלטע פּנעמער, גלײַך זיי וואָלטן אָפּגעלעבט אַ לעבן ניט אונטער דער סאַרפּענדיקער זון, נאָר אין קילן שאָטן. ביכלאַל אָבער זײַנען זייערע טאַטע־מאַמע געווען שטאַרק ענלעך צווישן זיך מיט עפּעס אַ מין באַזונדערער גוטסקײַט. נאָכעם געדענקט ניט, זיי זאָלן זיך ווען־ניט־איז געווען קריגן, זאָגן איינער דעם צווייטן אַ קרום וואָרט, שרײַען אויף אַ קינד, באַזונדערס אויף אים, נאָכעמען, וואָס האָט עס ניט איין מאָל קאָשער פאַרדינט. ער ווייסט ניט, צי איז דאָס בעסער, צי ערגער, נאָר אַ קינד, אַז עס פאַרזינדיקט זיך, דאַרף מען עס באַשטראָפן. וואָס הייסט, איזי פרעגט קיינעם ניט און גייט זיך אוועק אויף אַ גאַנצן טאָג?!

אַפּאָנעם, ער האָט טאַקע פאַרבלאָנדזשעט, טוט נאָכעם אַ טראַכט. די גאַס, מיט וועלכער ער גייט צום ווײַנגאָרטן, ווו ער רעכנט טרעפן זײַן ייִנגל, האָט אים גאָר געבראַכט צו די צוויי לאַנגע שטאַלן, וועלכע ער האָט פון אָנפאַנג אינגאַנצן ניט דערקענט. אים געדענקט

זיך, אז ניט דאָ זײַנען געשטאַנען די שטאַלן. דאָ זײַנען געשטאַנען די סילאָס־טורעמס, וואָס האָבן שטענדיק פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ זיסלעך־ווײַניקן גערוך. איצט איז די לופט דאָ געווען פול מיטן וואַרעמען דופט פון פרישער מילך.

בײַ דער גרויסער פאַרצאַמונג לעבן געניס דער שטאַל, ווו עס זײַנען אונטערן אָפענעם הימל געלעגן די קי און געקוקט צו דער גרינער ווײַט, האָט נאָכעם צווישן אַ כאָפּטע קינדער געטראָפן אויך שטיין זײַן ייִנגל.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט נאָכעם צוגערופן צו זיך איזין. — גיי אַהיים. די באָבע זוכט דיך אַרום.

— טאַטע, איך וויל זען, וויאַזוי מע האָדעוועט די קי.

— זומער, איזינקע, האָדעוועט מען ניט קיין קי אין דער היים. זיי פּאַשען זיך אין פעלד. כ'פאַרשטיי נאָר ניט, — האָט נאָכעם פאַרכידעשט געזאָגט צו זיך אַליין, — פאַרוואָס האָט מען זיי אין אַזאַ הייסן זוניקן טאָג געבראַכט צו טרײַבן אַזוי פרי פון פעלד?

— ווער פּאַשעט עס איצט די טשערעדע אין פעלד? מע האַלט זי אין זאַהאַן, — האָט אַ ייִנגעלע אין איזיס יאָרן זיך אָפּגערופן.

— וואָס הייסט, מע האַלט זיי אין זאַהאַן? — האָט נאָכעם נאָך מער פאַרכידעשט געפרעגט, ווענדנדיק זיך צום ייִנגעלע, ווי צו אַ דערוואַקסענעם.

— ניטאָ ווו צו פּאַשען. מע האָט בײַ אונדז פאַרזייט אַלע פעלדער. די קי זײַנען ניט הונגעריק. מע גיט זיי קאָמביקאָרם.

— און פון קאָמביקאָרם, זאָגט מײַן מאַמע, זי אַרבעט אויף דער פערמע, גיבן די קי נאָך מער מילך, און פעטע מילך. — דאָס מיידעלע מיטן פאַרברוינטן קלײנינקן נעזל, וועמענס מאַמע עס אַרבעט אויף דער פערמע, האָט זיך געפרוווט עס אים צו דערקלערן.

— און שוין לאַנג, אַז זיי פיטערן זיך ניט אין פעלד?

— לאַנג, זייער לאַנג.

נאָכעם איז צוגעגאַנגען האַרט צו דעם זאַהאַן און זיך אָנגעבויגן איבער דעם געפלאָכ־טענעם בערעזעווען פּאַרקן. די קי האָבן געקוקט אויף אים, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן, ער זאָל זיי אַרויסלאָזן פונדאַנען אין פעלד, אויף דער פרײַ. אײנעם שטילן מרוקען האָט זיך נאָכעמען געהערט זייער אויסטײַנען זיך מיט אים: „דער קאָמביקאָרם, וואָס מע גיט אונדז, איז אוואדע זעטיקער פונעם גראָז, און איר האָט פון דעם אַ מער מילך, אַ פעטערע מילך. אָבער וואָס פאַר אַ מאַמאָשעס האָט פאַר אונדז דאָס לעבן אין דעם פרײַען פעלד, אין דעם גרינעם גראָז? און איר אַליין פילט דען ניט, אַז די מילך אונדזערע האָט אַ אַנדער טאַם, עס פעלט אין איר דער דופט פונעם פעלד און די זאַפט פונעם גראָז?"

די קעלבלעך פון אַט די קי קוקן שוין אויף אים אַנדערש: בײַ זיי זײַנען די אויגן פריילעכע, צופרידענע. זיי ווייסן שוין קאָנטיק ביכלאַל ניט, וואָס עס איז אַזוינס פעלד, גראָז, ס'איז זיי פרעמד די פרייד פון אַרומשפּרינגען פראַנק־און־פרײַ איבער דער לאָנקע. ניט זיי ווייסן עס שוין און ניט זיי דאַרפן עס. זיי זײַנען צופרידן, וואָס מע האַלט זיי אונטער אַ צוים, וואָס זיי דאַרפן אין ערגעץ ניט גיין, זיי האָבן אַלץ גרייט אויפן אָרט. נאָכעמען האָט מיטאַמאָל אָנ־געגומען אַ ראַכמאָנעס צו דער פאַרשפּאַרטער טשערעדע קי, אים האָט זיך פאַרוואָלט עפענען דעם טויער, אַרויסטרײַבן די קי אין פעלד.

— אַ גוט־העלף דיר, נאָכעם.

פיר־פינף יאָר זעען זיך גאַנץ גוט אָן אין שײַעס עלטער. אָבער ניט בלויז דערפאַר האָט אים נאָכעם ניט דערקענט. ער האָט זיך פּאַשעט ניט געריכט אים דאָ צו טרעפן. שײַע איז נאָך מיט אַ פּײַן ביסל יאָר פאַר דעם, ווי נאָכעם איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל צוגאַסט, אַרויסגעפאָרן אין שטאָט און דאָרט געמאַכט ניט קיין שלעכט לעבן. געוואָרן צוריק אַ קאָ־צעוו, ניט פאַר זיך, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, נאָר אין אַ מעלוכישער קראָם, אויפן קאָלווירי־טישן מאַרק. האָט, הייסט עס, שײַען אַ ציי געטאָן צוריק אין דאָרף, וויבאַלד ער האָט זיך אומגעקערט פון שטאָט צוריק אויפן סטעפּ. בײַקומען אין זיך די בענקשאַפט נאָכן סטעפּ איז ניט אַזוי לײַכט. נאָכעם ווייסט עס לויט זיך.

— האָסט מיך ניט דערקענט, וואָס דו קוקסט אַזוי אויף מיר? — האָט דער מעגושעמדיקער שײַע מיטן גרויסן ראַזירטן קאָפּ זיך אָפּגערופן צו דעם פאַרכידעשטן נאָכעמען. אויסשטרעקנ־דיק אים די האַנט, האָט ער געגעבן דערמיט צו וויסן, אַז אויס! — ער איז מויכל רעב ייִצכאָקן פאַר די יעסורים, וואָס יענער האָט אים אָנגעטאָן, מויכל אַזוינס, וואָס אַן אַנדערן וואָלט ער נאָכן טויט עס אויך ניט געווען פאַרגעבן.

פינקטלעך געדענקט שוין ניט נאָכעם די אייַנצלהייטן פון דער קריג, וועלכער האָט אויס־

געבראָכן אין יִישעוו א קורצע צײַט פאַר דער מילכאָמע, א קריג, אין וועלכן ס'איז ניט ווילנדיק געווען פאַרמישט אויך דער טאַטע זײַנער, יִיצכאָק גענדין.

באַ שײַען האָט זיך אופגעהאַלטן א פּלעמעניצע, דעם ווײַבס שוועסטערס א מיידל, מירל, וואָס איז צו פינף יאָר פאַרבליבן א קײַלעכיקע יעסוימע: אין איינער א נאַכט, מיט א סאַך יאָרן צוריק, די וועלדער אַרום די שטעטלעך זײַנען דאַן פול געווען מיט באַנדעס,— האָבן זיך צו זיי אַרײַנגעריסן גאַזלאָנים. די שוועגערן מיטן מיידעלע האָבן באַוויזן אַרויס־שפּרינגען פון פענצטער און אופהייבן א גוואַלד. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די באַנדיטן האָבן אַלעמען אין שטוב אויסגעשאָכטן. די שוועגערן האָט לאַנג ניט אויסגעהאַלטן און איז אינגיכן אוועק פון דער וועלט. פאַרן טויט האָט זי אַרויסגערופן צו זיך פונעם שכיי־נעסדיקן שטעטל די שוועסטער מיטן מאַן און געבעטן, זיי זאָלן נעמען מירעלען צו זיך. זי גיט זיי אָפּ די שטוב און אַלץ, וואָס אין שטוב, נאָר דעם מאַנס גאָלדענעם זייגער און איר גאָלדן בראַסלעטל מיט די שטיינדלעך זאָלן זיי אָפּגעבן מירעלען צו איר כאַסענע.

וועגן דעם האָבן געוווּסט אַלע, ווער עס האָט צוזאַמען מיט שײַען דעם קאַצעוו אַריבער־געוואַנדערט אַהער פון יענעם שטעטל.

וואָס אַזוינס איז זיך דאַן פאָרלאָפן אין קאָלווירט מיט שײַען, וואָס ער איז געקומען צו יִיצכאָק גענדינען, וועלכער איז געווען באַ אַלעמען פאַרטרויט, און אײַנגעלייגט באַ אים זײַן אשירעס, געדענקט נאָכעם שוין אויך ניט. ס'איז שוין אַדורך א היפּש ביסל צײַט פון דעמלט. ער געדענקט בלויז, אַז די שרעק איז געווען אָן אומזיסטע, קיינער האָט זיך ניט געקליבן קומען צו שײַען מיט אָן אונטערזוכונג און אים אַרײַנזעצן. שײַע איז אָפּגעקומען מיט א לײַכטער שטראָף.

קאָנטיק, אַז שײַע האָט ניט אָנגעטרויט אײַנגאַנצן יִיצכאָק גענדינען, וואָרעם טאָמער טרעפט, כאָלילע, עפּעס מיט אים, מיט שײַען, איז זאָל אַכוץ דעם ווײַבל זײַנעם נאָך עמעצער וויסן, באַ וועמען ער האָט אײַנגעלייגט זײַן ביסל פאַרמעגן, וואָס ער האָט געבראַכט פון שטעטל. און אין א דאָרף, ווי אין א שטעטל, האַלטן זיך לאַנג קיין סודיעס ניט אײַן. קוים ווייסט איינער, דערוויסן זיך וועגן דעם באַלד אַלע, און אָפּאָנעם, אַז די, וואָס קענען שײַען פון שטעטל, האָבן אים איבעריקס פאַר קיין וואָרטסמאַן ניט געהאַלטן, ווײַל ס'האָבן זיך גלײַך געפונען צווישן זיי מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צו גענדינען און גענומען באַ אים א טקיאַס־קאַף, אַז ער וועט ניט אומקערן שײַען צוריק דאָס, וואָס איז ניט זײַנס, נאָר עס האַלטן באַ זיך, ביז מירל וועט מיט מאַזל ווערן א קאַלע און דאַן עס איר אָפּגעבן. ס'האָבן זיך געפונען אַפילע אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט דעם טאַטן, אַז ס'וואָלט ניט געווען קיין אוולע, ווען ער לאָזט נאָך עפּעס איבער פאַר מירלען פונעם אײַנגעלייגטן פאַרמעגן.

נאָר יִיצכאָק גענדין האָט אַלץ אומגעקערט שײַען, בלויז דעם זייגער מיט דער קייט און דאָס בראַסלעטל מיט די שטיינדלעך האָט ער אים צוריק ניט אָפּגעגעבן, געלאָזט עס דערווײַל באַ זיך, ווי דאָס האָבן געפּאַסקנט מענטשן.

דער יִישעוו האָט געקאָכט, ס'האָט אָבער שײַען גאָרניט געהאָלפן.

א קורצע צײַט פאַר דער מילכאָמע איז מירל געוואָרן מיט מאַזל א קאַלע פאַר זעליק דעם שאָפער. עטלעכע טעג פאַר דער כאַסענע איז זעליק אוועק אָפּן פראָנט. ווען די קאָל־ווירטניקעס האָבן צונויפגעטראָגן אין קלוב ווער וואָס ס'האָט געהאַט צושטײַער אַף א טאַנק, האָט מירל געבראַכט צו טראָגן איר נאַדן.

ניטאָ שוין זעליק, ער איז אומגעקומען אָפּן פראָנט, ניטאָ שוין מירל, זי איז געשטאָרבן אין דער עוואַקואַציע, ניטאָ שוין קימאַט קיינער פון די, וואָס האָבן געהאַט צוגעפּאַסקנט, אַז יִיצכאָק גענדין זאָל ניט אַלץ אומקערן צוריק שײַען, נאָר סײַווי האָט שײַע א לאַנגע צײַט נאָך ניט געקאָנט מויכל זײַן גענדינען. ס'איז אים געגאַנגען שוין ניט אינעם זייגער און אינעם בראַסלעטל, נאָר אינעם ביזאָיען, וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן. ס'האָט געדאַרפט דורכגיין נאָך א היפּש ביסל יאָרן, ביז דאָס זאָל זיך באַ אים אײַנגאַנצן אויסוועפּן. און אַז שײַע האָט שוין אַלץ לאַנג פאַרגעסן, האָט מען געקאָנט זען פון דעם, וואָס ער האָט אויס־געשטרעקט נאָכעמען די האַנט און זיך מיט אים צעקושט.

— דער גרעסטער צאַדיק, אַמאָליקע יאָרן, האָט ניט געהאַט אַזא לעווײַע, ווי דײַן טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם. ער האָט עס געוויס פאַרדינט, געווען אַן ערלעכער מענטש, כ'האָב אים געקענט ניט פון נעכטן, מיר זײַנען מיט אים געקומען אַהער אין איין טאָג, קאָן מען זאָגן, ס'איז שוין א מײַסע באַלד פון פופציק יאָר, און אַז מע ברענגט מיט זיך פון דער מילכאָמע, כוץ אַלע אַנדערע אָרדענס און מעדאַלן, צוויי סאָלדאַטסקע „סלאַוועס", האָט עס אויך וואָס צו זאָגן. וועגן דעם האָט גערעדט אַף דער לעווײַע דער וואָיענקאָם. דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם האָט אויך גערעדט. ס'איז צו דערציילן און דערציילן. מע איז זיך צונויפגעפאָרן

אף דער לעוויַע פון אלע בריגאַדעס, אַן אָרקעסטער אַראָפּגעבראַכט פון ראַיאָן, איז קאַלווירט האָט זיך אַף אַ האַלבן טאָג קימאַט אָפּגעשטעלט די אַרבעט. כ'האָב געהערט, אַז דו האָסט ניט געקאָנט קומען. נאָר דו וואָלסט דאָך אַלציינס ניט געזאָגט נאָך אים קאַדיש. איך האָב געזאָגט, ווען אַלע זײַנען אַוועק פון בעסאַלמען. געזאָגט קאַדיש און געבעטן מעכילע... ווי מיינסטו, נאָכעמקע, ער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ אַף מיר?

— כ'האָב פון אים קיינמאָל ניט געהערט, אַז ער זאָל טראָגן אַף איַיך אַ האַרץ.

— איַי, נאָכעמקע, מיר גייען ביסלעכוויַיז אַלע אַוועק. האָסט דאָך מיסטאָמע געהערט, ווי מע רופט אונדז דאָ: די לעצטע מאָהיקאַנער. דער שעיירים־האַפּלייטע פון די ערשטע יידישע איבערוואַנדערער אַפן היגן סטעפּ זײַנען זיך צונויפגעפאָרן צו שלוישים.

— איַיך האָט מען דען ניט געשיקט רופן?

— אַף קיין לעוויַעס און צו שלוישים רופט מען ניט, מע קומט אַליין, דער, וואָס דאַרף קומען. איך וועל נאָר אונטערוואַרפן די קי אַ ביסל קאָמביקאָרם, קום איך גלײַך צו גיין. וויפל האָבן מיר שוין, ווי די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט? און זי לאָזט זיך נאָך אַלץ פילן. מיט וויפל, אַשטייגער, מיינסטו, איז דײַן טאַטע געווען עלטער פון מיר? סאַכאַקל אַף צוויי יאָר. געווען אַ קרעפּטיקער ייִד. ער וואָלט נאָך געקאָנט לעבן און לעבן, ווען ס'זאָלן בא אים ניט געווען זײַן קיין דורכגעשאָסענע לונגען. אונדזערע וועטעראַנען. ער האָט דאָך, קאָן מען זאָגן, ביזן לעצטן טאָג געאַרבעט. געשטאַנען אַפן טאָק, געוויגן די מאַשינעס ווייץ, וואָס מע האָט געפירט אַפן עלעוואַטאָר. די מילכאָמע לאָזט זיך ביז איצט נאָך פילן אַפילע בא די, וואָס זײַנען, אָט ווי איך, ניט געווען אַפן פראָנט. — שײַע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען פון דער זײַט צוים, איז אַרויס צו נאָכעמען, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אינגאַנצן אַפן די ברייטע קאַליטקע.

דערזען, אַז קיין איין קו האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, האָט נאָכעם זיך אָנגערופן:

— זיי זײַנען אינגאַנצן געוואָרן פּויליאַטשקעס. איר געדענקט, רעב שײַע, מיט וואָס פאַר אַ גדולע די קי פלעגן זיך אַ ריס טאָן פון שטאַל, ווי נאָר מע פלעגט עפענען די טיר?

— ס'איז פאַר זיי איצט אויך אַן אַנדער צײַט. איַי די מילך האָט איצט אַ ביסל אַן אַנדער טאַם, נו און דער וווּרשט האָט דען איצט יענעם טאַם, וואָס פריִער, ווען מע האָט דאָס פלייש אָנגעשטאָפּט אין אַן עמעסער קישקע, ניט אין קיין צעלאָפאַנענער? ס'איז אָבער אין דעם אויך פאַראַן אַ זין, און אַ גרויסער זין.

— איזי, ווּ ביסטו עס ווידער אַוועק?

איזי האָט אַ מאַך געטאָן צו די קינדער מיט דער האַנט, ער וועט זיך, הייסט עס, באַלד אומקערן צוריק און ענדיקן זיי דערציילן וועגן די קראַסנאָיאַרסקער שטיינערנע זײַלן, וואָס אַז מע קאַראַבקעט זיך אַף זיי אַרויף, קאָן מען פון דאָרט אַפילע זען צאָפן־יעניסייסק, וווּהין דער זאַוואָד שיקט אָפּט זײַן טאַטן.

ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג, ווען דער שעיירים־האַפּלייטע פון די ערשטע ייִדישע איבערוואַנדערער פון די אַרומיקע זעקס דערפער, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען און צונויפגעפאָרן צו ייִצכאָק געגדינס שלוישים קיין קלימאָווע, האָבן זיך אומגעקערט פון בעסאַלמען און זיך געזעצט צום טיש. קיינער האָט זיך נאָך דערווײַל ניט צוגערירט צום עסן. מע איז נאָך אַלץ ווי געווען דאָרט, אַפן נײַעם בעסוילעם, בא דעם גרוי־געוואָרענעם, נאָך ניט אײַנגעפאַלענעם בערגל אַף ייִצכאָקס קייווער, אַף וועלכן ס'איז געלעגן אײַנגעוויקלט אין אַ צעלאָפאַנענעם זעקל דעם ניפטערס בילד. יעדער איינער דאָ באַם טיש האָט געהאַט וועגן וואָס זיך פאַרטראַכטן, מע איז שוין אַלע אין דעם עלטער, ווען ס'איז צײַט צו מאַכן אַ שטיקל כעזשבן־האַנעפעש — וואָס האָט מען אופגעטאָן אַף דער וועלט און וואָס איז ביכלאַל דער זין פונעם לעבן. דער מענטש קאָן זיך דאָך ניט גלײַכן צו אַ זאַנג אינעם פעלד. אָפּגערוישט אַ זומער און ניט געוואָרן. און צום פעלד קאָן דער מענטש זיך אויך דאָך ניט גלײַכן. דאָס פעלד האָט שטענדיק אַ טרייסט: ס'וועט קומען זומער, וועלן דאָ ווידער רוישן זאַנגען, דאָס פעלד וועט ווידער טרײַבן די גינגאָלדענע כוואַליעס פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט. ס'מאַכט ניט אויס, וואָס גופע די זאַנגען וועלן שוין זײַן ניט די, נאָר אַנדערע, און אַזוי זומער נאָך זומער. און אין וואָס זאָל דער מענטש זוכן פאַר זיך אַ טרייסט?

וואָס מער מע האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אַפן בעסאַלמען און איצטער דאָ באַם טיש, נאָכדעם ווי נאָכעם האָט אָנגעפילט בא אַלעמען די גלעזער מיטן היימישן ווײַן, וואָס דער טאַטע זײַנער האָט אַ נאָמען געגעבן „לעכאַים", אַלץ מער איז צו איטלעכן דערגאַנגען, אַז דער זין פונעם לעבן באַשטייט, זעט אויס, אין דעם, אין וואָס ס'האָט אים געפונען ייִצכאָק געגדין: מע זאָל ניט פאַרגעסן ווערן אַף מאָרגן נאָך דער לעוויַע, מע זאָל לאַנג נאָך דערמאָנט ווערן צווישן די לעבעדיקע מיט אַ גוט וואָרט. און אַז אין דעם

האָט יִיצחאָק געפֿונען דעם זין פֿון לעבן, האָבן דערמאָנט דאָ אַלעמען באַם טיש די אָרדענס און מעדאַלן, וועלכע דאָס איינציקל זײַנס, איזי, האָט, מיטגייענדיק מיט אַלעמען אױפֿן בע־סױלעם, געטראָגן אױף אַ רױט קישעלע, ס'האָט דערמאָנט װעגן דעם דאָס בליִענדיקע סעדל אין הױף, דאָס רױשן פֿונעם דערבײַיִקן װײַצענעם פֿעלד.

פֿונעם עפּלבױם, אונטער װעלכן ס'איז אױף אַ הױך קלײן טישל געלעגן דאָס קישעלע מיט די אָרדענס און מעדאַלן, האָט אַראָפּגעקוקט יִיצחאָק גענדינס בילד, װאָס נאָכעם האָט אַרױסגעהאַנגען. אױפֿן דאָזיקן בילד איז יִיצחאָק פֿאָטאָגראַפֿירט אין אַ פּילאָטקע און אין אַן אױסגעברענטער פֿון דער זון פֿון שװײס סאָלדאַטסקער גימנאַסטיאָרקע. פֿון אונטער דער עטװאָס אָנגערוקטער פּילאָטקע האָבן געשמײכלט צװײ גרױסע שװאַרצע אױגן, און אַלעמען באַם טיש האָט זיך געדוכט, אַז מיט אָט דעם דאָזיקן שמײכל זײַנעם לײקנט יִיצחאָק גענדין אָפּ, אַז אױסער לעבן איז אױך פֿאַראַן טױט.

— איזי, — האָט נאָכעם זיך אָנגערופֿן צו זײַן יִינגל, װאָס איז ניט אָפּגעטראָטן פֿונעם טישל אונטערן עפּלבױם, — האָסט ניט װאָס צו שטײן דאָרט. קײנער װעט די אָרדענס און מעדאַלן ניט צונעמען. קום, זעץ זיך און הער, װאָס מע דערצײלט װעגן דײַן זײדן.

ניט װעגן אַלץ, װאָס איז גערעדט געװאָרן באַם טיש װעגן יִיצחאָק גענדינען, האָבן נאָכעם מיט זײַנע ברידער ביז אַהער געװוּסט. יִיצחאָק גענדין איז ניט געװען דער מענטש, װאָס זאָל זיך שטעלן װעגן זיך אַלײן דערצײלן. װען ניט דער בריװ, װאָס דער געװעזענער קאָמאַנדיר פֿון דער ראָטע סערגײ װאַסיליעװיטש דובראָװין האָט צוגעשיקט װי נאָר ס'איז צו אים דערגאַנגען, אַז עס איז געשטאָרבן זײַן געװעזענער סאָלדאַט איסאַק גענדין, װאָלט קײנער ניט געװוּסט, אַז יִיצחאָק האָט, אָפּגײענדיק אַלײן מיט בלוט, געהאָלפֿן זיך אַרױסקלײַבן פֿון אַרומרינגלונג הינטער כאַרקאָװ זײַן שװער־פֿאַרװוּנדעטן קאָמאַנדיר, אים געטראָגן אַ שטיק װעג אױף זיך. אָבער דאָס, װאָס עס דערצײלט איצט הירש װױכער, איז ניט געװען פֿאַר נאָכע־מען אינגאַנצן קײן נײַס. עפּעס געדענקט ער אױך פֿון דער דאָזיקער געשיכטע, װאָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן, װען דער גראַװער רעב הירשע איז נאָך געװען אַ יונגערמאַן און געהײסן הירשקע, און װען ער, נאָכעם, איז נאָך אַ באַרװעסער אַרומגעלאָפֿן איבערן סטעפּ.

הירש װױכער איז שױן אין דעם עלטער, װען מע הײבט אָן ביסלעכװײַז פֿאַרגעסן, װאָס עס איז געװען מיט צװאַנציק און דרײַסיק יאָר צוריק. פֿאַרגעסט הירשע, אַז באַם טיש זיצן די זעלבע „לעצטע מאָהיקאַנער", װי ער, װעלכע נײטיקן זיך ניט, מע זאָל זײ דערצײלן, מיט װאָס עס האָט זיך אין יענע יאָרן אונטערשײדט דער דריטער יִישעװ, װאָס ליגט סאַ־כאַקל פֿיר קילאָמעטער פֿון קלימאָװע, און בײדע דערפֿער געהערן איצט צו דער פֿערטער בריגאַדע.

נאָר קײנער שלאָגט אים ניט איבער, און הירש זעצט פֿאָר דערצײלן:

— ניט אַנדערש, הערט איר, װי אַ ניט־גוטער האָט זיך געהאַט אַרײַנגעכאַפּט צו זײ אין קאָלװירט. עפּשער מײנט איר, אַז די ערד איז געװען באַ זײ אַן ערגערע, װי דאָ, צי ס'איז ניט געװען, װער ס'זאָל דאָרט באַ זײ אַרבעטן? פֿאָטער, נו! ס'האָט זײ גלאַט ניט אָפּגעגליקט מיטן פֿאָרזיצער. דאָרט האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַזאַ, װי אונדזער מיכל־בער, װאָס קאָן האַלטן די לײצעס אין די הענט און ניט לאָזן טאָן מיט זיך װאָס יעדער אײנער װיל, װי זײ האָבן עס געטאָן מיט לײבען. מײנט איר עפּשער, העיוס דער קאָלװירט איז געװען אַ שלעכטער, האָט דער אױלעם דאָרט געלעבט שלעכט? פֿאָטער, נו! געלעבט בעסער פֿון אונדז. איז װוּ האַלט איך? יאָ, צום ערשטן מײַ, אױב דער װעטער האָט ניט אונטערגע־פֿירט, פֿלעגן מיר שטענדיק ענדיקן דעם פֿאַרזײ. און מיטאַמאָל, נאַ דיר. דער דאָרפֿסראָט אונדזערער, ראַטנדאָרף האָט ער זיך דעמלט גערופֿן, האָט שױן געהאַט אָװעקגעשיקט אַ רײַטער מיט אַ ראַפּאָרט אין ראַיאָן און דער אױלעם האָט גענומען גרײטן זיך צום יאָמטעװ, ערשט עס פֿאַלט אַרײַן אין דאָרפֿסראַט לײבע, שװאַרץ װי די ערד, און האַלט זיך פֿאַרן קאָפּ. ער האָט אַלעמען אױנטערגעפֿירט. זײ װעלן הײַנט ניט באַװײַזן ענדיקן דעם פֿאַרזײ. יִיצחאָק גענדין איז פּונקט געװען דערבײַ, רופֿט ער זיך אָן צו לײבען:

— אַ פּאָר פֿערד מיט אַ זײעלקע פֿאַר מיר װעט זיך דאָרט געפֿינען באַ אײַך, צי כ'זאָל נעמען פֿונדאַנען?

דעמלט האָט מען נאָך ניט געהאַט קײן טראַקטאָרן. געהערט האָט מען װעגן זײ, אָבער נאָך ניט געזען.

דאָס, װאָס איז זיך װײַטער פֿאַרלאָפֿן אין יענעם טאָג, װאָלט נאָכעם געקאָנט דערצײלן בעסער און גענױער פֿון רעב הירשען. אים, נאָכעמען, האָט די מאַמע געהאַט דאַן געשיקט זיך דערװױסן, װאָס פֿאַרהאַלט זיך עס דאָרט אַזױ שפּעט דער טאַטע. מע דאַרף דאָך באַלד גײן שױן אין קלוב אױפֿן אָװנט.

אויסגעשפּאַנט דאָס פערד פונעם פעסל וואַסער, וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן פונעם אַרטעזיאַנער ברונעם, האָט נאָכעם אַ זעץ געגעבן מיט די באָרוועסע פיסלעך דער שקאַפּע איבערן בויך און זיך אַ טראָג געטאָן צו די פעלדער פונעם שכיינעסדיקן קאָלווירט. און אַלט איז ער דעמלט געווען, נאָכעם, וויפל זײַן איזי איז איצט אַלט, אויב ניט ייִנגער.

דער אָוונט האָט זיך שוין אײַנגאַנצן אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, זיך צונויפגעגאָסן מיטן שוואַרצן אופגעאַקערטן פעלד, איבער וועלכן ס'האָבן טראָט נאָך טראָט, ווי אַרויף־באַרג, זיך שווער געשלעפּט די צוויי אײַנגעשפּאַנטע פערד אין דער זייעלקע. אויסער דעם טאַטן, איז אויפן סטעפּ מער קיינער ניט געווען.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט דער טאַטע אַראָפּגעשריִען צו אים פון דער זייעלקע.

— די מאַמע האָט מיך געשיקט דיך רופן. מע גייט שוין אין קלוב.

— זאָג דער מאַמען, אַז זי זאָל אויף מיר ניט וואַרטן. איך דאַרף דערזייען די דאָזיקע פּײַקע. נעם, פאָר אַהיים.

— טאַטע, — האָט נאָכעם זיך אָנגערופן, — איכ'ל דיר צוהעלפן. גוט?

ער איז אַרופגעשפּרונגען צום טאַטן אויף דער זייעלקע, נאָכשפּירנדיק, ווי פון די ווײַסע אײַטער שיטן זיך אין דעם אופגעאַקערטן שוואַרצן שרונט פון פעלד גרויסע בלאָנדע קערנער.

אומקערנדיק זיך פון פעלד אַהיים, האָט ייִצכאָק פאַרקערעוועט צום קלוב, וואָס האָט זיך געלויכטן מיט אַלע זײַנע פענצטער, אַ קוק טאָן, ווו האַלט מען דאָרט, צי וועט ער באַוויזן נאָך עפּעס אַרײַנכאַפּן פונעם יאָמטעוודיקן אָוונט, אויב ער וועט אָפּגיך, איינס און צוויי, זיך אײַנוואַשן און זיך איבערטאָן.

ער האָט שטיל געעפנט די טיר און געבליבן אומבאַמערקט שטיין בײַ דער שוועל. ווי ליכטיק העל עס האָבן ניט געברענט די קעראָסינעווע לעמפּ אויף די ווענט, האָט זייער שײַן אָהער ניט דערגרייכט. ייִצכאָק האָט אָבער ניט באַוויזן זיך רעכט אַרומקוקן, ווי עמעצער האָט הינטער זײַנע פּלייצעס אויפן גאַנצן קאָל אויסגעשריִען:

— געגנדין איז געקומען!

— ווו איז ער דאָרט, דער מעכאַלעל־יאָמטעוונעק? — האָט זיך דערטראָגן פון די פאָדער־שטע בענק הירשעס קאָל.

— אָט שטייט ער.

— האַלעוווי וואָלטן מיר אַלע געווען אַזעלכע מעכאַלעל־יאָמטעוונעקעס, — האָט זיך אָנ־גערופן פון דער בינע דער וואָקסיקער פאַרזיצער פון קאָלווירט מיכל־בער, און ער האָט פאַרבעטן ייִצכאָקן אין פרעזידיום פון דעם פײַערלעכן אָוונט.

— אַן אַנדערש מאָל, מיכל־בער. איך דאַרף פריִער גיין אַרומוואַשן זיך און זיך איבער־טאָן... ס'איז דאָך עפּעס יאָמטעוו אויף דער וועלט.

עס האָט אים אָבער גאָרניט געהאָלפן. מע האָט אים שיר ניט מיט גוואַלד אַרופגעשטופּט אויף דער בינע און אים אוועקגעזעצט אויבנאָן באַם טיש. וואָס האָט געזאָגט דער טאַטע, ווען מיכל־בער האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, וואָלט נאָכעם זיך עפּשער דערמאָנט, ווען ס'זאָל אים ניט געווען איבערשלאָגן די מאַמעס מיט איר דערשראָקן קאָל:

— ווּהין איז עס איזי שוין ווידער אַנטלאָפן?

ערשט איצט האָט נאָכעם באַמערקט, אַז דאָס בענקל לעבן אים איז ליידיק.

— נעם זיך ניט צום האַרצן, מאַמע. ער האָט זיך געפונען כאַווײרים און שפּילט זיך דאָ מיט זיי ערגעץ.

— ווען ניט די מילכאָמע, — האָט זיך געלאָזט הערן שײַע, וואָס איז געזעסן אין עק טיש, — וואָלט ייִצכאָק נאָך געקאָנט לעבן און לעבן, געווען אַ ייִד אַ גוואַר. די מילכאָמע לאָזט זיך נאָך פילן.

פּייגע האָט באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אינעם פאַרטעך.

שײַע האָט זי געפרווט באַרויִקן:

— פאַרגעסט ניט, פּייגע, אַז סע האָט, כאַלילע, געקאָנט זײַן ערגער.

— גאָט מײַנער, וואָס קאָן שוין זײַן ערגער?

— זאָגט עס ניט, פּייגע. ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, איז ער פאָרט געשטאָרבן בײַ זיך אויפן בעט, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אייניקלעך, איר האָט אים אַרויסבאַגלייט אין זײַן לעצטן וועג, איר קאָנט קומען צו אים אויפן קייווער. און איך ווייס אַפילע ניט, ווו איז דער געביין פון מײַן מוישקען. קיין אַכצן יאָר איז ער דאָך ניט אַלט געווען, ווען ער איז אַוועק אויפן פראָנט. אַז מע גיט זיך אַ דערמאָן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן בײַ אונדז אין ייִשעוו און אומעטום, ווו דער פאַשיסט איז געווען... וועער פון אונדזערע קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן זיך ניט עוואַקויִרט, זײַנען געבליבן לעבן?.. זינדיקט ניט, פּייגע. איר האָט פונדעסטוועגן

אלע קינדער מיט די אייניקלעך לעבן זיך, און לאָמיר האָפן, פייגע, אז די אייניקלעך וועלן קיינמאָל ניט וויסן פון קיין מילכאָמעס, פון קיין עוואקואציעס, פון קיין באָמבעס...

— האַלעווײַ. זע, ווו ביסטו עס שוין ווידעראמאָל געווען? — האָט פייגע זיך געוואונדט צו איזין, וואָס איז א פארפאַליעטער געקומען צו לויפן.

— אפן באשטאן.

זיך אוועקגעזעצט צוריק לעבן דעם טאטן, האָט איזי זיך צוגעהערט, וואָס דערציילט מען דאָ נאָך באם טיש וועגן זײַן זיידן.

אין סאמע מיטן דערמאָנען זיך וועגן יִיצכאָק געבדינען אין די גאָר ווײַטע און גאָר נאָענטע יאָרן האָט הירשע זיך מיטאמאָל אָנגערופן צו נאָכעמען:

— הערסטו, נאָכעם, איך אף דײַן אָרט וואָלט ביכלאל געמאכט א האשיווייִנו נאזאד, אויסגעקערט דעם דישל צוריק אהער. ס׳אוועק דאָך די צײַטן פון זײַן צעזייט און צעשפרייט.

— וואָס עפעס, רעב הירשע, צעזייט און צעשפרייט? קראסנאָיארסק הייסט ניט הײַנטיקע צײַטן צעזייט און צעשפרייט. פאר איין טאָג, אז מע וויל, קאָן מען זײַן הין און צוריק.

— דאָס, נאָכעמקע, ווייס איך. אפילע אין ביראָבידזשאן, אז מע איז, קאָן מען אויך פאר איין טאָג זײַן דאָ און דאָרט. איך רייד גאָר אנטקעגן עפעס אנדערש. צי דען ציט דיך ניט צוריק אהער, הא? ביסט דאָך דאָ, קאָן מען זאָגן, אויסגעוואקסן.

— און אז עס ציט? וואודע ציט.

— כ׳האָב טאקע אזוי געקלערט. וואָס זאָלסט ניט זאָגן, א זאוואָד בלײַבט א זאוואָד. מאשינעס. אָבער די ערד איז ניט קיין מאשין, ס׳איז א לעבעדיק וועזן, און נאָך א לעבעדיק וועזן בענקט זיך. אָט נעם, אשטייגער, אונדזער שײַען, מיינסט, ער האָט געמאכט א שלעכט לעבן אין שטאָט, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין קאָלווירט אהער?

— אף אלע מײַנע גוטעפרײַנט געזאָגט געוואָרן, ווי גוט מיר האָט זיך געלעבט אין שטאָט, — האָט שײַע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דאָ האָט זיך ארײַנגעמישט נאָכעמס יִינגערער ברודער, דער געוויינלעך שווײַגעוודיקער פיניע, דער איינציקער פון די געבדינס, וואָס האָט זיך איבערגעקליבן פון זײַן דאָרפישער שטוב אין דעם שטאָטיש־דאָרפישן פינפגאָרנדיקן הויז:

— פאראן דערבײַ אָבער א סאָד. דאָס האָבן די כעוורע זײַנע אים צוריק אריבערגעפעקלט.

— דיך כידעשט עס? — שײַע האָט זיך אינגאנצן אויסגעדרייט צו נאָכעמען, — מענטש איינער, ס׳זײַנען איצטער אנדערע צײַטן. אמאָליקע יאָרן, ווי קומסטו עס צו געדענקען, איר אָבער, פייגע, דארפט עס געדענקען, אמאָליקע יאָרן זײַנען די קינדער נאָכגעפאָרן נאָך די עלטערן. ווהין די עלטערן, אהינצו די קינדער. איצט איז געוואָרן פונקט פארקערט. די על־טערן פאָרן נאָך נאָך די קינדער. און ניט, כאָלילע, ווי מיר אמאָל, צוליבן שטיקל ברויט. ברויט און צום ברויט קען מען הײַנטיקע יאָרן פארדינען אומעטום. ווי זאָגסטו, איזי?

נאָכעם האָט ניט פארשטאנען, וואָס האָט זיך עס שײַע געגעבן מיטאמאָל אזוי א בייג אָן צו איזין, וועלכער איז קוים אײַנגעזעסן באם טיש און זיך ניט געקאָנט דערווארטן, ס׳זאָל זיך דאָ אלץ פארענדיקן, און ער זאָל קאָנען אנטלויפן צו זײַנע כאוויירים אפן באשטאן.

— איזינקע, — האָט שײַע בא אים געפרעגט, — וווּ איז דיר בעסער געפעלן, דאָדערט צי אין קראסנאָיארסק?

— אי דאָ, אי אין קראסנאָיארסק, — האָט ער פריילעך אויסגעשריִען, ווי א גוט־צוגעגרייטן און אײַנגעכאזערטן לימעד.

— דאָס פארשטיי איך. אָבער פונדעסטוועגן?

— נו, וואָלסט וועלן דאָ פארבלײַבן אף שטענדיק? — איז פייגע געקומען צו הילף שײַען.

— יאָ, באָבע.



— דיר איז דאָ געפעלן? — האָט נאָכעם גע־פרעגט, און ווי אלעמען האָט זיך געדוכט, שוין ניט אזוי בא זײַן יִינגל, ווי גופע בא זיך אליין.

— זייער געפעלן. לאָמיר דאָ פארבלײַבן, טאטע, אף אינגאנצן.

אין דער שטים, מיט וועלכער דאָס יִינגל זײַנס, איזי, האָט עס ארויסגעבראכט, האָט נאָ־כעם, ווי א ווידערקאָל, דערהערט דעם טאטנס שטים, דאָס רויִקע, זיכערע קאָל פון יִיצכאָק געבדינען.

מאָטל טאַלאַלײַעװסקי

• איך װעל װאַרטן, װאַרטן •

דע סמאַליאַניצקע פֿאַרעט געװײנלעך זיך ניט אין קיך, עס קומט איר ניט אױס צו פֿאַרנעמען זיך מיט קאָכן — זי טאָגט און זי נעכטיקט אפֿן זאַװאָד, װוּ עס איז פֿאַראַן א גוטע גאַרקיך און אײנעם בופֿעט קאָן מען קריגן פֿון הערן און קלערן. דערצו איז זי אײנע אַלײן. און װיפֿל באַדאַרף א מענטש, בא װעלכן די אכילע איז ניט דאָס װיכטיקסטע אין לעבן?

זי װױנט אין א קלײן צימערל, װוּ די טיר איז פֿײַן באַשלאָגן מיט טונקל־בלױער צע־ראַטע און טײלט זיך אױס פֿון די איבעריקע מיט עפּעס א באַזונדער מײדלשער ציכטיקײַט. די שכײנעס זעען זי זעלטן און האַלטן דאָס דאַפֿקע פֿאַר א מײַלע. זעלטן שליסט זי אײַן איר קלײניטשקן טראַנזיסטער, דערבײַ שפּילט ער בא איר אַזױ שטיל, ער זאָל קײנעם ניט שטערן. אַפֿילע דאָס טונקל־רױטע קנעפּעלע פֿו־נעם עלעקטרישן גלעקל טוט מען זעלטן װען א דריק — קײנער קומט ניט צו אַדען, װי זי װאָלט ניט געהאַט אין שטאָט קײן באַקאַנטע.

אַדע איז א מיטאַרבעטערן אין דער זאַװאָדי־שער פּילטיראַזשקע, װאָס דערשײַנט דרײַ מאָל א װאָך, און איז זײער אָנגעלײגט בא די לײע־נער. מיט א יאָר צען צוריק האָט אַדע פֿאַרענ־דיקט דעם זשורנאַליסטישן פֿאַקולטעט פֿונעם כאַרקאָװער אינסטיטוט און װײַל איר מומע שע־װע איז שױן אַלט און קראַנק געװען און זיך גענײטיקט אין איר הילף, איז זי אַריבערגעפֿאָרן קײן קיִעװ, זיך אײַנגעאָרדנט אפֿן עלעקטראָ־מעכאַנישן זאַװאָד און מיטן גאַנצן האַרצן זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט. טאַקע פֿון דער מומע שעװע איז איר פֿאַרבליבן א ירושע — דאָס צימערל, װוּ זי האָט איצט געװױנט, ניט טראַכטנדיק אַפֿילע װעגן א באַקװעמערער דירע. אפֿן זאַװאָד האָט מען זי געשעצט פֿאַר דער מי־זאַמקײט, פֿאַר איר גוט האַרץ. מע האָט געהאַט געשמועסט, אַז דער רעדאַקטאָר מיראָן באַרי־סאָװיטש איז אין איר פֿאַרליבט, נאָר ס׳איז ניט עמעס — אױב ער האָט אַדען געשעצט מער פֿון אַנדערע, איז עס בלױז דערפֿאַר, װאָס ער קאָן זיך אַף איר פֿאַרלאָזן און שלאָפֿן רויִק — די צײַטונג װעט דערשײַנען צו דער צײַט, און קײן שום גרײַזן װעט סמאַליאַניצקע ניט דורכלאָזן. צום הונדערטיאָריקן יובילײ פֿונעם זאַװאָד האָט מען אױך אַדען באַלױנט מיט אַן ערן־מעדאַל — פּונקט װי מיראָן באַריסאָװיטשן. דעם רעדאַק־טאָר האָט אױך אימפּאָנירט, װאָס פֿון צײַט־צו־צײַט פֿלעגט אַדע אָפּדרוקן א נאָטיץ אָדער א פֿאַרצײכענונג אין דער שטאָטישער און אַפֿילע אין דער צענטראַלער פּרעסע.

אָפּטמאָל פֿלעגן צו אַדען אין רעדאַקציע פֿון דער פּילטיראַזשקע אַרײַנקומען פּרוּװן זיך האַלטן מיט איר אַן אײַצע, בעטן, זי זאָל אָנ־שרײַבן אין זײער נאָמען א מעלדונג צי אַן אַנקלאָגע. אָט דאָ ניט לאַנג איז צו איר געקו־מען א פֿרױ פֿונעם עלעקטרע־צעך און אױס־דערצײלט איר דאָס ביטערע האַרץ: דער מאַן האָט זיך פֿאַרליאַפּעט אין עפּעס א מױדע, און עס גײט דערצו, אַז ער זאָל זי פֿאַרלאָזן מיט די דרײַ קינדער.

װאָס האָט אַדע געקאָנט אײַצענען? זי האָט געפּרוּװט רײדן מיטן געזונטן און טאַקע בעע־מעס שײנעם פּרעזװראָװשטשיק, װעמענס פּאָרט־רעט עס הענגט אפֿן ערן־טאָװול באַם אַרײַנגאַנג אפֿן זאַװאָד, און װעגן װעלכן זי, אַדע סמאַליאַ־ניצקע, האָט אַלײן געשריבן א לױב־אַרטיקל אונטערן קעפּל: „פֿון אים נעמט א מוסטער!“

א פֿײַנעם מוסטער קאָן מען פֿון אים נעמען, אױב ער פֿאַרלאָזט זײַן פֿרױ מיט דרײַ קינדער...

— װאָס טראַכסטו זיך? — האָט אים אַדע געפֿרעגט.

— און װאָס איז דײַן אײסעק? — האָט ער איר אָפּגעענטפֿערט.

— ביסט דאָך שױן ניט קײן ייִנגל, צו אַלדי רוכעס — א טאַטע פֿון דרײַ קינדער!

— דו װעסט עס ניט פֿאַרשטײן, כאַװערטע סמאַליאַניצקע! דו קאָנסט עס ניט פֿאַרשטײן...

— פֿאַרװאָס? אַזאַ נאַר בין איך?

— גאָט זאָל היטן! — איך מײן דאָס ניט, כאַ־װערטע סמאַליאַניצקע, נאָר פֿאַרשטײן מיך קאָן בלױז א מענטש, װעלכער װײסט, װאָס עס איז

אזוינס ליבע. ליבע! פארשטייסט, ליבע! דו פערזענלעך האָסט אמאָל ליב געהאט?

בעסער וואָלט ער בא אדען וועגן דעם ניט געפרעגט!

צי האָט זי ליב געהאט? אוואדע, אוואדע איז זי געווען פארליבט, נאָך אין די סטודענטישע יאָרן, נאָך דעמלט, אפן דריטן קורס. דאכט זיך, ניט קיין מיִעסע — פארשטייט זיך, ניט אזאַ שיינהייט, ווי לענאָטשקע ספיוואק, וואָס האָט פראַסט און פּאָשעט, אָן שום אָנשטרענגונגען, צוגענומען בא איר דעם איינציקן, דעם, וואָס קיין אנדערער וועט שוין ניט קענען פארטרעטן.

אדע איז א געבילדעטער מענטש. זי איז פארליבט אין א גוטן בוך. אין דער ביכער־קראָם, ווו עס ארבעט אירס א שוועסטערקינד, באזאָרגט מען זי מיט אנטיקן, וואָס פרייען מאָמעש דאָס הארץ. ביז שפּעט אין דער נאכט זיצט זי בא דעם קײַלעכיקן טישעלע און בא דער שײַן פונעם גרינעם לאָמפּ שווימען דורך פאר אירע אויגן לעבנס־געשיכטעס. אין אייניקע פון די העלדן דערקענט זי זיך אליין, מיט אנדערע איז זי גרייט צו פירן א וויכועך, אייניקע וואָלט זי א באלן געוועון צו געבן אן אייצע, ווי־אזוי מע דארף זיך אופירן. נאָר אָט פארמאכט זי דעם בוך, לייגט זיך ארײַן אין קאלטן בעט... ס'איז גוט, וואָס נאָך א טאָג פון ניט גרינגער ארבעט ווערט זי באלד אנשלאָפן.

עס טרעפט, אז זי כאפּט זיך אמאָל ארײַן אין קינאָ, אמאָל אויך אין טעאטער. אליין, שטענדיק אליין.

אין איינעם אן ארויסגאנג־טאָג האָט אדע אָנגעקלונגען צו איר שוועסטערקינד סאָניע דאַבינע, זי זאָל איר, אויב דאָס איז מעגלעך, מיטהעלפן קריגן א בוך, וואָס איז שוין אויסגעפארקויפט.

— גוט, וואָס דו האָסט אָנגעקלונגען, — האָט געזאָגט סאָניע דאַבינע, — איך האָב גראָדע הײַנט זיך געקליבן דיך אָפּזוכן.

— וואָס עפּעס פלוצעם? — האָט אדע געפרעגט.

— דו ווערסט אײַנגעלאַדן אף דער כאסענע פון מײַן טאַמאַרעלען.

— זי האָט שוין כאסענע? וויפל איז זי אלט, טאַמאַרעלע?

— א נאַפּקעמינע! הײַנטיקע קאלעס האָבן קיין צײַט ניט...

— אף ווען זשע איז באשטימט די כאסענע?

— אף איבעראכטאָג זונטיק. זאָלסט אומבאַדינגט קומען!

— אומבאַדינגט!

— עס וועט זיך צונויפקלײַבן דאָס לעצטע ביסל קרויווים, און אויך אונדזער מאָסקווער ײַכעס — דער מאיאָר בעלאָבאָראָד — האָסט דאָך מינאסטאמע געהערט וועגן אים — לעאָניד אבראַמאָוויטש בעלאָבאָראָד, צוריק מיט עטלעכע וואָכן האָט געשריבן וועגן אים די צענטראלע פּרעסע. שוין זשע האָסטו ניט געלייענט?

— שטעל זיך פאָר, ניט געלייענט. איך פארטרעט דאָך איצט דעם רעדאַקטאָר, די גאנצע צײַטונג איז אף מײַנע פּלייצעס.

— נו, אוואדע, איך ווייס שוין, אז ווער עס שרײַבט אליין, האָט קיין צײַט ניט צו לייענען עפּעס אנדערס... מיט איין וואָרט — איבעראכטאָג זונטיק. ווערסט באקומען אן אָפיציעלע אײַנלאַדונג.

— ווייסטו כאָטש מײַן אדרעס? — האָט אדע ווידעראַמאָל, ניט ווילנדיק, א שטאָך געטאָן סאָניע דאַבינען.

— כ'האָב גאָר ניט געוווּסט, אדעטשקע, אז דו ביסט אזאַ בײַסיקע! וואָס הייסט איך ווייס ניט דײַן אדרעס? איך פלעג דאָך אמאָל ארײַנכאפּן זיך צו דער מומע שעווע...

אין א פּאָר טעג ארום האָט אדע סמאָליאַניצקע באקומען דורך דער פּאָטשט די אײַנלאַדונג, אין וועלכער עס איז מיט גאָלדענע אויסיִעס געווען אָנגעוויזן, אז די סימכע וועט פארקומען אין לאָקאל פונעם רעסטאָראַן אפן הויכן דניעפּער־ברעג.

אין טאָג פון דער כאסענע האָט א שכיינע זיך נאָכגעפרעגט:

— וואָס איז מיט אײַך, אדע יעפימאָוונע? מע קאָן דאָך אײַך אין פּאָנעם ניט קוקן, אזוי שיין זײַנט איר הײַנט, וואָס איז געשען?

— איך קלײַב זיך כאסענע מאכן מײַן פּלעמעניצע...

— זעט זשע, דער כאָסן זאָל קיין כאראָטע ניט האָבן, וואָס ער האָט ניט אײַך אויסגעקליבן!

— האָט קיין יעסורים ניט. מע וועט מיך דאַרט ניט אויסכאפּן.

דער דרויסן איז, ווי אומיסטן, געווען אין דעם דאָזיקן אָוונט אזוי שיין און פרילינגדיק־יונג, אז אלץ האָט געקוועלט און געזונגען. עס האָט געדאכט, אז די שטאָט איז פול מיט פארליבטע, און דער קיִעווער הימל איז בלויער ווי געוויינלעך.

די קרויווים און די געסט האָבן זיך פארזאמלט אין דער אָנגעוויזענער צײַט. די קלעזמער, וועלכע רופן זיך איצט „אנסאמבל”, האָבן זיך געסטאַרעט געפעלן וועלן כאָסן־קאלע און באזונדערס דעם מאָסקווער גאסט, וועלכער האָט זיך אויסגעטיילט צווישן אנדערע פײַערלעך־אויסגעפּוצטע אײַנגעלאַדענע מיט זײַן מיליטערישן אָנצוג, מיט זײַן גוואַרדייִשן צייכן און מיט די פינף שורעס פארשיידנקאָליריקע אָרדען־ און מעדאַלן־לײַסטלעך. אים האָט זייער געפּאַסט די גראָוו קוטשמע האָר. די שוואַרצע

געדיכטע ברעמען האָבן אונטערגעשטראָכן זײַן יונגקײַט. פון אונטער די ברעמען האָבן געקוקט צוויי קלוגע און אײנצײַטיק עטוואָס אומעטיקע אויגן. ער איז געווען צוגעלאָזט און באשיידן, און ווען טאמארעלע, די קאלע, האָט אים פאָרגעשטעלט פאר די געסט, האָט ער פאָרזיכטיק דערלאנגט די האנט און אָנגערופן זײַן פאמיליע.

— שאט נאָר! בעלאָבאָראָד! — האָט געפרעגט אן אלטיטשקער קאָרעוו פון כאָסנסצאד, — א באקאנטע פאמיליע. נו, יאָ! בעלאָבאָראָד. עפּשער אָט דער, וועגן וועלכן די בלעטער האָבן ניט לאנג צוריק געשריבן... דאָס האָט איר ארויסגעטראָגן פון א ברענענדיקן מויער א פרוי מיט א קראנק קינד?

— געווען אזא פאל.

— קומט דאָך אײַך א יאשער־קויעך! און אויב מע זאָל נאָך נעמען אין אכט, אז איר זײַט שוין ניט קיין ייִנגעלע... — דער ייִד איז צוגעגאנגען נעענטער צום גאסט. — שאט, פון וועלכן יאָר זײַט איר? אויב דאָס איז ניט קיין סאָד...

— א סאָד אָף גאנץ בראָד! — האָט לעאָניד אבראמאָוויטש א שמייכל געטאָן, — האיאָר ווערט מיר צוויי און פופציק...

— צוויי און פופציק? — האָט זיך אדע יעפּימאָווגע ארויסגעכאפּט.

— וואָס זשע, איך זע אויס עלטער?

— צוויי און פופציק? — האָט אדע איבערגעפרעגט. — ווען זשע האָט איר באוויזן פארדינען די אָרדענס און מעדאלן?

— יעדע באלוינונג האָט איר געשיכטע. און אָנגעהויבן האָט עס זיך פון א מעדאל, וואָס איך האָב באקומען פאר פאָרסירן דעם דניעפּער אינעם בארימטן דרײַ־און־פערציקסטן... דאן בין איך אלט געווען אכצן יאָר...

— דערציילט, דערציילט, לעאָניד אבראמאָוויטש, — האָט אדע אים א ריר געטאָן באם ארבל. — אין יענעם יאָר, און אין יענעם הארבסט בין איך געבוירן געוואָרן...

לעאָניד אבראמאָוויטש האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— אָף סימכעס דארף מען זײַן פריילעך. בעסער אָפּלייגן אָף שפּעטער די דערמאָנונגען וועגן דער מילכאָמע...

— יאָ, יאָ, אוואדע, — האָט אונטערגעכאפּט די קאלע, — דערציילט בעסער עפּעס וועגן מאָסקווע, וועגן אײַער ליזעטשקען. וואָס מאכט זי און פארוואָס איז זי ניט געקומען אָף מײַן כאסענע?

— דאָס איז אויך ניט פון די פריילעכע טעמעס, — האָט מיט א קוים באהאלטענעם פארדראָס געענטפערט לעאָניד אבראמאָוויטש.

עס זײַנען זיך צונויפגעקומען אלע געסט, דער „אנסאמבל" האָט שוין אָפּגעשפּילט א גוטן צענדליק וויוואטלעך, און די מעכוטענעסטע האָט אײַנגעלאדן די געסט צו די סערווירטע טישן. אדע איז געזעסן באנאנד מיט בעלאָבאָראָדן. איר איז געפעלן געווען, וואָס צום גלעזל האָט דער מאָסקווער גאסט זיך בלויז צוגערירט מיט די ליפּן, און ער איז די גאנצע צײַט געווען אינגאנצן ניכטער. ווען מע האָט אים געגעבן דאָס וואָרט פאר א טאָסט, האָט ער געזאָגט בלויז עטלעכע ווערטער:

— זאָל אײַער ליבע זײַן ערלעך און לויטער, ווי דער פרימאָרגן־טוי אָפן פרילינגדיקן גראָז.

ווען מע האָט שוין אויסגעהערט א פּאָר צענדליק טאָסטן און כאָסן־קאלע זײַנען מיד געוואָרן צו קושן זיך אונטערן אקאָמפּאנעמענט פון די געשרייען „ביטער!", „ביטער!" — די געסט האָבן זיך שוין א הייב געטאָן פון זייערע ערטער און זיך געלאָזט טאנצן, — האָבן אדע און דער מאיאָר זיך אײַנגעאָרדנט אין א זײַט, באם צעוואקסענעם פיקוס — א ביסל זיך אָפּרוען פונעם טומל.

אדע איז ניט פון די, וואָס האָבן ליב זיך גריבלען אין יענעמס לעבן, נאָר דאָס מאָל האָט זיך איר גראדע געוואָלט וויסן, פארוואָס טאקע איז ער דאָ איינער אליין, לעאָניד אבראמאָוויטש. עפּשער דערפאר, ווײַל זי האָט הײַנט אויסגעטרונקען דרײַ־פיר גלעזעלעך, צי ווײַל בעלאָבאָראָדס שווײַגן האָט ארויסגעגעבן זײַנע איבערלעבונגען, — האָט אדע זיך דערלויבט א פרעג טאָן:

— פונדעסטוועגן, כאָווער מאיאָר, פארוואָס האָט איר מיט זיך ניט מיטגענומען אײַער פרוי?

— עפּשער דערפאר, וואָס זי איז שוין ניט מײַן פרוי...

— האָט איר זיך, הייסט עס, געגעט אָף דער עלטער?

— אָט, אָט! איר האָט זייער טרעפלעך געזאָגט: אָף דער עלטער...

אן אנדערס מאָל וואָלט בעלאָבאָראָד עפּשער ניט אנטפּלעקט זײַן הארץ פאר א מענטשן, וועלכן ער זעט דאָס ערשטע מאָל. צוליב וואָס? נאָר אדע יעפּימאָוונא האָט בא אים ארויסגערופן אזויפיל סימפּאטיע און צוטרוי, אז ער האָט אומגעריכט פאר זיך אליין איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן זײַן לעבן.

אדע האָט געהערט און זיך געכידעשט וויאזוי אזא מענטש, ווי בעלאָבאָראָד, האָט געקענט אויסהאלטן אזויפיל יאָרן פון א פּוסטער פרוי, פון אזא, וואָס שטרעבט נאָר צו אויסערלעכן עפעקט און איז ניט פייִק עמעצן ליב האָבן.

ביז שפּעט אין דער נאכט האָט געהילכט די כאסענע. די קלעזמער זײַנען שוין מיד געוואָרן צו שפּילן די וואלסן און די טאנגאָס און די פריילעכסן.

— א שאָד, וואָס די מומע ליזע איז ניט געקומען אָף מײַן כאסענע, ווען זי זאָל זײַן דאָ,

וואָלט איר, לעאָניד אַבראַמאָוויטש, אונדז באַ־וויזן, וויאַזוי מע דאַרף טאַנצן.

— טאַקע, — האָט דער כאָסן אונטערגעהאַלטן זײַן באַשערטע, — פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע ניט דורכגיין זיך אין א טאַנץ?

לעאָניד אַבראַמאָוויטש האָט זיך אופגעהויבן, צוגעגאַנגען צום „אַנסאַמבל" און באַשטעלט א פריילעכס. ער האָט פּאַרזיכטיק גענומען באַ דער האַנט אַדען און אַוועקגעשווומען מיט איר אין א קרײַז און אין נאָך איינעם.

אַף מאָרגן האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן, אַדע מיט בעלאַבאַראַדן, באַם כאָסנס עלטערן. דאָ זײַנען געווען די סאַמע נאָענטע מענטשן. די כאָסן־קאַלע — בלייכע און מידע פון וויינטשעוואַניעס און אייצעס, וויאַזוי צו אויסלעבן אין יושער און אין קאָוועד זייער לעבן, — האָבן מערסטנטייל געשוויגן, ווי זיי וואָלטן אויספּילן אַן אָפּקומעניש. אַדע, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען אין אָט דער שטוב, איז אהער אײַנגעלאַדן צוליב דעם גאַסט פון מאָסקווע.

אויך אין דעם אָוונט איז לעאָניד אַבראַמאָוויטש געווען ניט זייער באַרײדעוודיק, מע האָט געפּרוווט אַריבערפירן דעם שמועס אַף דערמאָנונגען וועגן דעם קריג, נאָר דאָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. שפּעט אין דער נאַכט האָט דער מאַיאָר זיך צוגעזעצט צו דער פּיאַנע און מיט זײַן הייזעריקער שטים גענומען זינגען: „באַ יענעם אומבאַקאַנטן יישעוו, און אַף דער אומבאַוווסטער הייך..."

דערנאָך זײַנען ביידע לאַנגזאַם געגאַנגען איבער די פרילינגדיקע גאַסן פון דער שטאָט. אַדען האָט זיך פאַרוואָלט אײַנלאַדן לעאָניד אַבראַמאָוויטשן צו זיך אין צימער, קעדיי נאָך א שאָ און נאָך א שאָ פאַרברענגען מיט אים, נאָר זי האָט זיך ניט דערוועגט עס צו טאָן — וואָס וועט ער טראַכטן וועגן איר און וואָס וועלן די שכיינים זאָגן.

...בײַס דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט אַדע זיך אופגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער און א קוש געטאָן בעלאַבאַראַדן:

— איך וועל וואַרטן, וואַרטן...

אַלעקסאַנדער ליזען

• א נאַכט אָן רו •

דאָס קינד וויינט. אוי, וואָס טוט מען? אַליק, וואָס שטייט אָנגעבויגן איבערן בעטל, גלייכט זיך אויס. ער נעמט אַראָפּ די ברילן, עפּשער שרעקן זיי דאָס קינד. ער טוט נעבעכדיק א שמייכל צום מיידעלע. נאָר דאָס קינד וויינט, דאָס פּנעמל — איינע קנייטשן, רויטע קנייטשעלעך, און טרערן רינען איבער זיי, ווי איבער רינוועלעך.

אַליק איז אין קאַס אַפן קינד. אָן די ברילן זעט ער אַליין אויס קינדעריש־אומבאַהאָלפן. דאָס פּאָנעם פאַרקרימט זיך באַ אים, אָט־אָט צעוויינט ער זיך אויך.

— וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס? ס'איז נאָך ווייניק, וואָס דו האָסט מיר אַלץ קאַליע געמאַכט, עסטו מיר נאָך אָפּ דאָס האַרץ מיט דײַן רעוועניש!

דוכט זיך, אַז דאָס מיידעלע הייבט זיך אָן צוהערן. רעדט ער ווײַטער.

— און ביכלאַל, וואָס פאַר א טײַנעס קאָנסטו האָבן צו מיר? איך בין דיר ניט קיין טאַטע, ניט קיין ברודער. איך בין דיר א ווילד־פרעמדער מענטש. איך ווייס אַפילע ניט, וויאַזוי מע רופט דיך.

דאָס קינד ווערט אַף א ווײַלע אַנשוויגן. דאָס פּנעמל איז נאָך פאַרגאָסן מיט טרערן און די אייגעלעך קוקן שטאַר און געשפּאַנט. אַליק דערפרייט זיך. נאָר דאָס קינד ברעכט ווידער אויס מיט א געוויין:

— מאַ־אַ... מאַ־אַ...

אַליק הוסט זיך דורך. ער וויל, אַז זײַן שטימע זאָל זײַן צאַרט און בעניִמעסדיק. ער בייגט זיך ווידער אָן איבערן בעטל און גיט דעם קינד צו פאַרשטיין מיט א לעפישן טשמאָקע פון די אויסגעסטאַרטשעטע ליפּן און מיט ווערטער, וואָס ניט סע הערט זיי, דאָס קינד, ניט סע פאַרשטייט זיי:

— מאַ־אַ... מאַ־אַ... וואָסי, כ'פאַרשטיי דען ניט? מאַמע! ווילסט די מאַמע, ווילסטו. איז ווו זאָל איך זי דיר נעמען, אַ? ווייסט דען ניט, אַז דײַן מאַמע ליגט איצט אין שפּיטאָל און מע מאַכט איר פאַרשיידענע אײַנשפּריצונגען, מע ראַטעוועט זי, פאַרשטייסט?

אַליק פאַרשטעקט ביידע אויערן מיט די

פינגער. איצטער הערט ער ניט די געשרייען. ס׳איז אָבער נאָך ערגער. א קליין פענעמל קרימט זיך אין קראַמפן. א פאַכעד פאלט אָן אף אַליקן. דאָס קינד קער זיך נאָך פארגיין. ער שלעפט ארויס די פינגער פון די אויער־לעכלעך, בייגט זיך אָן איבערן בעטל, וויל נעמען דאָס קינד אף די הענט, נאָר זאָגט זיך גלײַך אָפ פון דעם. דאָס מיידעלע צערעוועט זיך נאָך שטאַרקער פון זײַן קאלטן צוריר. און ער, אַליק, האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט, וויאַזוי ער נעמט דאָס קינד אף די הענט, גייט ארום מיט דעם איבערן צימער, הוידעט עס און זינגט דערבײַ א־א־א... דערנאָך וועט ער דערציילן עפעס א מײַסעלע. וואָס פאר א מײַסעלע, ווייסט ער לעסאַטע ניט. אָנהייבן וועט ער, אשטייגער, אזוי: „אמאָל איז געווען א מיילעך, דער מיילעך האָט געהאט א מאלקע...”, און דערנאָך וועט ער שוין צוטראַכטן עפעס. נו, לאָמיר זאָגן, וועגן דעם ווילן דאָקטער אײַבאָליט, וועלכער וועט אומבאַדינגט אויסהיילן די מאַמע פון אלע אירע קראַנקײַטן און וועט זי ברענגען אהיים אין א פרעכטיקער מאַשין מיט א גרויסן רויטן קרייץ.

און וויבאלד אליק דערמאָנט זיך וועגן דער דאָזיקער מאַשין, ווערט אים גלײַך קאלעמוטנע אפן האַרצן. ווען זיי האָבן ארויסגעטראָגן אף א טראָג־בעטל די פרוי, זײַנען די אויגן בא איר געווען פארמאַכט, דאָס פּאָנעם בלאַס, אָן א טראָפן בלוט. זי האָט אויסגעזען נאָך בלייכער איבער די קורצע צעשויבערטע שווארצע האָר. באַם ארויסגאַנג האָט מען געמוזט א בייג טאָן דאָס בעטל, האָט א קליינער קולאָן, א גאָלדענער, צי א באַגילדעטער, א וואַקל געטאָן זיך אַהין־אַהער, ווי אַן אומרו, איבערן מילך־ווײַסן האַלדז. דעמלט האָבן אלע דערהערט א קינדערש געוויין. מע איז געבליבן שטיין אף א ווײַלע. דעם דאָקטערס מיד געזיכט, מיט די סטאַרטשענדיקע ווי אומיסטן צוגעקלעפטע וואָנצעס, האָט זיך פארקרימט.

— קלינגט אָן אין דער שכײַנישער קוואַרטיר, עפשער וועט עמעצער אכטונג געבן אף דעם קינד.

אליק האָט אָנגעקלונגען. צוערשט איין מאָל. נאָכדעם א צווייט מאָל. דערנאָך — לאַנג, אײַנגעשפאַרט. ערשט דעמלט האָט זיך דערהערט א זקייניש שלאַבעריק קאָל פון יענער זײַט טיר:

— ווער איז דאָרטן?

— עפנט אויף! ס׳איז די גיכע הילף.

— ווער דאַרף זי, די גיכע הילף, מײַנע סאָנים! כ׳האָב זי דען ארויסגערופן?

אליק פרוּווט דערקלערן דורך דער פארמאַכטער טיר, אין וואָס עס גייט.

און ווײַל ער טוט עס אומגעדולדיק, פלאָנטערט ער א ביסל, די זקיינע עפנט אוף א קליינינקע שפאַרונע און שלאָגט אים איבער:

— אלע זײַנען אוועקגעפאָרן צום יאַם, און זיי האָבן מיר שטרענג אָנגעזאָגט קיינעם ניט ארײַנלאָזן אין דער קוואַרטיר... ביפראַט נאָך באַנאַכט. — און די טיר פארהאַקט זיך.

דאָס קינד וויינט און שרײַט „מאַ!”, די „מאַ” ליגט, נעבעך, פארכאַלעשט אפן בעטל, און דער מידער דאָקטער מיט די צעשויבערטע וואָנצעס זאָגט אליקן אומבאַשטימט און ניט שטאַרק זיכער, צי ער רעדט צו דער זאַך:

— העלפט ארויסטראָגן די פרוי. דערנאָך וועט איר זיך מוזן אומקערן און פארבלײַבן דערווײַל מיטן קינד.

אליק וויל דערווידערן. ער האָט שוין געעפנט דאָס מויל. וואָס פארבלײַבן? ווען פארבלײַבן? און עפשער נאָך אף גאַנצער נאַכט? און אַנעטע? און דער לאַנג דערוואַרטער שפאַציר צום באַרג? און דער זון־אויפגאַנג?.. דערזעט ער אָבער אונטערן ווײַסן צעקנייטשטן קאָלפעק א פאָר מידע צעראַשטע אויגן, באַקומט ער ראַכמאָנעס אפן דאָקטער און שווײַגט... ער איז דאָך אליין אויך א סטודענט פון א מעדיצינישן אינסטיטוט. איז וואָס ערגערט ער זיך אזוי, וואָס דאָס קינד וויינט? זאָל עס וויינען. סע וועט אָפוויינען זײַנס און אויפהערן. ביפראַט אַז לויט דער מעדיצין איז דאָס נוצלעך פאר א קינד, די לונגען פארהאַרטעווען זיך.

ער גייט ווידער צו צום בעטל, נעמט אראָפ די ברילן, בייגט זיך אָן צום קינד, רוקט ארונטער מיט א פארקרימטער מינע די האַנט אונטער דעם שרײַענדיק צעכראַסטעטן פיצל, טוט א טאַפ פון אונטן דאָס העמדעלע: ניין, טרוקן. איז וואָס זשע גוואַלדעוועסטו? עפשער וואָלט איך גאָר געדאַרפט וויינען און ניט דו. אַנעטע האָט מיר צוגעזאָגט נאָך פאַראיאָרן, אפן ארויסלאָז־אָוונט, א פערזענלעכן זון־אויפגאַנג. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט ניט שלאָפן א גאַנצע נאַכט, זיך פארקלײַבן אפן שפיץ באַרג און באַגעגענען די סאַמע ערשטע שפריצן פון דער פײַערלעך־אויפגייענדיקער זון. נעמט דײַן „מאַ” און באַקומט א האַרץ־אַטאַקע, און איך מוז גאָר זיצן בא דײַן בעטל און הריזען זיך, וואָס אַנעטע וואַרט באַם באַרג, שפאַנט ארום אהין־אהער א צעקאָכטע, אָן אָנגעדרודלטע, — ניין, זי וועט מיר דאָס קיינמאָל ניט מויכל זײַן, סײַדן... וואָס — סײַדן? גאָלע גאָרניט. ערשט נאָך דעם, ווי איך וועל איר אלץ איבערדערציילן, וועט זי מיך איראָניש א פרעג טאָן מיט דורכדרינגלעכע אויגן: „האָסט ניט געקאָנט צוטראַכטן עפעס קליגערס?” וואָדען! טאַקע מעשונעדיק־אומגלייבלעך! אליקן אליין ווײַזט זיך אַצינד אויס, אַז עפשער שלאָפט ער גאָר, און דאָס פארשאָטנט צימערל מיט דער געדיכטער גרינער שײַן, וואָס ריזלט פון אונטערן אַבאַזשור, דאָס בעטל מיטן כליפענדיקן מיידעלע, דער קולאָן, וואָס האָט זיך באַוועגט, ווי אַן אומרו, איבער דעם מילך־ווײַסן האַלדז פון דער פארכאַלעשטער פרוי, — דאָס אלץ זעט ער עפשער גאָר אין כאָלעם.

ער גייט צו צום טיש, וויל אויסשליסן די גרינע שײַן, עפשער וועט דאָס קינד גיכער אַנשלאָפן ווערן אין דער פינצטער, נאָר די האַנט פארהאַלט זיך, וואָרעם זײַנע אויגן דערזעען א צעקנייטשט שטיקל פאַפיר אפן טיש. אָ! א טער־

לעגראַמע... אַ מאָדנע טעלעגראַמע פֿון איין וואָרט און פֿיר ציפֿערן. „באַגעגן 22.00“. און שוין. קיין כּסימע. קיין „כ׳קוש“.

אַליק שליסט אויס די שײַן, לאָזט זיך מיד אַראָפּ אַף אַ בענקל און קוקט אין דער פֿינצטער. דאָס קינד וויינט שוין ניט. ס׳האָט נעבעך שוין ניט קיין קויעך. איז גוט. עפּשער וועט עס אײַנשלאָפֿן, וועט ער אַראָפּלאָזן די הענט אַפֿן טיש און דעם קאָפּ אַף די הענט און וועט אויך כאַפּן אַ דרעמל. ער הערט זיך צו צו דער שטילקײַט מיט אַ פֿאַרטײַעטן אָטעם. דער אויער איז אָנגעצילט צום ווינקל, ווו סע שטייט דאָס בעטל. שאַ־שטיל. ער פֿאַרמאַכט די אויגן, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פּרווווט וועגן קיין זאַך ניט טראַכטן. אָבער עפּעס קוועטשט אים און קוועטשט, לעמאָשל, פֿאַרוואָס איז ניטאָ „כ׳קוש“? צוליב שפּאָרזאַמקײַט? אייסעך וואָס! איז נאָך אַ פּיאַטאַקל. ניין, עפּעס מער איקערדיקס שטעקט אין דעם. מאָרגן, ווען ער וועט זיך נעמען דערציילן אַנעטען וועגן דער־אָ מעשונעדיק־אומדערוואַרטער נאַכט און זי וועט קוקן אַף אים מיט אירע נאָך באַרויִגעזלעכע, אָבער שוין אָפּשפּעטערישע, אויגן און וועט אים ניט גלייבן, וועט ער איר שווײַגנדיק באַווײַזן די טעלעגראַמע. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען ניט פֿאַרטײַטשן. ריידן וועלן נאָר די אויגן. אַזאַ טעווע האָט זי, אַנעטע. זי קוקט אַף דיר געשפּאַנט, אומפֿאַרשעמט, ביזוואַנען דו קאָנסט שוין ניט אויסהאַלטן און לאָזסט אַראָפּ די אויגן און דערזעסט אירע לאַנגע פֿאַרברוינטע פֿיס און פֿאַרפֿירערישע קליבעס, וואָס אַ פּיצל קליידעלע פֿאַרדעקט זיי קוים. אַליק ווייסט ניט וואָס צו טראַכטן. צי אַנעטע איז אין אים אַזוי שטאַרק פֿאַרליבט און זי עסט אים מיט די אויגן, צי זי באַקוקט אים, דערלערנט אים נאָך אַלץ אויס הוילער נײַגעריקײַט, אָדער עס זײַנען פֿאַראַן בײַ איר טיף פֿאַרטײַעטע קאַוואָנעס. די דאָזיקע לאַנגדערוואַרטע נאַכט האָט אַליק פֿאַרטראַכט אויסצונוצן צוליב אַן ענדגילטיקער דערקלערונג. צײַט — געווענג, אַרום־און־אַרום — רו און באַדאַכטקײַט, נו און טאַקע אַ גרויסער באַשטערנטער הימל איבערן קאָפּ, אַ שטומער איידעס, מע דאַרף זיך נאָר האַלטן פֿעסט, קוקן איר גלײַך אין די אויגן אַזוי לאַנג, ביז זי וועט די ערשטע אַראָפּלאָזן זיי, אַ פֿאַרשעמטע, אַ טשוּווע טוענדיקע אײנעם פּרווו צו פֿאַרוואַנדלען אַ ליבע אין אַ ליבע־שפּיל, און ווען עס וועלן אַ שפּראַץ טאָן די סאַמע ערשטע קאַריקע זונענשטראַלן, וועלן זיי שוין ביידע וויסן אַף זיכער, ווו זיי האַלטן: אַרומנעמען זיך, אַז איין האַרץ זאָל דערפֿילן דאָס צווייטע, צי צעגיין זיך גלײַכגילטיק אין פֿאַרשיידענע זײַטן.

שאַ. דאָס קינד שלאָפֿט שוין. ס׳איז מעכײַעדיק שטיל. אַפֿילע דאָס האַרץ קלאַפּט שטילער, ריטמישער.

שוין גוט, דאַכט זיך? איז ניין. ווידער ספֿייקעס. ס׳איז עפּעס צו שטיל אין צימערל. אַליק שפּיצט אָן די אויערן. דאָס קינד מוז דאָך עטעמען, פֿאַרוואָס זשע איז אַזוי שטיל?

ער ציט אויס די האַנט, טאַפּט אָן דאָס קנעפּל פֿונעם טיש־לאָמפּ, אַ גרינע שײַן צעגיסט זיך איבערן טיש, און נאָר אַ קליין שאָטנדל פֿון דער צעקנייטשטער טעלעגראַמע זעט אויס, ווי אַ שוואַרץ אינדזעלע אין אַ גרינער סאַזשלקע. ער פֿאַרטײַעט דעם אָטעם און גייט צו אַף די שפּיץ פֿינגער צום בעטל, בייגט זיך אָן, און ערשט אַצינד באַמערקט ער, וואָס פֿאַר אַ שיין פּענעמל עס האָט דאָס מיידעלע, ווען עס וויינט ניט און די בעקעלעך זײַנען ניט פֿאַרקרימט און צעפּלאָסן.

דאָס קינד טוט פּלוצעם אַ געשמאַקן טשמאָקע מיט די ליפּן. אַליק מיינט, אַז סע וויל שוין עסן. שטילערהייט לאָזט ער זיך גיין אין קיך, קוקט אַרײַן אין סלאָיִקלעך און טעפּלעך, זוכט מילך, נאָר געפֿינט ניט. קערט ער זיך אום אין צימער — אַלץ אַף די שפּיץ פֿינגער און מיט אַ פֿאַרטײַעטן אָטעם, זוכט אָפּ צווישן די גרינבלעכע שאָטנס דעם ווײַסן כאַלאַט, וואַרפֿט אים אַרויף אַף די פּלייצעס און ציט אַרויף דעם קאָלנער אַזוי, אַז ער זאָל סטאַרטשען וואָס העכער. אַרויסגייענדיק, פֿאַרמאַכט ער שטיל, נאָר שטײַף, די טיר און קלינגט ווידער אָן דער שכיינע אַנטשלאָסן און בייז, וואָרעם ער איז ביז אַהער מעסוקן באַרויִגעז אַף איר, און געדאַנקלעך רופֿט ער זי „אַלטע מאַכשייפֿע“. ער פֿאַרגעסט אַפֿילע, אַז ס׳איז שוין טיפֿע נאַכט און די אַלטע שלאָפֿט שוין. ער הערט זיך אַ ווײַלע צו, און, ניט דערהערנדיק קיין שאָרך פֿון אַלטע שקראַבעס, נעמט ער זיך גלײַך נאָכאַמאָל קוועטשן אַפֿן קנעפּל מיט קויעך, מיט רוגזע און אָן אויפֿהער. און ווען ער דערהערט ענדלעך אַ שאָרך פֿון יענער זײַט טיר, ציט ער אַרויף דעם כאַלאַט נאָך העכער, קעדיי די אַלטע זאָל דערזען דעם ווײַסן קאָלנער.

פּאַמעלעכן עפֿנט זיך דאָס „אייגל“ אין דער טיר, און אַליק דערזעט אַ גרוי־אָפּגעבליאַקעוועט אויג מיט רויטע אָדערלעך. ער שרײַט אויס, אַז די פֿאַרכאַלעשטע מוטער האָט די „גיכע הילף“ אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל, און דאָס קליינע מיידעלע אירס כאַלעשט, נעבעך, פֿון הונגער. איז עפּשער האָט די שכיינע אַ ביסל מילך?

זײַנע צערודערטע רייד האָבן ניט געהאָלפֿן. ס׳האָט אויך ניט געהאָלפֿן דאָס, וואָס ער האָט צוויי מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט „כאַלעשט“. ער האָט דערהערט אַ זקײניש־שלאַבעריק קאָל, וואָס האָט איבערגעכאַזערט וואָרט באַ וואָרט דאָס זעלבע, וואָס פֿריִער:

— אַלע זײַנען אַוועקגעפֿאָרן צום יאַם און זיי האָבן מיר שטרענג אָנגעזאָגט קיינעם ניט אַרײַנלאָזן אין דער קוואַרטיר... און בפֿראַט נאָך באַנאַכט...

אַליק קוקט דורך די ברילן און דורכן „אייגל“ און נעמט זיך האַסטיק דערווידערן. נאָר דאָס דעקל לאָזט זיך אַראָפּ. עס דערטראָגט זיך צו אים אַ געוויין, און ער לויפֿט צוריק

צום קינד. מיטאמאָל דערהערט ער א ליאַזגע־רײַ און א בראַזגערײַ פון שליסלען. די טיר עפנט זיך, און ער דערזעט צוויי גרוי־אָפּגע־בליאַקעוועטע מיט רויטע אָדערלעך אויגן.

— ט'האָט איר מילך פאַרן קינד, — זאָגט די אַלטיטשקע, — כ'האָב זי שוין אָנגעוואַרעמט.

אליק האָט דאָס קינד אַוועקגעזעצט אין בעטל, אָפּגעזוכט אין קיך א גלאָז, אָנגעגאָסן מילך, נאָר דאָס קינד איז שוין געשלאָפן. די זקיינע איז געזעסן דערנעבן און אונטערגעזונגען א וויגליד.

— באָבעשי, — רוימט איר אליק אײַן אין אויער, — א שיינעם דאַנק אײַך פאַר דער מילך. עפשער וואָלט איר געווען אַזוי גוט און א ביסל געזעסן מיטן קינד. כ'וועל זיך באַלד אומקערן...

די זקיינע ענטפערט:

— זיי האָבן מיר שטרענג אָנגעזאָגט ניט פאַרלאָזן די קוואַרטיר. און ביפראַט נאָך באַנאַכט.

— „זיי"... „זיי"... ווער זײַנען זיי אײַך?

— קיינער ניט. אַמאָל פלעג איך זיי העלפן אויפראַמען.

אליק האָט גענומען אומגעדולדיק פויקן מיט די פינגער איבערן טיש:

— די פרוי... וואָס מ'האָט זי אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל... שוין זשע האָט זי ניט קיינעם, ניט קיין מאַן, ניט קיין מוטער, ניט קיין קאָרעוו?

די זקיינע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרעמל, א זופּ געטאָן פון דער גלאָז א ביסל וואַרעמע מילך, וואָס דאָס קינד האָט ניט אויסגעטרונקען, דערקוויקט א קאַפּעטשקע די פאַרשלאָפענע צי פאַרכאַלעשטע נעשאָמע און קוים אויסגערעדט:

— כ'ווייס ניט. זי איז ניט קיין היגע. ערשט ניט לאַנג געקומען צו פאָרן פון עפּעס אַן אַנדער שטאָט. געביטן, זאָגט מען, די קוואַרטיר...

זיך אָפּגערוט און צוגעגעבן:

— עפּעס א גאַרדיאַטשקע, זאָגט מען, איז זי. לעבט אָפּגעזונדערט...

— וויאַזוי הייסט זי?

— אָלגאַ... אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ.

— און דאָס מיידעלע?

— דוכט זיך, נינע... און עפשער נאָנע. אויב ניט נאַנע...

— א נאַפּקעמינע!

סע גייט אים ניט אין די נעמען. ער פּרוּווט זיך אָבער געדאַנקלעך פאָרשטעלן א געזינד, וואָס באַשטייט פון דרײַ פּאַרשוינען: אָלגע, דער־אָ, וואָס האָט זיך אפילו ניט מאַטרײַעך געווען אונטערשרײַבן די טעלעגראַמע, און נינע, צי נאָנע, צי נאַנע.

מיטאמאָל דערהערט ער דער אַלטיטשקערס שלאַבעריקע שטים און א כוואַליע פון פרייד הייבט אים אויף פונעם בענקל.

— נו, גייט שוין, גייט שוין, יונגערמאַן. כ'וועל שוין יאַקאָס געבן זיך אַן אייצע מיטן קינד. איר זאָלט זיך אָבער ניט פאַרזאַמען.

...שנעל, שנעל! דורך די פּוסטע פאַרשלאָפענע גאַסן! ווען עמעצער וואָלט אים דערזען א לויפנדיקן, א פּאַרסאָפּעטן, מיט אַראָפּגערוקטע אַף דער שפּיץ נאָז ברילן, וואָלט יענער אָדער זיך צעלאַכט, אָדער זיך דערשראָקן. א שיין פּאָנעם האָט ער אליק, א פּאָנעם פון א צעדרייטן, וואָס לויפט אינמיטן דער נאַכט איבער די גאַסן מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג... אויב א מענטש שלאָפט ניט, ווען אַלע שלאָפן, לויפט ערגעץ מיט א צעכראַסטעטע העמד, הייסט עס, אַז ס'האָט עפּעס געמוזט טרעפן.

אַנעטע איז, ווײַזט אויס, ניט געקומען. צי עפשער האָט זי געוואַרט און זיך ניט דערוואַרט. אליק שטייט אַפן שפּיץ באַרג, א פּאָר הונדערט מעטער נעענטער צום הימל, הערט זיך צו צו דער אַרומיקער שטילקײַט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

צוריק! צוריק צום קינד. ער איז אין קאַס אַף זיך אַליין. וויאַזוי נעמט א מעדיקער, א קינפּטיקער דאָקטער, וויאַזוי נעמט ער און לאָזט איבער א קינד איינעם אַליין? און די באָבעשי? — פּרוּווט ער געפינען א פאַרענטפערונג. נאָר וואָס איז דאָס, מישטיינסגעזאָגט, פאַר א באָבעשי? זי איז דאָך אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן, אַליין ווי א קינד... צו אַלדי רוכעס! ער וויל פון אַנעטען מער ניט קלערן.

ווען ער איז געקומען צו לויפן צוריק צום קינד א פאַרסאָפּעטער, האָט ער געטראָפן אין צימער א היימישע רויִקײַט. דאָס מיידעלע איז געשלאָפן. די זקיינע האָט אויך געדרעמלט. א פּאַסמע גראָווע האָר האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטערן טיכל און געפאַלן אַפן אויסגעהאָרעוועטן פּאָנעם, וואָס האָט אויסגעזען איצט שאַלווערדיק, געלאַסן. די רעכטע האַנט האָט געהאַלטן פאַרקוועטשט דאָס בינטל שליסלען. אליק איז אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום בעטל, אויפמערקזאַם אײַנגעהערט זיך. יאָ, דאָס מיידעלע שלאָפט. אירע הערעלעך זײַנען צוגעקלעפּט צום פּײַכטלעכן שטערן. ער האָט ניט געדאַרפט עפשער אַזוי זיך אײַלן, עס וואָלט געווען א סייכל א נישטער טאָן צווישן די ביימער אַרום באַרג, אַנעטע האָט אַמאָל ליב א מוטשע טאָן אים און פאַרבאַהאַלטן זיך. און ער איז געלאָפן, ווי אַף א סרייפע, געלאָפן צו א מיידעלע, וואָס ער ווייסט אפילו ניט פּינקטלעך, וויאַזוי מע רופט עס.

ער האָט געדולדיק געוואַרט, ביזוואַנען די אַלטיטשקע האָט אויפגעעפנט די אויגן. דעמלט האָט ער געהאָלפן איר אויפהייבן זיך פונעם בענקל, אָפּגעפירט זי אונטער דער האַנט צו איר דירע, געהאָלפן איר אויפשליסן אַלע טירן, אָפּגעדאַנקט, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין צימער, האָט ער געטראָפן באַם בעטל א מענטשן. פון אומדערוואַרטקײַט האָט אליק א צאַפּל געטאָן. דער מענטש איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געקוקט אַפן קינד.

אליק איז צוגעגאַנגען צום בעטל און שווײַגנדיק זיך אָנידערגעשטעלט פון דער צוויי־

טער זײַט. צווײ מאנצבלען און צווישן זײ א מײדעלע אין בעטל.

דער מענטש האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט:

— ווער זײַנט איר?

אליקן האָט געאַרט די כוצפּע פון אָט דעם ווילד־פרעמדן מענטשן. הערט א מײַסע! ווײ־ניק וואָס ער גאנוועט זיך ארײַן אין א שטוב אומבאמערקט, פרעגט ער נאָך אים, אליקן, ווער ער איז! דערנאָך אָבער האָט אליק זיך גענומען אָנשטויסן. עפּשער ניט קײן פרעמדער... ער פירט זיך עפּעס דאָ מײַסע־באלעבאָס... טאָ ווו איז ער געווען, ווען די פרוי איז פארכאלעשט אנידערגעפאלן און דאָס קינד איז געבליבן אומבאהאָלפן אלײן?

דער מענטש קוקט אף אים און וואַרט אף אן ענטפער. אליק דערפילט צו אים א סינע. פלו־צעם רײַסט זיך בא אים ארויס, און ער כידעשט זיך אלײן, פונוואַנען, פון וואָסערע געהײמע טיפענישן האָט זיך דאָס בא אים ארויסגעריסן:

— איך בין דער טאטע פון דעם דאָזיקן קינד!

דער מענטש קוקט אף אים צוערשט אופגע־בראכט, נאָכדעם פארכידעשט, דערנאָך שוועבט עפּעס ענלעכס אף א שמײכל דורך אין די ווינ־קלען פון זײַן מויל:

— עפּעס צו א יונגער טאטע...

דער שמײכל צערײצט אליקן. ענטפערט ער אים אויך מיט א שמײכל:

— וואָס כידעשט איר זיך? מיר לעבן דאָך אין א צײַט פון אקסעלעראציע.

דערנאָך גײט אליק צו צום טיש, נעמט דאָס פּאפּירל, וואָס וואלגערט זיך דאָרטן, און פּאָכנדיק מיט דעם, פרעגט ער:

— ס'איז אײַער טעלעגראמע?

דער מענטש שווײַגט. אליק האָט אים נאָך געוואָלט פרעגן, ווו ער האָט זיך ארומגעשלעפּט פון צען ביז פיר באנאכט? וואָסי, איר האָט זיך מעסוקן באלײדיקט, וואָס מע האָט אײַך ניט באגעגנט? וואָדען! איר זײַנט דאָך בא זיך א מעיוכעס. עפּעס־וואָס, באלײדיקט איר זיך. און זי, אײַער פרוי... זי אויך, זאָגט די שכײנע, איז א גאָרדיאטשקע. און דעם קינד איז שלעכט... אוי, ביטער...

ער האָט אָבער ניט באוויזן צו פרעגן עפּעס, ווי דאָס מײדעלע האָט זיך אופגעכאפּט. דערזען דעם אָנגעבויגענעם איבער איר מענטשן, האָט זי אָנגעהויבן פארקרימען דאָס פּנעמל און, כליפּענדיק, שרײַען: „מאו..." „מאו..."

דער מענטש האָט ליבלעך דורכגעפּליסטערט:

— ווײן ניט, נאָנעלע. דאָס בין איך.

דאָס קינד האָט זיך ניט אײַנגענומען. טרערן זײַנען גערונען איבער די בעקלעך.

זאָגט אליק דעם מענטשן:

— גײט אוועק, וועט זי זיך בארויִקן.

דער מענטש הײבט אוף דעם קאָפּ און קוקט אף דעם אזעספּאָנעם.

וויאזוי פארשטײט מען דאָס? א טאטע מוז דערווײַטערן זיך פונעם בעטל, קעדײ זײַן קינד זאָל זיך בארויִקן...

אליק, ווידער, האָט א קלער געטאָן: אויב דאָס קינד דערקענט ניט דעם טאטן, הײסט עס, אז יענער איז דאָ א זעלטענער גאסט.

זאָגט ער דעם מענטשן:

— פופציק מאָל האָט דאָס מײדעלע אין מע־שעך פון דער דאָזיקער נאכט גערופן און ווי־דער גערופן „מא", „מא"... און קײן אײן מאָל „טא"...

דער מענטש טרעט פאמעלעך אָפּ פונעם בעטל צום פענצטער. דאָס קינד ווערט אנ־שוויגן. אליק שליסט אויס די גרינע שײַן. אף די טאפּליעס פונעם פענצטער האָבן א בלי־שטשע געטאָן די ערשטע שטראלן פון דער אופ־גײענדיקער זון. אן אָפּגלאנץ פון א שטראל האָט פארויטלט דעם מענטשנס פּײַכט געוואָרענע אויגן.

שטילערהײט פרעגט ער:

— ווו איז די מוטער?

— אין שפּיטאָל, — ענטפערט אויך שטילער־הײט אליק.

דער מענטש לויפט האסטיק ארויס. אליק בלײַבט ווידער אײנצווײען מיטן קינד.

בער האלפערן

• אזא ליבע •

זון יאנקל נעמזערן איז אוועק דאָס ווײַב. אוועק צום געזונטן רויטפּענעמדיקן לעב־יונג, וועמען אלע האָבן גערופן יאָשקע שמײַסער, ווײַל זײַן פֿאָטער איז אַמאָל געווען א באַלעגאָלע. ער, יאָשקע, איז געווען א שאָפער פון א לאַסטמאַשין.

פאר יאנקלען איז עס געווען א קלאָפּ, פון וועלכן ער איז ארומגעגאַנגען א צעטומלטער.

— נישקאָשע, — האָט ער געטרײַסט צום זון, — מירן אַזוי אויך דורכקומען. דו ביסט דאָך שוין א גרויסער!

דאָס פּינפּיאָריקע נעפעשל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, ער איז שוין א גרויסער, נאָר אין זײַנע אויגן איז געשטאַנען אזא ווייטעק און שרעק, אז דער טאַטע האָט זיך געמוזט אָפּקערן, קעדיי דער זון זאָל ניט זען, אז זײַנע אויגן זײַנען פײַכט געוואָרן.

דער הויף, דאָס גאַנצע געסל איז געווען דערשיטערט פון דער געשעעניש. מע האָט זיי געהאַלטן פאר א גליקלעך, מאַמעש אידעאַל פּאָרל. יאנקל נעמזער איז געווען א שטילער מענטש, וואָס אף אַזעלכן זאָגט מען, אז ער וועט א פליג ניט באַוואָלען. ער איז געווען א סטאָליער, גוט פאַרדינט, געווען אן איבערגעגעבענער פאָטער און א געטרײַער מאַן. אף איר, זײַן ווײַב, האָט מען אויך קיין שלעכטס ניט געקאָנט זאָגן. בלויז איצט, אז ס'האָט געפּלאַצט די באָמבע, האָט מען זיך געכאַפּט, אז זי האָט שטענדיק געהאַט פליגן אין דער נאָז, געווען א פּוילערקע, א שלעכטע באַלעבאָסטע, און ביכלאַל האָט זי געהאַט קאַפּריזן, ווײַל דער מאַן האָט זי צופּיל געבאַלעוועט. די גאַנצע גאַס, סײַ פרויען, סײַ מענער, האָבן איינמוטיק זי געזידלט, און יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר בייטיק אַרויסצווײַזן זײַן מיטגעפיל דעם שטרויענעם אַלמען. באַזונדערס אייפערדיק זײַנען געווען די שאָכנטעס פון זײַן הויף. זיי האָבן געקערט וועלטן: סטײַטש, ווו איז עס געהערט געוואָרן, אז א פרוי, א מאַמע פון א קינד, זאָל אוועקוואַרפן אזא גוטן, איידעלן און איבערגעגעבענעם מאַן און אוועקגיין צו א הולטײַ, א שיקער, א שילוי? זי וועט נאָך כאַראָטע האָבן, די כצופּע, זי וועט נאָך קומען מיט אירע פאַרשטאָכענע אויגן און זיך וואַלגערן צו זײַנע פיס, ער זאָל איר מויכל זײַן און צוריק נעמען... זאָל ער נאָר ניט זײַן קיין לעמעך, ווי ביז איצטער, און זי גוט אויספּאַטשן און אַרויסטרײַבן.

יאנקלען זײַנען פריקרע געווען אָט די איבערגעטריבענע לויב־געזאַנגען לעגאַבע אים, און באַזונדערס האָט ער ניט געקאָנט פאַרלײַדן די קלאָלעס און זידלערײַען לעגאַבע זײַן געוועזענער פרוי. ער פלעגט אוועקגיין צו זיך, טראַכטנדיק דערבײַ איין זאַך: זאָל זי זיך נאָר אומקערן, וועט זי ניט דאַרפן זיך וואַלגערן צו זײַנע פיס...

אויב פון די ווײַבער פון זײַן הויף האָט ער זיך געקאָנט באַפרײַען, אַנטלויפנדיק פון זיי, איז עס שווערער געווען אין זײַן וואַרשטאַט, ווו ס'האָבן געאַרבעט א צענדליק מענטשן. דאָרט האָט מען אויך באַהאַנדלט דעם איניען. דער ליטווין פראַנאַס, דער, וואָס האָט געאַרבעט מיט יאנקלען צוזאַמען, איז געווען געפּלעפּט:

— זע נאָר, זע, — האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּכידעשן, — בא ייִדן קאָן אויך פּאַסירן אזא מײַסע. אבי כ'האָב געמיינט...

— וואָס ס'טו געמיינט, מיר זײַנען פון אן אנדער טייג געקנאָטן? — האָט זיך אַרײַנגעמישט נאָכעם, אן עלטערער אַרבעטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט אוועקשטעלן יעדע פראַגע אף א פּאָליטישן פלאַך. — בא יעדן ייִדישן מאַן און פרוי זײַנען דאָ די זעלבע צאַצקעס, וואָס בא ניט־ייִדישע... — ער האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ, קעדיי צו וואַרפן איבער די ברילן א פאַרניכטנדיקן בליק אף פראַנאַסן, און דאָס האָט אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון א בוהײַ, וואָס איז גרייט זיך צו וואַרפן אין קאַמף.

אלע אַרבעטער זײַנען געווען אופגעבראַכט אף יאנקלס פרוי, געזידלט זי מיט די לעצטע ווערטער און מיטגעפילט יאנקלען. נאָר צו זייער מיטגעפיל איז געווען צוגעמישט אויך א היפּשע דאָזע כויזעק. זיי האָבן געהאַלטן, אז ער איז א יאָלד, א לעמעשקע, צופּיל נאָכגעגעבן דער פרוי, געבאַלעוועט זי, און — נאַ, אָט האָסטו דיר... א ווײַב, האָבן אלע געטײַנעט, דאַרף מען פעסט האַלטן אין די לייצעס, זי דאַרף שטענדיק פילן, ווער עס טראָגט די הויזן.

יאנקלען זײַנען פײַנלעך געווען די רייד און נאָך פײַנלעכער די מיטגעפיל־אויסדרוקן און די אייצעס. אז וועלפקע, דער מאטראצנמאכער, א קרעפטיקער יונג מיט א געדיכטער טשופרינע, האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל אָפטשאטעווען דעם שאָפערוק ערגעץ אין א פינצטער ווינקל און אים גוט אָנלערנען, ער זאָל וויסן, ווי אוועקצופירן פרעמדע ווײַבלעך, האָט יאנקל אופגעציטערט: ניין, ניין, נאָר ניט דאָס! ביכלאל האָט ער זיך געסטארעט צו ווײַזן, אז די גאנצע מײַסע גייט אים קנאפ אָן און ער נעמט זיך עס גאָרניט אזוי צום הארצן.

נאָך דער ארבעט האָט ער געאײַלט אהיים צום פאריאָסעמטן זון. דאָס ייִנגל האָט איצטער געהאט א צענדליק מאמעס, אלע ווײַבער פונעם הויף האָבן אים געפילנעוועט, געקעכלט, געהאָדעוועט, נאָר פון אלע מאמעס איז ער געוואָרן אלץ שווײַגנדיקער און אומעטיקער. יאנקל האָט געאײַלט אָפצונעמען דאָס קינד און ארופירן עס צו זיך אין שטוב. מער פאר אלץ האָט ער מוירע געהאט, די ווײַבער זאָלן ניט אָנריידן קיין שלעכטס אף דער מאמען. ער האָט געזאָגט:

— דו הער זיך ניט צו, וואָס די ווײַבער ריידן דאָרט. די מאמע איז א גוטע, זייער א גוטע. נאָר זי איז קראנק געוואָרן. פארשטייסט, קראנק געוואָרן. אָט ווי דו ביסט אמאָל קראנק געווען, געדענקסט? דיר האָט אלץ ווי געטאָן, און דיר איז געווען שלעכט. אָט אזוי איז איצטער שלעכט דער מאמען. זי ליגט אין שפיטאָל. זי איז קראנק, קראנק. פארשטייסט?

און, ריידנדיק אזוי, האָט ער געשפירט, אז ער נארט ניט אזוי דאָס קינד, ווי ער פרוּווט אָפנארן זיך אליין. יאָ, זי איז קראנק, קראנק... אניט, ווי וואָלט זי אזוינס געקאָנט אָפטאָן?

באטאָג — ווי באטאָג. באטאָג איז ער געווען פארהאוועט אין ווארשטאט מיט דער ארבעט, אין דער היים — מיט טויזנטער שטוב־זאכן, מיטן ארומזען דאָס קינד. די נאכט אָבער איז געווען אומראכמאָנעסדיק. באנאכט דערשײַנען אלע זאכן אין זייער נאקעטקײַט, אלץ טרעט ארויס מיט א באזונדער הארבקײַט און בוילעטקײַט.

ניין, ניט אין זײַן איבערגעגעבנקײַט און גוטסקײַט גייט עס. טרײַקײַט און איבערגעגעבנקײַט צו דער מישפאָכע — דאָס איז א געזעץ פון דער נאטור. דער פויגל אין נעסט, דער בער אין זײַן גרוב, אפילע דער וואָלף אין ווילדן וואלד — יעדער פילט אויס געוויסנהאפט זײַן כויוו, בייס זײַן פאָרל זיצט אויס די אייער, שוואנגערט, קאָרמעט די קליינע. ניין, ניט צוליב דעם איז זי אוועק פון אים. ס׳איז געווען אין איר עפעס אזוינס, וואָס ער האָט ניט פארשטאנען און פארשטייט נאָך איצט ניט.

ניט קיין פולע נײַנצן יאָר איז זי אלט געווען, בייס ער האָט זי גענומען. געווען איז זי א פארטראכטע, א שטילע, עפשער א ביסל צוליב דעם, וואָס זי האָט ניט געקאָנט ווײַטער לערנען. נאָר עפעס איז געלעגן אין דער טיף פון איר שטילקײַט אזוינס, וואָס האָט געקאָנט פלוצעם אדורכרײַסן און אויסגיסן זיך אין א מעשונעדיקן און קאפריזנעם פארלאנג. „נישקאָשע, — האָט ער געטראכט, — זי וועט ווערן א מאמע, וועט עס פארבײַגיין". נאָכן ערשטן קינד איז ער באשטאנען, זי זאָל אוועק פון איר ארבעט. מיטן קינד איז זי געווען פארכאפט, זי האָט זיך באצויגן צו דעם לײַדנשאפטלעך, נאָר אין א יאָר ארום האָט זיך איר פארוואָלט ווידער אומקערן זיך צו דער ארבעט. זי איז נאָכדעם, ווי זי איז דורכגעפאלן באם אָנקומען אין אינסטיטוט, געוואָרן א פאריקמאכערן, האָט ליב געהאט איר פאך און דעריקער — ס׳האָט זי געצויגן צו מענטשן, צו כאווערטעס. דאָ איז בא זיי פאָרגעקומען דער ערשטער סיכסעך. ער האָט געטרוימט וועגן נאָך א קינד. זי איז געווען קעגן. געקוקט אף אים מיט גרויסע אויגן, און אין איר בליק איז געווען פארלוירנקײַט און שולדיקײַט, אז יאנקלען האָט פארשטשעמעט דאָס הארץ. אזוי איז עס געבליבן: ניט זי איז אוועק ארבעטן, ניט זי האָט געהאט א צווייט קינד.

יאנקל האָט גוט פארדינט, אלץ געשלעפט אין שטוב. נאָר אָפטער און אָפטער האָט ער איבערגעכאפט איר אומעטיקן ניט־היגן בליק. זי איז ניט געווען צוגעבונדן צו די זאכן. ברענגענדיק אין שטוב א נײַע וואש־מאשין אָדער א פארביקן טעלעוויזאָר, האָט ער געריבן די הענט פון פארגעניגן און מיט א נײַ אופגעקומענער האָפענונג געטײַנעט: „זעסט, זינע, מיר לעבן ניט ערגער פון אנדערע"... די דאָזיקע ווערטער האָבן אלע מאָל אופגערעגט זינען: „ווי מעסט מען עס דאָס לעבן אף אנדערע? מע דארף מעסטן אף זיך!" ער האָט ניט פארשטאנען, געפרוּווט זיך דערגרונטעווען, וואָס מיינט זי דערמיט, נאָר זי האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפ: „יאנקעלע, דו האָסט ניט קיין פליגל".

אזוי האָט זיך עס געצויגן זעקס יאָר. זעקס יאָר פון שטילער באפרידיקטקײַט פאר אים און פון נאָגנדיקער בענקשאפט נאָך עפעס, וואָס זי האָט אליין ניט געוווסט נאָך וואָס, פאר איר.

און פלוצעם גייט יאנקלען א ברי דער געדאנק: און יענער, דער רויטפענעמדיקער שאָפערוק, האָט פליגל? דאָס הארץ ווערט אים פארשטשעמעט פון ווייטעק.

פון זײַניקע מענטשן האָט זיך יאנקל דערוווסט, אז זיי לעבן גוט, דער שאָפער מיט זינען. יאָשקע שמײַסער, דער העלד פון אלע מיידלעך און ווײַבלעך אין דער געגנט, איז געוואָרן געזעצטער, סאָלידער. מע זעט אים זעלטענער אין די שענקן, און אז ער גייט ארויס מיט זינען אין גאס, קלעפן זיי איינער צום אנדערן, ווי א יונג פארליבט פאָרל.

איינמאָל א זונטיק איז יאנקל מיטן ייִנגל געגאנגען שפאצירן איבערן בולוואר. אנטקעגן זיי איז אָנגעקומען דער שאָפער מיט זינען. יאנקל האָט געמאכט א באוועגונג אָפצוקערן אין א זײַט, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפעט.

זינע האָט זיי דערזען און זיך א וואָרף געטאָן צום קינד. זי האָט אים ארומגעכאפּט, געקושט, געצערטלט. אַף יאנקלען האָט זי קיין בליק ניט געטאָן. יאנקל איז א ווײַלע געשטאנען אין א זײַט. דאן האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צום שאָפער. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אז זינע האָט ליב אינדערפרי צו טרינקען הייסע קאקאאָ מיט פרישע כראָמטשענדיקע בייגל. שאבעס און זונטיק, ווען ער איז ניט געגאנגען צו דער ארבעט, האָט ער שטענדיק דערלאנגט איר אין בעט הייסע קאקאאָ מיט פרישע בייגל. נאָר דער שאָפער האָט אנדערש פארשטאנען יאנקלס גיין צו אים. ער האָט געמאכט א בייז פּאָנעם און פארבײַלט די פויסטן, א גרייטער זיך צו שלאָגן. יאנקל האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיט באדויערן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אוועק.

ס'זײַנען אריבער נאָך עטלעכע כאדאָשים, און זינע האָט אָנגעגעבן אַף א געט. יאנקל האָט פארשטאנען, אז ער האָט ניט מער אַף וואָס צו האָפן.

מיט עטלעכע יאָר פריִער איז יאנקל נעמזער געווען אין א סאנאטאָריע אַף קאווקאז, און דאָרט האָט ער זיך באקאנט מיט א פרוי. מע קאָן ניט זאָגן, די פרוי זאָל האָבן געמאכט אַף אים א שטארקן אײַנדרוק. א שטשופּלע, מיט א דאר אויסגעמאטערט פּאָנעם, דעם קאָפּ א ביסל אָנגעבויגן אָן א זײַט, האָט זי געמאכט דעם אײַנדרוק פון א פויגל, וואָס הערט זיך צו צו א לויערנדיקער געפאר. נאָר איינמאָל, ווען זיי זײַנען געפאָרן אַף אן עקסקורסיע, איז זי געזעסן לעבן אים אין אווטאָבוס. זיי האָבן זיך פאנאנדערגערעדט, און די פרוי האָט אים דערציילט איר געשיכטע, וואָס האָט אים אויפגערודערט ביז גאָר. זי האָט געהאט א מאן, א שיינעם, אָנגעזעענעם מאנצבל, אלע כאווערטעס זײַנען איר מעקאנע געווען און זי אליין האָט זיך געשעצט גליקלעך בייס זיי האָבן כאסענע געהאט. גאָר אינגיכן אָבער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז א פוסטע קיילע. זי האָט געארבעט ווי א פערד אין איר מאָדע־אטעליע, און ער איז ארומגעגאנגען פּוסט־און־פּאס. ס'האָט זיך גערעכנט, אז ער ארבעט אלס פארזיכערונגס־אגענט, נאָר פאקטיש האָט ער זיך ארומגעדרייט איבער די בולווארן, זיך געלאָזט ווילגיין אין די קאפעען. זי וואָלט עס עפשער נאָך געדולדעט ביזן הײַנטיקן טאָג, נאָר דאָ האָט זי אים געכאפּט בא א נאָך מיִעסער שטיקל ארבעט. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער קויפט די טײַערסטע נאשערײַען און עסט זיי בישטיקע פון איר. איינמאָל באנאכט האָט זי אים געכאפּט אין קיך, ווי ער זיצט און פרעסט די טײַערסטע טריופעלן, וואָס זי וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט צו קויפן אזעלכע. דאָ האָט שוין געפּלאצט איר געדולד און זי האָט אים ארויסגעטריבן.

יאנקל האָט זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז א מאן, וואָס איז פון דער נאטור אליין באַרופן צו זײַן דער באשיצער, דער אָנשפּאר פון זײַן פרוי, זאָל קאָנען אזוי געמיין האנדלען לעגאבע זײַן לעבנס־כאווערטע. ער האָט ניט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן זײַן אופגעבראכטקײַט.

דער מוזיי, וווּהין זיי זײַנען אָנגעקומען נאָך א שאָ פאָרן, האָט אים שוין ווייניקער אינטערעסירט. מאשמאָעס אויך בערטען, זײַן נײַער באקאנטער, זײַנען ווייניק אָנגעגאנגען די רעליקוויעס, און נאָך איידער די עקסקורסאנטן זײַנען אדורך אלע צימערן, זײַנען זיי ביידע, ניט צוזאמענריידנדיק זיך, אראָפּ פון דער טעראסע און ארײַן אין גאָרטן. דאָ האָט יאנקל ווידער, ניט געפונענדיק די נייטיקע ווערטער, געפּרוּווט אויסדריקן זײַן אופגעבראכטקײַט איבער דער געמיינער האנדלונג פון איר געוועזענעם מאן. בערטע האָט געקוקט אַף אים מיט אירע פויגלשע אויגן. זי איז געווען איבערצײַגט, אז אלע מענער זײַנען געמיינע, זיי פארשטעלן זיך בלויז אלס גוטינקע, בייס זיי ווילן זיך עפּעס דערשלאָגן בא א פרוי. אינדערעמעסן זײַנען זיי אָבער עגאָיִסטן און האָבן אין זינען זייערע אייגענע נידעריקע אינטערעסן. און דאָ איז נעמזערן אופגעקומען א געפיל פון ראכמאָנעס צו דער פרוי, א ראכמאָנעס ניט אזוי צוליב דעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, ווי צו דעם, וואָס זי איז בארויבט פון דעם באוווסטזײַן, אז ס'איז דאָ אַף דער וועלט אזא זאך ווי איבערגעגעבנקײַט, טרײַהײַט און אז דער עכטער מאן זעט זײַן גליק אין דעם, וואָס ער מאכט גליקלעך זײַן לעבנס־כאווערטע. נאָר ווי גיט מען עס איר צו פארשטיין? זי איז צו פארביטערט און אנטוישט.

אין עטלעכע טעג ארום איז ער אוועקגעפאָרן. בייס ער האָט זיך געזעגנט מיט איר, האָט ער פארלוירן געשמייכלט, ווי ער וואָלט געפילט אַף זיך די שולד פון אלע שלעכטע מענער אין דער וועלט. זי האָט געקוקט אַף אים, דעם קאָפּ אײַנגעבויגן אין א זײַט, און איר בליק איז געווען אן אויספאָרשערישער און ניט־גלייבנדיקער. דער דאָזיקער בליק איז אים טיף ארײַן אין דער נעשאָמע.

איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין איר. ס'האָט אופגעוואכט אין דער ברוסט דער ראכמאָנעסגעפיל, וואָס איר שטום־פרעגנדיקער בליק האָט אים איבערגעלאָזט. ער האָט געוווּסט בלויז איר נאָמען און די שטאָט, פונוואנען זי איז געקומען. דעם פאמיליע־נאָמען האָט ער ניט קלאָר געדענקט: עפּעס אַף „שטיין". דאָס איז ווייניק אַף זי צו געפינען. ער דאַרף זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ דעם געדאנק וועגן איר.

נאָר ארויסשלאָגן דעם געדאנק איז געווען ניט אזוי פּאָשעט. ווידער און ווידער איז אופגעקומען אין זיקאָרן איר געשטאלט, אזא קליינע, אזא שוצלאָזע און אזא באאוולטע דורך דעם יעניקן, וואָס איז פון דער נאטור אליין באַרופן געווען זי צו שיצן, צו זײַן איר אן אָנשפּאר. ער האָט אָנגעהויבן צו רעכענען, וויפל

עס איז אים געבליבן ביז צום אורלויב. וואָס ווײַטער, האָט דער געדאַנק אים אַלץ מער פֿאַר־כאַפּט. ער האָט אָנגעהויבן צו ציילן די טעג. סאָפֿקאָלסאָף איז דער אורלויב געקומען. ס'איז געווען אינמיטן מײַ. ער האָט זיך צוזאַ־מענגערעדט מיט א שכיינע וועגן דעם זון, גע־געבן איר פֿאַרויס דאָס נייטיקע געלט, און אליין איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין יענער שטאָט אף אוקראַינע, פּונוואָנען בערטע שטאַמט.

אָנגעקומען אַהין איז ער אינדערפֿרי. באַ־זאָרגט זיך א שלאָף־אָרט אין דעם „הויז פֿון קאָלווירטניק" און טייקעף זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אף דער צענטראַלער פּאָטשט האָט ער גע־קראָגן דעם טעלעפֿאָן־בוך און אויסגעשריבן פֿון דאָרט אַלע מאָדע־אַטעליעס. עס זײַנען געווען אין יענער שטאָט צוויי אַטעליעס „ליוקס", עלף אַטעליעס פֿון דער ערשטער קאַטעגאָריע און גאַנצע זיבעצן פֿון דער צווייטער. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זײַן בערטע דאַרף זײַן א מאָדיסטקע ניט פֿון דער ערשטער קאַטעגאָריע און אַוודאי ניט פֿון „ליוקס". ער האָט אָנגע־הויבן פֿון די אַטעליעס פֿון דער צווייטער קאַ־טעגאָריע.

ניט קענענדיק די שטאָט און ניט אָריענ־טירנדיק זיך אין די אַווטאָבוסן און טראַליי־בוסן, איז אים שווער אָנגעקומען, ביז ער האָט געפֿונען דעם נייטיקן אַדרעס. אומעטום האָט ער געפֿרעגט אף א מאָדיסטקע מיטן נאָמען בערטע, אומעטום האָט מען אף אים געקוקט מיט כשאַד, ניט גערן געענטפֿערט, און אַז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייסט ניט אַפֿילע דעם פֿאַמיליע־נאָמען פֿון דער, וועלכע ער זוכט, האָט מען אים אַרויסבאַגלייט מיט אָפֿענעם כּוי־זעק.

איין מאָל האָט מען צו אים אַרויסגערופֿן עפּעס א בערטע, נאָר ס'איז געווען ניט די. ער איז ווײַטער אַרומגעגאַן איבער אומבאַקאַנטע גאַסן, אָפּגעשטעלט פֿאַרבײַגייער, זיך נאָכגע־פֿרעגט, געפֿאָרן מיט טראַלייבוסן, אַווטאָבוסן. ביז מיטיק האָט ער באַוויזן צו באַזוכן אינגאַנצן זעקס מאָדע־אַטעליעס. ער איז געווען גוט מיד. ניט געקוקט אַפֿן קילבלעכן טאָג מיטן פֿרישן ווינטל, איז ער געווען פּיטש־נאַס פֿון שווייס. ער איז אַרײַן אין דער ערשט־בעסטער סטאָ־לאָווקע, געמיינט דאָ אָפּצועסן און אָפּרוען זיך א ביסל, נאָר דאָס איז דאַפֿקע געווען א גאַר־קיך מיט זעלבסטבאַדינונג. זיך אונטערוואַרפֿנ־דיק דעם אַלגעמיינעם אײַליקן ריטם, האָט ער בעכיפֿאָזנדיק אָפּגעגעסן און איז אַרויס. ניט ווײַט פֿון דער סטאָלאָווקע איז געווען א סקווער. ער האָט זיך צוגעזעצט אף א באַנק און זיך פֿאַרטראַכט. יאָ, די זאַך גייט שווערער, ווי ער האָט געמיינט. נאָר נישקאָשע, ער וועט זיך זײַנס דערשלאָגן.

ביזן אָוונט האָט ער באַזוכט נײַן אַטעליעס און אַלץ אומזיסט. די לעצטע אַטעליע, וואָס איז געשטאַנען אין צעטל, איז געווען אין א פֿאַרשטאָט. מע האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז היפּש ווײַט און ביז ער וועט קומען אַהין, וועט די אַטעליע שוין זײַן פֿאַרמאַכט. ער האָט באַ־שלאָסן צו פֿאַרענדיקן זײַן „אַרבעטסטאָג" און איז אַוועק צו זיך. פֿאַרן אײַנשלאָפֿן האָט ער זיך געטרייסט: מאָרגן וועט עס צוגיין גיכער, ער אָריענטירט זיך שוין א ביסל אין דער שטאָט און וועט זיך דאַרפֿן ווייניקער נאָכפֿרעגן. און אויב זי איז אין שטאָט און אַרבעט אין א מאָ־דע־אַטעליע, וועט ער זי מאָרגן געפֿינען.

אינדערפֿרי איז ער צוגעפֿאָרן אין יענער ווײַטער פֿאַרשטאָט. אויך אומזיסט. ער איז צו־ריקגעקומען אין צענטער און ווידער געגאַנגען לויט די אָנגעצייכנטע אַדרעסן. איצט האָט ער זיך גענומען צו די אַטעליעס פֿון דער ערשטער קאַטעגאָריע. זיי זײַנען געווען בעסער אויסגע־שטאַט, די אָנגעשטעלטע דאָרטן — שטרענגער און אָפֿיציעלער, און דאָס האָט אים דאַפֿקע גע־שטערט. פֿונדעסטוועגן האָט ער אַקשאָנעסדיק פֿאַרגעזעצט זײַנע זוכונגען.

קורץ פֿאַר מיטיק איז ער אַרופֿגעפֿאַלן אַף א שפּור. אף דער פֿראַגע, צי אַרבעט באַ זיי איינע א בערטע, האָט די פֿרוי, ניט אויפֿהייבנ־דיק די אויגן, קורץ א וואָרף געטאָן: „ביינ־שטיין?" יאַנקל האָט זיך דערפֿרייט, טאַקע אַזוי האָט מען גערופֿן די פֿרוי: „ביינשטיין, ביינ־שטיין!" — האָט ער איבערגעכאַזערט. — „זי אַרבעט אין צווייטן אומבײַט". אַז דער צווייטער אומבײַט הייבט זיך אָן פֿון צוויי אַזייגער, האָט ער געוווּסט.

ער האָט אָפּגעזוכט די נעכטיקע סטאָלאָוו־קע, אָפּגעגעסן. אַוועק אין סקווער, זיך גע־זעצט אף דער זעלבער באַנק, וואָס נעכטן. און דאָ האָט ער דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט באַ אים.

האַלב דרײַ אַזייגער איז ער געווען אין אויפֿ־נעם־צימער פֿון דער אַטעליע. באַם טישל איז דאָרט שוין געזעסן אַן אַנדער פֿרוי. ער האָט מיט א רויִקער שטים געפֿרעגט אף בערטע ביינשטיין. „באַלד", — האָט געזאָגט די פֿרוי און נײַגעריק אים דורכגעטאַפּט מיט די אויגן. אין א פּאָר מינוט אַרום איז אַרויס פֿון אַן אינ־ווייניקסטער טיר בערטע. יאָ, דאָס איז גע־ווען זי.

זי האָט געוואָרפֿן א פֿרעגנדיקן בליק אף דער פֿרוי, יענע האָט א ווונק געגעבן אַפֿן מאַנצבל, וואָס איז געשטאַנען פֿונדערווײַטנס, און בערטע האָט זיך געלאָזט צו אים.

יאָ, דאָס איז געווען זי. פֿאַר די דרײַ יאָר, וואָס ער האָט זי ניט געזען, האָט זי זיך שטאַרק גע־ענדערט. געוואָרן עלטער, די באַקן אײַנגעפֿאַלן און בלאַס. יאַנקלען האָט פֿאַרשטשעמעט דאָס האַרץ.

— איר דערקענט מיך ניט?

— פֿאַרוואָס? איך דערקען אײַך. — זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— כ'האָב אײַך לאַנג געזוכט. ספּעציעל צו־ליב אײַך געקומען אין שטאָט.

— וואָס? — אין אירע אויגן האָט אויפֿגע־בליצט אַן אינטערעס.

9—1613

— איך דאַרף מיט אײַך רעדן... זייער א וויכטיקער איניען.

בערטע האָט געוואָרפן א בליק צו דער פרוי באַם טיש: יענע האָט געקוקט אַף זיי פונדער־ווײַטנס.

— ווען ענדיקט איר די אַרבעט? צען? וועל איך אײַך אָפּוואַרטן צען אַזייגער באַם אַרויס־גאַנג.

פּונקט צען אַזייגער פאַרנאַכט איז פונעם הויף אַרויס א מאַכנע פרויען און מענער, אַר־בעטער פון דער אַטעליע. בערטע איז ניט גע־ווען צווישן זיי. זי איז געקומען אין עטלעכע מינוט אַרום, זיך אַרומגעקוקט און צוגעגאַנגען צו אים. בא דער שײַן, וואָס איז געפאַלן פון די גרויסע אַטעליע־וויטרינעס, האָט יאַנקל זי באַקוקט און איז געבליבן צופרידן: זי איז גע־ווען גוט אַרומגעזען, די באַקן באַפּודערט, די ווײַעס פאַרשאָטנט, די ליפּן געפאַרבט.

— נו, זאָגט, וואָס פאַר א וויכטיקע זאַך האָט איר צו מיר? — האָט זי קאָקעטיש געזאָגט, גע־מענדיק אים אונטערן אָרעם.

— מירן עפּשער אַרײַנגיין אין א קאַפע? אָדער ערגעץ אַנדערש? — איר פרויִשקײַט האָט אים גערייצט, אָבער אויך צעטומלט א ביסל.

קענטיק, זי האָט עס דערשפּירט. נאָך א פּאַר־זע האָט זי פאָרגעלייגט:

— קומט אַרויף צו מיר, איך וווין דאָ ניט ווײַט. נאָר בא מיר אין צימער איז ניט אויפגע־ראַמט. איר וועט דאָך ניט לייגן קיין אַכט אַף דעם?

זי האָט געלעבט אין א קאָמונאַלער דירע. איר באַוואָרעניש וועגן ניט־אויפגעראַמטקײַט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אן איבעריקער. דער צימער איז געווען א ציכטיקער און גוט אויסגעשטאַטער, פול מיט זאַכן און קליינ־קײַטן, וואָס זאָגן אײדעס וועגן א גוטער באַלע־באָסטע. ס׳האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די צאָלרײַכע אויסגענייטע קישעלעך און העפטונ־גען, וואָס זײַנען געלעגן אין א גוט דורכגע־טראַכטער אָרדענונג. יאַנקל האָט מיט פּײַן זיך דערמאָנט אין יענער, דער אַנדערער, וואָס האָט ניט ליב געהאַט קיין זאַכן.

בערטע איז אַרויס אין קיך צוגרייטן קאַווע. זי האָט ניט געאײַלט צו פרעגן אים ווידער, וואָס ער וויל איר זאָגן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז גאָר ניט נייטיק. זיצנדיק באַם עסן און איבער־וואַרפנדיק זיך מיט ווערטער, האָבן זיי אַלץ קלאָר געמאַכט. בערטע איז א ווײַלע געזעסן א טיף פאַרטראַכטע, דאַן איז זי אויפגעשטאַנען, קעדיי צונעמען דאָס געשיר. איר האַנט האָט זיך דערבײַ אָנגערירט אין זײַנער און זי א דריק געטאָן. יאַנקל האָט אויפגעהויבן אַף איר א פּאָר געטרײַע אויגן. זי האָט זיך אײַנגעבויגן און אים א קוש געטאָן.

דרײַ טעג האָט יאַנקל נאָך פאַרבראַכט אין יענער שטאָט. ער האָט געוואָלט, זי זאָל טייר־קעף פאָרן מיט אים. זי האָט געשמייכלט: ניין, זי דאַרף זיך צוגרייטן.

— וואָס פאַר א צוגרייטונג? — האָט אומגע־דולדיק געטײַנעט יאַנקל.

זי דאַרף זיך אײַנקויפן דאָס און יענץ, זי דאַרף זיך נאָך אופנייען קליידלעך און וועש און דעריקער — זי דאַרף זיך אופנייען א כאַסע־נע־קלייד.

— א כאַסענע־קלייד? — האָט יאַנקל זיך גע־כידעשט. ער האָט געהאַלטן, אַז אין זייער לאַ־גע איז אַזא זאַך גאָר ניט נייטיק.

נאָר בערטע האָט אים אָנגעהויבן הייס צו דערקלערן, אַז דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק, און ער האָט געמוזט נאָכגעבן.

סאָפּקאַלסאָף איז געבליבן, אַז זי וועט קומען צו אים אין דרײַ וואָכן אַרום.

אין דרײַ וואָכן אַרום איז זי געקומען מיט א פּאָר טשעמאָדאַנעס און סאַקוואַיאַזשלעך און זיך אָפּגעשטעלט גלײַך בא יאַנקל נעמזערן אין זײַן צווייצימערדיקער דירע. זי איז געווען בלאַס און אויסגעמאַטערט פון וועג, און יאַנקל האָט שוין געטראַכט, אַז מע וועט פּאַטער ווערן פון דער כאַסענע, ס׳וועט זײַן גענוג אוועקגיין אין „זאַגס" און זיך רעגיסטרירן. נאָר אָט האָט בערטע אַרויסגענומען פון טשעמאָדאַן דאָס כאַ־סענע־קלייד און, טריומפירנדיק, דעמאָנסטרירט עס יאַנקלען. ס׳איז געווען א פּרעכטיק קלייד, אַן עמעסער וווּנדער פון ווײַסן אַטלאַס מיט שפּיצן, און יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ניט מעגלעך אויסצומײַדן א כאַסענע.

זי איז אָפּגעפּראַוועט געוואָרן באַשיידן אין דער אַנוועזנהײַט פון בלויז א צענדליק מענטשן, און דאָס לעבן פונעם נײַעם פּאָרל איז אַוועק מיט זײַן גאַנג.

די ערשטע צײַט האָט יאַנקל מיט אומרו זיך צוגעקוקט צו דער באַציִונג פון בערטען צום קינד. נאָר אינגיכן האָט ער זיך באַרויִקט: ס׳איז געווען אַן עכט־מוטערלעכע באַציִונג. אויך א באַלעבאָסטע איז זי געווען א גוטע, אָן ערעך א בעסערע, איידער די ערשטע פרוי זײַנע. אין שטוב איז געווען ציכטיק, ביידע צימערן אויס־געפּוצט.

זי איז געווען אַן אַרבעטסזאַמע. גלײַך ווי זי האָט אײַנגעאָרדנט די שטוב, איז זי אַוועק אַר־בעטן אין אַן אַטעליע. נאָר אויך קומענדיק פון דער אַרבעט, איז זי א מינוט ניט געזעסן לייי־דיק. געראַמט, געוואַשן, גענייט, געצירעוועט, און טאָמער איז שוין גאָרניט געווען וואָס צו טאָן, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט שטריקן. די שפּיזלען האָבן זיך פלינק באַוועגט, דער פויגל־שער קאָפּ — אײַנגעבויגן, ווי זי וואָלט געדאַרפט ניט קוקן, נאָר זיך אײַנהערן צום שטריקן, און די אויגן האָבן דערבײַ אומרויִק געבלאַנדזשעט איבערן צימער: קענטיק, זי האָט אַלץ ניט גע־גלייבט, אַז דאָס איז איר מאַן, איר זון, איר היים.

איינמאָל איז זי געזעסן אַפן דיוואַן און גע־שטריקט. יאַנקל האָט נאָכגעשפּירט נאָך די פלינקע באַוועגונגען פון אירע הענט.

— זע, ווי דין און איידל דײַנע פֿינגער זײַנען. אזוי ווי דו וואָלסט ניט געטאָן קיין שווערע אַרבעט.

בערטע האָט א שמייכל געטאָן און ארויסגעלאָזט א זיפֿץ, ווי א מענטש, וואָס אים ווערט לײַכטער אָף דער נעשאָמע.

— איך האָב גאָרניט געוווּסט, אז ס'קאָן זײַן אזוי... פֿריִער האָב איך אין די ראָמאַנען געלייענט, אז מע קאָן זיך פֿאַרליבן פֿונעם ערשטן בליק. בײַס איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען, גערעדט מיט דיר, האָט מיך גלײַך עפּעס א ברי געטאָן אין הארצן...

— זאָג, דו האָסט דעמלט אומישנע זיך צוגעזעצט צו מיר אין אווטאָבוס?

— אומישנע, אומישנע, יאַנקעלע. און בא דיר איז אויך אזוי געווען: גלײַך פֿון ערשטן בליק?

אוודע, אוודע, — האָט ער מעכאַניש געענטפֿערט און אליין זיך פֿאַרטראַכט. צי האָט ער זי ליב? יאָ, מיסטאָמע. כאָטש ער געדענקט גוט, אז דער ערשטער געפֿיל, וואָס בערטע האָט אין אים אופֿגעוועקט, איז געווען ראַכמאָנעס. איצט איז אים גוט מיט איר. גוט קודיעמקאָל דערפֿאַר, וואָס ער קאָן זאָרגן פֿאַר איר אלס זײַן פֿרוי אָפֿן פֿולקומסטן אויפֿן. און זי נעמט עס אוף מיט ליבע און דאַנקבאַרקײַט. מיט זײַן ערשטער פֿרוי איז עס ניט געווען אזוי. יענע האָט צומאָל מיט פֿאַרדראָס אופֿגענומען זײַן זאָרג און אפֿילע זיך געבײַזערט: „וואָס זאָרגסטו פֿאַר מיר, ווי פֿאַר א קינד?" זי האָט געבענקט נאָך עפּעס אנדערש, און נאָך וואָס, האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען, ביז ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם רויטפּענעמדיקן שמײַסער...

פֿאַר די פּאָר כאָדאָשים פֿון זייער צוזאַמענלעבן איז בערטע א ביסל געקומען צו־זיך. דאָס פּאָנעם איז געוואָרן פֿולער און די בלאַסע הויט האָט געקראָגן פּאַרב. פֿונדעסטוועגן האָט יאַנקל געפֿילט, אז מיט איר איז ניט אַלץ קעשורע. עטלעכע מאָל איז זי פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָף אייניקע שאָ, און ווו זי איז געווען, האָט זי בערשום־אויפֿן ניט געוואָלט זאָגן. איין מאָל האָט ער אין טישקעסטל געפֿונען א בריוו מיטן שטעמפּל אָפֿן קאָנווערט פֿון דעם טובערקוליאָז־דיספּאַנסער. ער איז ניט איבעראַשט געוואָרן, ווײַל פֿריִער נאָך האָט ער זיך אַנגעשטויסן, אז עפּעס אזוינס דאַרף זײַן. דעם בריוו האָט ער ניט ארויסגענומען פֿונעם קעסטל, קעדיי זי זאָל ניט וויסן, אז ער האָט אים געזען, נאָר אָפֿן אנדערן טאָג איז ער אוועק אין טובדיספּאַנסער.

דאָרטן האָט ער זיך דערשלאָגן צום דאָקטער, וואָס היילט בערטען. דאָס איז געווען א פֿולע עלטערע פֿרוי מיט מידע אויגן אונטער דיקע שפּאַקולן־גלעזער. זי האָט אים דערציילט, אז בערטע געפֿינט זיך אונטער דער באַאָבאַכטונג פֿונעם דיספּאַנסער. אין דער שטאָט, ווו זי האָט פֿריִער געוווינט, איז זי אויך געשטאַנען אונטער אזא באַאָבאַכטונג. איר צושטאַנד איז ניט אַליאַרמירנדיק, פֿאַרן מאַן און פֿאַרן קינד איז ער ניט געפֿערלעך, אָבער געוויסע פּאָרזיכטיקײַט־מיטלען דאַרף מען אָנווענדן. דעריקער דאַרף זי זיך גוט שפּײַזן און, אויב מעגלעך, בײַטן איר באַשעפֿטיקונג, זי זאָל אַרבעטן ניט אין קיין דושנע אַטעליע.

אין יאַנקל נעמזערס נעשאָמע האָט זיך געעפֿנט א נײַער קוואַל פֿון ראַכמאָנעס, פֿון יענעם ראַכמאָנעס, וואָס איז דער ערשטער טראָט צו ליבע און עפּשער די ליבע אליין.

א פּאָר טעג האָט ער ניט געוווּסט, ווי מע גייט צו צום איניען. נאָר איינמאָל אינאָוונט, בײַס דער זון איז שוין געשלאָפֿן און אַלע אַרבעטן אין שטוב זײַנען געווען אָפּגעטאָן, האָט ער זי געפֿונען אין קיך א שלוכצנדיקע.

— דו ווייסט שוין אַלץ, יאַנקל, די דאָקטערשע האָט מיר געזאָגט, אז דו ביסט געווען בא איר. כ'האָב דיך אָפּגענאַרט... געמיינט, כ'וועל עס קאָנען אויסבאַהאַלטן. איך בין שולדיק, שולדיק. כ'בין ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט מיך. — זי האָט זיך ראַפּטאָם אופֿגעהויבן און ארויס פֿון קיך.

אז יאַנקל איז אין א ווײַלע ארום ארײַן אין שלאָפֿצימער, האָט ער געזען בערטען, ווי זי שטייט אָף די קני פֿאַר אַן אָפֿענעם טשעמאָדאַן און וואַרפֿט אהין זאַכן.

— נאַרעלע, וואָס טוסטו?

— זײַ מיר מויכל, אויב דו קענסט. איך פֿאָר צוריק אין מײַן שטאָט.

— איך ווייס אַלץ, בערטע. און ווײַל איך ווייס, ביסטו מיר נאָך מער טײַער, נאַרעלע. — יאַנקל איז צו איר צוגעגאַנגען און זי אָפּגעריסן פֿונעם טשעמאָדאַן.



הערשל פּאָליאַנקער

• שאַ, ריבטשינסקי פּאָרט... •

, א שיינע געשיכטע איז זיך פארלאָפן דאָ ניט לאנג אף דער טעפער־ און פאַיאַנס־פאַבריק, וואָס געפינט זיך אין סאָבאָלעווקע, ניט ווײַט פונעם דניעסטער און גאָר ניט נאָענט פונעם סמאָטריטש — ערגעץ צווישן דער שיינער בוקאָווינע און דער ווונדערלעכער פּאָדאָליע.

גאָר־גאָר א שיינע געשיכטע! א סימען האָט איר, אז מע דערמאָנט זי נאָך אצינד מיט אלע פישטשעווקעס. דער אוילעם קײַכט פון געלעכטער, האלט זיך בא די זײַטן.

עמעס, עס זײַנען פאראן אזעלכע, וועמען ס'איז ניט צום געלעכטער. אָבער לעמײַ זאָלן מיר כאפּן די פיש פאר דער נעץ? גלײַכער וועט זײַן, אז מירן אָנהייבן פון סאמע אָנהייב, ווי עס הייבן זיך ביכלאל אָן פריילעכע און עטוואָס טרויעריקע געשיכטעס.

געווען איז דאָס אין א שיינעם פרילינג־פרימאָרגן, ווען דאָס טעפער־ און פאַיאַנס־פאַבריקל האָט זיך רויִק געארבעט, שווער געאָטעמט מיט די גרויסארטיקע אָנגעגליטע אויוונס, אין וועמענס צונטער־רויטע מײַלער עס זײַנען געזעסן די בײַכיקע טעפּ און די געצאצקעטע טעלערלעך, וואָס האָבן אָן דעם דאָזיקן גענעם ניט געקאָנט קומען אף די יאָמטעוודיק־געגרייטע טישן.

גראָד אין דער שאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער טאראראם.

אין די לאנגע צעכן און בא די אויוונס איז די ארבעט געווען, ווי געזאָגט, אין פולן ברען, נאָר אין קאָנטאָר, אפן צווייטן שטאָק, האָט געהערשט א מעכײַעדיקע שטילקײַט. באם טישל מיט די טעלעפאָנען, פארן דירעקטאָרס קאבינעט, איז א גלײַכגילטיקע געזעסן די סעקרעטארשע טאסיע און זיך געײַסעקט מיט אירע רויט־אָנגעפארבטע נעגל און פון מאָל צו מאָל געוואָרפן א בייזן בליק אף די גרינע פליגן, וואָס האָבן זיך פארקליבן צווישן די ברייטע טאפליעס, געזשמועט און געהערט די סעקרעטארשע פאר א דרײַער.

אינעם פּאָדערצימער האָט מער קיין זאך ניט צעבויטעט די שטילקײַט. ארום — שאַ־שטיל, ווי געווײנלעך, ווען דער שעף זיצט זיך אינעם גערעמען, זוניקן קאבינעט זײַנעם און מאכט טיל־טעל פונעם געשמאקן פרישטיק, וועלכן מע ברענגט אהער פון דער קיך.

פּלוצעם האָט זיך אף טאסיעס טישל צעקלונגען דער טעלעפאָן. עפּעס אן אומגעווײנלעכער קלונג, א בייזער, א דראָענדיקער, אזעלכן האָט זי שוין לאנג ניט געהערט.

אופגעכאפּט זיך פון בענקל, איז דאָס לאנגפיסיקע דארע מיידל מיטן אָנגעשטוקאטורעטן לענגלעכן פּאָנעם צוגעגאן נעענטער צום טעלעפאָן און מיט א גלײַכגילטיקער באוועגונג פון אזא, וועלכער עס איז שוין נימעס אלץ אף דער וועלט, צעשטרייט גענומען דאָס טרײַבל:

— די טעפער־ און פאַיאַנס־פאַבריק הערט! יאָ, יאָ, וויפל קאָן מען איבערכאזערן? די טעפער־ און פאַיאַנס־פאַבריק איז באם טעלעפאָן, האָב איך אײַך געזאָגט מיט א מענטשלעכער שפּראך!

זי האָט אָבער גלײַך פארשטאנען, אז אזוי איז שוין איבער דער מאָס, און זיך פארכאפּט. די פולע אָנגעפארבטע ליפּן האָבן זיך פארקרימט אין א שמייכעלע. זי האָט מיט איין האנט פאריכט דאָס דורכזיכטיק־לײַכטע קאָפּטעלע, וואָס האָט, דאכט זיך, גאָרניט צוגעדעקט, און מיט א צוקערדיקער שטים געזאָגט:

— כאווער ריבטשינסקי רעדט? זייער אָנגענעם! א גוטמאָרגן. וואָס? איר פארהאלט זיך א ביסל? אין צוויי טעג ארום וועט איר צו אונדז קומען? מירן זײַן זייער צופרידן. בא אונדז נעמט מען שיין אוף אזעלכע מענטשן, ווי איר. אָט וועל איך באלד איבערגעבן דאָס טרײַבל דעם דירעקטאָר. ער וועט געוויס זײַן צופרידן. וואָס? מע דארף ניט איבערגעבן דאָס טרײַבל? וועל איך אים אליין זאָגן. גוט... וואָס זאָגט איר? איר פארהאלט זיך אף צוויי טעג? איר קומט צו אונדז איבערמאָרגן? וואָס? איבערגעבן דעם שעף פון דער פּאָזשארנער קאָמאנדע? כא־כא! איך האָב גאָר ניט געוווסט, אז אזעלכע גרויסע מענטשן, ווי איר, כאווער ריבטשינסקי, האָבן ליב צו שפּאסן. א? וואָס־וואָס? איך הער ניט! סטאנציע! אללאָ!..

אין טרײַבל האָט זיך דערהערט אַ פּיַפּערײַ, אַ סקריפּערײַ, און אויס.

די סעקרעטאַרשע האָט אופגעהאַנגען דאָס טרײַבל. געשטאַנען אַ פּאַרויטלטע אַ ווײַלע, טראַכטנדיק, וואָס זי דאַרף איצט טאָן. פּאַריכט אפן קאָפּ די סקירדע געל־געפאַרבטע האָר, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט אפן קאַרק, האָט זי גענומען טראַכטן:

„יאָ, אַ גרויסשטאָטישער נאַטשאַלניק איז ניט קיין קליינשטעטלדיקער באַלבעס. אַזאַ מענטש, אַ דירעקטאָר פון אַ גאַנצן טרעסט, עס קלעקט אים נאָך צײַט אַף אַ שפּאַס טאָן מיט אַ פרוי. אָט דאָס הייסט אַן עמעסער אינטעליגענט. גיט איבער דעם נאַטשאַלניק פון דער פּאַ־זשאַרנער קאָמאַנדע... אַ קאָמיקער. מיט אים וואָלט ניט שלעכט געווען פאַרברענגען אַ צײַט... יאָ, מע דאַרף אים שיין באַגעגענען...”

טאַסיע איז געשטאַנען עטלעכע רעגעס פאַר דער טיר פונעם שעף אירן, דערנאָך האָס־טיק זי צעפּראַלט און ניט מיט איר קאָל אויסגעשאָסן:

— אַ נײַס! ריבטשינסקי פאָרט אַהער! אין צוויי טעג אַרום וועט ער קומען. נאָרוואָס גע־קלונגען...

דער דירעקטאָר, אַ פולבלעכער באַיאַרטער מאַנצבל מיט אַ גרויסן קײַלעכיקן ריין־גע־גאָלטן קאָפּ און מיט גרויסע בלויע, עטוואָס אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, איז געבליבן זיצן אין שטול אַ געפּלעפּטער. דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

ער האָט אויסגעווישט מיט דער גרויסער דלאָניע די הערלבלעכע וואַנצעס, נערוועז אָפּ־גערוקט פון זיך דעם טעלער כאַלאַדיעץ און אַ פּאַרלוירענער זיך אײַנגעקוקט אין דער סעק־רעטאַרשע:

— וואָס שרײַסטו אַזוי, טאַסיע? דו האָסט דאָך מיך שיר ניט איבערגעשראָקן אַף טויט. וואָס פאַר אַ ריבטשינסקי? יענער זעלבער? פונעם טרעסט?

— זעט אויס, יענער זעלבער, — האָט זי אין טאָן אַרויסגעבראַכט. — ווער זשע דען? ער האָט אָקאָרשט געקלונגען. איבערמאָרגן קומט ער.

דער דירעקטאָר האָט מיט האַרץ אָפּגעשטויסן דעם שטול, צוגעגאַנגען צום פענצטער אַ פאַרלוירענער און אַ צעמישטער, ניט אַראָפּנעמענדיק פון דער סעקרעטאַרשע די דערשראָ־קענע אויגן.

— ריבטשינסקי, זאָגסטו? וואַרט, וואַרט, ריבטשינסקי... פון דער געגנט? געקלונגען? אַף דער לעצטער זיצונג האָב איך טאַקע געהערט, אַז מע האָט באַשטעטיקט אַ נײַעם דירעקטאָר. הייסט עס, פאָרט ער אַהער? וואָס זשע טראָגט עס אים אַזוי צו אונדז? ער האָט נאָך ניט באַ־וויזן אָנוואַרעמען זײַן בענקל און גלײַך אַהער? ער פאָרט, הייסט עס, זיך באַקענען מיט זײַן באַלעבאַטישקײַט. וואָס זשע הייבט ער עפּעס אָן פון אונדז? עפשער האָט אים שוין עמעצער דאָרטן, אין דער געגנט, באַוויזן אָנפּלוידערן אַף מיר? יאָ, אומדערוואָרט. זייער אומדער־וואָרט... פאַר צוויי טעג — וואָס קאָנען מיר דאָ באַווײַזן? אַ נײַער בעזעם... נו, און ווי אַזוי האָט ער מיט דיר גערעדט, דער ריבטשינסקי? איידל, ניט שטרענג?

— ניין, גנאַט פּעטראָוויטש. גאַנץ איידל, ער האָט אפילע מיט מיר געשפּאַסט עפּעס וועגן דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע...

— וואָס? וועגן דער פּאָזשאַרנע? געשפּאַסט?

— יאָ. ער האָט זייער אופגעלייגט גערעדט מיט מיר.

— הם... און פאַרוואָס האָסטו מיר ניט איבערגעגעבן דאָס טרײַבל?

— ער האָט געבעטן עס ניט טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז אין צוויי טעג אַרום וועט ער דאָ זײַן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן. קיין בילעט ניט געקאָנט קריגן. אַ סאַך מענטשן שלעפּן זיך איצט אַרום מיט דער אײַזנבאַן, און עס איז אומעגלעך אַרויספּאָרן. מײַן מוטער האָט גענדאַרפט צו אונדז קומען, האָט זי אַ וואָך צײַט ניט געקאָנט קריגן קיין בילעט. עס הייבט זיך אָן דער קור־ראָרטנער סעזאָן.

— שאַ! פאַרשלאָג מיר ניט די געדאַנקען! — האָט ער זי קוים אָפּגעשטעלט. — דער קאָפּ טוט אַזוי אויך וויי! עפּעס אומדערוואַרט פאָרט ער צו אונדז! אַ נײַער בעזעם! איך האָב גע־הערט, אַז מע שיקט אין טרעסט אַ נײַעם דירעקטאָר. אַ שטרענגער. שטאָל און אײַזן. האַלט זיך! ער וועט דאָ, באַ אונדז, מאַכן אַן איבערקערעניש. איך ווייס גוט, וואָס זיי טוען, די נײַע באַלעבאַטים, ווען זיי פּאָרן אומגעריכט צו אונדז אַראָפּ. איך האָב נאָך ניט פאַרגעסן יענעם דירעקטאָר, וועלכער איז צו אונדז פאַראַיאָרן געקומען. איך קאָן נאָך ביז איצט ניט קומען צו־זיך.

— וואָס רעדט איר? — האָט טאַסיע פּאָרזיכטיק אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט, צוגריפּנעמענ־דיק די טעלער. קוקנדיק מיט טיפן מיטגעפיל אַף איר פאַרלוירענעם שעף, האָט זי איבערגע־כאַזערט:

— ער האָט גערעדט מיט מיר זייער איידל. ער האָט מיר אויסגעוויזן צו זײַן א שטילער מענטש. אפילע געשפּאַסט. אויב א גרויסער נאַטשאַלניק שפּאַסט אַזוי פּראָסט, איז עס דער בעסטער סימען, אַז ער איז א גוטער מענטש. איר דאַרפט זיך ניט באַומרויִקן. פאָלגט מיך.

— אַזוי? — האָט ער ווידער אָנגעצילט אַף דער פאַרלוירענער סעקרעטאַרשע די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אויגן פון אַן אומבאַהאָלפן יאַסעמל. — ער האָט געשפּאַסט?

— אַף מײַן וואָרט.

— געשפּאַסט, זאָגסטו? מיר געפעלט טאַקע זייער, ווען א העכערער נאַטשאַלניק שפּאַסט, — האָט מיט א געפאַלענער שטים געזאָגט דער דירעקטאָר און פון צאָרעס פאַרייבערט א פּאַפּיראָס, — איך געדענק, ווען מע האָט מיך אַראָפּגענומען פונעם פלייש־קאָמבינאַט, איז אויך געקומען א לעץ, א כאָכמאַטש פונעם גלאַווק. ער האָט פריילעך געשפּאַסט, א גוטינקער, כאָטש לייג אים צו צו א מאַקע. מיט גוטע ריידעלעך, כאָכמעלעך, און איך בין אַרויסגעפלויגן פונעם פלייש־קאָמבינאַט פאַר איין טאָג. דערנאָך האָב איך זעקס כאַדאָשים געזוכט א נײַע שטעלע. ווען מע האָט מיך באַפרײַט פון דער וואַטע־פאַבריק, איז אויך אַראָפּגעקומען פון געגנט אַזאַ־אָ וויצלער... דערנאָך, ווען איך האָב געאַרבעט אין פלאָדאָאָוואָשטש, ווו מע זאַלצט קרויט מיט אוגערקעס, עפּל און קאַווענעס, וואָס מיינסטו? איז ניט אַראָפּגעקומען צו מיר קיין פריילעכער פאַרשוין? ער האָט דערציילט אַנעקדאָטן... זיך געשפּילט, ווי א וואָלף מיט א שאָף, און וואָס האָט זיך דערפון באַקומען? אָט יענעם אַנעקדאָטשיק, דעם פריילעכן פאָרשטייער פון געגנט, האָבן מיר געהאָדעוועט און געפּויעט אין רעסטאָראַן מיט די געשמאַקסטע מײַכאָלים און בעסטע געטראַנקען. אַרומשפּאַצירט מיט אים, גערעדט שיין און פײַן, און וואָס מיינסטו? אָט דער פאַרשוין האָט אַליין אונטערגעשריבן דעם באַפעל מיך באַפרײַען פון דער אַרבעט! איין אונטערשריפט זײַנער, און איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַן רויִקער שטעלע. אָ, איך קען זיי גוט, אָט די באַשיידענע טײַבעלעך, די וויצלער, וואָס קומען אומדערוואַרט אַראָפּ! אַף די דאָזיקע זאַכן בין איך א מייוון.

— אומזיסט באַומרויִקט איר זיך, גנאַט פּעטראָוויטש. אָט דער־אָ, ווי הייסט ער? נו, וואָס האָט אַהער געקלונגען, מוז זײַן...

— דו ווייסט דאָך, טאַסיע, איך בין א מענטש ניט קיין אָבערגלויביקער, — כ׳גלייב ניט אין קיין כאַלוימעס, נאָר נעכטן האָט זיך מיר געכאָלעמט א שלעכטער כאָלעם.

— וואָס פאַר א כאָלעם? — האָט זי געקוקט מיט אומגעדולד דעם שעף אין פּאָנעם.

— נו, איך בין געפאָרן מיט מײַנע כעוורע אַף דער ריבאַלקע און פאַרטשעפּעט א גרויסן העכט, ווי א העלפאַנד די גרייס. איך האָב אים אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן פונעם וואַסער און בעשום־אויפן ניט געקאָנט. און וואָס מיינסטו, ער האָט מיך אַרײַנגעשלעפּט אין זומפּ, און איך בין שיר ניט דערטרונקען געוואָרן. פאַר דעם, ווי מע האָט מיך באַפרײַט פון דירעקטאָר פון אונדזער פּוטער־זאַוואָד, האָט זיך מיר אויך געכאָלעמט א העכט.

— וואָס רעדט איר! אַז עס כאָלעמען זיך פיש, איז דאָס א גוטער סימען, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן, — אָט האָט זיך מיר יענע וואָך געכאָלעמט...

— וואַרט, וואַרט! איצט איז ניט קיין צײַט דערציילן באָבעמײַסעס! — האָט ער זי אָפּגעשטעלט און פאַרלייגט די הענט אַפן רוקן, נערוועז אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן גערעמען קאַבינעט:

— דו דערקלער מיר נאָר, וואָס איז די סיבע, וואָס דער נײַער טרעסט־דירעקטאָר האָט נאָך ניט באַוויזן אָנוואַרעמען דאָס בענקל און טראָגט זיך, ווי א דולער אַהער? אונדזער פאַבריק געפינט זיך ווײַט פון דער געגנט. אַהער זיך דערקלײַבן איז ניט אַזוי לײַכט. זעלטן קומט אַהער אַראָפּ א שטיקל אינסטרוקטאָר, און דאָ פאָרט אַליין דער באַלעבאָס! ער וויל, זעט אויס, אָוועקזעצן אַף מײַן אָרט זײַנעם א מענטשן, ניט אַנדערש. עמעס, דעם פּלאַן פון אַרויסלאָזן טעפּ פילן מיר ניט אויס. דעם פאַבריקן קוואַרטאַל האָבן מיר ניט דערגעבן קיין צוואַנציק טויזנט קריגלעך און צען טויזנט טעלער, נאָר ווער איז שולדיק, אַז דער דריטער אויוון איז צעוואַלגערט? אין פאַיאַנס־צעך איז ניטאָ קיין פאַרב. און דער דירעקטאָר, אָנשטאָט אונדז צושיקן פאַרב און העלפן אופשטעלן דעם אויוון, שלעפּט ער זיך אַליין אַהער! זעט אויס, ניט אָן קיין בייזן מיין...

גנאַט פּעטראָוויטש איז אַף א ווײַלע שטיל געבליבן, מיט קאַעס אַרויסגעשלײַדערט אין צעעפנטן פענצטער דעם פאַרלאָשענעם ציגאַר און גענומען זיך קלאַפּן מיט דער פויסט אין ברוסט:

— דו פאַרשטייסט, טאַסיע, דער פּאַדראָס ברענט אין מיר. דו סטאַרעסט זיך, און זיי טרעטן דיר די גאַנצע צײַט אַף די מאָזאָליעס. ער וויל מיך אַרויסטרײַבן — זאָל ער אַרויס־

טרײַבן! איך װעל אַן קײן שטעלע, גלײב מיר, ניט בלײַבן. עס זײַנען פֿאַראַן גוטע מענטשן אַף דער װעלט און מע װעט מיר צוזוכן אַן אַנדער שטעלע. ניט דאָס שרעקט מיך. נײן, מיך װעט ער אַזױ גרינג ניט נעמען! איך בין אױך אַ גוט ייִנגעלע, אַז מע טרעט מיר אַן אַף דער מאָזאָל... דו געדענקסט, טאַסיע, װען מע האָט מיך אַראָפּגענומען פֿון דער הינער־פֿערמע? אַ האַלב יאָר האָבן זײ זיך מיט מיר אַנגעמוטשעט, ביז מע האָט מיך אַראָפּגענומען... אַזױ גיך גיב איך זיך ניט אונטער! נײן! נו, פֿון זאַגאָטזערנאָ בין איך אַלײן אװעקגעגאַן, פֿון זאַגאָט־סקאָט אױך, נאָר פֿון די טעפּ װעל איך ניט אװעקגײן! איך הײב שױן אָן זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין דער פּראָדוקציע. איך קען שױן אונטערשײדן אַ טאָפּ פֿון אַ טעלער. דאָ װעל איך זיך שױן האַלטן ביז דער פּענסיע...

ער האָט זיך טיף פֿאַרטראַכט, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פֿױסט איבערן טיש און זיך צעלאַכט:

— װאָס האָב איך זיך צערעדט, װי אַ פּאַפּוגײַ? מע דאַרף דאָך באַגעגענען דעם גאַסט װי עס דאַרף צו זײַן. צײַט איז געבליבן װײניק. מע דאַרף בײַטן די טאַקטיק, באַװײַזן דעם שעף, אַז מיר זײַנען אַף דער געהעריקער הײך!

גנאַט פּעטראָװיטש איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום טיש, שטײענדיק אױפֿגעגעסן דעם כאַ־לאָדיעץ, די קאָטלעטן, אױסגעטרונקען די גרױסע טשאַשקע קאַלטע טײ, אַרומגעװישט מיטן אַרבל פֿון דעם בלױען האַלב־מיליטערישן פֿרענטש די װאָנצעס, און געהײסן טאַסיען נעמען אַ בלײַער און דעם בלאָקנאָט.

— איז אָט װאָס, מײַן טײַערע, מיר שטײען איצט פֿאַר אַ װיכטיקן עקזאַמען און מוזן אים אױסהאַלטן אַף אַ פֿינף! סאַפּאָקאַלסאָף, װאָס זײַנען מיר, כליופּיקעס, גימנאַזיסטלעך? מיר קאָ־נען ניט באַגעגענען װי עס דאַרף צו זײַן אונדזער נאַטשאַלסטװע? אַנו, העכער דעם קאָפּ!

ער האָט געהײסן טאַסיען אָנגיסן אים נאָך אַ טשאַשקע טײ, אַ מינוט אָנגעשטרענגט גע־טראַכט און פֿאַרגעזעצט:

— נישקאָשע, זאָל ער קומען, דער ריבטשענקאָ, מײַן איך, ריבטשינסקי... אַ שאָד, װײ־ניק צײַט געבליבן, אײנגאַנצן צװײ טעג. מעלדן אַן אַלגעמײנעם אױראַל אַף דער פֿאַבריק װעט זיך שױן ניט אײַנגעבן. נאָר מיר װעלן פֿלעטן דעם גאַסט אונדזערן מיט אַ פּולקאָמער אָרדענונג אין די צעכן, אַף דער גאַנצער טעריטאָריע. מיר װעלן אים אַ פּרװו טאָן פֿריטש־מעליען מיט אַ שײנעם אופֿנאַם, ער זאָל אונדז פֿאַרגעדענקען! דאָס װעלן מיר קאָנען! לאָמיר ניט פֿאַטערן אומזיסט קײן צײַט. נעם דעם בלײַער און פֿאַרשרײַב, װאָס איך װעל דיקטירן, דאָס הײסט באַפֿעלן: גלײַך אַרױסרופֿן צו מיר אין קאַבינעט די בריגאַדירן אַף אַ באַראַטונג. אײדער זײ װעלן זיך צונױפֿקומען, רוף אַהער אַלע אופּראַמערנס און דעם... װי הײסט ער דאָרט? נו, װאָס קערט צו דעם פֿאַבריק־הױף.

— די אופּראַמערנס, — האָט טאַסיע פּאַרזיכטיק באַמערקט, — האָט מען פֿאַרקירצט.

— װאָס? װער האָט אַזױנס אָפּגעטאָן? װאָס הײסט אָן אופּראַמערנס? װער האָט זיך דער־װעגט? — איז גנאַט פּעטראָװיטש אױפֿגעזאָטן געװאָרן.

— איר האָט אַלײן אונטערגעשריבן דעם באַפֿעל...

— גלײַך זאָלסטו זײ אַלעמען אונטער דער ערד געפֿינען און אױפֿשטעלן אַף דער אַר־בעט! — האָט ער, װי ניט מיט זײַן קאָל, אױסגעשריגן, — און מע זאָל זיך נעמען פֿאַר די בעזע־מער און לאָפּעטעס. דער הױף און די צעכן זאָלן שעמערירן! אומעטום זאָלן בליִען בלומען, רױזן, װי אין אַ גוטן גאָרטן. אומעטום זאָל שמעקן!

— יאָ, נאָר קײן בלומען זײַנען נאָך ניט אױסגעװאַקסן...

— אָרגאַניזירן פּאַפּירענע בלומען! — האָט ער איבערגעשלאָגן טאַסיען די רײד, — װי נאָר יענער װעט אָװעקפֿאָרן, װעלן מיר זײ אַלצײנס אַרױסװאַרפֿן. רוף אַרױס דרינגענד דעם בוכ־האַלטער. מע דאַרף זיך דורכשמועסן מיקױעך אַ באַנקעט. אַזאַ גאַסט מוז מען מאַכן אַ גרױסאַר־טיקן באַנקעט. פֿאַרשטאַנען, נײן? דערװײס זיך גלײַך אין רעסטאָראַן, װאָס פֿאַר אַ מעניו קען מען דאָרט אונדז פֿאַרלײגן. אַפֿן טיש זאָל אומבאַדינגט זײַן שװאַרצער רױג און קאָניאַק מיט פֿינף שטערנדלעך. סיאַמגע און אָסעטרינע, מאַסלינעס און לימענעס. אַזױ, װי אין די גרױסע שטעט. קלינג אָן דעם שעף־קעכער, ער זאָל זיך גלײַך פֿאַרבונדן מיט מיר! יאָ, פֿאַרגעס ניט באָרשטש מיט פּאַמפּעשקעס און מיט קנאָבל. די גרױסשטאָטישע האַלטן פֿון אַזעלכע מײַכאָלים. זאָל די בוכהאַלטעריע גלײַך איבערפֿירן אין רעסטאָראַן די נײטיקע סומע, און דו שטעל צונױף אַ צעטל פֿון די געסט. אַ מאַן זעכציק. ניט מער. אַ פּאָר אַרבעטער פֿון די צעכן און די איבע־ריקע... נו, װײסט אַלײן װעמען. דעריקער די ראַיאָנע נאַטשאַלסטװע מיט די װײַבער. אױב זײ װעלן מיטנעמען די קינדער, מאַכט אױך ניט אױס. שאָקאָלאַדלעך, לימאָנאַד, צוקערקעס... אַ פּאָר מענטשן פֿון די צעכן. פֿאַרגעס ניט. פּאַרט פּראָלעטאַריאַט! אָן זײ קאָן מען ניט. נו, שנעל, שנעל!

צונויפגעלייגט די הענט אף דער הויכער ברוסט, ווי, נעפריטשקעס, נאפּאָלעאָן האָט עס געטאָן פאַר א שווערער שלאַכט, האָט דער דירעקטאָר זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן קאַבינעט:

— דרינגענד אויסווייזן די גאַרקיך, אַרײַנטראָגן נײַע טישלעך, בלומען, אופהענגען פלאַקאַטן און מאַכן א שטיקל אָרדענונג. זאָל דער גאַסט זען, אַז מיר זאָרגן פאַרן אַרבעטער־קלאַס. פאַרשטאַנען, נייִן? אַרײַנקוקן אין צוזאַמענוווינונג, נעמען אף פּראַקאַט און אוועקשטעלן דאָרט א טעלעוויזאָר, א ראַדיאָ־אַפּאַראַט, שפּיגלען, ביכלעך, טישלעך, אופהענגען פאַרהענגלעך אף די פענצטער, דערנאָך, אַז דער באַלעבאָס וועט אוועקפאָרן, וועט איר דאָס אָפּטראָגן צוריק אַפן פּראָקאַט־פּונקט. פאַרשטאַנען, נייִן? יאָ, שיר ניט פאַרגעסן. זעלבסטעטיקייט! מע דאַרף דרינגענד צונויפשלאָגן א כאָר. זאָל מען זינגען, טאַנצן, שפּילן. אַנטלײַט ערגעץ האַרמאָשקעס, עס זאָל זײַן פריילעך. יאָ, פיזקולטור. שלאָגט צונויף א פוטבאָל־קאָמאַנדע. אופנייען די כעוורע מײַקעס און שוואַרצע הייזלעך. מאָלט אָן אף די מײַקעס און הייזלעך טעפּ און טעלער, זאָל דער גאַסט זען, אַז דאָס איז אונדזער פאַבריק־קאָמאַנדע. זשאַלעוועט ניט קיין טעפּ מיט קיין טעלער! נאַטשאַלסטווע פון געגנט האָט זייער ליב פוטבאָל — האָדעווע זיי ניט מיט קיין ברויט, נאָר גיב פוטבאָל. דעם טאָג, ווען מע שפּילט אין געגנט פוטבאָל, וועסטו קיינעם פון נאַטשאַלסטווע אף דער אַרבעט ניט טרעפן. אַלע זײַנען אַפן סטאַדיאָן.

אין א פערטל שאָ אַרום איז דער געראַמער קאַבינעט געוועזן פול מיט אָנפירנדיקן אוילעם. מע איז געלאָפן, ווי אף א סרייפע. טאַסיע האָט אף אַלעמען אָנגעוואָרפן א פּאַכעד.

דער דירעקטאָר האָט אָנגעמאָלט א מוירעדיק בילד אין צוזאַמענהאַנג מיטן קומען פונעם געהויבענעם גאַסט. דערציילט, סאַראַ געפאַר עס דערוואַרט, אויב יענעם וועט דאָ עפּעס ניט געפעלן ווערן. פאַרט א נײַער באַלעבאָס, א נײַער בעזעם. און געגעבן א גאַנצע ריי אָנווײַזונגען, וואָס מע דאַרף אופטאָן פאַר די צוויי שטורמישע טעג ביז יענעמס קומען אַהער. ווען ער איז צוגעקומען צו די בלומען, וואָס מע דאַרף אויסזעצן אין הויף, האָט זיך דאָ און דאָרט דערהערט א געלעכטער. וועלכע בלומען קאָנען אויסוואַקסן אין אַזא צײַט פאַר צוויי טעג?

נאָר גנאַט פּעטראָוויטש האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

— איך בעט זיך באַציִען מיטן גרעסטן ערנסט צו דער זאַך! צוליב דעם האָב איך אײַך דאָך צונויפגערופן. וואָס זשע, איר ווייסט ניט, אַז איין קאָפּ איז גוט און עטלעכע — בעסער? פּאַרוואָס, לעמאָשל, קאָנען מיר ניט ברענגען אַהער פון דער גרויסער שטאָט אף א מאַשין אָדער אף א ווערטאָליאָט א פּאָר הונדערט טעפּלעך מיט בלומען און זיי אוועקשטעלן באַם אַרײַנגאַנג אין דער פאַבריק? וואָס? עס וועט קאָסטן טײַער? קאָנען מיר דאָך זיי אוועקשטעלן אף דער צײַט, וואָס דער גאַסט וועט באַ אונדז זײַן, און דערנאָך זיי אָפּפירן צוריק טאַקע אין זייערע טעפּלעך. טראַכטן דאַרף מען, מײַנע טײַערע!

נאָך א גרעסערער טאַראַראַם האָט זיך אופגעהויבן, ווען גנאַט פּעטראָוויטש איז צוגעקומען צום באַנקעט.

דער אַלטיטשקער בוכהאַלטער וולאַדימיר מיכײַלאָוויטש, וואָס איז געזעסן באַ דער וואַנט, אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט דעם גראָוון קאָפּ, האָט געקוקט מיט פאַרדײַגעטע אויגן אַפן צעהיצטן דירעקטאָר:

— וואָס? א באַנקעט? אף זעכציק מענטשן מיט די ווײַבער? מיט קאָניאַק און רויג? זייער געשמאַק! נאָר ווער, זאָגט מיר, וועט צאָלן? באַ מיר אין דער סמעטע זײַנען נאָך דערווײַל ניטאָ קיין געלטער אף באַנקעטן און רעסטאָראַציעס...

— כאַוווער בוכהאַלטער, איך בעט מיר ניט איבערשלאָגן! — האָט זיך צעבייזערט דער דירעקטאָר, — אײַערע אָפּגעשטאַנענע טענדענצן זײַנען מיר שוין לאַנג באַקאַנט! שטענדיק, ווי נאָר מע דאַרף דורכפירן א קולטור־מאָסמיטל, שטעלט איר זיך דיבאָם! איר פאַרשטייט ניט, אַז דאָס דערמונטערט דעם קאָלעקטיוו, דערנעענטערט אים. איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב געאַרבעט אַפן פוטער־זאַוואָד, פלעגן מיר קימאַט אַלע וואָך דורכפירן אַזעלכע מאָסמיטלען אין רעסטאָראַן. ווען איך האָב אָנגעפירט מיט דער וואַטע־פאַבריק, האָבן מיר אויך אָפט אַזוינס פּראַקטיקירט, און די בוכהאַלטערס האָבן ניט דערווידערט דעמלט...

עס האָבן זיך דאָ און דאָרט אופגעהויבן הענט. מע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר גנאַט פּעטראָוויטש האָט קיינעם קיין וואָרט ניט געגעבן.

— איצט איז ניט קיין צײַט פאַר דיסקוסיעס. גייט בעסער און פירט דורך אָן אַרבעט, אַז די מענטשן זאָלן זיך ניט רוקן צום גאַסט מיט אָנקלאָגעס. גיט די מענטשן בעזעמער אין די הענט, שוואַבעס, לאָפּעטעס — זאָל מען קערן, ראַמען, שאָבן. אין אַלע ווינקעלעך זאָל באַ אונדז זײַן ריין און ציכטיק. טאַסיע וועט זיך פאַרנעמען מיט קונסט און זעלבסטעטיקײַט. יאָ, שיר ניט פאַרגעסן. מע דאַרף דרינגענד, הײַנט נאָך, שאַפן א בלאָז־אָרקעסטער. וואָס? קיין אָנפירער, קיין מוזיקאַנטן, קיין אינסטרומענטן זײַנען ניטאָ? מירן אַנטלײַען אינסטרומענטן און

מוזיקאנטן אפן ווארניאטשקער צוקער־זאוואָד. דער קאָפ דארף ארבעטן! איניציאַטיוו! ניט שלאָפן! און נאָך איין וויכטיקע זאך — צוגרייטן א באָד, אוועקלייגן אפן דיל א טעפיכל... דאָס איז אומבאדינגט. איך געדענק, ווען איך בין געווען קאָמענדאנט פונעם קאָלווירטישן מארק, איז צו מיר געקומען א פאָרשטייער פון געגנט. אלץ איז אים אפן מארק בא מיר געפעלן געוואָרן. צום סאָף האָט ער געפרעגט, צי איז פאראן א באָד אפן מארק. ער האָט זייער ליב געהאט זיך באָדן. קיין באָד איז בא מיר ניט געווען. די הענט זיינען נאָך צו קיין באָד ניט דערגאנגען. איך געדענק, ווען איך האָב געארבעט אלס פארוואלטער פונעם זקיינים־הויז, האָב איך ארייַנגעכאפּט א שטרענגן אויסרייד פאר דעם, וואָס איך האָב ניט אָרגאניזירט פון די זקיינים קיין בלאָז־אָרקעסטער...

אין עטלעכע מינוט ארום האָט אומדערווארט זיך צעהילכט איבערן פאבריק־הויף די סירענע. די עטלעכע פייַערלעשער, וועלכע זייַנען, ווי שטענדיק, געשמאק געשלאָפן אף זייערע בעטלעך אין דעזשורנע־צימער, זייַנען אופגעשפרונגען, ווי אָפגעבריטע, און זיך געלאָזט לויפן צו די פעסער מיט וואסער, ארופשלעפנדיק אף זיך זייערע ברעזענטענע ראָבעס מיט די קופערנע קאסקעס. פון די צעכן, פון אלע זייַטן, זייַנען געלאָפן דערשראָקענע מענטשן, וועלכע האָבן ניט פארשטאנען, וואָס עס איז געשען.

אינמיטן הויף איז געשטאנען דער אופראמער לעבן א בארג מעטלעס, בעזעמער, לאָפעטעס און שוואבערעס און פאָרגעלייגט אלעמען זיך שטעלן ברענגען אין אָרדענונג דעם הויף, די ברייטע טעריטאָריע — אזא באפעל פונעם כאווער דירעקטאָר.

מענטשן האָבן געקנייטשט מיט די אקסל, ניט פארשטאנען, וואָס איז דאָס פאר א טאראראם אינמיטן העלן טאָג. פארוואָס האָט מען געדארפט ווארפן די ארבעט און זיך נעמען פאר די בעזעמער און לאָפעטעס? אין עטלעכע טשאנעס האָט מען געשלאָגן קאלך, קאלויצעט פארב אף ווייַסן די ווענט און פארבן דעם טויער מיטן פארקן.

טאסיע האָט זיך ארומגעטראָגן איבערן הויף און איבער די צעכן, ווי א פארסאמטע, און איבערגעגעבן די פאראָרדענונגען פונעם דירעקטאָר. אליין דער שעף איז געשטאנען בא דעם טעלעפאָן און ביז הייזעריק ווערן ארייַנגעשריגן אינעם טרייַבל, איבערגעגעבן דעם פארוואלטער פון דער רעסטאָראציע, וועלכע געריכטן ער זאָל צוגרייטן צום באנקעט; געקלונגען צו די באלעבאטים פונעם צוקער־זאוואָד, מע זאָל צושיקן דעם בלאָז־אָרקעסטער. נאָך האָט ער ערגעץ געקלונגען, מע זאָל צוגרייטן טעפלעך בלומען פאר דער פאבריק, וועלכע מוז דרינגענד פארוואנדלט ווערן אין א בליִענדיקן גאָרטן.

די ארבעט האָט געברענט אונטער די הענט. מע האָט געפארבט דעם פארקן, געשמירט מיט קאלך די ווענט, פארשאָטן אין הויף די קאליוזשעס, עס זאָל זייַן ווו צו שטעלן א פוס, עטלעכע מענטשן האָבן געפארבט מיט זילבער־פארב די סקולפּטור פון גיפּס, וואָס אן אָרטיקער קינסטלער האָט אויסגעקלעפט און זי דאָ אוועקגעשטעלט אינמיטן הויף, „גליקלעכע קינדהייַט” האָט די סקולפּטור געהייסן.

אין רויטן ווינקל האָבן זיך שוין פארזאמלט די כאָריסטן, און מע האָט אָנגעהויבן לערנען „בודיאָניס מארש” און „קאטיושא”.

קיינעם איז ניט דערלויבט געווען גיין נאָך דער ארבעט אהיים, ווייַל דער שטורעם וועט פאָרגעזעצט ווערן אויך נאָך דער וואכטע — מע וועט צאָלן פאר די איבער־שאָען. אז מע דארף אופנעמען אזא גאסט, איז דאָך ניט שייַעך. מע טאָר ניט פארשעמט ווערן.

גנאט פעטראָוויטש איז ארומגעגאנגען ווי א שטאָט־באלעבאָס, א ביסל פארלוירן און עטוואָס צעטומלט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אלץ טוט זיך ניט אזוי, ווי עס דארף צו זייַן, און ניט גענוג שנעל.

נאָר, ווי עס זאָל ניט זייַן, האָט ער געזען, אז די ארבעט גייט. אים האָט זיך איינגעגעבן אופהייבן דעם אוילעם אף א שטורעם.

איצט האָט ער זיך מיט אלעמען געגריסט פאר די הענט, זיך אָנגעפרעגט, ווי פילט מען זיך אין געזונט און פארוואָס קומט מען ניט ארייַן צו אים, עפשער נייטיקט מען זיך אין עפּעס. ער האָט זיך געכאָכמעט, געווערטלט זיך, און דער אוילעם האָט זיך געוווּנדערט — שוין לאנג איז ער ניט געווען אזא צוגעלאָזטער, אזא גוטער.

גנאט פעטראָוויטש האָט זיך געבראָכן דעם קאָפ, ניט געוווּסט, וויאזוי ער דארף האנדלען — אליין פאָרן צו דער סטאנציע באגעגענען דעם געהויבענעם גאסט, צי עפשער שיקן א דעלעגאציע און אליין בלייַבן ווארטן באם געפארבטן טויער און בא די טעפּעלעך בלומענקלומבעס, וואָס מע וועט דאָ אויסשטעלן? זאָל ער גאָר עפשער זיצן בא זיך אין קאבינעט, ארייַנגעטאָן אין די בערג מיט פאפירן — דער גאסט זאָל זען, אז ער איז פארוואלגערט מיט ארבעט און האָט ניט קיין פרייַע מינוט דעם קאָפ אופצוהייבן?

ניט ווייניקער פאַרדײַגעט איז געווען די סעקרעטאַרשע. זי איז, נעבעך, געווען צעבראָכן
און דערנידעריקט: אַנשטאָט אויספאַרבן איר די האָר אין צונטער־רויטער פאַרב, ווי די מאָדע
איז איצט, און מאַכן פריזור לויטן זשורנאַל „א מיידעלע — א יעסומעלע״, האָט די שערערן
איר פאַרדרייט „א מידעלע — א מאַכשייפע״, און גיי טו עפּעס! די האָר אויסגעפאַרבט אין
קלאָטשע־קאָליר. איצט האָט טאַסיע געהאַט א פּאָנעם פון אן עמעסער מאַלפּע, כאָטש גיי
ניט אַפּן באַנקעט!

ס'איז געקומען די צײַט אַרויסצופאָרן אַף דער סטאַנציע, קעדיי באַגעגענען דעם הויכן
גאַסט. צוויי אויטאָמאָבילן, אויסגעפּוצטע מיט בלומען און סטענגעס, גלײַך ווי זיי וואָלטן גע־
דאַרפט פירן כאָסן־קאַלע אין זאַגס אַרײַן, זײַנען שוין געשטאַנען גרייט אַף זיך לאָזן אין וועג
אַרײַן. אַף די מאַשינעס, ווי אויך אַפן פריש געפאַרבטן טויער, זײַנען געהאַנגען סטענגעס —
פּלאַקאַטן, אַף וועלכע ס'איז מיט גרויסע אויסיִעס אויסגעשריבן געווען מיט ווײַס אַף רויטס:
„דאַבראָ פּאָזשאַלאָוואַטו!״. אין הויף, בא דער באַזילבערטער סקולפּטור „גליקלעכע קינדהײַט״,
אַף די פריש געטעסעטע בענק, זײַנען געזעסן עטלעכע צענדליק שילערנס מיט גרויסע באַנטן
אין די צעפּלעך און עטלעכע קליינע ייִנגעלעך און מיידעלעך פונעם קינדער־גאָרטן. זיי האָבן זיך
שטאַרק באַמרויִקט, אַרײַנגעקוקט אין פּאַפּירלעך, — געכאַזערט די ווערטער, וואָס עס וועט
אויסקומען אויסשרײַען, ווען אין הויף וועט אַרײַנפאָרן דער גאַסט. ניט ווײַט פונעם טויער
זײַנען געשטאַנען די מוזיקאַנטן מיט די מוירעדיקע טרויבן און פויקן און אַרײַנגעקוקט אין די
נאָטן. זיי, די קלעזמער, זײַנען גרייט געווען א האַק טאָן א מאַרש, אז די ווענט זאָלן ציטערן!
ענדלעך האָט דער דירעקטאָר געגעבן א מאַך מיט דער האַנט צו די שאָפערן, אז מע
קאָן, הייסט עס, פאָרן צו דער סטאַנציע נאָכן גאַסט.

ביידע מאַשינעס האָבן זיך אײַנצײַטיק אָפּגעריסן פונעם אָרט און זיך געלאָזט צו דער
סטאַנציע, וואָס איז געווען ניט שטאַרק ווײַט פון דער פאַבריק. זיי זײַנען געפלויגן איבערן
שלעכט ברוקירטן שאָסיי, אופהייבנדיק וואָלקנס שטויב.

גנאַט פּעטראָוויטש האָט דערווײַל ווילינגעריש געשפּאַנט הין־און־צוריק לעבן טויער,
פאַרפּוצט אין זײַן טונקל־בלאָוון פרענטש, פאַרשפּיליעט אַף אַלע קנעפּלעך. אַף זײַן ברוסט
האָט געפלאַמט א צייכן פון „דאָסאַאַף״ און א צייכן פון אן אַקטיוון „דרוזשיניק״...

פונעם רעסטאָראַן איז אַלעמאָל געקומען צו לויפן דער קעכער אין זײַן הויכן, פּירגאָרנ־
דיקן ווײַסן קאָלפּאַק און ניט אופגעהערט זיך נאָכפרעגן, צי מעג מען שוין בראָטן די קאָט־
לעטן, אָנהייבן גרייטן צום טיש? עס האָבן זיך נערווירט די קלעזמער. דער אַלטיטשקער קאַ־
פּעלמייסטער האָט ניט אופגעהערט מאַטערן דעם דירעקטאָר: וואָס האָט בעסער ליב דער גע־
הויבענער גאַסט, מע זאָל אים שפּילן א טוש, צי דעם „דונײַער וואַלס״?

דערווײַל האָט זיך אַהער פון אַלע זײַטן געצויגן אַן אוילעם, מע האָט ניט פאַרשטאַנען,
וואָס עס קומט דאָ פאָר.

בא גנאַט פּעטראָוויטשן איז אומרויִק געוואָרן דאָס פּאָנעם — דער צוג איז שוין לאַנג
געקומען, ווו זשע איז דער גאַסט? דער צווייטער צוג וועט זײַן ערשט אין צוויי מעסלעס אַרום.
וואָס זשע וועט זײַן מיט די קאָטלעטן?

מער פון גנאַט פּעטראָוויטשן האָבן איבערגעלעבט די מוזיקאַנטן. זיי האָבן ניט קיין איין
איבעריקע מינוט! נאָך דער רירנדיקער באַגעגעניש מוזן זיי לויפן אַף א לעווײַע — דער בוי־
פעטשיק פון דער היגער טשײַנע האָט זיך, נעבעך, איבערגעטרונקען און אויסגעגאַן טאַקע
לעבן דער סטויקע, ווי א ליכט. צי וועט מען די קלעזמער אײַנלאַדן אַפּן באַנקעט, וואָס די
פאַבריק גרייט, ווייסט מען נאָך ניט, נאָר באַם פאַרשטאָרבענעם בופעטשיק אין שטוב גרייט
מען גאָר א גרויסאַרטיקע סודע. און פאַר זיי, פאַר די קלעזמער, איז אויסגעטיילט א ספּעציִ־
עלער טיש מיט טײַערע געטראַנקען און פאַרבײַסעכץ. פּאַרנאַכט דאַרף די קאַפּעלע שפּילן אַף
דער כאַסענע באַם פאַרוואַלטער פון דער היגער פּאַרמע.

עס האָבן אָנגעהויבן טומלען די קינדער, וועלכע האָבן שוין געדאַרפט גיין אין שול אַרײַן
אַף די לימודים.

טאַסיע איז אַרומגעלאָפן, זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. דאָס האַרץ האָט בא איר
אָנגעהויבן טיאָכקען פון שרעק. א מאָדנער געדאַנק האָט אָנגעהויבן זי מאַטערן — צי האָט זי,
כאָלילע, דאָ עפּעס ניט אָנגעפלאָנטערט?

נאָר אָט האָבן זיך צעזשומעט די מאַשינעס, און מענטשן זײַנען אַרויס אַנטקעגן. דער
דירעקטאָר האָט שוין געוואָלט א מאַך טאָן מיט דער האַנט, די מוזיקאַנטן זאָלן אָנהייבן שפּילן,
און די קינדערלעך זאָלן זיך אויסשטעלן אין פּראָנט אַף באַגעגענען דעם גאַסט, נאָר אין דער
לעצטער רעגע האָט ער זיך פאַרכאַפּט.

די מאַשינעס האָבן זיך אומגעקערט מיט דער גאַנצער דעלעגאַציע, נאָר אָן דעם גאַסט.

דער דירעקטאָר איז געבליבן געפּלעפּט. וואָס הייסט דאָס? וואָס איז געשען? צי דען האָט יענער דורכן וואַגאָן־פענצטער דערזען, אַז גנאַט פּעטראָוויטש איז ניט געקומען אים באַגעגענען אַף דער סטאַנציע, זיך צעבייזערט אַף אים און אַוועקגעפאָרן ווײַטער, אין דעם שכייניש שטעטל, ווו עס געפינט זיך פּונקט אַזאַ פאַבריק פון טעפּ און טעלער?

דאָס איז דאָך טאַקע ביטער!

דערזען די פאַרלוירענע סעקרעטאַרשע, האָט גנאַט פּעטראָוויטש איר באַפוילן קלינגען אין טרעסט, זיך דערפרעגן, וואָס עס איז געשען מיט ריבטשינסקין, ווען זאָל מען אים באַגעגענען?

טאַסיע איז צוגעפאַלן צום טעלעפאָן און גענומען בעטן די טעלעפאָניסטקע, מע זאָל זי גיכער פאַרבינדן מיט דעם טרעסט. די טעלעפאָניסטקע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם קאָל און גלײַך אַרויסגערופן דעם טרעסט.

טאַסיע האָט אויסגעהערט די ערשטע עטלעכע ווערטער און איז שיר ניט געפאַלן כאַלאָשעס. אַ מוירעדיקער פּלאָנטער! אין טרעסט, לאָזט זיך אויס, איז קיין שום ריבטשינסקי קיינמאָל ניט געווען. דאָס איז עמעס, אַז מע האָט אַהין צוגעשיקט אַ נײַעם דירעקטאָר. נאָר ערשטנס, איז זײַן פאַמילע ניט ריבטשינסקי, נאָר רובאַשעווסקי. כוץ דעם, האָט ער קיינעם ניט געקלונגען און קלײַבט זיך ניט קלינגען, ווײַל ער האָט נאָך די איניאַנים אַפילע ניט אָנגעהויבן איבערנעמען באַם אַלטן שעף, וואָס גייט אַוועק אַף פּענסיע, באַ נאַזימאָוון. דערווײַל, ביז ער וועט זיך ניט באַקענען מיט די איניאַנים, טראַכט ער אין ערגעץ ניט פאָרן. און זאָל די פאַבריק זיך פאַרנעמען מיט מאַכן געפעס.

טאַסיע האָט ניט באַוויזן אַוועקלייגן דאָס טרײַבל, ווי די טיר האָט אַ טראַסקע געטאָן. עס איז אַרײַנגעפלויגן עפּעס אַ פאַרשוין, וועלכן זי האָט פון איבעראַשונג ניט דערקענט, און אָנגעצילט אין איר זײַנע בייזע אויגן:

— וואָס טוט זיך דאָ? ניט קיין קאָנטאָר, נאָר אַ בעדלאַם! — האָט ער אויסגעשריגן, — פאַרוואָס צאָלט מען אײַך געהאַלט? מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך דאָ?

— איך בעט פאַרלאָזן דעם צימער! — האָט טאַסיע אים איבערגעשלאָגן, — איר זעט דען ניט, וואָס דאָ טוט זיך? איך האָב קיין צײַט ניט. קומט אַרײַן אַ צווייט מאָל.

— פאַרנומען זײַנט איר!? — איז ער ניט אָפּגעטראָטן, — אײַך איז שווער געווען איבערגעבן מײַן ביטע דעם עלטסטן פון די פּאָזשאַרניקעס, אַז איך פאַרהאַלט זיך אַף צוויי טעג? קיין איין בילעט ניט געווען אין קאַסע. וואָס זשע, איך האָב געדאַרפט גיין פון אָפּרו־הויז צופוס? יענער טײַוול, איר קענט אים ניט, האָט געגעבן אַ באַפעל מיך אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט פאַר אַ פּראָגול. איך בין איבער אײַך געבליבן אָן אַרבעט.

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר! — די סעקרעטאַרשע איז געוואָרן מאָלע רעציכע, — איר זעט ניט, וואָס אַף דער פאַבריק טוט זיך? עפּעס אַ ריבטשענקע צי אַ ריבטשינסקי, פאַרברענט זאָל ער ווערן!

— כאַווערטע סעקרעטאַרשע, — איז דער מענטש געוואָרן אויסער זיך, — ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט שעלטן און זידלען אַ מיטגליד פון פּראָפאַריין, אַן ערלעכן פּאָזשאַרניק פון דער פאַבריק, וואָס האָט אַ מעדאַל „פאַר ראַטעווען בייס אַ סרייפע“...

— ווער באַליידיקט אײַך? ווער זידלט און שעלט אײַך? איך זידל עפּעס אַ ריבטשינסקין.

— איך בין ריבטשינסקי. איך האָב אײַך געקלונגען, געבעטן איבערגעבן דעם עלטסטן פון די פּאָזשאַרניקעס, אַז איך פאַרהאַלט זיך, אַז אין צוויי טעג אַרום קום איך צו דער אַרבעט. און איר...

טאַסיע האָט אופגעהויבן אַפן פּאָזשאַרניק אַ פּאָר טרויעריקע אויגן.

— נו, באַרויִקט זיך, — האָט זי געזאָגט מיט אַ געפאַלענער שטים, — איך וועל גיין צו אײַער נאַטשאַלניק, כאַווער ריבטשינסקי, און אַלץ אײַנאָרדענען. אײַך וועט מען פון דער אַרבעט ניט אַראָפּנעמען, קיין פּראָגול ניט פאַרשרײַבן.

נאָר פּרוּווט איצט צוגיין צו מײַן נאַטשאַלניק, — האָט זי אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אַפן אויסגעפּוצטן און אויסגעצוואָגענעם פאַבריק־הויף, ווו עס איז געשטאַנען אָן אופגערעגטער גנאַט פּעטראָוויטש און מיט אַ טיכעלע געווישט דעם אָנטבלויזטן נאַקעטן קאָפּ.

רעפאָעל גאָלדענבערג

• א פּראָסטער ארבעטער •

„מיליטער־דינסט אין די רייען פון די באוואָפנטע קרעפטן פון פסר, — איז פארשריבן אין פּראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע פונעם סאָוועטנפארבאנד, — איז אן ערן־כויוו פון די סאָוועטישע בירגער". פאר די יונגעלײַט — אן ערן־כויוו, פאר אונדז, עלטערע לײַט, ווען מע דערלעבט, אז א זון אָדער אן אייניקל דערגרייכט דעם פריזיוו־עלטער, איז עס א גרויסער נאכעס אויך. דערפאר טאקע, ווען סאשע, אונדזער אייניקל, האָט געדארפט שטיין צום פריזיוו, איז די שטימונג בא אונדז אלעמען געווען א געהויבענע. נאָר בייס ער האָט זיך אומגעקערט אן אָפּגעשוירענער פונעם פריזיוופונקט מיט דער יעדיִע, אז מע נעמט אים אין פלאָט, האָט סאָניטשקע געלאָזט א טרער.

— סטײַטש! — האָט זי געטײַנעט, — אלע זײַנע כאווײרים וועלן דינען צוויי יאָר, און ער גאנצע דרײַ, און ווו? ערגעץ אפן יאם, ווו מע קאָן נאָך, כאָלילע, אראָפּפאלן פון דער שיף...

און אָט זײַנען דורכגעלאָפן די דרײַ יאָר, און סאשע האָט זיך דעמאָביליזירט. אין שטוב בא אונדז האָבן זיך פארזאמלט פרײַנט.

באם טיש, אויבנאָן, צווישן מיר מיט סאָניטשקען, איז געזעסן דער מאטראָס. א שיינער, א ליכטיקער, א ברייטפּלייציקער. דורכן אויסשניט פונעם העמדל האָבן זיך ארויסגעזען די ווײַס־בלויע פאסן פון דער טעלניאשקע.

— די טעג, האָב איך געהערט, עפענען זיך צוגרייטונגס־קורסן, — האָט סאָניטשקע געזאָגט צו סאשען, — זאָלסטו זיך אהין פארשרײַבן...

— קיין שום אינסטיטוט, באָבעניו! — האָט סאשע געמאָלדן, — אין עטלעכע טעג ארום פאָר איך קיין מאָסקווע.

— וואָס עפּעס קיין מאָסקווע?

— דאָרט וועל איך ארבעטן אף דער בויונג „אָלימפּיאדע־80", דאָס הייסט אף אן אָביעקט פון דער וועלט־אָלימפּיאדע, וועלכע וועט פאָרקומען אין טויזנט נײַן הונדערט אכציקסטן יאָר.

באם טיש איז געוואָרן שטיל. ס'איז אנשוויגן געוואָרן אפילע די מומע פעסיע, וועלכע האָט פונקט געהאלטן אין דערציילן אירן א כאָלעם, וואָס איז באשטאנען פון עטלעכע סעריעס...

דער ערשטער איז געקומען צו זיך סאשעס טאטע — מײַן איידעם.

— וואָס הייסט, דו וועסט ניט אָנקומען אין אינסטיטוט? — האָט ער שטרענג א פרעג געטאָן, — איך מיט דײַן מאמען, דײַנע פעטערס און מומעס פארמאָגן אלע הויכבילדונג!

— טראָגן שטיינער אף דער בויונג איז א שיינע פערספּעקטיוו... — האָט צוגעלייגט א קנייטל מײַן טאָכטער.

— מאמע, — האָט איר סאשע געענטפערט, — אף די בויונגען טראָגט מען איצט ניט קיין שטיינער. אלע שווערע ארבעטן זײַנען מעכאניזירט. דו ווייסט עס ניט ערגער פון מיר. און איך בין אפן פלאָט געוואָרן א מעכאניקער.

— וועסטו זײַן א פּראָסטער ארבעטער? — האָט זיך ארײַנגעמישט סאָניטשקע.

— באָבעניו, — האָט סאשע זיך צעשמייכלט, — ווי מיר איז באוווסט, האָסטו מיט פופציק יאָר צוריק כאסענע געהאט מיט א פּראָסטן ארבעטער, און גאָרניט, מיר דאכט, אז דו האָסט דערוף קיין כאראָטע ניט...

דאָ האָב איך זיך אופגעהויבן פון אָרט מיט א פולן קאָס און געזאָגט:

— טײַערע קינדער און אייניקלעך! מיט פופציק יאָר צוריק האָב איך זיך באקענט מיט סאָניטשקען אפן דניעפּראָבוי, ווו מיר האָבן ביידע טאקע אף אן עמעסן געשלעפּט שטיינער אף טאטשקעס. דאָס איז געווען אין די יאָרן פון דער ערשטער פּיאטיליעטקע. און אויב מיר האָבן דערלעבט, אז אונדזער אייניקל ווערט א בויער, און טאקע א מעכאניקער, אף א בויונג פון דער צענטער פּיאטילעטקע, איז עס א גרויסער נאכעס.

אלע האָבן אויסגעטרונקען, און ס'איז ערשט אוועק די עמעסע סימכע. און איך מיט סאָניעטשקען האָבן זיך צוגעווונטשן דערלעבן מיט מאזל צו דער „אָלימפּיאדע־80".

דער באַלוינטער מיטן לענין־אָרדען קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט"

1



2



3



4

אף די פאָטאָס:

1. דער פאָרזיצער פון קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט", דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי יעהודין איליא אַבראַמאָוויטש

2. די באַוואַסערונג־מאַשינעס בא דער אַרבעט אין פעלד

3. אף דער פיצוכט־פערמע

4. דער אַדמיניסטראַטיווער צענטער פון קאָלווירט אין יישעוו נײַ־פעטראָווקע

5. די וווינהײַזער אין יישעוו נײַ־פעטראָווקע

6. דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי די מעלקערן לאַפאַטינא זאַיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ

7. דער דירעקטאָר פון דער ברוילער־פאַבריק מעכאַניק יעפים פעטראָוויטש

8. דער הויפט־ווײַנטרויבנציכטלער עמאַנויל זאַכאַראָוויטש פאַלקאָוויטש

9. דער הויפט־סעדערציכטלער יויסעף נאַומאָוויטש בלוושטיין.

דער באַלױנטער מיטן לענין־אָרדען קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט"

דער קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט" אין קרימער געגנט איז אײנער פון די גרעסטע קאָלווירטן באַ אונדז אין לאַנד. ער באַשטײט פון א גרויסער צאָל פאַרצווײַגטע ווירטשאַפטן. זײַן רום איז באַוווּסט ניט נאָר באַ אונדז אין לאַנד, נאָר אויך איבער זײַנע גרענעצן.

מיט דער מי פון עטלעכע טויזנט זײַנע מיטגלידער, מיט זײער קאָלעקטיוון ווילן איז געשאַפן געוואָרן דאָס אַלץ, וואָס רופט איצט „פעלקער־פרײַנטשאַפט". העכער 400 זײַנע מיטגלידער, פאָרשטײער פון 20 נאַציאָנאַליטעטן, — רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, ייִדן און אַנדערע — זײַנען פאַר זײער מעסירעסנפעשדיקער מי באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. דעם הויכן טיטל „העלד פון סאָציאַליסטישער מי" מיט א לענין־אָרדען און גאָלדענער מעדאַל „סערפּ און האַמער" איז צוגעטײלט איליא אַבראַמאָוויטש יעהודינען — דעם אומדערמידלעכן אין מעשעך פון העכער דרײַסיק יאָר פאָרזיצער פון קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט". כוץ דעם, איז א. א. יעהודין באַלוינט מיט נאָך דרײַ לענין־אָרדענס און מיט דעם אָרדען „אָקטיאַבער־רעוואָליוציע" און א רײ מעדאַלן.

דער טיטל „העלד פון סאָציאַליסטישער מי" מיט א לענין־אָרדען און גאָלדענער מעדאַל „סערפּ און האַמער" איז אויך צוגעטײלט דער מעלקערן פון קאָלווירט לאָפּאַטינאַ זאָיאַ יאַקאָוולעוונאַ, וועלכע איז, כוץ דעם, באַלוינט מיט נאָך א לענין־אָרדען און „אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן". העכער הונדערט קאָלווירטניקעס זײַנען באַלוינט מיט מעדאַלן פון דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

אויספילנדיק די פּראָגראַם, וועלכע עס האָט אָנגענומען דער XXV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פון סאָוועטנפאַרבאַנד, די פּראָגראַם פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג, האָט דער קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט" געשטעלט פאַר זיך פאָלגנדע אויפגאַבעס אין די יאָרן פון צענטן פינפיאָר:

פּראָדוצירן:

ברויט — ביז הונדערט טויזנט טאָן,

גרינוואַרג און קאַרטאָפל — ביז פינף און פערציק טויזנט טאָן,

ווײַנטרויבן און פּרוכטן — ביז הונדערט פופצן טויזנט טאָן,

פלײש — ביז פינף און פערציק טויזנט טאָן,

אײער — ביז פינף און פערציק מיליאָן שטיק.

אַרײַנלײגן אין גרונט אײן מיליאָן טאָן אָרגאַנישע באַגיטיקונגען, אויפהײבן די עפעקטיווקײט פון דער גאַנצער קאָלווירטישער ווירטשאַפט, פאַרזעצן די בויונג פון וווין־הײַזער, קולטור־ספּאָרטיוון קאָמפּלעקס אין יִישעוו פעטראָווקע, אָנהײבן בויען א נײַעם מאָדערנעם שפּיטאָל, פאַרווירקלעכן א רײ מאָסמיטלען, קעדײ צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און שטײגער פון די קאָלווירטלער.

6

7



8

9

5

יאשע רוביאַן

• א ווײַגרישנע בילעט •

קיין מאיאָנטקעס האָב איך קיינמאָל ניט פאַרמאָגט, נאָר א פרײַ קערבל איז פאַראַן בא אונדז שטענדיק. האָב איך טאַקע א פּרווו געטאָן איינמאָל מײַן מאַזל און גענומען א בילעט פון דער האַלוואָע.

א מענטש האָט גרויסע אויגן. איך זאָג צו מײַנעם: נויעך, ווי נאָר ס'וועט זיך באַווײַזן אין צײַטונג די טאַבעלע מיט די געווינסן, און ווי נאָר מײַן בילעט וועט אויסשפּילן, כאַפּ איך טײַקעף אַרײַן א בערלינער סערוואַנט. דערבײַ בין איך ניט פויל צו באַמערקן, אַז אונדזער מעבל קען מען אויך מיט דער האַנט ניט אוועקמאַכן. אזא יאָר אף מיר, וואָס פּאַרא גאַרניטורן מע מאַכט איצט בא אונדז אין קאַרעליע.

וואָס קומט מיר דערפאַר, וואָס איך וויל, אַז בא מיר זאָל זײַן שיין מעבל? מײַן אַקשן, נויעכן, קענט איר דאָך. אַז איך זאָג יאָ, זאָגט ער ניין. בעסאַכאַקל איז ער קיינמאָל ניטאָ אינדערהיים און איז שוין אף דער עלטער א ביסל טויבלעך. האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט. א פּרײַאַמניק וויל ער פּרײַער פאַר אַלעס. האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, אָפּגעגעבן א כיילעק, געמאַכט אים מיט דער בלאָטע גלײַך. כ'האָב געסטראַשעט, אַז איך וועל פון אים מאַכן א סערוואַנט. מיינט איר, אַז ס'האָט געהאָלפן, כאָלילע. הערט שוין, וואָס פאַר א שפּיצל ער האָט מיר אָפּגעטאָן.

איר ווייסט דאָך גוט, וויאַזוי א באַלעבאָסטע האָט צײַט אַרײַנקוקן אין די בלעטער! און איך האָב דערצו פאַרגעסן, אַז דעם דרײַסיקסטן מײַ שפּילט די לאָטערייע. האָט טאַקע מײַנער עטלעכע טעג פאַר דער שפּיל אַרויסגענומען דעם בילעט פון דער שאַפע און טראָגט אים מיט זיך, און טאַקע דעם זעלבן גאַנצפרי, ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן די טאַבעלע מיט די געווינסן, איז מײַנער אַרײַן אין שפּאַרקאַסע. אָנגעטאָן די ברילן און א שנאָרע געטאָן איבער די געווינס־צעטלען, און — וואָס מיינט איר? ס'איז דאָ א געווינס, קימאַט דער גרעסטער!

צוויי ציפערלעך האָבן געפעלט צום גרעסטן געווינס. פאַר פרייד האָט ער פאַרגעסן דאָס היטל און די ברילן מיטן שטעקל. ער איז געלאָפן, ווי א מעשוגענער. זיך דערקליבן ביז דער שטוב און זיך אומגעקערט צוריק. אַרײַן אין שפּאַרקאַסע, אַרופגעכאַפּט די ברילן אף דער נאָז, גענומען א בלאַט פּאַפּיר און אָנגעשריבן: „איך, נויעך ווײַנשלבוים, בעט, אַז דער גאַנצער געווינס, וואָס איז אויסגעפאַלן אף מײַן בילעט, זאָל איבערגעגעבן ווערן אין רעשוס פון דער בוי־פאַרוואַלטונג, וועלכע בויט איצט אף אונדזער גאַס א שול־אינטערנאַט. און אוועקגעשטעלט זײַן כסימע. א לענגערע צײַט האָט ער פון מיר אויסבאַהאַלטן דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, נאָר ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָב איך עפּשער צען מאָל געכאַלעשט, מײַנע סאָנים, מ'האָט מיך קוים אָפּגעראַטעוועט. כ'האָב זיך געקלאַפּט מיט די קולעקעס אין קאָפּ, געריסן זיך פאַר די האָר. און ווען ניט מײַן שוועסטער סערע, וואָלטן מיר זיך געגעט.

ס'זײַנען פון דאַן אוועק היפּשע עטלעכע יאָר, און ערשט איצטער האָב איך פאַרשטאַנען, ווי נאַריש איך בין געווען.

הײַנט, ווען איך גיי דורך איבער מײַן גאַס און שטעל זיך אָפּ באַם אינטערנאַט, ווו קינדער לערנען, זינגען און שפּילן, אַרבעטן אין די גרויסע, גערמע, ליכטיקע וואַרשטאַטן, כאַפּט מיך אַרום א וואַרעמקײַט, ווײַל מיר האָבן אויך א כיילעק אין דער קינדערשער פרייד.

געדאַליע קאַסאַי

• אין יאָרן אַרום •

(פונעם ציקל „דער פרײַלעכער קלוב״)

זײַנט ווערט פונקט א וואך, זינט איך האָב אָף דער זיצונג אין „פרײַלעכן קלוב״ דערציילט וועגן גע־שעענישן פון מײַן לעבן, וואָס אפילע מײַן נאָענטסטער פרײַנט, מײַן כּײַקע־לע, האָט וועגן זיי ניט געוווּסט. דאָס איז אונד־זער „געערטער פּרעזידענט פונעם קלוב״ זאַ־רעך שעכיאַנו באַשטאַנען, איך זאָל אַרויס־טרעטן. און אַז זאַרעך הייסט, באַדאַרף מען פאָלגן. עמעס, איך האָב דעמלט ניט באַוויזן אויסצודערציילן אַלצדינג, וואָס עס איז בא מיר געווען אָפן האַרצן, מאַכמעס כ׳האָב זיך דער־פילט ניט מיט אַלעמען, און אונדזער אַנפירער האָט איבערגעטראָגן דעם שמועס אָפן קומענ־דיקן אָפרו־טאָג.

הײַנטיקע נאַכט, ערעוו דער אָרדנטלעכער זיצונג, בין איך, ניט אין פאַרגלײַך מיטן ערשטן מאָל, געשמאַק געשלאָפן. מײַן כּײַקעלע, וואָס לאָזט ניט אַראָפּ פון מיר דאָס אויג ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט, האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳האָב אין שלאָף אפילע א ביסעלע אונטערגעשמייכלט, פונקט ווי א זויג־קינד לעבן דער מאַמעס ברוסט.

ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, איז שוין מײַן פלוינעסטע געווען אָף די פיס. איך בין אַראָפּ פונעם געלעגער און גענומען מאַכן די פיזקול־טור, אָפגיך זיך אָנגעטאָן, גענומען די וואָסקע און אוועק אין גאַסטראָנאָם אויספילן מײַנע פליכטן. ווען איך האָב זיך אומגעקערט, איז שוין דער איבערבײַסן געשטאַנען אָפן טיש. מײַן כּײַקעלע האָט מיר געלאָזט צו וויסן, אַז זי אײַלט זיך, מע איז געקומען זי רופן צו רעוו־קע סעמיאָנאָוונען.

רעוועקע סעמיאָנאָוונע וווינט אין צווייטן עק שטאָט. זי איז אַן אַלטע בעקאָוועדיקע ייִדענע, נאָר זייער קראַנק און זייער עלנט. ס׳הייסט, זי האָט דאָפקע פיר קינדער — צוויי זין און צוויי טעכטער — דאָקטוירים, אינזשעניערן, לע־רער, — נאָר זיי זײַנען צעוואָרפן אין אַלע עקן פונעם לאַנד, און לעבן וויל זי באַזונדער. האָט מײַן כּײַקעלע גענומען איבער איר שעפּטום.

האַקלאַל, ווען איך בין געקומען אין קלוב, איז שוין דאָרט געווען הימל־עפן־זיך. פענסיאָ־נערן, קאַנדידאַטן אָף פענסיאָנערן און יוגנט, וואָס איז געקומען אַהער פאַרברענגען, האָבן אַרומגעשמײַעט פון איין רעדל צום צווייטן, אונטערגעשטעלט אַן אויער, געכאַפּט א פּאַטשט, אַליין אַרײַנגעוואָרפן א קײַלעכיק וואָרט. נעכע די נאָז, דער שעף פון סאַניטאַריע און היגיענע אינעם קלוב, איז מיטן בעזעם אין האַנט אַלע־מאָל אונטערגעלאָפן צו אַן אַנדער רעדל מענטשן, זיי געטריבן פון איין אָרט אָפן אַנ־דערן: דאָ שטיי ניט, דאָ גיי ניט. און פאַר נע־כען האָט מען מוירע געהאַט איימעס מאָוועס. זי איז א בעריע אָפצובאָדן א מענטשן.

ווי דער שטייגער איז, האָבן הײַנט באַדאַרפט דערציילן עמעסדיקע לעבנס־געשיכטעס צוויי מיטגלידער פונעם קלוב — איך און דאָדיע־עמעס. א ייִד אין די יאָרן, וועלכער האָט אָף זײַן לעבן קיין איין עמעס וואָרט ניט אַרויס־גערעדט, איז דאָדיע איצט געשטאַנען לעבן א רעדל און זיך געקלאָגט, אַז זײַן מינצע האָט אים הײַנטיקן פּייסעך קיין לאַטקעס ניט גע־באַקן, מאַכמעס „די מײַז האָבן צעהריזעט דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל אָף פּיץ־פּיצלעך״, און ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו צעקלאַפּן מאַצע־מעל. דער עולעם האָט געלאַכט, און דאָ־דיע האָט זיך געשווירן, אַז ער זאָל אַזוי מע־גאַדל זײַן די באָבע זײַנע, ווי דאָס, וואָס ער דערציילט, איז עמעס.

פלוצעם איז אין קלוב געוואָרן א גערודער. לאָזט זיך אויס, אַז זאַרעך, אונדזער געערטער פּאָרזיצער, האָט צוגעשיקט א שאַליעך און גע־לאָזט וויסן, אַז די זיצונג ווערט אָפגעלייגט. וואָס איז? די פּיאָנערן האָבן אים, דעם אַמאָליקן סטאַ־כאַנאָוועץ, פאַרבעטן אין זייער פּאַלאַץ, ער זאָל דערציילן, וויאַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן די סטאַכאַנאָווישע באַוועגונג.

דער עולעם איז געבליבן ניט צופרידן. א צײַט האָט מען נאָך אומגעבלאָנקעט אינעם פּאַרק, אָבער מע האָט געמוזט זיך צעגיין.

איך האָב אויך זיך געלאָזט אַהיים. נאָר אָט האָט מיך אָנגעיאָגט א גרופּע יונגעלײַט, צווישן זיי א סאַך, וואָס פלעגן באַזוכן די ביכער־קראָם, ווו איך האָב געאַרבעט. זיי האָבן מיך אַרומגע־רינגלט, זיך אַנטשולדיקט, געזאָגט, אַז זיי זײַ־

נען הײַנט ספּעציעל געקומען נאָכאמאָל הערן מײַן ארויסטרעטונג.

— דערציילט װײַטער, — האָבן זיי געבעטן.

נאָר איך האָב געזאָגט, אַז איך דאַרף דערויף די האַסקאָמע פונעם פּרעזידענט. האָט א מאָלעטאמעדיק מיידל מיט בלאָנדע לאָקן און מיט הימלקאָליר־אויגן מיך גענומען כאַנפענען, געזאָגט, אַז איך בין א װוילער מענטש, אַז זי האָט געהאַט פאַרגעניגן פון מײַן ארויסטרעטונג אין פאַריקן זונטיק, און קעדיי דער הײַנטיקער אָפּרו־טאָג זאָל ניט געפּאַטערט װערן, זאָל איך כאָטש עפּעס־װאָס דערציילן פון מײַן לעבנסדערפאַרונג.

אלע כעװרע האָבן אין איין קאָל אונטערגעהאַלטן דאָס מיידל, און איך האָב געמוזט נאָכגעבן. כ'האָב זיי פאַרבעטן זיך אויסזעצן ארום דעם קײַלעכדיקן טיש און גענומען דערציילן א געשיכטע.

אין דער ביכער־קראָם, װוּ איך האָב געאַרבעט אלס פאַרקױפער, איז ארײַנגעקומען א מיליטערמאַן מיט צוויי שטערן אף די פּאַגאָנעס — א הױכער און שטאַלטנער, א יאָר פערציק אַלט, ניט מער. גענומען שטיל ארומשפּאַנען איבער דער קראָם. אלעמאָל האָט ער פון א פּאָלקע ארויסבאַקומען אן אנדער בוך, א בלעטער געטאָן און װידער אװעקגעשטעלט עס אפן אָרט.

מײַן לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון א ביכערפאַרקױפער האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז אזעלכע באַזוכער נייטיקן זיך אין קאָנסולטאַציע מער, איידער די שטענדיקע, און איך האָב זיך א לאָז געטאָן צו אים. נאָר װי אפּצולאָכעס האָט מיך אן אנדער קונע פאַרהאַלטן מיט זײַנע דײַגעס, און מיטאמאָל האָב איך דערהערט דעם פּאַדפּאָלקאָװניקס קאָל. ער האָט דעקלאַמירט פון א צעעפנט בוך:

Чтоб из книги
Через радость глаз...
В мускулы усталые
Лилась
Строящая
и бунтующая сила...[1]

אלע, װער עס איז געװען אין דער ביכערקראָם, האָבן מיט אינטערעס א קוק געטאָן אפן מיליטערמאַן. באַמערקנדיק עס, האָט ער זיך צעשמייכלט, אװעקגעשטעלט דאָס בוך אפן אָרט און איז ארויס פון קראָם.

עס האָט מיך א ציִ געטאָן צו דעם מענטשן. איך האָב זיך געלאָזט נאָך אים, נאָר װען איך בין ארויס אף דער גאַס, האָט ער שוין פאַרהאַקט דאָס טירל פון דער „װאָלגע" און איז אװעקגעפאָרן.

איך האָב געטראַכט: צי דען איז דאָס א פּאָשעטע צופעליקײַט? און עפּשער האָט אָט דער מיליטערמאַן א שײַכעס צו לעאָניד יאַנאָװיטשן?

מיט לעאָניד יאַנאָװיטשן האָב איך זיך באַקאַנט אין א װאַלד אף אוראַל אין א רעגנדיקן סענטיאַבער־טאָג פון 1942. װען עס איז אָנגעקומען נײַע אַמוניציע, האָט מען אונדז פאַרבעטן אין באָד ארײַן. שײַעך צו זאָגן — א באָד אין א װאַלד בייס מילכאָמע: א פּאָשעטע זעמליאַנקע מיט ברעטער אפן ערדענעם דיל, מיט א גרוב אין װינקל, װוּהין דאָס װאַסער זאָל אָפּרינען. אינמיטן דער זעמליאַנקע איז אײַנגעמויערט א קעסל, אין װעלכן ס'װאַרעמט זיך דאָס װאַסער...

נאָך דער באָד בין איך א נאַקעטער, אונטערן קאַלטן רעגן, אװעק צו א שכײנעסדיקער זעמליאַנקע צו באַקומען נײַע אַמוניציע. צעװיקלט דאָס פּעקל, װאָס דער סטאַרשינא האָט מיר ארויסגעגעבן, האָב איך דערזען, אַז אַלץ איז מיר ניט צו דער מאָס: צוויי שיך, װי די שיפּן — 46־טער נומער, און די שינעל — ביז די פּיאַטעס. איך האָב שוין געװאָלט אומקערן דעם סטאַרשינא דאָס פּעקל, נאָר פּלוצעם דערהער איך א פעסט קאָל:

— היי, פּאַטאַשאָן, קום אהער, װעלן מיר זיך בײַטן.

איך האָב זיך ארויסגעקערעװעט צו מײַן שאָכן און דערזען א גװאַר — מער פון צוויי מעטער די הייך. אנטקעגן אים האָב איך טאַקע אויסגעזען װי דער קאַרליק פונעם באַװוּסטן קינאָפילם פּאַטאַשאָן. דער גװאַר האָט זיך אנטשולדיקט פאַר דעם שפּאָגל־נײַעם צונעמעניש, מיט װעלכן ער האָט מיך געקרױנט, און זיך צעשמייכלט. און פון אָט דעם שמייכל איז מיר געװאָרן גוט אפן האַרצן.

מיר זײַנען אװעק הינטער א בוים און זיך גענומען אָנטאָן.

אָט אזוי האָב איך זיך באַפרײַנדעט מיט לעאָניד יאַנאָװיטש גאָלדמאַנען. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז א לערער פון שפּראַך און ליטעראַטור, האָט ביז דער מילכאָמע געלעבט אין לענינגראַד, װוּ ער האָט איבערגעלאָזט די מישפּאָכע — א זונעלע, עלטערן. װעגן דער פרוי האָט ער איבער עפּעס גאָרנישט ניט געזאָגט, און מיר איז ניט געװען באַקװעם אים צו פרעגן — עפּשער איז דאָס א װוּנד, צו װעלכער מע טאָר זיך ניט צורירן.

פון דעמלט אָן בין איך װי צוגעװאַקסן צו לעאָנידן יאַנאָװיטשן, װי עס טרעפט, אגעװו, אַז מע װאַקסט צו צו מענטשן שטאַרקע, קלוגע, געװאַגטע. ביידע זײַנען מיר געװען פאַרקאָכט אין ליטעראַטור און האָבן געהאַט װעגן װאָס צו שמועסן. זײַן װיסן איז אָבער געװען אזוי גרויס, אַז אָפּטמאָל פלעג איך זיצן מיט אן אָפן מויל און זיך צוהערן צו אים, װי א שילער פונעם ערשטן קלאַס.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען אונדז געגעבן נײַ געװער, ארײַנגעזעצט אין װאַגאָנען און אװעקגעפירט צו דער װאָלגע. אפן דריטן מעסלעס, פאַרנאַכט, זײַנען מיר געקומען קיין קאַמישין און פון דאָרט אף לאַסט־מאַשינען — צו די נײַע פּאָזיציעס. מיר זײַנען גלײַך צוגעטראָטן גראָבן אָקאָפּעס און זיך מאַסקירן.

[1] אַז פון בוך, דורך דער פרייד פון אויג... זאָל אין מידע מוסקולן זיך גיסן א בויענדיקע און בונטאַרישע קראַפט...

ס'איז געווען אַ מעכײַע צו קוקן, ווי לעאָניד יאָנאָוויטש אַרבעט מיט דער לאָפּעטע — אָן עמעסער ערדגרעבער, גלײַך ער וואָלט גאָר קיין אַנדער פּראָפעסיע ניט געהאַט. און דערבײַ מיט אַ וויץ, מיט געלעכטער, מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער גראָבט דעם גאָרטן בײַ זיך אין הויף.

צום סאָף פונעם צווייטן טאָג, ווי נאָר עס איז געוואָרן גוט טונקל, האָט אונדזער ראָטע, צוזאַמען מיטן גאַנצן פּאָלק, זיך בעשאָלעם איבערגעקליבן אויף יענער זײַט טײַך.

די דײַטשן האָבן עטלעכע מאָל זיך געוואָרפן אין אַטאַקע, זייערע פּאָזיציעס האָבן זיך געפונען צווישן די כורוועס לעבן ניט קיין גרויסן סקווער, נאָר מיר זײַנען שוין ניט געווען קיין נאָוואָבראַנצעס און זיי באַגעגנט ווי עס געהער צו זײַן.

איך האָב געשאָסן און פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ קוק צו לעאָניד יאָנאָוויטשן. ער איז געלעגן מיטן אַוטאָמאַט אין די הענט, און אויף זײַן רויק־אָנגעשטרענגטן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ ניצאָכנדיק, שפּאָטיש שמייכעלע, ווי ער וואָלט זאָגן: „היי, קומט אַהער אַ ביסעלע נעענטער, וועלן מיר אײַך ווײַזן, וווּ דער שוואַרצער פעפער וואַקסט".

די נאַכט האָבן מיר געטראַכט זיך אָפּרוען, כאַפּן אַ דרעמל, אָבער אַ באַפעל איז געווען: זיך גרייטן צו אַן אָנגריף.

אין יענער שלאַכט האָט מען מיך קאָנטוזיעט און לעאָנידן פאַרווונדעט. מיר האָבן געוואָרט, ס'זאָל ווידער ווערן פינצטער, מע זאָל זיך קאָנען דערקלײַבן צום ברעג און פון דאָרט צום סאַנבאַט, אַ פינף־זעקס קילאָמעטער אויף יענער זײַט טײַך.

לעאָניד יאָנאָוויטש האָט אָן אויפהער זיך געווערטלט. ווי נאָר עס איז טונקל געוואָרן, זײַנען געקומען די סאַניטאַרן. די שווער־פאַרווונדעטע האָט מען אַוועקגעלייגט אויף טראָג־בעטלעך, אַנדערע זײַנען געגאַנגען צופוס. מיר האָבן בעשאָלעם זיך דערקליבן אויפן מיזרעכדיקן ברעג פון דער וואָלגע און פון דאָרט אויף מאַשינעס צום סאַנבאַט. דער סאַנבאַט האָט זיך געפונען אין אַ קאָלווירטישן סאָד, אין אַ גרויסער זעמליאַנקע.

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיטיק האָבן זיך אינעם סאָד אָנגעהויבן צונויפגיין פאַרווונדעטע, דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער, סאַניטאַרן. צוערשט האָב איך ניט באַנומען, וואָס עס קומט פאָר, נאָר מיטאַמאָל האָט פון דער מענטשן־געדיכטעניש זיך דערטראָגן אַ ווונדערלעך געזאַנג. אַ מעכײַעדיקע שטים האָט געזונגען אַ רוסישע פאָלקס־ליד. איך בין אַראָפּ פונעם טראָג־בעטל און, האַלטנדיק זיך פאַר די ביימער, אַוועק צו די פאַרזאַמלטע. און דאָ בין איך געבליבן שטיין פאַרכידעשט. אונטער אַן עפּלבוים האָב איך דערזען לעאָניד יאָנאָוויטשן מיט אַן איבערגעבונדענער ווונד. דאָס האָט ער געזונגען.

פון געזאַנג איז לעאָניד אַריבערגעגאַנגען צו פּאָעזיע. און דעמלט טאַקע האָב איך פון אים דערהערט יענע שורעס פון מאַיאַקאָווסקיס פּאָעמע „כאָראָשאָ!", וועלכע עס האָט איצט, אין אַ סאַך יאָרן אַרום, דעקלאַמירט דער פּאָדפּאָלקאָווניק אין דער ביכער־קראָם.

דער פּרעכטיקער קאָנצערט האָט זיך פּלוצעם איבערגעריסן: די פאַשיסטן האָבן אַטאַקירט אונדזערע פּאָזיציעס נאָכאַמאָל. אַלע פאַרווונדעטע האָבן גענומען געווער, אָבער ווי נאָר איך האָב געפּרוּווט מאַכן אַ שפּאַן, בין איך אומגעפאַלן — עס האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. די סאַניטאַרן האָבן מיך ווידער אַוועקגעלייגט אויף אַ טראָג־בעטל.

אַ קאָלאָנע פון אַריבער צוויי הונדערט פאַרווונדעטע סאָלדאַטן האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום טײַך. לעאָניד איז געגאַנגען בעראָש. ער האָט מיך באַמערקט, איז צוגעגאַנגען, אַ שאַרעווע געטאָן אין קעשענע, אַרויסבאַקומען פון דאָרט אַ מעסערל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך באַנוצן, און מיר עס דערלאַנגט:

— נעמט, אויב עס וועט מיט מיר עפּעס טרעפן... איר פאַרשטייט? וועט איר עס איבערגעבן מײַן זון אויף אַן אָנדענק. מער האָב איך בײַ זיך גאָרניט. מײַן אַדרעס איז אײַך באַוווּסט.

די נאַכט בין איך ניט געשלאָפן. עס האָבן געפײַפט די „קאַטיושעס", סנאַריאַדן און מינעס האָבן זיך געריסן אָן אויפהער. גאַנצפרי האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מאַשינעס מיט פאַרווונדעטע. פון אַ סאַניטאַר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווי נאָר אונדזערע זײַנען אַריבער דעם טײַך, האָבן זיי גלײַך גענומען קאָנטראַטאַקירן דעם סוינע און אים אָפּגעטריבן. לעאָניד איז שווער פאַרווונדעט אין בויך, און מע פירט אים שוין אַהער אויף אַ מאַשין.

אינגיכן האָב איך אים געזען אויף אַ טראָג־בעטל, פאַרדעקט מיט זײַן פאַרבלוטיקטער שינעל. ער איז געווען אָן באַוווּסטזײַן, דאָס פּנים — ווײַס, די ליפּן — בלאָ און פאַרטריקנט. איך בין צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט. די סאַניטאַרן האָבן אים אָפּגיך אויסגעטאָן און אַוועקגעטראָגן אין אַ ווינקל פון דער זעמליאַנקע, וואָס האָט זיך גערופן „אָפּעראַציאָנע". אין אַ שאָ אַרום האָט מען אים געבראַכט צוריק. ער איז געווען אָן באַוווּסטזײַן. איך בין געזעסן לעבן אים און געוויינט.

פּלוצעם האָט ער אַ צאַפּל געטאָן, ברייט צעעפנט די אויגן, שולדיקלעך געטאָן צו מיר אַ שמייכל און אַרויסגעשעפּטשעט:

Чтоб из книги
через радость

דעם פערז האָט ער ניט פאַרענדיקט. די אָפּלען האָבן בײַ אים ווידער גענומען ציטערן, און ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן.

פּונקט אין אַ מעסלעס אַרום נאָכן קאָנצערט איז לעאָניד יאָנאָוויטש גאָלדמאַן געשטאָרבן. מע האָט אים מעקאַבער געווען אין קאָלווירטישן סאָד אונטער דעם זעלבן עפּלבוים, וווּ ער האָט נעכטן געזונגען און פאָרגעלייענט לידער.

...איך בין אַנשוויגן געוואָרן, ס׳איז מיר שווער געוועזן צו ריידן, נאָר די יאַטן און די מיידלעך, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט, האָבן געבעטן:

— נו, און גאָלדמאַנס מישפּאָכע האָט איר אָפּגעזוכט?

האָב איך זיי דערציילט אינקורצן, וואָס עס איז פאָרגעקומען ווײַטער.

לעאָניד יאַנאָוויטשעס מעסערל האָב איך אָפּגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג, זיך דערמיט קיינמאָל ניט גענוצט, מוירע געהאַט עס צו פאַרלירן. נאָר ווען מיר האָבן זיך אַרײַנגעריסן קיין בערלין, האָב איך אָף אַ בײַשטידל פון אַ טיר אינעם רייכסטאַג אויסגעשניטן לעאָניד גאָלדמאַנס נאָמען.

די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט. ווי נאָר איך בין אַהיים געקומען, האָב איך גלײַך גענומען זוכן מײַן פרײַנטס מישפּאָכע. דער לענינגראַדער שטאָטראַט האָט מיר געענטפערט, אַז זײַנע עלטערן זײַנען אומגעקומען בייס דער בלאָקאַדע און פון דעם זון ווייסן זיי גאָרניט.

זײַן זון האָב איך געזוכט איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, נאָר מײַן טירכע איז געוועזן אומזיסט.

נאָר אין אַ צײַט אַרום, אַ פּאָר טעג פאַרן אוועקגיין אָף פּענסיע, שטיי איך אין קראַם, באַדין די באַזוכער. אָפּן הארצן איז אומעטיק. אין געדאַנק געזעגן איך זיך מיט די ליבע מענטשן, מיט וועלכע איך בין יאָרנלאַנג געוועזן פאַרבונדן. און פּלוצעם דערהער איך דעם זעלבן מוזיקאַלישן „גוטמאָרגן", וואָס איך האָב אַזוי געגאַרט אים צו הערן. עס איז אַרײַנגעגאַנגען דער זעלבער מיליטערמאַן, נאָר אָף זײַנע פּאַגאָנעס האָבן איצט געהעלט דרײַ שטערן.

— ווער זײַנט איר, טײַערער פּאָלקאָווניק, — האָב איך אויסגעשריִען, — צי האָט איר אַמאָל ניט געקענט אײנעם אַ לעאָניד יאַנאָוויטש גאָלדמאַן?

— לעאָניד יאַנאָוויטש גאָלדמאַן? — האָט דער פּאָלקאָווניק איבערגעפרעגט און אַ ציטער געטאָן. — געוויס האָב איך אים געקענט. ער איז געוועזן מײַן לערער פון ליטעראַטור. דאָס האָט ער אין מיר פאַרפלאַנצט די ליבע צום בוך. כוץ דעם, האָט ער אָנגעפירט מיטן קרײַזל פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט אין שול. וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט איר צו לעאָניד יאַנאָוויטשן?

— איך האָב אַ שײַכעס, און גאָר אַ גרויסע!

— און זײַן זון יורען קענט איר? — האָט דער מיליטערמאַן מיט נײַגער אַ פרעג געטאָן.

— ווען איך זאָל אים קענען, וואָלט איך אים ניט אַרומגעזוכט צענדליקער יאָרן, — האָב איך געענטפערט, און דאָס הארץ האָט אין מיר גענומען האַסטיקער צו קלאַפּן.

— אָט האָסטו דיר, — האָט זיך דער פּאָלקאָווניק צעלאַכט, — יורע לעאָנידאָוויטש ווײַנט דאָ אין הויז שוין דאָס פינפטע יאָר.

— איר לאַכט פון מיר, כאַווער פּאָלקאָווניק, — האָב איך זיך צעקאָכט, — דאָרט ווײַנט אונדזער שטענדיקער באַזוכער, דער דירעקטאָר פון דער קינדערישער ספּאָרט־שול, יורי לעאָנידאָוויטש בערזשאַנער.

— דאָס איז אויך עמעס, — האָט דער פּאָלקאָווניק אַ זיפּץ געטאָן, — עס טרעפן אין לעבן מענטשלעכע קאָמעדיעס. יורע טראָגט אַ פרעמדע פאַמיליע ניט איבער זײַן ווילן.

אָף איין פוס דערציילן איינער דעם צווייטן לאַנגע געשיכטעס איז איצט נישט געווען ניט די צײַט און ניט דאָס אָרט, דעריבער האָבן מיר זיך צונויפגערעדט אָפּדערנאַכט זיך באַגעגענען באַ יורי לעאָנידאָוויטשן.

יורע איז פונקט אַזאַ אַטלעט, ווי דער פאָטער — הויך און שטאַלטנע, דעריבער האָב איך אים געבעטן זיך עטוואָס אָנבייגן צו מיר. איך האָב אים אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן, און ניט אַרויסלאָזנדיק פון די אָרעמס, זיך אײַנגעקוקט אין זײַן געזיכט: ווי ענלעך ער איז געווען אָף זײַן פאָטער. איבערהויפּט דער קישעפדיקער שמייכל!

יורעס פרוי האָט אונדז אַלעמען פאַרבעטן צו אַ געדעקטן טיש, און איך האָב דערציילט אַלץ, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן מײַן פרײַנט. צום סאָף האָב איך אַרויסגענומען דאָס מעסערל און איבערגעגעבן עס דעם יורעש.

יורע לעאָנידאָוויטש האָט גענומען דאָס מעסערל מיט ביידע הענט און עס אַ קוש געטאָן. ביז שפּעט זײַנען מיר געזעסן און גערעדט וועגן לעאָניד יאַנאָוויטשן.

דער פּאָלקאָווניק איז צוגעגאַנגען צו אַ שאַפע מיט ביכער, אַרויסבאַקומען פון דאָרט מאַיאַקאָווסקיס אַ באַנד און מיט פּאַטאָס, ווי אַמאָל לעאָניד גאָלדמאַן אליין, איבערגעלייענט:

Чтоб из книги
через радость глаз

די כעוורע האָבן מיך הארציק באַדאַנקט פאַר דער דערציילונג. די יעפּאַסטויאַר — דאָס מיידל מיט די בלאָנדע לאָקן האָט מיט אַ טיכל אויסגעווישט די הימלקאָליר־אויגן.

אוורּאַם גאָנטאַר

• שוועסטער •

ליז אָנהייב לערניאָר איז נאָך געבליבן העכער א כוידעש, אָבער ביידע שוועסטער האָבן באַשלאָסן, אז אריבערפאָרן קיין מאָסקווע וועט סאשע אין די ערשטע טעג פון סענטיאַבער. עסטער וועט אַף דער צײַט נעמען אורלויב און באַוואָרענען דעם באָכער מיט אלעם נייטיקן, בא איר וועט ער אָפּרוען ניט ערגער, ווי אין א סאַנאַטאָריע. ער וועט האָבן עטלעכע פרײַע וואָכן אַף צו באַקענען זיך מיטן נײַעם אינסטיטוט, באַקומען דאָרט די נייטיקע דאָקומענטן, כאָטש אלע פאָרמאַליטעטן זײַנען שוין אָפּגעטאָן, ארקאַדי נאָומאָוויטש האָט אלץ באַוואָרנט. צוריק מיט א טעג צען איז עסטער געפאָרן אַף דער קאַרל מאַרקס־גאַס, ווּ עס געפינט זיך דער אינסטיטוט פאַר כימישער מאַשינבויוּנג, און זיך דערוווּסט, אז אלץ איז אין אָרדענונג — דער סטודענט זאַלצמאַן אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש איז איבערגעפירט פון ווילנע קיין מאָסקווע און פארעכנט אַפן צווייטן קורס. פון דעמלט אָן האָט עסטער זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, איצט איז זי זיכער געווען, אז סאשע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַף אירע הענט, וועט ווידער ווערן אירער. זינט מינע, די ייִנגערע שוועסטער, האָט גענומען דאָס ייִנגל צו זיך, קיין ווילנע, זײַנען אדורך שײנע עטלעכע יאָר, סאשע איז שוין אַפן צווייטן קורס — באַלד וועט אים ווערן צוואַנציק.

אַפן שפּיגל־טישעלע ליגט מינעס טעלעגראַם, אין וועלכער זי טיילט מיט, אז סאשע איז ארויסגעפאָרן, באַגעגענען דאַרף מען אים גיין אינדערפרי.

צו דעם דאָזיקן טאָג האָט עסטער זיך לאַנג געגרייט, און דאָך איז זי קימאַט ניט געשלאָפן. פאַר די אויגן איז געשטאַנען דער פּלעמעניק אַזא, ווי ער האָט זיך פארגעדענקט, ווען זי האָט זיך צעשיידט מיט אים — א שוואַרץ־אויגיקער, מיט געדיכטע ברעמען, ווי בא א דערוואַקסענעם מאַנצבל, כאָטש אים איז דעמלט געווען עלף יאָר.

איר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אז אלע מענטשן אַף דער גאַס קוקן אַף אים.

הײַנט איז עסטער אופגעשטאַנען פריִער ווי שטענדיק. זי האָט אליין געלאַכט פון זיך, נאָר אײַנליגן אַפן געלעגער ניט געקענט, עטלעכע מאָל אראָפּ פון דער סאָפקע, זיך אײַנגעהערט, צי דער וועק־זייגער איז ניט געבליבן שטיין. ניין, מער ליגן האָט קיין זין ניט, סײַווי וועט זי ניט אײַנשלאָפן. זי האָט אפּגיך ארופגעכאַפּט דאָס געבלימלטע ציצענע כאַלאַטל אַף זיך, מיט ביידע הענט פארנומען די האָר, געשיקט זיי פארדרייט אין א געדיכטן קובליק. דאָס איינציקע, וואָס איז נאָך פארבליבן — האָט זי א טראַכט געטאָן — מײַנע געדיכטע האָר.

אין וואַנע האָט זי זיך אויך ניט לאַנג פארהאַלטן, אָבער ארויס איז זי פון דאָרט א פרישע און א ראָזלעכע, פונקט ווי זי וואָלט זיך גוט און געשמאַק אויסגעשלאָפן. אין שפּיגל, וואָס שטייט אין פאָדערצימער, האָט זי געכאַפּט בלויז איין בליק, נאָר דאָך באַמערקט, אז די שלאָפלאָזע נאַכט האָט ניט געלאָזט אַף איר געזיכט קיין שפּורן.

אין פּאָטאָ־אָפּטייל פון דער טעלעגראַאַפן־אַגענטור, ווּ עסטער האָט געאַרבעט, זײַנען די פרויען איר מעקאַנע געווען: ניט אומזיסט, האָבן זיי געטײַנעט, איז ניט צו זען קיין קנייטשעלע אַף איר געזיכט; ווען ס'איז ניטאָ וועגן וועמען צו זאָרגן, איז די נעשאָמע רויִק...

ביז צום צוג איז נאָך פארבליבן א סאַך צײַט. עסטער האָט ווידער באַקוקט דעם צימער, וועלכן זי האָט צוגעגרייט פאַרן פּלעמעניק, אַקוראַט פארבעט דאָס געלעגער. ער איז שוין א דערוואַקסענער, סאשע, דאַרף ער א באַזונדער צימער, און פאַר איר וועט זײַן גענוג די קאַנאַפּע.

ווי לאַנגזאַם עסטער איז ניט געגאַנגען, איז זי אַפן ווײַסרוסישן וואָקזאַל געקומען צו פרי. דער פּעראָן איז געווען פּוסט און האָט געשמעקט מיט פרישע עפּל.

עסטער איז עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען פון איין עק פּלאַטפאָרמע ביזן אנדערן,

דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט אונטערן זייגער, ווו עס האָט, לויט איר כעזשבן, זיך געדאַרפט אָפּ־שטעלן דער זיבעטער וואַגאָן. און מיטאַמאָל, ווען זי האָט שוין אופגעהערט צו ציילן די מינוטן, האָט דער צוג זיך אָנגערוקט. עסטער האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן אָף צוריק, גלײַך ווי זי וואָלט מוירע האַבן, די וואַגאָנען זאָלן ניט אראָפּ פון די רעלסן און זיך אָנוואַלגערן אָף איר. מיט א דערשראָקענעם בליק האָט זי אַרײַנגעקוקט אין די פענצטער פון די וואַגאָנען, וואָס זײַנען שוין איצט פאַרבײַגעפאָרן פּאַמעלעכן, אָבער סאַשען ניט באַמערקט, צי עפּשער ניט דערקענט. געוויס ניט דערקענט.

ווען ער האָט אוועקגעשטעלט די טשעמאָדאַנעס לעבן אירע פיס און איז אַליין געבליבן שטיין לעבן איר, האָט זי א ציטער געטאָן. איצט האָט זי אים דערקענט. סאַשע! אָף א ווײַלינ־קע האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, נאָר ער האָט מיט גרויסע וואַרעמע הענט געהאַלטן זי פּאַר די אַקסל, און פּונקט ווי אַמאָל, ווען אים איז געווען עלף יאָר, האָבן געקוקט אָף איר צוויי שוואַרצע אויגן, אויגן פון א דערוואַקסענעם מאַנצבל.

— עסטערקע, דאָס בין איך, איך! דו קוק ניט אָף מײַנע געפּרעסטע הויזן, די קורצע מײַטקעלעך זײַנען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן...— ער האָט זיך אָנגעבויגן און זי געקושט אין די באַקן,— ביסט אַזאַ, ווי איך האָב דיך פאַרגעדענקט, עסטערקע.

בלויז אין די ערשטע עטלעכע מינוט האָט ער אויסגעזען פרעמד, נאָר איצט — פּונקט ווי געווען. די זעלבע געזיכט־שטריכן, די זעלבע סאַמעטענע ווײַס־ראָזלעכע הויט, און ווער רעדט שוין וועגן די אויגן — פּונקט ווי בא זײַן טאַטן.

דער טאַטע מיט די ביינער, נאָר א ביסל העכער און געזינטער.

ווען עסטערקע האָט זיך באַקאַנט מיט סעמיאָנען, מיט סאַשעס פאָטער, איז יענער ניט אָף קיין סאַך עלטער געווען פון דעם פּלעמעניק, וואָס שטייט איצט לעבן איר. גאָט מײַנער, איצט פאַרשטייט זי, פאַרוואָס זי האָט זיך גלײַך פאַרליבט אין סעמיאָנען. ווי האָט עס געקאָנט זײַן אַנדערש? אָבער... אָבער, ניט איצט, איצט דאַרף מען ניט טראַכטן וועגן דעם.

— יאָ, סאַשענקע, וואָס זשע וועלן מיר איצט טאָן?.. און די מאַמע?..

דער פּלעמעניק האָט פאַרשטאַנען, אַז די מומע איז צערודערט, און מיט א שמייכל זי גע־פּרוווט באַרויִקן. ער האָט אָפּגעטראָגן ביידע גרויסע טשעמאָדאַנען אין א זײַט, ווו אוילעם איז געווען ווייניקער, זיך אומגעקוקט און גענומען די צערודערטע עסטער אונטערן אָרעם און איר פאַרגעלייגט זיך צוזעצן אָף די טשעמאָדאַנעס,— אָט וועט ווערן א ביסל גראַאַמער, וועלן מיר אָפּזוכן א טאַקסי און פאָרן אהיים.

כאָטש פונעם וואָקזאַל ביז איר וווינונג איז געווען ניט מער ווי א פערטל שאָ גאַנג, האָט עסטער ניט דערוווידערט קעגן א טאַקסי. עפּעס האָט זי זיך מיטאַמאָל דערפילט אָפּגע־שוואַכט, ווי מע וואָלט אוועקגעלייגט אָף אירע אַקסל א שווערע מאַסע.

אין א מין האַלבער שאָ אַרום איז עסטערס שטוב פול געוואָרן מיט שרײַענדיקער מוזיק. סאַשע האָט שוין באַוויזן צעעפענען זײַנע טשעמאָדאַנעס, אַײַנשליסן די „עלעקטראָניקע" און דער הר־הא־געשריי פון די „ביטלס" האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער נידעריקער סטעליע, זיך אַרויסגעגאָסן דורך ביידע צעעפנטע פענצטער אָף דער גאַס.

— אַרקאַדי נאָומאָוויטשס א מאַטאָנע! — האָט דער באָכער זיך געפליִסט איבערשרײַען די קלאַנגען־קאַקאָפאָניע,— ניט קיין שלעכטער דיאַדקע! ער וואָלט מיר אָפּגעגעבן די אייגע־נע האָר, אַבי איך זאָל וואָס גיכער אוועקפאָרן, האָט ער אָבער א פליך...

פון דער ערשטער מינוט האָט עסטער געפילט, אַז דער פּלעמעניק איז ניט באַגײַסטערט פון אַרקאַדי נאָומאָוויטשן, פון דער מאַמעס נײַעם שידעך. זי האָט אָבער ניט געאײַלט זיך דערוויסן ווער און וואָס. דאָס איבערפירן סאַשען קיין מאָסקווע שטאַמט פון אים, פון אַרקאַ־דין — אויב יענעם געפעלט סאַשעס מאַמע, איז ניט קיין מוז, אַז אויך ער, סאַשע, זאָל אים געפעלן. ער דאַרף ניט דעם נאַדן, פאַרקערט, ער וועט אַליין צוזאַלן, זיך לאָזן קאָסטן, וויפל מע דאַרף, אַבי אים אַרויסמעשאַלייעכן.

קיין טײַנעס צו מינען האָט זי ניט. מינע, די ייִנגערע שוועסטער אירע, איז געבליבן אַזאַ, ווי זי איז געווען — אירע אייגענע אינטערעסן זײַנען שטענדיק געשטאַנען העכער פון אַלץ, העכער פונעם טאַטן מיט דער מאַמען, העכער פונעם זון און, פאַרשטייט זיך, העכער פון אירע, עסטערס, אינטערעסן. נאָר סײַווי האָט זי ליב געהאַט מינען, ליב געהאַט מיטן עגאָיִזם, מיט אַלע שוואַכקײַטן.

באַנאַכט, בא אויסגעלאָשענער שײַן, ווען ביידע זײַנען שוין געלעגן אין זייערע געלע־גערס, האָט עסטער געעפנט די טיר פון סאַשעס צימער, זיך אַרײַנגעמאָסטעט אָף דעם שמאָלן קאַנאַפּקעלע און פון דער ווײַט געהערט, וואָס דער פּלעמעניק דערציילט.

— א דאַמען־שנײַדער איז כאָשעווער פון אן אַקאַדעמיקער... פון מאָסקווע פאָרן די דאַ־

מען צו אים, מע פאַרשרײַבט זיך אין דער ריי. אַרקאַדי נאַומאָוויטש איז באַוווּסט פונעם באַל־טישן ביזן שוואַרצן יאַם! — האָט ער זיך געכאַכמעט.

— איך האָב דאַפקע ליב אַזאַ, וואָס איז אַ מײַסטער אין זײַן פאַך, — האָט עסטער אַרײַנגעשטעלט אַירס אַ וואָרט.

— איך אויך, — האָט סאַשע אַ צערייצטער אָפּגעענטפערט. — דו מיינסט, אַז אַלעמען וואָלט זיך אײַנגעגעבן איבערפירן אַ סטודענט פון אַ ווילנער אינסטיטוט קיין מאָסקווע? דערוף דאַרף מען זײַן אַ דאַמען־שנײַדער...

— איך זע אין דעם ניט קיין פאַרברעכן, — האָט ווידער רויִק געזאָגט עסטער.

— איך אויך. און דאָס, וואָס די מאַמע האָט כאַסענע געהאַט פאַר אים, איז אויך קיין פאַרברעכן ניט. און דאָס, וואָס איך האָב דיך אַרויסגעזעצט אין קיך, איז אויך ניט קיין פאַרברעכן? איך בין, זאָלסטו וויסן, שוין ניט קיין פּיצל, און וויל ניט לעבן אַף עמעצנס כעזשבן, ביפּראַט נאָך אַף דײַן כעזשבן...

— גענוג! — האָט עסטער אויסגעשריגן, — איך וויל דאָס מער ניט הערן! — זי האָט זיך אופגעזעצט אַפן געלעגער, אַרופגעצויגן די קאָלדרע ביז די אַקסל און לאַנג געשוויגן. דערנאָך, ניט וויסנדיק, צי ער הערט זי צי ניט, גענומען שטיל און רויִק ריידן:

— ווען איך בין געבליבן אײנע אַליין, אָן דײַן מאַמען, אָן דיר, אײנע אין אָט דער קלײנינקער שטוב, האָט מיך אָפּט געצויגן צום פענצטער. איך האָב געקוקט, ווי פרויען גייען פאַרבײַ, פירן קינדער באַ די הענט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין שולדיק, וואָס דו ביסט ניטאָ דאָ. איך האָב דיך ניט געטאָרט אָפּלאָזן, געדאַרפט אַרויסרײַסן פון מײַנעס הענט, און זאָל זי פאָרן אַליין, פאַר איר וואָלט עס אויך געווען גלײַכער. מיט דער צײַט האָב איך זיך צוגעוווינט. — עסטער האָט ווידער אַ מינוט געשוויגן, דערנאָך פאָרגעזעצט: — נאָר איצט איז ווידער אַלץ גוט. דו ביסט דאָ, מיט מיר. און דו...

סאַשע האָט אַ פאַרטײַטער זיך צוגעהערט, ניט געוואַגט זיך אַ ריר צו טאָן. ער האָט שוין כאַראָטע געהאַט, וואָס עס האָט זיך באַקומען אַזאַ געשפּרעך — יאָ, די מאַמע זײַנע האָט גוט געקענט די שוועסטער, געוווּסט, אַז מע מעג זיך אַף עסטערן פאַרלאָזן.

עסטער האָט מער ניט גערעדט. זי איז זיכער געווען, אַז דער פלעמעניק האָט אַלץ אויסגעהערט און אַלץ גוט פאַרשטאַנען. מער וועט ער וועגן די דאָזיקע זאַכן ניט ריידן. זי איז געווען צופרידן, וואָס גראַדע אין דער ערשטער נאַכט איז דאָס פאָרגעקומען — אָפּגעשניטן און פאַרטיק!

די נאַכט איז אָבער עסטער ניט געשלאָפן. דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר די העכער פערציק יאָר פון איר לעבן, איז דורכגעשוווּמען פאַר אירע אויגן.

אַף ניזשניאַיאַ, אַף אַ שטילער גאַס, וואָס ציט זיך לענגאויס די ליפּע־בולוואַרן, איז געשטאַנען זייער פאָטאָגראַפיע.

אינווייניק איז אַף דער גרויסער גלעזערנער טיר געהאַנגען אַ גלעקל, ווי אַמאָל אין דער פּראָווינץ, און יעדעס מאָל, ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט עס זילבערדיק זיך צעקלונגען. קימאַט ביז דער מילכאָמע האָט די פאָטאָגראַפיע געהערט צו אַן אַרטעל. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דאָ געאַרבעט.

אײנעם וויִטן פענצטערן צימערל, ווו זי, עסטער, האָט אײנעם מיט דער ייִנגערער שוועסטער אירער, מינע, זיך געפּאָרעט מיט די נעגאַטיוון און נאַסע פאָטאָגראַפיעס, האָט מען גוט געהערט דעם קלונג פונעם גלעקל, וואָס עס האָט באַטײַט, אַז עמעצער איז געקומען.

אַמײנסטן פלעגט מינע האַסטיק אַרויס אין גרויסן אופנעם־צימער, גלײַך ווי זי וואָלט שטענדיק אַף עמעצן געוואַרט. איך שטוב, געדענקט עסטער, האָט מען געטײַנעט, אַז מינע איז אַ געבוירענע קאָקעטקע, די מאַמע האָט מוירע געהאַט, ס'זאָל זיך שלעכט ניט אויסלאָזן.

ביידע, סײַ מינע, סײַ זי, עסטער, האָבן געשעמט אַף דער גאַס מיט זייער שיינקײַט, כאָטש עסטער האָט געהאַלטן, אַז די שיינע איז בלויז מינע, יאָ, זי איז אַפּאַנעמעסן געווען פּרעכטיק — פונעם קאָפּ ביז די פיס. די גאָלדיק־טונקעלע הויט פון איר געזיכט און פון די אַנטבלויזטע געטאָקטע הענט איז צאַרט און ווייך געווען, ווי איידעלער סאַמעט. מענטשן האָבן זיך געכידעשט: פונוואַנען קומען עס צו די נאָסאָוויצקיס מיידלעך אַזעלכע גלאָקטע האָר, אַזעלכע בליציקע אויגן, אַזאַ שטעל און אַזאַ שטאַלט, אַז בעסאַכאַקל איז ער, רוווון נאָסאָוויצקי, און זי, די פרוי זײַנע, גאָר קיין פאַרשווינען ניט, עמעס, ניט קיין פאַרזעעניש, נאָר גלאַט אַזוי, און זעט, סאַראַ טעכטער.

אַרום די שוועסטער האָבן זיך געזאַמלט ייִנגלעך און מיידלעך. יונגעלײַט און רײַפע מאַנצבלען פלעגן אָמיסטן קומען זיך פאָטאָגראַפירן, קעדיי פאַרפירן באַקאַנטשאַפט מיט די

נאָסאָוויצקיס. נאָר ביידע — מינע און עסטערקע — זײַנען געווען יונג און זיך ניט געאײַלט צו זאָגן „יאָ״ קיינעם פון די, וואָס האָבן געוואָרט אף דעם.

נאָר אין איינעם א פרימאָרגן האָט דאָס גלעקעלע זיך זילבערדיק צעקלונגען, און אף דער שוועל איז געבליבן שטיין סעמיאָן. מינע האָט פאַריסן דעם קאָפּ און א גאַנצע מינוט ניט געקאָנט אָפּווענדן פון אים דעם בליק. זיי האָבן זיך ביידע געקוקט אין די אויגן מיט דער ערנסטקייט פון מענטשן, וואָס זײַנען פארגאַפט, דערשראָקן און דערפרייט.

עסטער איז געשטאַנען אין צווייטן עק צימער. עפּעס האָט זי געגומען שטיקן אין שלונג. זי האָט געמאַכט א שפּאַן פאָרויס און דערהערט זײַן קאָל.

— איך בין פון דער ווילנער טרופּע, וואָס גאַסטראָלירט דאָ, — האָט ער שטיל געזאָגט, — סעמיאָן זאַלצמאַן. ניין, ניט פון די באַוווּסטע אַרטיסטן.

ביידע מיידלעך האָבן געשוויגן. עסטערקען איז געקומען אפן זינען, אז זי האָט אים שוין אַמאָל געזען — עפּשער אין כאָלעם. ווען זי האָט עס אים געזאָגט, האָט ער זיך פריידיק צעשמייכלט.

— אויך איך, — האָט ער געענטפערט, — האָב דעם געפיל, אז איך בין שוין דאָ בא אײַך געווען, כאָטש איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מאָסקווע. און דו, — האָט ער זיך געווענדט צו עסטערקען, — דו ביסט ענלעך צו מײַן שוועסטערקינד בראָכקע.

ער האָט איר געזאָגט „דו״, און דאָס איז געווען גוט און נאַטירלעך, ניט באַליידיקנדיק, ווי זיי וואָלטן געווען אלטע באַקאַנטע, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זײַן שוועסטערקינד בראָכקע.

אין דער טיף פּונעם צווייטן טונקעלן צימער האָבן די שוועסטער אים לאַנג פאָטאָגראַפירט — אָן א שיר מאָל! ער האָט פארהויבן און פארנייגט דעם קאָפּ, געדרייט אים אף רעכטס און אף לינקס אפן אנטבלויזטן האַלדז. די שוועסטער האָבן זיך געשפּיגלט אין זײַנע אויגן מיט די שאָטנדיקע ווי̇עס, אין זײַנע ווייכע האָר, וואָס האָבן פאַרדעקט די אויערן.

און באַטאָג איז מינע אוועק מיט סעמיאָנען אין גאָרקי־פּאַרק זיך שיפלען אף דער סאַזשלקע. ווען האָט זי עס באַוויזן אָפּריידן וועגן דעם מיט סעמיאָנען? עסטערקע האָט זיך געפילט באַליידיקט. שפּעט באַנאַכט האָט מינע זיך אומגעקערט אהיים, זי האָט אין דער פינצטער זיך אויסגעטאָן און איז גלײַך אנשלאָפן געוואָרן, און זי, עסטער, איז נאָך לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און געפילט, ווי איבער די באַקן קײַקלען זיך צוויי טרערן. פארוואָס האָט זי געוויינט דעמלט, פארוואָס? ביז איצט קאָן זי עס ניט פארשטיין.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מינע איר פאַרטרויט א סאָד, אז זי פאָרט אוועק צוזאַמען מיט דער טרופּע, מיט סעמיאָנען. ער האָט זיך שוין צונויפגערעדט מיט דער דירעקציע, אז מינע וועט ארבעטן אין טעאַטער אלס רעקוויזיטאָר, מיטהעלפן דעם גרימיאָר.

בא עסטערקען זײַנען אָפּגעשטאָרבן געוואָרן הענט און פיס. ניין, ניט פון אייפער, נאָר פון שרעק. זי וואָלט עס קיינמאָל ניט געקענט פויעלן בא זיך — אזוי הענדעם־פּענדעם, ניט באַטראַכט. ווער איז ער עס אזוינס, אָט דער סעמיאָן זאַלצמאַן? ערשט צוריק מיט געציילטע טעג האָבן זיי אפילע פון זײַן נאָמען ניט געוווּסט.

איבערריידן מינען איז שוין געווען אומעגלעך. זי איז איצט פארליבט געווען ניט אין סעמיאָנען, נאָר אין אלץ און אין אלעמען, וואָס האָט אים ארומגערינגלט. זי האָט ניט געקאָנט זאַט זיך אָנריידן וועגן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, מיט וועלכע סעמיאָן האָט זי באַקאַנט, און עסטער האָט פארשטאַנען, אז קיין שום ארגומענטן וועלן ניט העלפן — זי האָט גוט געקענט איר שוועסטער.

דעם עמעס געזאָגט, האָט עסטער זיך געמוזט מודע זײַן, אז זי אליין וואָלט אפן אָרט פון מינען מיסטאָמע אויך אזוי געטאָן.

קעדיי צו באַרויִקן די מאַמע, האָט זי, עסטער, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, געמוזט זיך שטעלן אף דער שוועסטערס זײַט.

סאָף יוּן איז מינע אוועקגעפאָרן מיט סעמיאָנען, און אָנהייב אָסיען איז געשטאָרבן די מאַמע. געשטאָרבן שטיל, זיך ניט באַקלאָגט אף מינעלען, וואָס איז ערגעץ ארומגעפאָרן מיט א טעאַטער, מיט א שיינעם באָכער, וואָס זי, די מאַמע, האָט געזען בלויז איין מאָל, און פארגעדענקט בלויז דעם נאָמען זײַנעם — סעמיאָן.

און עסטער איז געבליבן איינע אליין אין דער גרויסער אלטער שטוב.

זי האָט ארויסגעהאַנגען אפן הילצערנעם פּלויט א מעלדונג, אז זי בײַט דרײַ גרויסע צימערן אף אַן איינצימערדיקער וווינונג, און אינגיכן האָט זיך געפונען א באַלן אף דעם דאָזיקן בײַט. די מישפּאָכע, וואָס איז ארײַנגעפאָרן אין איר שטוב, האָט איינס און צוויי איבערגעפּעקלט אירע זאַכן אין דער וווינונג אפן זעקסטן שטאָק, אין א הויז ניט ווײַט פונעם ווײַסרוסישן וואָקזאַל.

...אינעם שטילן געסל, וואָס רופט זיך ראַטונדאַ, האָט עסטער קיינעם ניט באַגעגנט. זי האָט ניט געוווּסט אין וועלכער זײַט זיך לאָזן, און ס'איז ניט געווען בײַ וועמען צו פרעגן. אָבער ניט געפערלעך, דער טשעמאָדאַן אירער איז ניט קיין שווערער און דאָס געסל איז ניט קיין גרויס. פון איין זײַט גייט עס ארויס אַף גאַדעמינעס — דער צענטראַלער גאַס פון ווילנע, און פון דער אַנדערער אַף עפּעס אַ פּלאַץ, וווּ עס שטייען האַלב צערויִנירטע הײַזער. אַ־אַ! ווערדליך זי פאַרשטייט, מוז דאָס דרײַשטאָקיקע מויערל זײַן דאָס, וואָס זי זוכט.

קיין טעלעגראַם האָט זי ניט געגעבן, אַז זי פאָרט אַרויס, זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז מי־נע איז פאַרנומען מיטן קינד, און עס וועט איר שווער זײַן זיך אָפּרײַסן אַף צו גיין זי באַגע־גענען.

יאָ, דאָס איז דער נומער פונעם הויז. עסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפן אייבערשטן פון די דרײַ טרעפּלעך, מיט בײדע הענט פאַריכט די צעפּאַלענע האָר, וואָס האָבן דערגרייכט ביז די אַקסל, און דערנאָך ערשט אָנגעדריקט אַפן רויטן קנעפּל פון דער טיר.

מיט איין בליק האָט עסטער באַוויזן צו באַמערקן אַלץ — די בלייכקײַט, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אַף מינעס געזיכט, דאָס ווײַסע דינע סוויטערל מיט די קורצע אַרבעלעך, וואָס האָט פאַרשטעלט איר האַלדז, די פאַרדרייטע האָר, וועלכע האָבן, ווי אַ פערדישער עק, זיך אַראָפּ־געלאָזט אַף איר שמאָלער פּלייצע.

וואָס איז פאָרגעקומען? — האָט באַטײַט עסטערס בליק, און געפרעגט האָט זי: — דאָס קינד איז געזונט? — כאָטש לויט דער טעלעגראַם, וואָס זי האָט נעכטן באַקומען, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען זייער וויכטיקס.

מינע האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און שטיל, אַף די שפּיץ פינגער, אַרײַנגעפירט די שוועסטער אין אַ גרויסן צימער, אין קינדער־צימער. דאָס איז טאַקע געווען אַן עמעסער צימער פאַר אַ קינד, אַזעלכן האָט עסטער קיינמאָל ניט געזען און זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַזאַ איז מעגלעך.

דער גאַנצער מיטן פון דעם גרויסן צימער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ באַריער, וועלכער איז אויסגעבעט מיט אָנגעבלאָזענער גומי; דער דיל אינעם באַריער איז אויך געווען אַ ביסל אַ פּרושיניקער — דאָס קינד זאָל זיך ניט צעגעריקן בײַסן פאַלן. אפילו די שפּילכ־לעך, די בענקעלעך און טישעלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען אינעם קרײַז פון דעם באַריער, זײַנען געווען ווייך און אָן שאַרפע קאַנטן.

— און ווו איז סאַשע? — האָט עסטער זיך געכאַפּט.

— באַם טײַך, מיט קאַזין, — האָט מינעס שטיל געענטפערט, ווי זי וואָלט זיך געהיט, אַז קיינער זאָל זי ניט הערן.

גלײַך פון דער ערשטער מינוט האָט עסטער באַמערקט, אַז די שוועסטער איז ווי איבער־געשראָקן, ווי זי וואָלט זיך געפונען צווישן אַזעלכע מענטשן, פאַר וועמען מע דאַרף מוירע האָבן, אָדער בענעגייע וועלכע זי זעלבסט איז באַגאַנגען אַן אוולע.

איצט, ווען עסטער האָט זיך אײַנגעקוקט אין מינעס אויגן, האָט זי דערזען, אַז אין דער טיף זייערער נעסטעט זיך עפּעס אַ שרעק.

— וואָס איז געשען? צוליב וואָס האָסטו מיך גערופן אַהער?

מינע האָט פאַרגעסן דעם האַלדז, ווי זי האָט עס ליב געהאַט צו טאָן, פאַריסן אים אַזוי, אַז מע האָט געזען די נאָזלעכעלעך. זי האָט געגומען ריידן אין דער סטעליע אַרײַן.

— איך וואָלט געפאָרן מיט זיי ניט נאָר קיין פּוילן, אפילו אין עק וועלט וואָלט איך געפאָרן, נאָר איך ווייס, אַז ווי נאָר מירן אַריבער די גרענעץ, וועל איך בלײַבן איינע אַליין מיטן קינד, און סעמיאָן... — זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — סאַלי האָט פאַר אים אַ בעסערן שידעך.

פאַר עסטערקען זײַנען די דאָזיקע געציילטע ווערטער געווען גענוג אַף צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר. ווי פאַרבלענדט די שוועסטער איז ניט געווען, האָט זי דאָך ריכ־טיק אָפּגעשאַצט אירע פּערספּעקטיוון.

די געוועזענע אַקטריסע סאַלי קאַלינישקאַיאַ, סעמיאָנס מוטער, האָט שוין פון לאַנג גע־טרוימט וועגן דעם טאָג, ווען זי וועט באַקומען אַן אַרויסרוף פון וואַרשע. זי האָט געהאָפּט, אַז נאָך דעם גרויסן כורבן, בײַס וועלכן אויך די אַרטיסטן זײַנען אויסגעקוילעט געוואָרן, וועט זי אינעם אופגעשטעלטן טעאַטער ווידער פאַרנעמען דעם אויבנאָן. איז צוליב וואָס דאָ זיצן אין ווילנע און קלײַבן נאַכעס פונעם איינקל? ניין, זי איז דערוויַיל ניט אַראָפּ פון זינען. אָבער אָן דעם זון און אָן סאַשען וועט זי זיך ניט רירן פון אָרט. זי האָט גאָרניט קעגן מינען, נאָר קיין ניאַנקע וויל זי ניט זײַן בײַ קיינעם, אפילו באַם אייגענעם באַליבטן איינקל. און ער, סעמיאָן, זאָל זיך טאָן, ווי ער פאַרשטייט, קיינער האָט אים ניט געצווונגען צו דרײַ און

צוואַנציק יאָר כאָסענע האָבן און ווערן אַ טאַטע. זי, סאַלי, איז נאָך געווען שעפּעריש־יונג, זי זאָל זיך מאַקריוו זײַן... ס'זאָל כאָטש זײַן צוליב וואָס...

ווען קאַזי מיטן קינד האָבן זיך אומגעקערט פונעם שפּאַציר, זײַנען שוין אַלע דרײַ פרויען, מינע, די שוויגער סאַלי קאַליניצקאַיאַ און די געקומענע עסטער, געזעסן אַרום אַ גרויסן קײַלעכדיקן טיש און געטרונקען טיי.

די דינסט האָט געוווּסט, אַז דער גאַסט, די מומע עסטער, געפינט זיך אין עסצימער, און זי האָט געגעבן צו פאַרשטיין דעם ייִנגל, סאַשען, אַז פריִער דאַרף מען זיך גוט אַרומוואַשן, אויב ניט, וועט די מומע גאַרניט וויסן, אַז דאָס איז ער, סאַשע. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט קאַזי געעפנט די טיר און אַרײַנגעלאָזט אין עסצימער דעם יאַט. עסטער, וואָס איז געזעסן מיטן פּאָנעם צו דער טיר, האָט זיך געוואָלט אַ הייב טאָן פונעם אָרט. סאַלי האָט אָבער אַף איר אַ שאַרפן קוק געטאָן, און עסטער איז געבליבן זיצן, דערנאָך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די באָבע איז גערעכט, מע טאָר ניט אַזוי אָפן אַרויסווײַזן פאַר אַ קינד די געפילן...

באַ דער טיר איז געשטאַנען אַ יאַטל, מיט ברייט צעשטעלטע פעסטע פיסלעך און פון אונטער די ברעמען בייז געקוקט אַף אַלעמען מיטאַמאָל. ס'איז מאַמעס אַ כידעש געווען, וואָס באַ אַ פּיריאַריק קינד זאָלן זײַן אַזעלכע גרעדיכטע און שוואַרצע ברעמען, אַזאַ דורכדרינגלעכער בליק.

סאַלי האָט אָנגעגאָסן טיי און שטיל, נאָר באַפעלעריש, געזאָגט:

— דאָס איז פאַר דיר, מיט דער מומע עסטער וועסטו זיך נאָכדעם באַקענען, איצט זעץ זיך צום טיש.

דאָס קינד האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט, דערנאָך צוגעגאַנגען צום בענקל און זיך געזעצט באַנאַנד מיט דער באָבען.

סאַלי האָט פאַר דער צײַט געזאָגט געציילטע ווערטער. אַפילו ווען די דינסט האָט אַרײַנגעבראַכט אַף אַ טאַץ פיר געצאַצקעטע טעלער פון אַ טײַערן סערוויז, זיך אויסגעגליטשט און אַרויסגעלאָזט די טאַץ פון די הענט, האָט סאַלי גאַרנישט ניט געזאָגט. זי האָט קיין פינטל ניט געטאָן מיטן אויג, ווען די טעלער האָבן מיט אַ קלונג זיך צעבראָכן אַף שטיקלעך. ניין, באַ אַזאַ וועט די שוועסטער גאַרנישט ניט פֿוילן, אַזאַ באָבע וועט צונעמען דאָס קינד און קיין זײַ־געזונט ניט זאָגן. און זי האָט באַשלאָסן, עסטער, אַז אָן סאַשען וועט זי פונדאַנען ניט אוועקפאָרן. איר האָט נאָר באַנג געטאָן, וואָס סעמיאָן איז ניטאָ אין ווילנע, ער וועט ניט באַוויזן זיך געזעגענען מיטן זון, און ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך אַמאָל אים זען.

ווײַזט אויס, אַז סאַלי האָט זיך געצײַלט. זי האָט אַרײַנגערופן קאַזין און רויִק און ליבלעך געהייסן לייגן שלאָפן דאָס קינד.

— אָבער זע, קאַזיק, ער זאָל ניט פאַרשלאָפן. צוויי אַזייגער דאַרף ער עסן מיטיק. נו, גיי, טײַערע, גיי.

סאַלי האָט אײַנגעלאַדן ביידע שוועסטער צו זיך אין צימער. די געוועזענע אַקטריסע איז פּלוצעם געוואָרן באַריידעוודיק, ווי עמעצער וואָלט זי אונטערגעביטן. דעריקער האָט זי דערציילט וועגן זיך, וועגן אירע אַמאָליקע דערפאָלגן, וועגן דעם, אַז זי איז מיט איר מאַן, סיאָמע איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט.

— אָט דאָס צימערל, — האָט זי אַרומגעפירט מיטן בליק איבער אַלץ, וואָס צווישן די פיר ווענט האָט זיך געפונען, — איז מיר באַליבט און טײַער. אַלץ, וואָס איר זעט דאָ, האָט קאַזי אויסבאַהאַלטן באַ זיך, ווען מע האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין געטאָ. אַלץ איז געבליבן, נאָר נאָר־טאָן, מײַן מאַן נאַטאַן זאַלצמאַן, דער באַרימטער שוישפּילער און אַנטרעפּרעניאָר, האָט זיך ניט אומגעקערט אַהער. — זי האָט אַ מינוט געשוויגן, זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט און איז געבליבן שטיין אַנטקעגן גרויסן שפּיגל. — וואָס קאָן מען העלפן, מע ווערט אַלט, — דערבײַ האָט זי מיט ביידע דלאָניעס אַ פיר געטאָן איבערן אָפּגעצויגענעם קלייד מיט די קווערע רויטע און בלאָווע פּאַסן, אַ פיר געטאָן אַזוי, אַז עס האָבן זיך בולעט אויסגעטיילט די פולע ברוסט און די נאָך אַלץ געטאָקטע קליבעס. — מע ווערט אַלט, דעריבער דאַרף מען אײַלן, אײַלן, קעדיי באַוויזן אָפּטאָן וואָס מער, וואָס מער אַרײַנכאַפּן, — סאַלי האָט פּלוצעם זיך אַ נייג געטאָן צום שפּיגל און אים באַוויזן דעם שפּיץ פון איר צונג.

און דאָ גלײַך האָט זי זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו עסטערן, געמאַכט צו איר עטלעכע טריט און הארט אין פּאָנעם איר אַרײַנגערעדט:

— און סאַשען וועל איך אײַך ניט אָפּגעבן, ס'וועט אײַך קיין זאַך ניט העלפן. אויב מינע וויל ניט פאָרן, איז דאָס איר זאַך, זי איז אַ דערוואַקסענער מענטש. איידער זי איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט סעמיאָנען, האָט זי געדאַרפט וויסן, אַז אַזוינס קאָן טרעפן. אַ מאַן מיט אַ פרוי, וואָס באַשליסן האָבן קינדער, דאַרפן זײַן פון איין גלײַכן.

דער אַנגריף פון סאַלי קאַלינינצקאַיאַ האָט ווי פריטשמעליעט עסטערן, זי האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי דערווידערן אָט דער דאָזיקער דעספּאָטישער פרוי. זי האָט אָבער געפילט, אַז אינדערעמעסן האָט קיינער ניט די רעכט, אַפילו דער פֿאָטער סאַשעס, סעמיאָן, אים צונעמען בײַ דער מוטער, בײַ מינען. איצט האָט שוין עסטער זיך פֿאַרקוקט אין גרויסן שפּיגל, אין וועלכן זי האָט געזען אַלץ, סײַ דאָס מעבל מיט די צאַצקעס און קרישטאָלענע כפֿייצים אינעם געגלעזטן בופֿעט, סײַ די בלייך געוואָרענע סאַלי, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין ווענטל פֿון פּאָטעל אין אַ פּאָזע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן לייענען אַ טראַגישן מאָנאָלאָג. זי האָט אויך געזען מינען, וואָס איז געזעסן, אַף איר שטייגער, מיט אַ פּאַריסנעם קאָפּ צו דער סטעליע.

— איר האָט שוין באַקומען די דאָקומענטן אַף אַרויספֿאָרן? — האָט עסטער געפֿרעגט.

— יעדערער, ווער עס האָט ביזן טויזנט נײַן־הונדערט נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר געלעבט אין ווילנע, דאָס הייסט געווען אַ פּוילישער בירגער, האָט אַ מעגלעכקײַט זיך אומקערן קיין פּוילן, — האָט סאַלי געציילט די ווערטער, ווי זי וואָלט געלייענט אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט, — אויב מינע וועט באַשליסן פֿאָרן מיט אונדז, דאַרף זי זיך אָפֿיציעל פֿאַרעגיסטרירן מיט סיאָמעטשקען.

עסטער האָט גערעדט רויִק:

— מיך כידעשט ניט, וואָס איר פֿאָרט אַוועק פֿונדאַנען, נאָר אײַך דאַרף אויך ניט כידעשן, וואָס מינען וועט זײַן שווער פֿונדאַנען אַוועקפֿאָרן. איך ווייס אָבער, אַז דאָס, וואָס איר האָט ערשט געזאָגט וועגן מינען, זײַנען גלאַט רייד. איך ווייס דאָס אַף זיכער. איר האָט דאָך שוין באַקומען אויסלענדישע פּעסער...

סאַלי האָט ניט געלאָזט עסטערן פֿאַרענדיקן די פֿראַזע.

— איר זײַט געקומען צו מיר אין שטוב מיר לייענען מאָראַל?

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם קאַלינינצקאַיאַ, ניט צו אײַך! צו מײַן שוועסטער בין איך געקומען. — זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, און, שטייענדיק שוין אַף דער שוועל פֿונעם צימער, זיך אויסגעקערעוועט צו סאַלין, — מאָרגן, גלייב איך, וועט זיך אונדז אײַנגעבן פֿאַרענדיקן מיט אַלע פֿאָרמאַליטעטן און מירן מיטן אָונטדיקן באַן אַוועקפֿאָרן קיין מאָסקווע.

איצט כעזשבנט אונטער עסטער, אַז דעמלט איז איר געווען פֿיר און צוואַנציק יאָר, נאָר זי האָט שוין אַ היפּשע צײַט געאַרבעט אין פּאָטאָ־טאַסס, און איר אָפּטייל האָט מען זי גערעכנט פֿאַר אַ גוטן ספּעציאַליסט, פֿאַר אַ מענטש מיט געשמאַק און טאַקט — צוויי זאַכן, וואָס פֿאָדערט זיך בײַ אַזאַ אַרבעט. ווי קאָן געמאָלט זײַן אַ גוט בילד אָן געשמאַק, און ווי קאָן מען צולאָזן אַ מענטשן אָן טאַקט צו אַ קליענטור, צווישן וועלכער עס טרעפֿן אָפּט אויסלענדער פֿון אַ פֿאַרשיידענעם מאַצעוו, אָנהייבנדיק פֿון אַ פּאָשעטן אַרבעטער און ביז אַ מיליאָנער, און צווישן די סאָוועטישע מענטשן זײַנען אויך פֿאַראַן פֿאַרשיידענע — פּויערים, שטאָלגיסער, פּראָפֿעסאָרן, גענעראַלן.

דאָ, בײַ סאַלי קאַלינינצקאַיאַ אין שטוב, האָט זיך געפֿאָדערט פֿון איר ניט ווייניקער טאַקט, ווי אַף דער אַרבעט.

סאַלי האָט גיך באַנומען, אַז עסטער איז אַ האַרט ניסל, מיט איר וועט זי זיך ניט ספּראַווען אַזוי גרינג, ווי מיט מינען, וועלכער זי האָט אָפּט געגעבן אָנצוהערן, אַז ניט נאָר בײַ אַ געליבטער, נאָר אַפֿילו בײַ אַ געזעצלעך ווײַב סיאָמעס וואָלט זי, סאַלי, אויך געווען די דייגעזאָרגן.

מיטיק האָבן די שוועסטער געגעסן אין אַ זומער־גאָרטן באַם זווערינעץ, ווי מע רופֿט עס אין ווילנע. מינע האָט מאַמעש ניט געגלייבט: שוין זשע איז דאָס איר עסטערקע? פֿונוואַנען האָט זיך עס צו איר גענומען אַזאַ געוואַגטקײַט צו ריידן אַזוי מיט סאַלין?

— אַפֿילו מיט סיאָמען דרייט זי, ווי איר געפֿעלט, און דו...

— און דו? און דו קושסט זײַנע טריט, — האָט עסטער שטרענג זיך אָפּגערופֿן, — כאָטש דו ווייסט, אַז ער שפּילט זיך מיט דיר, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. ביסט גרייט אַף אַלץ פֿאַרמאַכן די אויגן, אַבי ער זאָל ניט אַוועק פֿון דיר!

עסטער האָט געוווּסט, אַז דער שוועסטער קאָסטן טײַער די גאַליקע רייד, ווײַל זי האָט נאָך ליב סעמיאָנען, אָבער אַנדערש, האָט זי פֿאַרשטאַנען, איז ניט מעגלעך איצט צו ריידן.

בײַ מינען זײַנען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. זי האָט נאָך ביז איצט זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, וויאַזוי דאָס אַלץ וועט זיך באַקומען. נו, גוט, דאָס קינד וועט דערווײַל זײַן בײַ עסטערקען, סעמיאָן — אין פּוילן, און זי, מינע, ווו וועט זײַן? איינע בלײַבן אין דער גרויסער שטוב, איינע אין ווילנע בײַ דער בוטאַפֿאָריע אין טעאַטער? זי וועט דאָך אַראָפּ פֿון זינען פֿון

בענקעניש און איינזאמקייט. נאָר איצט איז דאָס וויכטיקסטע געווען — אוועקפירן סאשען — שוין היינט, און וועגן זיך וועט זי מוזן אליין זאָרגן, אליין איר שטעטל באַשטיין. מינע האָט זיך געכאַפּט, אַז וויינען, און דעריקער נאָך אין דער שוועסטערס אָנוועזנהייט, טאָר מען ניט. זי האָט, ווי קינדווייז, מיט ביידע דלאָניעס א וויש געטאָן די אויגן, און א שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבערן פאַרצאַרנטן פּאָנעם.

— האָסט זיך אַף קיין האָר ניט געענדערט, מינע, ווי קיין זאַך וואָלט פאַר די פינף יאָר ניט פאָרגעקומען.

מינע איז אופגעשטאַנען פונעם אָרט, זיך א דריי געטאָן, אַזוי אַז די שוועסטער זאָל זי קאָנען באַטראַכטן פון אלע זייטן.

— בא סאַלין וועסטו פעט ניט ווערן, אפילע דו זאָלסט וועלן, — האָט מינע געזאָגט, — דעם קינד פאַרבאָט זי אָן איבעריקן ביסן, ער זאָל ניט אָנעמען צופיל וואָג. אליין נעמט זי קיין לעפל זופּ ניט אין מויל אַריין...

אין יענעם אָוונט זיינען די שוועסטער ביז שפּעט געזעסן אין האלב־טונקעלן צימער און געפלאַנעוועט, וויאַזוי אלץ צו באַוואָרענען. עסטער האָט געפילט, אַז מינע וואָלט מויכל געווען דעם מאַן, ווען זי זאָל זיכער זיין, אַז ער וועט ניט אוועק פון איר.

די ווענט, די ביכער־פּאָליצעס, די טישלעך און טומבאָטשקעס זיינען געווען באַשטעלט און באַהאַנגען מיט סעמיאָנס פאָטאָגראַפיעס.

— ווי האָסטו געזען היילקע מאַנצבלען? אפילע די פרומע זיינען שטענדיק גרייט זיך פּאַשען אין פרעמדן האָבער, — האָט מינע געקוקט דער שוועסטער אין די אויגן.

עסטערקע האָט א שמייכל געטאָן, זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס זיינען פרעמדע ווערטער, מעגלעך, אַז סעמיאָנס טאָקע, און מינע האָט פאַרגעזעצט:

— ער וואָלט געדאַרפט זיין פון האַלץ אָדער פון אייַזן, זיי הענגען זיך אַף זיין האַלדז. וואָלסט געמעגט א קוק טאָן אַף אים! קיין שענערן מאַנצבל האָסטו געוויס ניט געטראָפן, און כוץ דעם, ווייסטו נאָך ניט, וואָס אַזוינס עס איז טעאַטער...

דעם אַנדערן אפּדערנאַכט איז עסטער מיט סאשענקען אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. אלע האָבן באַגלייט — די מומע מיטן פּלעמעניק צום באַן. געוויינט האָט נאָר איין קאַזע, די שטוב־אַרבעטערן. זי האָט ניט אַרויסגעלאָזט דאָס קינד פון די הענט, ביז דער צוג האָט זיך גערירט פונעם אָרט. מינע איז געשטאַנען א שווייַגנדיקע, א פאַרשטיינערטע און געשוויגן, בלויז סאַלי איז געווען טעטיק און ניכטער. זי האָט זיך צעצאָלט מיטן טאַקסיסט, געכאַפּט א טרעגער, וואָס האָט אַרייַנגעטראָגן די זאַכן אין וואַגאָן, אָנגעזאָגט עסטערן, וויאַזוי זיך באַגיין מיט סאשען, וואָס ער האָט ליב און וואָס מע טאָר אים ניט דערלויבן, אין דער לעצטער מינוט איז זי אוועקגעלאָפן אין וואָקזאַל־בופעט און געבראַכט צו טראָגן טעלעכעק פּלעשער וואַסער.

פאַר דעם, ווי דער צוג איז אָפּגעגאַנגען, האָט זי אפילע א קוש געטאָן עסטערן.

סאַלי האָט געוווסט וואָס זי טוט. גלייַך, ווי זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד וועט זיך ניט אייַנגעבן צו באַקומען, האָט זי, ווייַזט אויס, באַשלאָסן פאַרצוימען אלע וועגן אַף צוריק. ביזוואַנען סעמיאָן איז ניטאָ דאָ, דאַרף דאָס קינד אָפּגעשיקט ווערן, און אָן דעם קינד איז שוין מינע קיין פּראָבלעם ניט...

אַפן פעראָן האָט סאַלי גענומען עסטערקען אונטערן אָרעם און אָפּגעגאַנגען מיט איר אין א זייַט. פּליסיק און רויִק האָט זי איר אייַנגערוימט, אַז מינע וועט בלייַבן גאָר ניט אין קיין פאַרצווייפלטער לאַגע.

די שטוב מיטן מעבל, מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייַט וועט זי, סאַלי, ניט אָנרירן מיט קיין פינגער. אין וואַרשע וועט מען זיך אָן אייצע געבן. און סאשענקען וועלן זיי אויך ניט פאַרגעסן. סאַלי האָט אַרויסגענומען א קליין טיכעלע פונעם רידיקיול און עס א טונק געטאָן פריִער אין איין אויגן־גריבל, דערנאָך אין צווייטן. זיי וואָלטן אוודע אים גענומען מיט זיך, נאָר וואָס קאָן מען מאַכן, דער געזעץ איז אַף דער זייַט פון דער מאַמע. זי האָט זיך אָנגעפרעגט בא א גוטן אדוואָקאַט...

און דער צוג איז אוועק. קיין מאָסקווע, קיין מאָסקווע...

ביז עלף יאָר האָט סאשע געלעבט בא עסטערן אינעם קליינעם דירעלע, אין שמאָלן געסל, ניט ווייַט פונעם ווייסרוסישן וואָקזאַל. דער קינדערגאָרטן האָט זיך געפונען איבער א הויף. פונעם זעקסטן שטאָק שטאַק האָט עסטער געזען, ווען מע פלעגט די קינדער אַרויסלאָזן שפּילן אין שניי צי אין זאַמד. אין איר קליין בינאָקל האָט זי צוגעקוקט דורכן צעעפנטן פענצטער, ווי דער יאַט קייַקלט שניי־קוילן, גליטשט זיך פונעם הילצערנעם אייַז־בערגל. דערנאָך האָט זי

פונעם זעלבן פענצטער, דורכן זעלבן טעאַטראַלן בינאָקל צוגעקוקט, ווי סאשע גייט אריבער די גאס און ווערט פארשווּנדן אינעם שול־הויף, וואָס האָט זיך געפונען פון לינקס, אפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר.

די טעג און די נעכט זײַנען בא עסטערן געוואָרן איבערגעפולט מיט זאָרגן פארן קינד. פונקט ווי פיל יונגע מאמעס, האָט זי זיך ניט געקאָנט אָנדערציילן וועגן די כאָכמעס פון סאשענקען.

פרעסנדיק אײנמאָל זײַנע הייזלעך, האָט זי געזאָגט:

— קום אהער, וועל איך דיך א גלעט טאָן.

דאָס קינד האָט געענטפערט:

— אָבער ניט מיטן פרעסל!

און אין אנשטאלט, וווּ עסטער האָט געארבעט, איז אוועק:

— אָבער ניט מיטן פרעסל!

ס'האָט לאנג ניט געדויערט, און אלע נאָענטע און באקאנטע זײַנען צוגעוווינט געוואָרן דערצו, אז עסטער נאָסאָוויצקאיא האָט א קינד. אייניקע האָבן אפילע ניט געוווּסט, און אנ־דערע האָבן ניט געדענקט, אז דאָס איז ניט איר אייגנס. סאשע איז ארײַנגעשריבן געוואָרן אין די צעטלען פונעם אָרטיקן קאָמיטעט אף צו באקומען מאטאָנעס אין די יאָמטויוויס, אף צו באזוכן די פרימאָרגנס, וואָס דער אנשטאלט אָרדנט אײַן פאר דעם קליינוואַרג, אף צו פאָרן אין זומער־לאגער.

דאָס ערשטע יאָר האָט מינע געוויינט און געקלאָגט. אירע בריוו זײַנען פול געווען מיט זאָרג און מיט דײַגעס פארן קינד. אָבער אינגיכן איז זי געוואָרן רוּיִקער, זי האָט זיך אינגאנצן פארלאָזט אף דער שוועסטער, וועלכע האָט פארזיכערט מינען, אז סאשענקע איז פאר איר ניט קיין לאסט, נאָר א פרייד.

עסטער האָט זיך אינדערעמעסן געגרייסט מיטן געראָטענעם יִינגל, וואָס איז גרינג גע־וואקסן, קימאט ניט געקרענקט און מיט זײַן שפרודלדיקן אויסזען ארויסגערופן א גוטן שמייכל בא אלע די, וואָס האָבן געכאפּט א קוק אף אים.

ווײַזט אויס, אז סעמיאָן האָט אפּגעמעסן ליב געהאַט דעם זון און שטארק געבענקט נאָך אים. אָט איז ער שוין דאָס דריטע מאָל פאר די זעקס יאָר, וואָס סאשע איז אין מאָסקווע, געקומען צו עסטערן.

דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט אלץ, וואָס ער האָט שוין לאנג געוואָלט און געדארפט איר זאָגן.

יענעם זונטיק איז עסטער אופגעשטאנען פריִער, ווי שטענדיק. זי האָט אפגיך צוגעגרייט דעם פרישטיק, געזען, אז אלץ זאָל פארטיק זײַן צו סעמיאָנס קומען. זיי האָבן אָפּגערעדט, אז דעם גאנצן טאָג וועלן זיי פארברענגען מיט סאשקען אין פיליער פארק, סעמיאָן וועט אין האָ־טעל זיך ניט פארהאלטן מיטן פרישטיק — ער וועט איבערבײַסן מיטן זון צוזאמען בא עסטערן.

דאָס מאָל האָט סעמיאָן געבראכט א פולן טשעמאָדאַן מיט שפּילכלעך — א פּאָטאָ־אפּאַראַט, א קליינינקן מאגניטאָפאָן, אָן א שיר סלײַדן, וועלכע ער האָט אליין געמאכט אין פוילן און אין אנדערע לענדער, ווו אים איז אויסגעקומען צו זײַן — סאשע איז דאָך שוין איצט א גרויס־סער באָכער, א שילער פון פינפטן קלאַס.

דאָס יִינגל איז געווען גליקלעך, ער האָט זיך ניט געקאָנט זאט אָנשפּיגלען אין דער מו־מע עסטער, וואָס האָט איצט, אין איר ספּאָרטיוון קאָסטיום, אויסגעזען פונקט אזוי שיין, ווי זײַן מאמע. ער האָט אראָפּגעכאפּט פון דער וואנט דער מאמעס פּאָרטרעט און אים צוגע־טראָגן עסטערן.

— טו א קוק, פונקט ווי א צווילינג.

אויך סעמיאָן איז געווען מאסקים מיטן זון, — ער האָט עס שוין פון לאנג געוווּסט. ער האָט גערעדט מיטן זון און געפילט, ווי עס ברענען אים די באקן, עס איז אים שווער געווען אופהייבן דעם בליק און א קוק צו טאָן אף עסטערן, גלײַך ער וואָלט מוירע געהאַט, אז זי זאָל ניט אויסלייענען אף זײַן געזיכט דאָס, וואָס ליגט אים אפן הארצן.

— דו האָסט ניט קיין טעמפּעראַטור? — האָט עסטער זיך באוּמרוּיִקט.

ניין, קיין טעמפּעראַטור האָט ער ניט געהאַט.

דער 54־טער טראָלייבוס האָט זיי גיך געבראכט אין פּארק ארײַן. שפּרינגענדיק נאָך פון די טרעפּ, וואָס פירן צום טײַך, האָט סאשע אראָפּגעוואָרפן פון זיך די מײַקע און די הייזלעך און איז גלײַך ארײַן אין וואסער. עסטער און סעמיאָן האָבן זיך צוגעזעצט אף א באנק אפן סאמע ברעג און געקוקט, ווי קונציק דאָס יִינגל שווימט, און יענער, וויסנדיק, אז מע קוקט

אַף אים, האָט זיך געשלײַכט אין וואַסער, ווי אַ פֿיש, געדרייט זיך פֿונעם בויך אַף דער פּלייצע, זיך אונטערגעטוקט און אַרויסגעשווומען העט־ווײַט, דאָרט, וווּ מע האָט זיך גאָר ניט געריכט אים צו דערזען. סעמיאָן האָט מיט אַ גוטן שמייכל געקוקט אַף עסטערן, געזשמורעט די אויגן.

— ווער האָט עס אים אויסגעלערנט אַזוי?

עסטער האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל:

— ווער? אין באַסיין!

זי האָט האַסטיק מיט צוויי־דרײַ געשיקטע באַוועגונגען אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דאָס גרינגע קליידל, די טופּל פֿון די פֿיס, און, שוין שטייענדיק אַף די צעמענטירטע טרעפּלעך, וואָס פֿירן אין וואַסער אַרײַן, אויסגעדרייט דאָס פּנים צו סעמיאָנען.

— טו זיך אויס! — קלאַפּנדיק מיט לײַכטע קלאַפּטער איבערן וואַסער, איז זי געשווומען גרינג און גראַציעז, אײַנגיכן זיך דערנענטערט צום פּלעמעניק און מיט אים צוזאַמען זיך געלאָזט שווימען אַף אַראָפּ, מיטן שטראָם.

סעמיאָן האָט זיי נאָכגעשפּירט מיטן בליק און געטראַכט זיך זײַנס. ניין, עסטער איז ניט מינע, באַ איר וועט ער קיין זאַך ניט פּועלן. ער האָט זיך פּאַמעלעכן אויסגעטאָן, געבליבן אין די קורצע געשטרײַפּטע טרוסן און זיך אויסגעצויגן אין קילן גראָז.

דער הימל איז געוווען אײַנגאַנצן אַ בלויער, אָן אַ סימען פֿון אַ וואָלקנדל, נאָר ס׳איז נאָך געווען פֿרי און די זון האָט ניט געבראָטן.

עסטער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון טײַך און אַ שמייכלענדיקע געבליבן שטיין לעבן סעמיאָנען, זי האָט אַראָפּגעריסן פֿון קאָפּ דאָס גומענע היטעלע און אָפּגעטרייסלט די געבליבענע טראָפּנס אַף סעמיאָנס אָנגעגליטן לײַב. ישעער איז אופֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, אָנגעכאַפּט עסטערן פֿאַר די הענט און מיט איין קונציקן דריי אוועקגעלייגט זי אַף דער ערד און אַליין אויך געפֿאַלן לעבן איר.

— עסטערקע, דאָס מאָל וועל איך אַזוי ניט אוועקפֿאָרן, — האָט ער, ליגנדיק לעבן איר אַפֿן גראָז, אַרײַנגערוימט איר אין אויער. — נאָר מיט אײַך...

עסטערקע האָט זיך גלײַך אופֿגעכאַפּט, געבליבן זיצן אַפֿן גראָז מיט אונטערגעצויגענע קני צום נאָסן באָד־קאָסטיום.

— ביידע, ביידע, דו מיט סאַשען. ביידע, פֿאַרשטייסט?

יאָ, זי האָט עס פֿון לאַנג פֿאַרשטאַנען און שוין געהאַט אַלץ פֿעסט באַשלאָסן. דאָך, אַף וויפֿל ס׳איז געקומען צו רייד, האָט זי געוואָלט, עסטער, אַז ער זאָל זאָגן אָפֿן, וואָס ער וויל.

און סעמיאָן האָט געזאָגט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער פּלייצע, האַלב פֿאַרמאַכט די אויגן און גערעדט אין הימל אַרײַן:

— סאַשע האָט אַ טאַטן און אַ מאַמע און וואַקסט באַ אַ מומע... עמעס, עפּעס ניט ווי באַ לײַטן. די מאַמע מיטן טאַטן זײַנען זיך צעגאַן, די מאַמע האָט כאַסענע געהאַט אין ווילנע, און דער טאַטע לעבט אין וואַרשע, דער זון אין מאָסקווע... ווי געפֿעלט עס אײַך, עסטערקע ליי־בע, — האָט ער זיך אופֿגעזעצט און גענומען פּלוצעם זי אירצן, — וואָס פֿאַר אַ פֿאַרברעכן, וויל איך וויסן, בין איך באַגאַנגען, פֿאַרוואָס האָט איר צוגענומען באַ מיר סאַשען? — עסטער האָט געזען, ווי צוויי האַרטע קנוילן האָבן זיך גענומען קײַקלען אונטער דער הויט פֿון די באַקן באַ סעמיאָנען.

עסטער האָט געוואַרט, געוווסט, אַז דאָס איז נאָך ניט אַלץ. סעמיאָן האָט זי אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז פֿיס:

— קיין טײַנעס צו מינען האָב איך ניט און קאָן ניט האָבן. זי האָט כאַסענע געהאַט, איז זאָל איר ווויל באַקומען. איך וועל מער איר גליק ניט צעשטערן...

ער האָט געזאָגט דעם עמעס, אָבער ווען סעמיאָן זאָל נאָך איצט איין רוף טאָן זי, פֿאַר־לאָזט זי דעם מאַן, דעם דירעקטאָר פֿון דער וווּרשט־פֿאַבריק, און פֿאָרט מיט אים, מיט סעמיאָ־נען, קיין פּוילן...

— ווײַזט אויס, — האָט סעמיאָן פֿאַרגעזעצט, — אַז מײַנע געפֿילן צו מינען זײַנען געווען פֿון סאַמע אָנפֿאַנג ניט גענוג שטאַרק.

— ווילסטו איצט אויספּרווון דײַנע געפֿילן, — האָט עסטערקע געקוקט אים אין פּנים, — אַף מינעס שוועסטער? וואַרף אַרויס די דאָזיקע געדאַנקען פֿונעם קאָפּ און גיי באָד זיך אויס. סײַ פֿאַר מיר, סײַ פֿאַר מינען און דעריקער פֿאַר סאַשקען איז דאָס ניט קיין אויסוועג.

עסטער האָט גוטברודעריש אַרופֿגעלייגט איר האַנט אַף זײַן אַקסל און צוטרוילעך און רויק דערציילט אים, אַז אין צוויי וואָכן אַרום קומט מינע מיטן מאַן קיין מאָסקווע, זיי וועלן דאָ פֿאַרברענגען אַ פּאָר טעג און דערנאָך אַוועקפֿאָרן מיטן קינד אין אַן אָפּרו־הויז קיין גאַגרע.

סאשע איז איצט אין אזא עלטער, ווען מע דאַרף, אַז אַ באַשטענדיק אויג זאָל אים אופמערקזאם נאָכקוקן, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָס נײַע לערניאָר וועט ער שוין אָנהייבן אין ווילנע אונטערן אופזיכט פון דער אייגענער מאַמע און פונעם שטיפטאַטן, וועלכער איז, אַגעוו, אַ גוטער און ליבער מענטש, אַ מענטש, וואָס האָט בײַסן קריג פאַרלוירן צוויי פּיצלעך קינדער.

אויך דאָס מאָל איז סעמיאָן אוועקגעפאָרן אליין. עסטער האָט ניט געוווסט, ווען מיטפילן — סאשעס טאַטן, צי זיך אליין, וואָס וועט אָט־אָט בלײַבן עלנט, און איז שוין ניט קיין יונג מיידעלע, נאָר אַפאַנעמעסן אַ פאַרזעסענע מויד.

אַ מאָדנע זאַך, — האָט זי געטראַכט, — כאָטש די מילכאָמע האָט זי, עסטערן, און אירע אייגענע, דירעקט ניט אָנגערירט, איז זי זיכער געווען, אַז אינעם געפּלאָנטער, אין דעם גוירל פון איר זעלבסט און פון אירע ליבע, איז שולדיק די מילכאָמע. סעמיאָן, סאַלי, סאשע, מינע מיט איר נײַעם באַשערטן, דעם דירעקטאָר פון דער וווּרשט־פאַבריק — אַלע פילן אַף זיך נאָך די פאָלגן פון דער מילכאָמע.

און אָט איז זי ווידער אליין אין איר קליין דירעלע אַפן זעקסטן שטאָק, גאַנצע אַכט יאָר אליין. אַלע מאָל גייט זי צו צום פענצטער, זעט, ווי מאַמעס גייען איבער דער גאַס מיט קינדער פאַר די הענט, קוקט דורכן בײַנערנעם בינאָקל אין הויף אַרײַן פונעם קינדערגאָרטן, ווו קליינוואַרג גליטשט זיך פון דעם הילצערנעם אײַז־בערגל; אין שול־הויף זעט זי, ווי ייִנגלעך, סאשעס כאַווײרימלעך, ראַנגלען זיך, שלאָגן זיך מיט די שול־טאַשן... און אַזוי טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר.

און באַ מינען איז פאַר דער צײַט געשטאָרבן דער דירעקטאָר פון דער וווּרשט־פאַבריק, און זי האָט כאַסענע געהאַט מיטן דאַמען־שנײַדער אַרקאַדי נאַומאָוויטש.

אָט דאָס אַלץ האָט עסטערקע ווידער איבערגעלעבט פאַר דער שלאָפלאָזער נאַכט, פאַר דער ערשטער נאַכט, ווען איר באַליבטער פלעמעניק סאשענקע האָט זיך אומגעקערט צו איר, איצט שוין אַ דערוואַקסענער, אַ מאַנצבל.

די טעג זײַנען געלאָפן מוירעדיק שנעל. סאשע האָט זיך נאָך רעכט ניט אַרומגעקוקט, ווי עס איז פאַרבײַ דרײַ פערטל פון זײַן פרײַען כוידעש. עסטער האָט באַוויזן צו זײַן קימאַט אומעטום מיטן פלעמעניק — אין די טעאַטערן, מוזייען און אַפילע אַף אייניקע לעקציעס אין פאָליטעכנישן מוזיי. פון איין זאַך האָט זי זיך אָבער אָפּגעזאָגט — פון גיין זיך באָדן אין מאָסקווע־טײַך. אויב ער קאָן זיך ניט באַגיין אָן דעם, איז ביטע, פאַראַן דער באַסיין, אַף דעם איז זי מאַסקים. עמעס, דער אָסיען האָט זיך אויסגעגעבן אַ וואַרעמער, נאָר זי איז שוין ניט קיין מיידעלע, און סאשען וואָלט זי אויך ניט געראַטן לויפן צום טײַך.

שוין אין דער ערשטער וואָך האָבן זיך אָפּגעזוכט באַ סאשען עטלעכע שול־כאַווײרים. אַנטאָן וואָלקאָוו און אַליאָשע באָלטושין האָבן געלעבט טאַקע דאָ, אינעם זעלבן הויז. שפּעטער האָבן זיך אומגעקערט פון די דאַטשעס נאָך צוויי כאַווײרים. זיי האָבן זיך איצט געהאַלטן צוזאַמען, די באָכערים, ווי אַ טשאַטע פייגל — וווּהין איינער, אַהין אַלע. קאָמאַנדעוועט האָט, ווי צוריק מיט יאָרן, דער שטשופּלינקער אַנטאָן. כאָטש ער איז שוין אַריבער אַפן צווייטן קורס פונעם אוניווערסיטעט, האָט ער נאָך אַלץ אויסגעזען, ווי אַ פּערצניאָריק ייִנגל. ער האָט זיך מוידע געווען פאַר די כאַווײרים, אַז דער גרעסטער טרוים זײַנער איז אונטערוואַקסן אַף אַ צען סאַנטימעטער.

דער צימער און די קיך באַ עסטערן זײַנען איצט שטענדיק געווען פול מיט די יאַטן, מיט זייער געפּילדער. עסטער האָט אַלעמען געהאָדעוועט — זיי האָבן געשלונגען, ווי די וועלף, אַלץ, וואָס זי האָט געשטעלט אַפן טיש — הערינג מיט קאַרטאָפל, קאַשע מיט מילך, געזויערטע קרויט, לאָקשן, ברויט מיט פּוטער — גלײַך, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַ הונגעריק לאַנד.

סאשע איז געווען באַגײַסטערט פונעם ציקל לעקציעס סאַפראָמאַט, וואָס ער האָט אויסגעהערט אין פאָליטעכנישן מוזיי. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן באַם קליינינקן שרײַבטישל און געמאַכט כעזשבוינעס, געלייזט אויפגאַבעס.

עסטער האָט אים ניט געשטערט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם באָכער איז אַזוי־אָ גוט — מיט זײַנע קאַסעטעס און מאַגניטאָפאָנען, מיט זײַנע לעקציעס און אויפגאַבעס, מיט זײַנע אַלטנײַע כאַווײרים. אָט־אָט, אין אַ וואָך אַרום, וועלן זיך אָנהייבן די לעקציעס אין אינסטיטוט, און באַ איר וועט זיך פאַרענדיקן דער אורלויב, דעמלט וועלן זיי זיך ביידע אַרײַנטאָן אין זייערע איניאָנים אַף אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר און שוין וועגן קיין שום זײַטיקע זאַכן ניט טראַכטן.

אָבער ניט שטענדיק קאָן מען אַלץ אויסשטעלן און אויסרעכענען און טאָן, ווי עס ווילט זיך...

זונטיק קאַיאָר האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. סאַשע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און אַראָפּגעכאַפּט דאָס טרײַבל. פון אָנהייב האָט ער ניט פאַנאַנדערגעקליבן, ווער עס רעדט, שוין גרייט געווען זיך אויסזידלען, וואָס מע האָט אים אופגעוועקט, אָבער דאָ האָט ער דערקענט דער מאַמעס קאָל.

— יאָ, יאָ, איך! — האָט ער אַרײַנגעשריגן אין טרײַבל, — וואָס איך מאַך? אַלץ באַרמאַל, מאַמול, יאָ, יאָ, געזונט! א מאַלאַדיעץ איז זי, עסטערקע, און דו, מאַלישקע, ביסט אין אָרדענונג?

עסטער האָט, באַטירלעך, געהערט אַלץ, וואָס סאַשע האָט אַרײַנגערעדט אין טרײַבל, און לויט זײַנע ענטפערס זיך אָנגעשטויסן, וואָס מײַנע פרעגט בא אים, אָבער באַלד האָט זי אופ־געהערט פאַרשטיין וועגן וואָס סאַשע רעדט מיט דער מאַמען. זי האָט אָבער לויטן טאָן זײַנעם דערקענט, אַז באַם באָכער איז געפאַלן די שטימונג, עפּעס האָט מײַנע געפאָדערט פון אים, און ער האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון איר — פון אָנפאַנג שטיל און רויִק, דערנאָך אופגערעגט און מיט קאַס.

— ניין, ניין! — האָט ער אַרײַנגעשריגן אין טרײַבל, — שלאָגט זיך עס ביידע אַרויס פון קאָפּ. איך קלײַב זיך ניט ווערן קיין פּריקאַזטשיק און קיין שאָפער. ניין, ניין! צוליב דעם קאָנסטו זיצן אין ווילנע, ניט קומען אַהער. די בריוו זײַנע דאַרף איך אויך ניט.

די מאַמע האָט נאָך עפּעס גערעדט צו אים, נאָר סאַשע האָט שוין, ווײַזט אויס, זי ניט גע־הערט. ניט פאַרענדיקט דעם געשפּרעך, האָט ער אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. געשטאַנען אין פּאַדערצימער עטלעכע מינוט א שווײַגנדיקער, דערנאָך אוועק אין קיך, ווו עסטער איז נאָך געלעגן אפן געלעגער, און זיך צוגעזעצט צופוסנס אף איר קאָנאַפּקעלע.

מיט אַרײַנגעשטעקטע פינגער אין די פעך־שוואַרצע האָר, איז סאַשע געזעסן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. עסטער האָט גאָרניט געפרעגט, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז צוליב דעם איז ער געקומען צו איר אין קיך, ער וועט אַליין דערציילן.

— דעם טאַטן מײַנעם פעלט אַן אומזיסטער שאָפער און א מעשאָרעס אין קלייט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט א זון. און די שוועסטער דײַנע, — האָט ער געזאָגט פאַרביטערט, — איז גרייט מיך אָפּשיקן קיין ייִסראָעל, ווו עס האָט אָפּגעגליקט דער באָבען מיט איר נײַעם מאַן, דעם רעזשיסער פון וואַרשע, און אויך מײַן פאַפאַשען האָט אָפּגעגליקט — זיי האָבן געעפנט א קלייטל פון גרויפּן מיט בוימל. זאָל זיי ווויל באַקומען! — האָט סאַשע אויסגעשריגן און זיך אופגעכאַפּט פון אָרט, — זאָלן זיי מיך לאָזן צורו, דו הערסט, איך בעט נאָר איין זאַך, זיי זאָלן מיך לאָזן צורו!

עסטער איז אַראָפּ פון דער קאָנאַפּע, אַרופגעכאַפּט אף זיך דאָס כאַלאַטל און זיך געקליבן אַרײַנגיין אין וואַנע־צימער.

— דו, סאַשע, קאָנסט נאָך א שאָ צוויי שלאָפן. איך וועל דערווײַל צוגרייטן איבערבײַסן. הײַנט פאָר איך מיט אײַך אין אַבראַמצעוווער הינטערשטאַטישן מוזיי, שוין לאַנג דאָרט ניט געווען. האַרבסט־צײַט איז אין אַבראַמצעוואָ וווּנדערלעך־שיין, איך וועל נעמען מיט זיך מײַן אַפּאַראַט און פּרוּוון מאַכן עטלעכע עטיודן. — זי האָט גערעדט שטיל, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פאָרגעקומען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אומגעריכטער קלונג האָט צערודערט דעם פּלע־מעניק, נאָר — פאַרפאַלן. דאָס וויכטיקסטע: זי איז צופרידן פון סאַשעס ענטפער...

אין א פּאָר טעג אַרום האָט עסטער אַרויס־גענומען פון בריוו־קעסטל א בריוו. זי האָט דערקענט מײַנעס קסאַוו. אין פּאַדערצימער, שטייענדיק נאָך אָנגעטאָן אין מאַנטל, איז זי מיטן בליק איבערגעלאָפן די שיטערע שורעס. מײַנע האָט מיטגעטיילט דעם זון, אַז דער טאַטע האָט אים צוגעשיקט אַן אַרויסרוף קיין ייִסראָעל און געצייצעט פאָרן. עסטער האָט אף א ווײַלע זיך פאַרטראַכט און פאַמעלעכן צעריסן דעם בריוו אף קליינע שטיקעלעך — צוליב וואָס עס באַווײַזן סאַשען? ווידער פאַטערן אים די שטי־מונג.

באָטע לוריע

• אַן אַקטועלע טעמע •

רקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט געלעבט אײנער אַלײן אין זײַן אַלט־באָכערישער וווינונג. ער איז געווען אַ פּרײַער קינסטלער. די ווענט פונעם געראַמען צימער זײַנען באַהאַנגען געווען און אַרומגעשטעלט מיט ניט קײן פאַרענדיקטע עסקיזן און עטיודן. אױפן גרויסן האַמעט־נעם טיש, אָדער, ווי אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט ליב געהאַט זיך אויסדריקן, אױף זײַן וואַרשטאַט, זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן טיר־ביקעס מיט פאַרב, פּענדזלען, בלײַערס...

שוין אַ היפּשע צײַט האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש ניט גע־אַרבעט. געשטערט האָט אים די באַליידיקונג. טיף אין האַרצן איז ער זיכער געווען, אַז וועגן זײַן בילד וועט מען ריידן, דיסקוטירן, מעגלעך, אַפילו שרײַבן: „אין זוכעניש פון נײַע פאָרמען...” און מיטאָמאָל אַ באַליידיקונגס־אַרטיקל: „עלעמענטן פון אַבסטראַקציאָניזם”, „נאָכמאַכערײַ...”. איז מעגלעך דען נאָך אַזאַ אַרטיקל זיך נעמען פאַרן פּענדזל?!

ס'איז אַדורך דער ווינטער, דער פאַרדראָס איז צו ביסלעך אײַנגעשטילט געוואָרן, און אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט גענומען זוכן אַ ווירדיקע טעמע פאַר זײַן נײַעם קומענדיקן בילד. מער האָט ער זיך ניט געקליבן ווערן אַן אָביעקט פאַר קריטישע אָנפאַלן. דאָס מאָל וועט ער אױף אַ גרויסן לײַוונט אָפּשפּיגלען אונדזער הײַנטצײַטיקייט.

— דער איקער איז די טעמע, — האָט ער געהאַלטן אין אײן איבערכאַזערן, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר די פּענדזלען, וואָס זײַנען געלעגן פאַרטריקנטע, אָן אַרבעט, — מע דאַרף נאָר פּאַקן אַ הײַנטצײַטיקע, לעבנסצאַפּלדיקע טעמע!.. — און ער האָט מיט אומרו גע־וואַרט אױף אָט דער גליקלעכער מינוט, ווען די געגאַרטע טעמע וועט אים אַנטקעגנקומען.

און אָט אײנמאָל, אָנהײב פרילינג, ווען ס'האָבן אונטער די וואַרעמע זונען־שטראַלן אָנ־געהויבן אָנקוועלן די קנאָספּן אױף די ביימער, האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש, שפּאַצירנדיק פאַרקלערט אײנער אַלײן אױף אַ שטיל געסל אין עק שטאָט, אומגעריכט זיך צונויפגעשטויסן פּאָנעם־לעפּאָנעם מיט דעם, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט.

לאַכלוטן אומגעריכט האָט ער דאָ געפּאַקט די טעמע. ס'האָט אים אָפּגעגליקט! איצט וועט ער שאַפֿן אַ בילד, וואָס וועט מאַמעש איבעראַשן און אַרויסרופן אַנציקונג בא דער קריטיק. דאָס בילד וועט הייסן: „אָט וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן פונעם אַמאָל”. נאָר אַזוי!

וואַרפנדיק אַ דורכדרינגענדיקן בליק אױף דעם אָרום, האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש זיך אַ הײב אױף געטאָן אױף די קישעף־פליגל פון זײַן פּלוצלינג אױפגעברויזטער מוזע.

— אויסגעצייכנט! — האָט ער מיט באַגײַסטערונג אויסגערופן, — אינעם בילד וועט אָפּ־געשפּיגלט ווערן אָט דאָס פאַרוואָרפן ווינקל פון דער פאָרשטאָט: די שמאָלע בלאָטיקע געס־לעך, די אויסגעקרימטע נידעריקע שטיבלעך, דער אַלטער האַלב־אײַנגעפאַלענער קאָסטיאָל, די פאַרקנס, וואָס צאַמען אָפּ אײן הייפל פונעם אַנדערן מיט שטעכיק דראָט, אָט דאָס אַלטע, אָפּגעלעבטע, וועלכע מע קאָן זעלטן־ווו ערגעץ טרעפן איצט. אָט דאָס, וואָס ס'איז נאָך פאַר־בליבן פונעם אַמאָל. גלענצנד! קײן בעסערע טעמע איז אַפילו ניט שײַעך צוטראַכטן.

נאָר גלײַך זיך נעמען פאַר דער אַרבעט האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש ניט געײַלט. אים האָט זיך געוואָלט עטוואָס אָפּגײן פון אָט דער ווירקלעכקײַט, וועלכע ער האָט אָקאָרשט געזען, קעדײַ טיפער און פולער עס באַנעמען.

דאָס בילד האָט ער באַשטימט אָנשרײַבן צום פרילינג־יאָמטעוו, צום ערשטן מײַ.

נאָר דער בלײַנדיקער כוידעש מײַ איז אַדורך, און דאָס בילד איז נאָך ניט געווען פאַר־טיק. אײגנטלעך האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש נאָך אַפילו ניט געהאַט עס אָנגעהויבן. ער האָט דערווײַל נאָך אויסגעטראָגן די טעמע. ס'האָט אים אויסגעפעלט שעפערישע שטימונג. אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט געדולדיק געוואַרט אױף יענער גליקלעכער מינוט, ווען די מוזע וועט אַ ברויז טאָן אין אים, ווען ער וועט באַהויכט ווערן מיט דער געבענטשטער שע־פערישער קראַפט. אָט דעמלט וועט ער זיך נעמען פאַרן פּענדזל.

און ענדלעך איז אויך אָט די גליקלעכע מינוט געקומען.

— גענוג! גענוג גערוואָרט!.. — האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש אויסגערופן. און אויפֿגעלעבטער, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פונעם דיוואַן, אָפּגעזוכט אַ גרויסע ראַם, זאָרגזאַם אָנגעצויגן אויף איר אַ פּאַראָסינעווע לײַוונט, לאַנג זיך געײַסעקט, ביז ער האָט אים פּאַראָגרונטעוועט, נאָכדעם באַטראַכט אים און געבליבן צופֿרידן. אָפּגעטאָן אַ היפּש שטיקל אַרבעט. אויף הײַנט וועט, דאַכט זיך, קלעקן. איצט וואָלט ניט געשאַט זיך דורכשפּאַצירן אַ ביסל, און אָטעם טאָן מיט פֿרישער לופֿט, און מאָרגן, מאָרגן וועט ער זיך שוין נעמען פֿאַר דער אַרבעט אויף אַ רעכטן אופֿן...

אויף מאָרגן האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש זיך געפֿעדערט פֿריִער, ווי שטענדיק. עס האָט אים צו ביסלעך אָנגעהויבן עגבערן אַ געדאַנק, אַז די קאָלעגן זײַנע, וועלכע גרייטן זיך צו דער אויסשטעלונג, האָבן שוין געקענט עפּעס שאַפֿן. און ער? ער האָט דערווײַל נאָך אויסגעוואָרעמט די טעמע. און עק! גענוג! מער וועט ער ניט ציִען. ער וועט זיך איצט אַ נעם טאָן פֿאַר דער אַרבעט מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל!

אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט אויסגערייניקט די פּאַליטרע, צוגעגרייט פֿאַרב, אויסגעוואַשן די פּענדזלעך און זיך שוין געקליבן אָנוואַרפֿן אויפֿן לײַוונט די קאָנטורן פֿונעם קומענדיקן בילד, נאָר מיטאַמאָל באַמערקט, אַז עס פֿעלט אים אויס בוימל צו דער פֿאַרב. האָט ער מיט פֿאַרדראָס אַ שלײַדער געטאָן דאָס פּענדזל, זיך גיך אָנגעטאָן און אוועקגעײַלט אין מאַגאַזין, וואָס האָט זיך געפֿונען דרײַ קוואַרטאַלן פֿון זײַן הויז. אין מאַגאַזין האָט ער געטראָפֿן דעם באַוווּסטן קינסטלער אַלעקסאַנדער זלאַטאָפּאָלן.

— ווי אַרבעט זיך אײַך? — האָט זיך פֿאַרינטערעסירט דער אַלטיטשקער קינסטלער.

— גלענצנד! אויסגעצייכנט! — האָט אויפֿגעלעבט געענטפֿערט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש.

— איר גרייט עפּעס צו דער אויסשטעלונג?

— וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע?! איך אַרבעט איצט איבער אַ גרויס בילד... אַן אינטערעסאַנטע, אַן אַקטועלע טעמע!..

— אָ, דאָס איז גוט. אָט דאָס דאַרפֿן מיר, — האָט אים צוגעגעבן מוט דער אָנגעזעענער קינסטלער.

— און בײַ אײַך? — האָט אַ פֿרעג געגעבן אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש.

— דערווײַל ניטאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען.

— וואָסי דען? — האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש זיך פֿאַרינטערעסירט.

— ס'באַקומט זיך עפּעס ניט אַזוי, ווי עס ווילט זיך, איך האָרעווע אַ טאָג. פֿיל כּאַדאָשים. און ס'איז ניט אַזוי. ניט אַזוי, ווי מיר ווילט זיך...

— ווען רעכנט איר פֿונדעסטוועגן פֿאַרענדיקן אײַער בילד? — האָט אויפֿגעלעבט אַ פֿרעג געטאָן אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש, — די צײַט שטייט דאָך ניט...

— ווער ווייסט... — האָט אַ פֿאַרזאָרגטער געענטפֿערט אַלעקסאַנדער זלאַטאָפּאָל, — אויב אויף ווײַטער וועט בײַ מיר גיין אַזוי, ווי איצט, הייב איך אפֿילו ניט אָן צו וויסן, ווען איך וועל אַרויסקריכן...

אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אוועקגעשטעלט דעם פֿלאַקאָן מיט בוימל אויפֿן טיש און אַליין, אַ באַרויִקטער פֿון דעם געשפּרעך מיטן אַלטיטשקן קינסטלער, זיך צוגעלייגט אויפֿן דיוואַן אַ ביסל אָפּרוען.

גיי ריכט זיך! ער האָט געמיינט, אַז בײַ אַלעקסאַנדער זלאַטאָפּאָלן, בײַ אַזאַ אָנערקענטן קינסטלער, גייט די אַרבעט גרינג. לאָזט זיך אויס, אַז ער האָרעוועט שוין עטלעכע כּאַדאָשים איבער אַ נײַ בילד און עס באַקומט זיך בײַ אים דערווײַל גאָרנישט ניט. אומזיסט האָט ער, אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש, זיך אויסגעעסן דאָס האַרץ, וואָס בײַ אים האָט זיך פֿאַרצויגן די אַרבעט. ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך. יענער האָט, זעט אויס, זיך צוגעײַלט, און וואָס האָט זיך באַקומען? גאָרניט. בלויז אַגמעסנעפּעש. בלויז האַרצווייטעק... ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך. גלײַכער פֿריִער גרינטלעך, גוט דורכטראַכטן יעדע דעטאַל, יעדן שטריך. אַזוי. נאָר אַזוי...

ער איז געלעגן אויפֿן דיוואַן און מיט פֿאַרבאָרגענעם פֿאַרגעניגן געטראַכט וועגן דעם ניט געלונגענעם בילד פֿונעם באַרימטן קינסטלער.

אַזוי זײַנען דורך עטלעכע טעג, ביז עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ ווילן ווידער זיך נעמען פֿאַר דער אַרבעט. ער האָט פֿונדאָסנײַ פֿאַנאַנדערגעפֿירט די פֿאַרטריקנטע פֿאַרב, אַ פֿיר געטאָן מיטן פּענדזל עטלעכע מאָל איבערן לײַוונט, אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט און געבליבן שטיין מיט אַ צוגעזשמורעט אויג.

אָט דאָ, אין צענטער פֿונעם בילד, וועט ער אָנמאָלן אַ כוראָווע. רעכטס — נידעריקע הויקערדיקע כיבאַרקעס. אַרום יעדער כיבאַרקע, אַרום יעדן הייפֿל — אַ פֿאַרקן, אַרומגעפֿלאָכטן מיט שטעכ־דראָט. אין הינטערגרונט וועט זיך זען דער אַלטער האַלב־אײַנגעפֿאַלענער קאָסטיאָל. פֿון לינקס — אַ קאַליוזשע. און אונטערן בילד... ער האָט אַ נעם געטאָן אַן אַנדער פּענדזל און מיט שוואַרצער פֿאַרב אונטערגעשריבן בוילעט אויפֿן לײַוונט: „אָט וואָס ס'איז נאָך פֿאַרבליבן פֿונעם אַמאָל...”

— אויסגעצייכנט! — האָט ער אויסגערופֿן מיט באַגײַסטערונג, — איצט דאַרף מען וואָס

גיכער פאַרענדיקן דאָס בילד. אַרבעטן! אַרבעטן! ניט אָפּשטעלן זיך פאַר קיינע שום שוועריקייטן!

אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ פּיר געטאָן מיטן פּענדזל איבערן לייוונט, אָוועקגעלייגט דאָ און דאָרט עטלעכע זאַפטיקע פלעקן, ווידער אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, געקוקט, געקוקט און געבליבן ניט איבעריקס צופרידן. די טונקעלע באָרדאָ־פלעקן האָבן אים לאַכלוטן ניט אַנציקט.

אין טיר האָט אָנגעקלאַפּט די שכנה. זי האָט געבראַכט אַ פרישע צייטונג. אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש איז שוין צופרידן געווען, וואָס ער האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט איבעררייסן אַף אַ ווײַלע די אַרבעט. ער האָט מיט נײַגער אַ בלעטער געטאָן די צייטונג און באַמערקט אַף דער דריטער זײַט אַ רעצענזיע אַף אַ נײַעם פילם. דאָס האָט אים שטאַרק פאַרינטערעסירט. ער האָט זיך צוגעזעצט אַפן דיוואַן און פאַרכאַפּט גענומען לייענען. אין דער רעצענזיע האָט מען קריטיקירט דעם אויטאָר פון פילם, וועלכער איז, ווי דער רעצענזענט האָט אָנגעוויזן, געשאַפן געוואָרן אײַלנדיק.

איבערלייענענדיק עס, האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש דערפילט, אַז ס'איז אים לײַכטער געוואָרן אַפן האַרצן.

וואָס פאַר אַ פּאָנעם וואָלט ער געהאַט, ווען ער זאָל שוין האָבן פאַרטיק דאָס בילד און אין צייטונג באַווײַזט זיך אַזאַ רעצענזיע וועגן אים? ניין, גלײַכער שוין זיך ניט אײַלן. וואָס קומט אַרויס דעם רעזשיסער, וועלכער האָט געהאַרעוועט איבערן פילם, און איצט קריטיקירט מען אים... בעסער איז שוין אים, אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטשן. דערווײַל זידלט מען כאָטש ניט...

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דער רעצענזיע אַפן ניט געלונגענעם פילם, וועגן די ליידן פונעם רעזשיסער, — און ניט געאַרבעט.

אַזוי זײַנען אַדורך עטלעכע וואָכן, ביז ער האָט צופעליק באַגעגנט אַפן בולוואַר דעם יונגן קינסטלער בעריאָזקין און זיך דערוווּסט, אַז יענער האַלט שוין באַם פאַרענדיקן זײַן בילד צו דער אויסשטעלונג.

דאָס האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטשן אופגערודערט. מיט אַן אומרויִק האַרץ האָט ער זיך געלאָזט גיין אהיים, קעדיי גלײַך זיך נעמען פאַרן פּענדזל. נאָר אַף וויפל עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגערוקט דער אָוונט, האָט ער באַ זיך געפּועלט אָפּלייגן עס ביז אינדערפרי. אינדערפרי וועט ער שוין אומבאַדינגט מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך נעמען פאַר דער אַרבעט.

אינדערפרי אָבער האָט ער זיך געפילט שלאַבעריק. ס'האָט אים ווידער אויסגעפּעלט שטימונג. ער האָט עטלעכע מאָל אַ פּיר געטאָן מיטן פּענדזל איבערן לייוונט, היפּש געשטאַנען, געקוקט און נאָכדעם זיך צוגעלייגט אַפן דיוואַן. ער האָט באַשטימט צוּוואַרטן ביז דער בריוונטרעגער וועט ברענגען אַ פרישע צייטונג. עפּשער איז דאָרט הײַנט אויך פאַראַן עפּעס אינטערעסאַנטס. עפּשער קריטיקירט מען ווידער עמעצן. ער וועט נאָר דורכקוקן די צייטונג און וועט זיך גלײַך נעמען פאַר דער אַרבעט. ס'וועט זיך אים דעמלט גאָר אַרבעטן בעסער. אַנומלטן האָט אים איינער אַ ראָמאַניסט, אַן אָנפאַנגער, דערציילט, אַז איידער ער זעצט זיך צום טיש שרײַבן, גיט ער ספּעציעל אַ לייען עמעצנס זייער אַ שוואַך אומבאַהאָלפן ווערק, דאָס גיט אים צו זיכערקײַט אין זיך און ער נעמט זיך מיט אַ גרינג געמיט דעמלט שאַפן זײַן אייגן ווערק.

די צייטונג האָט מען געבראַכט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, ערשט נאָך האַלבן טאָג. אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט מיט אומגעדולד אַ בלעטער געטאָן און באַלד באַמערקט אין ווינקל אַף דער פערטער זײַט אַ פּעט קעפּל פון אַ נאָטיץ: „צווישן אונדזערע קינסטלער". „פאַראַן! ניט אומזיסט, הייסט עס, געוואַרט, — האָט ער צופרידן אַ טראַכט געטאָן, — עפּעס האָט שוין, קאָנטיק, געטראָפן". ער האָט אינדערגיך פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, פאַרלייגט אַ פוס אַף אַ פוס און מיט נײַגער גענומען לייענען: „גרייטנדיק זיך צו דער אויסשטעלונג, האָבן אַ ריי קינסטלער פון אונדזער שטאָט געשאַפן נײַע אינטערעסאַנטע בילדער. באַזונדערס טיילן זיך אויס די בילדער פונעם אָנגעזעענעם קינסטלער אַלעקסאַנדער זלאַטאָפּאָל און פונעם יונגן מײַסטער בעריאָזקין, וועלכע שפּיגלען גלענצנד אָפּ..."

באַ אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטשן איז אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ. ער האָט זיך דערפילט אַזוי, ווי מע וואָלט אים מיט עפּעס אָקאָרשט שטאַרק דערנידעריקט. גיי ווייס! לאָזט זיך אויס, אַז זיי האָבן שוין פאַרענדיקט זייערע בילדער. און ער? געוואַלד! ער נעמט זיך גלײַך, טאַקע די מינוט פאַר דער אַרבעט. ער וועט ניט אַריבערטרעטן די שוועל, ביז ער וועט ניט פאַרענדיקן דאָס בילד, צום דיוואַן אַפילו באַנענט ניט צוגיין. ער וועט אים אַרויסשלײַדערן צו אַלדי רוכעס! ער וועט ניט שלאָפן, ניט רוען. ער וועט אַרבעטן טאָג און נאַכט. נישקאָשע, ער וועט אָניאָגן. ער וועט ניט בלײַבן הינטערשטעליק...

אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט אַ נעם געטאָן דאָס פּענדזל, אַ פּיר געטאָן עטלעכע ניט זיכערע בלייכע ליניעס און מיטאַמאָל דערפילט, אַז עפּעס פעלט אים אויס. דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען פאַר זיך דעמלט אין עק שטאָט, האָט זיך ווי אויסגעוועפּט אין זײַן זיקאָרן, אין זײַן פאָרשטעלונג.

— מע דאַרף שוין, טאַקע באַלד, גלײַך צופאָרן אין פאָרשטאָט, כאַפּן כאָטש איין בליק אַף

די בלאָטיקע געסלעך, אַף די קרומע שטיבלעך, אַפן קאָסטיאָל, אָפּפרישן דעם אײַנדרוק, און דעמלט...

ארופגעצויגן אַף זיך דעם מאַנטל, האָט ארקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש אינדערגיך א כאַפּ געטאָן די שליאַפּע און אוועקגעאײַלט צו דער פּאָרשטאָט.

ס'איז שוין געווען טיפער האַרבסט. מיט א שטילן שורשען זײַנען פון די ביימער געפאַלן אָפּגעוועלקטע בלעטער.

— אדורך דער זומער, — האָט ארקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש פאַרזאָרגט א טראַכט געטאָן, — אוועק... נאָר נישקאָשע, — האָט ער זיך געטרייסט, — דערפאַר וועט אָבער זײַן בילד איבער־ראַשן מיט דער טעמע. די טעמע איז דער איקער!..

א פאַרטראָגענער מיט אָט די געדאַנקען, איז ער אָנגעקומען אין דער פּאָרשטאָט און גע־בליבן שטיין, ווי געפּלעפּט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער פאַרלוירן געשטאַמלט, — ווּהין זײַנען אהינגעקומען די קרומע געסלעך, די פּאַרקנס מיט שטעך־דראָט, דער האַלב־אײַנגעפאַלענער קאָסטיאָל?..

פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט דעמלט דאָ געזען, איז איצט אַפילע קיין סימען ניט גע־בליבן. פאַר זײַנע אויגן האָט זיך געצויגן א ברייטע גאַס מיט הויכע שיינע מויערן.

אַן אויסגעשעפּטער, האָט ארקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש זיך אומגעקערט אַהיים. אין דער מיט פונעם אַלט־באָכערישן צימער איז געשטאַנען די גרויסע ראַם מיט דעם פאַרגרונטעוועטן לײַוונט, אַפן לײַוונט — עטלעכע טונקעלע פלעקן, וועלכע האָבן אים איצט מיט עפּעס דער־מאָנט, — ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס, — זײַן אייגענעם שאָטן. און אונטן, אַפן לײַוונט, האָט מיט גרויסע אויסיעס זיך געשוואַרצט אַן אויפשריפט: „אָט וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן פונעם אַמאָל...”

ארן ווערגעליס

אזוי לעבן מיר, און אונדזער לעבן איז אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע ווערק

לאָמיר אָפטאָן אזא ארבעט:

מיר האָבן דורכגעלייענט 26 דערציילונגען, וועלכע 26 סאָוועטישע ייִדישע פראָזע־שעפער, יעדערער אף זײַן אויפן, האָבן אָקאָרשט אָנגעשריבן, די דערציילונגען זײַנען געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער טעמע, דאָס הייסט דעם ארט לעבן, דער וועלט־אויפאסונג פונעם איצטיקן ייִדן אין ראטנפארבאנד. איז דאָס דער פאסיקער פאל צו אופשטעלן לויט דעם דאָזיקן קינסטלערישן מאטעריאל א מין „קאָלעקטיוון פאָרטרעט“ פון אונדזער מיטצײַטלער, פונעם סאָוועטישן ייִדן, ארום וועלכן עס דרייען זיך הײַנט ארום אין די אויסלאנדס אזויפיל געוויסנלאָזע שרײַבערס, אויסטײַטשערס, אייצע־געבער — אגיטאטאָרס פון דער כעוורע שאָדנטרעגער, אָבסקוראנטן, אנטיסאָוועטיקער, פראָפעסיאָנעלע אונטערהעצער.

לאָמיר צונויפשטעלן לויט די פריש־געבראכטע מאטעריאלן א מין „אנקעטע“ וועגן דעם הײַנטצײַטיקן העלד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, לאָמיר ענטפערן אף די געוויינלעכע אין סאָציאלן, עטנאָגראפישן, דעמאָגראפישן, פסיכאָלאָגישן זינען פראגן, וועלכע מע שטעלט ארויס, בייס מע „זוכט אונטער“ א געוויסע סוויווע צוליב סטאטיסטיש־וויסנשאפטלעכע צוועקן. דאָס, וואָס אף די פראגן וועלן מיר ענטפערן מיט אויסצוגן פון ליטעראַרישע ווערק, וועט בא קיינעם קיין כידעש ניט ארויסרופן, אוואדע ניט קיין דערווידערונג, ווײַל ליטעראטור, ווייסן מיר, איז דער קינסטלערישער פינקעס פון דער געזעלשאפט, די אנאטאָמיע פון דער פערזענלעכקײַט און פונעם קאָלעקטיוו.

קלאָר, אז טאָן דארף מען דאָס אפן שטרענג־אָביעקטיוון אויפן, זאָגנדיק דערמיט, אז אזוי איז עס, און ניט אנדערש, אומאָפהענגיק, צי עמעצן געפעלט עס, צי ניט. פריִער פאקטן פונעם לעבן, דערנאָך באציִונג צו זיי. די רעאלע ווירקלעכקײַט איז דער פרימאט, מע דארף זי אופנעמען און באלײַכטן מיט דער שײַן פונעם סייכל.

קורץ — דער קוואל, פון וועלכן מיר קלײַבן זיך צו שעפן אונדזערע אײַנדרוקן און אויספירן, איז א פרישער און ראיעלער. זעקס און צוואנציק הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן, יעדערער פון זײַן ווינקל, אונטערגעקוקט עפעס־וואָס אינעם רעאלן לעבן פון אונדזער טיפיזירטן העלד, און, ניט האָבנדיק דערויף קיין ספעציעלן „סאָציאלן זאקאז“, ווײַט פון טענדענץ און פאָלעמיק, פארצייכנט אף פאפיר דאָס געזעענע, ארײַנגעשריבן א שטריכעלע אינעם עסקיז פאר א פאָרטרעט פון דעם מיטצײַטלער.

שטעלן מיר פראגן, און דער ענטפער וועט קומען פון די אָנגעשריבענע אין איין צײַט, צופעליק צונויפגענומענע אינאיינעם ווערק פון אזא היפשער צאָל הײַנטצײַטיקע וואָרט־קינסטלער.

1. וווּ ווינט דער סאָוועטישער ייִד פון די זיבעציקער יאָרן? וווּ איז זײַן „טערריטאָריע“? וועלכע איז זײַן „געאָגראפיע“? **פארשטענדלעך: ער לעבט ניט אין טכום, ניטאָ שוין דאָס „גאָנעקל“, מיט דער „סוקע“, מיטן „פריפעטשיקל“, ניטאָ דאָס „שטעטעלע בעלץ“, דער בלאָטיקער מארק, דאָס געסעלע. וווּ זשע געפינט זיך אין הײַנטיקן סאָוועטנפארבאנד דעם ייִדנס מאָקעם־מיקלעט?**

„די קינדער (אווראָמס), כוץ דעם ייִנגערן זון, וועלין, האָבן כאסענע געהאט, און זיי זײַנען זיך צעפאָרן איבער פארשיידענע מיקראָראיאָנען (פון מאָסקווע). דער עלטערער זון, גרישע, ווינט אפן וואָלגאָגראדער פראָספעקט, דער מיטלסטער, יעפים — אין כימקי־כאָווּרינאָ, לעבן צאָפנדיקן טײַך־וואָקזאל; דער ניט כאסענע־געהאטער, וועלי, האָט א קליין, פײַן איינצימערדיק דירעלע ניט ווײַט פונעם אוניווערסיטעט, און די טאָכטער, די באסיעכידע ליובע, ליובעטשקע, לעבט אין דער „גרינער זאָנע“, אויסער דער שטאָט, זי האָט כאסענע געהאט פאר א באָכער, וואָס איז ניט קיין מאָסקוועער טוישעוו“ (טעוויע גען **„אן אלטע ליבע“**). „וואָלאָדיע איז אזש פון נאָוואָסיבירסק. ס'הייסט,

ניט פינקטלעך פון נאָוואָסיבירסק — גוטע עטלעכע סטאַנציעס ווײַטער, פון א ייִשעוו אין נאָוואָסיביר־סקער געגנט. וואָס ער האָט געטאָן אין טיראַספּאָל? ער איז געקומען צוגאַסט צו א שוועסטער. דער שוועסטערס מאַן, א געאָלאָג, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען באַ זיי אין די געגנטן אין אַן עקספּעדיציע. די שוועסטער איז אויך א געאָ־לאָג און איז אויך דעמלט געווען אין אָט דער עקספּעדיציע. האָט מען זיך באַקאַנט און מ'איז זיך געפּעלן און מע האָט כאַסענע געהאַט. איצט וווינט דער שוואָגער מיט די שוועסטער אין טיראַספּאָל..." (**יעכיעל שרײַבמאַן „אַן אור־אור־רייניקל"**). „הײַנטיקן זומער בין איך געפלויגן צוגאַסט אַף סאַכאַלין צו מײַן זון וועניען. ס'איז געווען אין יוני. דאָס אינדזל האָט אונדז באַ־געגנט מיט טיף־בלויע הימלען, מיט וועלכע די קאַווקאַזער און קרימער קוראָרטן וואָלטן זיך ניט פאַרשעמט. אינעם אַעראָפּאָרט האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט מיט זײַן מאַשין וועניע, און מיר זײַנען אַוועקגעפאָרן אין ניעוועלסקאַיע — א שטיל ייִשעוול מיט ברייטע אַספּאַלטירטע, געדיכט־באַגרינטע גאַסן" (**העשל ראַבינקאָוו „איבערגעלאָזט אַן אָנדענק"**).

וועגן קיין איין ייִדן אין דעם גאַנצן ציקל נײַע ייִדישע סאָוועטישע דערציילונגען קאָן מען ניט זאָגן, אַז ער איז געבליבן שטעקן אין די גלופּסקן, אין די טונעיאַדעווקעס פונעם אַמאָ־ליקן טכום. און ניט בלויז דערפאַר, וואָס אַליין די טונעיאַדעווקעס, די קאַסרילעווקעס זײַנען פאַרשוווּנדן, נאָר ווײַל אין דעם סאָוועטישן ייִדן איז לאַכלוטן פאַרשוווּנדן געוואָרן און זיך אויס־געוועפּט יענץ שווער מאַזל. נאָך מער — אויך דאָס שטעטעלע, ווו ס'האָבן געלעבט און געמיט זיך אין זייער שוין באַנײַטן שטייגער מוישע קולבאַקס „זעלמעניאַנער", איזי כאַריקס לע־רערן, הערשל אָרלאַנדס אינזשעניער פון דער הרעבליע, — איז מער ניט (און שוין פון גאַנץ לאַנג) דאָס ווין־אָרט, דער סאָציאַל־עקאָנאָמי־שער פּלאַצדאַרם פאַר די ייִדן פון דער הײַנטי־קער צײַט. און אויך ניט בלויז דערפאַר, ווײַל דער רעצייעך־אָקופּאַנט האָט דאָס ייִדישע שטעטל אָפּגעווישט פון דער ערד, נאָר ווײַל דאָס שטעטל האָט ביז אַן ערעך די דרײַסיקער יאָרן אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס די געשיכטע האָט אַף דעם אַרופגעלייגט, און אַף א נאַטירלעכן אופן איז דאָס דאָזיקע פאַרבליבענע פונעם טכום ווין־נעסטעלע פאַרשוווּנדן פון דעם ייִדנס גוירל. דער סאָוועטישער ייִד איז פון דאָרט אַרי־בער — דורך די דניעפּראָבויען, מאַגניטאָ־גאָרסקן, דורך די ראַבפאַק־אַאודיטאָריעס און טעפּלושקעס, וואָס האָבן געפירט אַף ערדאײַנאָרד־דענונג, — איז ער אַריבער צו די ברייטסטע ראַכוועסן פון דער סאָוועטישער סאָציאַליסטי־שער ציוויליזאַציע, און איצט, אין טויזנט נײַן הונדערט זיבן־און־זיבעציקסטן יאָר, הערט אונ־טער דער ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער טע־וויע געצן אַזאַ זאָג (**שייגדל דערציילט אוראָ־מען**): — „איך האָב א שטוב אַף דער סטאַנציע קאַראַימסקאַיאַ. האָסט מיסטאַמע פון אַזאַ ייִשעוו אַפילע ניט געהערט. ס'איז הינטער טשיטאַ. איך האָב כאַסענע געהאַט. דער מאַן איז געווען אַן אינזשעניער"... און **שמועל גאָרדאָן שפּירט נאָך, וווּהין און פונוואַנען עס וואַנדלט אַרום זײַן איצטיקער העלד, און ער דערציילט אונדז וועגן דעם**: „די דעפּעשע, אַז דער טאַטע איז גע־שטאָרבן, האָט געטראָפן נאָכעמען אינעם ווײַטן צאָפן־יעניסייסק, וווּהין ס'האָט אים געשיקט אין א קאָמאַנדירונג דער מאַשינבוי־זאַוואָד, אַף וועלכן ער אַרבעט (**„דאָס ווידערקאָל"**).

מיר געדענקען אָבער, אַז דער זעלבער שמועל גאָרדאָן האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרײַנגעבראַכט אין דער ליטעראַטור א באַ־שרײַבונג פון די פאַרבליבענע נאָך דער מיל־כאָמע ייִדישע שטעטלעך, פּינקטלעכער גע־רעדט — פון דעם, וואָס איז פון די שטעטלעך פאַרבליבן. צי איגנאָרירן עס די אַווטאָרן פונעם דערציילונג־ציקל, וואָס איז אָנגעשריבן הײַנ־טיקס יאָר, און צי לאָזן זיי, אַזויאַרום, מע זאָל קאָנען זאָגן, אַז זיי איגנאָרירן אייניקע רעאַלע פאַקטן און דערשײַנונגען? ניין, אַזעלעכס דראָ־עט ניט דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדי־שער ליטעראַטור. דאָס, וואָס איצט הייסט שטעטל, איז ניט אַרויסגעפאַלן פון דער פּאַנאָ־ראַמע פונעם פאָלקס־לעבן. ס'איז אָבער אויך א פאַקט, און ער איז פאַרצייכנט אין דער שאַ־פונג פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער, אַז דער טאָך, ניט בלויז דער אויסזען, פון דעם מענטשן־ייִשעוו, וועלכן מיר רופן אָפּט נאָך אַלץ שטעטל, איז גאָר אַן אַנדערער, ווי געווען. טעוויע געצן שרײַבט אין זײַן דערציילונג: „פאַר די לעצטע דרײַ יאָר, וואָס אוראָם איז ניט געווען אין פּעסקאָוועץ, האָט מען אין שטאָט אויסגעבויט א נײַעם אַעראָוואָקזאַל און א נײַעם אײַזנ־באַן־וואָקזאַל. ביידע געבײַען זײַנען פון בעטאָן און גלאָז. מע האָט אויסגעבויט אַף איינעם פון די שטאָטישע ראַנדן א נײַעם וווינונגס־מאַסיוו און ניט ווײַט פונעם שטאָטישן פּאַרק א האָ־טעל — „סטראָיטעל"...

(מיר דערמאָנען זיך: „גלופּסק איז א ייִדי־שע שטאָט מיט אַלע פּישטשעווקעס... דער מינ־העג פון רערן אַף אָפּציִען רעגן־וואַסער און פון שטיינערנע בריקלעך פאַר די טירן איז דאָ ניט אָנגענומען; דעם צעבער און די טעפּלעך גיסט מען אויס פּונקט אַנטקעגן טיר, קומען כאַזיירים און באָדן זיך ביזן האַלדז אין בלאָ־טע"... (**מענדעלע מויכער־ספאָרים „צוריק אַהיים"**); טונעיאַדעווקע — „א פאַרוואָרפן ווינקל, אינדערזײַט פונעם טראַקט, קימאַט אָפּ־

געריסן פון דער וועלט"... און — „איין בלאָטע, ווײַטער א ביסל די צווייטע, נאָך ווײַטער א ביסל די דריטע, סאמע די גרעסטע, וואָס אהינצו לויפן אַרײַן, מעכילע, אי רינשטאָקלעך, אי באלעבאטישע פּאַמאָיניצעס און ברענגען מיט זיך אָן פון קאָלטוּוו" („מאסאָעס בינימין הא־שלישי").

2. די צווייטע פראגע אין אונדזער „אנקעטע" וועגן דעם הײַנטצײַטיקן העלד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור איז אזא: מיט וואָס באשעפטיקט ער זיך? עפּשער האלט ער נאָך אלץ באם פּראָדוקטיוויזירן זיך, ווי אין די ערשטע סאָוועטישע יאָרצענדליקער? צי טראָגט זײַן פּראָפעסיאָנעלע באשעפטיקונג א „ספּעציפיש ייִדישן כאראקטער", אָדער זי שפּיגלט אָפּ זײַן מיטבאטייליקונג אין אלזײַטיקן, אין איצטיקן פּראָדוציר־ און שטייגער־לעבן?

לאָמיר זען, וואָס עס טיילן אונדז מיט וועגן דעם די ערשט־אראָפּגעכאפּטע פּונעם לעבעדיקן לעבן ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע־שילדערונגען.

דעם מעליאָראטאָרס „זיאמעס מאמע איז ניט געווען צופרידן, וואָס איר זון האָט אויסגעקליבן אזא מעלאָכע. זי פלעגט טײַנען:

— ...איך בעט דיך, זון מײַנער, קריך ארויס פון די בלאָטעס. געווג, וואָס דײַן זיידע, דער טאטע מײַנער, פלעגט אָסיען־צײַט פאר דרײַ גראָשן איבערטראָגן אף דער פלייצע די ווײַבער איבער די בלאָטעס, אין מארק אַרײַן...

אזוי איז געווען פריִער, ווען כאנציע האָט נאָך ניט פארשטאנען, וואָס עס באטײַט דעם זונס פאך.

בא איר אין שטוב הענגען (איצט) אף די ווענט בילדער, וואָס זיאמע האָט צוגעשיקט פון פארשיידענע אָביעקטן:

— אָט, איר זעט, — ווײַזט זי מיט שטאָלץ אף די בילדער, — אָט דאָ זײַנען געוואקסן בורזיקעס. איצט בליִען סאָניעשניקעס. און דאָ האָט זיך פון היץ די ערד געשפּאָלטן. איצט וואקסן ווײַנטרויבן. דאָרטן, ווו די נאטור האָט בא דער ערד ניט געקאָנט פויעלן, פויעלט בא איר מײַן זיאמע. די ערד ווערט לעבעדיק אונטער זײַנע הענט" (רווון פּוסטילניקאָוו „מאזלטאָוו אײַך, מײַנע ליבע קינדער").

די ארבעט בא דעם העלד פון אונדזער נײַער פּראָזע איז ניט גלאט א מיטל צו פארדינען אף דער אויסקומעניש. ס'איז אַרײַן אין בלוט בא אים ארומצוטראכטן זײַן סאָציאלן מאצעוו פון א געזעלשאפטלעך־באוווסטזיניקן.. קוק־ווינקל. אין שמועל גאָרדאָנס שוין ציטירטער דערציילונג איז דער טאטע — ייִצכאָק געגדין — צופרידן, וואָס נאָכעם האָט זיך נאָך דער מילכאָמע באזעצט אין שטאָט, און „ווען די מאמע האָט געפרעגט ייִצכאָקן, וואָס איז אף אים אזוי די געדולע, האָט דער טאטע, וועלכער איז אפן פראָנט אויך ארײַנגעטראָטן, ווי אלע זייערע זין, אין דער פּארטיי, איר דערוף געענטפערט, אז זי דארף זײַן צופרידן, וואָס צווישן די פיר קאָמוניסטן אין דער מישפּאָכע איז אויך פאראן א פּראָלעטאריער, אן ארבעטער".

ניטאָ אזא פּראָפעסיע, וואָס פארן סאָוועטישן ייִדן זאָל זי זײַן פרעמד: „וועניע און וועראָניקע האָבן באשטימט מאכן א ליאמע לעקאָוועד מײַן קומען און אויך טאקע אָפּמערקן וועניעס נײַע נאָמינאציע: ביז דעם יאָר איז ער געווען א „סטארפּאָם", און דאָ ניט לאנג, א פּאָר טעג פאר מײַן קומען, האָט מען אים ארויסגערופן אין דער יאם־פארוואלטונג און פּאָרגעלייגט איבערנעמען א שיף" (העשל ראבינקאָוו „איבערגעלאָזט אן אָנדענק").

און ניט נאָר מעליאָראטאָרן, אינזשעניערן, שלאָסערס, עקסקאוואטאָרשטשיקעס, אָפיצערן, סטודענטן, וועבערנס, מעכאניקער, שאָפערן, בויער, געאָלאָגן לעבן זייער פולבלוטיק לעבן אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער דערציילונג. ס'איז בא זיי שוין אויך דער איניען קאָסמאָס — א געוויינלעכער איניען. „אין מאָטלס זוכענישן, אין זײַן רײַסן זיך צו די גאלאקטיקעס איז געווען פיל ערדישס, גאשמיעסדיקס" (כאיִם מעלאמוד „דער דריטער דאָר").

3. אויב מיר ווייסן שוין, ווו אונדזער הײַנטיקער סאָוועטישער ייִד לעבט און מיט וואָס ער פארנעמט זיך, איז אוואדע וויכטיק צו פארצייכענען דעם וועג, וועלכן ער איז דורכגעגאנגען פאר די לעצטע יאָרצענדליקער. אין אונדזער פרישן ליטעראַרישן לעבנס־מאטעריאל איז פארקערפּערט דאָס געשטאלט פון א ייִדן, וואָס „גייט ניט אײַנגעבויגן, די אקסל — ניט פארקײַלעכיקט, דער טראָט א גאנץ פעסטער" (ט. געַן „אן אלטע ליבע"). צווישן די סימאָנים פון דער איצטיקער צײַט טרעפט מען בא אָט דעם ייִדן אפילע אזא: „ער — אין זײַנע „דזשינסן", אינעם קורצן רעקעלע", — „ער איז געבוירן געוואָרן א פּאָר יאָר נאָך די ערשטע ספּוטניקעס, געוואקסן אינאיינעם מיט די ערשטע קאָסמישע שיפן, מיט די ערשטע קאָסמאָנאווטן, מיט די לונאָכאָדן" (כאיִם מעלאמוד „דער דריטער דאָר"). אָדער אזא סימען פון דער צײַט: „דער אעראָפּלאן „יאק־40" פליט ניט אף קיין גרויסע מעהאלעכס, מערסטנטייל קורסירט ער אף די אזויגערופענע אינערלעכע ליניעס, פארבינדנדיק איין געגנט מיט דער צווייטער. ס'איז א קליין ליִנערל, סאכאקל אף עטלעכע און צוואנציק פּאסאזשירן, ער ראשט ניט אזוי ווי די „טוען" און „אילן", נאָר שטילערהייט טוט ער זײַן ארבעט בישליימעס, שלינגט זעקס־זיבן הונדערט קילאָמעטער א שאָ. אווראָם האָט ניט באוויזן אופעסן די פּאָר קאָנפעטן, וואָס ער האָט גענומען פון טאץ בא דער סטיוארדעסע בייסן

אופהייבן זיך אינדערלופטן, ווי... דאָס יאַקל האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן..." (ט. גען „אַן אַלטע ליבע").

(מיר דערמאָנען זיך: „דאָס פערד מײַנס שטייט אין געהאַקטע ווּנדן, מיט איין פוס אין דער האָלאָבליע, פאַרדרייט אין די לייצעס, און סאָפּעט ווי א גאַנדז. פון יענער זײַט בײַדל שיטן זיך טויטע קלאָלעס, אַף ייִדיש, מיט א קײַכן און הוסטן אינײַנעם"... („פּישקע דער קרומער"); אָדער: „ייִדעלעך לויפן הענדום־פענדום, גאָר אָן א בעשאָמע, באַלאָדן מיט זעק־לעך, מיט קלומקעס און פּעקלעך, צווישן זיי טויטשען זיך, ניט־טויט, ניט־לעבעדיק, ווײַבער, פּלאָנטערנדיק זיך אין די בעבעכעס מיט אויפּע־לעך אַף די הענט און מיט קליינע וויינענדיקע קינדער בא דער זײַט. ס'איז א לויפעניש, א שרײַעניש, א שטופעניש, אַן אָנטרעטעניש אַף די פיס, א שטויסעניש אין רוקן, אין די זײַטן, א קלעטערניש אַף אלע פיר, א דראַפּען זיך אַף די גלײַכע טרעפּלעך פון די וואַגאָנעס פון דריטן קלאַס, אײַנשטעלנדיק זיך דאָס לעבן, צו פאַר־כאַפּן דאָרט ערטער באַצײַטנס"... „שעם און יאַפּאַט אין וואַגאָן").

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור פון די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן האָט באַוויזן, וויאַזוי דער דאָר פון פּישקע דעם קרומען איז אַרויס צו פּראָדוקטיווער מי. אין מאָזי קאָבריאַנ־סקיס הײַנטיקער דערציילונג „זײַ געזונט, מאַ־מע" איז אָט יענע איבערבראָך־צײַט בלויז דער־מאָנט: איידי, לייענען מיר, איז געווען א בוכ־האַלטערן אַף דער וועבער־פאַבריק. איר מאַן — א מעכאַניקער בא די סעלפאַקטאָרס... ווײַטער איז אין דער דערציילונג פאַרצייכנט דער וועג און דער גורל פון דעם שפּעטערדיקן דאָר. דער עלטערער זון, אַוורעמעלע, איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע. אַנשעלע, דער מיזיניק, איז „גע־קומען פון דער מילכאָמע א גאַנצער". „אַלע מאָל פלעגן גיין בריוועלעך פון פאַרשיידענע מעקומימעס. אָט איז ער אין מאַגאַדאַן, אָט איז ער אין טאָמסק. אים מיט זײַנע עקסקאַוואַטאָר־שטשיקעס און בולדאָזעריסטן וואַרפט מען אַרי־בער אַהין, ווּ עס הייבט זיך אָן א נײַע בויונג"...

4. די פאַרעפנטלעכטע אין אָט דעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" דערציילונגען גיבן אונדז א מעגלעכקײַט צו ענטפערן אַף נאָך א וועזנט־לעכער פראַגע — וויאַזוי עס האָבן זיך געענ־דערט אייניקע זיטן און אומשטענדן אינעם ייִדישן לעבנס־שטייגער. לעמאָשל, ס'איז קעדײַ אָפּצומערקן דעם נײַעם באַדײַט פונעם באַגריף זײַן נאַווענאַד. דער ייִד איז אינעם טכום געווען א דאַכקעס־נאַווענאַדניק, א מענטש אָן א ראַיע־לער היים. אַריבערגיין אין א מער ווירדיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סוויווע האָט ער ניט גע־טאָרט, דעריבער האָט זײַן נאַווענאַדעווען באַ־טײַט — אַרומגיין איבער די הײַזער, און דאָס וואָרט נאַווענאַד האָט אים געשראָקן. די פאָלקס־כאָכמע האָט געוואָרנט: ערד איז אומעטום ערד, מע קאָן אומעטום באַגראָבן ווערן; בעסער א נאָענטער גראָשן, איידער א ווײַט קערבל; דער שענסטער שפּאַציר איז בא דער אייגענער טיר; אַז מע זיצט אינדערהיים, צערײַסט מען ניט קיין שטיוול; און גאַנץ לאַקאָניש: דאָרט איז גוט, ווּ מיר זײַנען ניטאָ. זאָגט עס דעם העלד פון רוּוון פּאָסטילניקאָווס דערציילונג „מאַזלטאָוו אײַך, מײַנע ליבע קינדער", זיאַמען, וועט ער פון אײַך לאַכן. „פאַר זיאַמען מיט זײַן בריגאַדע מעליאָראַטאָרן איז קאַזאַכסטאַן דער זעקסטער אָביעקט. די בריגאַדע האָט שוין אויסגעטריקנט און באַפרוכפּערט טויזנטער העקטאַרן ערד, אַף וועלכער עס וואַקסט איצט ווייץ און קאָרן, בוימוואָל און רײַז, טיי און ציטרונען". בא מאָזי קאָבריאַנסקין אין „זײַ געזונט, מאַמע" לייענען מיר: „אַנשעלע וואַנדערט פון איין בויונג אַף אַן אַנדערער". סאַשע זאַלצבערג, דער העלד פון אַווראָם גאָנטאַרס דערציילונג „שוועסטער", פירט זיך איבער פון ווילנע קיין מאָסקווע, אַף דער קאַרל־מאַרקס־גאַס, אינעם אינסטיטוט פון כימישער מאַשינבויונג...

וועגן סימכעס בא ייִדן, וועגן כאַסענעס, אַשטייגער, האָט דאָס פאָלק שטענדיק גערעדט מיט א צומיש פון ביטערניש. א גרויסע סימכע איז אַף א קליינער ווײַלע. הוליע, קאַפּצן, צאָ־רעס קאָסטן קיין געלט ניט. די כאַסענע איז פון אָנהייב אָן פאַרשטערט מיט שלעכטע פאָרגע־פילן. די קאַלע וויינט, דער כאָסן זוכט צו גיין אַף קעסט. די מעכוטאָנים דינגען זיך. דער ייִדי־שער קרעכץ — דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די קאָנ־קרעט־נאַציאָנאַלע געמיט־באַפאַרבונג פון אָט דעם אַלמענטשלעכן שטייגער־אַקט. מע פלעגט זאָגן: „א גדולע, די באָבע האָט כאַסענע גע־האַט" — ניט ווײַל די גדולע, די פרייד אַלס אַזעלכע איז דערווידער, נאָר ווײַל דער פאַר־געניגן פון דער פרייד איז פונקט אַזאַ, ווי פון דער באָבעס כאַסענע. אין ייִדישן פאָלקלאָר איז נאַציאָנאַל באַרעכטיקט אַזאַ מין בילדערישער עמאָציאָנעלער איבערגאַנג: „פאַרוואָס האָט די מיטע נאָר צוויי שטאַנגען און די כופּע פיר? — ווײַל דורך דער מיטע באַגראָבט מען נאָר איין מענטשן און אונטער דער כופּע צוויי"...

(מיר דערמאָנען זיך: דער ייִד אין טכום האָט ניט געקאָנט זיך פאַרגינען האַנאָע צו האָבן פו־נעם לעבן — „אַלצדינג, וואָס ער געברויכט דאָ אַף דער וועלט, (איז) ניט צוליב דערהאַלטן דעם גוף און פון זײַן האַנאָע וועגן, נאָר צוליב דעם, קעדיי מעקײַעם זײַן א מיצווע. זיי האָבן געגעסן, אַשטייגער, אין א וואָכעדיקן טאָג, קעדיי צו מאַכן „האַמויצי" און בענטשן, און שאַבעס אויך, קעדיי מעקײַעם צו זײַן „שאַלעשסודעס",

זיי האָבן פאַרזוכט זומער די פּיירעס, קעדיי
מאַכן בראָכע מיט א „שעכעיאָנו". ווײַן האָבן זיי
געטרונקען פּייסעך, מעקײַעם צו זײַן אַרבעקוי־
סעס. זיי האָבן כאַסענע געהאַט ניט ווי אַלע אַנ־
דערע לײַט, נאָר אָפן יידישן שטייגער, קעדיי
מעקײַעם צו זײַן די ערשטע מיצווע"... („דאָס
ווינטשפינגערל").

דער געמיט־צושטאַנד בא דעם מאַסן־
מענטש האָט זיך הײַנט ראַדיקאַל געענדערט.
נאָך מער: אויב אין דער יידישער סאָוועטישער
ליטעראַטור פון די 20־ער — 30־ער יאָרן קאָן
מען זען, וויאַזוי ס'איז געגאַנגען דער פּראָצעס,
דער קאַמף, אין רעזולטאַט פון וועלכע די ענ־
דערונג איז צו שטאַנד געקומען, זעען מיר אין
דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור פון די
70־ער יאָרן, אַרײַנגערעכנט די איצט פאָרגע־
לייגטע 26 דערציילונגען, דעם נײַעם מאַצעוו
אין א קימאַט פאַרענדיקטער פאָרם, און מיר
איבערצײַגן זיך, אז אין אָט דעם זייער דעלי־
קאַטן אומשטאַנד, אין וועלכן עס פילן זיך די
אָפּקלאַנגען, געוויינלעך, פון דעם סאַמע וועז־
נטלעכן אינעם פאָלקס־לעבן — פון דער
עקאָנאָמישער און סאָציאַלער רעכטלאַגע, פון
דער נאַציאָנאַלער פּאַטענץ אין דער מאָדערנער
עפּאָכע, פון דער מאָס צוגעפּאַסטקײַט צו אָבּ־
יעקטיווע באַדינגונגען, — אין אָט די אינטימע,
אָבער גזעלשאַפטלעך וויכטיקע געביטן האָט
זיך איצט דעם יידישן מאַסן־מענטש אין סאָ־
וועטנפאַרבאַנד אײַנגעגעבן, פון איין זײַט, אָפּ־
היטן דאָס טאָכיקע, וואָס עס אַנטהאַלט די טראַ־
דיציע, און, פון דער צווייטער זײַט, אַרײַנ־
שטעלן די טראַדיציע אין א ראַם פון מאָדערנע
און אינטערנאַציאָנאַלע פאָרמען.

„— טאַקע אײַך, כאַווערטע אגיטאַטאָרקע,
זוך איך דאָ.

דער ניט אינגאַנצן געזונטער זאָקן, נאָכ־
מען־בער, איז געקומען אהער צו פאַרבעטן פּיי־
געלען צו זיך אהיים אָף דער קליינינקער סימ־
כע, וואָס זיי פּראָווען לעקאָוועד דעם אייניקל,
וועלכער ענדיקט דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט
און פאָרט אָף לאַנג אוועק אין די ווײַטע קאַלטע
מעקוימעס" (כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו „די ווע־
בערן").

„— איך בין מיט א פּאָר יאָר צוריק געווען
אָף א כאַסענע אין דניעפּראָפּעטראָווסק, —
קלערט אויף לוקיטש זײַן געדאַנק. — אן עמעסע
יידישע כאַסענע. מיט יענע לידלעך, מיט יענע
טענץ, ווי אַמאָל אין שטעטל. אַלץ, ווי אַמאָל,
און אַלץ גאָר אַנדערש. מע קאָן אפילע זאָגן —
אן אינטערנאַציאָנאַלע כאַסענע, ווײַל ס'איז
דאָרט געווען דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל.
און לידלעך — פון גאָר דער וועלט. נאָר דאָך,
ווי זאָל איך דיר דאָס געבן צו פאַרשטיין"...
(כאַים מעלאַמוד „דער דריטער דאָר").

יעכיעל שרײַבמאַן ברענגט אַרויס אין זײַן
דערציילונג דעם באַקאַנטן פון דער אַלטער
יידישער ליטעראַטור לעך־לעכאָ־מאָטיוו. דער
באַהאַוונטער נאָוועליסט באַגייט זיך אָן סוזשעט־
דערפינדונגען. ערטערווײַז זעט אויס זײַן שיל־
דערונג מאַמעש ווי א בלאַט פון „טעוויע דעם
מילכיקן":

„ערגעץ אין א דערפל אָף פּאָדאָליע האָט
מיט א סאַך יאָרן צוריק געלעבט א ייד בערל
בערקאָ, ווי דאָס דאָרף פלעגט אים רופן. א ייד
אן ערדאַרבעטאָרער, א פּויער... דאָס שטיקל
ערד זײַנס, די יערושע־כאַטקע מיטן פּאַרמאָ־
כיקטן דעכל, די פּאַרטאָגן און די פּאַרנאַכטן,
די דאָזיקע גאַנצע היים מיטן גאַנצן אַרום אירן,
האָט ער ליב געהאַט מער, ווי אַלץ אין דער
וועלט. ער האָט זיך גאָרניט אָפּגעגעבן קיין
כעזשבן דערפון. עלעהיי א בוים גיט זיך ניט
אָף קיין כעזשבן, אז ער אָטעמט און גרינט.
(ביז אין איינעם א טאָג זײַנען) דער סטאַראָסטע
און דער סאָטסקע פונעם דאָרף שטיין געבליבן
בא אים אין הויף מיטן גוטן פּאַפּירל אין דער
האַנט. געקומען דעם בוים אויסהאַקן און אויס־
וואָרצלען. — מיר דאַרפן דיך, בערקאָ, פונעם
דאָרף אַרויסטרײַבן. אָט האָסטו אַן אוקאַז!"

דערנידעריקנדיק און אַכזאָריעסדיק איז
געווען דער זשאַנדאַרמישער לעך־לעכאָ בענע־
גייע דעם אײַנגעזעסענעם יידישן בירגער פו־
נעם לאַנד. לעך־לעכאָ, גיי דיר... אָף צו באַציי־
כענען דעם צאַרישן אומזין האָבן רעליגיעזע
יידן אונטערגעקליבן אָט דאָס וואָרט לויטן נאָ־
מען פון דער דריטער סעדרע פון דער וואָך.
סאַראַ יעזויטישע „איידלקײַט": גיי דיר, בער־
קאָ, ניטאָ קיין אַנדער ברירע — אָט האָסטו אַן
אוקאַז... מע דאַרף געדענקען, אז בא די אויס־
וואָרצלער פון געזונטע האָרעפּאַשנע מענטשן
איז געווען נאָך אן אַנדערע מעגלעכקײַט: אָנ־
ווענדן קויעך, און דאַן איז די דריטע סעדרע
פון דער וואָך — לעך־לעכאָ פאַרביטן געוואָרן
מיט דער זיבן־און־דרײַסיקסטער סעדרע שלאַך־
לעכאָ — שיק דיך, דה״, גייסטו ניט אַליין, וועל
איך דיך שיקן מיט קויעך. אזא איז געווען די
טכום־ווירקלעכקײַט. יעכיעל שרײַבמאַן נוצט זיך
מיט אַלטן מאַטעריאַל. ער האָט, קאָן מען זאָגן,
פאַרכאַפּט אפילע פריער פאַר דעם פּעריאָד פון
די ערשטע נאָכאָקטיאַבערישע יאָרצענדליקער,
ווען די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור האָט
באַוויזן, ווי ס'איז אָפּגעשאַפן און אויסגעלעבט
געוואָרן דער לעך־לעכאָ און ס'זײַנען קורץ שוין
די הענט בא די, וואָס האָבן געהאַלטן פון שלאַך־
לעכאָ. אָבער יעכיעל שרײַבמאַן ציט ווײַטער
דעם צײַט־פאָדעם אין זײַן דערציילונג. מיר
לייענען:

„אײַ, ווען ס'קאָן געמאָלט זײַן אָף דער
וועלט אזא זאַך — איך זאָל אָננעמען דעם אַל־

טיטשקן זיידן בא דער האנט און זאָל מיט אים אומשפּאַצירן איבער די שיינע גאסן — זעסט, זיידעניו, ווו דאָס אור־אייניקל דײַנס לעבט? אין סאמע־סאמע קיִעוו. אָט דאָרט־אָ, אף יענער־זײַט דניעפּער, אין נײַעם זעכצנגאָרנדיקן הויז. פּאוואָליע, זיידע, אָט הייבן מיר זיך אוף מיטן ליפּט...״ **בא די סאָוועטישע קיִעווער שילדערער פון די 20־ער — 30־ער יאָרן איז ניט געווען קיין מיקראָ־ראַיאָן אף יענער־זײַט דניעפּער, אנטקעגן דעם אלטן קיִעוו. זייער העלד, בערקאָס אייניקל, ניט דאָס אור־אייניקל, האָט דעמלט ניט געקאָנט זאָגן, אז ער וווינט אין א זעכצנגאָרנדיק הויז.** יעכיִעל שרײַבמאנס **ייִדישער פּערסאָנאזש לעבט אין א** שפּעטערדיקער צײַט, **אין די** זיבעציקער יאָרן. **און ווײַל אין דער קאָמפּליצירטער ווירקלעכקײַט פון אונדזערע טעג האָבן זיך באוויזן ליבהאָבער פון** שלאָכעט אמי — **„שיק ארויס מײַן פאָלק״, וואָס עס איז א ציִעניסטישער ארויסרוף, ס׳זאָל ווידער זיך דערהערן דער פארשאָלטענער שלאָך־לעכאָ — שיק דיך, אבי דער ייִד זאָל זײַן געצווונגען צו איבערוואנדערן קיין ייִסראָעל, — דעריבער איז יעכיִעל שרײַבמאנס דערציילונג אין פולסטן זין פון וואָרט הײַנטצײַטיק, און זי איז, צווישן אנדערס, א גוטער שנעל אין נאָז די ציִעניסטישע שלאכטאמיטניקעס.**

צולעצט — נאָך איינער פון די פיל פּראָטים, וואָס באווײַזן, ווי ווײַט געענדערט ס׳איז דער צײַט־קאָלאָריט אין די דערציילונגען, וואָס זײַנען אראָפּגעשריבן געוואָרן פונעם איצטיקן לעבן. ווער פון אונדז האָט ניט געזונגען „גיי איך מיר ארויס אפן גאנעקל, דאָס שטעטעלע באקוקן״? אצינד זעען מיר ווידער א סצענע באם גאנעקל:

„ער (אנשעלע) איז ארויס פון אונטער דער מאשין, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב, אײַנגעטונקט די האנט אין עמער בענזין, אין וועלכן עס האָבן זיך געשווענקט דעטאלן, ארויסגעשלעפּט פון דער קאָמבינעזאָן־קעשענע א זשמעניע פּאקליע, גענומען ווישן די הענט און געלאָזט זיך גיין צום גאנעקל, ווו זי איז געשטאנען״... **(מאָזי קאָבריאנסקי „זײַ געזונט,** מאמע״).

ס׳איז גאָר ניט נייטיק צו ברענגען פון קאָבריאנסקיס דערציילונג די באשרײַבונגען פונעם מיידל, וואָס שטייט אפן גאנעקל. די פּראָסטע לאָגיק לאָזט ניט איבער קיין מינדסטן צווייפל, אז אף איין סוזשעטישער טעריטאָריע מיטן אויבן געשילדערטן יונגנמאן קאָן ניט געמאָלט זײַן, עס זאָל זיך געפינען א מיידל, וואָס, ארויסגייענדיק דאָס שטעטעלע באקוקן, האָט זי ניט קיין אנדער מיין, ווי צונויפרופן אירע כאווערטעס, — „ווער עס האָט נאָר א ליבע געפירט, זאָל מיר העלפן וויינען״...

5. פון דעם ברייטן קרײַז פראגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער פילנאציִאָנאלער סאָוועטישער געמיינשאפט, אין וועלכער עס לעבט דער ייִדישער פּערסאָנאזש, וועלן מיר אויסקלײַבן איינע, די סאמע טיפּישע, ארום וועלכער עס פּאָרען זיך ייִדישע שרײַבער, זינט די ייִדישע ליטעראטור איז א ליטעראטור. דאָס איז די פּראגע וועגן דעם פּסיכאָלאָגישן קלימאט פון לעבן צוזאמען, פארשטיין איינס דאָס אנדערע, קעגנזײַטיק באווירקן, דערנעענטערן און לעסאָף צוזאמענשליסן זיך, אויסגלײַכן צווישן זיך די שטייגער־טאָגטעגלעכקײַטן.

ס׳איז באוווּסט די פארשאָלטענע פּראָבלעם „ייִד — גוי״. די ביז־אָקטיאבערישע ייִדישע ליטעראטור איז ניט זעלטן געווען פארכאפּט פונעם נעגאטיוון קלאנג פון אָט דער פּראָבלעם. אָבער וואָס נעענטער צו דער קלאסיק און, פארשטייט זיך, בא די קלאסיקער גופא איז דער צוגאנג א פאראנטוואָרטלעכער און אלמענטשלעך פּראָגרעסיווער. געהאָלפן האָט דאָס לעבן אליין, וואָס האָט מיטן אופקום פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאריאט, בייס די קלאסן־שלאכטן און רעוואָלוציִאָנערע אופברויזן, געקאָוועט דעם קעגנזײַטיקן פארשטאנד פון די פעלקער. דערבײַ איז טיפּיש געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראטור ניט בלויז דער שוין אויסגעפּאָרמירטער פּעדקע־האָדל־בונד (אין „טעוויע דער מילכיקער״), נאָר אויך דער פּראָצעס **פון אײַנפארשטענדיקײַט, דאָס צוקוקן זיך צום לעבנסשטייגער פון די ייִדן אין טכום מיצאד דער ארומיקער ניט־ייִדישער סוויווע, וועלכע האָט אלס קלאל זיך באצויגן צו דעם פארשלייערטן אין מיטלאלטער, אײַנגעשלאָסענעם און ניט פארשטענדלעכן שטעטל־לעבן מיט מיטגעפיל און מיטלײַד.**

(מיר דערמאָנען זיך אין דעם נאָזון אמכאָ־פּאָלקישן מאָנאָלאָג: „ — שאבעס, פרײַטיק־צונאכטס, קום איך צו שמועלן אין שטוב פארלעשן די ליכט, — דערציילט יורקע דער שאַבעס־גוי, — אפן טיש בא אים איז כאלע, קעלישקעלעך, א פלעשל בראנפן, שארפער, טאקע וואָס בראנפן הייסט, און דער רייעך פון פיש פארגייט מיר אין דער נאָז. שמועל זיצט זיך באם טיש, דאָס פּאָנעם שײַנט אים, און ער טערעלייקעט, מורמלט אונטער, עפּעס קלאָגנדיק, וויינענדיק, עפּעס בעט ער זיך ווי א קינד, אלץ טאקע: אוי־אוי, טאטעלע, מאמעלע! איך ווייס ניט, וואָס ער וויל! כאלע איז דאָ — עס! בראנפן איז דאָ — טרינק! צו וואָס, הא, וויינען? באסיע זײַנע אָבער ווייסט, גייט זי און ברענגט אים צימעס. עסט ער אָפּ דעם צימעס און ווײַטער טאקע געטערעלייקעט, ווײַטער טאקע געוויינט. איך שטיי, וווּנדער מיך, און דאָס הארץ רײַסט

מיר פאַר ראַכמאָנעס אַף אים". „דאָס ווינטשפינגערל").

א סאַך וואַסערן זײַנען אַפּגעפלאָסן, אָנהייבנדיק פון דער צײַט, ווען אָט די ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן, און ביז הײַנט, ביז דער אָרגאַנישער צוזאַמענגעלעבטקײַט פון וואַסילי לוקיטשן און שאָלעמען, וועגן וועלכער מיר דערוויסן זיך פון כאַיִם מעלאַמודס דערציילונג „דער דריטער דאָר". די אַרויסגעקומענע פון פאַרשיידענע פעלקער פערסאָנאַזשן — וואַסילי לוקיטש און שאָלעם — זײַנען אַמאָל געווען שכיינים אינעם שטעטל. לוקיטש האָט געווינט „אין דעם שטילן דאָרפּישן טייל, ניט ווײַט פון טײַך", און שאָלעם „אין איינעם פון די איבערשטע שטעטלשע געסלעך, וואָס זײַנען געווען פול מיט רויש און מיט שטויב". נאָך דער מילכאָמע לעבן ביידע מישפּאָכעס — די יידישע און אוקראַיִנישע — „אין דער אַלטער רוסישער שטאָט בא דער וואָלגע". עס קומט אויף דער צווייטער דאָר: „לוקיטשס זון, אַנדריי, איז אַן אָנגעזעענער אינזשעניער, א נאַטשאַלניק פון א גרויסן צעך, און שאָלעמס זון, נאַכמען, איז א היסטאָריקער". ווען בא אַנדרייען איז געבוירן געוואָרן א מיידעלע, האָט מען דעם געבן א נאָמען נאָך נאַכמענס מאַמען. כאַריטינע, אַנדרייס מאַמע, „האָט נאָך ניט געהערט, מע זאָל אַן אוקראַיִניש מיידעלע א נאָמען געבן נאָך א יידישקע", און דער אויספיר איז: „זײַנען זיי אַף דער עלטער געוואָרן נאָך שטיקלעך קרויווים". מע האָט דאָס מיידעלע גערופן מיריאַם־מירעלע־מאַריטשקע, יעדערער אַף זײַן אויפן.

6. די „אַנקעטע" קאָן מען פאָרזעצן און פאָרזעצן. און וואָס פאַר א פראַגע עס זאָל ניט געשטעלט ווערן אין שײַכעס מיט דעם סאָוועטישן יידן פון די 70־ער יאָרן — וויאַזוי ער זעט אויס אין שפּיגל פון דער מיטצײַטלערישער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועט דער ענטפער, אָן סאָפעק, זײַן אן איבעראַשנדיקער פאַר „מענטשן פון דער זײַט" און א קלאָרער און פאַרשטענדלעכער, און אייניצײַטיק א געניוג באַדײַטונגספולער לויט דער ווערט פון דער פאַרסאַכאַקלטער אינפאָרמאַציע, — פאַר אונדז אַליין.

וועלן מיר די „פולע אַנקעטע" איבערלאָזן פאַר ספּעציעלע פאָרשונגען, און, האַלטנדיק פאַר פולשטענדיק דערוויזן דעם אָנפאַנג־טעזיס פון אָט דעם אַרטיקל, דעהײַנע — אַז אַזוי ווי די צײַטן זײַנען הײַנט אין טאָך אַנדערע, איידער אין די ערשטע סאָוועטישע יאָרצענדליקער, אַזוי איז אויך דער סאָוועטישער ייִד אַן אַנדערער, וועלן מיר דאָך בא דער איצטיקער געלעגנהײַט אָנקומען נאָך צו איין פראַגע, ניט וועלנדיק זי פאַרבײַגיין, ווײַל אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַרישער סוויווע, סײַ בײַס מינדלעכע פּאָלעמיקעס, סײַ בײַס שריפטלעכע (אָפט אַף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד"), ווערט אָט די פראַגע מיט טעמפּעראַמענט דעבאַטירט.

האָבנדיק שוין פאַר זיך דאָס רעאַלע געשטאַלט פונעם איצטיקן סאָוועטישן יידן לויט די 26 צונויפגענומענע אין איינע זשורנאַל־טעוועלעך פריש־הײַנטצײַטיקע דערציילונגען, ווענדן מיר זיך צו דער לעצטער ווײַט־ווײַט ניט פאָרמעלער פראַגע: וויאַזוי רופט ער זיך, אונדזער ייד־מיטצײַטלער? וואָס פאַר א נאָמען גיט ער זײַנע קינדער און אייניקלעך? און צי „אינטערנאַציאָנאַליזירט" ער אויך זײַן אייגענעם „אַלטן" יידישן נאָמען? דעם עמעס געזאָגט, איז איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס מע דאַרף דאָ ניט פאַרבײַגיין אָט די פראַגע, א קאָנטרפּראָפּאַגאַנדיסטישע. אונדזערע אידיישישע אָפּאָנענטן אין אַמעריקע, לעמאָשל, פירן זיך אויף אין דעם פּראַט גאַנץ מאָדנע. בײַס אַליין ווערט מען, אָן קיין שום קאָפּווייטעק דערפון, פּאָול אָנשטאָט פּייסעך, אייבערעהעם אָנשטאָט אַוורוהאָם, סעם אָנשטאָט שמועל אדג.. פאַרקרימט מען זיך ווי פון א ביטערער זאַך, ווען מע דערוויסט זיך, אַז א ייד אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט א נאָמען געגעבן זײַן זון פּאַוועל און ניט פּייסעך.

לייענענדיק די דערציילונגען אין דעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכן מיר באַהאַנדלען, קאָן מען זאָגן, אַז אין דער פּראַקטיק גיט די נײַסטע סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור א ריכטיקע, אין גרונט, באַלײַכטונג פון דער דאָזיקער פראַגע, דערבײַ ווײַזט זי אַרויס שאַרפזין און אויך באַהאַוונטקײַט אין די קאָמפּליצירטע, אַמאָל גאַנץ פריילעכע פּראַטים.

מע דאַרף האָבן א באַזונדערס פילבאַרן כוש צום לעבעדיקן לעבן, קעדיי אָנשרײַבן: „...די לערערן פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור יענטע מענדעלעוונע (די שילער רופן זי יעלענאַ מענדעלייעוונאַ)"... (בראָכע און אַרן בורשטיין „שפּײַז פאַר א גאָלדן פישעלע"). אין דער דערציילונג „די וועבערן" (כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו) הייסט די מאַמע פייגעלע, דער זון — סלאַוויק. ס'איז ניט אומבאַדינגט, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אָנעמען א רוסישן אייגננאָמען זאָל בא די יידן פונעם יונגן דאָר ווערן א קלאַל, אָבער אויב אַזוינס געשעט, און אין די הײַנטיקע באַדינגונגען איז עס בעפּיירעש ניט קיין זעלטנהײַט, באַטײַט עס ניט, אַז דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער...

און צום שלוס א טשיקאַווע שטעל אין טעוויע גענס דערציילונג: „טין באָריסאָוויטש איז אַן אַלטער אַרבעטער, פיל יאָרן האָט ער אָפּגעאַרבעט אַלס שלאָסער אַפן פעסקאָוועצער זא־

וואָד „איליטש“, איצט איז ער, אַזוי ווי אווראָם, אַ פּענסיאָנער. דעם נאָמען „טין“ האָט מען אים געגעבן אַף אַ קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג אין 1922, צי אין 1923 יאָר. די נײַע וועלט האָט דאַן אויך געבראַכט נײַע נעמען. דעם אַלטן אַרכאַישן נאָמען שלוימע האָט מען אַף יענער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג פאַרבראַקעוועט, און זי האָט איינשטימיק באַשלאָסן, אַז שלוימע זאָל הייסן „טין“ — „טרעטי אינטערנאַציאָנאַל“ — און אַזוי איז געבליבן. אויס שלוימע, נאָר טין. שפּעטער האָט מען אים גענומען רופן טין באָריסאָוויטש. אווראָמס אור־אַלטער נאָמען איז ניצל געוואָרן, ווײַל אַלע גוטע, קלינגענדיקע נײַע נעמען האָט מען שוין געהאַט פאַרטיילט“...

עס ווילט זיך ניט באַלעסטיקן מיט, זאָל זײַן, זייער נוצלעכע און אין אַן אַנדער אָרט אומבאַדינגט נייטיקע ראַיוינעס וועגן ליטעראַטור און הײַנטצײַטיקײַט דאָס דאָזיקע נאָכוואָרט, וואָס באַגלייט אַ קאָנקרעטן ציקל דערציילונגען און האָט זיך אַרופגעשלאָגן, ווי פון זיך אַליין, אַף אַזאַ זעלטענער טעמע, ווי אָט די „אַנקעטע“ מיט ברענענדיק־אַקטועלע פראַגן און ענטפערס וועגן דעם איצטיקן מאַצעוו פון די סאָוועטישע ייִדן.

ס'איז אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס וועט, האָפנטלעך, פאַרדינען בײַ דעם לייענער צוטרוי אַדאַנק דער גרויסער צאָל שעפערישע פּערזענלעכקײַטן, וועלכע האָבן, אומאָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן און ניט האָבנדיק קיין אַנדער ציל, אויסער אָנשרײַבן אַ גוטע, עמעסדיקע דערציילונג, צוגעשטעלט אָט דעם ווערטפולן מאַטעריאַל אַף צו מאַכן קלאָר די פראַגעס, מיקויעך וועלכע עס הערן זיך אָפּט פּוסטע, אַפילע ביי־וויליקע רייד.

נו, און אויב ס'קאָנען זיך געפינען מענטשן, וועמען עס וועט זיך דאַכטן, אַז גופע דאָס צונויפשטעלן אַזאַ נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ און דאָס אַרויסבאַקומען פון אים אַ פּאַראַלגעמיינערטן סאַכאַקל איז אַן אַנטפּלעקונג פון פאַרטייִשן צוגאַנג צו קינסטלערישער ליטעראַטור, וועלן מיר ברענגען אַן אַרויסזאָגונג פון אַזאַ אָלימפּיש־באַדאַכטן דיכטער, ווי וואָלפגאַנג געטע, וועלכער האָט אין זײַנע „געדאַנקען אין פּראָזע“ לײַדנשאַפטלעך אויסגערופן: „איך קאָן צוזאָגן זײַן אופריכטיק, נאָר זײַן אַ ניט־פאַרטייִשער — קאָן איך ניט!“[1]

אַגעוו, די דאָזיקע אַרויסזאָגונג געטעס האָט, לויט גוויִעס־איידעס פון מיטצײַטלער, אַרופגעפירט וויסאַריאָן בעלינסקין אַפן געדאַנק אָנצושרײַבן וועגן אים פאָלגנדעס: „געטע ווי אַ קינסטלער, ווי אַ פּאָעט, איז געווען אין דער פולער מאָס אַ זון פון זײַן לאַנד, פון זײַן עפּאָכע, ער האָט אין דער פולער מאָס אויסגעדריקט, אויב ניט אַלע, איז אַ סאַך פון די וועזנטלעכסטע זײַטן פון דער הײַנטצײַטיקער פאַר איםווירקלעכקײַט... יאָ, אין געטעס פּערזאָן האָט די קונסט געדינט דעם לעבן, אָדער, בעסער געזאָגט, אויסגעדריקט דאָס לעבן“...[2]

מע קאָן מיט אַ געפיל פון טיפער באַפרידיקונג זאָגן, אַז דאָס, וואָס די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור האָט געקאָנט אַרויסגעבן אַן אָרדנטלעכן זשורנאַל־נומער, וואָס באַשטייט דורכויס פון דערציילונגען מיט הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק, איז אַ באַווײַז, אַז זי איז אַ לעבנספייִקע, דינאַמישע, נוצלעכע, געזונטע ליטעראַטור, וועלכע לעבט מיט די אינטערעסן פונעם לאַנד און פון דעם פאָלק.

[1] Goethes sämmtliche Werke, Druck und Verlag Philip's Reclam jun. Band 3, Seite 106.

[2] В. Белинский. Полн. собр. соч. в 11 томах, т. XI, стр. 67—68, СПБ., 1900—1917.

נײַס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

אין אָטריאַד יונגע ספּעציאַליסטן

122 קורסאַנטן פון דער ביראָבידזשאַנער אווטאָמאָביליסטן־שול האָבן פאַרענדיקט די לערן־פּראָגראַם. 94 פון זיי זײַנען באַלוינט מיטן צייכן „פּאַר אויסגעצייכנטער לער".

דער נײַער אָטריאַד שאָפערן וועט זיך מיִען אין פאַרשיידענע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט פון דער געגנט. פיר בעסטע אַרויסלאָזניקעס פאָרן אָפּ אַף דער בויונג פונעם מיזרעכדיקן באַצירק פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל.

אין ביראָבידזשאַנער הימל

דער לײַכטער אעראָפּלאַן „אַן־2" הייבט זיך אויף אין דער לופט און נעמט דעם קורס צו ביראָבידזשאַן. אין סאַלאָן פונעם אעראָפּלאַן געפינט זיך א גרופּע ייִנגלעך און מיידלעך. זיי האָבן זיך צוגערוקט נעענטער צו די איליומינאַטאָרס. עס הערן זיך פריידיקע אויסרופן: „אָט איז די בירע, און דאָרט — דער קולטור־פּאַלאַץ!.."

אַזעלכע שפּאַצירן איבערן ביראָבידזשאַנער הימל זײַנען געוואָרן א טראַדיציע. זיי דויערן 15 מינוט. די עקסקורסאַנטן באַדינט איינער פון די בעסטע עקיפּאַזשן פונעם ביראָבידזשאַנער אעראָפּאָרט.

„אָלימפּיִע" האָט אופגעהויבן דעם פלאַג

צוויי הונדערט קינדער פון די בויער פונעם געגנטלעכן צענטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם אָזויגערופענעם גרינעם שטעטל פונעם ביראָבידזשאַנער סטאַדיאָן „סטראָיִטעל", ווו עס האָט אין א פײַערלעכער אומגעבונג זיך געעפנט דער ספּאָרטיווער לאַגער „אָלימפּיִע".

די יונגע ספּאָרטסמענער לעבן דאָ אין ספּעציעל־צוגעגרייטע פּאַר זיי וואַגאָנדלעך, צו 6 מענטשן אין יעדערן. די דערוואַקסענע האָבן אַרויסגעוויזן מאַקסימום זאָרג וועגן די קינדער, געעפנט פאַר זיי א סאָליאַרי, א וואַסער־באַסיין, פאַרשיידענע ספּאָרטיווע סעקציעס.

מיט די יונגע פוטבאָליסטן, לײַכטאַטלעטן, וואָלייבאָליסטן פירן דורך ספּאָרט־לימודים די דערפאַרענע ביראָבידזשאַנער טרענירער וולאַדימיר סאַנדיק, איוואַן כוואַטאָוו, אַלעקסאַנדער גלייזער און וולאַדימיר סטאַראָוואָיטאָוו.

סאַקאַל וועלן אין מעשעך פון די זומער־קאַניקולן אָפּרוען אינעם „אָלימפּיִע"־לאַגער בא 600 ייִנגלעך און מיידלעך.

א צונויפלי פון יונגע טוריסטן

בייס די זומער־קאַניקולן פאַרזאַמלען זיך געוויינלעך אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן הונדערטער יוגנטלעכע פון פאַרשיידענע שטעט און ייִשוּווים אַף א טראַדיציאָנעלן צונויפלי פון יונגע טוריסטן־קאַנטקענער. דער האַיאָריקער, פערצנטער צונויפלי איז געווידמעט דעם 60־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

די פײַערלעכע עפענונג פונעם צונויפלי איז פאָרגעקומען אפן סאָוועטן־פּלאַץ בא וו. אי. לענינס דענקמאָל. די יונגע טוריסטן האָבן פאַרגענומען א מאַרש אין דער אומגעגנט פונעם דאָרף זשאָלטיִיאַר, ווו זיי האָבן אין פאַרלויף פון דרײַ טעג זיך באַטייליקט אין ספּאָרטיווע פאַרמעסטונגען.

יובילײַ־פײַערונג פונעם ביראָבידזשאַנער פּיִאָנערן־הויז

די געזעלשאַפטלעכקײַט פון דעם געגנטלעכן צענטער האָט פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 35־טן יאָרטאָג פונעם ביראָבידזשאַנער פּיִאָנערן־הויז.

צו דער דאַטע האָבן די פילצאָליקע קרײַזלעך באַם פּיִאָנערן־הויז צוגעגרייט אַן אויסשטעלונג, וועלכע דערציילט וועגן דער געשיכטע פונעם אַנשטאַלט.

מיט ווארעמע באַגריסונגס־ווערטער האָט זיך געווענדעט צו די יונגע לענינצעס דער סעקרעטאר פונעם ביראָבידזשאַנער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי ג. מ. סטאַווטשאַנסקי. ער האָט איבערגעגעבן דעם פּיִאָנערן־הויז אַן ערן־גראַמאָטע.

צום שלוס פון דער פײַערונג האָבן די אָנטיילנעמער פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט געגעבן א יאָמטעוודיקן קאָנצערט.

אן ארבעטסטאָג אין בירָאבידזשאַן

1

2

בויער פון א נײַעם שפּיטאָל: 1. דער מוליער מיכאיל ווינטערמאַן
2. א בריגאַדע שטוקאַטורן
3. אפן זאַוואָד פון אײַזנבעטאָן־דעטאַלן
4. א נײַער וווינונגס־מאַסיוו

3

4



5

6



7

5. שלאָגלער פון קאָמוניסטי־שער מי, עלעקטראָשווייסער מיכאַיל גרינבערג
6. א בריגאַדע בעטאָנירער
7. דער פּראָיעקט פונעם קלוב, וועלכער בויט זיך אינעם דאָרף באַבסטאָוואָ

מענדל גאַרשמאַנס שאַפונגען אַף דער אויסשטעלונג אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז

לעצטנס האָט די אויפמערקזאַמקייט פון פיל ליב־האָבער פון דער קונסט צוגעצויגן די אויסשטעלונג פונעם מאָלער און גראַפיקער מענדל גאַרשמאַן, וועל־כע איז באַוויזן געוואָרן אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז אין צוזאַמענהאַנג מיטן 75־טן געבוירנטאָג פון דעם אָנגעזעענעם ייִדישן קינסטלער.

דער דיכטער־איבערזעצער ווילהעלם לעוויק האָט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט צום ווערניסאַזש אָפּגע־מערקט דעם אייגנאַרטיקן און הויכן קינסטלערישן ניוואָ פון מענדל גאַרשמאַנס רעאַליסטישער שאַפונג. אין נאָמען פונעם קינסטלער־פאַרבאַנד פון פסר איז אַרויסגעטראָטן וויטאַלי גאַריאַיעוו, וועלכער האָט גע־רעדט וועגן דער מאָראַליש־עסטעטישער און וועגן דער עמאָציאָנעלער אויפווירקונג פון דעם קינסטלערס בילדער.

דער מאָלער דמיטרי זשילינסקי האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג געזאָגט:

— מיר איז באַזונדערס צום האַרצן מענדל גאַר־שמאַנס ביכער־גראַפיק, פון וועלכער עס דרינגט אַרויס דעם קינסטלערס אײדעלער הומאָר און זײַן טיפער פאַרשטאַנד פון די נאַציאָנאַלע געשטאַלטן, וואָס ער מאָלט.

מיט זיכרוינעס וועגן מענדל גאַרשמאַנען, דעם באַשיידענעם און האַרציקן מענטשן, זײַנען אַרויס־געטראָטן אַנדריי גאָנטשאַראָוו, באָריס בעלענקאָוו און דעם קינסטלערס לעבנס־באַגלייטערן די שרײַבערן שירע גאַרשמאַן.

פאַר קימאַט א כודעש צײַט האָבן די אויס־שטעלונג באַזוכט הונדערטער קונסט־ליבהאָבער פון מאָסקווע און פון אַנדערע שטעט. פיל פון זיי האָבן פאַרשריבן אינעם אָפּרוף־בוך זייערע אײַנדרוקן וועגן דער הויכער מײַסטערשאַפט פון דעם קינסטלער.

מיט אַן אָנדענק־אָוונט, געווידמעט מענדל גאַרש־מאַנען, וועלכן עס האָט אָרגאַניזירט די מאָסקווער אָרגאַניזאַציע פונעם קינסטלער־פאַרבאַנד פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע צוזאַמען מיט דער פאַר־וואַלטונג פונעם צענטראַלן ליטעראַטן־הויז אַף א. פאַ־דייעווס נאָמען, האָט זיך געשלאָסן די אויסשטעלונג.

דער ייִדישער סאָוועטישער בוך געפינט זײַנע לייענער

א בריוו פון דער ביבליאָטעק אַף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען

אין העסקעם מיט דער שעפערישער פרײַנט־שאַפט, וועלכע האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט דער צענטראַלער מאָסקווער שטאָטישער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען, האָט לעצטנס די רעדאַקציע געשאָנקען דער ביבליאָ־טעק, אַף יעסוידעס פון שעפטום, נאָך הונדערט בענדער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

די רעדאַקציע האָט באַקומען פאָלגנדן בריוו פון דער ביבליאָטעק־דירעקציע.

„כאַשעווע פרײַנט!

אין נאָמען פון די מיטאַרבעטער פון אונדזער ביבליאָטעק דריקן מיר אויס א דאַנק פון פולן האַרצן דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר דער טײַערער מאַטאָנע. די צוויי הונדערט ייִדישע בענדער, וועלכע איר האָט אונדז שוין איבערגעגעבן, וועלן באַרײַכערן דעם ביכער־פאָנד פון דער ביבליאָטעק און געבן א מעגלעכקייט די מאָסקווער ייִדישע לייענער צו באַקומען א ברייטערן אויסוואַל פון די ווערק פון דער קלאַסישער און הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

מיר האָפן, אַז אונדזער געמיינזאַמע שעפע־רישע מיטאַרבעט וועט אויך אַף ווײַטער ברענ־גען נוצן סײַ די שרײַבער, סײַ די לייענער".

י ע. א. ר ע ש ע ט נ י ק אָ וו א — דירעקטאָר פון דער מאָסקווער צענטראַ־לער שטאָטישער ביבליאָטעק אַף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען; נ. א. וו אַ ג נ ע ר — שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק; ט. א. פ י ש ק י נ א — פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון דער ליטעראַטור אַף די שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר.

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

וויצנפעלד, שעבסל (1896)

— געזעלשאַפטלעכער טוער, פּובליציסט. געבוירן אין ווילנע אין אַ מישפּאָכע פון אַ זעצער. געלערנט אין דער ווילנער ייִדישער אַרבעטער־אָוונט־שול. אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ פּאַפּיר־פירמע אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט מיצאַד דער בורזשואַזער מאַכט אין פּוילן און ליטע. אין 1921 אַריבערגעפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד. נאָכן פאַרענדיקן דעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט (1925) געאַרבעט אין דער הויפּטביוראָ פון די ייִדישע סעקציעס באַם צק קפּ(ב)או, פון 1926 — רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „דער ייִדישער פּויער”, שפּעטער — פון דער צײַטונג „דאָס סאָציאַליסטישע דאָרף”. געדרוקט אַרטיקלען אין די צײַטונגען „דער עמעס” און „דער שטערן”. מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן די פּרעסע אין נײַ־זלאָטאָפּאָליער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן בײַם דער מאַסן־באַוועגונג פאַר דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע געדינט אין דער סאָוועטישער אַרמיי.

ווערק: „דער דאָרפסראַט און די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע” (צו די וואַלן אין די ראַטן), מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1930, „אָסקאַר סטרעליץ” פאַרצייכענונג, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, נומ. 8 פון 1967; „הירש לעקערט”, היסטאָרישע פאַרצייכענונג, דאָרטן, נומ. 5 פון 1977. „העניעך קאַזאַקעוויטש”, פאַרצייכענונג, דאָרטן, נומ. 2 פון 1969; „מיכל לעוויטאַן”, פאַרצייכענונג, דאָרטן, נומ. 11 פון 1971.

ווײַנהויז, נאָטע (1944—1912)

— פּראָזאַיִקער, פּובליציסט, רעדאַקטאָר. געבוירן אין מינסק (ווײַסרוסלאַנד), פרי זיך אײַנגעשלאָסן אין אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין 1927 געווען רעדאַקטאָר פון אַ קינדער־צײַטונג. געדרוקט פאַרצייכענונגען וועגן דער רויטער אַרמיי אין די צײַטונגען „דער עמעס” און „אָקטיאַבער”. געוווינט אַ צײַט אין בירעבידזשאַן, וווּ זיך באַטייליקט אין די דאָרטיקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע אַלס פּאַרטיזאַן. אומגעבראַכט געוואָרן אין מינסקער געטאָ.

ווערק: „דערציילונגען”, מינסק, 1927; „אָסינבוי”, דערציילונג, מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1930; „אויף דער וואַך”, רויטאַרמייִשע עטיודן, מינסק, 1932.

ביבליאָגראַפיע: י. סערעבריאַני, זשורנאַל „שטערן”, נומ. 3, מינסק, 1932; נ. קאַבאַקאָוו, צײַטונג „אָקטיאַבער”, נומ. 79, מינסק, 1933; י. ראַבין, צײַטונג „פאָלקסשטימע”, נומ. 5, לאָדזש, 1948; מ. ראָזענהויז, „ליטעראַרישע ירושע פון די שרײַבער־שלאַכטלײַט”, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, נומ. 2, מאָסקווע, 1961.

ווײַנערמאַן, כאַנע (1902)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל לוגין (אוקראַיִנע) אין דער פאַמיליע פון אַ שוסטער. אין די צוואַנציקער יאָרן אַריבערגעפאָרן אויף ערד־אַרבעט און געווען אַ קאָלאָניסט אין כערסאָנער געגנט. דעביוטירט מיט אַ ליד אין 1925 אין דער צײַטונג יונגער אַרבעטער” (מינסק). אין 1932 געענדיקט די ייִדישע אָפּטיילונג אין אָדעסער אינסטיטוט פאַר פאָלקסבילדונג. כאַנע ווײַנערמאַן איז דער ערשטער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער פונעם ייִדישן פּויערטום, אַ טאַלאַנטפולער און אומדערמידלעכער באַזינגער פונעם דאָרף, פון דער ייִדישער האָרעפּאַשנער יוגנט, וואָס איז אַוועק פון דעם שטעטל און אָנגעהויבן בויען אַ נײַ לעבן אין קאָלווירטישן דאָרף. ווײַנערמאַנס ווערק זײַנען דערשינען אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש, אוקראַיִניש און אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פון אונדזער לאַנד.

ווערק: „אין באַהעפטונג”, לידער, 1925—1928, כאַרקאָוו, 1930; „פּישקע”, לידער, קיִעוו, 1931; „ערד באַנײַטע”, לידער, קיִעוו, 1932; „פאַר ברויט”, לאָזונגען, לידער צום זינגען, קאָלעקטיווע דעקלאַמאַציעס (געשריבן זומער 1930 אין קאָלינינדאָרף), מוזיק — ס. פײַנטוך, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1932; „נאַכט”, לידער, קיִעוו, 1933; „גאָלדענע צווײַגן”, פּאָעמע, קיִעוו — כאַרקאָוו, 1935; „אין לעבן פאַרליבט”, קיִעוו, 1940; „אַ גוטער רעגן”, לידער, מאָסקווע, 1976.

ביבליאָגראַפיע: ה. רעמעניק, „אונדזער יונגער ליטעראַרישער דאָר”, זשורנאַל „שטערן”, נומ. 10—11, מינסק, 1930; דער זעלבער — „כאַנע ווײַנערמאַן”, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, נומ. 1, מאָסקווע, 1973; ש. עפּשטיין, זשורנאַל „די רויטע וועלט”, קיִעוו, 1930; ס. זשוקאָווסקי, „פּרוּוון”, כאַרקאָוו, 1934; ש. ניגער, זשורנאַל „צוקונפט”, ניו־יאָרק, 1930; נ. מײַזיל „דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד”, ניו־יאָרק, 1959.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Склонение существительных в единственном числе

Падеж	Нарицательные — קלאלנעמען			Имя собственное одушевленное	בייגפאָרמע
	נייטראלער מין[3]	ווײַבלעכער מין[2]	מענלעכער מין[1]		
I. Именительный	דאָס קינד	די פרוי[6]	דער מאן[5]	מוישע[4]	I. נאָמינאטיוו
II. Винительный	דאָס קינד	די פרוי	דעם מאן	מוישען	II. אקוזאטיוו
III. Дательный	דעם קינד	דער פרוי	דעם מאן	מוישען	III. דאטיוו
IV. Притяжательный	דעם קינדס	דער פרויס	דעם מאנס	מוישעס	IV. פּאָסעסיוו

I. א נאָמינאטיוו איז אין זאץ[7]: 1) א סוביעקט[8]; 2) א פּרעדיקאַט[9] (מיט א הילפווערב „זײַן, ווערן" אָדער „בלײַבן")[10]. לעמאָשל:

1) מוישע ארבעט אין א ביבליאָטעק[11]. דער מאן שפּילט אין צירק. די פרוי לייגט[12] דאָס קינד שלאָפן[13]. דאָס קינד שלאָפט[14];

2) מײַן שאָכן[15] איז (ווערט, בלײַבט) א דעפּוטאט. די פרוי איז (וועט זײַן) א זינגערן[16].

א נאָמינאטיוו איז אויך[17] א ווענדונג[18]. לעמאָשל: מוישע, ווײַז מיר די ארבעט[19]. גיי[20], טאטע, אהיים[21]. מיר גייען אין דײַנע פאָרנטיקע רייען[22], שפּאַנענדיקע מענטשהײַט[23] (דאָוויד האָפשטיין).

א ווענדונג איז אָן[24] ארטיקלען און ווערט אויסגעטיילט מיט קאָמעס[25] אָדער מיט אן אויסרופצייכן[26].

Перевод: 1) мужской род; 2) женский; 3) средний; 4) Мойсей; 5) муж, мужчина; 6) жена, женщина; 7) в предложении; 8) подлежащее; 9) сказуемое; 10) со вспомогательным глаголом «быть, становиться» или «оставаться»; 11) работает в библиотеке; 12) укладывает; 13) спать; 14) спит; 15) сосед; 16) певица; 17) также; 18) обращение; 19) покажи мне работу; 20) иди; 21) домой; 22) мы идем в твоих передовых рядах; 23) шагающее человечество; 24) без; 25) выделяется запятыми; 26) или восклицательным знаком.

II. אן אקוזאטיוו איז אין זאץ: 1) א דירעקטער אָביעקט[1]; 2) אָפט אויך א צײַט־באשטימונג[2]:

1) איך שיק[3] דעם ברודער (די שוועסטער, דאָס קינד) אהיים. איך שרײַב א בריוו[4] (א גרוס)[5];

2) איך בין דעם טאָג (די נאכט, די וואָך, דעם כוידעש) געווען זייער פארנומען[6].

III. א דאטיוו איז אין זאץ אָפט אן אומדירעקטער אָביעקט[7]. לעמאָשל: איך שרײַב דעם ברודער (דער שוועסטער, דעם פעטער, דעם קינד). א דאטיוו קומט אָפט מיט פּרעפּאָזיציעס[8]. לעמאָשל: איך גיי מיט דעם ברודער[9] (מיט דער שוועסטער, מיט דעם קינד). איך גיי צו[10] דעם פעטער (צו דער מומען[11], צו דער באָבען). איך גיי פון[12] דער ארבעט (פון דער ביבליאָטעק). איך בין געווען אף[13] דער ארבעט. איך לייען אָן ברילן[14].

א סובסטאנטיוו נאָך[15] א פּרעפּאָזיציע איז אלעמאָל[16] א דאטיוו. אזא סובסטאנטיוו[17] קאָן זײַן[18] אן אומדירעקטער אָביעקט, א צײַט־באשטימונג[19], אן אָרט־באשטימונג[20] און אנדערע[21]. לעמאָשל: איך שרײַב דער שוועסטער. איך שרײַב נאָך דער ארבעט[22]. איך שרײַב אין ביבליאָטעק.

א פּרעפּאָזיציע קומט אָפט איינעם[23] מיט דעם ארטיקל „דעם". לעמאָשל: מיט+דעם=מיטן; אף+דעם=אפן; צו+דעם=צום; אָן+דעם=אָנעם; אין+דעם=אינעם; פון+דעם=פונעם.

איך גיי מיטן ברודער צום פעטער. דאָס הארץ[24] זעט[25] בעסער פונעם אויג.

Перевод: 1) прямое дополнение; 2) часто также обстоятельство времени; 3) посылаю; 4) письмо; 5) привет; 6) был очень занят; 7) косвенное дополнение; 8) с предлогами; 9) с братом; 10) к; 11) к тёте; 12) с, из, от; 13) на; 14) без очков; 15) после; 16) всегда; 17) такое существительное; 18) может быть; 19) обстоятельством времени; 20) обстоятельством места; 21) и др.; 22) после работы; 23) вместе; 24) сердце; 25) видит.

IV. א פּאָסעסיוו איז אין זאץ: 1) אן אטריבוט[1]; 2) א פּרעדיקאט (מיט א הילפווערב). לעמאָשל:

1) דעם כאווערס דערציילונג[2] געפעלט מיר[3]; דער כאווערטעס בריוו איז זייער אינטערעסאנט[4]. אָדער אזוי[5]: מיר געפעלט דעם כאווערס דערציילונג; ס'איז זייער אינטערעסאנט דער כאווערטעס בריוו.

2) די דערציילונג איז דעם כאווערס; דער ראָמאן איז שאָלעם־אלייכעמס.

Перевод: 1) определение; 2) рассказ товарища; 3) мне нравится; 4) очень интересно; 5) или так: мне нравится рассказ товарища.

Существительное в *притяжательном* падеже (посессив) соответствует русскому существительному в родительном падеже и русскому притяжательному прилагательному, например:

Дом бабушки (бабушкин дом) в Минске — דער באָבעס שטוב איז אין מינסק

די ווערטער מאמע, מומע, באָבע זײַנען אין דאַטיוו: דער מאמען, דער מומען, דער באָבען. די ווערטער טאַטע, זיידע, מענטש, ייִד[1], רעבע[2] זײַנען אין אקוזאַטיוו און אין דאַטיוו: דעם טאַטן, דעם זיידן, דעם מענטשן, דעם ייִדן, דעם רעבן. און אין פּאָסעסיוו: דעם טאַטנס, דעם זיידנס, דעם מענטשנס, דעם ייִדנס, דעם רעבנס.

איך רוף די מאמע, די מומע, די באָבע; איך גיי צו (מיט, פון, נאָך, אָן) דער מאמען, דער מומען, דער באָבען. איך רוף דעם טאַטן, דעם זיידן, דעם מענטשן...; איך גיי צו (מיט, פון, נאָך, אָן) דעם טאַטן, דעם זיידן...

אַלע מענטשן זײַנען ברידער[3] — פון איין טאַטן, פון איין מאמען (י.־ל. פּרץ).

אייגן־נעמען[4] (פון מענטשן, פון חיות)[5] מיט „מ, נ" אָדער טראַפיקן „ל" צום סוף[6] קומען אין אקוזאַטיוו און אין דאַטיוו ניט מיט דער פלעקסיע[7] „־ן", נאָר מיט „־ען". למשל: שלום — שלומען, זלמן — זלמענען; בערל — בערלען, רחל — רחלען, צייטל — צייטלען.

סובסטאַנטיוון מיט „ז, טש, ס, צ, ש" צום סוף קומען אין פּאָסעסיוו מיט דער פלעקסיע „־עס". למשל: בוזיאַס רעדע[8], אבראַמאָוויטשעס בריוו, מיכאָעלסעס שפּילן[9], פּרעצעס ווערק[10], מאַרקישעס „מילחמה"[11]. אויב[12] דער לעצטער טראַף[13] איז אַן אַקצענט־טראַף[14], איז בײַ אַזעלכע[15] ווערטער די פלעקסיע „־ס". למשל: גוזס רעדע[16], טײַטשס בריוו, שאַצס דערציילונג, אַשס ווערק. אַזעלכע ווערטער, ווי „דער בעל־הבית"[17], מאַרקס, באַרביוס"[18], זײַנען אין פּאָסעסיוו מיט אַן אַפּאָסטראָף[19]: דעם בעל־הביתס מישפּחה, מאַרקס „קאַפּיטאַל", באַרביוס „אין פײַער"[20].

Перевод: 1) еврей; 2) учитель (религиозных предметов); раввин; 3) все люди —
братья; 4) имена собственные; 5) зверей; 6) в конце; 7) флексия, окончание; 8) речь;
9) игра; 10) сочинения; 11) «Война»; 12) если; 13) последний слог; 14) ударный;
15) у таких; 16) речь Гуза; 17) хозяин; 18) Барбюс (французский писатель); 19) апо-
строф; 20) «В огне».

פּערזאָנלעכע פּראָנאָמען[1]

בייגפאָרמע	איינצאָל[2]	מערצאָל[3]	פונקציע[4]
נאָמינאַטיוו	איך דו ער זי עס (דאָס)	מיר איך זיי	סוביעקט
אקוזאַטיוו	מיך דיך אים זי עס (דאָס)	אונדז אײַך זיי	דירעקטער אָביעקט
דאַטיוו	מיר דיר אים איר עס (דעם)	אונדז אײַך זיי	אומדירעקטער אָביעקט

א פּראָנאָם נאָך א פּרעפּאָזיציע איז אין דאַטיוו.

איך רוף דיך (אים, זי, אײַך, זיי) אין קלוב. איך גיי מיט דיר (מיט אים, מיט איר, מיט אײַך, מיט זיי) אין טעאַטער. איך רייד וועגן דיר (וועגן אים, וועגן איר, וועגן אײַך...) מיט דער מאמען.

זיי גייען צו אונדז. איך זע זיי און רוף זיי. איך גיי מיט זיי. איך רייד צו זיי וועגן אײַך. איך שיק זיי צו אײַך. איך וועל הײַנט זײַן בײַ אײַך. און איר קומט מאָרגן צו מיר.

„בעסער שלאָגט[5] מיך, נאָר לאָזט מיך לאַכן[6]" (אַזוי זאָגט מאָליער)[7]. און איך זאָג[8]: שלאָגט מיך ניט[9], איך וועל אַלצײַנס לאַכן[10], און פון מײַן געלעכטער[11] וועט אײַך מײַן וויי טאָן[12], ווי מיר[13] פון אײַערע קלעפּ[14] (שלום־עליכם).

Перевод: 1) личные местоимения; 2) единственное число; 3) множественное чис-
ло; 4) функция=роль в предложении; 5) бейте; 6) но дайте мне смеяться; 7) так
говорит Мольер; 8) а я говорю; 9) не бейте меня; 10) всё равно буду смеяться;
11) от моего смеха; 12) больше больно будет; 13) чем мне; 14) от ваших ударов.

פּאָסעסיווישע פּראָנאָמען[1]

פּאָסעסיווישע פּראָנאָמען זײַנען די ווערטער: מײַן, דײַן, זײַן, איר, אונדזער, אײַער, זייער[2]. זיי האָבן אַזאַ סיסטעם פאָרמעס[3]:

איינצאָל:	מײַן ברודער	מײַן שוועסטער	מײַן קינד
"	ברודער מײַנער	שוועסטער מײַנע	קינד מײַנס
"	מײַנער א ברודער[4]	מײַנע א שוועסטער	מײַנס א קינד
מערצאָל:	מײַנע ברידער	מײַנע שוועסטער	מײַנע קינדער

מײַן שאָכן איז מײַנער א קאָרעוו. מײַן שכײנע[5] איז מײַנע א קרובֿה[6]. אַלע מײַנע שכנים[7] זײַנען מײַנע קרובֿים. איך שיק מײַן קינד (מײַנע קינדער) צו מײַן כאַווער (צו מײַן כאַווערטע). איך שיק זיי צו מײַנעם א כאַווער (צו מײַנער א כאַווערטע). זי שיקט[8] איר קינד (אירע קינדער) צו אירן א כאַווער (צו אירער א כאַווערטע). איך גיי מיט מײַנער (מיט דײַנער, מיט אירער, מיט זייערער) א שוועסטער שפּאַצירן[9].

מײַן מישפּאָכע

מײַן מאַן איז בײַ זײַנע עלטערן[10] איין זון[11] — א בעניאָכיד[12]. איך בין בײַ מײַנע עלטערן איין טאָכטער[13] — א באַסיעכידע[14]. אויך מײַן מאמע איז א באַסיעכידע. מײַן מאַן איז מײַנע עלטערן אַן איידעם[15]. איך בין מײַן מאַנס עלטערן א שנור[16]. מײַן ברודערס ווײַב איז מיר א שוועגערן[17]. מײַן שוועסטערס מאַן איז מיר א שוואָגער[18]. מײַן מאַנס מוטער איז מיר א שוויגער[19]. זײַן פאָטער איז מיר

א שווער[20]. מײַן שוועסטערס מאנס פאָטער איז מיר א מעכוטן[21]. דעם מעכוטנס ווײַב איז מײַנע א מעכוטנעסטע[22]. איך בין מײַן זיידנס און מײַן באָבעס אן אייניקל[23]. מײַן טאַטנס (מײַן מאמעס) ברודער איז מיר א פעטער[24]. מײַן טאַטנס (מײַן מאמעס) שוועסטער איז מיר א מומע. דעם פעטערס און דער מומעס קינדער זײַנען מײַנע שוועסטערקינדער[25].

Перевод: 1) притяжательные местоимения; 2) мой, твой, его, её, наш, ваш, их; 3) они имеют такую систему форм; 4) один из моих братьев; 5) моя соседка; 6) родственница; 7) все мои соседи; 8) она посылает; 9) гулять, совершать прогулку; 10) у своих родителей; 11) один сын; 12) единственный сын; 13) одна дочь; 14) единственная дочь; 15) зять; 16) сноха; 17) невестка; 18) шурин; 19) свекровь; 20) свёкор; 21) свойственник; 22) свойственница; 23) внучка (внук); 24) дядя; 25) двоюродные братья, двоюродные сестры.

— ווער איז דאָס ווײַבל?[1] — פרעגט אים איינער פון די אַקטיאָרן[2].

— דאָס איז מײַן ווײַבל, — ענטפערט נויעך[3]. — דו קענסט ניט[4] מײַן סאָרע־פערל?[5] און דאָס זײַנען מײַנע קינדער.

— און דאָס?

— דאָס איז מײַן שוויגער.

— און די דאָזיקע?[6]

— דאָס איז מײַן ווײַבס א שוועסטערל[7].

— און ווער איז דער יונגערמאַן?[8]

— דאָס איז איר כאָסן[9].

— און ווער איז דאָס מיידל?[10]

— דאָס איז דעם כאָסנס א שוועסטער.

— און ווער איז דער באָכער?[11]

— דאָס איז דעם כאָסנס שוועסטערס א כאָסן.

— און ווער איז אָט דאָס מיידל?[12]

— דאָס איז זײַן שוועסטער, דאָס הייסט[13], דעם כאָסנס שוועסטערס כאָסנס א שוועסטער.

ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם. דאָס נײַע קאסרילעווקע[14].

איינצאָל און מערצאָל: טאַטע־ס, מאמע־ס, זיידע־ס, באָבע־ס, ברודער — ברידער, שוועסטער(ס), כאָסן — כאסאנים, קאלע[15]־ס, מאן — מענער, מאנען, פרוי־ען, ווײַב־ער, שוואָגער־ס, פעטער־ס, מומע־ס, זון — זין, טאָכטער — טעכטער, איידעם־ס, שנור — שניר, קינד־ער, אייניקל־עך, מעכוטן — מעכוטאָנים מעכוטענעסטע־ס, כאסענע[16]־ס, קאָרעוו — קרויווים, כאווער — כאוויירים, שאָכן — שכיינים, מיידל־עך, באָכערים.

Перевод: 1) кто эта женщина; 2) спрашивает его один из актеров; 3) отвечает Ной; 4) ты не знаешь; 5) мою Сорэ-Перл; 6) а эта? 7) сестренка жены; 8) а кто этот молодой человек?; 9) это её жених; 10) а кто эта девушка?; 11) этот парень?; 12) а эта девушка?; 13) то есть; 14) «Новая Касриловка»; 15) невеста; 16) свадьба.

ע ר א ו ן ז י

דער זיידע — די באָבע, דער טאַטע — די מאמע, דער פעטער — די מומע, דער זון — די טאָכטער, דער כאָסן — די קאלע, דער מאן — די פרוי (דאָס ווײַב), דער שווער — די שוויגער, דער שוואָגער — די שוועגערן, דער מעכוטן — די מעכוטענעסטע, דער איידעם — די שנור, דער קאָרעוו — די קרויווע, דער שאָכן — די שכיינע, דער באָכער — די באָכערטע, דאָס ייִנגל — דאָס מיידל.

ס י נ אָ נ י מ ע ן א ו ן ה א מ אָ נ י מ ע ן[1]

סינאָנימען: דער טאַטע — דער פאָטער; די מאמע — די מוטער; דער מוזיקאנט — דער קלעזמער; דער סוינע[2] — דער פײַנט; די מילכאָמע — דער קריג; דער זיג — דער ניצאָכן; דער דערפאָלג — די האצלאָכע; דער אלמער[3] — דער שראנק — די שאפע; די דירע — די קווארטיר; דער שטאָק — דער עטאזש; די שפראך[4] — דאָס לאָשן; די מישפּאָכע — די פאמיליע — דאָס געזינד; מײַן — מער [מער — ווייניקער[5] זײַנען אנטאָנימען].

האָמאָנימען: 1) דער טאַטע הייסט קאלמען. ער הייסט[6] גיין אהיים; 2) איר וועט זײַן אין זײַן ברײַגאדע; 3) און איר וועט זײַן אין איר[7] קאָמפּאניע; 4) דייער ארבעט איז דייער וויכטיק; 5) דער זון[8] ווארעמט זיך[9] אף דער זון[10].

Перевод: 1) *синонимы* — слова, близкие, сходные по значению; *омонимы* — слова, одинаковые по звучанию, но различные по значению; 2) враг; 3) шкаф; 4) язык; 5) больше — меньше; 6) велит; 7) в её компании; 8) сын; 9) греется; 10) на солнце.

Беседа — א ש מ ו ע ס

Мой дом	מײַן שטוב
— Вот здесь я живу.	— אָט דאָ וווין איך.
— Вы здесь давно живете?	— איר וווינט דאָ לאנג?
— Уже давно. Двадцать три года.	— שוין לאנג. דרײַ און צוואנציק יאָר.
— У Вас хорошая квартира?	— האָט איר א גוטע דירע?
— Три комнаты с кухней.	— דרײַ כאַדאָרים מיט א קיך.
— Отдельная квартира?	— א באזונדערע דירע?

— Отдельная.	— א באַזונדערע.
— Ваши родители еще живы?	— אײַערע עלטערן לעבן נאָך?
— Да, отец даже еще работает.	— יאָ, דער טאַטע אַרבעט נאָך אַפֿילו.
— Они живут вместе с Вами?	— זיי וווינען אינאיינעם מיט אײַך?
— Нет, они живут отдельно, довольно далеко от меня.	— ניין, זיי וווינען באַזונדער, גאַנץ ווײַט פֿון מיר.
— Где, в каком районе?	— וווּ, אין וועלכן ראַיאָן?
— Возле Измайловского парка. У них тоже отдельная квартира со всеми удобствами.	— לעבן דעם איזמײַלאָווער פּאַרק. זיי האָבן אויך א באַזונדערע דירה מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן.
— На каком этаже Ваша квартира?	— אויף וואָסער שטאָק איז אײַער דירה?
— На пятом.	— אויף דעם פֿינפֿטן.
— Лифт есть?	— א ליפֿט איז פֿאַראַן?
— Да, но он работает только до одиннадцати. Это очень неудобно. Часто приходится карабкаться пешком на пятый этаж.	— יאָ, ער אַרבעט אָבער נאָר ביז עלף. דאָס איז זייער ניט באַקוועם. אָפֿט קומט אויס צו קלעטערן צופֿוס אויפֿן פֿינפֿטן עטאַזש.
— У меня лифт работает круглые сутки. Но у нас другое неудобство: нет телефона. В конце года, говорят, уже будет, но пока неудобно.	— בײַ מיר אַרבעט דער ליפֿט א גאַנצן מעת־לעת. בײַ אונדז איז אָבער אַן אַנדערע אומבאַקוועמלעכקײַט: ניטאָ קיין טעלעפֿאָן. סוף יאָר, זאָגט מען, וועט שוין זײַן, אָבער דערווײַל איז ניט באַקוועם.
— Вам приходится далеко ездить на работу?	— אײַך קומט אויס ווײַט צו פֿאָרן אויף דער אַרבעט?
— Полчаса автобусом.	— א האַלבע שעה מיטן אויטאָבוס.
— А я ежедневно трачу два часа на дорогу туда и обратно.	— און איך פּטר יעדן טאָג צוויי שעה פֿאָרן אויף דער אַרבעט אַהין און צוריק.
— Вы сегодня будете в клубе на вечере?	— איר וועט הײַנט זײַן אין קלוב אויף דעם אָוונט?
— Конечно. Вечер о нашей победе мне очень дорог (мне очень по душе).	— אַוודאי. אַן אָוונט וועגן אונדזער זיג איז מיר זייער טײַער (איז מיר זייער צום האַרצן).
— Вы будете выступать?	— איר וועט אַרויסטרעטן?
— Да, я расскажу о Брестской крепости во время войны.	— יאָ, איך וועל דערציילן וועגן דער בריסקער פֿעסטונג בײַס דער מלחמה.
— Желаю Вас успеха.	— איך ווינטש אײַך דערפֿאָלג.
— Большое спасибо.	— א גרויסן דאַנק.
— Будьте здоровы!	— זײַט מיר געזונט!
— Всего доброго!	— אַלדאָס גוטס!

אופגאבעס

1. ווי הייסן די בייגפֿאָרמעס פֿון א סובסטאַנטיוו?
2. וועלכע[1] פֿונקציעס האָט אין זאַץ א נאָמינאַטיוו, און וועלכע — אַן אַקוזאַטיוו?
3. וועלכע בייגפֿאָרמע קומט נאָך א פּרעפּאָזיציע?
4. ווען איז „דער מאַמען, דער באָבען", און ווען — „די מאַמע, די באָבע"?
5. ווײַזט אָן די פֿאָרפֿעמעס בײַ די ווערטער: פֿערדל, באַטאָג, באַנאַכט, יאָרן, שלאָפֿן, שלאָפֿט, לייענען, באַהאַלטן, דערגיסן, פֿאַרשטיין, שרײַבט, פֿאַרשרײַבן, שאָכנטע, באָכערטע, קינדער, שפּרינגען, טרינקען, זעט, גיט, האָריזאָנטן.

טוט עס אַזוי: פֿערד־ל, באַ־טאָג...

6. שטרײַכט אונטער[2] אין די ווײַטערדיקע זאַצן די נאָמינאַטיוון מיט איין ליניע[3], די אַקוזאַטיוון — מיט צוויי, די דאַטיוון — מיט דרײַ.

מיר רופֿן זיי, און זיי רופֿן אונדז. מיר גייען צו זיי, און זיי גייען צו אונדז. ער שלאָגט מיך, אָבער[4] איך הער אים ניט. איך לאַך פֿון אים. מיר געפֿעלט דער ראָמאַן. ער איז בעסער, איידער די דערציילונג (ער איז בעסער פֿון דער דערציילונג). איך שיק אײַך דעם ראָמאַן און די דערציילונג.

7. זעצט איבער אין ייִדיש די ווײַטערדיקע זאַצן.

Мой сосед скрипач, а моя соседка певица. Они мои родственники. Он играет в театре. Сегодня он не играет. Она сегодня тоже не поет. Они будут у меня. Мы будем вместе читать.

Перевод: 1) какие; 2) подчеркните; 3) одной линией; 4) но, однако.

טײַערע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, טײַערע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער!

צו דער האַיאָריקער אַבאָניר־קאַמפּאַניע קומט אונדזער זשורנאַל מיט גאָר וויכטיקע נײַס:

1. אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט פונעם לויפנדיקן יאָר, דרוקט זיך אַף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ א לערנבוך פון דער ייִדישער שפּראַך. דאָס וועט געבן א מעגלעכקייט, אַז צום קאָנטינגענט לייענער זאָלן זיך אָנשליסן יענע, וואָס האָבן א נייגונג צו דערלערנען ייִדיש, אָדער צו אָפּפרישן די קענטעניש פון דער שפּראַך.

2. ווי ס'איז שוין באַוווּסט אונדזערע לייענער, ווערט אײַנגעפירט א סטאַבילער אָפּטייל פון אַן אַנאָטירטן רעזומע: אַף רוסיש און אַף ענגליש. דער פאַרנעם פונעם זשורנאַל איז צוליב דעם ציל פאַרגרעסערט געוואָרן אַף 16 זײַטן. נײַע לייענער, וואָס קאָנען נאָך ניט פליסיק לייענען אַף ייִדיש, וועלן איצט האָבן די מעגלעכקייט פאַרלויפיק צו באַקענען זיך מיטן אינהאַלט פון די אײַנגעשלאָסענע אינעם נומער מאַטעריאַלן. עס וועלן קאָנען דאָס טאָן אויך יענע, וואָס ווייסן נאָך דערווײַל ניט די שפּראַך, אָבער, פאַרינטערעסירטע אין פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור, קונסט און קולטור, הייבן זיי אָן פון זוכן אַן ענטפער אַף באַזונדערע פראַגן אין רוסישן אָדער ענגלישן אַנאָטירטן רעזומע, קעדיי מיט דער צײַט אויך ווערן לייענער פונעם זשורנאַל און פון א ייִדישן בוך.

מיר ווילן דאָ אויך אָנזאָגן אונדזערע לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, די געטרײַע ליבהאָבער פונעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט, אַז דער שעפערישער פּאָרטפעל פון דער רעדאַקציע אַפן קומענדיקן יאָר איז א ביז גאָר רײַכער און אינטערעסאַנטער, דער זשורנאַל וועט ווערן נאָך וואָגיקער, דער ליטעראַריש־קינסטלערישער, פּובליציסטישער, ליטעראַטור־קריטישער און אינפאָרמאַטיווער מאַטעריאַל אין אים — נאָך מער פילפלאַנעוודיק און פאַרשיידנאַרטיק.

ס'איז קיין סאָפעק ניט, אַז איצט זײַנען געשאַפן די נייטיקע באַדינגונגען, קעדיי יעדער אַקטיווער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זאָל אַרײַנברענגען נאָך איינעם אָדער נאָך עטלעכע נײַע לייענער. צו די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער ווענדן מיר זיך מיט א רוף, עס זאָל אין יעדער שטאָט און יישעוו אַרויסגעשטעלט ווערן די אויפגאַבע צו פאַרדאָפּלען אין דער האַיאָריקער אַבאָניר־קאַמפּאַניע די צאָל אַבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

מיר ווינטשן אײַך האַצלאָכע און וואַרטן אַף אײַערע אָפטע בריוו אין גאַנג פון דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע וועגן אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין אָט דעם פּראַט.

אין יאַנואַר־נומער פונעם קומענדיקן יאָר וועט „סאָוועטיש היימלאַנד״ אָנגעבן די נעמען פון יענע לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, וועמענס אַרבעט אַף אַרײַנברענגען נײַע לייענער איז געווען באַזונדערס רעזולטאַטיוו.

רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״

No less remarkable are the radical changes recorded by these stories in the external appearance and behaviour of the contemporary Soviet Jew, whether worker, collective farmer, scientist or scholar. Qualitative transformations have taken place in mores, customs and way of life.

The favourable conditions in which, by virtue of the Constitution, the citizen of the USSR finds himself irrespective of national origin, together with his consciousness of equal rights in all spheres of life and his confidence in the future, are all having a beneficial effect on the moral and spiritual life of our people.

Jews in the USSR, as is confirmed in every line penned by our realist writers, consider themselves a vital part of a new historical community, the Soviet people.

Aron Vergelis' article ends on a note of satisfaction: "Soviet Jewish literature's vitality, drive and spiritual health are evident in its having been able to disclose such deep-lying processes in the life of the people in a single issue of the journal consisting exclusively of new stories on contemporary subjects."

Translated by Alex Miller

Rubiyan and "Dear Children, I Want You to Have..." by Moishe Altman. This short narrative essay by the oldest of our Jewish writers opens the pre-anniversary edition of the journal as an introduction to the whole cycle of topical stories. The author remembers with emotion an "interview" he gave to three teenagers–two boys and a girl. When asked what he would wish for the growing generation, he replied: "Dear Children! What I want you to have is a happy life in a word in which peace reigns."

These words from the doyen of Soviet Jewish literature give a successful send-off to the cycle of stories written specially for the celebration of the 60th anniversary of the October Revolution. And the cycle is rounded off with a tale by Note Lurye," A Topical Theme". All this goes to show that the editors of the journal and its contributors regard this issue of "Sovietsih Heimland" as a solemn pledge for the future, as an acknowledgement that contemporary life should become the dominant theme of Soviet Jewish literature.

Our issue ends with an afterword in the form of an article by Aron Vergelistitled "That is how we live. That is our life in the mirror of our creative writing." He continues: "After reading these twenty-six stories written by twenty-six masters of Yiddish prose, it should be possible to build up a 'collective portrait' of our people. Let us draw up a 'questionnaire' to find out what is typical of the characters in Soviet Jewish literature and use our literary source material to answer the questions–social. ethnographic, demographic and psychological–which are usually of interest to research sociologists and statisticians. There is all the more reason for doing this, since a disgraceful uproar has been made abroad by various Sovietologists and professional trouble-makers over the position of the Jews in the USSR."

A strictly objective analysis of the facts about life in this country faithfully recorded in these twenty-six stories by each writer in his own way, makes it possible, says Aron Vergelis, to answer the queries put by this unusual "questionnaire".

The first might be called geographical, since it concerns the distribution of the Jews on Soviet territory. No, Soviet Jews have not been herded into joyless and overpopulated regions in the former "permitted zones". They live on housing estates in Moscow and Novosibirsk, they can be found among the sailors of Sakhalin and the oilfield pioneers of Western Siberia, in all latitudes from Magadan to the Western regions of the Soviet Union, from Central Asia to the Arctic Circle. Conditions in the "gubernias", where Sholem Aleichem's "people of no fixed trade" lived their isolated existence, have changed beyond recognition.

Our questionnaire gives an equally telling answer concerning the professional occupations pursued by Jews in the USSR. The so-called specifically Jewish trades are a thing of the past. It is normal today (and this is reflected in their literature) for Jews to be engaged in production work calling for high qualifications and a thoroughgoing knowledge of the job. The characters in our twenty-six stories are people working in a great variety of trades and professions: land reclamation workers, sea captains, engineers, excavator operators, mechanics, drivers, farm workers, weavers, builders, geologists and officers of the Armed Forces. They live creative and fulfilled lives. And they are not solely concerned with mundane matters: they also look towards Outer Space.

unexpected meeting of two wartime comrades, one of whom, Feiga's protégé, has been posted killed in action. As she sits up late with them and listens to their reminiscences of life at the front, little Feiga thinks of her own husband who never came back from the war, and all the time she imagines that he is with them in the flesh....

"Such Is Love" by Ber Galperin is traditional in form. Shy, hard-working Yankel Nemzer has been left by his wfie with a five-year-old son to look after. Those around him feel indignant and his comrades in the workshop are sincerely sorry for him. Pranas, a Lithuanian, is amazed: "Look, just look!... Things like that happen to Jews as well. Yet I thought..." "What did you think?" interposes the old worker, Nokhem. "That we're baked out of a different dough?" There is psychological accuracy in the seemingly unsophisticated story of how Yankel Nemzer meets Bertha, a woman whose life has gone wrong, and their love is put to a very severe test (Bertha, as it turns out, is suffering from TB).

Alexander Lizen's "Night Without Rest" is about human kindness, about the struggle against hard-heartedness, about devotion to duty. A young doctor is left alone at night with a child whose mother, abandoned by the baby's father, has been taken away to hospital. eBneath the surface of the plot there lies a story about the complexity of human relations. There is an unforgettable image of a helpless old woman from the flat next door. Suspicious and on guard at first, she readily responds to kindness, becomes sincerely compassionate and willing to help others.

Shira Gorshman's "The Harbour Is Open" is a highly condensed psychological miniature. A mother meets her son who is deeply involved in his own affairs. A conversation takes place between two close but spiritually alienated people. The mother's wisdom and goodness clash with the son's down-to-earth way of thinking. It its a story about the communication so necessary to people and about the search for mutual understanding.

Mirra Shabkevich, the heroine of Joseph Burg's story "The Burning Heart", has been recalled from the front at the very height of the war and appointed Medical Superintendent at a children's clinic. Many years pass, and we meet her again after she has nursed so many children back to health. With her is Andrei Savchuk, a young X-ray specialist who had tuberculosis of the bones as a child and who was restored to health by the kindly doctor.

In his story "The Echo", Samuel Gordon describes the countryside today and the people who live there. Kolkhoz veterans are arriving at the central farm. Itskhok Gendin, one of the first settlers, has died. The funeral is also going to be attended by those who, at various times, went away to the city. The story highlights the collective image of the kolkhoz leader. There is a serious discussion about the traces left by a worker on the land which he has watered with his own sweat, about the roads we choose in life and about the poetry of daily village existence.

In addition to the above-mentioned stories, the present issue of "Sovietish Heimland" features "Food for the Goldfish" by Brokha and Aron Burstein, "The Great-Great-Grandson" by Ikhil Schreibman, "Icicles in the Sun" by Buzi Miller, "Many Years After" by Gdali Kosoi, "Teletype" by Elisheva Kantsedik, "An Old Love" by Tevye Gen, "The Winning Ticket" by Yasha

of the arrival in two days' time of a certain Rybchinsky, decide that this must be the new manager of the trust and begin preparations for a ceremonial welcome. An announcement is made of an emergency situation, musicians and children with flowers are sent for, and a banquet "with cognac and caviare" has been ordered. Sensible people cannot make head or tail of it all. But life itself has a comic climax in store. Rybchinsky turns out to be the works fireman. He had rung up to say that he had been delayed through no fault of his own while returning from vacation and was going to be two days late.

Grigori Polyanker pokes fun at bureaucracy, servility and lovers of ostentation.

Quite different in style with its delicate pastel colours is Dora Haikin's lyrical story "The Dreamer". Leah Milrod, a seventy-year-old retired choirmistress and music teacher, is ill and frail and has lost all her family. But she is not alone. She is surrounded by kind and considerate people. This is a true picture of old age, its cares, its troubles and its joys. Particularly memorable is the incident of Leah's portrait painted when she was a young girl by well-known artist Nikolai Sivertsov. Many years later, the portrait has been hung in an art museum, and Leah finds herself face to face with her distant past. She remembers the artist and her first girlish infatuation. The story is full of true poetry.

"Tishaishaya" is the name of a little river and a small railway station in the story of that name by Ikhil Falikman. The heroine is a pointswoman, the quiet, shy Nelya Karavai. Born in the country and orphaned at an early age, she was brought up in an orphanage. During the war, she worked on a hospital train. She meets Zakhar, they fall in love, the children are growing up. However, family life goes wrong from the start. The husband, a heavy drinker, leaves home. The story centres on a rare act of courage by the pointswoman. She saves a train during a torrential downpour. Zakhar comes back to his wife and children.... The writer tells with deep understanding about ordinary hard-working people, their deeds and their cares.

Working people are the focal point of contemporary Soviet Jewish literature. We also read about them in other stories in this issue of "Sovietish Heimland".

Excavator operator Syoma is a man of great dignity and of purposeful character. After his Army services, he leaves for a construction project and spends his spare time studying at an institute. Does he find it easy? No, of course not. But Syoma does not need any indulgence, he puts himself heart and soul into everything he does. Such is the young hero of Boris Mogilner's "The Exam". The reader needs no convincing that this worker will pass any exam that life imposes on him.

Much like Syoma are the land drainage workers in Ruvim Pustylnikov's "Land Reclaimed" and the weaver in the story of that name by Hatskl Tabachnikov. Plain working people, the flower and hope of the nation, are now wholly predominant in Soviet Jewish literature.

With great warmth, Tabachnikov has created the image of Feiga Furman, a worker in a weaving mill. Having taken on the duties of agitator at a polling station, she dedicates herself wholly to this work too. Human kindness enables her to warm the heart of a disabled ex-soldier, bring him back to life and reawaken his interest in the world around. The climax of the story is the

sible, from the stories in this issue, to form an impression of the new traits of character, the inner life and vital interests of Soviet men and women. Finally, these tales chronicle, in their own way, the gradual formation of a new historic community, the Soviet people.

In just over 25 pages, Haim Melamud has recorded the history of three generations of Soviet people. The plot is quite undistinguished but it gives the reader considerable food for reflection about the meaning of life, about the inexorable passage of time and the continuity of the changing generations, each of which has its aspirations and its mode of life. "Three Generations" is a poetically written story of two families, one Jewish and the other Ukrainian, whose destinies are closely interwoven. It is about old Sholem and his trusty friend Vassily Lukich, about Miriam and Kharitin, their children and their grandchildren. It would be more accurate to say that the reader follows the story of *one* family, since the characters are inseparable in their lives and they share the same joys and sorrows. Time passes inexorably and the old people are aware of this, which accounts for the slightly sad undertone to the narrative. And yet the plot is profoundly optimistic. No, it is not in vain that life is lived, hardships endured and many roads travelled. The older generation sees the worthy continuation of its labours in the achievements of the children and grandchildren. The writer devotes the most impressive pages of his story to the younger generation. This is represented by the Jew Motl, a history teacher's son who has become an engineer ("He's chock-full of ideas, he can see right through any machine, and no matter how well it works, he'll still find some imperfection and figure out how to improve it"). Then there is Marinka, the Ukrainian girl whom Motl loves, grandaughter of Vassily Lukich and daughter of a workshop foreman. Her parents and husband are busy with everyday, mundane affairs, but she is completely wrapped up in her paleontology, the science of the remote past. . Incidentally, Marinka has been named in honour of Sholem's late wife Miriam.

Haim Melamud's story is packed with a wealth of memorable detail that reproduces the atmosphere of our own times.

There is a particularly urgent and topical note in the theme of "The Third Generation" as handled by Avron Gontar in his story "The Sisters". It is about the struggle over the future of a young man whose parents have been subjected to corrosive Zionist propaganda. Common sense, ideological conviction and the patriotism typical of most Soviet Jews triumph in the end.

The contributors to "Sovietish Heimland", as we can see, are very much preoccupied with the problems of our own time. In this respect, Raphael Goldenberg's "A Simple Worker" is typical. In this one-page miniature, the reader will find a reference to the new Constitution of the USSR, reflections on the road travelled by the country from the first Five-Year Plan to the tenth, and a notion of the vast range of interests of a young Soviet Jew who is just back from military service wit hthe trade of fleet mechanic and is leaving for Moscow to work on a construction project for Olympic Games-80.

"Quiet, Rybchinsky's coming!" by Grigori Polyanker is a satire in the playfully ironic manner typicalo f this wrtier. Polyanker's language is shot through with popular humour. The author tells the reader an instructive story about an incident at a small pottery works. The director and his fallwning woman secretary, scared out of their wits by a telephone call informing them

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland"), No. 10, October, 1977

The tenth and latest issue of the journal begins with a word to the reader "Next month, on the 7th of November, all progressive mankind will be celebrating the 60th anniversary of the Great October Socialist Revolution. Literature could have no worthier task than to write for this great occasion new works reflecting contemporary life in Soviet society. The editors of "Sovietish Heimland" decided to devote an entire number of the journal to new stories on contemporary themes, and the prose-writers responded accordingly. The current issue should be regarded as a collective gift from Soviet Jewish writers to the 60th anniversary of the October Revolution."

Here, then, are twenty-six stories by masters of contemporary Jewish prose. Writing in a similar literary genre, the authors display in different ways their unique creative individualities. Some of the tales are akin to the novella, others to the long short story, the essay, or the sketch. But they all have the same life-affirming message, the same penetrating vision of the world and of its complexity and colourfulness.

As he turns the pages of this issue, the reader will recall the detailed discussion of contemporary themes in present-day Jewish literature at a plenary session of the editorial board. A report of this discussion was subsequently published in "Sovietish Heimland". Writer Buzi Miller, in particular, commented in his address that the reader feels most at home with works which could be characterised by the stage direction in a drama script: "Time–the present." The reader is particularly drawn to characters in whom he recognises himself, his comrades at work or his neighbours at home. He is greatful to the writer who ventures to take up the problems he is thinking about today. Developing this idea further, Samuel Gordon, another participant at the discussion, said that to mirror the facts of our life from every angle, to portray reality in its everyday aspect, is to continue the finest tradition of Jewish literature, which was always closely bound up with the life of the people.

The authors of the stories in this issue live and work in Moscow, Birobijan, Kiev, Odessa, Kishinev, Vilnius, Chernovtsy and Perm.

Naturally, each of the stories is limited by the framework of its plot, but taken together they create a sweeping panorama of our many-sided and colourful Soviet reality. The growing complexity of philosophical and moral problems has widened the range of Soviet Jewish literature. It is entirely pos-

стали (и это нашло свое отражение в литературе) занятия производительным трудом, требующим высокой квалификации и знаний. Среди героев публикующихся рассказов — люди самых различных профессий: мелиораторы и капитаны-мореходы, инженеры и экскаваторщики, механики и шоферы, земледельцы, ткачи, строители, геологи, офицеры. Они живут творческой, полноценной жизнью. Их волнуют не только дела земные, они заглядывают и в космические дали.

Столь же примечательны зафиксированные литературой коренные изменения во внешнем облике и в повадках современного советского еврея — рабочего, колхозника, ученого. Качественные трансформации произошли в нравах, обычаях, образе жизни.

Благоприятные условия, в которые конституционно поставлен гражданин СССР, независимо от его национального происхождения, сознание своего равноправия во всех областях жизни, уверенность в завтрашнем дне, — все это благотворно сказывается на психологии людей, на их моральном облике, духовном настрое.

Евреи в СССР, и это находит свое подтверждение в каждой строке, написанной писателями-реалистами, сознают себя органической частью новой исторической общности людей — советского народа.

Завершая свою статью, А. Вергелис выражает удовлетворение тем, что еврейская советская литература смогла раскрыть столь глубинные процессы народной жизни в одном, очередном номере журнала, составленном исключительно из новых рассказов на современную тему. «Это является доказательством её жизнеспособности, динамизма, духовного здоровья».

потом, о путях, которые мы выбираем в жизни, о поэзии деревенских будней.

Кроме названных рассказов, в этом номере «Советиш геймланд» напечатаны «Корм для золотой рыбки» Брохи и Арона Бурштейнов, «Праправнук» Ихила Шрайбмана, «Сосульки под солнцем» Бузи Миллера, «Много лет спустя» Гдали Косого, «Телетайп» Элишевы Канцедик, «Старая любовь» Тевье Гена, «Выигрышный билет» Яши Рубияна, «Дорогие дети, я вам желаю» Мойше Альтмана. Новелла-эссе старейшего еврейского прозаика М. Альтмана открывает этот предпраздничный номер журнала, являясь как бы вступлением ко всему циклу рассказов. Автор с волнением вспоминает об «интервью», которое взяли у него три подростка -- два парня и девушка. На их вопрос, что бы он пожелал подрастающему поколению, последовал ответ: «Дорогие дети! Я желаю вам счастливой жизни в мире, где царствует мир!»

Слова старейшины советской еврейской литературы дают удачный старт созданному к празднику 60-летия Октября циклу актуальных рассказов. А финиширует цикл рассказом Ноте Лурье «Актуальная тема». Этим подчеркивается, что редакция журнала и авторский коллектив рассматривают выпуск такого номера «Советиш геймланд» как серьезную заявку на будущее, признание того, что современность должна стать магистральной темой для советской еврейской литературы.

Номер «Советиш геймланд» заканчивается статьей-послесловием Арона Вергелиса «Так мы живем. Наша жизнь в зеркале нашего творчества». Автор пишет: «Прочитав двадцать шесть новых рассказов, написанных двадцатью шестью мастерами еврейской прозы, можно воссоздать своего рода «коллективный портрет» нашего современника. Составим «анкету», характеризующую героя советской еврейской литературы, и тем самым, оперируя художественным материалом, ответим на вопросы — социальные, этнографические, демографические, психологические, которые обычно интересуют исследователей — социологов, статистиков. Это тем более имеет смысл сделать, что вокруг положения евреев в СССР ныне поднята позорная возня за рубежом различными советологами, профессиональными подстрекателями».

Строго объективный анализ жизненных фактов, отраженных в упомянутых 26 рассказах каждым писателем по-своему, позволяет, по мнению А. Вергелиса, ответить на вопросы этой своеобразной «анкеты».

Первый вопрос касается, так сказать, «географии» расселения советских евреев. Нет, евреи в СССР не загнаны в безрадостные, перенаселенные местечки бывшей «черты оседлости». Они обитают в новых микрорайонах Москвы и Новосибирска, их можно встретить среди моряков Сахалина и первооткрывателей нефтяных сокровищ Западной Сибири, на всех географических широтах — от Магадана и до западных областей Союза, от Средней Азии и до арктических высот. Неузнаваемо изменился и облик тех «губерний», где при царизме жили обособленной жизнью шолом-алейхемовские «люди воздуха».

На вопрос о профессиональной занятости современного еврея в СССР «анкета» дает не менее знаменательный ответ. В небытие ушли так называемые специфические еврейские профессии. Нормой жизни

никова. В еврейскую советскую литературу полновластными хозяевами вошли те, кто составляет цвет народа, его надежду.

С большим теплом воссоздан Х. Табачниковым образ работницы ткацкой фабрики Фейги Фурман. Приняв на себя обязанности агитатора на избирательном участке, она и в это дело вкладывает всю душу. Ей удается согреть человеческим участием, вернуть к жизни инвалида войны, возродить в нем интерес к окружающему миру. Венчает рассказ эпизод неожиданной встречи двух боевых товарищей, один из которых, подопечный Фейги, числился среди погибших воинов. Сидя допоздна рядом с ними, слушая их воспоминания о фронтовой жизни, маленькая женщина Фейгеле Фурман думала о своем не пришедшем с войны муже и все время ясно видела его среди них...

«Такая любовь» Бера Гальперина традиционна по форме. От скромного труженика Янкеля Немзера ушла жена, оставив на руках у него пятилетнего сына. Люди возмущены этим. Товарищи по мастерской, где Немзер работает, искренне ему сочувствуют. Литовец Пранас удивлен: «Смотри-ка, смотри, у евреев тоже случаются такие истории. А я думал»... «Что ты думал, мы из другого теста?» — вмешивается старый рабочий Нохем». Психологически точно передана незамысловатая на первый взгляд история о том, как Немзер встретил Берту, женщину с неустроенной судьбой, и их любовь проходит суровое испытание (Берта, как оказалось, больна туберкулезом).

О человечности, восстающей против бездушия, о верности долгу — рассказ «Ночь без покоя» Александра Лизена. Молодой медик остается один ночью с ребенком, чью мать, покинутую отцом малютки, увезли в больницу. За внешним планом рассказа — история о сложных взаимоотношениях между людьми. Запоминается образ беспомощной старушки из соседней квартиры, поначалу недоверчиво настороженной, а затем раскрывающейся навстречу добру, искренне сострадающей, готовой помочь другим.

Лаконична психологическая миниатюра Ширы Горшман «Гавань открыта». Мать встречается с сыном, озабоченным своими делами. Состоялся разговор двух близких и вместе с тем душевно разъединенных людей. Мудрость матери, её доброта натолкнулись на заземленность мышления сына. Перед нами рассказ о коммуникабельности, которая так необходима людям, о поисках взаимопонимания.

Героиня рассказа Иосифа Бурга «Горячее сердце» Мирра Шабкевич, капитан медицинской службы, в самый разгар войны была отозвана с фронта и назначена главврачом детского санатория. Прошло много лет, мы снова встречаемся с ней, вернувшей стольким детям здоровье. Рядом молодой рентгенолог Андрей Савчук, у которого в детстве был туберкулез костей и заботливая женщина-врач поставила его на ноги.

О современной деревне и её людях повествует Самуил Гордон в рассказе «Эхо». На центральную усадьбу съезжаются ветераны колхоза. Умер один из первых переселенцев Ицхок Гендин. На похороны приехали и те, кто в разное время перебрался в город. В рассказе выведен собирательный образ колхозного вожака. Идет серьезный разговор о том, какой след оставляет труженик на земле, политой его

с действительной военной службы, имея профессию «флотского механика» и отправляющегося в Москву на стройку Олимпиады-80.

«Тише, Рыбчинский едет» Григория Полянкера — сатирический рассказ, написанный в присущем этому писателю стиле, с озорной иронической улыбкой. Язык Полянкера насыщен народным юмором. Автор поведал читателю поучительную историю, которая приключилась на маленьком фаянсовом заводе. Директор и его чинопочитающая секретарша, напуганные телефонным звонком о приезде через два дня некоего Рыбчинского, решили, что это новый управляющий трестом, и стали готовить торжественную встречу. На фабрике объявлен аврал, вызваны музыканты, дети с цветами, заказан банкет «с коньяком и икрой». Здравые люди недоумевают. Сама жизнь приготовила смешной финал: оказывается, что звонил заводской пожарник, который, возвращаясь из отпуска, задержался в пути, не по своей вине, на два дня.

Григорий Полянкер высмеивает бюрократизм, чинопочитание, любителей показухи.

В другой манере, тонкими пастельными красками, написан Дорой Хайкиной поэтический рассказ «Мечтательница». Лия Мильрод, семидесятилетняя женщина, бывший концертмейстер и учительница музыки, больна, слаба, потеряла всех родных. Но она не одинока, её окружают люди, доброжелательные и заботливые. Правдиво рассказано о старости, её заботах, тяготах и радостях. Особенно впечатляет история с портретом Лии Мильрод, написанном в дни её ранней юности известным художником Николаем Сиверцовым. Спустя много лет портрет занял свое место в художественном музее, и Лия встречается со своим давним прошлым. Она вспоминает художника, первое девичье чувство. Рассказ полон поэзии.

«Тишайшая» — так названа речушка и небольшая железнодорожная станция в одноименном рассказе Ихила Фаликмана. Тихая, скромная женщина Неля Каравай, героиня рассказа — стрелочница. Выросла она в деревне, осталась круглой сиротой, воспитывалась в детдоме, в годы войны работала в санитарном поезде. Встретила Захара, полюбили друг друга, растут дети. Однако семейная жизнь поначалу не складывается, муж выпивал, ушел из дому. В центре повествования — подвиг стрелочницы. В проливной дождь Неля Каравай спасает поезд. Возвращается домой к жене и детям Захар... Писатель проникновенно рассказывает о простых тружениках, их делах.

Люди труда — в центре внимания современной еврейской советской литературы. О них мы читаем и в других рассказах этого номера «Советиш геймланд». Экскаваторщик Сёма — человек высокого достоинства, целеустремленного характера. Отслужив свой срок в армии, он уходит на стройку, а свободные часы посвящает учебе в институте. Легко ли это? Конечно, нет. Но Сёме не нужны поблажки, он все делает с полной отдачей. Таков молодой герой рассказа Бориса Могильнера «Экзамены». Читатель верит, что этот рабочий парень выдержит любой экзамен в жизни.

Под стать Сёме — мелиораторы из «Обновленной земли» Рувима Пустыльникова и ткачиха из одноименного рассказа Хаскла Табач-

но, ограничен своими сюжетными рамками. Но взятые вместе, они создают объемную панораму нашей многоликой и многокрасочной советской действительности. Диапазон еврейской советской литературы становится шире от наращивания идейно-нравственной проблематики. По опубликованным в этом номере рассказам вполне можно судить о новых чертах характера и духовном мире, жизненных интересах советских людей. Наконец, рассказы эти по-своему запечатлевают процесс формирования новой исторической общности — советского народа.

На площади немного более одного печатного листа Хаим Меламуд в рассказе «Три поколения» запечатлел историю трех поколений советских людей. Незатейливый сюжет дает читателю широкий материал для раздумий о смысле жизни, безостановочном движении времени, о преемственности и смене поколений, у каждого из которых свои чаяния, свой «стиль жизни». Это поэтически окрашенный рассказ о двух семьях — еврейской и украинской, — судьбы которых тесно переплетены: о старом Шолеме и его верном друге Василии Лукиче, о Мириам и Харитине, их детях и внуках. Точнее будет сказать, что перед читателем развертывается история **одной** семьи, так как герои рассказа неразлучны всю жизнь и они делят между собой печали и радости. Время неумолимо уходит, и старые люди это сознают, отсюда чуть грустноватая тональность повествования. Вместе с тем сюжет рассказа глубоко оптимистичен. Нет, не зря прожита жизнь, перенесены испытания, пройдены многие дороги. Старшее поколение видит достойное продолжение своих трудов в свершениях детей и внуков. Молодому поколению писатель посвящает самые впечатляющие страницы своего рассказа. Представители третьего поколения — это еврей Мотл, сын преподавателя истории, ставший инженером («он напичкан идеями, каждую машину видит насквозь, и как бы хорошо она ни работала, найдет в ней недостаток и узнает, как её усовершенствовать»), возлюбленная Мотла — украинка Маринка, внучка Василия Лукича, дочь начальника цеха. Родители её и муж заняты «сиюминутной жизнью», а она головой ушла в палеонтологию, науку о далеком прошлом... Кстати, Маринка названа в честь покойной жены Шолома — Мириам.

Рассказ Х. Меламуда насыщен запоминающимися деталями, воссоздающими атмосферу нашей эпохи.

Особенно остро и актуально звучит тема «Третьего поколения» в рассказе Аврома Гонтаря «Сестры». Речь здесь идет о борьбе за будущее юноши, чьи родители поддались тлетворной сионистской пропаганде. Побеждает здравый смысл, идейная убежденность и патриотизм, характерные для подавляющего большинства советских евреев.

Как видим, внимание авторов журнала «Советиш геймланд» приковано к злободневным вопросам современности. В этом отношении характерна зарисовка Рефоэла Гольденберга «Простой рабочий». В миниатюре, занимающей одну журнальную страницу, читатель найдет и ссылку на новую конституцию Советского Союза, и раздумье о пути, пройденном страной от первой пятилетки до десятой, и показ круга интересов молодого советского еврея наших дней, пришедшего

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская Родина») № 10 — октябрь 1977 г.

Настоящий, десятый номер журнала открывается обращением редакции к читателям: «В будущем месяце — 7 ноября все прогрессивное человечество торжественно отметит 60-летний юбилей Великой Октябрьской социалистической революции. Для литературы нет более достойной задачи, чем создание к великой дате новых произведений, отражающих современную жизнь советского общества. Редакция «Советиш геймланд» решила посвятить целый номер журнала новым рассказам на современную тему. Прозаики откликнулись на призыв редакции. Настоящий выпуск «Советиш геймланд» должен рассматриваться как коллективный подарок советских еврейских писателей 60-летию Октября».

Перед нами произведения 26 мастеров современной еврейской прозы. Средствами одного и того же литературного жанра по-разному проявляются несхожие художественные индивидуальности. Одни произведения ближе к повести, другие — к новелле, к очерку, зарисовке. Их объединяет пафос жизнеутверждения, острота видения мира в его сложности и многообразии.

Листая этот номер журнала, читатель вспомнит обстоятельный разговор о современной теме в еврейской литературе наших дней, состоявшийся на одном из пленарных заседаний редколлегии. Отчет об этом обсуждении был в свое время опубликован в «Советиш геймланд». Писатель Б. Миллер, в частности, отметил в своем выступлении, что читателю ближе всего те произведения, о которых можно условно сказать ремаркой к пьесе: «время действия — наши дни». Читателя особенно привлекают литературные герои, в которых он узнает себя, своих товарищей по работе, соседей по дому. Он благодарен писателю, затронувшему в своей книге вопросы, над которыми он и сам задумывается сегодня. Развивая эту мысль, другой участник обсуждения, С. Гордон, говорил, что всесторонне отражать сегодняшний день нашей жизни, показать действительность в её повседневности значит продолжать лучшие традиции еврейской литературы, которая всегда была тесно связана с жизнью народа.

Авторы рассказов, опубликованных в этом номере «Советиш геймланд», живут и трудятся в Москве, Биробиджане, Киеве, Одессе, Кишиневе, Вильнюсе, Черновцах, Перми. Каждый рассказ, естествен-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Рассказы иллюстрировали
художники Г. Кравцов,
И. Мастбаум и Н. Капранова
под руководством Г. Кравцова

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 5.VIII.1977 г. Подписано к печати 16.IX.1977 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1613.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1977 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1 9 7 7

В НОМЕРЕ:

Новые рассказы на современные темы М. Альтмана, Х. Меламуда, М. Кобрянского, Э. Канцедик, И. Фаликмана, Б. Могильнера, Т. Гена, Х. Табачникова, Г. Рабинкова, Б. Миллера, И. Шрайбмана, Д. Хайкиной, Б. и А. Бурштейн, Ш. Горшман, Р. Пустыльникова, И. Бурга, Ш. Гордона, М. Талалаевского, А. Лизена, Б. Гальперина, Г. Полянкера, Р. Гольденберга, Я. Рубияна, Г. Косого, А. Гонтаря, Н. Лурье.

Статья А. Вергелиса «Так мы живем, и наша жизнь отражена в наших произведениях».

Фотохроника — в колхозе «Дружба народов»; рабочий день в Биробиджане.

Резюме номера на русском и английском языках.